נחמן בלומענטאַל

ווערטער און ווערטלעך
פון דער חורבן־תקופה

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	שורה	געדרוקט	דאַרף זיין
.17	,19	פאַרן	פאַרק
.23	,14	פלאַץ	פלאַם
.24	,5	דער	דעם
.34	.34	יידיש	יידישע
	,6	וועט	וועלן
.37	,38	סלאָנים	סלאָנים ב׳
.38	,5	מ. ד.	מ. ז.
.40	,22	סאָסנאָוויץ	סאָסנאָוויץ ב׳
	,27	41	43
.48	,38	1940	1945
.49	,12	פאַטענטי	פאַלענטי
.54	,6	.(30	30). (11)
.62	,26	כ׳וועל קריגן	כ׳וועל נישט קריגן
.66	,24	ליבוביץ	לנוביץ
.72	,11	פעלצערן	פעלצערן
.73	.4	וועלן	ווילן
.157	,18	דער	דעם
.168	,38	Leistangspolen	Leistungspolen
.170	,32	לעבן טויטע...	לעבן אויף טויטע. אַ צאָל יידן געלעבט פון טויטע, ד.ה. געירשנט זאכן פון די טויטע, געהרגעטע. (ס׳ גוואָזשזיעץ, ז׳ 324).
.187	,28	רעסטאָראַנען	רעסאָרטן ;
.197	,22	(ס׳ קאַלאָוו)	(סקאַלאָוו)
,237	,12	אויסשטרייכן פון	ווו 9 נפשות ביז סוף שורה.
.237	6—9,	„פופן־בויד"	צוויימאָל געדרוקט.
.242	,8	פלעצעלע	פעלצעלע
.148	4 פון אונטן —	פטיר־פעסלעך	פטיר פיסלעך
.242	4 פון אונטן	קאָמוניסטן	קאָמוניקאַטן
.281	,20	אויף עגלה	אויף דער עגלה
.285	,32	אַריינפאַלן	אַריינגעפאַלן
.292	18—19,	אויסשטרייכן פון די קאַרטן ביזן אָפּזאַץ	
.322	,19	בל כ"ג	ב. ל. פ. ג.
.326	ליד	meinet	meiner

נחמן בלומענטאַל

ווערטער און ווערטלעך
פון דער חורבן־תקופה

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב — 1981

מ אָ ט ט אָ

„לעמאַן האָט מיך אָפט געבעטן, כ׳זאָל פאַרצייכענען וואָס איך הער, מעג עס אויסקומען ווי אומגעלומפערט און נאַריש. קען זיין אין אַלע וואַריאַנטן. לעצטנס האָט ער זיין בקשה איבערגעחזרט אויפן טויטן־בעט. איך האַלט פאַר מיין חוב דאָס צו טון ביי מיין „3 טעג פוטער־רעפּאָרטאַזש״.

1.1.1942 נחמיה רחלעס״ (נחמיה טיטלמאַן).

וואַרשעווער געטאָ, רינגעלבלום־אַרכיוו.

שמואל לעמאַן געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ 23.10.41.

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון:

אינסטיטוציעס:

עמה״ס — קרן לעדוד מלומדים וסופרים ע״ש זלמן שזר
ליטעראַטור און קונסט־פאָנד ביי דער תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג
ליטעראַטור־פאָנד א. נ. פון חנה און לייב רובינליכט
ארגון יוצאי לובלין בישראל
לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך
עזבון המנוח ישראל מיץ ז״ל, מהאפוטרופוס עו״ד ח. קוסובסקי־שחור
ליטעראַטור־פאָנד א. נ. פון רות און שיע גאָלדבערג.

שפענדערס:

יוסף בוכמאַן, פראַנקפורט
מרדכי גאַרטענקרויט, ניו־יאָרק
רבקה און שיע גאָלדבערג
חיים גרוזאַ, פראַנקפורט
משה האָרן, ניו־יאָרק
דב וואַסערשטיין, פראַנקפורט
יוסף זאַבערמאַן, פאַריז
משה טראַסט, פראַנקפורט
זעליג ליס, פראַנקפורט
הענריק לאַנדשאַפט, פראַנקפורט
משה קאָרן, פראַנקפורט
לעאָן רייך, פראַנקפורט
שמואל שפּירא, פאַריז
שלעסער שרה און שמחה.

אַרייַנפֿיר

ווען כ׳האָב זיך געפֿונען אין מיט 1944 יאָר אין די גרענעצן פֿון מזרח־פּוילן* און געטראָפֿן מיטן קליין־ביסל יידן, וואָס כ׳האָב דאָרט געפֿונען, האָב איך כמעט זייער לשון נישט פֿאַרשטאַנען. אַזעלכע שינויים זענען דאָ פֿאָרגעקומען אין משך פֿון דער קורצער צייט פֿון מיין אָפּוועזנהייט — אַ דריי יאָר. כ׳האָב געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען, יעדן פּרט און פּרט. פֿון דער צווייטער זייט, האָט יעדער איינער פֿון זיי, „די איבערגעלעבטע״ (מיט דעם אויסדרוק „ניצול השואה״ האָב איך ערשט שפּעטער זיך באַקענט), זייער גערן דערציילט, ווי געוואָלט פּטור ווערן פֿון דער גרויסער לאַסט, וואָס דריקט אים. געשטערט אין געשפּרעך האָבן די אומצאָליקע ווערטער, מיט וועלכע די מענטשן האָבן זיך באַנוצט און וואָס איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען. ס׳איז געווען נייטיק איבערצופֿרעגן וואָס די ווערטער באַטייטן, און די צאָל אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער איז נישט געווען קיין קליינע. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע וואָס נאָכן אויסשיילן זיי פֿון יידישן לבוש, האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי פֿרעמד־ווערטער גענומען פֿון דייטש, פּויליש, אוקראַיניש. אין אַ קלענערער מאָס — פֿון אַנדערע שפּראַכן: רוסיש, אונגאַריש א. א.

געוווינט האָבן דעמאָלט די יידן אויפֿן באַפֿרייטן געביט — קאָלעקטיוו, אין געמיינזאַמע וווינונגען, א. ג. „קאָלכאָזן״, צוליב פֿאַרשידענע סיבות: קודם האָבן אויסגעפֿעלט דירות. די יידישע הייזער זענען געווען אין אַ גרויסער מאָס צעשטערט. דער אָקופּאַנט האָט, נעמלעך, נאָכן פֿאַרניכטן די יידן — אַקציע א׳ — באַמיט זיך צו פֿאַרניכטן זייערע הייזער, ס׳זאָל קיין שפּור נישט בלייבן, אַז דאָ זיינען אַמאָל געווען יידן — אַקציע ב׳. ווידער די בעסערע הייזער, וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזט, האָבן באַקומען נייע בעלי־בתים, פּריוואַטע מענטשן — נישט יידן — אָדער מלוכה־ צי קאָמונאַלע אַנשטאַלטן: פֿריער — פֿון דייטשן אָקופּאַנט, נאָך דער באַפֿרייונג — פֿון סאָוויעטישן, אַנגעפֿאַרענע פֿון מזרח, „וואָסטאָטשניקעס״. אָפּנעמען אַן אייגן הויז, איז אַ יידן נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן. און ווער האָט געהאַט דערצו דעם קאָפּ, נערוון און געדולד? איז מען געזעסן צוזאַמען און איבערדערציילט זיך וואָס געווען. איך האָב זיך צוגעהערט און אייניקע מאָל איבערגעפֿרעגט, אַזוי וווּנדערלעך און אומפֿאַרשטענדלעך האָבן געקלינגען זייערע רייד. שוין דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן זאַמלען און אויפֿקלערן (פֿאַר מיר אַליין) די נייע ווערטער. דאָס איז געווען דער אָנהויב פֿון מיין ווערטערבוך.

---

* איך מיין דאָ די גרענעצן פֿון פּאָרן 1.9.1939.

און ווען איך בין סוף פון זעלבן יאָר, מיטן ערשטן טראַנספּאָרט רעפּאַט־ריאַנטן פּאַלאַקן, אָפּגעפאָרן פון באַרשטשיוו קיין פּוילן, בין איך געווען דער איינציקער ייד אין ערשטן צוג. געפאָרן אין אַ נישט זיכערער צוקונפט. דערבײַ האָבן מיך די איבערגעבליבענע יידן געוואָרנט, אַז דאָס איז געפערלעך; קודם כל די „באַנדעראָווצעס" באַפאַלן די צוגן, זוכן יידן; צווייטנס — איז מען נישט זיכער צי גייט טאַקע דער טראַנספּאָרט קיין פּוילן. געווען אַ גענוג פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז מיר פאָרן גאָר „צו די ווייסע בערן" — אַנגענומענער דעמאָלט אויסדרוק. נאָר מיר זענען געפאָרן און דערפאָרן ביז צום פּוילישן **זאַמאָשטש**. דאָ געמוזט אויסשטייגן און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, וואָס און ווער — ווידער אַרײַן אין אַ יידן־„קאַלכאַז", ווידער געזעסן און צוגעהערט זיך וואָס יידן דער־ציילן זיך, ביז כ'האָב באַקומען אַ „פּראָפּוסק" אַרײַנצופאָרן קיין לובלין, דעמאָל־טיקע הויפּטשטאָט פון נייעם דעמאָקראַטישן פּוילן. דאָ אָפּגעפונען אַ קליין ביסל יידן, דערונטער טאַקע לובלינער, און ווייטער גענומען זיך צו דער אַרבעט — זאַמלען מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון חורבן, דערונטער יידישע ווערטער, וואָס די צייט האָט מיט זיך געבראַכט. נאָטירט האָב איך אַלץ וואָס כ'האָב גע־הערט פון אַזעלכן וואָס איז ד אָ ר ט געווען, אומאָפּהענגיק אין וועלכער שפּראַך דאָס איז מיר דערציילט געוואָרן. צוגלייך האָב איך געזוכט געשריבענע מאַטעריאַלן פון י ע נ ע ר צייט. שוין אין באַרשטשיוו איז מיר געלונגען אָפּ־צוגעפינען ברוכשטיקלעך פון יודענראַט־אַרכיוו, פון פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ אאַז"וו. דאָ אויך פאַרצייכנט ווערטלעך, לידער, אָפּגעפונענע בכתב צי איבער־געגעבענע מיר בעל פּה. איך האָב נישט אַרויסגעלאָזט פון מיין האַנט דאָס נאָטיץ־ביכל. נאָטירט אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט. אויב תיכּף נישט פאַרנאָ־טירט, האָסטו שוין צומייסט דעם יידן אַ צווייט מאָל נישט געטראָפן. מ'האָט געלעבט, ווי מ'האָט זיך אויסגעדריקט — א ו י ף ר ע ד ע ר, הײַנט דאָ, מאָרגן ערגעץ אַנדערש, אַלץ פלוצימדיק. די נסיעות זענען געווען צומייסט אומלעגאַלע איבער די גרענעצן קיין טשעכיען, עסטרייך, אונגאַרן, רומעניע און פון דאָרט ווייטער. דאָס וואַנדערן איז דעמאָלט לײַכט אָנגעקומען דעם יידן; ווײַל וואָס האָט אים געקאָנט האַלטן אויפן אָרט? די משפּחה וואָס ער האָט פאַרלוירן? דאָס פאַרמעגן וואָס מ'האָט בײַ אים צוגענומען? און געטריבן פון דאַנען האָט דער דראַנג נישט צו זען מער דאָס אָרט, ווו מ'האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט, אַזוי ווייטיקלעך דערנידעריקט געוואָרן. מ'האָט אויך נישט געקאָנט קוקן גלײַך אין די אויגן דעם מיטבירגער, דעם נישט־יידן, וואָס האָט געזען אונדזער דער־נידערונג.

אין וואָסער שפּראַך האָבן די יידן גערעדט אין דער תקופה?

יידיש — זייער נאַטירלעכע שפּראַך — איז אין דער אומנאַטירלעכער צייט אויך געוואָרן אומנאַטירלעך. צוליב די פאַרשידנסטע סיבות האָבן די יידן באַמיט זיך צו באַנוצן מיט דער לאַנד־שפּראַך, צי אויס מורא, מ'זאָל זיי אין עפּעס נישט חושד זיין (די שפּראַך אַליין, נישט פאַרשטענדלעכע פאַרן רוב, וואַרפט אויף זיי אַ חשד — צי ווייל געוואָלט נישט ווענדן אויף זיך דעם אויפמערק פון אַרום — ווער ווייסט, ווער דער שכן איז? בעסער אָנגיין ווי

איינער פון זיי, נישט אונטערשיידן זיך פון אַרום מיטן אויסזען, שפּראַך, דיאַלעקט. דערפֿאַר טאַקע, ביים באַשטימען ווי ווייט גרייכן די גרענעצן פון יידישן ווערטל, חכמה, קאָן מען זיך נישט באַגרענעצן צו דעם וואָס מ׳הערט פון יידן. אויך די שפּראַך אַליין — יידיש — קאָן דאָ נישט דעצידירן, ווייל יידן האָבן געשאַפן אין פאַרשידענע שפּראַכן און אין דער צייט אפשר מער אין אַ פרעמד־שפּראַך, ווי אין דער אייגענער. אַ ייד אויף דער אַרישער זייט וואָלט זיך תיכף אויסגעגעבן, ווען ער וואָלט אַרויסגעוויזן אַז ער פאַר־שטייט יידיש. האָט ער גערעדט און געשריבן פּויליש, הגם ער האָט די שפּראַך קאַלעטשעט טיילמאָל און דערמיט זיך אויסגעגעבן, למשל מיטן אויסדרוק „פּאַן קסיאָנדז״. אייניקע יידן האָבן דעריבער איבערגעלעבט יענע צייט אויף דער אַרישער זייט, ווי טויב־שטומע, ווייל ווען זיי וואָלטן אָנגעהויבן רעדן, וואָלט זיי זייער אויסשפּראַך פאַרראַטן. אָבער דאָס זענען אויסנאַמען. גערעדט און געשריבן האָט מען פּויליש. אַ ראיה פון אַ נישט־יידן, וואָס איז נאָענט צום אמת: „זיכער וועל איך נישט זיין ווייט פון אמת, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז לכל הפחות אַ העלפט פון די אָקופּאַציע־חכמות, וואָס האָבן קורסירט אין וואַרשע, איז אַנטשטאַנען אין געטאָ״. (Wacław Śledziński: Swastyka nad Warszawą). מיר וואָלטן געקאָנט נאָך צוגעבן צו דעם, אַז אַ טייל פון דער פּוילישער אונטערערד־פּרעסע, וואָס האָט צווישן אַנדערן אַנטהאַלטן אויך וויצן, האָט זיך געדרוקט [נאָר געדרוקט?] אין וואַרשעווער געטאָ, און פון דאַנען אַרויס אויף דער אַרישער זייט.

אין 1943 איז אין וואַרשע, פּוילישן אונטערערד, דערשינען אַ זאַמלונג פון אַנטי־היטלעריסטישע וויצן און אַנעקדאָטן. אין בוך געפינט זיך אַ קאַפּיטל א.נ. „יידישע וויצן״. דער אונטערערד — נישט נאָר דער פּוילישער — איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז גאָרנישט העלפט אַזוי דעם קאַמף קעגן היטלער־רעזשים, ווי אַ פּשוטער וויץ. קעגן אַ וויץ איז אַפילו אַ דיקטאַטאָר, ווי דער אַלמעכטיקער היטלער, מאַכטלאָז. דערפון די פאַרהעלטענישמעסיק גרויסע צאָל הומאָריסטישע ביכער, זשורנאַלן, פלוגבלעטלעך אַרויסגעגעבן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע אין פאַרשידענע שפּראַכן, דערונטער אויך אין דער דייטשער. אַפילו ערנסטע אומלעגאַלע אויסגאַבעס האָבן געהאַט „הומאָריסטישע ווינקלען״. אַזוי אויך די יידישע אומלעגאַלע פּרעסע, וואָס איז דערשינען אין אָקופּירטן פּוילן, דערונטער נאָר אַ טייל טאַקע אין יידיש.

אויף איין פּרט וויל איך דאָ אָנווייזן. נישט קוקנדיק אויף דער ערנסטקייט פון דער צייט, דער טויט־סכנה וואָס האָט געדראָט דעם פּרט, וואָס האָט גע־שאַפן, פאַרשפּרייט אַזעלכע וויצן, ווי אויך דעם כלל צוהערערס, זענען אַזעלכע וויצן אַרומגעגאַנגען, געזאַמלט געוואָרן צווישן די יידן אין יענע געפערלעכע צייטן. און נאָך עפּעס: די וויצן זענען דווקא צומייסט נישט קיין טרויעריקע, טראַגישע. פאַרקערט, גערעכט איז איציק מאַנגער, ווען ער האָט געשריבן, יאַנואַר 1939 — פאַרן גרויסן חורבן: „ביים ראַנד פונעם אָפּגרונט ווערט דאָס געלעכטער נאָך פאַרשייטער״ (הקדמה צו „די ווונדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג

פון שמואל אבא אַבערוואַ — דאָס בוך פון גן־עדן" — פאַרלאַג וו. בזשאָזאַ, וואַרשע 1939).

דאָס איז אמת. אַ גרויסער טייל ווערטלעך, לידער, וואָס מ'האָט געזונגען למשל, גייענדיק צו אָדער פון דער אַרבעט, אויף פויליש צי יידיש, איז פול מיט ניבול פה, וואָס די לעבעדיקע עדות שעמען זיך דאָס היינט צו טאָג איבער־צוגעבן. דעמאָלט האָט מען די לידער געזונגען פראַנק און פריי, מאַרשירנדיק „אין ריי און גליד", אונטער דער אויפזיכט פון דייטשע שומרים, דורך די גאַסן למשל פון לעמבערג (העפטלינגען פון יאַנאָווער לאַגער). מ'דאַרף נאָך צוגעבן, אַז צווישן די אַרבעטער זענען געווען הויך־געבילדעטע יידישע „גאַליצישע דאָק־טוירים" וכו'. אויך דער פאַקט זאָגט אונדז דרשני.

מיר רעדן דאָ בדרך כלל וועגן דער אַלגעמיינער יידישער שפּראַך פון יענער צייט, נאָר פאַרשטענדלעך, אויך דעמאָלט — ווי אומעטום אין יעדער צייט — און דווקא דעמאָלט — האָבן מיר אַ חוץ דעם געהאַט ספּעציעלע באַרוף־שפּראַכן, פאַמיליע־שפּראַכן אאז"וו פון באַזונדערע גרופּעס יידן, וואָס האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון אַרום: אין אַ לאַגער, בונקער אדג"ל. מיר ברענגען נאָר עפּעס — אויפן שפּיץ מעסער — פון דעם מין מאַטעריאַל. צי וועט מען אַמאָל קאָנען אַלץ אַרומכאַפּן — איז פאַרשטייט זיך נישט אַנצונעמען. צו גרויס איז דער חורבן, צו פיל די פאַרלוסטן, מ'זאָל דאָס קאָנען דערוואַרטן.

מ'דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז יעדעס געטאָ, מכל שכן לאַגער, ווו יידן האָבן זיך געפונען, איז געווען אַ וועלט פאַר זיך, אָפּגעשניטן פון אַרום, אונטער טויט־שטראָף, נישט אַרויסגיין — נישט אַריינגיין. מ'דאַרף זיך צוליב דעם וווּנדערן, וואָס נישט געקוקט אויף דעם, איז פונדעסטוועגן עפּעס אַ פאַר־בינדונג צווישן די געטאָס פאַרט געווען. ס'האָבן זיך איבערגעטראָגן ידיעות, אַפילו ווערטלעך, לידלעך — צום שטוינען. איך האָב למשל נישט געקאָנט גלויבן, אַז אין דער ר ע ס ט ־ ג ע ט אָ, אַ ווינציקע צאָל פון פריערדיקן באַ־שטאַנד זיינעם, האָט מען פּסח תש"ג אין באַרשטשיוו געוווּסט וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אויסגעבראָכן ווי באַוווּסט ערב־פּסח תש"ג. און וועגן וואַנ־דערן פון יידישע געטאָ־לידער שרייב איך אויף אַן אַנדער אָרט: „שמועסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור".

אַזוי, אַז אַ „ליטעראַרישער" קאָנטאַקט האָט אויך אין יענער צייט עקזיס־טירט, אַפילו אויפן ראַנד פון גהינום, צי אין גהינום אַליין, אין די טויט־לאַגערן.

ווען איז אַ ווערטל אַנטשטאַנען? זעלטן קאָן מען דאָס גענוי באַשטימען, ווי למשל די רייכע זאַמלונג פון וויצן וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פּוטער־אַקציע. מיר קאָנען די דייטשע פאַראָרדענונג וואָס האָט דערצו גורם געווען. ביי אַ טייל וויצן, ווערטלעך, צי פּשוטע ווערטער, קאָן מען צומאָל בערכדיק באַשטימען די צייט. אַ קאָנקרעטער פּרט — אַ נאָמען פון אַ ישוב, צי מענטשן, קאָן אונדז דאָ אַרויסהעלפן.

טיילמאָל קאָן מען אָבער נישט אַפילו בערכדיק באַשטימען די צייט. נעמען מיר צ"ב דאָס וואָרט ש י י ן, אין אַ געוויסער צייט 1942—1941, זייער פאַר־שפּרייט אין אָקופּירטן מזרח־אייראָפּעישן געביט, לאָזט זיך אָבער אויס, אַז

מענדעלע האָט זיך מיט דעם וואָרט באַנוצט, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדערער באַ־דייטונג. דאָס זעלבע איז שייך די ווערטער „געפּאַרבטער ייד״ (פּויליש: פּאַר־באָוואַני זשיד) א״א. אויך די ווערטער נעמען מיר אַריין אין אונדזער ווערטער־בוך, הגם די ווערטער האָבן אַ לענגערע געשיכטע, אָבער זיי זענען אין אונדזער צייט אַקטואַליזירט געוואָרן, באַקומען אַ נייעם באַטייט, הגם פּאַרמעל זענען דאָס אַלטע ווערטער.

אין אונדזער רשימה גייען דעריבער אַריין ווערטער סיי אַלטבאַקאַנטע וואָס האָבן אין דער צייט אָנגענומען אַ נייעם זינען, צי בלויז ניואַנס, סיי אַזעלכע, וואָס זענען ביז דער צייט געווען דעם יידישן פֿאָלק־מענטש לגמרי פרעמד. מכל שכן — פאַרשטייט זיך — ווערטער נייע, אַנטשטאַנענע אין דער צייט.

נאָך אַ מערקווירדיקער פּאַקט:

אַ יונג מיידל פירט אַ טאָגבוך אויף פּויליש אין אַ ישוב אין פּויזנער קאַנט. שרייבט זי (אָנהייב אָקופּאַציע): Mama wysoliła mięso cukrem — „די מוטער האָט אויסגעזאַלצן דאָס פליישׁ מיט צוקער״. די מוטער מיט דער טאָכטער לעבן צווישן פּאָלאַקן, גייען אָן ווי היימישע, אַרטיקע איינוווינער, פאַרהיימלעכן זייער יידישקייט, און דאָ אַזאַ פּרט. די מאַמע כשרט דאָס נישט־כשרע (וואָר־שיינלעך) פליישׁ — די יידישע שחיטה איז צוליב הומאַניטאַרע מאָטיוון אין היטלער־דייטשלאַנד נאָך אין 1933 פאַרבאָטן געוואָרן. און אַזוי ווי אין זאַלץ איז געווען אַ מאַנגל, „זאַלצט״ זי אויס דאָס פליישׁ — אויפן זאַלץ־ברעטל מסתמא — מיט צוקער.

אַ קליינער עפּיזאָד, אָבער וויפל לערנט ער אונדז!

נ. ב.

קירצונגען און ראשי־תיבות

א״א ; אאנ״ד — און אנדערע.

אאז״וו — און אזוי ווייטער.

אבי — כ״י „לאדזש. וויצן און פאלקלאר געזאמלט פון אבי״. 6 בלעטער מאשינשריפט מיט 48 פאזיציעס. סוף פעלט. מ. ז.

א״ג — אזוי גערופענע.

ארג״ל — און דעסגלייכן.

א״י — ארץ־ישראל.

א״ל — ארבעט־לאגער.

א״נ — אונטערן נאמען.

ב׳ — באנד.

ביאל״ג — ביאליסטאקער געטא.

בפ״ג, בלפ״ג — בלעטער פאר געשיכטע, ייה״א אין פוילן.

ב״ק — בית קצנלסון, קיבוץ לוחמי הגיטאות.

ג׳ — געטא.

ה׳ — העפט.

ג״ג — גענעראל־גוווערנעמענט, טייל פון אקופירטן פוילן.

ג״ל — געטא־לשון. בישט קאמפלעטער כ״י פון ל״ג, מיט נומערירטע פאזיציעס. מ. ז.

ג״ע — גבית־עדות.

ג״פ — געטא־פארוואלטונג.

ה״ק — היסטארישע קאמיסיע.

ו׳ — ווארשע.

ווארט — דאס ווארט פון ווידערשטאנד און זיג, זאמלונג, פאריז 1945.

וו״ג — ווארשעווער געטא.

ווילג — ווילנער געטא.

וויצן פון געטא — ל״ג, כ״י, ז׳ 5 (15 וויצן, געזאמלט י. ב. א.) יו״ש.

ז׳ — זייט. ז״ז — זייטן.

יו״ש — יד ושם, ירושלים.

כ״י — כתב־יד.

כ׳ — כראניק.

ל׳ — לאגער.

ל״ג — לאדזשער געטא.

ל״ג־ענצ׳ — לאדזשער געטא־ענציקלאפעדיע, כ״י פון ל״ג.

מאטיס ראובן, אין פיבער פון אומקום, יידישע קולטור נר׳ 10, 11, 1951. צום סוף „ווערטער פון געטא״.

מ. ז. — מיין זאמלונג.

מינכען — ארכיוו פון דער יידישער היסטארישער קאמיסיע אין מינכען.

נומ׳, נ״ר — נומער.

ע׳ — עדות.

פּאַרט. — פּאַרטיזאַנער־לשון.

פּויל׳ — פּויליש.

פּופּס — רות פּופּס: דאָס ליד פון געטאָ. „יידיש בוך", וואַרשע, 1962.

פל״ה — פון לעצטן חורבן. צייטשריפט פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, מינכען, 10 העפטן.

פרג״ל — פאַרגלייך.

צ. ק. — צענטראַל־קאָמיטעט.

קאָוה״ג — קאָוונער געטאָ.

קאָנקורס — קאָנקורס אויף אַן אַרבעט וועגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וואָס דער ארגון הפּרטיזנים ולוחמי הגיטאות, בשותפות מיט יו״ש, האָבן אַדורכגעפירט אין ישראל.

קאַפּלאַן — ישראל קאַפּלאַן, דאָס פאָלקסמויל אין נאַצי־קלעם, מינכען 1949.

קאַפּלאַן פּ. (פּסח) — זיינע כתבים, וואָס אָפּגעפונען אין ביאַל״ג.

ק״ל — קאָנצענטראַציע־לאַגער.

קפּלן — חיים אהרון, כתבים פון וו״ג, דערשינען טיילווייז אין בוך־פאָרם א״נ מגילת יסורים, תשכ״ו. באַנוצט זיך מיט פאָטאָסטאַטן פון מקור.

ר״א — רינגעלבלום־אַרכיוו.

רינגל׳, רינג׳ — ד״ר עמנואל רינגעלבלום, נאָטיצן פון וו״ג. ציטירט לויטן כ״י, עווענטועל לויט די דערשינענע נאָטיצן, 1952; כתבים, ב׳ I 1961, ב׳ II 1963.

ר״פּ — ראַטן־פאַרבאַנד.

ר״ת — ראשי־תיבות.

שאַשקעס — ה. שאַשקעס, ווי אַזוי מען האָט זיך געוויצלט אין וואַרשע, „האָוואַנער לעבן", 18.11.44.

ש״ס ראַמאַן — וויצן פון דער וועלט־מלחמה. „יידישע קולטור" נר׳ 10, 1966.

מקורות

1. קודם גייען מיינע מאַטעריאַלן, וועלכע כ'האָב אָנגעהויבן זאַמלען אין יאָר 1944 און זאַמל ביזן היינטיקן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז אין יענער צייט און באַדינגונגען האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ רויקער, פּלאַנמעסיקער אַרבעט. נישט איך, נישט די מענטשן זענען דערצו געווען מסוגל. סיי די אויסערלעכע באַדינגונגען, סיי די אינער־לעכע, האָבן דערצו נישט צוגעלאָזט. נישט איינער פון די עדות איז געווען אַ פּילמאַליקער אָבל; געבליבן אייבער אויף הונדערט. עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען יידן פון אַנדערע קרייזן פון פּוילן, און אַפילו פון אויסלאַנד. די אַלע האָט די וועלט־מלחמה צוזאַמענ־געבראַכט. ווינציקע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און לעבן געבליבן ביי גוטע גויים (אוקראַינער צי פּאָלאַקן). אייניקע, געציילטע אויף די פינגער פון איין האַנט, האָבן דאָ געלעבט פריי, ווי אַריער. למשל — אין דאָרף צוגאַן. עס דערציילט זיך וועגן דעם אין ספר טאָלמיטש. טייל זענען געבליבן לעבן אַ דאַנק אַן אָפיציר, אַן עסטרייכער, פייט, אין אַרבעט־לאַגער ליסאָוויטש, נעבן טויסט. „גליקלעכע" יחידים.

2. געקומען קיין לובלין און דאָ געטראָפן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, וואָס האָט זיך ערשט אָרגאַניזירט. דאָ אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט פון זאַמלען מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון אומקום און ווידערשטאַנד. קודם כל — אויפנעמען עדויות פון מענטשן, וואָס האָבן דאָס אַליין איבערגעלעבט, ווי אויך מאַטעריאַלן, דאָקומענטן וואָס האָבן צו דעם אַ שייכות. דאָ אָפּגעפונען — אַ דאַנק עמיל זאָמערשטיין ז"ל, פאָרזיצער פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און נאָענטן מיטאַרבעטער פון דער צייטווייליקער פּוילישער רעגירונג — אַ קאַרטאָטעק פון יידישע געפאַנגענע פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס זענען דורך די דייטשן אומגעבראַכט געוואָרן.

3. דעם 8.3.45 זיינען מיר מיט צוויי לאַסט־אויטאָס, דורך וואַרשע, אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש. דאָ האָבן מיר געפונען, אַ חוץ קלענערע זאַכן, צוויי גרויסע אַרכיוון: 1. פון דייטשן אַמט וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די יידן ביז זייער אומקום, גערופן „געטאָ־פאַרוואַלטונג". און 2. פון עלטסטן פון די יידן אין ליצמאַנשטאַט, רומקאָווסקיס אַרכיוו. די צוויי אַרכיוון בילדן, ביזן היינטיקן טאָג, דעם הויפּט־טייל פון אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

מיטן איבערטראָגן זיך קיין וואַרשע, 1947, און אָפּגעפונען אַ גרויסן טייל פון רינגעל־בלום־אַרכיוו — איז אונדזער אַרכיוו געוואַקסן. (דעם צווייטן טייל פון רינגעלבלום־אַרכיוו אָפּגעפונען ערשט אין 1950). ביים ברענגען מאַטעריאַל פון דעם אַרכיוו, באַצייכענען מיר אים מיט די איניציאַלן ר"א. און אויב די מאַטעריאַלן זענען ביז צו מיין פאַרלאָזן פּוילן, שוין געווען אויך קאַטאַלאָגירט — גיב איך אָן דעם נומער.

אין וואַרשע האָט די צענטראַלע קאָמיסיע אָנגענומען דעם נאָמען: יידישער היסטאָ־רישער אינסטיטוט. זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז ביידע טיילן פון אָפּגעפונענעם רינגעל־בלום־אַרכיוו שעפּן נישט אויס דאָס וואָס איז בשעתו אין יענע יאָרן אָנגעזאַמלט געוואָרן. טייל זאַכן פעלן, פאַרלוירן געגאַנגען אויף אייביק? פאַראַן פאַרשיידענע סברות וועגן דעם.

4. געקומען אין לאַנד — באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פון בית לוחמי הגיטאות, ערשטע אינסטיטוציע אין ישראל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די פּראָבלעמען, האָב איך פאַרגעזעצט מיין אַרבעט פון זאַמלען מאַטעריאַל צום יידישן ווערטער־אוצר פון יענער צייט. די מאַטעריאַלן באַקומען דעם צייכן ב"ק — בית קצנלסון.

5. דאָן איז אַנטשטאַנען יד ושם (יו״ש), ווו ס׳זענען אויך אַרײַנגעגאַנגען די מאַטעריאַלן וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן אין דײַטשלאַנד דורך דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צ. ק. פון די באַפרייטע ייִדן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דײַטשלאַנד.

דאָס זענען די וויכטיקסטע מקורות, פון וועלכע איך האָב געשעפּט. אויב באַנוצט זיך מיט אַנדערע מאַטעריאַלן, ווערט זייער מקור אָנגעגעבן.

מאַטעריאַלן פון געדרוקטע ביכער, בראָשורן, צייטשריפטן, ווערן באַצייכנט מיטן נאָמען פון מחבר פון בוך, טיילמאָל געקירצט. די גרויסע צאָל יזכור־ביכער ווערן געבראַכט ווי „ספר״ (ס׳) און דער נאָמען פון ישוב, ווי ער ווערט געבראַכט אין בוך.

ווי ווייט מעגלעך, האָב איך זיך באַמיט צו זען דעם ציטירטן אין בוך דאָקומענט, דעם מקור, אויף וועלכן דער מחבר פאַררופט זיך. און אויב א ביכל איז געדרוקט אין אַן איבערזעצונג — דעם ייִדישן אָריגינאַל. אַזוי, למשל, האָב איך דאָס געטאָן מיט יעקב קורץ (כ״י), וואָס איז דערשינען אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג אָבער געשריבן אין ייִדיש, אאַנ״ד.

ווי אַזוי איז געאָרדנט דער מאַטעריאַל ?

קודם — לויטן אלף־בית. דער ערשטער אות פון ווערטל דעצידירט. פאַראַן אָבער געוויסע נעמען פון מענטשן, למשל — היטלער, צי געשעענישן, למשל — די „פּוטער־אַקציע״ אין אָקופּירטן פּוילן, וואָס זענען געוואָרן אַ נישט־אויסשעפּנדיקער קוואַל, אין משך פון אַ קורצערער צי לענגערער צייט, פון אַלץ נייע אויסדרוקן, ווערטלעך, לידלעך אאַז״וו. אין דעם פאַל דעצידירט די טעמע, נישט דער ערשטער אות. צו די נעמען געהערן, אַ חוץ אַ ריי היטלעריסטישע פּירערס, אויך פון די אַליאירטע, אויף וועלכע די געטאָ־באַפעלקערונג האָט געהאַט אַ פאַרדרוס פאַר זייער לאַנגזאַמען, לויט זייער מיינונג, פאַרגיין אין דער מלחמה. דאָס זענען טשערטשיל, סטאַלין, רוזוועלט אאַנ״ד. אויך די נעמען פון די דעמאַלטדיקע ייִדישע פּירערס האָבן מיר אויסגעטיילט, ווי : רומקאָווסקי, טשערניאַקאָוו אאַנ״ד.

ה ע ר ה : דער אָנהייב פון אונדזער אַרבעט האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין דער צייטשריפט „ייִדישע שפּראַך״, זשורנאַל פאַר די פּראָבלעמען פון דער ייִדישער כלל־שפּראַך, אַרויסגעגעבן פון דער פילאָלאָגישער סעקציע פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, פון באַנד 16 נומ׳ 1, יאַנואַר־מערץ 1956, ביז באַנד 22 נומ׳ 2, אַפּריל־יוני 1963 און דערגאַנגען ביז אות ז. פאַרשטייט זיך, אַז פון דער צייט אָן, איז נישט איין פּרט צוגעקומען.

אַ

אַ A — Arbeit „יהודים מסוג A, כלומר A–Juden (יהודים חשובים), חברי היודנראט והמשטרה היהודית". (ס' גבוז'דזיעץ, ז' 134, 318). זכיתי באות A בתוך מגן־דוד, משמע — שאני עוד מסוגל לעבוד. (דאַרט, ז' 254)
אות A באַצייכנט אַלטשטאָף־ערפאַסונג. (זע). (ס' אוזיראַן, ז' 308).

אַבאַז, אַבוז, פּל. אַבאַזן — די צוריקגעקומענע פון די אַבאַזן — אַ טייל געקומען אין די גאַטקעס. (רינגל', דעצ' 1940). צוויי **אַבאַזניקעס**. (ל' קאַמיאַנקאַ, ס' בערע־זשאַן, ז' 370).

— לאַגער, פּויל. — „יעדער פּאַליציאַנט איז אַ גרויסער לאַבוז, ער וויל מעות, אַבישט כאַפּט ער אויפן אַבוז". (פון לידל אין וו"ג, ר"א 172). — „דער ציל פון די אַבאַזן איז געווען צו פאַרפייניקן און פאַרקריפּלען געזונטע יידישע יונגעלייט". (ר"א 392, אַפּריל 1941).

אַבאַזאָווי — דער וואָס גיט אַכטונג אויפן גאַנצן לאַגער און אויפן אויפפירן זיך פון די אַבאַזניקעס (זע: ל' לאַנקי, 1941, ר"א, כ"י 411; ל' קאַמפּינאָס, נעבן וואַרשע, ר"א 379, 1390; ל' קסאַניע, לעבן קעלץ, אַפּריל 1941, ר"א 392).

אַבאַזאָווע — אַדיעקטיוו פון אַבאַז; אַרבעט אין לאַגער גופא, בישט מחוץ זיינע גרע־נעצן. (ל' קסאַניע, אַפּריל 1941, ר"א 392).

אַבאַזאָוצעס — יידן אין א"ל, לאַגעריסטן, אַבאַזניקעס.

אַבאַזניק(עס) — אַ ייד אין א"ל.

אַבאַזנע, דינאַסן — אַרבעט־שטעלע אין וואַרשע אויף אַבאַזנע־גאַס און פּאַרן דינאַסן. זע: טויט־פּונקטן.

אַבבּרוך — אַבאַזניקעס, געאַרבעט ביי דער אַב־ברוך־גרופּע (Abbruch): צענעמען יידישע הייזער פון די אַרומיקע שטעט און דערפער (באַמבאַרדירטע און אויס־געברענטע), ווערן געפירט אין די קרעמאַטאָריעס. „שפּעטער, ווען פאַרלוירן די בושה, געמאַרדעט טאָג־טעגלעך אויפן אָרטיקן בית־עולם." (ס' בז'ז'ני, ז' 370). זע: אַפּרוך.

אַבורקאָווי — „מיר קענען שוין גוט דעם טייטש פון דאַזיקן וואָרט... דער „פּאַן" אַבור־קאָווי איז דער באַדינער פון בית־הכסא, ר'עכנט זיך שוין צווישן די 'פּונקציעס', ער זיצט ניט אין קיין פאַרמאַכטער קאַמער" (י' הירשהויט, פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק, ז' 44־45).

אַבי דאַ וויאַסני — עס גייט אַרום דאָס פּוילישע טרייסט־ווערטל: אַבי... (ס' קאַלושין, ז' 357). זע: בילע דאַ וויאַסני...

אַבי וווּיטער — א״וו האָט יעדער געזאָגט. מען האָט געוואָלט עלטער־ווערן אין איין טאָג מיט צען יאָר. אַלע זענען געווען זיכער אין דער דייטשער מפּלה. (משה קולקאַ, ס׳ טשעכאַנאָוו, ז׳ 372).

— אַז עס פלעגט אין ראָדעמער ג׳ דורכגיין אַ שטיקל צייט רוקיק, האָט מען זיך געטרייסט: „דאַנקען גאָט, אַבי ווייטער״. דער אויסדרוק איז געווען זייער פּאָפּולער; די ערשטע רעוויע וואָס דער אַרטיסטישער קרייז האָט דאָרטן גע־שטעלט אין דעצעמבער 1941, האָט געהייסן „אַבי ווייטער״. (אָנדענקבוך, 207).

אין ל״ג האָט איינער פון די צאָלרייכע, מיט דער האַנט־געשריבענע, זשורנאַלן, געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען [1943 ?] (מ. ז.).

אַבי מיטן לעבן — נאָכן אייננעמען באַרשטשיוו דורך די דייטשן, אָנהייב יולי 1941, קומען אָן בריוו פון קראָקע צו קרובים וועגן שפּייז־פּעקלעך און יידן דרינגען דערפון: אויב יידן קאָנען מיט היטלערן לעבן שוין באַלד 2 יאָר, וועט מען שוין מן הסתם איבערלעבן. (באַרשטשיוו, קאַהאַן ליפּאַ, 1944, כ״י).

אָביעקטל — וואָגן אָדער אויטאָ מיט געשמוגלטער סחורה. אין אָנהייב האָט מען גע־צאָלט פּאַר אַן אָביעקטל 100 זלאָטעס, אָבער „די זשאַנדאַרמען זיינען שוין געוואָרן קלוגער און הייסן זיך סילוקן מיט הארטע און גאָלדזאַכן״. (וו״ג, ר״א 490, 28סטן מאַי 1942).

אַבי צווישן יידן — אין להבין זאת, אולם כך היה הדבר. הרגשתנו הראשונה לאחר שעברנו את שער הגיטו, היתה הרגשת הקלה... מכירים קדמו פניכם בבת צחוק... „אַבי צווישן יידן״, כלומר: „שלא לאבד את הבטחון ובלבד להיות בין היהודים.״ (ס׳ פּרושניק, ז׳ 176).

אַבלאָווע — פויל. כאַפּן מענטשן צו דער אַרבעט. (רינג׳ 7טן מאַי 1942; ס׳ קראשניק, ז׳ 332. זע: לאַפּאַנקע).

— געווען אַן אַבלאָווע אויף די גאַסן. (רינג׳, 5.1.40). „געוואַלד, אַן אַבלאָווע!״ (ס׳ גרויס־ראַדאָמישלע, ז׳ 634). גרויסע אַ׳. (ס׳ איוויע, ז׳ 589). אַ׳ אויף מענער. (ס׳ ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ, ז׳ 419).

אַבמאַן — פּאָרזיצער פון יודענראַט, פון דייטש, גערופן אויך עלטסטער א״א. „הם מנוּוולים ומשום כך נעשו לאובמנים, או היו לאובמנים ומשום כך נעשו למנוּוו־לים״. (מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו, „האקציה בביאליסטוק״. זע: דפים מן הדליקה, ז׳ 30. זע: אייבערמאַן).

אַבעצע — ארגון ברית ציון, ציוניסטישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער ג׳. (שאַליט, ז׳ 226).

אָבער־יודע — דער עלטסטער איבער יידן. יידן האָבן דעם דייטשן נאָמען אויסגעטייטשט: „אָבער איז דאָס אַ ייד!״.

— א״י — „אנשי־קשר בין המפעל הגרמני לבין מחלקת הדיור. הם שימשו גם נציגים רשמיים של יהודים העובדים במפעל הזה.״ (כהנא, ג׳ לבוב, ז׳ 100).

— אין די א״ל ביי דער וערמאַכט. (ס׳ ביאַלאַ פּאָדל., ז׳ 421, 427; ס׳ סאַרני, ז׳ 313).

אָבער שטאַל ברעכט זיך אויך (פון ל״ג טאָגבוך, דעם 29סטן יולי 1944, ייה״א).

אַגניעשקע — מען האָט געזוכט פאַרשידענע וועגן צו באַקומען פאַלשע אַרישע פּאַפּירן, גערופן „אַגניעשקעס". פון וואַנען דער נאָמען, נישט באַוווּסט. ס'איז אַ נאָמען פון אַ פּויליש מיידל. מן הסתם האָט אַ יידיש מיידל, אַריבערגייענדיק אויף דער אַרישער זייט זיך אַ נאָמען געגעבן אַ. די אַגניעשקעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער ווירקזאַם, געקאָנט זיך דורכשמוגלען ווי פּאָלקעס אויף אַרבעט, קיין דייטשלאַנד. (ס' אַסטראָוועצ, ז' 367).

אדון הגדול — צייכן, אַז עס דערנענטערט זיך אַ דייטש. (קאָוונער ג', קאַפּלאַן, ז' 7).

אַדזשאַלאַוויי — אָנפירער פון אַן אַפּטייל אַרבעטערס אין א"ל. (ר"א 388, אַפּריל 1941). דאָס זעלביקע וואָס גרופּאַווי. בײדע ווערטער — פון פּויליש.

אַדע, אַדעמאַן — פּאָליציאַנט פון דער יידישער „אָרדנונגסדינסט", ווי עס איז געווען די אָפיציעלע דייטשישע באַצייכענונג פאַר דער יידישער פּאָליצײ; באַנוצט דער עיקר אין קליין־פּוילן. („איך וועל נישט איינשטעלן מיין קאָפּ פאַר דיינעט־וועגן". געוויינלעכע פראַזע אין זייער מויל. סעלינגער, כ"י, ה' III ז' 114).

אָרמענער — אָרדנונגס־מענער. (ס' טומ. מאז. ז' 371, 400 א"א).

אַווידע — עבודה! וואַרענונג. (פלאַשעווער ל', נעבן קראָקע).

אַוועק אויף לינקס — בעת אַ סעלעקציע (זע) געשיקט געוואָרן אויף לינקס, ד. ה. אויף טויט. באַקאַנט אין אַלע ק"ל ווו געווען יידן.

אויסקלייגן — הרגענען. „אַוועקגעלייגט אַ פאָלקסדייטשקע". („די צען פון פּאַוויאַק", כ"י, ייה"א). „ער האָט שוין 1,000 יידן אַוועקגעלייגט". רעדט זיך וועגן קאָמענ־דאַנט פון בעלזשיצער א"ל. (ר"א 277). — די עס־עס־לייט האָבן גענוצט דאָס וואָרט „אומלעגען".

אויב דו וועסט נאָר דערלעבן... — אַנהייב פון אַ ווערטל אין דער פאַרשטאָט לובלין, מאַידאַן טאַטאַרסקי, ווו יידן האָבן געקאָנט אויסניצן פרייע ערד און מאַכן גערטנדלעך; די דייטשן האָבן זיך באַרימט מיט אַט דעם „מוסטער־געטאָ". האָבן יידן געזאָגט: „אויב דו וועסט נאָר דערלעבן צו עסן דאָס ביסל קאַרטאָפל, שטעל איך דיר אַ 95ער". מען האָט פאַרשפּאָרט צו שטעלן דאָס פלעשל ספּירט — יידן האָבן ניט דערלעבט צו געניסן פון זייערע פּראָדוקטן. (שמחה טור־קעלטאַוב).

אויב דו לעבסט, לאָז מיך אויך לעבן — ד"ה לאָז מיך אויך צו צו דער שיסל. (אַ ווערטל צווישן די טרעגערס פון אומשלאַגפּלאַץ אין וו"ג, ר"א 256).

אויב נאָך אַלעמען... — אַנהייב פון אַ פּאָפּולערער חקירה אין קאָוונער ג': „אויב נאָך אַלעמען וועלן מיר דאָך בלייבן לעבן, איז אַ סימן אַז די וואָס זיינען אומגעקומען פריער זיינען רשעים און מיר די צדיקים; אויב אָבער נישט — זיינען מיר די רשעים און יענע די צדיקים, ווייל זיי האָבן פאַרשפּאָרט דורכצומאַכן וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט". (יוסף גאר).

אויב מיר וועלן אויסהאַלטן 21 טעג, וועלן מיר געהאָלפן ווערן. דהיינו: 8 טעג פּסח, 8 טעג סוכות, 2 טעג ראש־השנה, 2 טעג שבועות און איין יום־כיפור, ד"ה — אַ גאַנץ יאָר. (וו"ג, הובערבאַנד, ר"א, מס' 312).

איבער־ראַט — אין ל׳ פּשעמישל — אַ ייד, צי איניקע. (ס׳ דוברומיל, ז׳ 271). זע: יודענראַט.

אויג — געווען אַ ראש (זע) ביי אַ יידישער פאַמיליע, געוואָלט צונעמען זאַכן. די פרוי געוויינט, אַז זי איז אַן אלמנה מיט אַ קינד. יענער געזאָגט, אַז ער וועט גאָר־נישט צונעמען, אויב זי וועט ראָטן, וואָס פאַר אַן אויג עס איז אַ קינסטלעכס. זי האָט געראָטן, אַז דאָס לינקע; אויף דער פראַגע פון וואַנען געוווסט, גע־ענטפערט, ווייל דאָס איז אַ מענטשלעך. (רינגל׳, 8.11.40, כתבים, 1, 176).

— צוואַנציק דאָלאַר האַרטע. „אַפילו קליינע שקצימלעך האָבן שוין געוווסט וואָס עס מיינט אַן אויג. אַז זיי האָבן געבראַכט אַ פּעקעלע, האָבן זיי אָנגעוויזן מיט אויסגעקיילעכטע צוויי פינגער ביי זייערס אַן אויג אַז זיי ווילן 20 דאָלאַר״; (תנחום גרינבערג, „טרעבלינקע״, כ״י, ייה״א).

אויוון — „צוויי יידן געאַרבעט ביים אויוון. איבערגעלעבט״. (קרעמאַטאָריום). (עדות, ז׳ גוזיצ׳נסקי, יו״ש, ז׳ 17).

אויטאָסטראַדע — אָפּגעגאָלטער שמאָלער פּאַס האָר, פון שטערן ביזן נאַקן, באַצייכנט אַ לאַגערניק. (פּלאַשעווער ל׳. די דייטשן האָבן עס גערופן: „לאויזפּראָמענאַדע״).

אויטאָריזאַציע — ספּעציעלער דאָקומענט וואָס האָט באַפרייט פון גירוש טראַנסניסטריע. (פל״ח 4).

אויסהאַלצונג — ניי־יאָר 1944, געשיקט אין וואַלד „מאַכן אויסהאָלצונג״, ד״ה רייסןביימער מיט די הענט. געמוזט אָנלייגן אַ סטערטע ביימער. (ל׳ בודזין, ספר אָפּאָלע, ז׳ 265).

אויסווייז — דאָקומענט אַז מען אַרבעט אין אַ „ניצלעכער״ אינסטיטוציע. אין לעמבערג האָט עס געהייסן איי־ווי. — נאָך אַן אינטערווענץ מצד יידישע שתדלנים ביי דער צענטראַלער מאַכט אין קראָקע, מאַרץ 1941, האָט מען אין וו״ג איבערגע־געבן: „וואָס האָבן די הערן געבראַכט פון קראָקע? אַן אויסווייז פאַר אליהו הנביא צו קענען גיין אַ גאַנצע נאַכט״ („אין דער סדר־נאַכט״). (רינג׳, 13טן אַפּריל 1941).

אויסזידלונג — אומקום, נישט סתם גירוש. (אויסזידלונג פון דער וועלט — בוטשאַטשער ג׳. אויסזידלונג אויף יענער וועלט — וו״ג. דאָס איז שחיטה, אומקום, ס׳ סקול, ז׳ 302).

— יעדער געוווסט, אַז ס׳וועט זיין אַן „אויסזידלונג״, ווי מען האָט דאָס גערופן אויף אַן איידעלן אופן. (ס׳ קראָשניק, ז׳ 422).

אויסזען — אין די אויסדרוקן: גוטער אויסזען, ד״ה ניט ענלעך אויף אַ יידיש פּנים; שלעכטער אויסזען, זעט אויס ווי אַ ייד, אַ פּרימאַ אויסזען, ד״ה גאָרניט ענלעך צו אַ ייד. (י. טורקאָוו: אין קאַמף, ז׳ 80, 103, 161).

— „מיט אַזאַ אַ׳ קאָן מען סיי ווי סיי נישט איבערלעבן... איר ברודער האָט אַ גוטן אויסזען, אַ גאָלדן פּנים (געשטופּלט). דאַקעגן חנהל׳ע האָט אַ שרעק־לעך פּנים (יידישן חן, אַ שיין קינד)״. (י. עלבערג, יורעק, וו״ג. „אונטער קופּערנע הימלען״, ז׳ 171/2).

אויסטיילער — אַ לעבעדיקער בחור אין אַ ווייסער שירץ, מיט אַ ווייס היטעלע, האָט גע־שיט מיט וויצן. געמישט דעם קעסל און גערעדט צו דער ריי: „וויפל מען זאָל וואַסער בישט קאָכן, רבותי, בלייבט עס נישט מער ווי וואַסער. ווילסטו דאָס עסן זאָל דיר זיין געשמאַק, טאָ עס דיך נישט אָן צו דער זאַט. איר ווייסט, פּראַשע פּאַנסטוואָ, איך קען אָפּקאָכן די בעסטע היימיש געמאַכטע קליוסקעס, די זאַך איז נאָר וואָס איך האָב קיין היים נישט". (ל"ג ראָזענפּאַרב, ב' 2 ז' 454).

אויסטרעטן! — ס'הערט זיך אַ באַפעל: א'! ס'ווערט אַ געלויף פון אַלע פּריטשעס. (ה. פּריוועס, אין רויך, ז' 142). ד"ה אַ באַפעל: אַריין אין בית־השמוש.

אויסיידישונג — מאַכן „יודענריין". פסח קאַפּלאַן אין „חורבן ביאַליסטאָק" (אַרכיוו פון ביאַל"ג, ייה"א) דערציילט אַז „די ריינקייט פון יידיש אין (עפנטלעכע) מעל־דונגען (פון יודענראַט) איז געהיט געוואָרן", (די מעלדונגען האָט רעדאַגירט פסח קאַפּלאַן גופא. עס האָט זיי איבערגעשריבן אין אַ פּראַכט־כתב דער וואַר־שעווער גראַפיקער און דיכטער ת. גאָלדבערג; אַן אַנטייל אין דער אַרבעט האָט אויך גענומען דער פּעדאַגאָג רפאל גוטמאַן). זע: יודענריין.

אויסקערן זיך — שטאַרבן, אומקומען. אין די ג' האָט מען נישט גענוצט די ווערטער: טויט און שטאַרבן; ער האָט זיך אויסגעקערט — ער איז געשטאָרבן; „מיר האָבן איין מאָל געמאַכט אַ גענויעם חשבון, ווען וועלן מיר, דאָקטוירים, זיך אויסקערן". (פּרץ, ז' 101 א"א).

אויסרעקלאַמירן — באַפרייען פון אַרבעט. (טשענסטאָכאָווער ג', ג"ע).

אויס שטיוועלעך — זאָגט אַ ייד צום צווייטן, נאָכן אַריינקומען פון די רוסן; דער צווייטער זאָגט: ניין. ערשט נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן, איז ער דערצו מסכים. („אַלע גלייך", הערשקאָוויטש, בילטש, נעבן באַרשטשיוו).

אויסשפּיאָנירן — „אינדערפרי זענען די פרויען אַרויסגעגאַנגען און אויסשפּיאָנירט די לופט" (צי מ'כאַפּט). (גרויס ראַדאָמישלע, ז' 697/8). זע: לופט אין פריי.

אויפן נאָפּל — איז אַ ייד ביי אַ סעלעקציע געשטאַנען אין גרויס סכנה און האָט פאַרט זיך אַרויסגעדרייט, האָט דאָס אין טשענסט. ג' געהייסן: ער איז געווען אויפן גאָפּל. (קאַפּלאַן, ז' 49).

אויפרוימונגס־קאָמאַנדע — נאָך אַן אַקציע זאַמלט די א"ק צונויף אַלע טויטע און באַ־גראָבט אויפן בית־החיים. דאַן ליידיקן זיי אויס די שטובן. אַלע זאַכן ווערן געבראַכט אין דער זאַמלשטעלע. דאָרט ווערט אַלץ סאָרטירט און אוועק־געשיקט קיין דייטשלאַנד. (ס' טאָמ' מאָז', ז' 371). **ראַמער־בריגאַדע**. (דאָרט, ז' 70).

אויפשטריך — פון דייטש: בראָט־אויפשטריך, מאַרמעלאַד(ע) וואָס מע פלעגט קריגן צוגעטיילט אויף טאַלאָנען. (ל"ג).

אומאָרדענונגס־דינסט — שטאָט „אָרדענונגסדינסט". (וו"ג); „יידישער אומאָרדענונגס־דינסט און אַנדערע מכל־הנערים־געמיינהייטן". (ר"א 192, יולי 1942).

אומגליק — דאָס א׳ איז געקומען מיטוואָך פאַרנאַכט, ראש־חודש אב. (ס׳ מייטשעט, ז׳ 314); אין אַ מיטוואָכדיקן פאַרנאַכט / אָנגעקומען אַ פור מיט פּאָליציי / דאָס אומגליק איז געשען / געשאָסן. / אוי, דאָס האַרץ טוט וויי! (ס׳ לודמיר, ז׳ 587).

אומגליקלעכער פרייטיק — די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת, 17טן־18טן אַפּריל 1942, ווען מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער אין וו״ג אַ 50 אָנגעזעענע כלל־טוערס און אונטערערד־מענטשן און זיי דערשאָסן. (פרץ אָפּאָטשינסקי, נאָטיצן, ר״א 1300. — מען האָט דעם טאָג אויך גערופן שוואַרצער פרייטיק. אויך אַנדערע שטעט האָבן געהאַט אַזעלכע טעג).

אומלעגאַלע — א׳ זענען מענטשן אָן נומערלעך (זע), מענטשן וואָס דאַרפן לויטן געזעץ זיך געפינען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ (זע) און דאָך לעבן זיי. (רינגל׳ כתבים ב׳ 2, ז׳ 28).

אומשלאַג — אומשלאַגפּלאַץ (זע) געראַטעוועט זיך פון אומשלאַג. (רינגל׳, כתבים, ב׳ 2, ז׳ 9, 13). זע: פּזשעפּוסטקע. פּלאַץ, ווו פאַרלאָדנט משא־וואַגאָנען מיט יידן בשעת דער אַקציע אין אויגוסט 1942. (ס׳ רודקי, ז׳ 261).

אומשלאַגפּלאַץ — דער פּלאַץ נעבן וו״ג אויף סטאַווקי־גאַס, ווו מען האָט אין די יאָרן 1940—1942 געטוישט „יידישע״ סחורות אויף „אַרישע״ און אין די יאָרן 1942—1943 דאָרטן צונויפגעזאַמלט יידן פאַרן פאַרלאָדענען זיי אין די וואַגאָנען, וואָס זענען געגאַנגען אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע, קלענערע גרופּעס קיין מיידאַנעק, טראַווניק און פּאָניאַטאָוו. „אומשלאַגפּלאַץ — אַן אומגליק און אַ שלאַק זאָל זיי טרעפן, די יידישע פּאָליציי״. (י. קצנלסון, פּנקס ויטל, ז׳ 143).
— אין שעדלעץ האָט מען אַזוי גערופן דעם אַלטן בית־עולם ווו ס׳פלעגן פאַר־קומען די אַקציעס. (א. פיינזילבער; אויף די חורבות פון מיין היים, תל־אביב 1952, ז׳ 38. — אויך אין אַנדערע שטעט זיינען געווען אומשלאַגפּלעצער).
— 21.9.1942. „דער לעצטער אַקאָרד פון מאַסן־מאָרד פון וואַרשעווער יידן.״ הערה: דער א׳ עקזיסטירט אויף שפּעטער, ביזן 25.10.42, נאָך זיין נאָמען געענדערט אויף „זאַמעלשטעלע״. (ביישטאַט, חורבן, ז׳ 95). פּאַטאַ: „אויפן א׳ פון לובלינער ג׳, בעת אַן אויסזידלונג־אַקציע״. געפינען ביי אַ דייטש. (בוך פון לובלין, ז׳ 405; סאַנדאָמיר, גוז׳יצ׳נסקי יצחק, עדות יו״ש, ז׳ 24).

אונטערגעכאַפּט — געכאַפּט געוואָרן. „אַחוץ די גרויסע צאָל מענטשן וואָס זיינען גע־וואָרן אונטערגעכאַפּט (אויפן געטאָ־לשון) זיינען נאָך געווען מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אין טויערן און זיך געפרעגט יעדן דורכגייער (וואָס האָט געהאַט מזל נישט אונטערגעכאַפּט ווערן), וואָס מען הערט״. (טאָגבוך פון ל״ג 7טן אָקט. 1944, כ״י, ייה״א).

אונטער דער פּאָלע — אויסדרוק פאַר אומלעגאַלן האַנדל, פאַר דעם שוואַרצן מאַרק. (אָנדענקבוך, ז׳ 136).

אונטערהערער — מסור. „אַ קאַטשקע אַז די גאָלעען (געסטאַפּאָ) געדונגען פיר טויזנט יידן אַלס א׳ אין יעדן הויף״. (רינגל׳, 10טן מאַי 1941).

אוקסיניק — „די פויערים האָבן געקוקט אויפן געיעג נאָך יידן ווי אויף אַ מיטל לייכט און גיך רייך צו ווערן... די פויערים פלעגן ביי די געכאַפּטע יידן פאָדערן גאָלד. די גערודפטע יידן האָבן די פויערים אַ נאָמען געגעבן „אוקסיניקעס״ (אוקסא: גאָלד) און פלעגן זיך פאַר זיי שטאַרק היטן״. (לייב קאַניוכאָווסקי: „דער אומקום פון מאַרצינקאָנצער יידן״, ייוואָ־בלעטער, ב׳ 37, ז׳ 224).

אוקראַינע — דער מזרח־טייל פון קראָקעווער געטאָ. (ג״ע נומ׳ 1093; ווייכערט: זכרונות, ב׳ 2, ז׳ 83, ייה״א).

— יידן ווערן איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין אוקראַינע. יעדע משפחה באַקומט אַ שטיקל ערד. דער קאָנטינגענט איז 1.500 מענטשן. יודענראַט פירט דורך די רעגיסטראַציע. אין לעצטן מאָמענט זיך דערוווּסט, אַז מען פירט נישט קיין אוקראַינע, נאָר קיין בעלזשעץ. די דאָזיקע אַקציע געוווּן צוגעגרייט זייער ראַפינירט. געהייסן איינצאָלן צו 1.500 זל׳ אַ משפּחה, ד״ה, די דייטשן פאַרקויפן די איבערגעזידלטע יידן שטיקלעך ערד; דער יודענראַט גלויבט די דייטשן און „אויסגעליפערט אָן עדה יידן פאַרן פלאַץ פון די קאַלך־אויוונס״. (ס׳ בילגאָריי, 122/3).

אוקראַינער — 1. אוקראַינישער מיליציאַנט, פּאָליציי, אין דינסט פון די דייטשן. כאַפּט אין גאַס: „זאַסראַני זשידי, דאָ מיקווי נאָ שאַבעס״. מ׳פירט זיי אין דער ברויעריי און מ׳הייסט זיך זיי באָדן אין אַ גרויס פאַס, וואָס שטייט אין הויף. מ׳האַלט זיי אָפּ אַ גאַנצן טאָג. (באָװ׳ 1941). אין רעזולטאַט פון דער אַקציע זענען פיל געשטאָרבן. (ס׳ לאַפּאַטין, ראַדיחוב, ז׳ 202).

2. געסטאַפּאָ, זשאַנדאַרמעריע, אוקראַינער און אַנדערע מערדער. (ס׳ ז׳ארקי, ז׳ 250).

3. געסטאַפּאָ און אוקראַינער אַרומגערינגלט דאָס געטאָ טוטשין. (פּנקס מזריטש, ז׳ 30); אוקראַינישע מיליץ. (ס׳ האָראָדענקע, ז׳ 286).

אַז... — „אַז מען וועט האָבן דעם קאָפּ, וועט מען האָבן צום קאָפּ״. (ס׳ סלאָנים, ז׳ 129).

אַזיל — „קראָקע האָט געהאַט אָן אַ צאָל אויפנעם־שטעלעס פאַר פליטים, וואָס מ׳רופט דאָ אַזילן. זיי געפינען זיך אין די לאָקאַלן פון די פאָלקסשולן און גימנאַזיעס״. (ר״א, מאַי־יוני 1940, כ״י פּויליש). זע: פונקטן.

א. ט., אָטע — אַרבעטן אין אָ״ט־ (אָרגאַניזאַציאָן טאָדט־) לאַגער אויפן פאָלעסקער וואָקזאַל. 240 סטויבצער אַרבעטן דאָ. (ס׳ סטויבץ, ז׳ 319).

אַטאַ — „יידן, אַז זיי האָבן דערזען אַ דייטש, האָבן זיי צוויסן געגעבן איינער דעם צווייטן „אַטאַ״. דאָס איז געוווּן דער צייכן וואָס מיט אים האָט מען דורך ראַדיאָ מתרה געוווּן אַ לופטאַנגריף. מיט דעם זעלבן צייכן האָבן זיך אויך באַנוצט פויערים״. (פּיעטריקאָוו, י. קורץ, ספר עדות, ז׳ 127).

איבערדריי, וועט זיין צוויי — „אַז איינער דאַרף באַקומען צוויי זופּן, ווערט זיין טעפּל איבערגעדרייט. בעט זיך אַזוי איינער וואָס זוכט ׳פּראָטעקציע׳ ביי דער רעגיסטראַטאָרקע״. (ג״ל 1026).

איבערזידלער — ניי אָנגעקומענע אין ג׳, אַ פאַרטריבענער פון אָן אַנדער אָרט. „אונדזער געטאָ־באַשטאַנד האָט זיך פאַרגרעסערט מיט פרישע 500 גולים; לויטן געטאָ־

אויסדרוק הייסן זיי 'איבערזידלער'. פון וואָס פאַר אַ יידיש וואָרט שטאַמט עס?" (ה. וואַסער, באַטיצן, 28סטן מאַי 1942, ר"א 490).

איבערלעבן — צוויי אַלטע יידן באַגעגענען זיך. איינער קלאָגט זיך פאַרן אַנדערן: „הונגער, טיפוס, מענטשן שטאַרבן ווי די פליגן. קיין איינער פון אונדז וועט נישט דערלעבן דער סוף פון מלחמה." דער צווייטער טרייסט אים: „זאָרג נישט, ס'איז אמת, אַז נישט דו, נישט איך, וועט נישט איבערלעבן; נאָר מ י ר וועלן איבערלעבן." דעם וויץ האָט דער מחבר געהערט אין וו"ג, פעברואַר 1941, פון אַדוואָקאַט לעאָן בערענסאָן. (וו. זאַגורסקי: פרייהייט און געפאַנגענשאַפט, ז' 160, פויליש).

איבערמענטשן — קאַמפפליער, פליען איבער די מענטשן (און וואַרפן באָמבעס). (ל"ג, נאָטיץ־בוך, 30.5.40. מחבר אומבאַקאַנט).

איבערפאַל־קאָמאַנדע — „לויטן דייטשן מוסטער איז אין ל"ג 15.9.1940 אַנטשטאַנען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון דער פּאָליציי, וועמענס אויפגאַבע ס'איז באַשטאַנען דער עיקר אין באַשיצן די פּערזאָן פון רומקאָווסקין". (ל. ג. הורוויץ, מע־מואַרן, יאַנואַר 1941, כ"י, ייה"א). — „ווען מ'האָט אָרגאַניזירט די א"ק האָט מען זיך געוויצלט, אַז אויך דאָרט וועט געפּאַדערט אַ צענזוס: אָן אָפּגעקומענער געריכט־אורטייל פון נישט ווייניקער ווי צוויי יאָר טורמע. ס'איז נאַטירלעך געווען איבערגעטריבן, אָבער צווישן דער דאָזיקער 'קאָמאַנדע', וועלכע האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע און אין ערשטער ריי צעטרייבן דעמאָנסטראַ־ציעס, אויב אַזעלכע זאָלן פּאַרקומען, נישט דערלאָזן צו קיין שטרייקן — זיינען געווען פיל מענטשן מיט אורטיילן פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס". (ל"ג, טאָגבוך (שולמאַנס?) ייה"א, 22.1.41). — די א"ק אויפגעלייזט 25.9.41.

„**אידענטיש**" — ווי אַזוי ווערן גערופן די אַלע מעדנים פון שוואַרצן אייל, פאַרפוילטן רעטעך, באַבקעס פון קאַווע און פּאַפּריקע? — „אידען־טיש". (ל"ג, אבי, נ"ר 17).

איהיפּי — פערדנפלייש, פערדנוווּרשט. (ווילנער ג', פל"ח נומ' 6).

איזאָלאַטאָריום — „געשאָסן אויפן באַפעל פון דער דייטשער מאַכט (1941, אַפּריל?) אין בית־מדרש אויף שולגאַס. די ידישע 'אָרדענונגס־דינסט' האָט פאַרנומען די בעט־לערס און אַהין אָפּגעפירט. אין אַ קורצער צייט זיינען שוין אין א' געווען פאַר־שפּאַרט אַ 200 בעטלערס... עס האָבן זיך פון דאָרטן שטענדיק געהערט יאָמערן, קרעכצן און געשרייען"... בשעת דער ערשטער „אויסזידלונג", ווען אַן עסעס־מאַן האָט דערזען דעם מושב, האָט ער זיך אויסגעדריקט: „יאַ, דיזע יודען גע־פעלן מיר, זאָלן זי בלייבען" — און זיי זיינען טאַקע געבליבן ביז דער צווייי־טער אַקציע. (אַנדענקבוך, ז' 197).

איזאָלאַטקע — באַזונדער קעמערל, צעלע אין תפיסה. („די צען פון פּאַוויאַק", כ"י, ייה"א).

איטאַליען — אַ דייטש יאָגט אַ ידן, וואָס אַנטלויפט פאַר אים און שרייט: — פאַר וואָס אַנטלויפסטו, יודע? דו ביסט דאָך ביט קיין איטאַליענער! (וו"ג, 1940/1, ר"א).

אייבער־המן — היטלער. „מעג דער אייבער־המן שרייען אַז דאָס יידישע פאָלק וועט פאַר־ניכטעט ווערן, האָט אָבער דער ראַדיאָ נישט דעם מוט מודה צו זיין זיך אַז זיי האָבן דאָ אָדער דאָרט אויסגעהרגעט כך־וכך יידן". (רינגן, סוף מאַרץ 1942).

אייבערמאַן — פּאַרזיצער פונעם יודענראַט. (ס' זבורוב, ז' 54, 56 א"א).

איי־איידיק — „אויב מען קען עסן פאַרפוילטע קאַרטאָפל, דאַן קען מען מיט פלייש, וואָס איז שוין אפשר נישט אַזוי איי־איידיק, אונדז אויך נישט אָפּשרעקן". (ל"ג הילער, טאָגבוך, 27סטן מאַרץ 1944).

א־יידן — „אנשים חשובים. נושאי הסרט עם הסימן "A"... ווערן איבערגעלאָזט ביי דער ערשטער אַקציע אויף אַרבעט". (ס' גוואַזדיעץ 150 ; — „א־יודע", כהנה: יומן ג' לבוב, ז' 67).

איילדינסט — אָפּטייל פון וואַרשעווער געטאָ־פּאָליציי, וואָס צעפירט די באַפעלן אויף רעדלעך, ראַווערן, (פּוטערמאַן, זכרונות, כ"י, ז' 142, ייה"א).

איינבינדונג — שטראָף אין יאַנאָווער לאַגער, לעמבעריק. „די ערגסטע, שרעקלעכסטע". אוודאי געמיינט די שטראָף, וואָס איר אָפיציעלער נאָמען איז Pfahlbinden. (ס' סקאלה, ז' 128).

איינזייפן — באַשטימען צו אַ שווערער און שלעכטער אַרבעט. (ג' שאָול, פּאָנעוועזש, פל"ח, נומ' 2).

איינטרעטן — אויף דער דייטשער קאָמאַנדע א'. שטעלן זיך אין ריי צום „אַפּעל" אין ל' אָדער אַרבעט־אָרט. — „לויפט זיך שטעלן אין דער ריי צום א'. (ר"א).

איינזאַווענען — זע: איינזייפן. „אין באַלטיקום האָט דאָס כאַפּן מענטשן צו זאַנדער־אַרבעט געהייסן א'". (פל"ח, נומ' 6).

איינעסער — דער וואָס פלעגט מיט איין מאָל אויפעסן די גאַנצע ראַציע און נישט איינ־טיילן זי אויף דער גאַנצער צייט פאַר וועלכער זי איז געווען באַשטימט. (ל"ג, קאַפּלאַן, 45).

אייער — גראַנאַטן. (וואַרשעווער אונטערערד). „יאַנקל שיפּמאַן שרייבט אַז אין וו"ג אַרבעטן יידן אויס אייער און מע גרייט זיך". מינסק־מאַז. — **אייער לייגן** — וואַרפן באָמבעס ; (ראַכמאַן, ז' 69).

איך און מיין שיך — ווערט געזאָגט אויף איינעם וואָס אינטערעווירט נאָר פאַר זיך (ג"ל 1021).

איך האָב פּאָסט — ווערטערשפיל פון ל"ג. אַזוי באַרימט זיך אַ ייד. האָט מען זיך גע־וווּנדערט, היתכן ? עס איז דאָך „פּאָסטשפּערע" ! האָט ער געענטפערט : „איך באַקום צוויי קילאָגראַם ברויט אויף אַכט טעג, עס איך עס אויף אין פינף טעג און די איבעריקע דריי האָב איך פּאָסט". [פויל. תענית]. פל"ח נומ. 3.

איך זאָל אַזוי דערלעבן קומען צו קבורת ישראל — „דער אַלטער וווּנטש האָט אין ווי"ל"ג באַקומען אַ נייעם קנייטש : „איך זאָל ניט אומקומען אין פּאָנאַר" (ש. קאַ־טשערגינסקי, פּאָנאַר פאָלקלאָר, כ"י, ייה"א).

אין גלות ביי די בעלי־עגלות — ווערטל אין די געטאָס, ווו די פורמאַנעס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, געווען שמוגלערס. (קאַפּלאַן, 33).

אינדיק — היטלער; וואָרענונג פאַרן דייטשן שומר — אין ליטווישן א״ל. (פל״ת נומ׳ 6). אין קאַצעט זעסטו קיין מאָל ניט זאָט זיין און פון היטלערן ניט קלוג ווערן. (שפּריכוואָרט אין ק״ל. קאַפּלאַן, 46).

איפּאַטינגאַ — ליטוויש. באַזונדערע אָפּטיילונג פון ליטווישער פּאָליציי, וואָס האָט געהאָלפן די דייטשן אין די רדיפות אויף יידן. (העלענאַ קליאַטשקאַ: „די צווייטע געטאָ אין ווילנע״, ייוואָ־בלעטער, ב׳ 30, ז׳ 133).

איציקל — שעף פון געסטאַפּאָ אין קראַשניק, אַ רוצח מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, יידן רופן אים א׳. (ס׳ קראַשניק, 413).

אַכטע קאָמפּאַניע — דער אָרעמסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַרבעטערס און קליינע בעלי־מלאכות. די באַצייכענונג זאָל שטאַמען פון דעם וואָס פאַר דער מלחמה פלעגט אָט דער עולם אויסקויפן ביים שטייעראַמט פּאַטענטן צו מעגן אַרבעטן אין דער אַכטער קאַטעגאָריע (איינע פון די נידעריקסטע). „די בירגערלעכע יידן, למען האמת ניט אַלע, האָבן זיך גאָר אייַנגערעדט, אַז ווען אַפילו אין ערגסטן פאַל — איז ניִשט זיי מייַנט מען עס, נאָר די אַכטע קאָמפּאַניע״. (א. ווייסבראָט: עס שטאַרבט אַ שטעטל, ז׳ 77).

אַכלאָפּ — אָפּפאַל. אין ל״ג געניצט פאַר דער וואַסערדיקער זופּ, וואָס מע פלעגט קריגן אין רעסאָרט. (טאָגבוך, 24סטן יולי 1944, כ״י, ייה״א).

אַכציקער — אַ צוויי וואָכן נאָכן איינעמען דובנע, יולי 1941, האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די שטיבער 80 יידן, זיי אַרויסגעפירט אויפן בית־עולם און געשאָסן ביים ראַנד פון אויסגעגראָבענע קברים. אויף יעדערן פון זיי געזאָגט: „ער איז געגאַנגען מיט די אַכציקער״. „ביזן היינטיקן טאָג, אַ מענטשן פון דובנע, ווען מע פרעגט איינעם פון זיי, ענטפערט ער אַזוי״. (פרידה: „זכרונות וועגן חורבן דובנע״, כ״י, יו״ש).

אַכצן — וואָרן־צייכן אַז אַ דייטש גייט. (ריגער ג׳, קאַפּלאַן, ז׳ 11).

אַלטשטאָף־זאַמלער — זע: זאַמלער־ייד.

דער אַלטער — ל״ג, רומקאָווסקי. (טאָביאַש „זכרונות״, כ״י ייה״א).

אַלטער בחור — היטלער. זייער פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן.

אַליינהילף — מנחם לינדער געשאַפן דאָס וואָרט. (רינגל׳, כתבים 2, ז׳ 167). זע: ייסאַ.

אַלע וועלטן — ס׳איז אויפגעקומען אַ ניי שפּריכוואָרט: „אַלע וועלטן האָט היטלער אומגעבראַכט, נאָר די אונטערוועלט ניט״. וואַריאַנט: „נאָר רוזוועלטן ניט״. (פּרוי זילבערבערג, לובלין).

אַלעיאַ שמענדריקווו — שענגע־גאַס אין וו״ג, ווו עס האָבן געוווינט אַ סך משומדים און אַסימילירטע יידן. (רינג׳, 2טן דעצ. 1940).

אַלע ראַוס, יודען־ראַוס — מיט דעם אויסגעשריי פלעגן דייטשן טרייבן יידן פון די הייזער בעת אַן אַקציע. (מינסק מאַז., ז׳ 371, 438 א״א; ס׳ גובורובה, ז׳ 395; ס׳ אַלכסנדריא, ז׳ 252 א״א).

אַלפל (אַלעפל) — אַלף טויזנט זלאָטעס כאַבאַר פאַרן באַפרייען פון גיין אין אַן א״ל. (ר״א 388, אַפּריל 1941).

אַמכּו (פּאַן) אַמכּאָווסקי — עמך. מיט דעם וואָרט האָבן יידן אויף דער אַרישער זייט זיך געגעבן צו דערקענען, רעדנדיק פּויליש.

אַמעריקאַנער — יידן, אינטערנירטע אין פּאַוויאַק, וואָס האָבן געהאַט פּאַפּירן אַז זיי זייַנען אויסלענדישע בירגערס און געוואָרט, מע זאָל זיי אָפּשיקן אין ספּעציעלע אינ־טערניר־לאַגערן: וויטעל, האַנאָווער, בערגען־בעלזען. — די אָפּטיילונג פון דער תפיסה, ווו די יידן האָבן זיך געפונען, גערופן אַ מ ע ר י ק ע. — צו די אינטערנירטע זיך באַצויגן בעסער. דאָס וואָרט אויך גענוצט די פּוילישע אַרעסטירטע און אַנגעשטעלטע פון תפיסה. („די צען פון פּאַוויאַק״, כ״י, ייה״א).

אַנגליק — ענגלענדער, באַצייכענונג פאַר אַ יידן אויף דער אַרישער זייט, ס׳רוב באַנוצט פון יידן „אַריער״, רעדנדיק פּויליש.

אַנדזשיבום — זידלוואָרט פאַר די אויפשטענדלערס אין וו״ג. (ק. צטניק; „סלמנדרה״, ז׳ 285: „שם גנאי למתקוממים בגיטו ורשה, מעין בריונים״).

אַנדערע גאַס, אַרישע, „זייער״ גאַס — די גוישע. (ס׳ ז׳לודק, ז׳ 96).

אַנוויזערקע — געהילפין ביי אַן אויפזעערין אין לאַגער. (אַשפּיצין, מיידאַנעק א״א).

אַנטוואַגצן — „איך בין געווען צוגעטיילט צו אַרבעט אין דער דעזינפעקציע־אָפּטיילונג פון ל׳ און האָב אַנטוואַנצט באַראַקן, דעזינפיצירט מלבושים, וועש און קאָל־דרעס״. (מאַריאַ רוזשאַ קאַמסלער; „די יידישע פּאָליציי אין פּלאַשעווער ל״, בלעטער פון פיין און אומקום, ז׳ 62).

אַנפּאַלער — מיטגליד פון דער איבערפּאַל־קאָמאַנדע (זע). (ל״ג. ש. פראַנק, טאָגבוך, כ״י, 20סטן יאַנואַר 1941).

אַסקאַר — וואַך אין יאַנאָווער ל׳ (נעבן לעמבערג). באַשטאַנען פון געוועזענע סאָוועטישע זעלנערס, וואָס אַריבער צום דייטש. דער נאָמען שטאַמט פון די דייטשן; אַזוי גערופן די קאָלאָניאַלע אַרמיי אין די דייטשע קאָלאָניעס אין אַפריקע.

אסתר המלכה — ידיש מיידל אין ווילנער ג׳ וואָס האָט געהאַט ביי די דייטשן ספּעציעלע פּריווילעגיעס: געגאַנגען אָן דער געלער לאַטע, געמעגט גיין אויפן טראָטואַר אד״גל. („ווילנער געטאָ־ווערטלעך״, ייוואָ־בלעטער, ב׳ 30, נומ׳ 1. אויך אין אַנדערע געטאָס: ראַדעם, זשעלעכאָוו א״א געווען אַן א׳ ה׳).

אַראַדראָם — אַרבעט־בריגאַדע אויפן קאָוונער פלוג־פּלאַץ. „דורכן טויער גייט דער א׳.״ (יעלין, ז׳ 190).

אַראַדראָמשטשיק — ייד וואָס אַרבעט אויפן אַראַדראָם קאָוונע. געווען דאָס ערגסטע אַרבעט־אָרט. — „אַ פינצטערער א׳, ד״ה אין אַ פינצטערן מזל געבוירן, ווערט פאַרפינצטערט, האַרעוועט ניט זעלטן דורך דער פינצטערער נאַכט. (פּל״ח 2). וועגן א׳ האָט מען אין קאָוונער ג׳ געזונגען: „כ׳וואָלט איינגעפאַלן לאַנג שוין ווי אַן אויסגעדאַרטער בוים / ווען ניט אַ ברעקל האָפענונג, ווען ניט אַ העלער טרוים. / אַך טירחהט, טירחהט, האָרעוועט, פאַרלירט ניט קיין מוט, / ס׳וועט פאַר אַראַדראָמשטשיקעס נאָך ווען ניט איז זיין גוט״.

אַפּאַסקע — אין אָנהייב געטייט אין דער האַנט, דערנאָך מיט אַ געדרוקטן מגן־דוד, במקום אויסגעשטיקטן. האָבן אַ חסרון: ביים וואַשן ווערן זיי בלאַס. אַרויס־געלאָזט אַ׳ פון אַ מין גומי, וואָס מיט אַ נאַס טיכל לאָזט זיך עס אָפּווישן, ריין מאַכן. (ס׳ גרויס־ראַדאָמישלע, ז׳ 685).

— אַרעמבאַנד מיטן מגן־דוד, וואָס יידן זיינען פון 1טן דעצ. 1939 געווען געצוווּנגען צו טראָגן לויט דער פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק. אַרויס־גיין אין גאַס אָן אַ א׳ האָט געדראָט מיט טויטשטראָף. האָט מען מחמת דעם אין וווינונג אויף דער דרויסנדיקער טיר אויפגעהאָנגען אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „געדענק אָנטון די אַפּאַסקע״. געווען אַן אויסדרוק: דער הימל זאָל אין דיר אַזוי געדענקען ווי דו געדענקסט אָנצוטאָן די א׳ (ר״א, רעפּאָרטאַזש: „אויף די גאַסן״, 1941. זע: אַרעמבאַנד, מגן־דוד, לאַטע).

אָפּגעבן דאָס וואַזשיווע־ביכל — האַלטן ביים שטאַרבן. דאָס „וואַזשיווע־ביכל״ האָט באַ־רעכטיקט צו קריגן גרינסן. (ל״ג, פּל״ח, נומ׳ 7).

אָפּחורשן — אומטערקויפן. (גאָלדשטיין, ז׳ 171; מ. שטריגלער, אין די פאַבריקן פון טויט, ז׳ 165).

אָפּסמען — אומטערקויפן. „מ׳האָט געמוזט יעדן אָפּסמען״. (ל׳ דרעווניצע, ר״א, אַפּריל 1941).

אָפּעל — אין ל׳ איז יעדן אינדערפרי און אין אָוונט פאָרגעקומען אַן א׳ אונטערן פרייען הימל, בעת וועלכן אַלע לאַגערניקעס האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין ריי, כדי פעסטשטעלן, צי עס פעלט קיינער נישט; אַפילו אַ טויטן געמוזט ברענגען צום א׳, אָוועקלייגן אויף דער ערד. דער א׳ איז געווען געבונדן מיט אַ ספּע־ציעלן סיסטעם פון פייניקונגען. אַן אָוונט־א׳ האָט טיילמאָל געדויערט עטלעכע שעה, נישט געקוקט אויפן וועטער.

אָפּעראַציע — קאָנקרעטע אויפגאַבע וואָס אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע דאַרף דורכפירן. עס זיינען געווען קאַמף־א׳ — ווען געדאַרפט אויספירן אַן אַקט פון סאַבאָטאַזש; א׳ — ליקווידירן אויף אַ געוויסן אָרט דעם שונא; שפּייז־א׳ — ווען געדאַרפט פאַרזאָרגן די אָפּטיילונג מיט שפּייז־פּראָדוקטן. גיין אויף א׳, צוריק קומען פון אַן א׳. — „יעדע נאַכט גייען מיר אַרויס אויף א׳... איצט גרייטן מיר זיך אַרונ־טערלאָזן אַ באַן פון דער ליניע״. (ס׳ ביטען, ז׳ 286). „יעדע נאַכט גייען מיר אַרויס אויף א׳, מיר ברענגען קעסלען, כלים, עסנוואַרג... טייל גיבן אונדז פּראָדוקטן פרייוויליק, ביי אַנדערע נעמען מיר אַליין״. (דאַרטן, ז׳ 247).

אַפּרוך — (1) אַרבעט ביים אַראָפּרייסן הייזער, וואָס פון זיי „אויסגעזידלט״ די יידן; (2) דאָס אָרט וווּ מע פאַרנעמט זיך מיט א׳, אַפּרוך־שטעלע; (3) די קאָמאַנדע וואָס פאַרנעמט זיך מיט א׳ האָט זיך גערעכנט ווי זייער אַ שווערע אַרבעט. מען האָט געשיקט אויף דער אַרבעט די וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּקומען אַ שטראָף. — „20 פּאָליציסטן זיינען באַזייטיקט געוואָרן און וועלן מוזן גיין צום א׳״. (כ״י פון ל״ג, מחבר אומבאַקאַנט, 9טן יולי 1944. שטאַמט פון דייטשן Abbruch).

אָפּשניידן — „פון קאָוונער ג׳ גייען יעדן טאָג אַרויס (דורך צוויי באַזונדערע טויערן) די שטאָטישע (אַרבעטן אין שטאָט), און די שטעפּערס צום עראָדראָם. די אַרבעט דאָ איז זייער אַ שווערע. דעריבער גייען אַהין זייער ווייניק אַרבע־טער. אַזוי ווי אָבער דעם קאָנטינגענט מוז מען צושטעלן, פלעגט די מאָבילי־

זאַציע־אָפּטיילונג אָפּטיילן פון יעדער שטאָטישער בריגאַדע אַ געוויסע צאָל מענטשן... און צושטעלן זיי צו די אַעראָדראָם־אַרבעטער. אַזאַ אָפּעראַציע האָט מען גערופן אַ׳. (פל״ח, נומ׳ 8).

אַקאַ — ראשי־תיבות פון „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״, פּוילישע אונטערערדישע אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט קעגן די דייטשן. איבער די אָפטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון אירע אָפּטיילן, האָט מען די ראשי־תיבות געלייענט: אַ כ פּ ר ה.

אַקאַוועצעס — מיטלידער פון אַקאַ. „צוליב די אַ׳ האָבן פּאַלאַקן מורא צו העלפן יידן״. (ס׳ קאַריוו, ז׳ 330). „די אַ׳ זוכן איצט (1944) יידן מער ווי די דייטשן״. (דאַרטן, ז׳ 336).

אַקאַדעמיק — ייד אויף דער אַרישער זייט. געניצט פון יידן וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט ווי אַריער.

אַקאַעסניק — אָפּגעשוואַכטער. קומט פון דייטשישן AKS — „אַלגעמיינע קערפּערשוועכע״. (דוואָרזשעצקי, ז׳ 19).

אַקאָרדמאָרד — ווען די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט יידן זאָלן אַרבעטן אויף אַקאָרד, האָבן יידן דאָס גערופן אַקאָרד־מאָרד און דערמיט געוואָרנט, מען זאָל זיך ניט איבערנעמען מיט דער אַרבעט. (קאַפּלאַן, ז׳ 17).

אַקטאָר — ייד אויף אַרישע פּאַפּירן — לעמבערג.

אַקס — נאָמען פאַרן דייטש־איטאַליענישן אָפּמאַך. (1) „אויפן וועג איז געשטאַנען אַן אייזל און ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. עס זיינען אָנגעקומען צוויי גרויסע (היטלער און מוסאָליני), רופט זיך אָן איינער: כ׳האָב שוין אַ מיטל. ער איז צוגעגאַנגען צום אייזל און אים אַריינגעשושקעט אין אויער. דער אייזל איז גלייך אַנטלאָפן. — וואָס האָסטו אים אַזוינס געזאָגט? — פרעגט דער צווייטער. איך האָב אים פאַרגעלייגט צוצוטרעטן צו דער אַקס״. (רינג׳, דעצ. 1941); (2) אַ געסטאַפּאָ־מאַן פרעגט אַ יידן, ווער וועט געווינען די מלחמה? דער ייד ענטפערט: אַקסע — און טייטשט אויס: אַמעריקע, כינע, סאָוועטן, ענגלאַנד. — און ווער וועט פאַרשפּילן די מלחמה? — ייד, און טייטשט אויס: יאַפּאַן, איטאַליע, דייטשלאַנד. (באַקאַנט אין וו״ג, אין לעמבערגער ג׳ א״א).

אַקציאַ, אַקציע — צונויפנעמען אַ טייל יידן פון ג׳ אָדער אַלע, כדי זיי אַוועקפירן אין אויסראָט־לאַגער אָדער אומברענגען אויפן אָרט. דאָס סאַמע פאַרשפּרייטסטע וואָרט פון דער נאַצי־תקופה, געניצט אין אַלע געגנטן און אויך אין אַלע לשונות. פון אַ לאַגערליד: „דער פאָטער איז אין אַקציאַ אַוועק / און מיט דער מוטער זיך צעשיידט אין שרעק״. — „די גרויסע פּאָגראָמען — אַקציעס ווערן זיי עופעמיסטיש אָנגערופן״. (אליהו גוטקאָווסקי, „דער בלוטיקער סך־הכל״, ר״א, 166, 6טן יוני 1942). — אין ביאַל״ג האָט מען געהאַלטן (מ. טאַמאַראָוו־טענענבוים אין זיינע נאָטיצן; אָנהייב 1943), אַז דאָס וואָרט האָט מען צום ערשטן מאָל געניצט אין ווילנע ביי דער ערשטער אַקציע, סעפּטעמבער 1941. אָבער דאָס וואָרט האָבן די ד י י ט ש ן געניצט אין זייערע אַמטלעכע דאָקומענטן נאָך פאַר דער מלחמה, למשל, בעת די נאָוועמבער־געשעענישן פון

—אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד, וואָס יידן זיינען פון 1טן דעצ. 1939 געווען געצווונגען צו טראָגן לויט דער פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק. אַרויס־גיין אין גאַס אָן אַן אַ׳ האָט געדראָט מיט טויטשטראָף. האָט מען מחמת דעם אין ווינונג אויף דער דרויסנדיקער טיר אויפגעהאָנגען אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „געדענק אָנטון די אַפּאַסקע״. געווען אַן אויסדרוק: דער הימל זאָל אין דיר אַזוי געדענקען ווי דו געדענקסט אָנצוטאָן די א׳ (ר״א, רעפּאָרטאַזש: „אויף די גאַסן״, 1941. זע: אָרעמבאַנד, מגן־דוד, לאַטע).

אָפּגעבן דאָס וואַזשיווע־ביכל — האַלטן ביים שטאַרבן. דאָס „וואַזשיווע־ביכל״ האָט באַ־רעכטיקט צו קריגן גרינסן. (ל״ג, פּל״ח, נומ׳ 7).

אָפּהורשן — אונטערקויפן. (גאָלדשטיין, ז׳ 171; מ. שטריגלער, אין די פאַבריקן פון טויט, ז׳ 165).

אָפּסמען — אונטערקויפן. „מ׳האָט געמוזט יעדן אָפּסמען״. (ל׳ דרעוויניצע, ר״א, אַפּריל 1941).

אַפּעל — אין ל׳ איז יעדן אינדערפרי און אין אָוונט פאָרגעקומען אַן א׳ אונטערן פרייען הימל, בעת וועלכן אַלע לאַגערניקעס האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין ריי, כדי פעסטשטעלן, צי עס פעלט קיינער נישט; אפילו אַ טויטן געמוזט ברענגען צום א׳, אַוועקלייגן אויף דער ערד. דער א׳ איז געווען געבונדן מיט אַ ספּע־ציעלן סיסטעם פון פּייניקונגען. אַן אָוונט־א׳ האָט טיילמאָל געדויערט עטלעכע שעה, נישט געקוקט אויפן וועטער.

אָפּעראַציע — קאָנקרעטע אויפגאַבע וואָס אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע דאַרף דורכפירן. עס זיינען געווען קאַמף־א׳ — ווען געדאַרפט אויספירן אַן אַקט פון סאַבאָטאַזש; א׳ — ליקווידירן אויף אַ געוויסן אָרט דעם שונא; שפּייז־א׳ — ווען געדאַרפט פאַרזאָרגן די אָפּטיילונג מיט שפּייז־פּראָדוקטן. גיין אויף א׳, צוריק קומען פון אַן א׳. — „יעדע נאַכט גייען מיר אַרויס אויף א׳... איצט גרייטן מיר זיך אַרונ־טערלאָזן אַ באַן פון דער ליניע״. (ס׳ ביטען, ז׳ 286). „יעדע נאַכט גייען מיר אַרויס אויף א׳, מיר ברענגען קעסלען, כלים, עסנוואַרג... טייל גיבן אונדז פּראָדוקטן פרייוויליק, ביי אַנדערע בעמען מיר אַליין״. (דאָרטן, ז׳ 247).

אָפּרוך — (1) אַרבעט ביים אָראָפּרייסן הייזער, וואָס פון זיי „אויסגעזידלט״ די יידן; (2) דאָס אָרט וווּ מע פאַרנעמט זיך מיט א׳, אָפּרוך־שטעלע; (3) די קאָמאַנדע וואָס פאַרנעמט זיך מיט א׳ האָט זיך גערעכנט ווי זייער אַ שווערע אַרבעט. מען האָט געשיקט אויף דער אַרבעט די וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּקומען אַ שטראָף. — „20 פּאָליציסטן זיינען באַזייטיקט געוואָרן און וועלן מוזן גיין צום א׳ ״. (כ״י פון ל״ג, מחבר אומבאַקאַנט, 9טן יולי 1944. שטאַמט פון דייטשן Abbruch).

אָפּשניידן — „פון קאָוונער ג׳ גייען יעדן טאָג אַרויס (דורך צוויי באַזונדערע טויערן) די שטאָטישע (אַרבעטן אין שטאָט), און די שטעפּערס צום עראָדראָם. די אַרבעט דאָ איז זייער אַ שווערע. דעריבער גייען אַהין זייער ווייניק אַרבע־טער. אַזוי ווי אָבער דעם קאָנטינגענט מוז מען צושטעלן, פלעגט די מאָבילי־

זאַציע־אָפּטיילונג אָפּטיילן פון יעדער שטאַטישער בריגאַדע אַ געוויסע צאָל מענטשן... און צושטעלן זיי צו די אַעראָדראָם־אַרבעטער. אַזאַ אָפּעראַציע האָט מען גערופן אַ׳. (פל״ה, נומ׳ 8).

אַקאַ — ראשי־תיבות פון „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״, פּוילישע אונטערערדישע אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט קעגן די דייטשן. איבער די אָפטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון אירע אָפּטיילן, האָט מען די ראשי־תיבות געלייענט: אַ כ פ ר ה.

אַקאָווצעס — מיטלידער פון אַקאַ. „צוליב די א׳ האָבן פּאָלאַקן מורא צו העלפן יידן״. (ס׳ קאַריוו, ז׳ 330). „די א׳ זוכן איצט (1944) יידן מער ווי די דייטשן״. (דאָרטן, ז׳ 336).

אַקאַרעמיק — ייד אויף דער אַרישער זייט. געניצט פון יידן וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט ווי אַריער.

אַקאַעסניק — אָפּגעשוואַכטער. קומט פון דייטשישן AKS — „אַלגעמיינע קערפּערשוואַכע״. (דוואָרזשעצקי, ז׳ 19).

אַקאָרדמאָרד — ווען די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט יידן זאָלן אַרבעטן אויף אַקאָרד, האָבן יידן דאָס גערופן אַקאָרד־מאָרד און דערמיט געוואָרנט, מען זאָל זיך ניט איי־בערנעמען מיט דער אַרבעט. (קאַפּלאַן, ז׳ 17).

אַקטאָר — ייד אויף אַרישע פּאַפּירן — לעמבערג.

אַקס — נאָמען פאַרן דייטש־איטאַליענישן אָפּמאַך. (1) „אויפן וועג איז געשטאַנען אַן אייזל און ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. עס זיינען אָנגעקומען צוויי גרויסע (היטלער און מוסאָליני), רופט זיך אָן איינער: כ׳האָב שוין אַ מיטל. ער איז צוגעגאַנגען צום אייזל און אים אַריינגעשושקעט אין אויער. דער אייזל איז גלייך אַנטלאָפן. — וואָס האָסטו אים אַזוינס געזאָגט? — פרעגט דער צוויי־טער. איך האָב אים פאַרגעלייגט צוצוטרעטן צו דער אַקס״. (רינג׳, דעצ. 1941); (2) אַ געסטאַפּאָ־מאַן פרעגט אַ יידן, ווער וועט געווינען די מלחמה? דער ייד ענטפערט: אַקסע — און טייטשט אויס: אַמעריקע, כינע, סאָוועטן, ענגלאַנד. — און ווער וועט פאַרשפּילן די מלחמה? — ייד, און טייטשט אויס: יאַפּאַן, איטאַליע, דייטשלאַנד. (באַקאַנט אין וו״ג, אין לעמבערגער ג׳ א״א).

אַקציאַ, אַקציע — צונויפנעמען אַ טייל יידן פון ג׳ אָדער אַלע, כדי זיי אַוועקפירן אין אויסראָט־לאַגער אָדער אומברענגען אויפן אָרט. דאָס סאַמע פאַרשפּרייטסטע וואָרט פון דער נאַצי־תקופה, געניצט אין אַלע געגנטן און אויך אין אַלע לשונות. פון אַ לאַגערליד: „דער פאָטער איז אין אַקציאַן אַוועק / און מיט דער מוטער זיך צעשיידט אין שרעק״. — „די גרויסע פּאָגראָמען — אַקציעס ווערן זיי אופּפעמיסטיש אָנגערופן״. (אליהו גוטקאָווסקי, „דער בלוטיקער סדר־הכל״, ר״א, 166, 6טן יוני 1942). — אין ביאַל״ג האָט מען געהאַלטן (מ. טאַמאַראָוו־טענענבוים אין זיינע נאָטיצן; אַגהייב 1943), אַז דאָס וואָרט האָט מען צום ערשטן מאָל געניצט אין ווילנע ביי דער ערשטער אַקציע, סעפּטעמבער 1941. אָבער דאָס וואָרט האָבן די ד י י ט ש ן געניצט אין זייערע אַמטלעכע דאָקומענטן נאָך פאַר דער מלחמה, למשל, בעת די נאָוועמבער־געשעענישן פון

1938 אין דייטשלאַנד. — אַזוי ווי אין אײן אַרט זײַנען פֿאָרגעקומען מערערע אַקציעס, האָט מען זיי גערופֿן נאָכן סדר נאָך: די ערשטע א׳, די צווייטע א׳ אא״וו. ביי די שפּעטערע אַקציעס האָבן יידן שוין געהאַט סימנים צו דערקענען, אַז עס דערנענטערט זיך אַן א׳. — „זיי גרייטן שוין די אַקציע. גויים פון די אַרומיקע דערפער גראָבן גריבער״. (ס׳ ביטען, ז׳ 229). אַן אַקציע געקאַנט דויערן עטלעכע טעג, אָדער אַ לענגערע צייט. — „יעדן אַנדערן טאָג באַווייזט זיך אויף די מויערן אַ פרישער פּלאַקאַט, אונטערגעשריבן דורך דער לייטונג פון דער יידישער פּאָליציי אַז די א׳ (אַזוי האָט עס געהייסן) דויערט ווייטער״. (י. פּערלע, „חורבן וואַרשע 1942״, ר״א 2).

גרויסע א׳ געהייסן, ווען זי האָט פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פון ג׳; קליינע א׳ — ווען אומגעבראַכט אַ קלענערע צאָל יידן; קאָנטינגענט־אַקציע, ווען דער יודענראַט האָט געדאַרפט צושטעלן אַ באַשטימטע צאָל קרבנות און זיי גענומען לויט ספּעציעלע רשימות; בלינדע א׳ — בעת וועלכער מע האָט געכאַפּט צופעליקע מענטשן. (רינג׳, 24סטן מאַרץ 1942); אַ ווילדע א׳ — האָט זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע אַכזריות, געשאָסן מענטשן אויפן אָרט; שטילע א׳ — מען האָט אָן גערויש און טומל צונויפגענומען די קרבנות, וואָרעם געווינלעך פלעגט מען די א׳ דורכפירן מיט גרויס געפילדער, מיט שיסערייען, ברעכן טירן און שויבן, אויפרייסן בונקערס אאַז״וו. שטילע א׳ זענען ס׳רוב געווען אויף בתי־זקנים, קראַנקע אין שפּיטאָלן, יתומים־הייזער א״א. גייען מיט דער א׳ באַטייט: אומקומען בעת דער א׳. — „אַוועק מיט דער צווייטער א׳״. (ס. ווילייקה, ז׳ 251).

געווען אויך אַ—ס אויף זאַכן, למשל, די פאַרמעגנס־אַקציע אין קאָוונע און אַנדערע שטעט, אַקציע אויף פוטער — זע פוטער־אַקציע.

— לויט די מענטשן וואָס די א׳ האָט פאַרכאַפּט, אונטערשיידט מען: קינדער־א׳. למשל אין וואָלאָדאווע, יולי 1942, די קינדער דאַרפן קומען ריינע, ציכטיקע, ווייל דער פירער פון דער א׳ „האָט ליב ריינע קינדער״ (ס. וואָלאַדאווע, ז׳ 711; לאָדזש, סעפּטעמבער 1942). א׳ אויף דער יידישער אינטעליגענץ — לודמיר, 13.5.42 (ס׳ לודמיר, ז׳ 85, לעמבערג, טשאָרטקאָוו א״א). אויף זקנים — (באָרשטשיוו). א׳ פון איינזאַמע — ס׳זאָלן נישט בלייבן אין ג׳ וויינערס נאָך די אומגעקומענע. (ראָזענפאָרב, ב׳ III, ז׳ 509). א׳ אויף קינדער און אַלטע לייט — אין קאָנסקיע־וואָליע; „די קינדער צעריסן, אַלטע לייט געשאָסן״. (ס׳ קאָריוו, ז׳ 503). זע: פּאָגראָם, שחיטה.

אַראָפּבייגן זיך — אַרייַנלייגן צו זיך אין קעשענע זאַכן וואָס מע (ד״ה די יידישע „רויִמונגס־קאָמאַנדע) געפינט ביים סאָרטירן דאָס יידישע פאַרמעגן נאָכן ליקווידירן דאָס ג׳. אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט, פרעגט איינער דעם צווייטן: „האָסט זיך היינט עפּעס אַראָפּגעבויגן?״, און דער צווייטער ענטפערט: „היינט האָב איך זיך אַזוי אַראָפּגעבויגן, אַז איך האָב באַקומען דעם הויקער״, ד.ה. אַ סך געלקחנט. (ש. ראָטנבערג, צוויזמער, סטאַשעוו).

אַרבוז — קאָפּ פון אַן אויסגעגראָבענעם, כדי אים צו פאַרברענען אויפן שייטער. (זע: טרעבלינקאַ).

אַרביטראַזשיסט — הענדלער מיט וואַלוטע, וואַלוטשאַזש, וואָס עקספּאָרטירט די „סחורה" מחוץ ג׳ און אַפילו מחוץ די גרענעצן פון ג"ג, אָבער ער אַליין פאָרט ניט, נאָר שיקט דעם בוקס [זע]. (ר"א, 61, „די שוואַרצע גילדע").

ארבעה — היטלער, „פירער". (קאָוונער ג׳, פל"ח, נומ׳ 2).

אַרבעט האָב איך... — פראַזע פון רומקאָווסקיס אַ רעדע אין ל"ג: „אַרבעט האָב איך פאַר אייך און עסן האָב איך", האָט מען איבערגעגעבן מיט אַן אַק־צענטירונג „פאַר אייך" און „האָב איך". (פל"ח, נומ׳ 3).

אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס — דאָס שפּריכוואָרט די נאַציס אָפּט געניצט; יידן פלעגן צוגעבן פאַרשיידענע קאָמענטאַרן: (1) „... דאָס פּנים מיאוס, און מע באַקומט לאַנגע פּיס". (ל׳ סקאַרזשיסקאַ, בוכוואַלד). (2) „... קורצע טעג און לאַנגע פּיס"; (3) אַ דייטש שלעפּט אַ יידן צו דער אַרבעט און זאָגט...; ענטפערט דער ייד: „כ׳בין נישט קיין נאַשער". (רינג׳, מאַי 1940); (4) וואַריאַנט — דער ייד ענטפערט צום גראַם: „ברעך הענט און פּיס".

אַרבעט מאַכט פריי — אויפשריפט אויפן אייַנגאַנג־טויער אין אוישוויצער לאַגער; ל׳ יידן פלעגן צוגעבן: „פון לעבן... און קרעמאַטאָריום איינס־צוויי־דריי".

אַרבעט־געמיינשאַפט — וואַרשטאַטן וואָס אַרבעטן אויס אַרטיקלען פאַר דער דייטשישער ווירטשאַפט, אַרמיי. דער נאָמען פאַרשפּרייט אין ראַדעם, קראָקע א"א געטאָס. (ס׳ סקול, ז׳ 347. אין וו"ג גערופן שאָפּ, אין ל"ג רעסאָרט).

אַרבעטספּליכט־פּאַס — קאַרטע וואָס באַקומען יעדער ייד, געצוואונגען צו אַרבעטן פאַר די דייטשן: מענער פון 17 ביז 55; פרויען פון 18 ביז 45. אויפן א"פ אַ נומער, דער נאָמען, פאַמיליע־נאָמען, עלטער, אַדרעס; מיט דער צייט איז דער נאָמען אַזוי ווי פאַרשוווּנדן און געבליבן איז נאָר דער נומער. מע פלעגט רופן צו דער אַרבעט לויט די נומערן: גראַדע איין טאָג, אומגראַדע אַן אַנדער טאָג. אויפן לשון פון „אַרבייטסאייַנזאַץ" האָט עס געהייסן טורנוס א — די אומ־גראַדע נומערן, טורנוס בע — די גראַדע. (קאָוונער ג׳, פל"ח נומ׳ 8).

אַרבעט־קאָמאַנדע — גרופּע אַרבעטער וואָס פירט אויס אַ באַשטימטע אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון אַן עלטסטן.

אַרבעט־רעסאָרטן — ל"ג. „גרויסע געביידעס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר פאַבריקן, גערופן א"ר". (ראָזענפאַרב, ב׳ 2, ז׳ 135).

אַרבעט־שיין — באַשטעטיקונג אַז מ׳אַרבעט אין אַ דייטשער פירמע, אויף אַ פּלאַצוווקע. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 318). זע: פּלאַצוווקע, שיין.

אָרגאַניזירן — צונעמען פון די דייטשישע סקלאַדן, האַנדלען מיט די געגנבעטע זאַכן. די לאַגעריסטן האָבן עס ניט באַטראַכט ווי אַ חטא. דאָס וואָרט איז געווען באַ־קאַנט אין אַלע ל׳ און איז אַפילו אַריין אין דייטשישע אָפיציעלע דאָקומענטן.

אָרדענונגסדינסט — אָפיציעלער נאָמען פון יידישער פּאָליציי אין ג׳ און אַ טייל לאַגערן. אין וו"ג זיך געוויצלט: עס איז געווען אַ יישוב־הדעת, מיט וואָסער צייכן די אָרדנערס זאָלן זיך באַגריסן, לסוף האָט מען באַשלאָסן: זאָלן זיי הייבן דעם גראָבן פינגער און דעם ווייַזפינגער, וואָרעם מיט זיי ציילט מען געלט — אַן

אָנצוהערעניש אויף כּאַבאַר. (ר"א, 301, נאָטיץ פון ה. וואַסער פון 11טן דעצעמ־בער 1940). באַנוצט אויך יידישע פּאָליציי אָדער מיליץ וכו'.

אָרדנער — (1) — יידישער פּאָליציאַנט אין ג' — אָדע, אָדעמאַן (זע). „די קהילה־לייט האָבן דורך זייערע אָ' זיך געלאָזט אין אַ געיעג צו כאַפּן נאָך האַלבער נאַכט יידן אויף אָפּצושיקן אין די פאַרניכטונג־לאַגערן...". (וו"ג, ר"א 174, אַפּריל 1941 ; ר"א 1209, 4.12.40). (2) לאַגעריסט וואָס גיט אַכטונג אויף דער אָרדע־נונג אין בלאָק. (יאַנעווער ג' א"א).

אַרטיסט — (1) ייד אויף דער אַרישער זייט, דאָס זעלביקע וואָס אַקטיאָר, אַקאַדעמיק, אַנגליק א"א. — דער נאָמען נעמט זיך דערפון וואָס יידן אויף דער אַרישער זייט געמוזט די גאַנצע צייט שפּילן די ראָל ווי אַן אַרטיסט אויף דער סצענע ; (2) אַזוי האָבן די דייטשע קאַפּאָס גערופן אַ יידן וואָס זיך געקלאָגט אויפן געזונט : ס'הייסט ער וויל נישט אַרבעטן, ער שפּילט די ראָל פון אַ קראַנקן. אויף אַזאַ איינעם איז געווען אסור לרחם. (פּל"ח 2).

אַריינמאַשעווען — אַריינגנבענען זיך אין ג' — „אַריינמאַשעווען דורכן טויער". — (ביאַליסטאָקער ג').

אַריינרעדלען, אַרויסרעדלען — אַריינשמוגלען, אַרויסשמוגלען סחורה (וו"ג).

אַריער — נאַצי, שפּאַטיש. אין כּתב געניצט מיט ציטיר־צייכנס. אויך אַרייטשיק, אַרייקאַ. (וו"ג, ר"א 1393, פעברואַר 1940). אין אַ וויגליד פון קאָוונער ג' זינגט זיך :

שלאָף מיין קינד, מיין קליינער,	די זינד איז גאָר אַ גרויסע,
מאַך די' אייגעלעך צו.	זי האָט געבראַכט צום קריג.
דו ווייסט ניט פון קיין זינדן,	לאָזט ניט צו די אַריער
וואָס שונאים שרייבן דיר צו.	דערגרייכן זייער זיג.

אַריש — געוויינטלעך געניצט איראָניש, אָפט אין פאַרבינדונג אַריש־נאַריש.

אַרישע פּאַפּירן — געפעלשטע דאָקומענטן וואָס דאַרפן דערווייזן אַז מען איז אַן אַריער. טרעפט זיך אין פאַרשיידענע ווערטלעך : איין ייד פרעגט אַ צווייטן צי ער האָט שוין געפונען אַ ניט־ייד וואָס ער זאָל קענען אויף זיין נאָמען איבערשרייבן זיין געשעפט — „האָסט דיר שוין געפונט אַן אַריש געשעפט" ? „ס'איז אַ נאַריש געשעפט", ענטפערט דער צווייטער. (נאָטיצן אויף פּויליש פון פּאַוויאַק, ייה"א). אַ דייטש שטעלט אָפּ אַ יידן און פרעגט : „זינד זי אַריש ?" — „ניין, איך בין בעריש", ענטפערט דער ייד. (וו"ג).

אַרעמבאַנד — באַנד אויפן אָרבל וואָס יידן געמוזט טראָגן אונטער די נאַציס. „פירסט טראָגט ניט קיין אַרעמבאַנד (אָפּאַסקע), גייט אין שטיוול ; אָן קיין נאָהייקע רירט ער זיך נישט. אַזוי זעען אויס אַלע געסטאַפּאָ־לייט, און ער איז איינער פון זיי". (י. פּערלע, „חורבן וואַרשע", ר"א II, 1245). זע : אָפּאַסקע, בינדע.

אַ שיינע כּפּרה אויף משיח'ן — ער האָט ניט געוואָלט קומען צו יידן מיט בערד, מוז ער קומען צו יידן אָן בערד. געזאָגט יידן, וואָס מען האָט זיי בגוואַלד אָפּגעשוירן די בערד. (ס' זשעליכאָוו, ז' 210).

אַ שיין עסק — ס'איז פאַרבונדן מיט אַזאַ מעשה: אין ל"ג געווען אַ גרויסער דוחק אין פּראָדוקטן, נאָר עסיק איז געווען לרוב. רומקאָווסקי זאָל האָבן פאַרלאַנגט פון די דייטשן פּראָדוקטן, אָבער וואָס ער האָט נאָר אויסגערעכנט, האָבן זיי אים געענטפערט, אַז ס'איז ניטאָ. רומקאָווסקי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט: „אַ שיין עסק". דערהערנדיק דאָס, האָבן די נאַציס געענטפערט: „וואָס? עסיק? דאָס באַקומט איר!" און מען האָט געליפערט עסיק אין ל"ג. (פל"ה 3).

אַשכּנז, אַשכּנזים, אַשכּנזיש — דייטש, דייטשן, דייטשיש. אַזוי באַצייכנט רינג' א"א. „מען זאָגט אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דער קאָזשעניצער, זייענדיק געשלאָגן דורך י ע נ ע (זע), דערקלערט, אַז „ווען דער שופר וועט טון אַ בלאָז, וועט פון די אַשכּנזים ווערן אַ האָז" — ד"ה אַז ביז ראש־השנה וועלן די דייטשן אַנטלויפן. (רינגל', 26סטן סעפּט' 1940).

אַשמדאַי — היטלער. (קאָוונער ג', פל"ה 2).

אַ שעה אין מויל — ביים רעקלאַמירן איריסן (צוקערלעך), וואָס געווען האַרט ווי אַ שטיין און זענען זיך ניט אַזוי גיך צעגאַנגען אין מויל: „איריסן, איריסן! גרויסע קלעצער! גאַנצע בעלקעס! אַ שעה אין מויל! פאַר צוויי מאַרק אַ שטיק. ווען מען געבן? דאָס איז אַ רפואה איבערצולעבן די מלחמה". (י. בריקס: „אַ קאַץ אין געטאָ", „דער טאָג", 28סטן אָקטאָבער 1949).

אשר־יצר־געמיינשאַפט — אַרבעט־אָפּטיילונג אין פּלאַשעווער ל', ווו מען האָט אויסגעאַרבעט פּאַפּירענע בייטלען.

אתּה שומר — צייכן, אַז עס גייט דער וועכטער. (קאַפּלאַן, ז' 9).

אתרוג — נאָמען פאַר קורט פראַנץ, קאָמענדאַנט פון טרעבלינקער טויטן־ל'. קינדער פלעגט ער אַליין שיסן, ניט צוגעלאָזט דערצו קיין אַנדערן. (שמואל רייזמאַן, אַן אַנטלאָפענער פון טרעבלינקע).

ב

באָבעס — בריליאַנטן. אין די בגדים פון די פאַרגאַזטע יידן זיינען אָפט געווען איינ־גענייט געלט און ווערטזאַכן. אַ ספּעציעלע „קאָמאַנדע" פון יידישי העפטלינגען פלעגט זיין באַשעפטיקט ביים אָפּזוכן די זאַכן און אָפּליפערן זיי צו דער ל'־פאַר־וואַלטונג. ניט איין מאָל פלעגט מען באַהאַלטן פאַר זיך ב., הגם דאָס האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף. די וואָס האָבן עס געטאָן, האָבן געהאָפט, אַז די ב' וועט זיי צונויץ קומען, אויב עס וועט זיך איינגעבן צו אַנטלויפן. (מיידאַנעק, טראַוואַניקי. עדות).

באַבקע — קוכן פון געריבענע קאַרטאָפל, רעטעך, קאַלעריבן, מיט אַ קליין ביסעלע מעל, קאַווע־ערזאַץ און סאַכאַרין. אַ מין פּודינג געקאָכט אין וואַסער, אַ שעה אָדער מער. אַ באַליבטער מאכל אין די ג'; אין הונגערצייטן געמאַכט פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ. (לאָדזשער געטאָ־ענציקלאָפּעדיע, 1944). אין ל"ג אָפּגעפּונען אַ ליד פון נחום טשעכאַנאָווסקי א"נ „שבת־ליכט":

איר ליכטעלעך קליינע,
פאַר אַ מאַרק אַ פּאָר;
ס'איז דער חלב אַ ווייניער,
נאָר איר לייכט דאָך קלאָר.

שאָקלען זיך פלעמלעך, זוכן,
זוכן דאָ זייער שיין:

אַוווּ די חלות, קוכן?
אַוווּ דאָס פלעשל וויין?

איז דער טיש גאָר לער,
בלויז זמירות קען מען זינגען,
און מיט אַ הייסער טרער
די שוואַרצע באַבקע שלינגען.

באַבקעס — „קיין קיכן צום קאָכן זענען נישט געווען, האָט מען געמאַכט באַבקעס. (ז' 145). אין העברעיִשן טייל: התקינו באַבקיס (כיריים פרימיטיביים) לבישול. עס רעדט זיך דאָ וועגן ל"ג. (ס' ווישוגרוד, ז' 26).

באַגלייטער, Begleiter — „אין דער צייט נאָך סעפּט' 1942, איז אַן אויסגעצייכנטער וועג אַריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט געווען דער וועג מיט די א"ג באַגלייטער, ד"ה דייטשן, וואָס האָבן קאָנוואירט יידן אויף דער אַרישער זייט. די מאַכט האָט פאַראָרדנט, אַז יידן טאָרן זיך נישט באַוועגן אויף דער אַרישער זייט אָן אַן אַרישן באַגלייטער." (רינגל', כתבים 2, ז' 288; Ringelblum: Polish-Jewish Relation, ז' 99).

באָד — טויט־קאַמער אין פאַרניכטונג־ל'; („טרעבלינקע", איינשטימיקע באַשרייבונג פון די קברנים); דער אופן פון הרגענען: גאַז, פאַרע, עלעקטריע. (רינג' 30.6.42). זע: האַרטע.

באָטאַליאָן — אַ צאָל יונגע בחורים האָט דער יודענראַט אין וו"ג געהאַלטן גרייט צו דער דיספּאָזיציע פון די דייטשן, כדי אַזוי אַרום אויסמיידן דאָס כאַפּן צו דער

אַרבעט. די דייטשן האָבן זיך אָבער אין דעם נישט געהאַלטן — און „אויף לעשנע שטייען מתנות יידישע אַרבעטער פון ב׳ און גליכצייטיק כאַפּט מען אין דער גאַס״. (רינגל׳, 26.5.40) ; דער באַרימטער שולק — כאַפּט יידן. ווען די קהילה אים פאַרגעלייגט, אַז זי וועט אים געבן יעדן טאָג מענטשן, געענטפערט : „ער קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון פאַרגעניגן פון כאַפּן יידן״. (רינגל׳, 6.9.40). „די יידישע אַרבעט־ב׳ באַשעפטיקט אין אָקענציע ביים לאַדעווען און סעגרעגירן די מעטאַלן.״ (דאַרט). רומקאָווסקי אין זיין דרשה 17.9.42 רעדט וועגן שאַפן אין לאָדזש אַרבעט־ב׳. דערביי גאַראַנטירט ער מיט זיין אייגענעם קאָפּ, אַז עס וועט קיינעם קיין עוולה נישט געשען. (כראָניק פון ל״ג, ב׳ 1).

באַטאַליאָן טשאַלגווו — פויליש : באַטאַליאָן פון טאַנקן (1) אַ באַטאַליאָן פון דער יידישער מיליץ אין וו״ג, וואָס האָט אַ שעה צייט געמאַכט איבונגען אין דער בלאָטע. (רינגל׳ 15טן נאָוו. 1940) ; (2) די יידן וואָס מוזן דורכגיין דעם ג׳־טויער אויף זשעלאָזנע, מאַרשירנדיק צו פיר. מע צווינגט זיי צו די פאַרשיידנסטע דערנידערנדיקע מעשים : לייגן זיך אין דער בלאָטע, קריכן אויף אַלע פיר אדג״ל (רינגל׳ 29סטן נאָוו. 1940).

באַטאַליאָנצעס — אוקראַיִנישע און פוילישע פּאָליציי — יאַנעוו ביי פינסק, 1942. (ייה״א; ג״ע 156).

באַטיאַרניע — אין סקאַלאַט האָט דער יודענראַט געעפנט צוויי קאַפע־הייזער כדי צו האָבן אַ סטאַבילע הכנסה. אַהין פלעגן קומען די לעביונגען, וואָס געלט האָט ביי זיי ניט געשפילט קיין האָלע. האָט מען די דאָזיקע צונויפקום־ערטער גערופן באַטיאַרניעס. (אברהם ווייסבראָד — עס שטאַרבט אַ שטעטל, ז׳ 33).

באָטן — דייטש : שליחים. „געיאָגט זיך אייגצושרייבן קינדער אַלס באָטן, ראַווערייסטן״. (געמיינט, אַז דערמיט וועט מען זיי ראַטעווען). (רינגל׳, כתבים ב׳ 2, ז׳ 23). זע : גאַניעץ.

באַל — אַקציע, ווייל די געסטאַפּאָ־לייט זיינען בשעת דער אַקציע געווען שיכור און נאָכן פאַרענדיקן זי, געפראַוועט אַ באַל. דאָס אַריינפאַלן בשעת אַ ב׳ האָט מען גערופן : דער באַל איז געדעקט. (ב. אָרענשטיין, חורבן טשענסטאָכאָוו, ז׳ 220).

באַלאַנדע — וואַסערדיקע זופּ — לויצקער ג׳. „משהלע פונעם יתומים־הויז אין לויצקער געטאָ״ (דאָס נייע לעבן, נומ. 2, יאַנ. 1948). באַנוצט אויך אין די ל׳ פאַר סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, ווו די ב׳ באַשטייט פון פאַרפוילטע קאַרטאָפל, טוכלע מעל אדג״ל. („דאָקומענטן באַשולדיקן״, באַנד 2, 194־195, 1945. רוסיש).

באַלוטער־רינג — פלאַץ אין דער לאָדזשער פאָרשטאָט באַלוט, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער דייטשער אָמט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט ל״ג. דאָ איז אויך געווען די צענטראַלע פון דעם „עלטסטן״ פון די יידן. באַצייכנט : זיצאָרט פון דער רעגירונג, ווי למשל : ווילהעלמשטראַסע, דאַונינג־סטריט, וואָל־סטריט א״א. (לעקסיקאָן פון ל״ג).

באַלעבאַטים — דייטשן. „פון אַלע זייטן איז די באַפעלקערונג צופרידן, וואָס די ב׳ ווערן העזן״, ד״ה אַנטלויפן. (ל״ג ייה״א, טאָגבוך פון י. הילער, 25סטן יולי 1944).

באַלקי — דייטשע וואַך. (ל׳ קאָנסטאַנציע־קוטנע, ייה״א, ג״ע 303).

באָמבאַרדירונג — ווילנע ווערט באָמבאַרדירט. „מען דערציילט אַ וויץ: די ליטווישע זעלנער פון דער טויער־וואַך ביים ג׳ האָבן פאַרלאָזן זייער פּאָסטן און אַנטלאָפן אין נאָענטסטן קאָמיסאַריאַט. אַ סך יידישע פּאָליציאַנטן, דערהערנדיק אַז דאָס איז נישט קיין געלעכטער, האָבן אַראָפּגעצויגן פונים אָרבל די פּאָליציייִשע בענדלעך״. (ווילנע, ג. קרוק, 23.3.42).

באָמביאַשקע — אָנפאַל אויף פּריצישע גיטער, מיט וועלכע עס פאַרוואַלטן דייטשן, אָדער זייערע אָנפאַרטרויטע, כדי צו קריגן שפּייז. (פּאַרטיזאַנער־לשון; פּנקס ביטען, ז״ז 364—365).

באָמבע — (1) אָנשטעל: „איך האָב געאַרבעט אַ באָמבע, אַז איך ווייס פון גאַרנישט״; „איך אַרבעט ווייטער די באָמבע...״ (וו״ג, ייה״א, ג״ע סמאָקאָווסקי; (2) פאַר־באַהאַלטענע, פאַרבאַרגענע זאַכן. (לובלין, ג״ע. ל. אַרונזון, ש. טורקעלטאַוב).

באַנאַן — גומענער שטעקן צו שלאָגן די יידישע לאַגעריסטן. (שטוטהאָף; ר. קוויאַט־קאָווסקי, „ברעקלעך זכרונות״, „נאָשע סלאָוואָ״ נומ. 9, פּויליש).

באַנדזיואַר — (1) וו״ג — „ווילדע״ וואָס האָבן געמאַכט „עקסן״ אויף אייגענער האַנט. (ג״ע, חיים פּרימער); (2) פּאַרטיזאַנער (ס׳ קאַריוו, ז׳ 210).

באַנדעראָווצעס — אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, אָנהענגערס פון סטעפּאַן באַנדעראַ, וואָס יידן אין מזרח־גאַליציע און וואָלין האָבן שטאַרק געליטן פון זיי. בכלל האָט יעדער אוקראַיִנישער מערדער געהייסן באַנדעראָווצע; ב׳ — האָסן יידן, פּאָ־גראָמשטשיקעס. (ס׳ סקול, ז׳ 340 א״א). ב׳ — „גרינע פּאַרטיזאַנער״, פאַר־מאַציעס צו קעמפן מיט די רויטע פּאַרטיזאַנער. (ס. באַקאַלטשוק, זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן, ז׳ 130/1).

באַנע — טאַלאָן אויף פּראָדוקטן אין וו״ג. אויך געניצט: **באַנעברויט, באַנעמעל** **אאַז״וו.** **אָפּגעבן אַ באַנע** — שטאַרבן, ווייל דעמאָלט האָט מען צוריק גענומען די באַנע. אַ הויפּליד אין וו״ג, אין 42־1941: „קוים האָסטו ניט קיין מעות איז צו דיר אַ קלאָג / גיסט אָוועק די באַנע און זאָגסט אַ גוטן טאָג״; אין וו״ג געווען באַקאַנט אויך אַ פּויליש לידל: „יאַ ניע כצען אָדדאַטש באָני״; „האַנדל מיט באַנעס איז איינס פון די טרויעריקסטע דערשיינונגען אין געטאָ״. (רינגל׳ אָקטאָבער 1941); יעפּים: „אין אַרבעטס־לאַגער״, דרור — וואַלנאָשטש, וו״ג, נומ׳ 5, מאַי 1941.

באַנקע — יעדע נישט־געשטויגענע ידיעה, וואָס איז גוט פאַר יידן. (טערעזינשטאָט, אַדלער, ווערטער־רשימה, דייטש).

באָקס — פאַרקראַטעוועטע שטייג (אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ אין וואַרשע), ווו אַרעסטירטע האָבן געמוזט זיצן אויף אַ בענקל, ניט געטאָרט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. (ייה״א, ג״ע). זע: טראַמווײַ.

באַראַטאָווצעס — יחסנים. קריגן אַ ספּעציעלן צוטייל אין ל״ג. (י. בריקס — „אַ קאַץ אין געטאָ״, „טאָג״, אָקט. 28, 1949; פון וואָרט ביירעט, נאָמינירט פון די דייטשן ווי אַ באַראַט־אָרגאַן ביי רומקאָווסקין).

באָרד — „אַלע פרויען מוזן אַלס „שאַנד־צייכן״ אָפּשערן די האָר, די מענער — די בערד״. (ר״א 846; ס. קוז׳ביץ, ז׳ 332); אין טייל ערטער איז דאָס פאַרגעקומען אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, אויפן מאַרק־פּלאַץ: „אַ פולער מאַרק באָרד־האָר ווערט

פאַרברענט, אויטאָ־דאַ־פע!" (ש. הובערבאַנד, כ"י, ר"א. „דאָס ווערט געטאָן צוליב סאַניטאַרע טעמים).

אַ ייד באַהאַלט די אָפּגעשויענע ב', פאַרבינדט די באַקן און פאַרשווערט די זייניקע: שיקברו את זקנו אתו. (ס' סטפּן, ז' 275).

באַרזל — אונגאַריש: פאַרוואַלקנט. אַ וואָרן־צייכן אין די לאַגערן געניצט פון אונגאַרישע יידן. (קאַפּלאַן, ז' 12).

באַרזועסע — באָלשעוויקעס, רוסישע פּאַרטיזאַנער. (ס' סטפּן, ז' 38).

באַרימטער — ב' פריישיק. (רינגל', 12.5.42, כתבים 1, ז' 353). זע: בלוטיקער.

באַשאַפונגס־ (באַזאָרגונגס־) אַמט — ספּעציעלער אָפּטייל ביים יודענראַט, זיך פאַרנומען מיט באַפרידיקן אַלע פאַרלאַנגען פון די דייטשע מושלים אין לעמבערג א"א שטעט. (כהנא: יומן ג' לבוב, ז' 167).

באַשטעלונג — האַראַדאָק נעבן ווילנע, געסטאַפּאָ באַשטעלט ביי יידן יעדע צוויי וואָכן אַ קאָנטינגענט זאַכן. שטעלן צו דעם יודענראַט אַ לאַנגע ליסטע פון זאַכן, למשל: 1.000 קאַראַקולענע פרויען־מאַנטלען, 1.000 פּאָר וואַרעמע הענטשקעס אאז"וו. (ס' ווישניוויעץ, ז' 365). זע: קאָנטינגענטן, קאָנטריבוציע.

בגד לאכול — ווערטל ביי ליטווישע יידן, באַצייכנט ברויט וואָס מע באַקומט פאַר מלבו־שים. (קאַפּלאַן, ז' 23).

בודע — לאַסט־אויטאָ מיט אַ פּלאַנדעק (ברעזענטענעם צודעק), ווו פאַרלאָדן די געכאַפּטע צו דער אַרבעט בשעת אַ „לאַפּאַנקע".

בויד — משאית גדולה ועליה מכסה של בד. משאית זו נתקראה בפינו „די בויד". לימים הפך שם זה למושג של זוועה. כל אחד ידע, שאם ה„בויד" מופיעה באופק, סימן הוא לפורענות. ואמנם רבים הקרבנות מבין היהודים הקשורה בכלי רכב זה. הגרמנים באו ב„בויד", הרגום 28 במספרם, אח"כ ניתנה רשות לאנשי היודנראט לצאת לשדה ולעמיס את הגויות בעגלות ולהביאן לקבר ישראל. (ס' ז'ולודוק, ז' 248)

בויטע־לאַגער — סקלאַד מיט פאַרכאַפּטן סאָוועטיש געווער, ווו ס'אַרבעטן יידן, גנבענען פון דאָרטן געווער וואָס מע ברענגט אַריין אין געטאָ צי אין וואַלד, סלאָנים, באַראַנאָוויטש. (פנקס ביטען, ז' 247).

— מקום העבודה הנוח ביותר היה ב„בויטה־לאגר" שהתנהל ע"י גרמני. מתוך הב' יהודים לקחו נשק ובשובם מהעבודה היו מבריחים את הנשק על עגלות מכוסות בתפוחי־אדמה.

— אוצר הנשק. כל הנשק והציוד הסובייטי, שנפל לידי הגרמנים, ריכזו למיון, לתיקונו ואחסנתו. הגרמנים חיפשו בעלי־מקצוע בענפי המתכת וגם פועלים שחורים לניקוי הנשק. כמובן, שהעבודה נעשתה למראית עין, כדי לצאת ידי חובה. ורק משהתקרב אחד הממונים הגרמניים, נשמע מפי מי שעמד על המשמר, האות לזירוז העבודה. העבודה שימשה לנו אולפן להברחת נשק על סוגיו וחלקיו ואף ללימוד בשימוש בו; מקום מחבוא — „סליק". פון ב' געשלעפּט ברויט, מאַכאָרקע. (ס' סלונים, ז' 52, 74, 118).

בולבאָווצעס — אוקראַיִנישע פּאַרטיזאַנער, געהרגעט יידן. בולבאַ — פּסעוודאָנים פון זייער אָנפירער. (פנקס ביטען, ז"ז 509, 514).

בולדאָג — געבעלס (קאַפּלאַן, ז' 53).

בונאַ — קינסטלעכע גומי. אין מאָנאָוויץ נעבן אוישוויץ איז געווען אַ פֿאַבריק פֿון ב', דערפֿון בונאַ־לאַגער. די אַרבעטערס האָבן געזונגען אַ „בונאַ־מאַרש": „פּלאָגט מען יידן אויף בונאַס בלאָטע־וועגן, / בויען, שמידן, גאַרניט פֿרעגן..." (מחבר פּאַטאַשינסקי? פּל״ח נומ. 4, מ. ד.). **בונאַ־זופּ** — אַ ליטער וואַסער מיט ברוקוועס.

בונקער — (1) באַהעלטעניש. „מי שמצא לו מחבוא ביום השחיטה, נשאר בחיים. מכאן שיש להכין מקומות־מחבוא, בונקרים, להסתתר בהם בשעת פורעניות..." (א. לידובסקי, ביערות, ז' 37); „ברגע הסכנה, נשאר רק הבונקר. הבונקר — פרשה בפני עצמה. שלבים שונים של אבולוציה עברו על הבונקר: למן מחבוא פרימיטיבי בעלית הגג או בצריף, עד למטמורה מצויינת במחתרת עמוקה..." (ערים ואמהות בישראל, ברודי, ז' 404). „בונקערס האָט מען געבויט אין הויז, אין שטאָט, אין די וועלדער. וואָסערע שוועריקייטן די דייטשן האָבן טיילמאָל געהאַט ביים אויפֿדעקן אַ בונקער, איז צו זען פֿון באַריכט פֿון עס־עס און פּאָליציי־פֿירער אין דיסטריקט גאַליציע, קאַצמאַן, פֿון 1טן אויגוסט 1943, וועגן דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פֿון יידן אין זיין דיסטריקט; צום באַ־ריכט זיינען צוגעלייגט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די קאָמפּליצירטערע בונקערס. ביים אויפֿדעקן בונקערס, געניצט אויך יידישע מוסרים וואָס האָבן געשריִען: „די ישועה איז שוין דאָ", אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן געגעבן צו וויסן, אַז די אַקציע איז כלומרשט געענדיקט. (ס. מאַרקושאָוו, זייט 266; (A. Rudnicki — Żywe i martwe morze).

פֿאַרבונקערן זיך — באַהאַלטן זיך אין ב', ווו ניִשט איינער איבערגעלעבט אַ יאָר און מער. **בונקראָוצעס** — די וואָס לעבן אין בונקער. „די פּערטע אויסזידלונג האָט אַרומגענומען די געכאַפּטע בונקראָוצעס". (ס. אָרנשטיין, חורבן טשענ־סטאָכאָוו, ז' 100). (2) צעל פֿאַר באַשטראָפֿטע אין קעלערן פֿון ק״ל. אין אוישוויץ געווען אַ **שטיי־בונקער**, ווו מ'האָט געקאָנט בלויז שטיין; אַ **וואַסער־בונקער**, ווו מ'איז געשטאַנען ביז איבער די קני אין וואַסער. אין פּלאַשאָווער ל' געווען אַ **זיץ־בונקער** און אַ **ליג־בונקער**. (א. טווערסקי, איך בין דער קרבן און דער עדות, ז״ז 226—227).

בוקס — שמוגלט אַרויס וואַלוטע פֿון ג' אין שליחות פֿון אַרביטראַזשיסט (זע). „דער בירזשע־פּראָלעטאַריער... אַרבעט אויף אַקאָרד, פֿון שטיק; אויסער דעם, קריגט ער באַצאָלט זיבע הוצאות־הדרך. די אַרביטראַזשיסטן ריזיקירן נאָר מיטן געלט, דער ב' מיט זיין פֿרייהייט און אַפֿילו מיט זיין קאָפּ"; „די שוואַרצע בירזשע אין וו״ג". (ר״א, 611).

בוקסע — פּריטשע, נאַרע אין ל', ס'רוב — אַ דריי־גאָרנדיקע. אין איין ב' עטלעכע מענטשן, אַזוי אַז ס'איז דאָ אָרט צו ליגן נאָר אויף אַ זייט (אַלע אויף דער זעלביקער). „דערשלעפּט זיך צו דער באָקסע־נאַרע". (מאַשקאָוויטש: גליבאַ־וויעצק, ז' 258). „נאַרעס פֿאַר 5־6 נומערן צוזאַמען", אוישוויץ, 9.1.44. (מגילת אוישוויץ, ז' 335).

בורג — „אין סילוועסטער־נאַכט האָט די בורג (דאָס ווייסע הויז, דער זאַמעק) — אַזוי רופט מען אין וואַרשע דאָס הויז כלאָדנע 20, ווו עס וווינען טשערניאַקאָוו און די הויפּטמאַכערס פון יודענראַט — געמאַכט אַ שמחה. זאַבלודאָווסקי האָט געטאַנצט אַ קאַזאַק, געטרונקען און געפרעסן. דעם צווייטן טאָג איז ער געשטאָרבן. די שטאָט אויפגענומען מיט שמחה די ידיעה". (רינגל׳, 13טן יאַנואַר, 1942. זע: זאַבלודאָווסקי).

ביאַלי — (פויליש) ווייסער. אַזוי האָבן יידן אויף דער אַרישער זייט, צווישן זיך, באַצייכנט אַ ייד וואָס באַהאַלט זיך אויס ווי אַן אַריער.

ביאַליסטאָק — אין ב׳ פאַראַן 2 האָטעלן: איינער הייסט „הויפּטבאַנהאָף", צווייטער „די שול". (הרב הובערבאַנד, ר"א). ווען ב׳ האָט געהערט צום ר"פ, 1939/41, פלעגן אַהין אַנטלויפן יידן פון דער טעריטאָריע וואָס געווען אָקופּירט דורך די דייטשן. די אַנגעפּאַרענע האָבן צוליב מאַנגל אין וווינונגען — געמוזט זיך אויפהאַלטן אין די ערטער.

ביבולע — ענגלישער פונט. „די שוואַרצע בירזשע, דער וואַלוטע־האַנדל אין וו"ג בשעת דער מלחמה, 1939—1941". (אליהו גוטקאָווסקי, ר"א גומ׳ 61).

ביגלען — לקחנען, צונעמען. אַהיימביגלען — ביגלען און ברענגען אַהיים. „קינדער פון פינף יאָר האָבן זיך אויסגעלערנט ביגלען האַלץ". (י. הילער, כ"י 2.1.44, ייה"א); **ביגלאַזשעס** — די וואָס לקחנען. (דאָרטן. זע: חנה).

ביי אונדז — אַזוי גערופן אין די שטעטלעך פון גאַליציע די יידן פון דייטשלאַנד. ס׳נעמט זיך דערפון, וואָס יענע פלעגן כסדר זאָגן: „ביי אונדז איז בעסער"; „ביי אונדז רייניקער, מער אָרדענונג"; „ביי אונדז פונקציאָנירט עס"; „ביי אונדז איז די בענקשאַפט נאָך דייטשלאַנד, נאָך פּרייסן, ברעסלאַו, בערלין און מינכען — אַ לייכטע גאווה און די אייגנשאַפט צו זיין ניט באַליבט".
(Jacob Littner: Aufzeichnungen aus einem Erdloch, 1948 ,38 ׳ז).

בייגעלע — געבעלס. אויך: אויסגעדרייט, קרום. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

בייראַט — נאָך דעם ווי רומקאָווסקי ווערט דער עלטעסטער פון די יודען אין לאָדזש, נאָמינירט ער אַ ב׳ אין באַשטאַנד פון 30 פּערזאָן. נאָך אַ 2 וואָכן, ווערן די מיטגלידער פון ב׳ אַרעסטירט און אַלע — אַחוץ צוויי — קומען אום אין ראַדאָגאָשטש. 5.2.40 געשאַפן דעם צווייטן ב׳ פון 21 מיטגלידער ווי אַ „בעראַטונגס־קאָמיסיאָן ביים עלטעסטן דער יודען". געוואָרן אַ קוואַל פון וויצן און לידלעך. די מיטגלידער פון ב׳ באַקומען גרעסערע צוטיילן, ב׳־טאַלאָנען (זע), ב׳־קאָאָפּעראַטיוו. (זע: צעלאָזטער בייראַט).

בילבלען — מאַכן בלבולים. „ווייל פון די שמוציקע געטאָס — בילבלען זיי — ווערן פאַרשפּרייט קלעפּיקע קרענק". (פּסח קאַפּלאַן: „דער יידנראַט אין ביאַליסטאָק", 1943 [?]; כ"י, ייה"א).

בילע דאַ וויאַסני — (פויליש) אַבי ביז פרילינג. שלאָגוואָרט אין וואַרשע, ווו מען איז געווען זיכער, אַז פרילינג 1940 (!) וועט קומען די ישועה. (רינגל׳, 9טן יאַנ. 1940).

בילער — געבעלס. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

בימבער — נישט דעסטילירטער בראַנפן געטריבן אין געהיים פאַר דער דייטשער מאַכט. סיי יידן סיי פּאָלאַקן ניצן דאָס וואָרט אויך נאָך דער מלחמה.

ביגאָויך — אויסדרוק פאַר עמעצן, וואָס רוקט זיך תמיד אַרויס מיט די ווערטער: „איך בין אויך"... ה„ביגאוֹכים" — נבצר ממגי מי המציא תואר קולע זה, שכוונתו לטפוס המצוי בכל מקום. פירושו של הכינוי: גם אני כאן. כנוי זה מציין את ה„יוצלחים", אשר מוסרם מפוקפק ואינו עומד להם למכשול בדרכם. ידם בכול, מבין הראשונים היו לכל זכיה. לקראת מטרתם חתרו בכל האמצעים, לא בדקו, לא התחשבו בזולת. (בערגען־בעלזען, „אויסטויש־לאַגער"; מינה טומקוביץ, גם שם היו חיים, תל־אביב, תש"ו, ז' 96).

בינדע — אָרעמבאַנד. אַזוי באַצייכנט ריגנעלבלום דעם יידישן קענצייכן, וואָס האָט פאַרפליכטעט די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. אין „קוריער וואַר־שאַווסקי" אַ נאָטיץ, אַז די פּוילישע פּאָליציי וועט דאַרפן לעגיטימירן, צי יידן טראָגן ב'. די וואָס וועלן נישט טראָגן, וועט מען איבערגעבן דער דייטשער פּאָליציי. געכטן געשלאָגן אַ פּרוי וואָס נישט געטראָגן קיין ב'; דער שונא באַשטראָפט פאַר טראָגן אַ שמוציקע ב'; די קהילה געמאַכט געדרוקטע ב', לייכט אַראָפּגעגאַנגען צוליבן רעגן. אַנדערע — געהאַפּטענע, אַפילו זיידענע, קלאַסן־אונטערשיידן אויך דאָ. (רינגל', 7.1.1940).

בינדער — „על האסירים היהודים הוטל לשאת על הכתפיים לפני עבודה ואחריה ה־ב'. היה זה מבנה שלדי לבנין, עשוי ממאות לוחות־עץ, שכמה מאות איש יכלו לשאתו ביחד, ולהעבירו למקומו המיועד". אַ ליד וועגן ב' פאַרפאַסט אין יענער צייט אין לאַגער בונצלוי, אין יאָר 1943/4: אונדזער לעבן האָט דאָ נאָר אַ ווערט / אַלס שקלאַפן פאַר די בינדער. / (רעפריין: צום ב' קומט ברידער, קום ווידער דעם ב' הייבן.) / אַ סוף זיין זאָל צום שקלאַפן־לעבן, / געגנוג ב' געטראָגן. (ס' סוסנוביץ, ז' 298/9).

בינעם, פּעטער — (1) אין ל"ג דער לייטער פון ג"פּ, ביבאָוו; (2) בכלל אַ דייטש. „בינעם דאָ / בינעם דאָרט, /בלאָטעס און זומפּן / זומפּן און בלאָטעס / זענען נאָר דאָ" — געזונגען אין אַרבעט־לאַגער ווישליץ. (מ. פּראַגער, „שירי עם גווע", שנתון „דבר" תש"ו, ז' 318). „ר' בינעם געקומען פון בערלין, געהערט דאָרט קולות וברקים". (ל. ג. ראָזענשטיין, 24.11.41, כ"י).

בינק — וואָרענונג: פאַרבאָטן צו קאָכן. מ'טוט עס אָבער, נאָר עמעץ שטייט אויף וואַך. אויב דערזען אַ דייטש, געגעבן ב' (געשריען „זעקס"). דאָס קאָכן האָט זיך אָפּגעשטעלט. (ס' קראַשניק, ז' 323).

ביסטו אַ גוטער פּאַכמאַן... — ערשטער טייל פון ווערטל: ביסטו אַ גוטער פּאַכמאַן, וועסטו ווי אַ באַלוינונג קריגן נאָך אַ קויל. געווען פאַרשפּרייט אין פּאַוויאַק. (טשעכאָוויטש, „די צען פון פּאַוויאַק", כ"י, ייה"א).

ביציקל — נאַציס וועגדן זיך צו אַן עלטערן ייד און פרעגן אים, פאַר וואָס האָבן יידן אַרויסגערופן אַ מלחמה. דער ייד ענטפערט: „די יידן און די פּאַרערס מיט ביציקלען", די נאַציס: „פאַר וואָס די פּאַרערס מיט ביציקלען?" דערויף דער ייד: „פאַר וואָס די יידן?" (ז' 14 ,Ausubel: Jewish Folklore).

בית־לחם — צונאָמען פאַר דייטשן — פּיעטריקאָוו, סוף 1941. „בית־לחם — כנוי לגר־מנים שהיו מחזרים על בתי יהודים ונוטלים מכל הבא לידם, כדרך שעושים

הגבאים שהיו מקבצים בשביל חברת הצדקה ,בית־לחם׳״. (י. קורץ, ספר עדות, ז׳ 207).

בכבודו ובעצמו — היטלער. „אַ דייטש געפרעגט אַ יידן: ווער וועט געווינען די מלחמה, געענטפערט אַז בכבודו ובעצמו — געגעבן אַ פּאַטש״. (רינגל׳ 13טן אַפּריל 1940). „צייטונג־פאַרקויפער שרייען: ,בוידאַ של בכבודו ובעצמו פאַר 20 גראָשן׳ — נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע מעשיות פון היטלערן״. (דאַרטן).

בלאָשיין — 6.6.42. ווער באַקומען דעם „בלאָשיין״ — אַזוי גערופן דאָס צעטעלע — געדאַרפט עס צוהעפטן צו דער קענקאַרטע. (ווייכערט, מלחמה, ז׳ 237). זע: אויסווייז, קענקאַרטע.

בלאַנדינקע — לויז. „מיין באַקאַנטע וואַרפט אַ דורכדרינגלעכן קוק אויף מיין רעכטן אַקסל, טוט אַ זאָג מיט אַ שמייכל ,אַ בלאַנדינקע׳. זי נעמט דעליקאַט אַראָפּ די לויז פון מיין פאַלטן און וויקלט זי איין אין אַ פּאַפּירל, כדי זי צו פאַר־ברענען... איך דאַנק איר העפלעך און פאַרבעט זי צו באַזוכן מיך אין 14 טעג אַרום, כדי זיך איבערצייגן, צי די לויז איז נישט געווען קיין קראַנקע. עס פלעגט אין ראַדעם אַרומגיין אַ ווערטל אין אַזוינע פאַלן: זאָל נאָר די לויז געזונט און שטאַרק זיין...״ (אָנדענק־בוך פון ידישן ראַדעם, ז״ז 85—86).

בלאָק — אין ג׳ אָנגעהויבן זיך שאַפן ב״ן. דער שאָפּ ב׳ אין פאָרם פון אַ צוגעמאַכטן קאַסטן געמט אַרום די גאַסן... דער פּאָליציי און יודענראַט־ב׳; אַ ב׳ פון זאַמ־לער; ביים אַריינגאַנג אַ וואַך־בודקע אַרומגעצוימט; גיין פון איין ב׳ אין צווייטן דערלויבט נאָר מיט אַן אויסווייז. (ס׳ טומ׳ מאַז׳, ז׳ 362). זע: שאָפּ.

בלאָקאַדע — (1) אָפּשליסן, פאַרשפּאַרן. „לעצטנס פּאַסירט אָפט, אַז מע פאַרמאַכט הויף, אייגנטלעך גאַנצע גאַסן, פאַר נישט איינצאָלן דירה־געלט. מ׳לעשט אויס די עלעקטריע״. (רינגל׳, פעברואַר 1941). מ׳פלעגט אויך דורכפירן אַ בלאָקאַדע, כדי צו צווינגען די איינוווינערס צו גיין אין אַ „פּאַרוווקע״. (2) בעת אַן אַקציע פלעגט מען מאַכן אַ בלאָקאַדע: יידישע פּאָליציאַנטן און דייטשן פלעגן אַרומ־רינגלען אַ הויז און הויף אויסרופן, אַז אַלע איינוווינערס מוזן זיך צונויפ־זאַמלען אין הויף; ווער עס וועט בלייבן אין שטוב, וועט דערשאָסן ווערן. דערנאָך פלעגט מען דורכזוכן די וווינונגען און דערשיסן אויפן אָרט, וועמען מען האָט געפונען. (וו״ג א״א). „די הייזער פאַרבלאָקירט, מען שלעפּט אַראָפּ אונדזערע ברידער״. (ליד, וו. ג. פּופּס, נומ׳ 25).

בלאָקאַווי — עלטסטער איבער אַ בלאָק אין ל׳. בלאָק־עלטסטער — אַליין געווען אַן אַרעסטאַנט (געוויינלעך — ניט קיין ייד), אונטערגעוואָרפן דעם דייטשן קאָ־מענדאַנט פון בלאָק, דעם בלאָקפירער. זע: שטובאַווי.

בלאָקירן — אָפּשטעלן, פאַרהאַלטן. בלאָקירן די (לעבנסמיטל־) קאַרטן. אָפּשטעלן אַרויס־געבן לעבנסמיטל אויף די קאַרטן. ס׳רוב פלעגט עס געשען בעת די אויסזיד־לונגען; רשימות פון די, וואָס מען האָט זיי געדאַרפט אַרויסשיקן פון ג׳, האָט מען צונויפגעשטעלט אין קאַרטן־אָפּטייל, וואָס האָט זיי פונאַנדערגעשיקט אי־בער די געוועלבער פון לעבנסמיטל. נאָכן אַוועקגיין פון טראַנספּאָרט, האָט מען די קאַרטן פון די באַפרייטע צוריק אויפגעבלאָקירט. אין 1944 גענומען

ב׳ די קאָרטן פון דער גאַנצער משפחה; אויב עמעץ האָט זיך ניט געשטעלט צום טראַנספּאָרט, איז זיין גאַנצע משפחה געווען אין געפאַר פון אַ הונגער־טויט. אַזוי אַרום האָט מען געצווונגען דעם אויפגעפאָדערטן זיך שטעלן צום טראַנספּאָרט. (ל׳ענצ.); אין כ״י „געטאָ־שריפטן״, נומ. 10, פאַראַן אַ ליד פון אַ. שנור: „פאַרבלאָקירטע״ —

מיט פלאַנץ, געוויקסן און גרעזער
שפּרייט זיך לאַנקע אונטער הימל.
פון הענט, ציין, פאַרשפּיצטע נעזער
ראַיעט זיך דאָ און עס ווימלט.

ווען ס׳פייניקט הונגער אַזוי ווילד,
איז ווו אַ בלעטל — אַ מאכל.
נאָר דער דורשט ווערט ברווח געשטילט
פון דערגעבנדיקן טייכל.

ס׳רייסן די הענט, ס׳גריזשען די ציין,
ס׳עסן די אויגן מיט דעם מויל
דאָס גראָז מיט די בלאָטע אין איין —
אַזוי ס׳פרישע, ווי דאָס וואָס פוילט.

קוויקן זיך מיט אָפּפאַל פון ציבל,
ווער פילט דעם געשטאַנק וואָס מע שפּירט?
נאָר קיינער האָט זיי פאַראיבל —
זיי האָבן די קאַרטע בלאָקירט.

בלאָקשפּערע — פאַרשפּאַרן די אַרעסטירטע אין די לאַגער־בלאָקן, כדי מע זאָל ניט זען ווי מ׳פירט אַרויס די אויססעלעקציאָנירטע „מוסולמענער״ א״א אויף אומקום.

בלוט — געלט, גאָלד. ווען אַ „שמאַלצאָווניק״ האָט געכאַפּט אַ יידן אויף דער אַרישער זייט, פלעגט ער צו אים זאָגן: „דאַוואַי, קאַציע (קאַץ, ייד), בלוט!״.

בלוט־קאָנטינגענט — צאָל יידן וואָס דייטשן געפאָדערט פון אַ יודענראַט אויף „אויס־זידלען״ — טאַרנאָפּאָל, ביאַלע־פּאָדל. א״א. זע: קאָנטינגענט.

בלוט־באָד — אָפּט באַנוצט אין די ג׳־ס באַקאַנט פון 1טער וועלט־מלחמה, אויב נישט פון נאָך פריער (קישיניעוו). נאָכן פּאָגראָם אין לעמבעריק, נאָוו׳ 1918, געזונגען אין אַ ליד צ״א: „אויס יידן געמאַכט איין בלוט־באָד״... (ס׳ רודקא, ז׳ 55).

בלוטיקע אותיות — די נאַכט פון 10טן אויפן 11טן יוני 1942 וועט פאַרשריבן ווערן מיט בלוטיקע אותיות אין דער געשיכטע פון ג׳ אין וואַרשע. (ריגגל׳, 10.6.42, ב׳ 1, ז׳ 374). זע: שחיטה.

בלוטיקער — טאָג פון אַקציע. ב׳ מאָנטיק (ס׳ לודמיר, יום הדמים ז׳ 374); ב׳ מיטוואָך — ראַדעם, 27סטן אַפּריל 1942; ב׳ דאָנערשטיק — אָסטראָוועצע; ב׳ פרייטיק — וו״ג (18טן אַפּריל 1942). אויך דייטשן געניצט דעם דאָזיקן טערמין; זיי האָבן אַפילו אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וועגן דעם „בלוטיקן זאָנטאָג״ אין בראָמבערג, מיט אַ „באַשרייבונג״, ווי די פּוילישע מאַכט האָט אויסגעהרגעט 60,000(!) דייטשן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה; יידן האָבן געהאַט נאָך אַן אויסדרוק: **שוואַרצער טאָג**. זע: שוואַרצער.

— קומט פאָר ווי אַ פּרעפיקס צו פאַרשידענע סובסטאַנטיוון, וואָס ענדערט זייער באַדייטונג, פאַרשטאַרקט זייער געפילאינהאַלט. מיר ברענגען ביישפּילן, גענומען פון ריגגעלבלומס נאָטיצן, געמאַכטע אין וואַרשעווער ג׳ אין די יאָרן 1939—1942: **בלוטיקער פרייטיק** 21.5.42. (ז׳ 354/353, 353, 19.5.42, ז׳ 358). **בלוטיקע** וואָך אין דער געשיכטע פון ג׳ (30.5.42, ז׳ 368).

בלוטיקע נקמה (דער אקופאנט), 18.5.42. (ז׳ 352).
בלוטיקער הונט — פראנקענשטיין (זע). (רינג׳, 368, 30.5.42 אאז״וו).

בלויע — קאמאנדע וואס אויסגעליידיקט די וואגאנען, נאכן אנקומען פון א טראנספארט קיין טרעבלינקע. געטראגן בלויע בענדלעך, כדי זיך אפצושיידן פון די רויטע. (ג״ע יי״ה״א). זע: טרעבלינקא.

בליץ-מיידל — די ב״מ האבן מיט גומי־שטעקנס אונטערגעיאגט. (שושנה טאובע, אסתר, וויל׳ פנקס נר׳ 5, ז׳ 22/3).

בלעך — פעלץ זישע, פון אזיעראן, פארזארגט זיך מיט א בלעך פון געסטאפא אלס אויפ־קלויבער פון אלט אייזן און אוועק פון בארשטשיוו, צוריק קיין אזיעראן. (ז׳ 441). „די מזלדיקע מיט די בלעכלעך". (ס׳ גבוז׳דזיץ, ז׳ 135, 308). זע: פלאצוווקע. 12 משפחות נשארו (נאך דער אקציע) לאסוף גרוטאות; הם קבלו תוויות מיוחדות של פח, שנקראו „בלעכלעך". (ז׳ 184). „מ׳האט אנגעהויבן ארויס־געבן בלעכלעך. באקומען פאר היפש געלט. אפגעגארט (אים). גענומען געלט און נישט געגעבן קיין ב׳." (ס׳ רדיחוב, ז׳ 334, 335). זע: זאמלער.

בלעכל — יידן געטראגן אין קלאפע פון רעקל א ב׳ פון א דייטשער פירמע, ביי וועלכע זיי זענען באשעפטיקט. זיי האבן רעכט ארויסגיין פון ג׳, זאמלען שמאטעס, רוי־שטאף אאז״וו. (ס׳ טלומאטש, ז׳ 187, 431). מיט „בלעכלעך" געמעגט וווינען אין סקאלע, נאכן גירוש בארשטשיוו. (חיים ברעטלער). אויך אין וו״ג געטראגן „בלעכלעך". די בלעכעדיקע אפגעטיילט און געהייסן גיין אין פאבריק, נישט פארן מיט די ארויסגעשיקטע. (ס׳ זאמבראוו, ז׳ 178).

בעדואין — (1) אין ווארשע — א ייד אויף דער ארישער זייט, געניצט פון יידן און פריינדלעכע פאלאקן; (2) אין פלאשעווער ל׳ — א ייד מיט א בארד, גע־ארבעט אין דער בארשטן־פאבריק. גערופן אויך משה רביגום מיליטער.

בעזארגונגס-אמט — המוסד החשוב ביותר של היודנראט, היה מחלקת ההספקה (ב״א) שתפקידו לספק לגרמנים כל מה שלבם חפץ. — הרחוב היהודי הסב בצדק את שם ב״א ל„בעראובונגס־אמט" — „משרד השוד". (כהנא, יומן ג׳ לבוב, ז׳ 37, 167).

בעזשעניעץ — א פרוי א „בעזשענקע", א בעזשעניעץ, בעזשענקע־מיידל — פליט (ספר מייטשעט, ז׳ 317, 314).

בעטאן — ברויט, הארט ווי שטיין. (פלאשעווער ל׳).

בעלוועדער — הויז פון א יודענראטניק, „זיין רעזידענץ", גערופן ב׳. (ס׳ סאכאטשעוו, ז׳ 471).

בעל-דרשן — (1) געבעלס. (קאפלאן, ז׳ 53). (2) דער דייטש אין סאביבאר, וואס האלט א דרשה פאר די אנגעקומענע, אז מ׳פארט אויף ארבעט און מ׳דארף זיך אויס־באדן, דורכמאכן א דעזינפעקציע. (ג״ע).

בענדל — דאס גרינע ב׳ געהאלפן אין איין פאל אויף פארקלענערן דאס צוגעלקחנטע פעקל, פון א גרויסער ביז א קליינער וואליזקע. (רינגל׳, 9.1.40—7). א דאק־טער ארפגערוקט זיך דאס ב׳ אויפן יידישן, באקומען פעטש און שטראף. (רינגל׳, 14.2.40—9). — א כאפער (זע) טראגט א ב׳ „אויסזידלונגס־אקציאן".

(רינגל׳, כתבים 2, ז׳ 10). ייִדן אַז ייִדן־בענדלעך — פּאָר גײן אַן אַ ב׳ — טויט־שטראָף. (ליפּע קאָהן, באַרשטשיוו, כ״י). זע: אַרעמבאַנד.

בענדלדיקע — משתפי פעולה לטביים (נושאים סרט בצבע ירוק). נושאי סרטים אלה כונו „בענדלדיקע״. (מ. לבינשטיין, על קו הקץ, ז׳ 13).

— ליטווישע וואַך, טראָגט גרינע בענדער אויפן לינקן אָרעם. (ריגע, Kaufmann, Churbn Lettland, ז׳ 81).

בענדער — באַאַמטע, פּאָליציאַנטן אין ל״ג, געטראָגן די פּאַרשײדנסטע בענדער אויפן אָרעם; פּריווילעגירט לגבי דער רעשט באַפעלקערונג. (י. בריקס, „ווערטער געשאַפן אין לאָדזשער געטאָ״, צוקונפט, ב׳ 52 נומ׳ 6).

בענדעראַוּוצעס — (ס׳ ווישניביץ, ז׳ 349, 350). זע: באַנדעראַווצעס.

בעפעלשטעלע — אַמט און זיצאָרט פון דעם טייל געסטאַפּאָ אין וואַרשע (אייזנגאַס 103). וואָס האָט זיך פּאַרנומען בלויז מיטן געטאָ. די ב׳ האָט דורכגעפירט די אַקציעס זומער 1942 און יאַנואַר 1943.

בעקער — אַלע גוטע פּאַכן ליגן היינט אין דער ערד. נאָר די בעקער רייטן אויפן פערד. (וו״ג).

בערד — טויטן־גרופּע וויל 3.000 ייִדן צום הרגענען. יודענראַט מיט גאָלד געוואָלט „אַראָפּדינגען״, מ׳זאָל נעמען אויף שיסן בלויז ייִדן מיט בערד, אַלטע, קראַנקע. מ׳אונטערהאַנדלט... (ס׳ קרינקי, ז׳ 213/4).

בערדעכאָוער וואָגן — ייִדן פון מיעלעצער א״ל, אַרבעטן אין גיט בערדעכאָוו. פון דאָרטן פלעגט קומען אַ וואָגן נאָך די וואָס קענען מער ניט אַרבעטן. מ׳פלעגט הייסן זיך אויסטאָן, אַפילו אין די גרעסטע פרעסט, געבן אַ לאַקן זיך איינצוּוויקלען און פאַרלאָדן אויפן וואָגן. אויף דער „בערדעכאָווער לאַנקע״ איז שוין געווען גרייט אַ גרוב. די קראַנקע געמוזט אַנידערקניען, מיט אַ געניקשאָס זיי געטייט און די טויטע אַריינגעפאַלן אין גרוב. (יוסף קאָס: „אַרבעטס־לאַגער מיעלעץ״, פל״ת נומ׳ 2).

בערשטלער — זע: שטשאָטקאַזש.

בראָוואַר — ג׳ פון דער קהילה סוכאָ. 1940—1941 זיך געפונען אין אַ ברויעריי. יעדן טאָג פירט מען פון ב׳ צו דער אַרבעט. צום יאָר ליקווידירט. (ס׳ וודוביצה, ז׳ 442).

בראַוכיטש — מאָסקווע, לענינגראַד און ראָסטאָוו האָבן געוויזן דריי פייען, וויל ער זיך מיט בראַוכיטשן אויסדרייען (ר״א), נאָכן באַזייטיקן דעם שעף פון דער אַרמיי, דעצ. 1941.

בראַמע — געטאָ־טויער. (עלבערג, „אַ מעת־לעת״, פעבר׳ 1942). „מען מאַכט אין 9 פונקטן פון דער שטאָט, באַזונדערס אויף קראָכמאַלנע, הילצערנע פּלויטן. די סאַניטאַרע מאַכט זאָגט, אַז די קראָכמאַלנע איז די הויפּט־נעסט פון די אַנ־שטעקנדיקע קראַנקייטן. ווען זיי וואָלטן געקאָנט, וואָלטן זיי דאָס פּאַרברענט״. (רינגל׳, סוף מערץ 1940). זע: דאָרטן, מויער, טויער, טויער־וואַך.

בראַמקאַזש — טויערמאַן אין פוטבאָל־שפּיל (פּויליש). פּאָליציאַנט ביים טויער פון קוטנער געטאָ. (ייה״א, ג״ע 303).

בראַנד — צוויי רייען זעלנערס, וואָס שלאָגן מיט קאָלבעס איבער די לייבער פון די וואָס מוזן דורכלויפן צווישן זיי. אַדורכלויפן דורך אַ בראַנד. „צווישן קאָלבעס און ביקסן, צוויי רייען פון ,שווארצע', האָבן פון ביידע זייטן פאַרשאָטן זיין קאָפּ און פּלייצע מיט אַ האָגל פון קלעפּ״; צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ דייטשישן ב׳״; (ז. סקאַלאָוו, ר״א 1465, 1941). „ווייבער שוואַנגערע און פרויען מיט עופעלעך אין די הענט זיינען געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די לאַנגע און דיקע דראַנגעס, קינדערשע קעפּלעך זענען צעפּערטלט״. (ס׳ פּלאָנסק, ר״א, יו״ש PH/3—1—1). „פון וואַקזאַל צו די וואַגאָנעס האָט מען געמוזט אַדורכגיין אַ ב׳״. (ס׳ סאָכאַטשעוו, ז׳ 465).

בראַנדענבורגער טויער — ט׳ ביים אַריינגאַנג אין ל׳ בירקענאַו.

ברודער־קבר — „אחרי האקציה״. אויפן בית־עולם ריזיקע קופּעס מתים. מען איז זיי קובר אין אַ ב״ק. (טננבוים, 19.2.43. דפים מן הדליקה, ז׳ 63). „דער ב״ק אין קלאָגע״. (פּופּס, ליד נר׳ 40).

— „אין ברידער־קברים פאַרשיט״. (ל״ג, 1942. שאַיעוויטש, לך לך, כ״י).

— „הגוויות שרוכזו במגרשים ריקים בג׳ הועברו יותר מאוחר לקבר־אחים״. (ס׳ סלונים ב׳, ז׳ 88).

— „אַ ב״ק אויף אַ פרעמדן בית עלמין״. אויפן קאַטוילישן צמענטאַזש — לויט באַפעל. יולי, אָנהייב אויגוסט 1941. (ס׳ קיוויץ, ז׳ 172/3; ס׳ לוצק, ז׳ 506, 472; ס׳ לודביפול, ז׳ 185); ב״ק. ביי דער מצבה. פאָטאָ פון אַ מאַסן־קבר אין פּאָלאַנקע. (ז׳ 231) פאָטאָ פון ב״ק. (ס׳ אָסטראָג, ז׳ 521/2, 501).

„ברידער־קברים, שיכט אויף שיכט״. [ליד]. (ס׳ אוליקא, ז׳ 268).
זע: מאַסן־קבר.

ברויט־זופּ — „אין קאַצעט האָבן יידן געבראַכט אַ פּאַטראַוועע פון אויסקאָכן הונדערט גראַם ברויט, אָדער ווייניקער, אין אַ ליטער וואַסער, גערופן האָבן זיי עס ב״ז.״ (לוי שאַליט: „אַזוי זענען מיר געשטאָרבן״, ז׳ 69).

ברויט־קאַרטלעך — „באַקומען ב״ק, אָבער מיר קריגן אויף זיי קדחות. מען זאָגט: נישט צום שטאַרבן און נישט צום לעבן. (ווילנ״ג, מאַשאַ, כ״י, ז׳ 45).

ברוינע — מוסרים. נאַציסטן. ב׳ פּעסט. ב׳ העמדלעך א״א. באַנוצט פאַר דער מלחמה. „זאָל מיין שופר אַזוי לאַנג שאַלן — ביז קראַכן וועט און פאַלן די ב׳ מויער פון יריחו״. (א. שנור, ס׳ בייטש, ז׳ 95).

ברוינע העמדלעך — פּ. פראַנק: היטלער, דער פירער פון די ברוינע העמדלעך. (ז׳ 44, 1931 אָדער 1932). פּ. פראַנק — פּסעוודאָנים פון פּ. שוואַרץ. זע: פּ. שוואַרץ: דאָס איז געוועזן דער אָנהייב. (פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג״. נ״י, 1943, ז׳ 8, 379). ב״ה פון ס. א.־אוניפאָרם. זע: שוואַרץ.

ברוינער — שטורמיסט. (זע).

ברוינע הויז — הויז פון קאָווגער „עלטעסטעןראַט״ און אַרבעטס־אַמט.

ברוך הוא וברוך שמו — „ווי אַזוי זאָגט אַ ייד, ווען ער באַקומט אַ טובה פון ברוך פּראַשקער? (דער ממונה איבער די פּאָלקסקיכן אין ל״ג) — ברוך הוא וברוך שמו״. (ל״ג, כ״י).

בריגאַדיר — אַנפירער פון אַן אַרבעט־בריגאַדע. (יאַנאָווער ל׳; קאָוונער ג׳; ס׳ סלו־נים ב׳, ז׳ 301, א״א).

בריגאַדע — אַרבעטער־קאָלאָנע; גרופּע יידן, וואָס גייען צו דער אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון אַ קאָלאָנען־פירער. „יידישע בריגאַדעס, / אויסגעפּוצט אין לאַ־טעס, / מאַרשירן טאָג־איין טאָג־אויס / און האַלטן די צרות מוטיק אויס", געזונגען מיטן ניגון פון פּוילישן לעגיאָנען־מאַרש „My pierwsza brygada" (קאָוונע. מחבר: נתן מאַרקאָווסקי). „צענדליקער בר׳ מיט די משונהדיקסטע נעמען, לויט די אַרבעטס־פּלעצער, לויט די גאַסן און הייזער־נומערן. אַפילו לויט די מייסטערס טרייבט מען צו דער אַרבעט. בר׳ טיילן זיך אויף גוטע און שלעכטע, אַזעלכע וואָס קאָנען אונטערקויפן די דייטשן אָדער נישט. (יעלין, ז׳ 177, 181).

בריקענהינטן — ווען די דייטשן פלעגן אָפּטרעטן פון אַ ישוב אויפן מזרח־פראָנט, פלעגן זיי אָנגעבן, אַז זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ „בריקענקאָפּף", אַ פאָדערשטע פּאָזיציע, טיף אין דעם שונאס טעריטאָריע; יידן האָבן דאָס גערופן בריקענ־הינטן און געטייטשט: זיי כאַפּן אַ בריק(ע) אין הינטן און לויפן מיט אַ קלאָג. (קאַפּלאַן, ז׳ 55).

ברעכער — קאָנסומענט פון אַ קיך אין ל״ג. „מע זאָגט נישט ,קאַסע־ברעכער׳, ווייל אַזוינס איז (אין ג׳) נישט בנמצא, נייערט ,זופּן־ברעכער׳". (מן המצר, כ״ י, יולי 41; דפים א׳, ז׳ 139).

ברענאַקציע — קודם באַראַבעוועט מען, דערנאָך וואַרפט מען אין די הייזער ברענבאָמבעס. „פאַרברענען די וואָנצן מיט די הייזער". (ס׳ טאַרנאָבזשעג, ז׳ 326, ענלעך אין קאַלאָמיי).

ברענט — וואָרנצייכן. „די זשעלאַזנע ברענט". (וו״ג, פעברואַר 1942). הערה פון מחבר: ביים טויער אויף זשעלאַזנע אַ שלעכטע וואָך. (עלבערג: אַ מעת־לעת. אין בוך „אונטער קופּערנע הימלען", ז׳ 188).

גונגען.

ג

די גאולה פֿאַר דער נאַז, דער חלף אויף דעם האַלדז — זומער 1944, ווען יידן מורא געהאַט, אַז מע וועט אומברענגען אַלע יידן, אָן אויסנאַם, אין לעצטן מאָמענט. (קאַפּלאַן, ז׳ 56).

גאַזוווקע — דעזינפֿעקציע פֿון אַ פֿאַרמאַכט צימער אָדער הויז, ווייל דאָרטן איז געווען אַ פֿאַל פֿון אַן עפּידעמישער קראַנקייט. דער אופֿן אַרבעט פֿון דער דעזינפֿעקציע־קאָלומנע, אָנגעפֿירט פֿון פּאָלאַקן, האָט זיך געלאָזט שטאַרק פֿילן אין וו״ג. אין לידל „מעות״ זינגט זיך: „זיי מאַכן פּאַרווקעס, (זע) זיי מאַכן גאַזוווקעס, ס׳איז צו די יידן אַ גרויסער קלאָג״. (ר״א 172). אַ קריטיק און אַ באַשרייבונג פֿון דער „קאָלומנע״ — ר״א 268, 1941. זע: קאָלומנאַ סאַניטאַרנאַ.

גאָט — (1) דער, וואָס שטאָט אַליין גיין צו דער אַרבעט, שיקט אַ פֿאַרטרעטער, אַ „מלאך״. (קאָוונער ג׳, קאַפּלאַן, ז׳ 35). (2) דייטשן זאָגן „דער יידישער גאָט איז נאָך אויסלאַנד געפֿאָרן״. (ס׳ בערעסטעטשקאַ, ז׳ 25/8). „דו גייסט צום יידישן גאָט״, זאָגט אַן עס־עס־מאַן צו אַ יידן. (מאָשקאָוויטש, גלינאָוויעצק, ז׳ 264).

— זשאַנדאַר געץ, טשענסטאָכאָוו: „וווּ איז אייער גאָט? זאָל ער קומען מיך באַשטראָפֿן״. אַריין אין שול, געשלאָגן די מתפּללים, געשענדט די ספֿרי־תורה. (ס׳ ז׳ארקי, ז׳ 251).

גאַיאָווי — דינט אין אַמט פֿאַר „קאַמף קעגן וווכער״ אין וו״ג. געווען אַן ערך 300 גאַיאָוויס, טראָגן ספּעציעלע מונדירן, היטלען און אַרעמבענדער. צוליב דעם גרינעם קאָליר פֿון היטל, האָט זיי דער עולם געגעבן דעם נאָמען, וואָס באַטייט אויף פּויליש: וואַלדוועכטער. (ייה״א, כ״י. י. מאַוולט: „דאָס גהינום״, ז׳ 67). זע: דרייצענטל.

גאַלאָמבקי — פּויליש: טייבעלעך. יונגע מיידלעך, וואָס געלעבט מיט עלטערע מענער אין ל׳ פּאָניאַטאָוו, 1943. (ייה״א, ג״ע).

גאַלאַנטעריע — באַזונדערע טיילן פֿון קערפּער (הענט, פּיס, קאָפּ — „אַרבוז״), וואָס אויפֿגעגראָבן, צונויפֿגעזוכט און פֿאַרברענט — טרעבלינקע 1943. מיט דער אַרבעט זיך פֿאַרנומען אַ „טויטן־בריגאַדע״. אָפֿיציעלער נאָמען: „זאָנדער־קאָמאַנדע 1005״. (ייה״א, ג״ע).

גאָלד־אַרבעטער — העפֿטלינגען, וואָס געאַרבעט אין טרעבלינקע, סאָביבאָר, אױשוויץ ביים אַרויסרייסן גאָלדענע ציין פֿון טויטע. גערופֿן אויך „דענטיסטן״. (ייה״א, ג״ע).

גאָלד־וואַלוטע — רומקאָווסקיס אַ באַקאַנט ווערטל. רינגל׳ שרייבט (19טן פֿעב. 1941): „פֿון רומקאָווסקיס אַ מעשה: מיר האָבן אין געטאָ אַ גאָלד־וואַלוטע. יענער

רופט זיך אָפּ פאַרחידושט: ווי אַזוי? רומקאָווסקי הייבט אויף די פויסטן און זאָגט: אָט די אַרבעט פון אונדזערע הענט איז אונדזער גאָלד־וואַלוטע. — דאָס איז דאָך אַ דייטשע טעאָריע! — מיר לערנען טאַקע פון אַלע, ענטפערט ר׳".

גאָלד־יידן — יידן וואָס בעמען צונויף געלט, גאָלד, ווערטזאַכן ביי די וואָס גייען „זיך באָדן" אין די טויט־לאַגערן. (ג"ע, סטראָווטשינסקי א"א).

גאָלדענע אַקציע — חודש שבט תש"ב דורכגעפירט די ג"א צונויפצוזאַמלען און אָפּגעבן די דייטשן דאָס גאַנצע גאָלד, זילבער א"א. (ס׳ לודוויפּאָל, ז׳ 201). „די גאָל־דענע נאַכט" — קעפּל. דעם 14.4.42 פּראָקלאַמירט אין ג׳ די ג"א. זע: אַקציע.

גאָלובטשיק(עס) — רוסן. „מע רעדט, אַז די ג׳ דאַרפן קומען סוף חודש" (ר"א 302, נאָטיץ פון ה. וואַסער, 4 דעצ. 1940).

גאַלייען — געסטאַפּאָ. קאָנטאַמינאַציע פון: געסטאַפּאָ־אַלייען. אין וואַרשע געסטאַפּאָ זיך געפונען אויף אַלעיאַ שוכאַ. רינגל׳ ניצט אָפּט דעם אויסדרוק אין זיינע נאָטיצן.

גאַלענער — נאַקעטער, הוילער, אָרעמאַן. „דער מנחם־מענדל פון וו"ג, יעצט אַ גאַלענער". (אַ. גוטקאָווסקי: „די שוואַרצע בירזשע", ר"א נומ׳ 61).

גאַמעל — לאַגערניק וואָס איז מער ניט פעיִק צו קיין שום אַרבעט. אין מיידאַנעק געווען אַ גאַמעל־בלאָק, ווו מען האָט זיי פאַרשפּאַרט, ביז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ גענוגנדיקע צאָל צו פאַרגאַזן; „אַ מענטש וואָס טויג שוין צו גאָרנישט: אויסגעמאַטערט, אַפּאַטיש, פּשוט שלאָפט איין שטייענדיק. אים אָרט שוין ניט סיי די געשרייען, סיי די קלעפּ. אויב דער קאָמענדאַנט מיטן הונט דערזעען אַ ג׳, ענדיקט זיך עס שלעכט. דער קאָמענדאַנט שלאָגט דעם בלאָקאָווי, וואָס די ג׳ שלעפּן זיך אַרום, און דער בלאָקאָווי ווידער שלאָגט די ג׳. די ג׳ זיינען מאַטעריאַל פאַר גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס. טיילמאָל ענדיקט מען זיי אויס מיט שטעקנס" (ייה"א, כ"י „אין מיידאַנעק"). פּראָפ׳ וו. דאָראָשעווסקי שרייבט, אַז יידן אין מיידאַנעק האָבן געזאָגט אַז דאָס וואָרט שטאַמט פון גמל — קעמל און עס אַרויסגערעדט „קאַמעל" (Rozmowy o języku, ז׳ 92). אין אַנדערע לאַגערן מוסולמאַן (זע).

גאַנג — „פיר פרי געוועקט צום אַפּעל. די העפטלינגען גערופן דעם ג׳ ,שונא נר׳ 1׳." (וויינטרויב, בערגען־בעלזען, „אונדזער שטימע", 1946).

גאַנדזשוקים — סאַנדאַלן פון לייוונט און טעקטור, וואָס די שוכפירמע „הייגע" באַשטעלט ביים ל"ג. אין 1941 — 10.500 פּאָר. דאָס פּראָדוצירט דאָס ג׳ פון יידישן מאַטעריאַל. (טרונק, ל"ג, ז׳ 174).

גאַניעץ — פּויליש: שליח. „שיק־ייִנגל". דער ג׳ „פאַרבינדלער" צווישן יודענראַט און סטאַכאַנאָווער א"ל. רייט אויף אַ פערד". (ס׳ סקיערניעוויץ, ב׳ 2, ז׳ 38).

גאַנצזייך — זע: דרייצענטל, טשינאַסטקאַ, פּשעפּוסטקע.

גאַפּע, וראָנע — שטעמפּל מיטן דייטשן מלוכה־אָדלער. מע פלעגט פאַרקויפן אַזעלכע געפעלשטע שטעמפּלען. (Rzeczpospolita, Nr. 354, 30.9.1940)׳

גאַריבאַלדי־בריגאַדע — יידישע אַרבעטער־בריגאַדע אין טשענסטאָכאָווער ג׳ (גאַרי־באַלדי־גאַס 28), באַשטאַנען פון אַן ערך 150 מאַן און געאַרבעט ביים צונויפ־

קלייבן זאַכן פון „אויסגעזידלטע" יידן. געלעבט אין בעסערע באַדינגונגען. (ייה"א, ג"ע).

גבאים־ראַט — דער לעצטער ג"ר אָנערקענט דורך ליטווינער ווי אַ יודענראַט. (ס' ווילייקה, ז' 290).

גבירים — זע: חזיר־שמאַלץ.

ג"ג — גענעראַל־גוווערנעמענט. יידן עס געלייענט „גענגסטער־גאַו". „דייטשלאַנד טיילט זיך אויף ג"ג און גענעראַל־באָמבאַרדעמענט". ביזן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה, איז ג"ג ניט באָמבאַרדירט געוואָרן. (רינגל', נאָטיץ פון 3טן אָקט. 1940).

גדול — היטלער. „דער גדול האָט געהאַלטן אַ רעדע". (ל"ג, ייה"א, כ"י, טאָגבוך, 1טן יאַנואַר 1944).

דעם גדולס סעקרעטאַר געווען אין פּאַלעגטי, אַנטציקט מיט דער אַרבעט פון די יידן. (רינג', 11.5.41, ז' 264).

גיהנום — „צוויי יידן טרעפן זיך: — דו ווייסט משה, מיר זיינען שוין אין גיהנום! — וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייט, מיר לעבן דאָך נאָך! — טאַקע אין דעם באַשטייט דאָך דאָס גיהנום!" (פּוילישער כ"י, פּאַוולאַק, 1טן אַפּריל 1943).

גובערניום, גובערניע — יידן האָבן דאָס ג"ג, געשאַפענע דורך די דייטשן, גערופן לויטן אַלטן רוסישן נאָמען — גובערניע. אַזוי אויך רינגעלבלום אין זיינע נאָטיצן. (למשל, 18.5.41, ז' 140, 268). זע: ג"ג, שחיטה.

גוואַזדזשע — טשעוועקעס (פּויל.). די נידעריקע ראַנגען פון דער יידישער פּאָליציי אין וו"ג; געהאַט ווי אַן אָפּצייכענונג „טשוועקעס" אין היטל. מען האָט זיי טאַקע גערופן יידיש: „טשוועקעס". (ר"א, ז' 428, דעצ. 1941).

גוואַלטאַנאַמיע — אָנשטאָט „אויטאָנאָמיע". „טרערן־אינדזל', שאַנד־אינסטיטוציע, וואָס טראָגט, ליידער, דעם נאָמען פון אונדזער גוואַלטאָנאָמיע, דער אַזוי גערופענער ,יודענראַט'". (נ. טיטעלמאַן, 1941, ר"א 1329).

גוט־מאָרגן, איך האָב אים אין דער ערד — באַגריסונג אין ל"ג. אים — דעם פירער.
גוט־מאָרגן, מתים — באַגריסונג אין ווילן"ג. (ש. קאַטשערגינסקי, כ"י).

גוטע גויים — „אַ גוטער גוי (קריסט) איז דער, וואָס נעכטיקט אַ נאַכט אין קאַשטשאָל". נאָר אַ מת, איידער מען ברענגט אים אויפן צווינטער, נעכטיקט אין קאַשטשאָל. „דער גוי איז אַזאַ גוטער, אַז די באַן זאָל אים נאָר אויסטאָן די שיך"; „מען זאָל אים נאָר מאַכן אַ הילצערנעם שלאָפּראָק", ד"ה אַ טרומנע. (פּל"ח, ה' 6).

גוטע געמאַכטע — ציגאַרן פון יוגאָסלאַווישן טאַבאַק. (ל"ג, ג'־לעקסיקאָן, כ"י; כראָניק, ב' 1, ז' 15, 365).

גוטע דייטשן — מערץ 1940 האָט עס־עס באַפוילן דער יידישער גמינע צוצושטעלן אַלץ. ווען מאיר בוים, דער „שטומער מאיר", האָט זיי אַריינגעטראָגן אַ קויש מיט כל־טוב און אַרויסגעקומען אַ גאַנצער, האָט ער אויף די פראַגעס פון די בייגע־ריקע יידן געענטפערט: „פּרעיט דוניש, פּרעיט דוניש, דיטע דאַטשן, דאַער דיטע דאַטשן: אָמע ברענצע צעטרוגן געימען זאַי צי" („פּרעגט גאָרנישט, גוטע דייטשן, גוטע דייטשן, זייער גוטע דייטשן. אַז מען ברענגט זיי צו טראָגן, נעמען זיי צו"). דערפון זאָל שטאַמען אָט דאָס ווערטל. (שמחה ראַטנבערג,

סטאַשעוו). „אַ גוטן דייטש — אַ לייכטן טויט", געווען זייער פאַרשפּרייט. (כ"י, פון צפורה בירמאַן, ביאל"ג, 1943).

גוטער אויסזען — ענלעך צו אַ קריסט. מיט אַ ג' א' האָט מען געהאַט מער שאַנסן ניט דערקענט צו ווערן אויף דער אַרישער זייט. זע: אויסזען.

גוט פּנים — נישט אויסגעזען ווי אַ ייד. (ס' קראַשניק, ז' 334). „געהאַט אַ ג"פּ".

גולים — אַ ניי וואָרט אָנגעווענדט דורך ח. לינדער אַלס קעגנזאַץ צום וואָרט „פּליטים". די ג' זענען בהכרח געבראַכט געוואָרן קיין ווארשע און נישט געקומען פרייוויליק ווי די פּליטים. (רינגל', כתבים ב' 2, ז' 165). לינדער פאַרגלייכט „גולים" פאַר צוואַנגס־פּליטים. (דאָרט, ז' 167).

גוראַל — אַ באַנקנאָט פון 500 גילדן, וואָס די דייטשע מאַכט אַרויסגעגעבן דורך דער „עמיסיע־באַנק" אין קראָקע. געווען זייער אַ סך געפעלשטע, וואָס מען פלעגט פאַרקויפן אויף די ווארשעווער גאַסן פאַר 50 גילדן אַ שטיק. געדינט אויף אויסצוקויפן זיך פון די דייטשע העגט בשעת אַ „לאַפּאַנקע". „צוויי גוראַלן אָפּגעראַטעוועט פון באַד". (ס' אוסטרובצה, ז' 269).

גוראַן — שמוגלען אין וו"ג איבער דער מויער; שמוגלען דורך קאַנאַלן, אונטער דער מויער. (ייה"א, ג"ע).

גיבראַלטאַר — וו"ג. דער דורכגאַנג עק זשעלאַזנע־כלאָדנע, פאַרבונדן דעם צפונדיקן טייל ג' מיטן דרומדיקן. „היינט, לכבוד דעם פראָסט, געקענט אַדורכגיין דעם ג' ניט אַראָפּנעמענדיק דעם הוט" (פאַר דער דייטשער וואַך, וואָס איז דאָרט געשטאַנען). (רינגל' 14.12.1940). „דאָס גיהנום אויף ראָג זשעלאַזנע־כלאָדנע". (רינגל' 20.11.40). טרעפט זיך אויך אין געדרוקטע מקורים פון יענער צייט. („גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ", נומ' 39, 16טן מאַי 1941). זע: האַרצקלאַפּעניש־גאַס.

גיין, געגאַנגען — (1) אומקומען, אומגעקומען. „זי איז געגאַנגען מיט דער (ערשטער) אַקציע" — זייער פאַרשפּרייט. „איטשע־מאיר איז שוין אויך געגאַנגען". (שלום אַש, דער ברענענדיקער דאָרן, ז' 32). „אַ דייטש זאָגט: די (יידישע) פּאָליציי, זיי וועלן גיין צום לעצטן אָדער צום שפּעטסטן". (ס' קאָריוו, ז' 306). „איש עדיין איננו אומר: ,הושמדו' — לעומת זאת אומרים ,הלכו'. וקיים כעין קשר שתיקה בין האנשים כי מי ש,הלך', הרי ייתכן כי עוד ,יימצא' לאחר המלחמה..." (מ. טומקביץ, פצצות ועכברים, ז' 201). „בכלל זענען די פּעסימיסטן שנעלער געגאַנגען, ווי די אָפּטימיסטן". (ראַזענצווייג אַניטאַ, ווילנער ג', יו"ש). (2) אַריבערגיין די גרענעץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין די יאָרן 1939—1940. „איבערלעבונגען פון די וואָס זיינען ,געגאַנגען' און צוריק געקומען", פון אַן אַנקעטע „דאָס לעבן פון יידישן שרייבער", וואָס „עונג־שבת" האָט דורכגעפירט אין וו"ג 1941. „די גאַנצע שטאָט רעדט וועגן גיין... יענע גייען מאָרגן צום צווייטן מאָל". (פרץ אָפּאָטשינסקי, „ס'הויז נומער 21", ר"א 1459).

גיין אויף דראָטן — זיך וואַרפן אויף די פאַרצוימונגען פון עלעקטריזירטע דראָטן און אויף אַזאַ אופן זיך נעמען דאָס לעבן. באַקאַנט אין די ל' מיידאַנעק, אָשוויענטשים א"א. נישט איין מאָל האָבן דייטשן געצוווּנגען דאָס צו טאָן. די וועכטערס געשאָסן, נאָך איידער מען איז צוגעקומען צו די דראָטן.

גיין אויפן וועג צו (פון) טאַטע־מאַמע — אומקומען פון נאַציישע הענט. „מיין ברודער זעגנט זיך אָפּ פון אונדז און זאָגט, אַז איצט גייען מיר שוין אויפן וועג צו טאַטע־מאַמע; ניטאָ קיין אויסוועג". (ס' ביטען, ז' 256).

גיין אין די ברעטער — שטאַרבן, אומקומען. „אַרויסגעוואָרפענע מי. ס'עט גאָרנישט העלפן. כ'גיי סיי ווי אין די ברעטער". (י. שפּיגל: „איבערגעלעבט", ל"ג 1943). „אַ פאָלק גייט אין די ברעטער אַריין". (דאָרטן, איבערגעדרוקט אין: „ליכט פונעם אָפּגרונט", ז"ז 177, 178).

גייענדיקער — זייגער. „וויפל איז דער גייענדיקער? דער פּאָסטן זאָל ניט פאַרשטיין און ניט צונעמען דעם זייגער. (קאָוונער ג', ג"ע).

גייער — (1) זייגער, וואָס מען פלעגט צום מייסטן אויסבייטן אויף עסנוואַרג. (ליטע, קאַפּלאַן, ז' 23). (2) טראָגט פונאַנדער די סחורה וואָס מען האָט אַריינגעשמוגלט אין ג'. „זיי טראָגן די סחורה אין רוקזעק. אַרבעטן אַ סך און שווער. פאַרדינען ווייניק, 20—30 גראָשן פאַר אַ קילאָ (אויף ברויט מיט קאַרטאָפל דאַרף מען אַ 50 זל' אַ טאָג). זיי אַרבעטן ביים שמוגלער וואָס נוצט זיי אויס". (ר"א 52, פּרץ אָפּאָטשינסקי, וו"ג, אָקט. 1941). „די רויטע מויד, איינע פון די גייערס... די קענען זיך קיין ריקשעס ניט דערלויבן, זייער ריקשע — די אייגענע פּליצעס". (דאָרטן).

גיי צו שאָמע גרייער — קללה אין לובלינער ג': גיי אין דער ערד אַריין. (ג"ע, אסתר פעלדמאַן).

גיכער פון אַ טויטן אַ שלוקערץ ווי פון אַ יעלה (זע) אַ טובה — קאָוונער ג'. (קאַפּלאַן, ז' 36).

גירוש — דער קאָמיסאַר דראָט מיט אַ ג' פון די ייִדן. ייִדן זאָגן תהילים, דער ג' זאָל אָפּגערופן ווערן. (ס' האַראַדלאָ, ז' 143).

גמינע — דער נאָמען פון דער ג' (קהילה) אַריבערגעטראָגן אויפן יודענראַט און זיינע אינסטיטוציעס. „כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גמינע". (רינגל', 13.5.1941). „צו דער ייִדישער מאַכט, צו דער גמינע — אוי, זי האָט מען אַזוי פיינט, ערגער ווי אַ פרומער ייִד חזיר. אויף די גמינע־לייט קוקט מען ווי אויף תקיפים, געלט־פרעסער, מאַרעוויכער און מגוולים". (פּרץ אָפּאָטשינסקי, „מגילת פאַרוווקע", סוף 1941, ר"א, 207). „אַ גמינע־מענטש, אַ באַאַמטער פון דער ג' אָדער פאַרשטייער פון אַ הויז־, ראַיאָן־קאָמיטעט. מ'האָט זיי מקנא געווען: געוועזן פריי פון צוואַנגס־אַרבעט". „אין דער גמינע זיצט מען, ערגעץ אַנדערשוווּ — אַרבעט מען". (י. קורץ, כ"י). זע: קהילה.

גמינע־לייט — מיטגלידער פון יודענראַט. (ס' זאַווירטשע, ז' 274; ס' טריסק, ז' 320 א"א). שם גנאי: מלחמה־כלל־טוער, קהילה־לייט, בעלי טאַקסע. („אונדזער וועג", וו"ג, דעצעמבער 1941).

גנאַדע־שאָס — טיילמאָל פלעגן די עס־עס געבן אַ קראַנקן, אָפּגעשוואַכטן ייִדן אַ ג"ש. „דער ייִד זאָל זיך נישט מוטשען". (ש. מאַשקאָוויטש, גלינאַוויעצק, ז' 239).

גנבים מיט ביידע הענט — טייטש פון די ראשי־תיבות: ג, מ, ב, ה, („געזעלשאַפט מיט בעשרענקטער האַפטונג"). די דייטשע פירמעס אין אָקופּירטן פּוילן געפירט אַן

אויסרויב־פּאָליטיק; „דירעקט און אומדירעקט געהאָלפן אויסראָטן יידן". (לוב־לין, ג"ע).

געבונדרעניע; פּרייע — פּרויען־קאָלאָנעס זיך געטיילט אויף געבונדרעניע, ווו עס זיינען שטענדיק געווען די זעלביקע פּרויען, און אויף פּרייע, ווו טייל פּרויען ניט געווען געבונדן מיט דער קאָלאָנע (געאַרבעט ווייניקער ווי דריי מאָל אין וואָך). (ר. לעווין, פּל"ח, נומ' 8).

געבעלס — (א) „האָסט געהערט ווי געבעלס סטראַשעט ווידער די יידן, אַז אויב די דייטשן וועלן פאַרשפּילן צוועלווע, וועלן די יידן פאַרשפּילן עלווע? — האָסט אים אין דר'ערד. זיי וועלן גאָר פאַרשפּילן צענע און מיר וועלן זיין געראַטעוועט". (ר"א 172, יולי 1942); (ב) געבעלס קומט אויף יענער וועלט און קוקט זיך אַרום: אין גן־עדן איז פּוסט און נאָר אַלטע לייט; אין גיהנום איז פריילעך, בלייבט ער אין גיהנום. מען קומט נאָך אים אויפן צווייטן טאָג און מען נעמט אים צום קאָכקעסל. נעמט ער שרייען: ס'טייטש, נעכטן איז געווען אַזוי שיין!? ענטפערט מען אים: דאָס איז געווען פּראָפּאַגאַנדע. (וו"ג); (ג) עס זיצן האַניבאַל, צעזאַר, אַלכסנדר מוקדון און נאַפּאָלעאָן. ווען ער וואָלט געהאַט טאַנקן אַנשטאָט העלפאַנטן, זאָגט האַניבאַל, וואָלט ער איינגענומען די גאַנצע וועלט. צעזאַר זאָגט דאָס זעלביקע וועגן עראָפּלאַנען און אַלכסנדר מוקדון וועגן דער היינטיקער טעכניק. נאַפּאָלעאָן זיפצט: „ווען איך וואָלט געהאַט געבעלסן, וואָלטן די פראַנצויזן זיך גאָרנישט דערוווּסט, אַז איך האָב פאַרשפּילט די שלאַכט ביי דער בערעזינע. (ג"ע). (ד) געבעלס האָט געליטן פון שווערע קאָפּווייטאָגן. האָט מען בשתיקה גערופן צו אים אַ יידישן דאָקטער וואָס האָט פאַרשריבן קאָפּ־וואַנעס. — וואָס הייסט קאָפּ־וואַנעס? — אָפּטונקען דעם קאָפּ אין אַ וואַנע מיט וואַסער דריי מאָל און אַרויסנעמען דעם קאָפּ בלויז צוויי מאָל. (דוואָרזשעצקי, ווילנע, העברעיִשע אויסגאַבע, ז' 256).

געבעלס־קאַלענדער — די בלאַקן פון רעוויר (זע). געוויינטלעך אַ שבת אָדער אַ יום־טוב געררייניקט פון די מוזולמענער (זע). זיי גענומען אין דער גאַז־קאַמער. די טעג האָט מען גערופן ג"ק. (ס. א. ביילין, אויפן אייכמאַן־פּראָצעס, 7.6.61). פאַר־גלייך: א. דויטשקאָרן, קינדער אין געטאָס און לאַגערן, ז' 130, דייטש).

געבענטשט זיינען די הענט וואָס נעמען זיך אַליין — אַ באַקאַנט שפּריכוואָרט מיטן נייעם רמז: נעמען זיך אַליין דעם טויט. געהערט פון אַ 12־יאָריקן יינגל, אַ בן־זקונימל פון אַ טרעגער אויפן אומשלאַגפּלאַץ. (ר"א, 256).

געגאַנגען נאָך ברויט און געפונען דעם טויט — איבער שטופּעניש און ווילדן געדראַנג ביים וואַרטן אויף ברויט, פלעגן זיין טויטפאַלן. איז אין ל"ג אויפגעקומען דאָס ווערטל. „די גוואַלדן און געשרייען פון די טויזנטער מענטשן האָט מען געהערט מיילן ווייט, און וויפל טויטפאַלן האָבן שוין די ברויט־קאָאָפּעראַטיוון געגעבן? איז געגאַנגען נאָך ברויט..." (ש. פראַנק, טאָגבוך, 1941).

געדעקט — געזיכערט, פאַרזיכערט. געדעקט איז געווען דער, וואָס האָט דורכגעפירט אַ נוציקע אַרבעט פאַר די דייטשן, געהאַט אַ קאַרטע וואָס האָט געראַטעוועט פון דער „אויסזידלונג". (אָרענשטיין, חורבן טשענסטאָכאָוו, ז' 220). „געדעקטע יידן" (ישראל טאַבאַקמאַן, בעלגיע, כ"י). „אַ טייל איז געווען געדעקט ביי דער

אַרבעט, אַנדערע געהאַט „דעק־קאַרטן״ פון געסטאַפּאָ... געהאַנדלט מיט „באַפרייען״ און „דעקן״... מ׳קויפט די דאָזיקע דעק־אַרבעט פאַר גרויסע סומעס געלט. הונ־דערטער אַרבעטער זײַנען געשטאַנען פאַרן נסיון: צי זיך אויסבאַהאַלטן און אויסגיין פון הונגער, אָדער גיין אַרבעטן פאַר די דײַטשן און זײַן געדעקט״. „געדעקטע אַרבעט״, ווײַל ניט יעדע אַרבעט האָט „געדעקט״.

געזעלגערט — געהרגעט בעת אַן אַקציע. מעזריטש.

געזאַלצן — באָמבאַרדירט. „אַז מ׳פּלעגט זיך דערוויסן אין מעזריטשער ג׳ וועגן אַ לופט־אַנגריף אויף דײַטשלאַנד, איז די שמחה געווען גרויס. מען פּלעגט זיך איבער־געבן: „איי, האָט מען בערלין געזאַלצן׳; האַמבורג נישקשהדיק צעפּלאַכטן׳״. (פל״ח נומ׳ 6).

געזאַלצענער — גערינג, איבער אַסאָציאַציע מיט הערינג. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

געזונטע זאָלן אײַך טראָגן — קלינגט ענלעך צו: געזונט(ערהייט) זאָלט איר עס טראָגן; באַטײַט אַ קללה: געזונטע (יידן, מענטשן) זאָלן (דעם דײַטש) טראָגן (אַ טויטן). „איינער פון די שנײַדערס, אַ בלינדער אויף איין אויג, איז געווען אַ קוואַל פון אמתן פאָלקסטימלעכן הומאָר. ווען ער פלעגט אָנטאָן דעם דײַטש דעם מונדיר, אַ זאָג טון: „געזונטע זאָלן אײַך טראָגן, ה׳ לייטענאַנט׳, פלעגט ער נאָך באַקומען אַ פּאַפּיראָס פון דײַטש פאַר דעם שײנעם ווונטש, און מיר פלעגן זיך קוים אײַנהאַלטן פון געלעכטער״. (רחל פּופּקאָ, „מײַן אַרבעט אין ייוואָ אונטער די דײַטשן״, ייוואָ־בלעטער, 30, ז׳ 215).

געזינדל — יידישע אָנפירערס, וואָס צוגעשטעלט די קאָמאַנדאָס צו דער אַרבעט. (ליטע, קאַפּלאַן, ז׳ 35).

געטאָ — (1) פאַר וואָס הייסט עס ג׳? ווײַל מע בעט רחמים: געט! און מען ענטפערט: ע! (כ׳האַלט נישט דערפון). (ל״ג, ג״ל). (2) לויט דער פאַר־אָרדענונג, איז דאָס ג׳ געווען באַשטימט נאָר פאַר יידן. ווען אין וו״ג האָבן זיך באַוויזן צוויי דײַטשע סאָלדאַטן, האָט דער יודענראַט אַרויסגעשיקט אַ שאַרפע נאָטע צו דער דײַטשער רעגירונג און פּראָטעסטירט קעגן „פּאַרלעצן״ די סוווע־רענע טעריטאָריע פון ג׳ (פּרג״ל: M. Mazor: La cité engloutée. Le Monde Juif, No. 34—35, 1950). (3) עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן אין ג׳ שלאָגן אַ יידן. קומט צו אַ ייד, דערלאַנגט זיי די האַנט: — איך גראַטולירן אײַך! פאַר וואָס עפּעס? — ווײַל איר שטעמפּלט אונדזער געטאָ ווי אַ ציוויליזירטע מלוכה; (4) „אויף יענער זײַט זאָגט מען, אַז מע ווײַלט זיך ווי אין ג׳. עס קומען צו נאַכט־לאָקאַלן מיט קאַבאַרעטן אאַז״וו. (רינגל, פעברואַר 1941). (5) אין ל׳ טרעבלינקע באַצייכנט מיט ג׳ די באַראַקן, וווּ עס לעבן די אַרבעטנדיקע יידן. (ג״ע, ווילענבערג); (6) אין דער תפיסה מאָנטעלופּיך קראָקע — די קאַ־מערן פאַר די פאַרמשפּטע צום טויט. (Kudliński: Montelupich, ז׳ 103). (7) יידן גערעדט פרעמדע געטער, דערפאַר האָבן זיי זוכה געווען צו אַ ג׳. (הובערבאַנד, קידוש השם, ז׳ 302, ר״א). (8) באַפעל פון יודענראַט, אַז מ׳וועט הערן דעם פײַף פון דער סירענע, פון דער מיל, אַ סימן אַז קיין ייד טאָר נישט אַרויסגיין פון ג׳. „די וועלט האָט זיך פאַרמאַכט פאַר אונדז״. (ס׳ זבאַריוו, ז׳ 299). (9) עו״ד יהודית גלב, נשיאת „ויצו״ בבסרביה, יעצה

למשפחה לקרוא לבת בשם ג׳, על שם הגיטו בקישינוב למען הנצחתו בתולדות עם ועולם. המשפחה קיבלה את ההצעה ואכן קראה לבתם בשם ג׳. אך עם אחרוני הנספים בגיטו קישינוב, נספתה גם התינוקת שנשאה את השם ג׳. זע: געטאָלע. (10) „אם אתם מחסלים את הג׳ — אין מי שיתפור שינעלן און שטיוול״, האָט דערקלערט אַ גענעראַל פון דער ריסטונג. (מ. טננבוים, דפים, ז׳ 30). אין 15 מינוט באַשאַפן געוואָרן דער „קבר־געטאָ״. אַזוי גערופן די ג׳. (ס׳ אוליקאַ, ז׳ 342).

געטאָ אַ, בע, צע — (1) אין אַ צאַל געטאָס געשיקט די אַרבעט־פעיִקע אין איין טייל, באַצייכנט ווי געטאָ א, און די וואָס נישט געקענט אַרבעטן — אין ג׳ ב; בע פלעגט מען פריער ליקווידירן, למשל: אין קראָקע, ווילנע א״א; (2) ל״ג געהאַט דריי טיילן: א׳ — אויף מערב־זייט פון זגערזשער גאַס און דרומדיק פון לימאַנאָווער; בע: אויף מזרח פון זגערזשער; צע: אויף מערב־זייט פון זגערזשער און צפונדיק פון לימאַנאָווער. (ל׳־ענצ׳).

געטאָ, גרויסע, קליינע — אין טייל ערטער זיינען געווען צוויי באַזונדערע געטאָס, איין ג׳ — דאָס גרויסע, און דאָס קליינע. נאָכן אויסזידלען אַ צאָל יידן, האָט פּאַסירט, אַז די טיילן געוואָרן כמעט גליך, זאָל מען ווייטער באַנוצן די נעמען גרויסע און קליינע.

געטאָגראַד — „דאָס וואָס איז געשען אין אַפּריל־מאַי היי־יאָר אין וואַרשע, די דאָזיקע יידיש־דייטשע מלחמה — ווי מען האָט עס גערופן דאָ: דער קריג פון געטאָ אָדער געטאָגראַד מיטן דייטשן רייך, דאָס שטייגט באמת איבער אַלע פאַר־גלייכן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און אויך פון אַנדערע פעלקער״. (באַריכט פון צ״ק „בונד״ אין פוילן, 22 אַפּריל 1943, „אונזער צייט״, נ״י, מאַי 1944).

געטאָלע — „אינטערעסאַנט צו דערציילן, אַז דער ניט־געוויינלעכער נאָמען (פון מחברס טעכטערל) שטאַמט פון דעם, וואָס אין קאָוונער ג׳ האָט מען די ערשטע צייט פיל ניי־געבאָרענע מיידלעך אַ נאָמען געגעבן ג׳, מיט דער כוונה צו פאַר־אייביקן דעם אָנדענק פון דער יידישער ג׳. אַן ערך פופציק מיידעלעך האָבן געטראָגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן נאָמען, אָבער קיין איינע פון זיי איז ניט געבליבן ביים לעבן״. (יוסף גאַר, אין געלויף פון חרובע היימען, נ״ר, 1952, ז׳ 13). „רומקאָווסקי, ווען געווען אין וואַרשע, זיך גערימט: איר וועט זען אַ יאָר־צוויי, וועל איך האָבן אַ ג׳ איינעם אין פוילן״. (רינגבל׳ 19.9.40).

געטאָ סאַסנאָווקע — אין הילצערנע באַראַקן פון דאַטשע־אָרט סאַסנאָווקע, וואָס אין אַ סאַסנע־וועלדל, איז אַנטשטאַנען דאָס ג״ס פון דער שטאָט וואָלאָמין. אין ערשטן ווינטער זענען די ביימער אויסגעהאַקט געוואָרן. דאָס האָט געדינגט דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער מיליץ צו שאַפן אַ געלונגענעם, פּאַסיקן וויץ: „ווי אַזוי וועט מען מיך נאָך דער מלחמה אויפהענגען, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין ביימער״. (ס׳ וואָלאָמין, ז׳ 425).

געטאָ־פּאַספּאָרט — „דורך פאַרברענען ביינער פון פערדיש פלייש און צערייבן זיי אין ספּעציעלע שטייסלען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָדוקציע פון קאַלציום און

פּאַספּאַר... געגעבן פּאַר קינדער אין רייַנער פּאַרעם, אָדער געמישט צוזאַמען מיט אַ פּודער פון וויטאַמין ב׳. מוטערס און קינדער האָבן עס גערופן ג״פּ.״. (דוואָרזשעצקי, ווילנע, ז׳ 176, 206).

געטאָ־פאַרשטייער — אָפיציעלער נאָמען פון עלטסטן פון ווילנער ג׳ יעקב גענס. (דוואָר־זשעצקי, ז׳ 142).

געטאָ־קראַנקייטן — (1) אין אַן אָפיציעלן באַריכט פון קרימינאַל־סעקרעטאַר נוימאַן, ג׳־קאָמיסאַריאַט, ליצמאַנשטאַט, פון 26 נאָוו׳ 1942, לייענען מיר: „אַ חוץ די סטאַבילע קראַנקייטן, ווי ס׳רופט זיי דאָס יידישע פאָלקס־מויל — ג״ק״, וואָס נעמען זיך פון נישט־דערנערטקייט און דריקן זיך אויס אין בלוט־אָרעמקייט און טשיראַקעס, האָט זיך באַוויזן בויך־טיפוס״. (ייה״א, ג״פּ); (2) אָפּטע געדערעם־אינפעקציע, באַזונדערס ביי פריש געקומענע אין ג׳, מיט שווערער דעזינטעריע. ביי אַלגעמיינער שוואַכקייט פלעגט עס זיך ענדיקן מיט טויט. (ל״ענצ׳).

געטויפטע מילך — געשמוגלטע מילך וואָס מ׳פלעגט אויף דער אַרישער זייט אַריינגיסן אין רערן, דורך די מויערן פון ג׳; אין דער מילך איז געווען מער וואַסער ווי מילך, און דערפון דער נאָמען. (וו״ג, י. קורץ, כ״י. פּויליש: Święcona woda).

געל — מיט דער פאַרב גערופן „יודען־געלב״, באַצייכנט אַ יידן, זיין לבוש, וווינונג א״א. „די יידישע פּאָליציי געטראָגן היטלען מיט אַ געלן אויבערשלאַג און אויף די אַקסלען געלע עפּאָלעטן מיט אַ צלמל אין דער מיט״. (ס׳ קרמניץ, ז׳ 241). זע: יודען־געל.

געלט — דער האַנדל געהאַט זיין אייגענע שפּראַך. גאָלד האָט געהייסן — געלט, בריי־ליאַנטן — שטיינער, גאָלד־דאָלאַרן — האַרטע, פּאַפּיר־דאָלאַרן — ווייכע, רוסישע גאָלד־רובל — חזירלעך, דייטשע מאַרקן — קורצע. דריי מאָל טעגלעך באַקומען פון וואַרשע דורך דעם טעלעפאָן דעם קורס, לויט פריער אָפּגערעדטע סימנים. (פּיעטריקאָוו, לאָדזש, י. קורץ, כ״י).

געלייענט — נאָך דער „אויסזידלונג״ פון יידן אין קעלץ, האָט אַן איבערגעלאָזענע גרופּע יידן צונויפגעזאַמלט דאָס פאַרבליבענע פאַרמעגן און עס מאַגאַזינירט. ווען די דייטשע וואָך האָט ניט געזען, פלעגן זיי טייערע ווערטזאַכן פאַרגראָבן אין דער ערד, פאַרבאַהאַלטן צווישן ציגל פון די ווענט. דאָס האָט געהייסן ג׳.

געלינקער — רוסישע צען רובל גאָלדענע. „אונטערהאַנדלען וועגן אַ געלינקן״. (ל. שפּע־טעל, „יידן אין שטוטהאָף״, כ״י, ז׳ 13).

געלע — (1) געסטאַפּאָ. „מיטאַרבעטער פון די ג׳״; „אָנגעקלונגען נאָך די געלע״. (וו״ג, ר״א, נאָוו׳ 1941, 510); (2) אין פרויען־לאַגער לובליץ, פּאַמערן, די וועכטערס פון „פאָלקשטורם״. „הם היו לרוב מלובשים מדים צהובים של ה־ס.אָ. „די ג׳״ היו קוראים להם. הם לא היו טובים מ,השחורים׳״ (עס.עס.). (אסתר לוריא, כ״י). זע: געלע לאַטע.

געלע אַרבעט — די אַרבעט אין סקאַרזשיסק, אין ווערק צע, ביי פּולווער. „דאָס פּנים פון אַרבעטער פלעגט ווערן געל. נאָך עטלעכע טעג אַרבעט, זייַנען קינדער און שוואַכע מענטשן געפאַלן טויט ווי פליגן״. (ייה״א, ג״ע; ס׳ סקאַרזשיסק, ז׳ 136, 148). זע: פּיקרין, קאַנאַרעק.

געלע הינט — „געביט־קאָמיסאַר, זיין פּאַרטרעטער און נאָך אייניקע ג״ה. אַזוי האָט מען זיי גערופן צוליב זייער געל־ברוינער אוניפאָרם״. (ס׳ סלאָנים, ב׳, ז׳ 271). אָנגענומענער אַלגעמיינער צונאָמען: פאַזאַנען (אינדיקעס), צוליב די קאָלירן פון זייערע אוניפאָרמען.

געלע לאַטע — געל האָבן די נאַציסטן באַטראַכט ווי אַ „יודענקאָליר״, „יודענגעלב״. דערפון: ג״ל אויף דער ברוסט און פּלייצע ווי אַ קענצייכן פאַר יידן. אַ ג״ל אויף דער קני באַצייכנט די קרבנים אין טרעבלינקע. (רינג׳, ז׳ 261/2).

אין ווילנער געטאָ געבוירן אַ קינד. ד״ר לקח נעמט עס אָפּ און זאָגט: צוגע־קומען נאָך אַ געלע לאַטע. („קינדער אין ג׳ ווילנע״, זאַמלבוך, ז׳ 135).

געלער — זשאַנדאַרמעריע־קאָמענדאַנט. „געוועזן אַ ג׳. הרגענען איז געווען ביי אים אַ ספּאָרט. ער פלעגט עס טוען אין ווייסע הענטשקעס״. (ס׳ לאַנצוט, ז׳ 371).

געלער שיין — שיין וואָס באַפרייט (אויף אַ זייער קורצער צייט) פון אַרויסגעשיקט צו ווערן פון ג׳. „מיידלעך מיט געלע שיינען האָבן אין ג׳ חתונה. דאָס איז געווען זייער בדן. אַ מאַמע פלעגט זיך אויסדריקן וועגן איר קינד: איך היט עס ווי מיין געלן שיין״. (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 54). **די נאַכט פון געלע שיינען** — נאַכט פון 23סטן אָקט׳ 1941, ווען אין ווי״ג צוגענומען אַלע וואָס ניט געהאַט קיין ג״ש. (דוואָרזשעצקי, ז׳ 103). זע: שיין.

געמוזע — ווייכע לעדער. „אויף געמוזע — צום טויט, מיטן אָנדייט, אַז די הויט וועט מען גאַרבן אויף ג׳־לעדער״. (יהודה עלבערג, „חנהלעס טויט״, קיום, אַפּריל 1948); אין אַ פוילישן כ״י פון אינזש׳ בצלאל פּערעכאָדניק (אומגעקומען אין וואַרשע בשעתן אויפשטאַנד פון 1944): „די געשיכטע פון אַ יידישער משפחה אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע״, געפינען מיר: „דער יידישער ווערטערבוך האָט זיך באַרייכערט מיט נייע אויסדריקן: מיר גייען אויף שמעלץ, אויף געמוזע, אָדער אויף זייף״.

געמיזן — גריינסן (דייטש). גרינוואַרג, בלעטער. ל״ג: „מע שווענקט די בלעטער אין אַ באַליע, מע קאַכט זיי אין אַ קעסל און מע דערלאַנגט עס אויף אַ טעצעלע״. (ג״ע).

געמיינשאַפט — אין קראָקע, הויפּטשטאָט פון ג״ג, אָרגאַניזירט דער יידישער האַנטווערקער־פאַרבאַנד „אַרבעט־געמיינשאַפטן״ מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט. אין קראָקע האָט די ג׳ געציילט 24 פאַכגרופּעס מיט 1.600 האַנטווערקער. טשענ־סטאָכאָוו האָט די ג׳ (קירזשנער, שניידער, שוסטער) געציילט העכער טויזנט וואַרשטאַטן. אין טאַרנע האָט די ג׳ געטראָגן דעם אָפיציעלן נאָמען „לאַנדישע וואַרשטאַטן; באָכניע — „שטאָטישע ווערקשטאַטן״. „די שיינע נעמען גע־דאַרפט פאַרדעקן זייער יידישקייט: אַ סגולה צו באַקומען באַשטעלונגען״. (ווייכערט, מלחמה, ז׳ 245, 248).

גענוג, כ׳האָב געזען — וואָרט פון יידישער פּאָליציי צו קריגן אַ חלק ביים שמוגל. „אַז אַ יידישער פּאָליציאַנט אָדער ווער אַנדערש וועט באַמערקן און אַ זאָג טאָן: ,גענוג, כ׳האָב געזען׳ און ווערן אַ שותף — איז פאַרפאַלן, וועט מען אים מוזן געבן זיין חלק״. (אָנדענקבוך, ז׳ 89). „אַ סך פּאָליציאַנטן האָבן דערביי גענומען

לאַ יהרץ־געלט, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן געזען, מע האָט זיך דערפון גע־מאַכט אַ גאַנצע פּרנסה". (דאָרטן, ז' 15).

געגומען און געגעבן — אַ דייטש וואָס איז ,גוט' און נעמט שוחד, און גיט עפּעס דערפאַר. (פּיעטריקאָוו, י. קורץ, כ"י).

געניאַ, גענע — סינאָנים פאַר געסטאַפּאָ. „געניאַ הגיעה לפתע, הקיפה את הרובע ויחד עם אנשי המקום השתוללו הלילה". (פון אַ בריוו, 20סטן מערץ 1942, ג' ראָהאָ־טין, מזרח־גאַליציע. י. טרונק, „מכתבים משנות השואה", ידיעות בית לוחמי הגיטאות, אַפּריל 1957).

גענשוווקע — (1) מיליטערישע תפיסה אויף גענשע־גאַס אין וו', ווו מ'האָט אין די צייטן פון ג' געהאַלטן יידן. פון דאָרט זיי געשיקט אין לאַגערן, אָדער „אויס־געענדיקט" אין הויף. (י. טורקאָוו, אַזוי איז געווען, ז' 186). „מע פירט אַרויס די גענשוווקע". (וולאַדקע, פון ביידע זייטן מויער, ז' 19) ; (2) „דער פּלאַץ פון אַלטוואַרג־מסחר וואַלוווקע איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון יידישן ראַיאָן, האָבן זיך די יידישע אַלטוואַרג־סוחרים אַ געוויסע צייט אַרומגעדרייט נע־וגד, ביז ס'איז געקומען אַ פּריוואַטע געזעלשאַפט, וואָס האָט דעם פאַרוואַרלאָזטן פּלאַץ אויף עק גענשע און לובעצקעגאָ גענומען אויפרוימען, אַרומגעשטעלט מיט אַ פּאַרקן. אויגוסט 1941 בעמען זיי שטעלן בודקעס פאַר הענדלער. ביים אַריינגאַנג פון נייעם אַלטוואַרג־פּלאַץ, הענגען ריזיקע שילדן מיט אויפשריפטן ,גענשוווקאַ'. אַזוי אַרום איז די ,וואַלוווקע' מגולגל געוואָרן אין ,גענשוווקע'". (טיקאָטשינסקי, „וואַלוווקע", ר"א, נומ' 104).

געסטאַפּאָ — געסטאַפּאָוועץ, געסטאַפּאָוצעס, געסטאַפּאָוקע, געסטאַפּיסטן ; זעלטענער געסטאַפּאָניק. (אליעזר וויזל, און די וועלט האָט געשוויגן ; אַזוי אויך ביי י. לעווין, חורבן פון איראָפּע א"א). די יידישע פּאָליציי האָט מען אויך גערופן יידישע ג'. למשל בעגדין (רניה, בבדודים ובמחתרת, ז' 81). ג'־מענטש — אַ יידי־שער מסור. (י. קורץ, כ"י, ז' 365). ג'־שטיוועלעך — הויכע, כאַראַקטעריסטישע פאַר די ג'־לייט. „אַ יונגערמאַן טראָגט ג'־שטיוועלעך, פירט אָן מיט די ,פּיל־מאָוצעס' (וואָס פילמירן דאָס וו"ג), ווייזט אָן ווו עפּעס געפינט זיך" (הרב ש. הובערבאַנד, וואַרשעווער געטאָ־כראָניק, יוני 1942, ר"א 446). זע : פּילמיסטן.

געצייכנטער — לאַגעריסט וואָס טראָגט אַ ספּעציעלן אָפּצייכן, למשל : אין מאַלין, בעלגיע, אַן אָפּגעגאָלטער קאָפּ און אַ רויטער באַנד אויפן אָרעם. אַ געצייכנטער, וואָס „עמעץ האָט אים געמסרט, אַז ער איז פון די 'שפּרינגער'" (זע).

געצענטלען (צענטלען) — „יעדע נאַכט האָט מען געצענטלט", ד"ה אָפּגעקליבן ; צוויי דייטשע אונטער־אָפיצירן האָבן יעדן צענטן פון דער גרופּע געשטעלט אין דער זייט. אַזוי פלעגן יעדן טאָג בלייבן 50—60 מענטשן, וועלכע מען האָט דעם אַנדערן טאָג געפונען טויט. (ס' דוברומיל, ז' 272).

געקויפטע אין ביליקער וואָך — נאָך דער אַקציע, סעפּט. 1942, פאַרקויפט מען יידישע ווינונגען, זאַכן (צו ניט־יידן), צו ביליקע פרייזן. די „רעסט" — אַזוי רופן יידן דאָס געקויפטע... (ס' קאַלושין, ז' 300). פאַר דער מלחמה פלעגט מען אָרגאַניזירן פון צייט צו צייט „טאַני טידזיען" („ביליקע וואָך") אויף געוויסע אַרטיקלען.

גערמאַניאַ — אַ מענטש וואָס גנבעט ביי זיינע חברים, ליידט פון קלעפּטאָ־מאַניע.
אַ מדינה, וואָס גנבעט ביי אירע שכנים הייסט: גער־מאַניאַ. (הובערבאַנד, ר״א).

גערעדלט — (1) אַריינ־ אָדער אַרויסגעשמוגלט (וו״ג); (2) קאַלט געמאַכט (זע.).

געשוואָלן — אַרומגעוויקלט אַרום קערפּער מיט סחורה וואָס מע שמוגלט; מ׳זעט אויס ווי געשוואָלן. (קאָווּבע, שאַוול, קאַפּלאַן, ז׳ 31).

גראַזשדאַנסקי לאַגער — בירגער־לאַגער, ל׳ אין וואַלד פון עלטערע, שוואַכע, קינדער; געוויינלעך — נישט ווייט פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל, וואָס באַשיצט אים. (יוסף רייך, אַ וואַלד אין פלאַמען, ז״ז 14, 260 א״א).

גראַיעק, גרייעק גראַל (ווייכער למד) — פויל: שפּילער. גיט שוחד. למשל, אַ יידישער פּאָליציאַנט וואָס קויפט אונטער אַ דייטשן שומר אַדורכצולאָזן אַ שמוגל. שטאַמט פון פאַרשפּרייטן אויסדרוקן שאַפּאַ גראַ: די שאַפּע שפּילט. „אין דער גמיבע, אַז מ׳האָט געוואָלט עפּעס אַ הנחה, באַפרייען זיך פון אַרבעט, פאַרקלענערן אַן אָפּצאָל וכדומה, האָט מען זייער אָפט געמוזט ,שמירן׳. אין אַ סך קאַוויאַרניעס פון אַלטפרענקישן טיפּ, האָבן זיך געפונען אויטאָמאַטן, שפּילנדיקע שאַפעס, וואָס אַז מ׳וואַרפט אין זיי אַריין אַ מטבע, שפּילן זיי״. (כ״י, י. מאַוולט, „גיהנום״, ז׳ 29, ייה״א).

„וואָס שייך דעם ווערטל שאַפּאַ גראַ זענען פאַראַן צוויי גירסות: די ערשטע האַלט, אַז דאָס ווערטל שטאַמט פון פויזן, קאַטאָוויץ. אין די דריטראַנגיקע רעסטאָראַציעס שטייען זייער אָפט אויטאָמאַטישע מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן (פּראַנאַלן), וואָס הייבן אָן צו שפּילן, ווען מע וואַרפט אַריין אין זיי אַ מטבע פון 20 צי 50 גראָשן. דערפאַר אויך אַ מענטש, וואָס דערליידקט אַן ענין ערשט נאָכן באַקומען אַ געוויסע סומע, פאַר דער טירחה.
די צווייטע ווערסיע: אין וואַרשע זיינען געווען טעטיק קאָלומנעס פון דעזינ־פעקטאָרן. אַז ביים דעזינפעציירן פון דער וווינונג, זאָלן ניט קאַליע ווערן די מלבושים, האָט מען פאַרגעלייגט די סאַניטאַרן געלט פאַר באַפרייען די שאַפעס פון דער געפערלעכער פּראָצעדור״. (ר״א 502, אַפּריל 1942). אין זשורנאַל פּאַראַדניק יענזיקאָווי, 1948, העפט 1, איז פאַראַן אַ נאָטיץ, אַז דער אויסדרוק שאַפּאַ גראַ איז אַן אַלטער, נאָך פון פאַר דער מלחמה, איז ווייט פאַרשפּרייט און באַטייט לצנותדיק: אַלץ איז אין אָרדענונג, ס׳גייט גוט. ווילאָט גראַ, ד״ה דער אַרויסגאַנג, דער טויער שפּילט, מע קען דורך אים דורכשמוגלען עפּעס. (ייה״א, 1190). לויט א. רודניצקי. האָט מען אין וו״ג אַ יידישן פּאָליציאַנט גע־רופן גראַיעק (ז׳ 187, Żywe i martwe morze). „אַרעסטירט גרייקעס״ (נאָטיץ פון 25סטן יוני 1942, ר״א 267). זע: שאַפּאַ גראַ.

גראַנאַטאָווי, גראַנאַטענער — פוילישער פּאָליציסט, לויטן קאָליר פון מונדיר. גראַנאַט־פּאָליציי, גראַנאַטאָווע פּאָליציי (ס׳ אַנטופול, ז׳ 354). באַנוצט אויך פאַר דער מלחמה, אָבער אַ סך זעלטענער. „אויף דעם זיינען דאָך דאָ גראַנאַטענע חברה״. (משה זאָנשטיין, יידיש וואַרשע, ז׳ 184).

גראַנאַטניק — אַרבעטער (ייד) וואָס אַרבעט אין האַסאַג־פאַבריקן ביים אויסאַרבעטן גראַנאַטן. „מיר ג׳־עס האָבן געוווינט אין די פאַבריקן״. (ס׳ סקאַרזשיסקו, ז׳ 123).

גראַנדזשאַזש — פויל׳: שווינדלער. „אין די אַרישע טראַמווייען וואָס פלעגן אַדורכשניידן דאָס ג׳ נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין אים, און וואָס זיינען באַשטימט געווען נאָר פאַר אַריער, האָבן גראַסירט באַנדעס, וואָס האָבן שאַנטאַזשירט די אומלע־גאַלע פּאַסאַזשירן, יידן, געפּאַדערט אויסקויפגעלט און געסטראַשעט מיט מסי־רות. מ׳האָט זיי אָנגערופן ,גראַנדזשיאַזשעס׳ אָדער ,שקאַלניאַקעס׳, ווייל ס׳רוב זיינען די באַנדעס באַשטאַנען פון יוגנט אין שול־מוגדירן״. (וו״ג, בעלאַ קאַ־סעלבערג, ר״א נומ. 470).

גרוב — „בית הקברות ע״י הנאצים״; „דער גרוב״ (ז׳ 36); „קבר אחים מהפוגרום הראשון״. די צוויי ג׳ געפינען זיך אין מיטן שטאָט, אַנטשטאַנען פון באַמבאַר־דירן די שטאָט אָנהייב מלחמה, יוני 1941. (ס׳ זבורוב, דערקלערונגען אויף דער מאַפּע, אָנהייב ספר). אַ חוץ דעם באַצייכנט אויף דער מאַפּע דער גע־ווייגלעכער בית־עולם. אין די גריבער אומגעבראַכט אַ 1.300 יידן, במשך 2 טעג, פרייטיק און שבת. זע: פּאַגראָם.

גרובמענטשן — אין קאַרפּאַטאָ־רוס פליטים פון פוילן, ווייל זיי זיינען אַרויסגעקראָכן „מתחת לגופות החברים מתוך הבור״. (ולריה שטאַרק, אחת מני אלף, ז׳ 466).

גרויסע — באָלשעוויקן.

גרויסע מויל — היטלער. (ליטע, קאַפּלאַן, ז׳ 53).

גרויסע ערד — פּאַרטיזאַנער לשון: נישט־באַזעצטער טייל פון רוסלאַנד. „נאָוו. 1943 אָנגעהויבן קומען די ערשטע עראָפּלאַנען פון דער גרויסער ערד״. (יוסף רייך, אַ וואַלד אין פלאַמען, ז׳ 255).

גרויסע שענקט מען — אַן אַלט שפּריכוואָרט וואָס איז געוואָרן פּאָפּולער אין ל״ג. „און וויפל גנבות וערן פּאַרטושט, וואָס דער פּראָקוראָר ווייס יאָ דערפון?! דערפאַר גייט אין געטאָ אַרום אַ ווערטל: „גרויסע שענקט מען, קליינע הענגט מען״. (י. הילער, טאָגבוך, 10 יאַנואַר 1944).

גרוס פון פערדל — אויף אַ מענטש וואָס שלעכט אויסגעזען, פלעגט מען אין ל״ג זאָגן: דאָס פערדל גריסט אים, האָט אים שוין געגריסט. (פל״ח, העפט 3, דאָס פערד פון דער עגלה).

גרופּאָווי — (1) עלטסטער איבער אַ גרופּע לאַגעריסטן, למשל אין ל׳ קסאָניע (ר״א, אַפּריל 1941, נומ׳ 392). (2) דאָס זעלביקע וואָס גרופּן־פירער. (3) נידעריי־קער ראַנג אין יידישער פּאָליציי. (וו״ג).

גרופּן־פירער — ייד. אָנפירער פון אַ גרופּע, וואָס אַרבעט אויף אַ געוויסער פּלאַצוווקע. „די גרופּן־פירער פון אַרבעט־פּלאַץ אין פּראַגע פירן פּאַלגנדיקע געשעפטן: (1) יעדער וואָס וויל געהערן צו זייער גרופּע, מוז איינצאָלן 25 זל׳ אַ חודש; (2) ביים אַהיימגיין ווערן רוקזעק קאָנטראָלירט דורך די ג״פ און פון יעדן ברויט נעמען זיי אָן אָפּצאָל 20 גראָשן״. (וו״ג, מ. שוואַרצבאַרד, דעצ. 1940, ר״א). „נעכטן פּאַרנאַכט, ווען אַ גרופּע יידישע אַרבעטער איז צוריק געגאַנגען פון זייער אַרבעט אויף אַ דייטשער פּלאַצוווקע, האָט די וואַך לעשנע־זשעלאַזנע צוגענומען אַלע פּעקלעך. דער ג״פ ריבאַק געוואָלט אינטערוועניִרן, איז ער דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט״. (ר״א, 16 יולי 1942). „אין די שאָפּן אין וואַדאָ־וויץ ווערן די יידישע אויפזעערס גערופן ג״פ (ס׳ ואדוביץ, ז׳ 184, 442).

— די „גרופּן־פירער" מיט שטעקנס אין די הענט האָבן אַרויסגעיאָגט די נשמה ביי דער שוואַרצער קאַטאָרגע־אַרבעט. (ס' הורודוק, ז' 86) ; א"ג גרופּנפירער ביים אַרבעט־אַמט אין לובלין, קרולעווסקאַ 3. (ש. טורקעלטויב, עדות, יו"ש, ז' 18).

גרופּע אַ — אַרבעט־עמטער פלעגן איינטיילן אַרבעטער אין .A. B. C ייִדן געחוזקט: „די בעסטע גרופּע איז A, נאָר מיט אַ גוט באַהעלטעניש". (סטאַניסלוו, ד"ר ליבעסמאַן, כ"י, ז' 98).

גריבער — 1. „מען פירט מענטשן צו די פריער צוגעגרייטע גריבער — צום אומקום". (ס' לוצק, ז' 388). „עדויות מבורות ההריגה" (קעפּל). (ז' 296, 363, ס' סטפּן). „הוכנו בורות, אלפי בורות". ס' קוסטופול, ז' 294 ; ס' גורוז, ז' 328).
2. — וואָס וועט זיין, מען גראָבט גריבער ? / — גאָט וועט העלפן (ס' קאַמין קאַשירסקי, ז' 562). — ייִדן, ראַטעוועט זיך, מען גראָבט גריבער ! (ס' מזריטש הגדול, ז' 364). זע: אַקציע.

גרין און ביטער — דייטשע בוי־פירמעס אין קאָוונע ,גרין און פּילפּינגער'. ייִדן וואָס דאָרט געאַרבעט, גערופן ,גרין און ביטער'. (קאַפּלאַן, 26).

גרין־באַזע — שטעלע וואָס אויף טאַלאָנען אַרויסגעגעבן גרינצייג. (וויל"ג, ראָזענצווייג, ז' 38/9).

גרינע — (1) „אין די וועלדער ווערן אָרגאַניזירט ,גרינע באַטאַליאָנען' צום קאַמף קעגן די סאָוועטן. די ,גרינע' זיינען גוט באַוואָפנט און ווערן אָנגעפירט דורך דייטשע און ליטווישע אָפיצירן". (י. גאַר, אין געלויף פון חרובע היימען, ז' 29) ; „ביי די ,גרינע' איז שטאַרק אַנטוויקלט דער קעמפערישער אַנטיסעמיטיזם". (דאַרטן, ז' 30). (2) עס־עס־מענער אין האָלאַנד. (י. לעווין, נאָכן חורבן, ז' 72). (3) **גרינע פּאַרטיזאַנער** — פאַרמאַציעס צו קעמפן מיט די רויטע פּאַרטיזאַנער. (באַקאַלטשוק, זכרונות פון אַ ייִד. פּאַרטיזאַן, ז' 130/1 ; ס' קיידאַן, ז' 231 א"א).

גרינע בענדלעך — פּוילישע ענדעקעס, רעאַקציאָנערע סטודענטן. די ג"ב האָבן געשלאָגן און געהרגעט ייִדישע דורכגייער און ניִשט געלאָזט אַריינגיין קיין פּוילישע קונים אין ייִדישע געוועלבן. (האַרן, מיין חרובע היים, ז' 138. פּ.ד.מ. פּינסק).

גרינע בענדער — „לאָדזשער דייטשע פירמע ,קרופּ' זאַמלט אַלט־אייזן, שמאַטעס. די זאַמלער ייִדן רופט מען ,שמאַציאַזשעס' אָדער ג"ב, זיי זיינען גרויסע מיוחסים ; באַפרייט פון צוואַנג־אַרבעט, געמעגט פאָרן מיט דער באַן. פאַר דער אויסזיד־לונג האָבן זיך די ג"ב שטאַרק געמערט. מיט איין מאָל האָט די פירמע באַקומען אַ דערלויבעניש צוצונעמען זעקס פרויען, ,לומפּן־סאָרטירערינס'. די אַרבעט נעמען איבער די גרעסטע מיוחסים: די פרוי פון פּרעזעס, זיין טאָכטער". (פּיעטריקאָוו, י. קורץ, כ"י, ז' 365 ; ס' טומשוב־מאַז., ז' 364 א"א).

גרינע לאַנקע — ג"ל („גרינער ראָזען" אויף דייטש, „זיעלאָנאַ מוראַוואַ" אויף פּויליש) — אַ פּלאַץ קעגנאיבער דעם בנין פון אָדע (זע), וואָס איז זומער געווען באַוואַקסן מיט גראָז, דאָס איינציק ביסל עפּנטלעך גרינס אין געטאָ. אַהין צוגע־פירט אַלע, וואָס מען האָט אין משך פון גאַנצן טאָג (28.10.42) אַרויסגענומען פון פּלאַץ זגאָדי אָדער פון די מאַרשירנדיקע רייען. (וויכערט, מלחמה, ז' 294).

גרינצייג, געלצייג, דרעקצייג — „רומקאָווסקי פלעגט די באַקומענע פּראָדוקטן נישט תיכף צעטיילן. טייל פון זיי פלעגן פאַרדאַרבן ווערן. האָט מען געזאָגט: דער דייטש שיקט גרינצייג, רומקאָווסקי דערהאַלט געלצייג, און שטשענשליווי (לייטער פון אַפּראָוויזאַציע־אָפּטייל) גיט אַרויס דרעקצייג"; „מ'וואָרט אויפן געבורט פון דער גר'־ראַציע". (ל"ג, ראָזענשטיין, 26.11.43, כ"י).

גרעסער פון משה רבינו — דער דייטש סוטער (זע), קריפּאָ אין ל"ג, האָט גערעדט גוט יידיש. פלעגט ער זאָגן: „איך בין גרעסער פאַר משה רבינו: משה רבינו האָט געשלאָגן מיטן שטעקן אויף אַ שטיין, איז אַרויס וואַסער; איך שלאָג מיטן שטעקן אויף אַ הינטן — און ס'גייט אַרויס גאָלד". (די געשלאָגענע פלעגן זיך מודה זיין, ווו זיי האָבן פאַרשטעקט זייער פאַרמעגן). (פל"ח 3).

גשם — צייכן צו וואַרענען ביי די אונגאַרישע יידן אין די ל'. (קאַפּלאַן, ז' 13).

ד. — דייטש. (נאָטיצן פון ריבגל' אאַנ"ד).

דאַבאָקלע — ליטוויש, אַרעסטהויז. „...און וויין, איך וואָרן און איך בעט, ביז מען הייסט מיר אין דאַבאָקלע גיין". (קאָוונער ג', פל"ח 7).

דאָ האַלט די האַנט, מאַך ניט קיין פּוס — ביים קומען צו דער אַרבעט, האָט מען געמוזט זיך אונטערשרייבן אויף ספּעציעלע ליסטעס; האָט מען אַזוי געזאָגט צו איי־ נעם, וואָס פאַרט אַראָפּ אָדער גייט אַוועק אין אַן אַנדער רובריק. (ג'־לשון, 1020).

דאָווידזעניאַ יוטראָ נאַ מידלע — „צום ווידערזען! מאָרגן אויף זייף!", אַזוי זאָלן האָבן זיך געזעגנט יידן בשעת דער גרויסער אויסזידלונג אין וו"ג, זומער 1942. (ג"ע). זע: ריף.

דאָווענעז — „פּוילישע חסידישע יידן, באַזונדער אין מיידאַנעק פלעגן וואָרענען מיט דעם וואָרט פאַרן אָנקומען פון אַ דייטש". (קאַפּלאַן, ז' 9).

דאָזאָרצע — הויזוועכטער. „דאָס נייע יידישע פאַך: דאָזאָרצעס (יידן הויזוועכטערס זיינען אין פוילן פאַר דער מלחמה ניט געווען). די פוילישע פאַרלאָזן דאָס ג' און יידן מיינען, אַז די דאָזאָרצעס וועלן זיין געשיצט פאַר דער אויסזידלונג". (פּיעטריקאָוו י. קורץ, כ"י, ז' 249). „אויס אַלע ווערצלייט (ווירטסלייט, אייגנ־ טימערס פון הייזער) געמאַכט דאָזאָרצעס, / אַלע קריגן היינט די זעלבע פאַר־ ציעס". (ל"ג, ליד וועגן פּרעזעס רומקאָווסקי, כ"י).

דאָלמעטשער — „זיין לאַנגן, דיקן שטעקן רופט דער קאַפּאָ, און מיט אים די העפטליג־ גען, ד'." (ס' טומ' מאַז', ז' 463). געסטאַפּאָ־לייט באַנוצן זיך אָפט מיט דעם אויסדרוק.

דאָלע — חלק, פּאַרציע. „ער האָט אונדז געגעבן אַ ד', ד"ה אַ חלק". („די צען אין פּאַוויאַק", כ"י). „די אומלעגאַלע הכנסות פון דער וואַרשעווער געטאָ־פּאָליציי, פלעגן גיין אין אַ געמיינזאַמער קאַסע, אין פּולע; פון איר פלעגט מען לויט אַ געהעריקן שליסל אויסטיילן יעדן מיטבאַטייליקטן זיין ד'". (ר"א, 435, 2טן מיי 1942).

דאָלעזוקע — צוגאָב (פּויל'). „דער דאָקטער זאָגט מיר בסוד, אַז אויב כ'וועל קריגן אַ ד', וועל איך בלייבן לעבן". (י. קאָוואַלסקי, די געהיימע דרוקעריי פון יידישן אונטערגרונט אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, ז' 60).

דאָלעם — אונטן (פּויליש). האָס שמוגלען סחורות אין געטאָ דורך די קאַנאַלן. (וו"ג, ג"ע).

דאָניטשקי — בלומענטעפּ (פּויליש). אויף די טרעפּ פון געריכט אויף לעשנע־גאַס טרעפּ־ אַרט פון יידן און פּאָלאַקן, זיצן אויסגעהונגערטע קראַנקע קינדער און בעטלען. ניט איין מאָל זייבען זיי טאַקע אויף די טרעפּ אויסגעאַנגען. זייערע בעקלעך פלאַמען פון היץ. גערופן ד', עלעהיי בלומענטעפּ ביים אַריינגאַנג. (וו"ג, ג"ע).

דאַנינע — אָפּצאָל, קאָנטריבוציע. אין פּוילישן טעקסט פון די אָפּיציעלע דייטשע פאַראָרדענונגען געהייסן ד' (אין דיסטריקט גאַליציע זיינען די פאַראָרדענונגען, חוץ אויף דייטש און פּויליש, געווען אויך אויף אוקראַיניש). „די געמינע — זי פאָדערט ד' און זי גיט צו עסן זויערקרויט מיט סאַכאַרינע". (ליד „מעות", ר"א, 172).

דאַנערשטיקע — (1) די וואָס אומגעקומען אין ביאַליסטאָקער ג' דאָנערשטיק דעם 4טן יולי 1941, בעת דער אַקציע אויף דער אינטעליגענץ; (2) די אַלמנות, מוטערס פון די אומגעקומענע יענעם טאָג. (סראַלקע קאַט, חורבן ביאַליסטאָק, ז' 24). ד' געווען אויך אין אַנדערע שטעט, למשל אין דובנע. „בעגאַנגען מיט די ד'" אַקציע פון אָקטאָבער 1941. (פרידאַ, כ"י יו"ש).

דאָס איז פאַר קראַנקע אָפּיצירן און פאַר געזונטע יידן — ווערטל אין שאַוולער ג', יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין ,אַרמיי־פערפלעגונגסלאַגער' פלעגן פון האַרטן אַרויסגנבענען קאָנסערוון, פּרוכטן, שאַמפּאַניער א"א, באַשטימטע פאַר קראַנקע אָפּיצירן, און פאַרקויפט עס אין ג'. (ג"ע).

דאָס קאָסטעט דוימשעס בלוט — ווערטל אויפן סמך פון אַזאַ אַנעקדאָט: צוויי עס־עס־לייט באַטייליקן זיך אין אַן אַקציע אויף יידן; איינער שיסט אויס און טרעפט ניט; זאָגט צו אים דער צווייטער: דאָס קאָסטעט... (ג"ע).

דאָעדיקע — דייטשן. (ל"ג). „מ'הערט פון צייט צו צייט אַ גערויש אין דער לופטן, אָבער דאָס זיינען ד'". (כ"י, י. הילער, 26 יוני 1944).

דאָקטער — „נעמט דאָס וואָס ס'איז דאָ און טראַכט נישט לאַנג, אַז מ'האָט נישט קיין קאַרטאָפל, עסט מען קילאַריבן" — ענטפער פון ד'; „איך האָב מיך געהאַלטן ביי דער אָנווייזונג פון ד', נעמען וואָס ס'איז דאָ, צי די לעקאַרסטווע וועט דעם קראַנקן העלפן — וועגן דעם טראַכט מען איצט נישט, דער עיקר כאַפּ". (הילער, 1.1.44); „ד' פון פאַרניכטן". (אַ. שנור, ליד „ד'").

דאָקטער פון אַ־קאַ — צונאָמען פאַר ד"ר ברעסלער אין ל' פעלצערן (טשענסטאָכאָוו), ווייל ער האָט קראַנקע פאַרשריבן אַספּירין אָדער „קאַגוטשיק" (אַ פּראָשיק צו קאָפּווייטיק מיט אַ צייכן פון אַ האָן אויפן פּאַפּירל), ווייל קיין אַנדערע מעדיקאַמענטן ניט געהאַט. וואָרטשפּיל מיט אַ־קאַ — „אַרמיאַ קראַיאָוואַ".

דאַרדאַנעלן — וו"ג, איינציקער שמאָלער דורכגאַנג כלאָדנע־זשעלאַזנע, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס גרויסע געטאָ מיטן קליינעם. דאָרט איז געשטאַנען אַ דייטשע וואַך, וואָס פלעגט זיך איזדעקעווען איבער די דורכגייערס. (רינגל', 2טן דעצעמבער 1940). זע: גיבראַלטאַר.

דאַרפן — ד' דאַרף איך שטאַרבן, עס קען נאָך פּאַסירן, איך זאָל בלייבן לעבן. (ר. לימזאָל־ענגעלשטערן, ז' 108).

דוד־הערב — מגן־דוד. „אַ ווייס שילדל מיט אַ בלויען ד"ה. אויף אַלע יידישע געשעפטן לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט. (ר"א).

דולאַג, דורכגאַנגלאַגער — לאַגער ווו מ'האָט סאָרטירט די אָנגעקומענע, צעשיקט זיי אין פאַרשיידענע ערטער אויף אַרבעט אָדער אויף טויט. אין וו"ג געווען אַ דולאַג אויף טלאָמאַצקע, געוו' פרישמאַנס שפּיטאָל. (ר"א, 6סטן יולי 1942, נומ' 192). „בשעת דער גרויסער אויסזידלונג, זומער 1942, האָט מען טייל געזונטע יידן

אָפּגעפּירט פון אומשלאָגפּלאַץ אין ד׳ אויף לעשנע־גאַס, מחוצן ג׳״. (י. טורקאָוו, אַזוי איז עס געווען, ז׳ 303).

דורכגאַנגשיין, דורכלאָזשיין, פּאַסירשיין — דערלויבעניש אומצוקערן זיך פון ביאַל׳ ג׳ אין דער פּראָווינץ. (מעלדונג פון יודענראַט נומ׳ 111, 30 סעפּט׳ 1941) ; „אַ פּאַסיר־שיין פאַר די רעגיסטרירטע אומצוקערן זיך אַהיים״. (מעלדונג נומ׳ 143, 29סטן אָקטאָבער 1941).

דורכלופּטערן — „מען דאַרף ד׳ דעם צער״, און געגאַנגען אויף אַ קאָנצערט. (וויל״ג, קוטשינסקי, כ״י, „אין די שפּאַנען פון הענקער״, ב׳ 1, ז׳ 165).

דורכפּאַל — דעזינטעריע, געבושעוועט אין די לאַגערן און געווען די סיבה פון אַ סך טויטפּאַלן. (אַשפּיצין, פּלאַשעוו א״א).

דורנעי טאַי קרוק שטשאַ פּופּקאַיעט ז׳רוק — אוקר׳. אַ נאַר איז דער, וואָס לאָזט אַרויס פון די הענט. וואָליק. ביים גיין אין ג׳ צי אין וואַלד, האָבן יידן איבערגעלאָזט זייער באַוועגלעך פאַרמעגן ביי פּאַרטרויטע פּויערים. האָט זיך אָפט געטראָפן, אַז ווען דער ייד איז געקומען עפּעס אָפּנעמען, פלעגט מען אים אַרויספּטרן מיט דעם ווערטל. (כ״י וואַשטשינאַ, זכרונות, ז׳ 86).

דורשטיקע נאָך יידיש בלוט — (ס׳ ווישניוויץ, ז׳ 341).

דושעגובקע — רוסיש. ספּעציעלע מאַשין צו פאַרסמען מיט גאַז. אַ נייער סיסטעם פון אויסראָטונג — גאַזמאַשינען (דושעגובקעס) האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט אין ג׳ און פאַרגאַזט צוויי הייזער איינוווינערס, אַרום 150 יידן. יעדע נאַכט האָט די גאַזמאַשין (אַ הערמעטיש פאַרמאַכטער אויטאָ, אין וועלכן ס׳איז אַריינ־געגאַנגען דער גאַז פון אויסגעברענטן בענזין) פאַרסמט אַן אַנדער הויז. (מינסקער ג׳ ; ספר פּאַביאַניץ, ז׳ 362 ; ספר ברנוביץ, ז׳ 562—563 ; „דושע־הובקעס״, איינ׳קייט, 17.7.43).

דזיאַלקאָוויעץ — אייגנטימער פון אַ דזיאַלקע. אין ד׳, דייטשער ייד, פרעגט ביים צווייטן: „ווי זענען אַרויס דיינע קאַרטאָפּל ?״ — ענטפערט יענער: „זייער גוט. טייל זענען אַזוי גרויס ווי קאַרשן, אַנדערע ווי אַרבעס און די רעשט איז קליינע״. (ל״ג).

דזיאַלקע — שטיקל ערד וואָס איינוווינערס פון ל״ג האָבן באַקומען צו פאַרזעצן גרינצייג. געווען אויך אַ שטובדזיאַלקע — אַ קעסטל (טאָפּ) מיט פאַרזעצטן גרינצייג אויפן פענצטער ; אַ פאַרנדיקע ד׳ — אַ קינדער־וועגעלע מיט ערד און געוויקסן ; ד״ר אָסקאַר זינגער רופט עס אין זיין געטאָ־שפּיגל „אַ פאַרנדיקער גאָרטן״. „מענטשן רייסן אַרויס שטיינער פון ברוק און מאַכן זיך ד׳. מען פאַר־אַרבעט די טראָטואַרן, ווו ס׳איז נאָר דאָ אַן אָרט. אין גרויסע מיסטגראָבנס וואַרפן מענטשן איבער די ערד און מען פאַרזייט אַ ביסל גרינצייג. מענטשן וואָס וווינען אין נידעריקע הייזלעך, שיטן אויף די דעכער ערד און מע מאַכט זיך אַ ד׳. (כ״י, י. הילער, 14טן מאַי 1944). פון אַ געטאָ־ליד אין 1940־41 : „געמאַכט אַ געטאָ מיט דזיאַלקעס, / אַלץ האָט שוין פּאַלקעס״. נחום טשעכאַ־נאָווסקי : „אַ דזשאַלקע״ : אַ געשריי, אַ געוואַלד, / אַלע לויפן פון רעסאָרט. / וואָס געשען איז דאָרט ? / אַ מאָרד ? / ניין, ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט. / ס׳האָט נאָר פון פענצטער, פון אָרט / אַ דזיאַלקע זיך גערירט / מיטן טאָפּ / און גע־

פאַלן אויף מיר / שיר נישט אין קאָפּ". (פאַרגלייך: י. שפּיגל, ליכט פונעם אָפּגרונט, ז' 166). עס זיינען געווען דזיאַלקעס אויך אין אַנדערע געטאָס, למשל: סאָסנאָוויץ. (זע: ק. צעטניק, בית הבובות, ז' 139). זע: פּאָליציאַנט.

דזיעלניצה — מכיון שהגיטו לא היה סגור, קראו לו „רובע" — ד ז י אַ ל נ י צ ה. (כהנה, לבוב, ז' 10).

דזשאַינט — פּאָלקסקיך; יעדע פאָרם פון סאָציאַלער הילף בכלל. „נישט אומזיסט איז ביים פּשוטן פאָלקסמענטש דאָס וואָרט ד' געוואָרן דער סימבאָל פון סאָציאַלער הילף בכלל. אַז אַ פּשוטער ייד גייט אין פאָלקסקיך, הייסט עס ביי אים, אַז ער גייט אין ד'. אפילו דער הויז־קאָמיטעט ווערט ביים פאָלק אָנגערופן ד'. (רינגל', „די געשיכטע פון סאָציאַלער הילף אין ווארשע בשעת דער מלחמה", כ"י). מען האָט געזאָגט, אַז ביי דער הילפסאַרבעט גיט מען אָפּ די בכורה רבנים און כלי־קודש; איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז „כדי צו קריגן שטיצע ביים ד' איז דאָס בעסטע זיך צוקלעפּן אַ באָרד". (דאַרטן). ר. ראַטנשטרייכס אַ ליד פון וו"ג: „אין דזשאַינט קומט צו גיין אַ ייד / אַ טאַטע פון זעקס קינדער: / פּרעזעס־קרויז, ראַטעוועט מיך, / איך שטאַרב שוין באַלד פון הונגער. / דער פּרעזעס האָט אים אויסגעהערט / און צוגעזאָגט אויף מאָרגן. / איז גלייבט מיר יאָ, איז גלייבט מיר ניט — / דער ייד איז היינט גע־שטאָרבן". (מ. ז.).

דזשאָקער — קילעריבן. „אין ל"ג איז קילעריבן געווען אַ לוקסוס־אַרטיקל, מ'האָט דערפון געמאַכט כלערליי מאכלים. דעריבער גערופן ד', אַ קאָרט וואָס לאָזט זיך אין שפּיל פאַרשיידנאַרטיק אויסנוצן". (פּל"ח, 3).

דזשעלאַנקע — פּויל. „אַ טייל פון וואַלד, וווּ אונדזער גרופּע פּאַרטיזאַנער זיך געפונען, פלעגן מיר רופן ד'. יעדע ד' האָט געהאַט אַ נומער; לויטן נומער פלעגן מיר זיך אָריענטירן, וווּ די גרופּע אונדזערע זיצט". (סראָלקע קאַט, חורבן ביאַלי־סטאָק, ז' 101).

דיגניטאַזש — דיגניטאַר. מענטש מיט השפעה אין דער ג'־אַדמיניסטראַציע, פאַרבונדן דורך קרובשאַפט צי באַקאַנטשאַפט מיט אַ בעל־השפעה; דער ד' לעבט בעסער פון אַלע איבעריקע ג'־איינוווינערס. (ל"ג, אין אַ טאָגבוך פון ל"ג, אַ בכיוונ־דיקע אָדער אומבאַוווסטזיניקע פאַרקריפּלונג פון וואָרט: גניטאַזש, צוגעגעבן אַ פּעריאָראַטיוון באַטייט דורך אַסאָציאַציע מיט „גנידע" אָדער פּויליש: „גניטש" (פוילן).

דייטש — אַ ד', מע זאָל אים ניט „שמירן", גיט האַנדלען מיט אים, און ער זאָל ניט אָפּנאַרן, איז גאָר קיין ד' ניט. (קאָוונער ג', יעלין, ז' 203, 20.4.42). זע: יודענראַט.

דייטש — ייד — אַ דייטש זאָגט צו אַ יידן: „מיר האָבן קראַפט דורך פרוידע און איר בלויז שאָדן־פרוידע". דער ייד ענטפערט: „ביי אייך וויל איין פאָלק, איין רייך און איין פירער מאַכן אַלע רייך, און אונדז וויל איין משוגענער, איין גמינע און איין אָבערפירער מאַכן אַלע גלייך". „ערשטע און צווייטע וועלט־מלחמה, דער דייטש אין ביידע מלחמות. פונדעסטוועגן איז ביים היינטיקן ד' נישט אַזוי שלעכט, ווי ביי ,יענעם' ד'. ביי ,יענע' מלחמה — זאָגט אַ ייד —

האָט מען אָװעקגעגעבן אַ ביתה (ביטע), הײַנט גיט מען אַװעק בלױז די באַנע. (ר״א).

„פּאַרװאָס קען מען נישט רויק שלאָפן כאַטש ? — גײ שלאָף, אַז אַזױ פּיל מיליאָנען אַנגעפּרעסענע דײַטשן האַלטן איבער דיר אין אײן שרײַען : דײַטשלאַנד ערװאַכע, דײַטשלאַנד ערװאַכע ! נו, װעלן מיר אױסהאַלטן און זײ איבערלעבן ? דאָס איז זיכער ! הערסט דאָך װי זײ שרײַען : יודע פאַר־עקע : אײדער אַ ייִד, איז גלײַכער אַ יעקע״. (ר״א).

דײַטשן טוען, װאָס ייִדן קלערן אויס. „ליצני הדור מהליטים ואומרים, כי אלמלי באה אינספירציה מוקדמת מצד היהודים עצמם לא היה הכובש עושה דבר. קצת אמת יש באמרה״. (קפלן, כ״י 30.3.40). עד כה היו הבריות מהתלים ואומרים „בגרמניה יש סדר : כשאינם נותנים לאכול — אינם אוכלים ; לא כן בפולניה הנכבשת, בעלת תרבות נמוכה : אינם מצווים לאכול ואוכלים״. מי ישמע לו שלא לאכול ? חיבה יתרה נודעת בפולניה אל הזוללות. יהודי פולני אומר : די לי שלא אוכל לאחר שאמות, אז לא תהיה לי ברירה אחרת, אבל כל זמן שאני חי — כל גזרה, ולא גזרת אסור האכילה. וכשאי אפשר לאכול בהיתר, אוכלים באסור. לנו אין כוח לרעוב ! ל„יעקי״ אין צרות ואין לו צורך באכילה ; ואנחנו — אם לא נאכל, נהיה חסרי כוח לשאת את כל העמל והתלאה, שהיא מנת חלקנו תחת שלטון הנאצי״. (קפלן, כ״י, 9.5.40). „אינגמיטן יוני 1942, ס.ס.־לײַט דערשאָסן 50 ייִדן, עטלעכע מיטגלידער פון יודענראַט אין מלאַװע, װײַל זײ האָבן געפירט אַ שמוגל. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, דערהרגעט נאָך עטלעכע און פּערציק „צוליב דעם װאָס זײ האָבן צופּיל געװײנט און געקלאָגט אויף די פריער דערשאָסענע״ (װו״ג, ידיעות 12.7.42). דער ראש פון יודענראַט איז אַ פּליט פון דײַטשלאַנד. מ׳רופט אים דער דײַטש. (ס׳ לינוביץ, ז׳ 318).

דײַטשלאַנדס נצחון — „ביזן 1טן יאַנואַר (1941) האָבן געגלײבט אין נצחון פון אשכנז (דײַטשלאַנד) ייִנגערע פון 35 יאָר ; פאַרן 1טן מאַי (אײדער העס געפלויגן קײן ענגלאַנד) — אונטער 30 יאָר ; נאָך מעשה העס — אונטער 20 יאָר. (רינגל׳, מאַי 1941).

דײַטשע מאַגאַזינען — די דײַטשן קומען יעדן טאָג אין רײַכערע הײַזער און שלעפּן אַרויס װאָס עס גלוסט זיך זײ. אַזױ, אַז די ייִדן גופא רופן אָן זײערע װױנונגען — דײַטשע מאַגאַזינען. (מינה טומקביץ, פּצצות ועכברים, ז׳ 49).

דינאַסן — אַרבעט־אָרט אין װאַרשע, פּאַרק נעבן אַבאַזשנאַ־גאַס. „די שפּיל אויף די דינאַסן בײַ דער אַרבעט. מען הײסט שלאָגן אײנער דעם צװײטן מיט די קאַלאָשן״. (רינגל׳, 14.2.40—3).

— צװײ ייִדן געקומען אין קהילה, געװיזן ברוין און בלאָע צײכנס אויפן קערפּער, געשלאָגן בעת דער אַרבעט אין די דינאַסן. (רינגל׳, 20.5.40). זע : אַבאַזנע, טויט־פּונקטן.

דיסק — קעטע (קײט) מיט קוילן צו אַן אויטאָמאַטישער ביקס. (ש. קאַטשערגינסקי, פּאַרטיזאַנער גײען, ז׳ 56; מ. כהנוביץ, מלחמת הפרטיזנים במזרח אירופה, ז׳ 191).

דיעטע — פּאָרציע, צוטײל פון ברויט אין ל״ג. טרעפט זיך אין לידלעך, למשל : „דיעטע,

שמעטע, שמאַטע. ס׳איז אַלץ כדי חיונה; / מיר האָבן אַ געלע לאַטע, מיט אַ יידישע גמינע״. (א. קירשנבוים, אויגוסט 1940); ,,געמאַכט אַ ג׳ מיט אַ דיעטע, און ער שרייט אַז ער איז געריבט״. (משה שוואַרץ וועגן פּרעזעס רומקאָווסקי). אויך אין בערגען־בעלזען האָבן קראַנקע באַקומען אַ דיעטע־זופּ. (באַרסקי, בלפּ״ג, ב׳ 3, ז׳ 95).

דיעטע־לאַדן — ל״ג געשאַפן אַ ד״ל פאַר קראַנקע, גענאָסן דערפון די מקורבים פון רומקאָווסקי. (בריקס, פּאַפּירענע קרוין, ז׳ 21; ראָזענפאַרב, ב׳ 2, ז׳ 280). ,,פאַרקויף ניט דעם דיעט־טאַלאָן פון קראַנקן און קינד״. (טאָשן־לוח 1942). דאָס ערשטע דיעט־געוועלב געעפנט 29.1.41, דאָס צווייטע 6.4, דריטע (פליישׂ) 24.10.41. (דאָרט).

די־פּי — מעבל־פאַבריק מיטן נאָמען ,,די פּי״ (צוויי געסטאַפּאָווצעס, דיטריך און פישער). דאָ אַרבעטן פּופציק יידן און פיל קריסטן. (ס׳ סקערניעוויק, ז׳ 502).

דירעקטאָר — סתם, אָן דעם צוגאָב פון נאָמען, האָט אין ל״ג באַטייט יוסף רומקאָווסקי, ברודער פון פּרעזעס, איין צייט געווען דירעקטאָר פון פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל. (ג״ל).

דלת — אַ צייכן אַז עס קומט אַ דייטש. (קאַפּלאַן, ז׳ 10).

דלות־קרעם — אַ זיסע שפּייז מיט אַ ביסל צוקער, וואָס פלעגט זיך איינגעבן פּריוואַט צו מאַכן אין טערעזיענשטאַט. (אַדלער, ווערטער־רשימה).

דם — עס־עס־מאַן. געטראָגן אַפּצייכנס, וואָס אויסגעזען ווי די ציפער 44, וואָס באַטרעפט אַזויפיל ווי דם, בלוט אין העברעיש — 44.

ד. נ. ב. (דע־ען־בע) — ,,דויטשעס נאַכריכטן־ביוראָ״. געטייטשט: ,,דוראַקאָם ניע בוד״; אין ליטע, ליטוויש: ,,דורנאָ ניע בוק״, ד. ה. זיי נישט קיין נאַר. (קאַפּלאַן, ז׳ 52).

ד. ס. (דע־עס) — ,,דויטשער זיכערהייט־דינסט״. יידן געטייטשט: ,,דאָבזשע שיען סכאָוואַי״ (באַהאַלט זיך גוט). באַשייניקונגען פון דער ס. ד. האָבן געהאָלפן זיך ראַטעווען אין דער צייט פון דער גרויסער אַקציע, וואַרשע, זומער 1942; שפּעטער — ביט.

דעם בעסטן מאַן אַ צוקערקע מיט סם — ווערטל און קללה אין שאַלוער געטאָ. געמיינט די פּראָמינענטן. (קאַפּלאַן, ז׳ 36).

דענטיסט — (1) צוואַנג־אַרבייטער אין טויטן־לאַגער. זיין אויפגאַבע: אַרויסציען גאָלדענע ציין ביי פאַרגאַזטע. דייטשן געהאַט אַן אמת פאַר דעם, אָפיציעל געהייסן ,,העפטלינג־צאַנסטאַציאָן״. (2) פאַרנעמט זיך מיט אויסגראָבן קברים און זוכן ביי די מתים גאָלדענע ציין.

דעפּאָנט — (1) פּוילישע שמוגלערס פלעגן אַרויסוואַרפן פּעקלעך פון ,,אַרישן״ טראַמוויי וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך דעם וו״ג. דער טראַמוויי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אין ג׳. ביי די אַריינגענג זיינען געשטאַנען פּאָליציאַנטן, אָבער דאָך פלעגט זיך איינגעבן די שמוגלערס אַרויסצוואַרפן ד׳ דורכן פענצטער; (2) שמוגל אין קאָוונער ג׳ דורך דורכשנײדן די דראָטן; (3) וואַנצן אין די לאַגערן, אַרומגעקראָכן איבערן סופיט און אַראָפּפאַלן אויף די נאַרעס, פּריטשעס.

דעסטרוקט — אַ צעשעדיקטער באַנקנאָט, אויפן לשון פון דער שוואַרצער בערזע אין וו״ג. (ר״א, נומ׳ 61).

דעפּיאַטניק — בידעריקער ראַנג אין דער אוקראַינישער פּאָליציי. (לעאָן שניידער: „חיה הנרדפת״, ז׳ 136).

דעפּאָזיט — פקודה לפרוט בבאנק פולסקי את השטרות 100, 500 לכסף קטן. אומרים, זהו מאין ד׳ (ולא יתנו את הכסף הקטן), ויש שרואים שחורות: „דפוזיטים שלא על מנת להחזיר״. (קפלן, כ״י, 18.1.40).

דעקן (זיך), דעקונג — זיך אויסבאַהאַלטן, אַרויסדרייען. „אַ קריסט האָט געדעקט אַ וווינונג״. (וולאַדקע, פון ביידע זייטן מויער, ז׳ 249). „אַ וויכטיקע דעקונג: געאַרבעט ביי אַ שניידערין״. (דאָרטן, ז׳ 252).

דערהאַלונג־היים — אורלויב־אָרט פאַר אויסדערוויילטע אַרבעטער, באַאַמטע אין ל״ג, געעפנט אין מאַרישין 24.7.41; אַ ספּעציעלע ד״ה׳ פאַר קינדער, 19.8.41.

דערזיל — אונגאַריש: לויטער. צייכן, אַז דער שומר איז אַוועק און מע מעג ניט אַרבעטן. (קאַפּלאַן, ז׳ 14).

דערלעדיקט — „מען האָט אונדז ד׳ (געהרגעט) אויפן פּלאַץ״. (ראָזענצווייג אַגיטאַ, כ״י, ז׳ 33, יו״ש).

דראָטן — סינאָנים פאַר ג׳ אין, אונטער, הינטער די ד׳; אויסער, מחוץ די דראָטן. (ספר ברנוביץ, ז׳ 535).

— „אויף דער צעגלאַנע־ און קראַכמאַלנע־גאַס איז דער צוים צווישן ג׳ און דער אַרישער זייט געווען פון שטעכיקן דראָט. דעם טייל צוים האָט מען אין ג׳ גערופן די ד׳. (עלבערג, אַ מעת־לעת, וו״ג, פעבר׳ 1942; אונטער קופּערנע הימלען, ז׳ 201). זע: מויער.

דרוזשינע — מאַנשאַפט, שטאָט אַרבעט־דרוזשינע. (י. טורקאָוו, אַזוי איז עס געשען, ז׳ 50).

דריי — (1) וואָרענונג, אַ העלפט פון זעקס (אַ זייער פּאָפּולערער וואָרן־צייכן). דערפון: באַוועק איז אויפזעער איז שוין אַוועק. (קאַפּלאַן, ז׳ 11). בכלל אַ פערטל פיר, ד״ה דער אויפזעער איז שוין אַוועק. האָט מען זיך באַנוצט אין די ל׳ ניט נאָר יידן — מיט ציפערן צו וואָרענען אַז דער שומר קומט.

(2) אויף פאַרטיזאַנער־לשון: אַנטלויפן. „בלאָט מיט זיינע חברים האָבן געמאַכט דריי, דריי.״ (גראַנאַטשטיין; כהנוביץ; לקסיקון הגבורה; מבוא).

דריי גראָשן מיט אַ גראָשן איז אַ פירער — היטלער. (קינדער־לידל פון פּרוזשענע, ייה״א, ג״ע, 1941).

דריי זאַכן — אַנהייב פון זאָץ, זיין המשך: קען מען ניט באַזיגן, זיינען „אומבאַזיגבאַר״: דייטשע אַרמיי, ענגלישער אינדזל און יידישער שמוגל. (רינגל׳, 1941).

דריי חיימס — אין ל״ג גערעדט וועגן דריי חיימס: חיים וויצמאַן פירט יידן קיין ארץ־ישראל; חיים רומקאָווסקי — פירט אַריין אין ג׳, חיים פּאַטשאַרקאָווסקי — פירט די עגלה אויפן בית הקברות. (פל״ח, נומ׳ 3).

דרייסיק־יאָריקער בליצקריג — זיך געוויצלט וועגן דייטשישן בליצקריג. אויך צוגעגעבן, אַז היטלער שרייבט אַ ניי ווערק מיט אַט דעם נאָמען.

דרייעק — אין שעדלעץ אַנטשטייט אַ „גרויסער ג׳ און אַ קליינער״. דאָס קליינע געוואָרן ד׳, נאָכן ליקווידירן דאָס גרויסע ג׳ מיטן יודענראַט צוזאַמען, באַשטימט אַ נייעם יודענראַט אין קליינעם ג׳. דאָ געפינען זיך אויך ציגיינער. (ס׳ שעדלעץ, 630, 655 א״א).

דרייער — היטלער (אַנשטאָט פירער). „דער דרייער האָט היינט גערעדט״. (ג״ע זאַ־מאָשטש).

דרייצנטל — יידישער אַמט אין וו״ג, קעמפט קעגן וווכער, זיין זיצאָרט — לעשנע 13. יידן עס באַטראַכט ווי אַן עקספּאָזיטור פון געסטאַפּאָ. אַנטשטאַנען דעצעמבער 1940, ליקווידירט דעם 17טן יולי 1941. אין ר״א נאָטיץ פון 7טן דעצ׳ 1940: „ברוך הבא, ס׳קאַצל איז דאָ. מיט גאָטס הילף האָבן מיר שוין אַן אַמט צו באַקעמפן ליכווע און פּאַסקערייַ, לעשנאָ 13. ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך״. (געווען אַזאַ אַמט פאַר אַריער, אַנטשטאַנען 26סטן אַפּריל 1940); שעף פון ד׳ געווען אברהם גאַנצווייך; קאָמענדאַנט פון זייער פּאָליציי — שטערנפעלד. זע: גאַיאָווי, טשינאַסטקאַ.

דריי־קייזער־קאָנפערענץ — סעפּט׳ 1940 פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ צווישן טשערניאַ־קאָוו, רומקאָווסקין און מערינגען. ליצני הג׳ האָבן דאָס אָנגערופן ד.ק.ק. (פרידמאַן: התסביך המשיחי של מרין, ס׳ סוסנוביץ, ז׳ 132).

דרעק־פּאַרטרעטער — היטלערס שטעל־פאַרטרעטער. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

דרעקפרעסער — ווער עס עסט ניט אויף די נעבעכדיקע פּאָרציע און פּאַרקויפט זי. (מינה טומקביץ, גם שם היו חיים, ז׳ 147).

ה

ה. — היטלער (1) זייער אָפט באַנוצט בעל פה און בכתב. „ה. האָט ווידער גערעדט";
„ה׳ רשעות". (ר"א, 174). אין וו"ג האָט זלמן סקאַלאָוו (פלוסקאַלאָווסקי) אָנ־
געשריבן אַ גרעסערע דערציילונג א. נ. „די האַק און קרייץ, ה. גרויל" („היט־
לער־גרויל"). אין דער אויסגאַבע פון „יידיש בוך", וואַרשע 1954, דער אויס־
דרוק אין דער הקדמה פאַלש אויסגעטייטשט: „ה. גרויל — כאַראַקטעריסטישער
פסעודאָנים".
(2) היטלעריסט — „געשיקט אַ ה." (ר"א, ז׳ 320).

(דער) ה. אויף שמחות — אַ ייד אין ווילנער ג׳ געפרעגט, וואָס ער האָט געגעסן, האָט
ס׳רוב געענטפערט: „דער הא אויף שמחות", ד"ה, היטלער זאָל דאָס עסן אויף
שמחות. (קאַפלאַן, ז׳ 44).

האַגעזע — געקירצט פון „האָב געהערט זאָגן". נייעס־אַגענטור ביי די אונגאַרישע יידן,
פאַרשיקט קיין פוילן אין לאַגערן. (קאַפלאַן, ז׳ 52).

האַז — אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איינער וואָס האָט זיך נישט צוגעשטעלט
צום מיליטער, נאָר אַנטלאָפן, „געוואָרן אַ ה׳"; באַהאַלט זיך אויס. „דער יונג
זאָל נישט ווערן אַ ה׳", דער חתן זאָל נישט אַנטלויפן פאַרן שטעלן די חופה,
בעת אַ מגיפה אויפן בית־עולם. (הערש אַלטבוים: מיין שטעטל יאַנוּוו לובעל־
סקי, בוענאָס־איירעס 1954, ז׳ 124). אין דער חורבן־תקופה גלאַט יידן. „די
דייטשן זיינען צוגעקומען צו דער אייזערנער טיר פון קעלער און נישט גע־
וואָלט זיך מוטשען ביים עפענען זי, ווייל זיי האָבן געהאַט געגנוג אויף דער
גאַס האַזן, ווי מען פלעגט זיי דעמאָלט רופן". (אַזיעראַן, סוכות 1942. מ. העכט,
עדות, ייה"א). „מיר לעבן ווי האָזן, עס דאַכט זיך מיר, אַז אַפילו אין שלאָף
האַלט איך איין אויג אָפן און ביי יעדן קלענסטן קלאַפּ, לויפט אַדורך אַ פראָסט
איבערן לייב". (וואַרשע, ח. עלבוים־דאָרעמבוס, אויף דער אַרישער זייט,
ז׳ 79). די יעניקע וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון ג׳ מיט אַ בריגאַדע, אַראָפּ־
גענומען די לאַטע און אַוועק אין שטאָט ווי אַריער עפּעס דערליידיקן, „מאַכן
אַ פּעקל". פאַרנאַכט פלעגן זיי זיך צוטשעפּען צו דער צוריקגייענדיקער אין ג׳
בריגאַדע. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט טויט־שטראָף. (קאָוונע, אסתר לוריא,
כ"י, ז׳ 88; זע אויך ר. לעווין, פל"ח 1, נר׳ 8).

„דאָ ביים טויער, צוזאַמען מיט דייטשן,
שטייען יידישע פּאָליציאַנטן
און היטן די אָרדענונג, ווייסט איר נאָך וואָס?
עס זאָל, חלילה, נישט אַדורכגאַנווענען אַ „האָז",
און קוים כאַפּט ער אַ „האָז" וואָס איז אַרבעטספליכטיק..."

(קאָוונער ג׳, מחבר אומבאַקאַנט; קאַטשערגינסקי, לידער, ז׳ 135). ווען פון דער ריי זיינען אַרויס עטלעכע מענטשן, האָט מען דאָס גערופן „האָזן־בריגאַדע״. (קאָוונע, רחל סילקע). אין ג׳ זיינען פאַרווערט געווען געבורטן. ווען ס׳פלעגט דאָך טרעפן אַ געבורט, האָט מען דאָס קינד צוגעשריבן, ווי אַ געבוירנס פאַר דער מלחמה. אַזאַ קינד פלעגט מען רופן ה׳, אַריין אין ג׳ פון קיינעם ניט באַמערקט:

„געבורטן האָט ער אונדז פאַרבאָטן,
אויס מיט דער יידישער נאָז!
און דו, מיין קינד, אַזוי שיין געראָטן,
ביסט געקומען אויף די וועלט אַלס האָז.״

(קאָוונער ג׳, דיסקאַנט: מיין קליינער מארטירער, קאַטשערגינסקי, ז׳ 102/3).

האָטעל פּאָלסקי — נאָכן ליקווידירן דאָס וואַרשעווער ג׳ האָט די געסטאַפּאָ, כדי אויסצוגעפינען די באַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט יידן, אַדורכגעפירט מיט דער הילף פון אירע אַגענטן־יידן, אַ „אויסלאַנד־אַקציע״, ד״ה פאַר גרויס געלט פאַרקויפט צו יידן דאָקומענטן, אַז מען איז אַן אויסלענדישער בירגער. צום ערשט זיינען דאָס געווען עכטע דאָקומענטן, געשיקטע פון אויסלאַנד פאַר יידן אין פוילן, וואָס זיינען אין צווישנצייט אומגעבראַכט געוואָרן. די דאָזיקע „גליקלעכע״ געדאַרפט אַרויספאָרן אין אַן א״ג „אויסלאַנד־לאַגער״ און דאָרט בלייבן ביז סוף מלחמה. אַ שטיק צייט האָט מען זיי געהאַלטן אין האָטעל „פּאָלסקי״, אין וואַרשע, דלוגע גאַס. דערפון דער נאָמען פון דער אַקציע. דאָ זיך פריי באַוויגן, געהאַט דערטרעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען. דערנאָך זיי אַרויסגעשיקט, דער עיקר אין די לאַגערן בערגן־בעלזען, וויטעל. „דריי טויזנט יידן האָבן זיך אַזוי אַרום געלאָזט פאַרנאַרן און נאָר געציילטע זיינען געבליבן לעבן״. (י. טורקאָוו, אין קאַמף, ז׳ 221/9).

האַלב זעקס — וואָרנצייכן אין יאַנאָווער ל׳, לוואָוו. דער עיקר באַנוצט ביים אָנקומען פון פריץ געבאַוערן, דירעקטאָר פון ד.א.וו. (דייטשע אויסריסטונגס־ווערקע), ווו די לאַגעריסטן האָבן געאַרבעט. דערפון דער אויסדרוק באַצייכנט אויך געבאַוערן גופא. (הירשהאָרן בערנאַרד, ייה״א, ז׳ 6). זע: זעקס.

האַלט זיך — „ייִנגל האַלט זיך״, פאַרשפרייטער דערמוטערונג־אויסדרוק אין וו״ג. אַ מיידל טרעפט זיך אין אוישוויץ מיט אַ באַקאַנטן יידן פון ראַדזין, וואָס ווערט געטריבן אין קרעמאַטאָריע, רוימט ער איר איין ה״ז. דאָס זיינען זיינע לעצטע ווערטער. (ס׳ ראַדזין, ז׳ 310). אַ פשוטער ייד אין ל״ג, טאַביאַס, זאַמלט געטאָ־פאָלקלאָר און חזרט כסדר איבער: „האַלט זיך, יידעלעך, האַלט זיך, איר ווייסט גאָרנישט וויפל זיי באַקומען געשמיסן. מ׳האָט זיי דאָך שוין צוריקגעשטויסן ביז...״ (שבע גלאַס־ווינער, „געזאַנג איבער צוימען״, „קענעדער אָדלער״, 29.4.1957).

האַלט נישט אויף דאָס גלות — שטייט איינער ביי אַ קיך־פענסטער און בעט זיך מ׳זאָל אים געבן נאָך אַ קאַרטאָפל און האַלט דערביי אויף די ריי, שרייט מען אויף אים: „האַלט נישט...״ (ל״ג, געטאָ־לשון, 1024).

האַליוווד — „די גאַלעוועקס זיינען היינט געוואָרן אַ ה׳, ווייל מען זעט דאָרט לויטער שטערן“ [צוליב דעם, וואָס אַלע יידן פון צען יאָר אָן טראָגן דעם יידן-שטערן, מגן-דוד אויפן אָרעם]. (רינגל׳, 23.2.40).

האַלע — לאַגער-טערמין, פּאַבריק-לאָקאַל, סקאַרזשיסקאָ-קאַמיענגאַ. (מ. שטריגלער, אין אַ פרעמדן דור, ז׳ 186).

האָלען — „ביים שכן קלאַפּט מען אין טיר, דאָס איז אַ פּאָליציאַנט געקומען „האָלען“ איינעם, וואָס האָט זיך נישט געשטעלט צום טערמין אויף אַרבעט“. (ראַדאָם, אַנדענקבוך, ז׳ 90). אַלגעמיין באַנוצט אין דייטשלאַנד, hollen, abhollen. זינט 1933, צו באַצייכענען דאָס אַרויסשלעפּן מענטשן פון דער שטוב, צומייסט ביינאַכט, דורך דער געסטאַפּאָ.

האָלענדער, האָלענדערקעס — טרעפּעס, האָלץ-שיך, האָלץ-קלומפּעס. (ל׳ האַסאַג-פּעלצערן אין טשענסטאָכאָוו, קאָרבען ביי טאָרון, בירקענאַו אאַנ״ד; ה. פּריוועס: אין רויך, ז׳ 200). „אויף שווערן ברוק קלינגען אָפּ דיינע הילצערנע טריט“. (וויל״ג, ב. ברוידאָ: פרויען-ליד. אונדזער געזאַנג, ז׳ 110).

האָלערבאָד-אַקציע — אַקציע, וואָס ס׳האָט אדורכגעפירט דעם 5.9.42 אין קאָלאָמייער ג׳ דער פּאַרוואַלטער פון איבערגעלאָזענעם יידישן פאַרמעגן (ווערטערפאַסונג) (ס׳ קאָלאָמיי, ז׳ 9, 347).

האָלץ-מויער — „דאָס ג׳ איז פאַרשפּאַרט און פאַרשלאָסן מיט אַ ה״מ פון ברעטער“, (לנוביץ 330). זע: מויער, פּלויט.

האָלץ-קליידער — די בגדים פון די העפּטלינגען אין אוישוויץ. (רעיה כגן, נשים בלשכת גהינום, ז׳ פ״ג).

האַמבורגער — באַצייכענונג פאַר די יידן פון דייטשלאַנד אין מינסקער ג׳. אַ סך פון זיי שטאַמען פון דער שטאָט האַמבורג. (ה. סמאָליאַר, פון מינסקער געטאָ, ז׳ 33).

האַמעראָווצעס — יידן וואָס געאַרבעט אין שאָפּ פון דייטש האַמער. געווען צווישן זיי אַ קאַמפּגרופּע. (וו״ג, ל. גיברג, האחרונים, ז׳ 65, 67).

האָן — (1) דייטשער שטעמפּל (האָהייטסשטעמפּעל) מיטן אָדלער און האָקנקרייץ. געווען נייטיק אויף באַשטעטיקונגען, אַרבעט-ביכל. „ווער עס האָט אַ האָן, איז געראַטעוועט“; „באַקומען דעם ה׳“ אאַז״וו. (וואַרשע, פּיאַטרקאָוו, י. קורץ, כ״י, ז׳ 344). (2) אַ באַנקנאָט אויף פינף הונדערט זלאָטעס. פאַר „צוויי העגער“ באַקומט מען אָן אַרבעט-פּלאַץ. באַנוצט דעם אויסדרוק אין ערשטן טאָג פון דער גרויסער אויסזידלונג אין וואַרשע, יולי 1942, אין אַ טעלעפאָן-געשפּרעך וואַרשע-פּיאַטרקאָוו. (י. קורץ, כ״י, ז׳ 322). (3) היטלער. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

האַנדלס-אָפּמאַך — די דייטשן האָבן געשלאָסן אַ ה״אַ מיט די רוסן — זיי וועלן ליפערן מתים און יענע — ערד“. (ר״אַ).

האַסאַג — געווער-פּאַבריק אין סקאַרזשיסקאָ-קאַמיענגאַ, איבערגענומען בעת דער ד׳ אָקופּאַציע די „גוזעלשאַפט הוגאָ שניידער“. דערפון דער נאָמען. ה׳ געטיילט זיך אויף דריי אָפּטיילן: ווערק אַ. בע. צע. (ס׳ סקאַרזשיסקאָ, ז׳ 82).

האַסאַגוווקע — די קרענק צווישן די אַרבעטער אין ל׳ האַסאַג: הויכע טעמפּעראַטור און דורכפאַל, געדויערט לאַנגע חדשים. די סיבה — הונגער. (רענאַ טאַובענבלאַט, פּעליציאַ באַנעט א״א).

האָסט געגעסן בחינם — די, וואָס האָבן נישט אונטערגעשריבן זונטיק די אַרבעטער־ליסטע (ווייל מ'האָט נישט געאַרבעט) און באַקומען די טעגלעכע זופּ. (ל״ג, ג׳־לשון, 1012).

האָסט געהערט — „די היטלעריסטן וועלן פאַרניכטן אַלע יידן און דעם אלף־בית״. „פאַרוואָס עפּעס דעם אלף־בית ?״. „פאַרוואָס פרעגסטו נישט אויף אַלע יידן ?״ „אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגלעך, איז יענץ אויך נישט מעגלעך, האָט מען זיי דעריבער אין דער ערד״. „נישט געזאָרגט, ס'איז שוין באַלד זייער סוף״. (ר״א, ז׳ 172, 15.5.42). זע: ביציקל.

האָסטו געלט, ביסטו אַ קנאַקער ; האָסטו נישט, ביסטו אַ קאַקער. (לובלינער געטאָ).

האָסט זי ליב ? — רומקאָווסקי פלעגט געבן חופּה־קידושין און דערביי פרעגן דעם חתן : „האָסט זי ליב ?״. האָט יענער געענטפערט : „דערווייל הונגערט מיך״. געמיינט צו זאָגן : גיב אַהער דאָס ברויט, וואָס מ'פלעגט געבן יעדן פאַרפּאָלק דרשה־געשאַנק. (ל״ג, פל״ת נומ׳ 3).

האָפּיודען — בעלי־מלאכות, ספּעציעל געצייכנטע אין טויטן ל׳ טרעבלינקע, האָבן געבויט באַראַקן, די גאַז־קאַמער, געלעבט אין בעסערע באַדינגונגען, ווי די פּשוטע, נישט קוואַליפיצירטע פלאַץ־אַרבעטער, געקוקט אויף זיי, ווי טרעבלינקע וואָלט געווען זייערס. (סטראַוואָטשינסקי, אויפשטענדלער פון ל׳).

האַקמעסער — פון אַ בריוו, געשריבן מיט פוילישע אותיות, דעם 7.9.40 אין לובלין קיין ר״פ : „ביי מיר קיין נייעס. קענסט דאָס שפריכוואָרט : האַקמעסער, שוב־מעסער, מיר איז וויל, דיר נאָך בעסער״. אַזוי כאַראַקטעריזירט די סיטואַציע פון יענער צייט, רעדאַקטאָר יעקב ניסענבוים. (אָריגינאַל, ב״ק ; ענלעך ס׳ לידא, ז׳ 206).

האַקנקרייץ — יידן האָבן אויפן פאַרשיידנסטן אופן איבערגעדרייט דאָס וואָרט, כדי אַרויסרופן דערמיט אַ פּעיאָראַטיוון ניואַנס, טיילווייז נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. „איצטער איז עס קרייצהעק...״ (מ. נאַדיר, ווי זאָל איך איצט זינגען ? — ווינטער 1939).

אויפן האַקענקרייץ זיך צאַפּלען,
און אין אייגן בלוט פאַרגיין...
צאַפּל איך גענאַגלט.
אויף שוואַרצן האַקנקרייץ.

און אַ שפּרוך : „קרייץ און האַקן״
האָט מען אונדז געהאַקנצרייציקט,
געפערטלט און געשניטן...
און איר האָט אונדז געלאָזט

(ל״ג, 1942 ; מ. ב. גוטמאַן, פאַרוואָלקנטע טעג, ז׳ 5, 9).

האַקענקרייצלער — אָנהענגער פון נאַצי־דייטשלאַנד. (פּנחס וועלנער, ביי די ברעגן פון אוירעסונד, ז׳ 85 ; ס׳ טריסק, ז׳ 58).

האַקנקרעציקע — סטויפּע. (יוסף רייך, וואַלד אין פלאַמען, ז׳ 36).

האַר — פרויען אין די לאַגערן שערט מען אָפּ די ה׳ פון קאָפּ, דערביי טרייסטן זיי זיך : „וועט זיין דער קאָפּ, וועלן זיין האָר״. (א. לוריא, ל׳ לוביטש [פּאָמערן] א״א).

האַראַדטשיקעס — קריסטלעכע איינוווינערס פון „דוד הורודוק״ (פויליש : דאָווידגראָ־דעק), געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין פּינסק, בעטן די דייטשן זאָלן קומען פאַר־נעמען די שטאָט און מאַכן אַ סוף צו די יידן. (ס׳ דוד הורודוק, ז׳ 398. ס׳ לנין, ז׳ 84).

האַראַוויץ — (1) היטלער. „ה׳ קומט אויף יענער וועלט, זעט ער אין גן־עדן קריסטוסן: ‚האַ?, וואָס טוט דאָ אַ ייִד אָן אַן אָרעמבאַנד?!׳ — ‚לאָז צורו — ענטפערט אים דער הייליקער פעטער, — דאָס איז דער זון פון באַלעבאָס!׳". (וו״ג, ריגגל׳, 13.5.40); „אין אשכנז געבוירן געוואָרן אַ צווילינג, געגעבן אַ נאָמען ה׳ און משהלע בער (מוסאָליני בעניטאָ), זיי געבאָדן און פאַרטוישט, נישט געוווּסט ווער פון זיי ה׳. געפרעגט אַ דורכגייענדיקן ייִד, געענטפערט: ‚ווער עס וועט זיך פריער באַמאַכן, דער איז משהלע...׳" (וו״ג, ריגגל׳ 24.9.40. באַקאַנט אויך אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ א״א. זע מ. פייגענבוים: פּאָדלאַשע אין נאַצי־קלעם, ז׳ 145). „אויף אַ באַראַטונג פון האַראַוויצן, משהלען און שטאַלענעם (סטאַלין), איז געפאַלן אַ באָמבע". ווער האָט זיך געראַטעוועט? — „די מענטשהייט". (רינגל׳, 25.9.40).

(2) האָרטי ביי ייִדן אין אונגאַרן. (קאַפּלאַן, ז׳ 4/53).

האַרטע — (1) מינץ, מעטאַלן געלט; היפּוך פון ווייכע: פּאַפּיר־געלט.

עס וועט ניט העלפן קיין האַרטע און קיין ווייכע,
ווייל אין באָד אַריין מוזטו גיין.
עס וועט ניט העלפן קיין האַרטע און קיין ווייכע,
ווייל וואַרשע מוז דאָך יודענריין זיין!

(געזונגען אין וו״ג אָנהייב 1943, מיט דער מעלאָדיע פון רוסישן פאָלקסליד „פּאַנאַפּראַסנאָ וואַנקאַ כאָדיש", איבערגעגעבן מ. קראַפּט. לויט אים באַטייט דאָ „באָד" — „קעסל, ווו מ׳סמט ייִדן".

(2) ה׳ — גאָלד־דאָלאַרן; אין וו״ג אָנגעגאַנגען אַ האַנדל מיט וואַלוטע. ווי ס׳גיט איבער הרב שמעון הובערבאַנד, האָט מען אַפילו אין וו״ג אויסגעאַרבעט פאַלשע „האַרטע" מיט אַ קלענערן פּרווו גאָלד: אָנשטאָט 14 — ניין־צען. (ר״א, 23.6.42, ז׳ 146; רינגל׳, 20.9.40). אין אַ בריוו: „ווו וווינט פעטער פיניע?" — „אויף לעשנע 42"; ד״ה ווי הויך שטייט דער דאָלאַר? — 42 (זלאָטעס). (ה. וואַסער, ר״א, 9.12.40, ב׳ 2, ז׳ 302).

(3) „אין וו״ג זיינען דאָ דריי וואַלוטעס: האַרטע, ווייכע און גאַנץ ווייכע". (רינגל׳, 10.6.41). גאַנצווייך געווען דער אָנפירער פון „דרייצענטל" (זע).

האָרכער — ספּעציעלער געהילף ביים שמוגלען אין וו״ג. „אַ מענטש מיט אַ פענאָמענאַלן געהער. ער דערהערט פון זייער ווייט דאָס אָנקומען פון דייטשע זשאַנדאַרן". (ר״א, ז׳ 51, 9.7.42).

האַרמאָניסט — אַ גביר. (ל׳ פּלאַשווו).

האַרמאָניע — אַ גרויסער סכום וואַלוטע, באַנקנאָטן. (ל׳ פּלאַשווו).

האַרצדערכאַפּעניש — צוקערלעך. אין ל״ג אַ סוחר רופט: ה׳ שמעטאַנקאָווע, רומאָווע, צענער־פּעניגאָווע, קלעצער פּאַר איינציקע פינף פּעניג. (זעליקאָוויטש, כ״י. „אין יענע קאַשמאַרנע טעג", 1.9.43).

האַרצקלאַפּעניש־גאַס — זשעלאַזנע, לעשנאַ גאַס. „דאָ איז דער טויער און מ׳בודקט, צי ייִדן שמוגלען עפּעס נישט אַריין. ווי מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דעם אָרט האָט יעדן דאָס האַרץ געקלאַפּט". (ירחמיאל גוטהלף, ב״ק, נ״ר 696; בין חומות, ז׳ 79). זע: גיבראַלטאַר.

הגואל ממוות — פרילינג 1943, בשעת די דייטשן האָבן זיך געגרייט אומצוברענגען די לעצטע יידן אין די לאַגערן אַרום דאַכאַו, האָבן יידן געזאָגט: „הגואל ממוות, די גאולה וועט שוין פאַר אונדז קומען פון טויט אַליין". (קאַפּלאַן, ז' 56).

הודו — אויסדרוק, אַריין אינעם ג'־לשון אין פאַרשיידענע פאָרמען: „זע נאַר, הודו גייט אויף פאָרן!" אינדערציייט ווען צום אַרויסשיקן אויף אַרבעט ווערן אויסגעקליבן על פּי רוב יונגע, אַרבעטפעיקע מענטשן, דערזעט מען פלוצים גיין אַ קלעפּ־סידרע־פּנים (זע) מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע. דער מענטש וואַקלט זיך ביים גיין און די צוקוקערס שליידערן אויף־זיין אַדרעס דאָס דאָזיקע וואָרט. דאָ ווערט געמיינט „הודו", פון לשון „ער הוידעט זיך און גייט אויף פאָרן!" (ל"ג, ג'־לשון, 1002). „חסידים מאַכן אַ יי"ש פאַר הודו". (ל"ג, ג'־לשון, 1005). „נעם דאָס פּלעשל פאַר הודו" — אַ פּלעשל וויגאַנטאַל דאַרף מען זיך באַזאָרגן, איידער מען פאָלט אוועק. אַ פאַרשטייער פון אַ קראַנקן־קאָמיטעט ווענדט זיך צו אַ שיק־ייִנגל: „נעם דאָס פּלעשל (וויגאַנטאַל) פאַר הודו" (ג'־לשון, 1006). ס'גייט דער „הודו" פאַר „עלינו", ווען די פּראַטעקציע האָט דערגרייכט אַז ס'איז געפאָרן אַ קלעפּסידרע אַנשטאָט אַ יונגן און געזונטן, האָט מען דאָס פאַרגעוואָרפן, אַז דער „הודו" (הוידעדיקער) גייט פאַר „עלינו", פאַר די א. ג. „אנשי שלומנו". (ל"ג, ג'־לשון, 1003). „היינט זאָגט ער ,הודו', מאָרגן פאַלט ער כורעים". אויף אַ שוואַכן, צום ערשט הוידעט ער זיך, שפּעטער פאַלט ער איינגאַנצן פון די פיס. (ג'־לשון, 1004). זע: ס'איז הודו.

הויזוואַך, הויזוואַכיסט — וואַך ביים איבערגיין אין ל"ג. „דעם באַמען האָבן מיר צוגע־טראַכט מיט נעפּטאַליגען, הויזערוואַך. געדאַרפט היטן די הייזער, וואָס וועלן פאַרלאָזט ווערן פון זייערע קריסטלעכע באַוווינער, אַז דאָס עווענטועל דאָרט איבערגעלאָזטע פאַרמעגן זאָל נישט צעראַבירט ווערן; אַז די וווינונגען זאָלן נישט רואינירט ווערן און זאָלן נישט פאַרנומען ווערן אָן אַ סיסטעם, אויף הפקר. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר קוואַליפיצירט און אָנגענומען 320 וואַך־לייט. די וואַך שפּעטער אויפגעלייזט און טיילווייז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין דער פּאָליציי. (טאָגבוך י. שולמאַן). זע: היא"ד.

הויזקאָמיטעט (ה"ק) — 1939 זענען אַנטשטאַנען קאָמיטעטן אין יעדן באַזונדערן בלאָק הייזער, כדי זיך פאַרנעמען מיט די פּליטים, אָנגעקומענע קיין וואַרשע, מיט די נשרפים, נויטבאַדערפטיקע א"א. שפּעטער זיך פאַרנומען מיטן אינערלעכן לעבן פון הויז, וואָס איז צוליב דער באַשרענקטער צייט פאַר יידן צו קאָנען אַרויס־גיין אין גאַס געוואָרן פון גרויס נויטווענדיקייט. דער ה"ק האָט אָרגאַניזירט קינדער־ווינקלען פאַר די ייִנגסטע; קרייזן פאַר יוגנטלעכע; קרייזן פאַר פרויען; איינגעאָרדנט פאַרשיידענע אימפּרעזעס. די הכנסה פאַרוועגדט פאַר די נויט־באַדערפטיקע קודם כל פון אייגענעם בלאָק, דערנאָך פאַר אַלגעמיינע, סאָ־ציאַלע אינסטיטוציעס אין ג'. די אַרבעט פון „זשיטאָס" (זע) האָט זיך געשטיצט אויף די ה"ק. אין 1941 זענען געווען אין וו"ג 1600 ה"ק. אין ר"א זיך אָפּגעהיט פּראָטאָקאָלן פון עטלעכע אַזעלכע ה"ק, פון אָנהייב מלחמה, ביז די ערשטע חדשים פון 1942. אין איינעם פון זיי שרייבט זיך, אַז יעדעס הויז איז אַ קהילה פאַר זיך. דער ה"ק איז אַלץ, אַפילו אַ בית־דין,

ערלעדיקט צ״ב סכסוכים צווישן לאַקאַטאָרן און סובלאַקאַטאָרן, צווישן בעלי־הבית און אָנגעשטעלטן אאז״וו.

אין איין מאָמענט האָט טשערניאַקאָוו פאַרלאַנגט פון די הויז־קאָמיטעטן, זיי זאָלן צושטעלן מענטשן צו צוואַנגאַרבעט. ער האָט, וואָס אַן אמת, תיכף אָפּגערופן דעם צירקולאַר, אָבער דעם אויטאָריטעט פון די ה״ק האָט דאָס אַרונטערגעריסן. געוועז פאַלן, ווען דער ה״ק באַשטראָפט געוואָרן מיט תפיסה, פאַר נישט איינצאָלן די געהעריקע שטייערן פאַרן גאַנצן הויז. (ר״א, 106). אין איינעם פון די הייזער אויף מילא־גאַס האָט דער ה״ק פאַראָרדנט, אַז קיין נייער לאָקאַטאָר טאָר זיך נישט אַריינציען, כל זמן ער האָט נישט איינגעצאָלט 20 זלאָטעס זאַלאָג. דאָס געלט איז אַן אַסעקוראַציע אין פאַל פון טויט, זאָל דער ה״ק נישט האָבן קיין שוועריקייטן פּטור ווערן פון מת. (רינגל/, כ״י, נאָוו. 1941).

הויפיש (אַדיעקטיוו פון וואָרט „הויף״) — פאַר דער מלחמה האָט עס אין לאָדזש באַטייט: זייער לייטיש, עלעגאַנט. „ער טראָגט זיך הויפיש״ ; „ער באַנעמט זיך הויפיש״ האָט געמיינט צו זאָגן: ער קליידט זיך ווי אַ פּריץ, פאַרהאַלט זיך ווי אַ פּריץ. אין ג׳ איז דער אויסדרוק אַריין אין דער גנבים־שפּראַך און באַצייכנט אַ זאַך, וואָס מען קאָן זיך מיט איר נישט באַוויזן פראַנק־און־פריי, נאָר אויף הינטערוועגן, אויף הייף וכדומה. „ער גייט הויפיש״, ער גייט נישט ווי יעדער מענטש איבער די גאַסן, נאָר איבער הייף, ווייל ער האָט מורא פאַר אַ „גוט אויג״. „דער מאַסעמאַטן מוז גענומען ווערן הויפיש״, מען קאָן די „לינקע״ זאַך נישט טראָגן בפרסום, ווייל מען קאָן מיט איר „גיין פאַרשיט״, מען מוז זי טראָגן בצנעה, עס זאָל זי קיינער נישט דערזען״. (ל״ג, יוסף זעליקאָוויטש).

הולך — וואָרנצייכן: ס׳קומט אַ דייטש. (ס׳ גרויס־ראַדאָמישלע, ז׳ 694). זע: הלך.

הולען — אין די פינצטערע מעגן (קעפּל)... די גויים הולען. (ס׳ איילייב [איליע] ז׳ 403/20). פאַרגלייך: א. רייזען: הולעט, הולעט בייזע ווינטן.

הון — אַ וועלט, וואָס שווייגסטו וועלט, נעם קוק זיך צו,
ווי ס׳ווילדעוועט דער „הון״ אויף דיין שויס,
וואָס האָט נאָך טויזנט־יאָריקער קולטור
אַנטפּלעקט זיך אין זיין וואַטאַן־בייזער גרויס.
(קלמן ליס, ליד געשריבן אין מעדזעשין אין יענער צייט, געבראַכט לויט ל. פינקעלשטיין: פּדיון השם, ז׳ 51).

הונגער — מיטל צום הונגער: די דייטשן זאָלן אַוועק פון פּוילן. (וו״ג, רינגל/, מאַי 1942). הונגער איז שטאַרקער פון אייזן — ל״ג. (י. הילער, טאָגבוך, כ״י 4.6.44). צווישן הונגעריקע קאָן קיין ערלעכקייט נישט זיין. (דאָרט 5.1.44) ; פאַר אַ הונגעריקן איז קיין גרענעץ נישטאָ. (דאָרט, 1.2.44).

הונגער־שווינדזוכט — ל״ג. (עדות זלאַטע שנור).

הונדערטסטל־פירער — קאָמענדאַנט פון 100 מאַן. (ל. לוויוויטש, ר״א, ב״ר 390).

הונדערטשאַפט — אַרבעט־גרופּע (קאָמאַנדע) פון אַ הונדערט יידן, וואָס נישט געהאַט קיין סטאַבילע אַרבעט, נאָר צוגעטיילט געוואָרן, וווהין מ׳האָט באַדאַרפט. זיי זענען געווען די ערשטע אויסגעזידלט צו ווערן. (טערעזיענשטאַט, ז׳ 85/6).

הונט — המילה „כלב" היתה מושג של רע. בכי הכלבים, נביחות, סמלו קרבה של מלאך המוות. בנו עוררו נביחות כלבים את הרגש של מארב, סכנה או הלשנה, כאילו מעורר הכלב תשומת ליבו של בעליו, שיהודים הולכים כאן — נדמה לי, שהכלבים הרגישו בנו. אם לא ביהודים, הרי בזרים והקבצנים, שאותם צריכים לגרש. הכלבים גרמו לנו קשיים, צרות ועצבנות ומאוותיהם אנו סובלים עד היום. בעיה בפני עצמה היו הצפרדעים. (ס' בז'ז'ני, א' שקלאי, בצל המוות, תוספת, ז' 24).

— אויף א שלעכטן הונט: „דאָס איז אַ הונט? ניין! אַ דייטש, וואָס גייט איינ־געבויגן אין פירן!" (ס' האָראָדאָק, ז' 354; קולנה, ז' 224; מעזריטש, ז' 204, 261).

אַ הונט אויף זעקס פיס — אַ דייטש מיט אַ הונט. (פּיאָטרקוו, י. קורץ, כ"י, ז' 348; טשענסטאָכאָוו אאַנ"ד). גערופן אויך „זעקספיסיקער" (זע).

הונט־צייכנס — מעשענע בלעכלעך, וואָס געטראָגן אין וו"ג די אַרבעטער פון אַ. ב. וו. (אָסט־דויטשע בויטישלער־ווערקשטעלע) מיט אַ נומער וואָס באַקומען פאַר גרויס געלט. אָן דעם בלעכל (ה"צ) איז מען פאַראורטיילט צום טויט. (ב. סמאָ־לאַר, בריוו, 10.12.42; ס' זאַמבראָוו, ז' 177). דייטש: הונדע־מאַרקע. (כהנה, יומן, ז' 114). זע: בלעכל.

החיים והמוות — וואָרענונג נישט צו רעדן. (אין באַלטיקום, קאַפּלאַן, ז' 16).

היא"ד — הילפסאָרדנונגסדינסט, אַנטשטאַנען פון הויזוואַכיסטן דעם 15.6.40. דעם 3.11.40 אינקאָרפּאָרירט אין דער פּאָליציי. (ל"ג. שולמאַן, זכרונות, כ"י); זע: הויזוואַך.

היט־סאַדיסטן — היטלער־סאַדיסטן. יולי 1943. (ר"א, ז' 175).

היטל — אָרדנער, יידישע פּאָליציי, טראָגן ספּעציעלע היטלען, ווי אָן אָפּצייכן פון זייער אַמט. „די וואָס טראָגן ווייטער די ה', מעגן זיין צופרידן". רעדע פון קאָמענ־דאַנט בערמאַן, 20.6.42, אין ביאַליס' ג'; פּראָטאָקאָל פון יודענראַט. — אין ל"ג האָבן די קעראָוויניקעס זיך געטוישט מיט זייער פּראָדוקציע, האָבן יידן געשאַפן אַ ווערטל: „אַ היטל פאַר אַ קאַפּעליוש". (בריקס, פּאַפּירענע קרוין).

היטלמאַכער — היטלער. „האַ, זיך שוין אויפגעאַרבעט מענדל גינזבורג, וואָס? אויפן ה' געזאָגט". (פּרק אָפּאָטשינסקי, 26.5.42, ר"א, 1300). אויף היטלערן געזאָגט „צוויי צווייערלעך — אַ היטלמאַכער". תפיסה אין דעסאַו. (ייה"א, ג"ע 637). דער ה' האָלט ביי גטן זיך מיט דער מומע רייזל. (דניאל, כ"י, ז' 102). קוריאָז: כינוי שנתנו חיילי צה"ל לכובע הראשון שחולק בצבא. הכובעים נשלחו כמתנת אגודת הכובענים היהודיים בארה"ב (היטלמאַכערס). (זאב שיף, איתן הבר: לקסיקון לבטחון ישראל, ז' 165).

היטלער — (1) האָט אָנגעשריבן אַ דרייבענדיק ווערק: א) מיין קאַמף; ב) דער צוועני־יאָריקער בליצקריג; ג) „מיט דעם פינדזעל אויף דער אינדזל" [ד"ה: נאַפּאָלעאָנס סוף וואָרט אויף אים, איינזאַם אויף אַן אינדזל, אָבער מיט זיין פּינדזל, ווי אַ מאָלער] (קראָקע, ג"ע). באַקאַנט אויך אויף דער אַרישער זייט. (2) ה' האָט געפירט אין פּוילן אַ טאָטאַלע מלחמה; אין פראַנקרייך — אַ מאָמענטאַלע; אין ענגלאַנד — אַ פאַטאַלע; אין רוסלאַנד — אַ קאַטאַס־טראָפאַלע. (רינגל', סעפּט' 1941). (3) „ה' וויל נאָכמאַכן נאַפּאָלעאָנען.

ער האָט אָנגעהויבן די מלחמה דעם 22סטן יוני, דעם טאָג ווען נאַפּאָלעאָן איז אַרויס קעגן רוסלאַנד. ער האָט אָבער פאַרשפּעטיקט, ווייל נאַפּאָלעאָן איז שוין דעם 14 אָדער 15 סעפּט׳ געווען אין מאָסקווע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערציילט מען, אַז נ׳ האָט ביים אָנהייב פון דער קאַמפּאַניע אָנגעטאָן אַ רויט העמד; אין פאַל פון פאַרוווּנדעט ווערן, זאָל מען נישט דערקענען. ה׳ דאַקעגן אָנגעטאָן אַ פּאָר ברוינע קאַלעסאָנען״. (רינגל׳, 4.9.41). (4) „יענער (היטלער) איז געקומען צו אַ ווראָזשקע אין קליידונג פון אַ שאָפער און געפרעגט, וואָס וועט זיין מיט אים? געענטפערט: „דו וועסט נישט האָבן קיין בענזין, די אַקס וועט דיר פּלאַצן און מען וועט דיר צונעמען די פּיר־קאַרטע״. (רינגל׳, 18.12.40). נוסח פון דעם וויץ אין Poddel Peter: Flüsterwitze aus brauner Zeit. 1954.
(5) היטלער און נאַפּאָלעאָן — נאָך נ׳ זיינען געגאַנגען דריי גרענאַדירן; נאָך ה׳ — דריי מילערן: א) דייטשלאַנד אונטער אַלעס; ב) אייראָפּעישער דלות; ג) וועלט־רעוואָלוציע אָן שאלות. (ר״א, 9 1.42) (6) ווען ה׳ פאַרנומען פּאַריז, איז ער אַריינגעקומען אין אינוואַלידן־הויז, וווּ עס געפינט זיך דער קבר פון נ׳. „גוט מאָרגן, קאָלעגע״ — האָט ער אויסגערופן. „כ׳בין דיר נישט קיין קאָלעגע״, האָט געענטפערט נ׳ און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן. „אויב וועסט צוריק קומען פון מאָסקווע אַזוי ווי איך, איז עפּעס אַנדערש״. (וו״ג, מאָרגן־פרייהייט, 18.1.42). (7) „ה׳ האָט איינגענומען ניו־יאָרק און שיקאַגאָ״, זאָגט איין ייד צום צווייטן. דער לעצטער ענטפערט מלא התפעלות: „קוק, ווי אַזוי זיי ציען אים אַריין״. (8) אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ אין בערלין האָט מען געפונען פּאַלגנדיקע אויפשריפט: „הינדענבורג, אַלטער קעמפער, קום אַראָפּ, דיין געפרייטער קאָן נישט ווייטער״. זע: H. Grosscurth: Tagebücher, 457. דער וויץ געפונט זיך אויך ביי רינגעלבלום. (9) דער איש הגדול באַשטעלט ביי אַ שניידער אַן אַנצוג. איינער האָט געזאָגט, אַז פון דעם שטאָף קאָן מען האָבן בלויז אַ מאַרינאַרקע, אַ צווייטער — אַ גאַנצן אַנצוג. דער ייד ווידער האָט געזאָגט: „דריי אַנצוגן — ביי זיי איז ער גרויס, ביי אונדז איז ער קליין. (רינגל׳, 20.4.41. אַ נוסח פון דעם וויץ אין דער פוילישער אויסגאַבע: Satyra w konspiracji. אין דער אַפּטיילונג: יידישע אַנעקדאָטן, געדרוקט פעבר׳ 1943). (10) ה׳ קעמפט פאַר ראַסע, סטאַלין פאַר קלאַסע און ענגלאַנד פאַר קאַסע. (רינגל׳, 26.4.41). (11) אַנדערער נוסח פון דעם וויץ: „פאַרוואָס קאָן נישט קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די קעמפענדיקע צדדים? — ווייל ה׳ זאָגט, אַז די מלחמה וועט געווינען — ראַסע, סטאַלין — מאַסע און רוזוועלט, אַז געווינען וועט די קאַסע״. (וויל״ג׳, קרוק, טאָגבוך, כ״י פעבר׳ 1943. אונדזער צייט, 1958, נר׳ 9). (12) דעם 5טן אָקט׳ 1940 האָט זיך ה׳ געטראָפן מיט מוסאָליני אויפן ברענער. דעם 13.10.40 פאַרנאָטירט רינגעלבלום זייער געשפּרעך:

בעניטאָ — סביטאָ (צעשלאָגן).
אוי אַדאָלף,
מען דאַרף אַ הילף
— אוי דוטשע, פּוטשע

מיר זיינען קאַפּוטשע —
— ה. ל., ה. ל. (הייל היטלער),
איך זוך אַ פאַרמיטלער.
— אויב אַזוי מ. י. (מוסאָליני),

ביסטו אַ גרויסע שוויני (חזיר) — אוי, אוי, דאָס האָט געמאַכט ר. ב. פּ.
— האָסט צו מיר אַ טענה, (ריבענטראָפּ),
גיי צו טשיאַנע. אַ קללה אויף זיין קאָפּ.

(13) מוסאָליני אַרויסגעשיקט פּאָלגנדיקן טעלעגראַם צו היטלערן: „גרעקאָ באַנדיטאָ, טוטטאָ פּערדיטאָ (אַלץ פאַרלוירן), פּופּאָ פּאָביטאָ (אָנגעשמיסן אין ת...) — בעניטאָ". (רינגל׳ 19.11.40). די לעצטע צוויי אַנעקדאָטן באַקאַנט אויך פון דער פּוילישער זייט. (14) ה׳ פאַרנדיק אויף דעם מזרח־פראָנט, איז אַרויס אויף אַ מינוט אויף אַ קליינער סטאַציע, דער מאַשיניסט האָט דאָס נישט באַמערקט און געלאָזט דעם צוג ווייטער. ה׳ איז געבליבן אַליין, אָן דאָקומענטן, אָן געלט. אָבער אָט דערנענטערט זיך צו אים עפּעס אַ יידל: „גוט מאָרגן, פּאַניע היטלער" — רופט ער אויס. היטלער האָט זיך דערפריית: „דו האָסט מיך דערקענט? איך בין גראָד איצט אין אַ שווערער לאַגע. קאָנסט מיר אפשר לייען 500 זלאָטיס?" „וואָס הייסט — שרייט אויס דאָס יידל — פאַרוואָס נישט?" — „אָבער פון וואַנען ביסטו זיכער, אַז איך וועל דיר אָפּגעבן דעם חוב?" — „אָ, פּאַניע היטלער, דו האָלטסט דאָך ביים אָפּגעבן צוריק גאַנץ אייראָפּע, וועסטו מיר נישט אָפּגעבן צוריק עפּעס אַ פּאָר הונדערט נאַרישע זלאָטיס?" (ח. שאַשקעס). פאַראַן וואַריאַנטן פון דעם וויץ פון ווילנ״ג׳ אַאַנ״ד.

(15) אַ לערער פרעגט אַ שילער: „זאָג נאָר, האַנס, וואָס וואָלסטו געוואָלט ווערן, ווען אונדזער פירער וואָלט געווען דיין טאַטע?" — „אַ גענעראַל". — „און דו, קאַרל?" — „אַן אַדמיראַל!" — „נו, און דו, אַבראַהמל?" — „אַ יתום". (ח. שאַשקעס). (16) נאָכדעם ווי היטלערן האָט זיך נישט איינגעגעבן די אינוואַזיע אויף ענגלאַנד, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס. אין זיין פאַרצווייפלונג, האָט ער געפרעגט אַן עצה ביי אַ רב. יענער האָט געענטפערט: „דו וועסט קענען אַריבערגיין דעם קאַנאַל, אויב דו וועסט באַזיצן דעם שטעקן מיט וועלכן משה רבינו האָט געשפּאָלטן דעם ים־סוף". — „אַ גאָלדענער איינפאַל" — שרייט אויס היטלער — „אָבער ווו געפינט זיך דער דאָזיקער שטעקן?" — „אין בריטישן מוזעאום אין לאָנדאָן — ענטפערט דער רב". (ח. שאַשקעס). נוסחאות פון דעם אַנעקדאָט ביי Buczkowski, „Warszawski dowcip" א״א. (17) היטלער, געבעלס, גערינג און הימלער גייען איבער איינער פון די הויפּטגאַסן פון בערלין, עס דערהערן זיך קולות פון די סירענעס, וואָס זאָגן אָן אַ לופט־אַטאַק. אַלע פיר נאַצי־פירערס לויפן אַריין אין נאָענטסטן שוץ־קעלער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום טרעפט אַ גרויסע באָמבע פון פיר טאָן אין דער געביידע און מאַכט זי איינגאַנצן חרוב. ווען די לופט־אַטאַקע איז געענדיקט, ווער, מיינט איר, גייט אַרויס פון שוץ־קעלער לעבעדיק און געראַטעוועט? — דייטשלאַנד... (די שטימע, 24.12.43, וו״ג).

(18) ה׳ און גערינג שטייען אויף אַ באַלקאָן און רעדן: „ווען דער באַלקאָן זאָל איינפאַלן און זיי זאָלן דערביי נישט געהרגעט ווערן, וואָס וואָלט דאָס געווען: אַ צופאַל? אַ גליק צי אַן אומגליק?" זיי רופן אַ יידן און שטעלן אים די שאלה. ער ענטפערט: „ווען איר וואָלט נישט געהרגעט געוואָרן, וואָלט עס געווען אַ צופאַל, ווען אָבער יאָ געהרגעט געוואָרן — אַ גליק!" (וו״ג). ענלעכע

נוסחאות אויך ביי פּאָלאַקן. (19) היטלערס מפּלה ווערט קומען, ווען מיר וועלן שוין זיין אין קבר, דעמאָלט וועלן קומען אונדזערע קינדער און אַריינשרייען אין קבר: „טאַטע! מיר ברענגען דיר אַ בשורה טובה: היטלער האָט געהאַט אַ שוואַרצע, פינצטערע מפּלה”. (1940, י. קורץ, כ״י, 129; דאָס זעלבע אין קראָקע א״א). (20) ווען מ׳האָט געפרעגט היטלערן ווער איז דער גרעסטער דייטש, האָט ער געענטפערט: „איך דענקע האַרמאַן” (באַקאַנטער פּרויען־מערדער). דער דאָזיקער אויסדרוק איז געוואָרן שפּריכווערטלעך אין וו״ג. (ר. אויערבאַך: אונדזער חשבון מיטן דייטשן פאָלק). (21) ה׳ האָט באַשטימט אַ קאָנקורס אויף אַן אויפשריפט וואָס זאָל אויסגעקריצט ווערן אויף זיין מצבה. עס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פיל פּראָיעקטן, נאָר קיין איינער איז אים ניט געפעלן געוואָרן. האָט מען זיך געווענדט צו אַ יידן. דער ייד, האָט נישט טראַכטנדיק פיל, אויפגעגעבן: שיינקייט, ריינהייט, אָפּפער. דאָס איז היטלערן זייער געפעלן. איז מען באַפאַלן דעם יידן: ס׳טייטש?!, האָט ער געענטפערט: דער אויפשריפט באַטייט נישט מער, ווי „אַ שיינע ריינע כפּרה!” (שאַוולער ג׳, ב. קאַפּלאַן). (22) ה׳ כאַפּט זיך אויף אין מיטן נאַכט און שרייט: „איך בין גענס! איך בין גענס!” געוואָלט דערמיט אונטערשטרייכן, ווי גרויס ס׳האָלט זיך גענס, דער יודענעלטסטער אין ווילנע. (23) ווען ס׳איז היטלערן געוואָרן שווער אין רוסלאַנד, האָט ער זיך אַלס אַרמיי־פירער געוואָנדן נאָך הילף צו די גאַרניזאָנען אין די אָקופּירטע לענדער, ווי אויך צו די פאַשיסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס. אָט וואָס פאַר אַן ענטפער ער האָט באַקומען — פון נאָרוועגן: דער ענגלענדער רייסט און בייסט, זאָלסט נישט דערוועגן; פון פראַנקרייך: וואָס מיינסטו, ס׳איז דאָס דריטע רייך? פון יוגאָסלאַוויע: די פּאַרטיזאַנער מאַכן מיט אונדז אַנ׳עק, רעד צום גרעק; פון גריכנלאַנד: מאַך זיך נישט צו שפּאָט און שאַנד; פון האָלאַנד: ביסט ביי די ברעגן, אָבער דו רעדסט צו דער וואַנט; פון בעלגיע: אויב דו ווילסט זיך דערטרינקען און הענגען; פון פוילן: ווי לאַנג קענסטו פוילן, ווי דו וועסט נישט פועלן; פון איטאַליע: מעגסט זיך שוין גרייטן אַ תלין. (24) בין היהודים מספּרים בלחישה שהרוצח כך אמר: אם אנצח במלחמה, ילכו היהודים לאבדון במשך שנה; ואם אנחל מפּלה, יעברו היהודים מן העולם במשך חודש אחד. (קפּלן, כ״י, 13.9.40). (25) האָסט געהערט? ה׳ האָט שוין פריש איינגענומען 4 שטעט: אונטער לענינגראַד — האַלט, אונטער מאָסקווע — קאַלט, אונטער ראָסטאָוו — געוואַלט, און קרים קומט באַלד. (ר״א, פאָלקלאָר, ב׳ 2). (26) פאַרוואָס איז שלמה המלך געבליבן אַ חכם בן חכם און דער גרעסטער פירער — אַ שוטה בן פּיקהאָלץ? שלמה האָט געהאַט טויזנט ווייבער און קיין איינע אַ רעכטע און ה׳ האָט טויזנט רעכטע און קיין איין ווייב. (27) אַ ייד הערט היטלערס אַ דרשה און לאַכט דערביי. היטלער רייסט איבער און פרעגט אים: וואָס וואַגט ער צו לאַכן פון זיין רעדע? דערויף ענטפערט דער ייד: איך לאַך נישט פון דער רעדע, נאָר פון געדאַנק, וואָס וועלן מיר עסן נאָך דיר? נאָך המנען זיינען אונדז פאַרבליבן המנטאַשן, און נאָך דיר? (ד״ר גרובער, לוואָוו, געהערט פאַר דער מלחמה). (28) ה׳ האָט פאַרנומען פרישע דריי שטעט: האַלט, האַלט און צוריק. (וו״ג

מאָרגן־פרייהייט, 25.1.42) (29) ה׳ פרעגט אַ ייִד, ווען וועט ער שטאַרבן? ענטפערט דער ייִד, ווען עס וועט זיין אַן ערב, אַן ערב יום־טוב. (ע. מאַן, ירושלים). (30) חולשתו (של היטלר) היא הנבואה. (קפלן, 13.8.40).

קללות אויפן חשבון פון היטלערן: (1) ה׳ זאָל אַריין אין דר׳ערד אַזוי טיף וויפל אַ האָז קען אַפּלויפן אין אַ זומערדיקן טאָג. (2) ה׳ זאָל וואַקסן ווי אַ ציבעלע, מיטן קאָפּ אין דר׳ערד. (3) ביי ה׳ זאָל ווערן די קאָפּ אַ הילצערנע, די אויגן — גלעזערנע און עס זאָל ביי אים ברענען די קאָפּ, וועלן פּלאַצן די אויגן. (4) ה׳ זאָל האָבן ציין־ווייטיק אין די ווינטערדיקע נעכט. (5) ה׳ן זאָל עסן אַ וואָרעם אַ טאָג, און זונטיק — צוויי. (מינכען, ב״ר 865/186). (6) ה׳ זאָל אַזוי לאַנג לעבן, ווי לאַנג דאָס וועט אויסהאַלטן [געמיינט די אויסאַרבייטונגען פון די שאָפּן אין וו״ג]. (י. קורץ, כ״י, ז׳ 181). (7) ער האָט שוין איינגענומען טשעכיי, פּוילן, פראַנקרייך און האַלב רוסלאַנד, וועט ער באַלד איינגעמען אַ מיתה משונה. (ל׳ דעמבלין). ה׳ ווערט אויך צוגעגעבן צו אַ גאַנצער ריי ווערטער, וואָס באַקומען דורך דעם אַ נאָך פינצטערע באַדייטונג: „ה׳־פאַשיסטן״, „ה׳־באַנדיטן״, „ה׳־באַרבעריי״, „ה׳־מערדער״, „ה׳־סאַדיסטן״ א״א. — די קינדער (קאָוונע ג׳) זיך געשפּילט אין לוויות: אויסגעגראָבן אַ קבר, אַריינגעלייגט אין אים אַ קינד און געזאָגט, אַז דאָס איז ה׳. (פּראָטאָקאָל פון אייכמאַן־פּראָצעס, 4.5.61׳ פאַרגלייך: ...Inge Deutschkorn: Kinder in Gettos, ז׳ 138).

— דעם 26.6.41 פאַרנעמען די דייטשן די שטאָט. אויפן צווייטן טאָג דערשיסן זיי אַלע הינט, ווייל זיך דערוווּסט, אַז אַ סך הינט רופט מען ה׳. (ס׳ האָראָדאָק, ז׳ 85).

„בגמטריה אויסגעפונען, אַז מות ז׳בוטינסקי (נפטר ת״ש) איז גלייך מות פון אַן אַנדערן הארן״. (היטלער). (רינגל׳, 19.9.40, ז׳ 143). דאָס זעלבע אין אַ כ״י פון באָרשטשיוו, ווי פון יענער צייט. (מ״ז).

ווי ייִדן האָבן אויפגענומען היטלערס רעדע:

1) המודה במקצת — חייב. איז ער זיך נאָר מודה צו גענעראַל פראָסט און צו נעגעראַל צייט, איז זיין מפּלה שוין נישט ווייט. (אַ תלמיד־חכם).

2) אַקס אַהין און ייִדן אַהער — זיין גאַנצער עולם־ועד, ער וועט שוין נישט לאַנג דרייען דאָס ראָעד (ראָד).

3) ביי זיין לעבן וועט זיך נישט איבערחזרן דאָס יאָר 1918 — כ׳בין שוין מסכים! ווער זאָגט דען, אַז ער דאַרף לעבן?

4) וואָס עפּעס ווידער רוזוועלט, טשערטשיל און ייִדן? ווייסט נישט, יאַק בידאַ — טאָ דאָ זשידאָ!

5) וואָס זאָגסטו צו דער רעדע? — ראשי תיבות פון ראָטן־פאַרבאַנד: רעד צו־זעצטערהייט, פּלאָפּלער.

6) „פאַר 9 יאָר האָב איך מער אויפגעטאָן, ווי פאַר 25 יאָר די סאָוויעטן״. זאָג אים, אַז אַ הונט פאַר 10 יאָר בילט נישט.

7) באַהיט אונדז גאָט פון גנבישע שבועות און פון היטלעריסטישע נביאות (אַ חסידישער ייד).
8) מיר זאָלן באַהיט ווערן פון יעדן בייזן חלום און פון היטלעריסטישן שלום.
9) שיק אונדז שוין די הילף געשווינט, ער זאָל שוין נעמען בילן ווי אַ הינט.
10) אַלע זכות־אָבות זאָלן אונדז ביישטיין, זיין מויל זאָל פון הינטן שטיין. (אַן עלטערע יידענע, אַ קרעמערקע).
11) אויף טויזנט יאָר וויל ער אונדז אומברענגען. — מאַ, ביי גאָט איז טויזנט יאָר אַ טאָג, קענען מיר אין איין טאָג געהאָלפן ווערן.
12) ה׳ ווייסט שוין נישט אין וועלכן יאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן; איך זאָג ווי טשערטשיל: 1942 — אייראָפּע, 1943 — יאַפּאַן. פאַרוואָס? 1942 מאַכט: 1 ציל, 9 אָקופּירטע לענדער, 4 גרויסע מלוכות קעגן 2: היטלער און מוסאָליני. און 1943? — די זעלבע קעגן 3טן — יאַפּאַן. (ר״א, 2.2.42).
13) ש׳קאָ מורא, פון די געלע זאַך (געמיינט יאַפּאַן), וועט אויך נעמען רינען די יאַך.
14) מ׳האָט זיך אויף אים דערקענט. ווער וועט מיט אים מאַכן שלום? זעסט, אַ דייטש איז: אַ ביקס אָדער אַ פּוס אונטערן אָרעם; אויב נישט ביסטו אינגאַנצן אָרעם. (ר״א, 2.2.42).

מ׳שמועסט:

1) ה׳ האָט געשיקט אַ שליח צו היילע־סעלאַסע פרעגן: צי קען מען, נאָכן פאַרלירן דאָס לאַנד, צוריק געווינען די ראַסע?
2) היילע סעלאַסע האָט געשיקט אַן אַמבאַסאַדאָר צו מוסאָליניען ער זאָל אויף אים ווירקן. חלילה־וחס, נישט מאַכן אַמאָל אַזאַ שפּאַס און נישט שליסן קיין סעפּעראַטן שלום מיט ענגלאַנד. (ר״א).

היטלער־טאַשן — פּורים, 1941 דער עולם באַהערשט פון געמישטע געפילן. יידענעס האָבן אויפן הויכן קול פאַרקויפט המן־טאַשן און זיך געווונטשן אַז איבעראַיאָר זאָל מען זוכה זיין צו פאַרקויפן ה״ט. (מ זילבערבערג, חורבן לובלין, קול לובלין נומ׳ 14, 1979, ז׳ 19).

היט מיך רבונו של עולם פאַר גויישע הענט און יידישע קעפּ — זאָגט אַ גוי אויף יידיש. (ס׳ ווישאַגראַד, ז׳ 286).

היטער — געוועזן אין די הייזער יידישע „דאָזאָרצעס", היטער, ווי זיי רופן זיך אין ג׳. (ל״ג, כ״י, „דאָס לעבן אין ל״ג", הורוויץ(?), 1941).

הייזער — (1) דייטשן צענעמען יידישע הייזער, כדי ווען די יידן וועלן אויפשטיין תחית המתים, זאָלן זיי קיין דירות נישט האָבן. (באַרשטשיוו). (2) פיר הייזער „אויסער די דראָטן", ווו דערלויבט צו וווינען יידישע דאָקטוירים אין באַראַנאָוויטש. (ס׳ ברנוביץ, ז׳ 531).

— אַרבעט אין לאַגער טשענסאָשיצע, אין דער גרופּע „וואָהנונג אונד זידלונג". מיר דאַרפן רעמאָנטירן די פּוילישע הייזער פאַרן דייטש, און די יידישע הייזער — פאַר פּאָלאַקן. צו דער אַרבעט גייען מיר אָן דעם יידן־צייכן. (ספר פּשיטיק, ז׳ 290).

הײ־לײף — בעלי־מלאכות, „נוציקע ײדן" אין פלאַשעװער ל' געהאַט בעסערע אױס־זיכטן צו בלײַבן לעבן. (ג"ע).

הײליקע טראַיקע — אין װילנע געזאָגט, אַז די ה"ט האָט אָפּגעראַטעװעט די שטאָט פֿון מלחמה־געפֿאַרן: דער גר־צדק, דער װילנער גאון און, להבדיל, די הײליקע מוטער פֿון אָסטראַבראַם.

הײלע־היטלער — שטאָט „הײל־היטלער", געזאָגט הײלע [heule]; „ביל, היטלער!" (באַרשטשיװ).

הײם — ערהאָלונג־הײם, װאָס רומקאָװסקי געגרינדעט אין מאַרישין פֿאַר זײַנע באַאַמטע. שפּעטער געשאַפֿן אַ צװײטע הײם אין עטלעכע קלײנע געבײדעס, אױך אין מאַרישין. װעגן דעם פֿאַקט שרײַבט י. הילער (20.1.43): „נאָך דעם גרױסן דערפֿאָלג אין „הײם" (דער פּענסיאָנאַט אין ג') און צוליב די קורצע צײַט, װאָס די ג' דאַרף נאָך זײַן, האָבן אונדזערע פֿאַרזאָרגערס אױף שנעל געשאַפֿן אַ צװײטע הײם".

הײמאַרבײטער — מענטשן, דער עיקר פֿרױען, װאָס האָבן גענומען אַרבעט אַהײם און נישט געזעסן אין „רעסאָרט" (זע); זײ פֿלעגן באַקומען די טעגלעכע זופּ און דעם געהעריקן אַקאָרד־לױן. געװען אױך אַזעלכע פֿרױען (פֿאַרמעגלעכע), װאָס אַלײן נישט געאַרבעט, נאָר געדונגען אַנדערע זאָלן אױספֿירן די אַרבעט. זײ אַלײן זיך באַגנוגנט דערמיט, װאָס זײ זענען רעגיסטרירט װי אַרבײטאַרינס. (ל"ג, ג' ענצ').

הײמקאָכער — די יעניקע װאָס געניסן נישט פֿון די עפֿנטלעכע קוכן, באַקומען גרעסערע צוטײלן. פֿון צײַט צו צײַט — אַפֿילו קוילן, בראַקעטן, קױלנשטױב און ברענ־האָלץ. (טרונק, ל"ג, ז' 127).

הײנטיקע ײדישע תפֿילה — השי"ת, העלף מיר, איך זאָל װערן אַ פּרעזעס אָדער אַ װיצע, בכדי איך זאָל מיר אַלײן אױסטײלן שטיצע. (װ"ג, ר"א 109).

הײסע לאַקשן, קאַלטע פֿאַרפֿל — הײס און קאַלט געװוער. (קאָװנער ג', מ. יעלין; ד. געלפּערן: פֿאַרטיזאַנער פֿון קאָונאַסער געטאָ, ז' 50).

הײען — היטלעריסטן. (מאַטעס ראובן, װערטלעך, ײדישע קולטור).

הײראַט־אַנאָנסן — כ'זוך אַ מײדל מיט אַ גרױסער פֿאַמיליע, מעג זײַן קינדער, אַבי אַ סך אונטערשטיצונג אַלס גדן; כ'זוך אַ מײדל, װאָס אַרבעט אין קוך. (אַבי, כ"י, ל"ג).

הילכער — ראַדיאָ־הילכער. אַרום די הילכערס װאָס אין ג' (ראָג מילע־זאַמענהאָף, גענשע־זאַמענהאָף, נאַלעװקעס־נאָװאָליפּקי) זאַמלט זיך ײעדן טאָג אַ גרױסער עולם. אין פֿאָלקס־לשון האָט דער הילכער פֿאַרשײדענע נעמען: הילכער, גרעגער, קאַפּעליוש. (רינגל', 26.5.42).

הילף אונטער דער פּלײצע, דער טױט פֿאַר דער נאָז — פּעסימיסטן פֿלעגן אַזױ ענטפֿערן אױף די גוטע בשורות פֿון די אָפּטימיסטן. (ל"ג, פּל"ח 3); די הילף איז אונ־טערן רוקן, אָבער דער טױט פֿאַר די אױגן. (ראָזענפֿאַרב, ב' 3, ז' 373).

הילף־מיליץ — ײדישע פּאָליצײ אין זאַבלאָטאָװ. (ס' זאַבלאָטאָװ, ז' 202, 209).

הימל — אױך איבערן ג' שײַנט אַ ה', נאָר גאָר אַן אַנדערער — אַ בלײַערנער, אַ תוכחה־הימל איז עס. (כ"י, זעליקאָװיטש, יולי 41', ל"ג).

הימלפאַרט — אַקציע אויף יידן: ה״קאָמאַנדאָ — ס.ס.־אָפּטיילונג, וואָס פירט דורך די אַקציע. „איר האָט קיין גאָט אין זיך נישט! עפנט אויף די טויערן, איר הימלען, עפנט אויף זיי ברייט, / און לאָזט די קינדער אַלע פון מיין אויסגעהרגעטן, פון פאַרפייניקטן מיין פאָלק אַריין, / עפנט אויף זיי צו דער גרויסער הימל־פאַרט, גאַנץ אַ פאָלק געקרייצט שווער אין לייד דאַרף אין אייך אַריין...״ („צו די הימלען״, פון יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״).

הימל־קאָמאַנדאָ — גיין אין ה׳ — אין אויוון אַריין. באַנוצט דורך דייטשן, באַקאַנט די יעניקע וואָס געווען אין פלאַשאָוו, אוישוויץ, בעלזשעץ א״א. „דיין אָרט איז אין ה״ק, ד״ה אין קרעמאַטאָריע זאָגט אַן ס.ס.־מאַן צום מחבר שלמה ליפּמאַן („בלעטער פון פיין און אומקום״, ז׳ 91, ס׳ כאַראַסטקאָוו, ז׳ 374). כדי אַדורכ־צופירן די אויסראָטונג פון יידן, איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אַ קאָמאַנדע וואָס רופט זיך ה״ק. זיי באַקומען ספּעציעלן געהאַלט, גערופן „יודען־געהאַלט״, ווי אויך אַ טייל פון צוגערויבטן פאַרמעגן, אַ חוץ בעסערע שפּייז. די מאָרד־אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון צוויי טיילן: ראָל־קאָמאַנדע (זע) און ה״ק, וואָס פירט דורך אויפן אָרט די מאַסן־מאָרדן. (ל״ג, ש. פראַנק: טאָגבוך, כ״ה, סוף 1942).

הינטישע זוגעך — אויף פאַרטיזאַנער לשון: וועגן, אויף וועלכע אפשר הינט וואָלטן געקאָנט אַדורכגיין. (קאַטשאַרגינסקי, פאַרטיזאַנער גייען, ז׳ 30).

הינטישער נומער — „יעדער אינהאַבער פון געלן געטאָ־פּאַס האָט באַקומען אַ בלעכענעם נומער, וועלכן ער האָט געמוזט טראָגן אויפן האַלדז. אין געטאָ האָט מען דאָס גערופן ה״נ״. (מ. דוואָזשעצקי, ירושלים דליטא, ז׳ 80).

הייץ אין באָד; הייץ אין פּיאַטע — נישט איבעריק זיך אָנשטרענגען ביי דער אַרבעט. (קאַפּלאַן, ז׳ 15).

היצלעס־קאָמאַנדע — יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט כאַפּן אין לאַגער. (וו״ג, 6.7.42, ר״א 192).

היקי פּיקי — אין דער טויט־בריגאַדע אין יאַנאָווער ל׳ ביי לוואָוו, געהיימע אָרגאַניזאַציע א. נ. ה״פּ, וואָס האָט געדאַרפט אַדורכפירן דאָס אַנטלויפן פון ל׳. (ל. וועליטש־קער, „בריגאַדאַ שמיערטשי״, פּויליש, ז׳ 82).

הירזשענדיקע זופּ — אַ זופּ מיט פערדנפלייש. קאָוונער וואַרשטאַטן. (קאַפּלאַן, ז׳ 20).

הכובש — הכובש גוזר והקב״ה מבטל [דער צורר באַפעלט און דער רבונו של עולם איז מבטל]. (קפלן, 29.6.40).

הלוואי זאָל איך האָבן היינט אַזויפיל שוואַרץ־ברויט, ווי איך האָב געהאַט טשאַסטקעס; ה׳ זאָל איך ווערן אַ פליג, איך זאָל קענען עסן פון דעם, וואָס שטייט אין שויפענצטער. (וו״ג, ר״א 109).

הלך — אָפּרופן פון וואָרן־צייכן נאָכן אָוועקגיין פון שומר. (קאַפּלאַן, ז׳ 14).

הלל הגדול — וואָרנצייכן ביים אָנקומען פון אַ העכערן מייסטער אָדער קאָנטראָלער. (קאַפּלאַן, ז׳ 7).

המן — (1) היטלער. ריגער יידן געמאַכט גימטריאות און אויסגעפונען פאַר היטלערן דעם נאָמען „המן־קטן״, וואָס באַטרעפט 254. (קאַפּלאַן, 53). (2) „אַזוי ווי

המן איז נאָך לאָדזש אַריינגעקומען, די רעליגיע האָט ער אונדז צעשטערט". (ל"ג, ליד: „די מאָביליזאַציע פון 1טן סעפּטעמבער"; כ"י, ב"ר 125. מ. ז.). (3) ליד „המן" (מעלאָדיע: רבקהלע — רעבעקאַלע). רעפריין: „הער נאַר דו המן (הומען), דערלעבן וועלן יידן די נקמה, אַ כפּרה וועסטו פאַר די וועלט זיין; יידן זענען געווען און יידן וועלן פאַרבלייבן, און דו המן וועסט גיין אין דר'ערד אַריין". (געזונגען אין וו"ג, ר"א, 172). (4) „המן" מאַכט (ר"ת) „היטלער מיין נאָכפאָלגער". (שילדקרויט מאיר). (5) אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ה' באַצייכנט אויף די באַזעצטע עסטרייכישע געביטן דעם רוסישן צאַר. אַנסקי דערציילט אין „חורבן גאַליציען" (טייל 4, ז' 140/1): „פּורים (1917), אין דער טשערנאָוויצער שול, מ'לייענט די מגילה. ביים דערמאָנען המנען האָבן די קינדער געפּרווט קלאַפּן גאַנץ שטיל, נאָר די עלטערע האָבן האַסטיק, דערשראָקן, זיי אָפּגעשטעלט. „שאַ שטיל". פאַרוואָס האָט מען נישט דערלויבט די קינדער „קלאַפּן המנען"? האָב איך געפרעגט נאָך דעם מגילה־לייענען אַ יידן. — כ'וויס, מע קאָן זיך טשעפּען, האָט ער שטאַמלענדיק געענטפערט. גיי דערוויין, אַז מען האָט געמיינט דעם אַמאַליקן המן, נישט דעם איצטיקן!" (6) געווען אַמאָל אַ ה' / עס וואַרט אויף אים זיין סוף. (געבירטיק: מינוטן פון בטחון, 2.9.40).

העברעיִש — אין שטוב ווו מ'רעדט העברעיִש, אין אַ פרומער יידישער שטוב, האָט די טאָכטער ס'ערשטע מאָל געבראַנגט פערד־פלייש און עס כשר־געמאַכט אויף שבת. דעמאָלט זענען נאָך קעץ געווען אין ג'. איז אַ קאַץ צוגעלאָפן און אָפּגעביסן אַ שטיק. „האַ, האָט דער פאָטער איראָניזירט, ,קץ לכל בשר'. דערזעט עס די טאָכטער און כאַפּט זיך ביים קאָפּ: ,קצ'תי בחיי'! (ל"ג, אבי, כ"י.)

העלדזיל — שמאָלסטע אָרט אין קאָוונער ג' [ביים בית־עולם]. (יעלין, ז' 63).

העמערלעך — „עס זענען אָנגעקומען טויזנטער העמערלעך פון אַמעריקע, כדי מען זאָל זיי (די דייטשן) אויסשלאָגן לאָנדאָן פון קאָפּ. (רינגל', 9.9.1940).

הענגער — קאַצעטלער, וואָס איז שוין אָפּגעשוואַכט און פאַרלאָזט זיך רק אויפן צווייטן, און הענגט ביי יענעם אויפן האַלדז. (קאַפּלאַן, ז' 47); פרעמדע, צוגעקומענע פון אַ צווייט אָרט אין ראַדאָמער ג'. זייער גורל באַזונדערס שווער. „איך ווער אויס ה' ". (געפינט אַ יודען־קאַרטע). (י. אייזענבערג, פאַר וואָס גראָד איך, ז' 110, 119, 123).

הענדל — שיין. „צעטל מיט אַ הענדל". האַקנקרייץ. דער דייטש זאָגט: „קיין ליטווישער שווין וועט אייך נישט קאָנען אַרעסטירן צוליבן ה' ". (ס' ווילייקה, ז' 290).

העס — מאַי 1941 איז היטלערס פאַרטרעטער, רודאָלף העס, אַרויס איינער אַליין אויף אַן עראָפּלאַן פון רייך און געלאַנדעט אין ענגלאַנד. (1) דער עולם האָט געקרוינט די מעשה העס מיט דער באַצייכענונג „נס". אין דער האָפענונגסלאָזער לאַגע האָט מען דערזען אַן אויסוועג. דער עולם שאַפט וויצן. „פון אַ העס הייבט זיך אָן אַ נס". אין דער פרי איז ה' געווען אַ מת. (דער ערשטער קאָמוניקאַט, אַז ער האָט געלאַנדעט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג און עס זענען וועגן אים נישטאָ קיין ידיעות). „נאָכמיטאָג איז געווען העס אַ נס און אין אָוונט איז דער נס — העס; אַז העס האָט געמאַכט אַ נס, ווערט פון העס

א מת". (רינגל׳, 20.9.41). (2) ס׳איז געשען א העסלעכע מעשה וכדומה. (ר"א 248, 16.5.41; רינגל׳, 20.5.41). (3) העס איז צוגעגאנגען צום מיקרא־פאן און געזאגט איין ווארט: „טו העס" (פויליש: דא העס). אין פויליש רעדט סירוב ארויס א „ה" ווי „כ", קומט אויס „טו־כעס". (רינגל׳, 20.5.1941). (4) פון העס הייבט זיך אן דער נס. (5) אן ארבעטער דריקט זיך אויס: „איך וויל נישט העסן, איך דארף עסן, גערינג איז נישט גרינג, געבעלס איז נישט נאבעלס, און יעדער נאציסט איז א סאדיסט". (ר"א, 248, 16.5.1941). (6) מיט ה׳ איז געשען א נס — דאס איז דאך אן אייניקל פון משה העס. (ר"א, 1359). 7) ווען העס איז אויסגעשטיגן פון זיין עראפלאן אין ענגלאנד, האט מען אים א פרעג געטאן: „ווער זענט איר?" — „העס!" — „דער משוגענער?" — „ניין, זיין שטעלפארטרעטער."

העפטלינג — (1) ארעסטאנט פון צענטראל־געפענגעניש אויף טשארניעצקי גאס. „דער דאזיקער דייטשישער טערמין האט זיך איינגעבירגערט אין געטא־יידיש במקום דעם אמאליקן „ארעסטאנט" אדער „וויענזשעניק", מסתמא דערפאר, ווייל דער ארעסטאנט פון צ"ג האט געטראגן א ספעציעלן בערעט מיט א רויטלעכן לאמפאס, וואס אויף אים האט פיגורירט דער אויפשריפט: „העפטלינג דעס עלטעסטן דער יודען". אזא אויפשריפט האט ער אויך געהאט אויף דעם געלן באנד, וואס ער האט געמוזט טראגן אויפן לינקן ארעם. (ג"ל). (2) די באצייכענונג באנוצט אין אלע ק"ל. אין פלוראל טרעפט מען העפטלינגען, העפטלינגס.

הער האופטמאן, פא ווו עס? — „אין גערעטע־לאגער" אין זאבלאציע נעבן קראקע, שלאגט דער הויפטמאן א ייד, וועלכער האלט אין איין שרייען: „הער הויפטמאן, פא ווו עס?" דאס געווארן דערנאך שפריכווערטלעך (נעלקען האלינא, ג"ע).

הערינג — ה׳ פון בוריקע־בלעטער. א מאכל אין ל"ג. (שמאי ראזענבלום).

הערשעלע — וועגן דיכטער ה׳ (דאנילעוויטש, 1882—1941, אויסגעגאנגען פון הונגער אין וו"ג), זענען ארומגעגאנגען פארשידענע אנעקדאטן. איינמאל קומט ער צו פארן קיין ווארשע, (געוווינט אין הענריקאוו) מיט א צעשלאגן פנים, האט מען אים געפרעגט: „ווער האט דיך צעשלאגן?" — „א דייטש". — „פארוואס?" — „כ׳האב אים פארגעסן צו פרעגן". (איבערגעגעבן: אנטעק).

הערשקאוויטש יעקב — טרובאדור פון ל"ג, רופט אים אן די טאג־טעגלעכע כראניק פון ל"ג פון 9.6.42. — זיינע לידלעך, וויצן, געזונגען אויף די גאסן, אין די רעסארטן צו יענער צייט, האבן זיך קונה שם געווען. ה. י. האט איבערגעלעבט דעם געטא. די כראניק איז דערשינען אין צוויי בענדער אין די יארן 1965/6 א"נ Kronika Getta Łódzkiego t. I/II. (ס׳ אפט, ז׳ 351; טאגבוך, פראנק, 15.2.41 א"א).

השיבנו — „ה׳ שרייט מען, ווען מען זעט א ייד אויף דער גאס, בשעת מען כאפט צו דער ארבעט". (רינגל׳, 12.3.1940).

השתא — (פון דער הגדה לפסח „הא־לחמא") האבן יידן אויסגעטייטשט ה׳ — אלפים, תש"א, און געזען אין דעם א רמז, אז פסח תש"א וועט קומען די גאולה. (וו"ג, ר"א 109).

ו

וו — (I) V. די דײַטשן האָבן אויף עפנטלעכע פּלעצער אויפגעהאָנגען פּלאַקאַטן מיט אַ גרויסן V, ווי דעם ערשטן אות פון Victoria. יידן האָבן דעם צייכן אינטערפּרעטירט: (1) ס׳איז די מאַרינאַרקע־קלאַפּע, „קלאַפּאַ״ אויף פּויליש באַטייט אויך דורכפאַל, מפּלה; (2) V־טע קלאַס פון דער מלוכה־לאָטעריע פאַלט דאָס גרויסע געווינס (אַ מיליאָן), האָט מען געזאָגט: „פינפטע קלאַס — איין מיליאָן [דײַטשן] שוין געפאַלן״. (רינגל׳, 11, 12, 1941); (3) מ׳האָט דעם אות V געטײַטשט: פאַרפאַלן, פאַרשפּילט, פאַרראַט וכדומה. (ר״א, 109).
(II) W אות (מיט אַ נומער) אויף די אָרעמבענדער אָדער אויף די ברוסט־בלעכלעך פון אַרבעטער באַטייט ווירטשאַפט פון דער דײַטשער ווערמאַכט. „פאַר אַן אַקציע האָבן מיר געקויפט אַ פאַלשן W. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט דעם W צום מאַנטל״. (כ״י, י. רובינשטיין, ג׳ לעמבערג, יאַנ. 1944). אין ל״ג איז געווען אַ וו.־פּלוטאָן אָדער וואַניקעס, אָפּטייל פון דער ייִדישער אָרדנונגסדינסט. געהאַט די השגחה איבער די קראַמען, רעסאָרטן. (י. הילער, טאָגבוך, כ״י, 12טן יוני 1944). ספּעציעלע בלאָקן מחוצן ג׳ פאַר 60 אַרבעטער מיט W (ווירטשאַפט, נוצלעכער ייד); טראָגן וו׳־צייכן, וו׳־אַרבעטער. (ס׳ גאָוואָראָוו, ז׳ 36; ס׳ בז׳ז׳ני, ז׳ 347).

וואַגאָן — מיט וואַגאָנען האָט מען יידן געפירט אין די טויטן־ל׳. דערפון די אויסדרוקן: (1) לאָמיר געניסן פון לעבן, „ביז וואַנעט מ׳וועט אונדז נישט נעמען אין וו׳ אַרײַן״. (מ. שטריגלער, אין די פאַבריקן פון טויט, ז׳ 166); (2) „צי גלייבסטו אין אַ לעבן נאָכן וואַגאָן?״ (וו״ג. פּויליש: Czy wierzysz w życie pozawagonowe? — שטאָט „לעבן נאָכן טויט״ — Życie pozagrobowe. (3) וו׳־עלטסטער — זע: עלטסטער; אַ קלאַנג, אויף דער באַן־סטאַציע שטייען 100 ליידיקע לאַסט־וואַגאָנען. אין שטאָט אַ פּאַניק: מ׳פירט קיין בעלזשעץ. (ס׳ בודזאַנוב, ז׳ 174).

וואַדאָוויצער שטוב — אין ל׳ גלייוויץ האָט דער אַרבעט־אײַנזאַץ (יידן געשיקטע צו אַרבעט) געהאַט אַ באַזונדערן, געמיינזאַמען לאָקאַל צו וווינען, גערופן וו״ש. (ס׳ וודוביצה, ז׳ 189).

וואָזעלין־ניאַזש — הונף, אונטערלעקער. „נעפּטאַלין נישט געווען קיין וו׳. (ל״ג, כ״י, י. שולמאַן, 1941, ז׳ 29; בריקס, פאַפּירענע קרוין, ז׳ 34).

וואַך, וואַכמאַן, וואַכפירער — דײַטשע זשאַנדאַרן בײַ די ג׳־ און ל׳־טויערן.

וואַכשטובע — בודקע ביים טויער, ווו בודק געווען צי מ׳טראָגט נישט אַרײַן קיין פאַר־באָטענע זאַכן. (מ. שטריגלער, גורלות, ז׳ 356; מאַידאַנעק, ז׳ 29, 30, א״א).

וואַלד־יודען — דײַטשן האָבן אָפּגעשפּעט פון די ציגייבער און זיי גערופן וו״י. (ס׳ דוקשיץ, ז׳ 286).

וואַלדמענטש — פּאַרטיזאַן, אונטערזשלידן פון פעלדמענטשן, פּויערים וואָס פּריי זיך באַוועגט. (י. בורנשטיין, פּלוגת ד״ר אַטלאַס, ז׳ 148). זע: טאָג.

וואַלדעווען — לעבן אין וואַלד. „נאָך פינף וואָכן וו׳. (מאַרקוס סאַליאַן, 14 יאָר בערע־זשאַן, אין אַ שולאַרבעט וועגן „יענע צייטן״, ייה״א 1236).

וואַלווקע — אין וואַרשע פאַר דער מלחמה, פּלאַץ אויף דער וואָלאָווע־גאַס, ווו ס׳פּלעגט פאַרקומען דער האַנדל מיט אַלטוואַרג; אין וו״ג — דער פּלאַץ אויף גענשע, גענדינט דעם זעלביקן ציל. (ר״א; פּאַרגלייך: א. קאַגאַנאָווסקי, די טונקעלע דירה, ז׳ 266) זע: גענשווווקע.

וואַלוטע — „מיין וואַלוטע איז די אַרבעט, זי איז טייערער פון גאָלד״. (פון רומקאָווסקיס רעדע, פעברואַר 1942). זע: האַרטע.

ווילנער פיבער — אַ נייע קראַנקייט אין וו״ג. דריקט זיך אויס אין היץ, דויערט עטלעכע חדשים, שטייט נישט אויף איין שטאַנד, נאָר פאַלט און הייבט זיך. דער פיבער שטאַרק געפערלעך פאַר די לונגען. דער וו״פ זאָל האָבן פאַרשלעפּט געוואָרן פון ווילין. (כ״י, ר״א, 9.6.42).

וואַלפאַרט — אָפּטייל פון יודענראַט, פאַרנעמט זיך מיט סאָציאַלער הילף (ס׳ באַרשטשיוו). „די ליסטן פון דער וו׳ אָפּטיילונג גענדינט ביי דער ערשטער אויסזידלונג, ווייל מיט די אַרעמסטע אָנגעהויבן״. (ש. וויינטרויב, ווערטערבוך, אונדזער שטימע, בערגען־בעלזען, 1946).

די וואַנט ברענט און דער זייגער גייט — גענוצט דעם אויסדרוק אַנצווייזן, אַז אין סאַמע טומל פון „אויסזידלען״ טויזנטער מענטשן, איז זיך די אַרבעט געגאַנגען נאָרמאַל. (ל״ג, ג׳־לשון, 1022).

וואַנע — ברודער־קבר. „ס׳עט אונדז גאַרנישט העלפן, איך און דו און מיר אַלע וועלן מוזן גיין דעם זעלבן גאַנג וואָס אַלע, אין דער וו׳ אַריין״. (רובישיוו, י. טשעכאָוויטש, עדות). „סעפּטעמבער קומען נייע מערדער, הייסן אויסגראָבן אַ גרוב אויפן בית־עולם, וואָס זיי רופן וואַנע״. (י. ראָזענבלאַט און לערער, עדות).

וואָס איז באַוואַקסן און הייבט זיך אָן מיט אַן אַלף, מוז מען אָפּגעבן די דייטשן, ד. ה. אַלץ.

וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַרע — האָבן יידן איראָניש געפרעגט. דער ענטפער איז געווען: „קיין גאָלדוואַרע איז דאָס נישט, קיין פעלצוואַרע אויך נישט. דאָס איז ווייד־וואַרע״. נאָמען פון אויסראַט־לאַגער אין עסטלאַנד. וויל״ג (מינכען, נומ׳ 260). אַזוי ווי מע פלעגט פאַר פּראָטעקציע און געלט איבערלאָזן די רייכע אין ג׳ און די אַרעמע אַרויסשיקן קיין ווייוואַרע, איז אויך געווען אַזאַ וואַריאַנט: „קיין גאָלדוואַרע איז דאָס נישט, קיין פּראָטעקציע־וואַרע אויך נישט. איז דאָס ווייוואַרע?״ („ווילנער געטאָ־ווערטלעך״, ייוו״אַ־בלעטער 30, נומ׳ 1).

וואָס איז עס אַזוינס? — האָט מען אין לאָדזשער ג׳ געפרעגט אַ רעטעניש: „מע ברענגט עס אין אַ זאַק, מע וואַשט עס אין אַ באַליע, מע קאָכט עס אין אַ קעסל און מע עסט עס אויף אַ קליין טעלערל״. ענטפער: „די געטאָ־דערנערונג וואָס איז באַשטאַנען פון בלעטער, אָפּפאַל פון גרינסן און ענלעכס. (כ״י, י. זעליקאָוויטש).

וואָס איז שוין דאָ פֿאַר אַ יידן אַ לייכטערע שטראָף ווי טויטשטראָף? (אַנדענקבוך, ז׳ 209).

וואָס אין געטאָ קען אַלץ פּאַסירן — אַ פּאָפּולער ליד אין ל״ג.

וואָס הערט זיך? — אויף דעם איז אין ווילנער ג׳ געווען אַ לאַנגער ענטפֿער: „גיב אַ שמעק מיין האַנט, וועסטו וויסן״. „איך הער קיין זאַך נישט״ „הערסט נישט? עס שמעקט מיט מת״; אין קעלץ, ווען עמעצער געהאַט אַ גוטן טאָג, האָט מען געזאָגט: „היינט האָט ער געהאַט אַ טאָג, וואָס הערט זיך״. (מ. באַקאַלטשוק). אין וו״ג האָט מען אויף דער פֿראַגע „וואָס הערט זיך נייס?״ געענטפֿערט: „קראַנק אַליין עפּעס צוטראַכטן?״.

וואָס ווייגסטו, יאָסעלע? — אויסדרוק פֿאַרבונדן מיט אַזאַ מעשה: יאָסעלע דער משוגענער איז על־פּי נס געבליבן פֿון די ביזאַהעריקע אַקציעס. איין טאָג זעט מען, ווי ער שטייט אין דער פֿוסטער גאַס און וויינט יאָמערלעך. — „וואָס וויינסטו, יאָסעלע?״ פֿרעגט מען אים. — „מע וואַרפֿט מיר נישט נאָך קיין שטיינער, עס לויפֿט מיר קיינער נישט נאָך, קיינער רופֿט מיך נישט משוגענער״ — וויינט יאָסעלע מיט ביטערע טרערן. (וויסבראָט, עס שטאַרבט אַ שטעטל, ז׳ 95).

וואָס וועט זיין מיט אַלע — האָט מען געזאָגט, וועט זיין מיט דער כלה. דער זינען: נישטאָ קיין יחסנים. (ג״ל, 997).

וואָסטאָטשניק; ווייבלעך וואָסטאָטשנע — אָפּשטאַמיקער פֿון דער טעריטאָריע וואָס האָט פֿאַר דער מלחמה געהערט צום ר״פּ, אין אונטערשייד פֿון זאַפּאַדניק, וואָס שטאַמט פֿון די קאַנטן וואָס ר״פּ האָט אָקופּירט אין 1939.

וואָס טויג אונדזער לעבן — אַז מיר וועלן סיי ווי נישט טאַנצן אויף דער חתונה [ד״ה, נישט דערלעבן דעם נצחון איבער היטלערן]. (ל״ג, כ״י, הילער, 4, 1, 1944).

וואָס ליגסטו? — איך ליג פֿעסט און טיף (געמיינט: טיפֿוס) און גיב אָוועק די באַנע. הער אויף, אַלס סגולה נעם זי גלייכער אין בעט אַריין. (ר״א, טיטלמאַן, נאָטיצן).

וואָס לערנסטו אַזוי אַריין אין אַרטיקל פֿון „רייך״? — איין וואָרט: גיב אָוועק אַלץ, אַפֿילו דעם זשאַקעט, דער פּירער און די אַרמיי זענען נאַקעט. (טיטלמאַן, ר״א, 15.1.42).

וואָס מע גיט ניט יאַנקעלען — גיט מען עשוין — וואָס מע האָט פֿריער נישט געוואָלט געבן מיט גוטן אַ יידן, האָט מען דערנאָך געמוזט אָפּגעבן דעם דייטש. (ליפּנע, ר״א, 495, סוף 1939).

וואָס פֿאַר אַ פֿאַרפֿלעגונג, אַזאַ באַוועגונג — וואָס פֿאַר אַן עסן, אַזאַ אַרבעט. אָבער די דייטשן נעמען נישט אָן די דאָזיקע פֿאַרענטפֿערונג. (גרינבוים מאַשאַ, כ״י).

וואָס קאָכסטו היינט? — אויף דער פֿראַגע איז אין ל״ג געווען אַזאַ ענטפֿער: „וואָס זאָל איך קאָכן? מ׳קאָכט וואַסער, באַשמעלצט מיט מייז״. (י. שפּיגל, „שבת־ליכט״, אין ליכט פֿונעם אָפּגרונט, ז׳ 211).

וואָסער אונטערשייד איז צווישן די דייטשן און דער זון? די זון גייט אויף אין מזרח און פֿאַרגייט אין מערב; די דייטשן זענען אויפֿגעגאַנגען אין מערב און פֿאַר־גייען אין מזרח. (ווילנער ג׳, ה. קרוק, עטוואָס געטאָ־פֿאָלקלאָר, מאַרץ 1943, אונדזער צייט, נומ׳ 9, ניו־יאָרק 1958).

װאַקאַנדע — צווישן זיבעצן און פינף און זיבעציק גייט אַצינדער אויף דער װאַקאַנדע. (ל״ג, ראָזענפּאַרב, ב׳ 3, 248). „אויף דער װ׳ פון טויט״. (ש. פראַנק, ל״ג טאָגבוך, רשימות, ליסטעס צום אַרויספּאָרן פון ג׳).

װאָראָנע — אויך מיטן צוגאָב: שוואַרצע (1) ווייסרוסישער פּאָליציאַנט (געטראָגן אַ שוואַרצן מונדיר). „וואָראָנעס רינגלען אַרום דאָס ג׳״. (ס׳ ברנוביץ, ז״ז 583, 602; (2) אַמטלעכער דייטשער זיגל, באַנוצט פון יידן און פּאָלאַקן; (3) גלאַנציקע לאַסטמאַשין מיט קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך. „די װ׳ האָט זיי פאַרשלונגען״. (א. סוצקעווער, ווילנע, ז״ז 29, 206); (4) אויפּ־זעערינס אין פּרויען־ל׳. „דאָס איינציקע וואָס זיי באַגלייט / זענען די אויפזעער פון טויט / און שוואַרצע וואָראָנעס אַרום״. (פּופּס, ליד נומ׳ 32).

װאַריאַט, װאַריאַט! — פויל.: משוגענער, וואָרן־צייכן ביי די שמוגלערס. (וו״ג, ר. אורבאַך, בחוצות ורשה, ז׳ 36).

װערענאַנאַמע — אויפן באַלוטער רינג זיך געפונען ביוראָען פון עלטעסטן רומקאָווסקי און דייטשער ג׳ פאַרוואַלטונג. דאָ פאַרגעקומען דער אויסטויש צווישן דייטשע סחורות, עסנוואַרג, רוי־שטאָפן און די יידישע אויסאַרבעטן פון ג׳.

װאַרף נאָך אַ שטיין — „דער רעגיסטראַטאָר אין דער קיך צו דער טיילערין, זי זאָל עמעצן צוואַרפן נאָך אַ קאַרטאָפל״. (ל״ג, ג׳־לשון 1025).

װאַרף אַריין, די קראָם איז אָפן פון אַכט ביז ניין — אויסרופן פון בעטלערס אין ביאַלי־סטאָקער ג׳. (ח. גרוסמן, אנשי מחתרת, ז׳ 166).

װאַרשע — (1) „פאַראַן אין װ׳ דריי קוואַרטאַלן: א. וויעלקע, שענגע — מעכעס (משו־מדים); ב. לעש, סאָלנע — יחוס; ג. זאַמענהאָף, מוראַנאָווסקע — פאַרכעס״. (ר״א 302, 16 אָקט׳ 1940). (2) ווי אַזוי איז בטל געוואָרן די ג׳־גזירה אין וואַרשע? — גראַף ראָניקער האָט אינטערווענירט ביי דער „רעגירונג״ אין קראָקע. אין צימער זענען געווען פיר פאָטעלן. קונדט איז געווען אויפגעבראַכט, ווי אַזוי דערוועגט מען זיך צו אינטערווענירן וועגן יידן. אין אַ געוויסן מאָ־מענט דערהערט ער אַ זיפץ. דאָס האָט דער גרויסער הונט אַ זיפץ געטון. דערנאָך האָט ער אַ צווייט מאָל אַ זיפץ געטאָן, און דערמיט האָט זיך געביטן די שווערע שטימונג און די גזירה איז אָפּגערופן געוואָרן. (רינגל, 5 אָקט׳ 1940). (3) אויף גזשיבאָווסקע (גזשיב איז אויף פויליש שוואָם) זענען אַמאָל געוואַקסן ווילדע שוואָמען, טאַקע דערפאַר איז דאָרט אויסגעוואַקסן אַזאַ גרויסער ווילד־שוואָם אויפן יידישן קערפּער — די קהילה. (ר״א 302. אויף גזשיבאָווסקע 26 געווען די קהילה, דערנאָך דער יודענראַט). (4) ווען דער טראַמוויי קומט צו צום פריערדיקן פּילסודסקי־פּלאַץ און דער קאָנדוקטאָר רופט אויס: „אַדאָלף היטלער־פּלאַץ״, ענטפערן יידן: „אמן״ [זאָל ער פּלאַצן!]. (רינגל, 5 אָקט׳ 1940). (5) „אויף דער גאַס פאַרקויפט אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור. ער פּאַסט צו די ביכער פאַר די פאַרשיידענע קונים. „ר׳ ייד״ — ווענדט ער זיך צו איינעם, — „איר דאַרפט אומבאַדינגט קויפן דאָס בוך ,דער הונגער׳ באַר פאַר 50 גראָשן. און איר, היימלאָזער״ — ווענדט ער זיך צו אַ צווייטן, — „איר זענט דאָך פון לובלין אָדער סלאָוואַטיטש, טאָ קויפט זשע ,די שחיטה־שטאָט׳. קויפט, יידן, מציאות! גאַנץ מענדעלע פאַר

גראָשנס! וואָס טויג אייך אָוועקפּטרן אַ זלאָטי און קומען אויף גזשיבאָווסקע אָדער טלאָמאַצקע [זיצאָרט פֿון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף]? פֿאַר דעם זעלבן געלט האָט איר ,דאָס קליינע מענטשעלע׳ און ,די טאַקסע׳ ביי זיך אין דער היים. קויפט, יידן, די בעסטע ביכער: ,קייטן׳, ,רויבער׳, ,הינטער די קראַטן׳, ,ביים גוסס צוקאַפּנס׳ — אַלץ צו 50 גראָשן. דער עולם פֿאַרשטייט און שמייכלט״. (ש. שיינקינדער, אויף די גאַסן, ר״א).

וואַשעווען, וואַשאַווניק — שמוגלען, שמוגלער. אַריינשמוגלען פּראָדוקטן אין געטאָ. (ווילג, הערמאַן קרוק, טאָגבוך, ז׳ 420).

והוא רחום — וואָרנצייכן. (ביאַליסטאָק, גראָדנע, קאַפּלאַן, ז׳ 12).

ווינבאַצירק, ווינפּירטל, ווינרעווער — טערמינען פֿון דער דייטשישער אַדמיניסטראַציע, ווען זי האָט אין אָנהייב ניט געניצט דאָס וואָרט געטאָ. דאַקעגן יידן האָבן פֿון סאַמע אָנהייב געניצט דאָס וואָרט, און די אַנדערע בלויז דעמאָלט, ווען מע האָט זיך פֿאַררופֿן אויף אַ פֿאַראָרדענונג. ,,וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן: ווינ־פּירטלען א״א — עס האַנדלט זיך אין אַ געטאָ״. (וו״ג, זכרונות פֿון אינזש׳ בריסקער).

ווילע — ווילע יונגען, אונטערוועלט־מענטשן. (1) ,,די ווי׳ וויזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס, וואָס יידן טראַכטן וועגן דעם וואָס קומט פֿאָר אין דער וועלט. זיי גיבן יענע (די דייטשן) באַריכטן וועגן דעם, זיי פֿאַרשיטן מיט מסירות אַלע פּערזאָנען און אינסטיטוציעס, צווישן אַנדערן — אויך דעם בירגער־קאָמיטעט. זיי שרייבן דאָרט, אַז אַלע גנבענען און באַגייען מיסברויכן. דערווייל זענען זיי די אמתדיקע נעסט פֿון אַלדאָס בייז״. (וו״ג, רינגל׳, 11טן מאַי 1941). (2) ,,יעדער בייטל שפּייז וואָס ווערט אַראָפּגעלאָזט פֿון די ,גוישע׳ פֿענצטער, ווערט תיכף ווי מיט צוואַנגען אַרומגענומען פֿון די אייזערנע, שטאַרקע לאַפּעס פֿון די ווילע טרעגער־יידן, וואָס כאַפּן די סחורה פֿאַר רייכע הענדלערקעס״. (אָפּאָטשינסקי, דער שמוגל אין וו״ג, ר״א 50, אָקט. 1941). (3) ,,הער פּרעזעס (רומקאָווסקי) האָט היינט גערופֿן עטלעכע פּאָליציי־קאָמיסאַרן און זיי איבערגעגעבן, אַז ער האָט באַשלאָסן פֿאַר יעדן פּרייז אַרויסצושיקן פֿון ג׳ אַלע ,ווילע יונגען׳, אַלע ,שטאַרקע׳ און די אונטערוועלט. נישט זיי ווילן אַרבעטן, נישט זיי וועלן אַרבעטן. ,כוח־גייערס׳ האָב איך גענוג אייגענע. וועמען ער האָט געמיינט, ווייסט קיינער נישט״. (ל״ג, ש. פֿראַנק, טאָגבוך, 26סטן מאַרץ 1941). ,,היינט זענען פֿון דער אַרבעט אין דייטשלאַנד צוריק געקומען די אַזוי גערופֿענע ווילע יונגען. ביז צום אַוועקפֿאָרן, זענען זיי פֿאַר פֿאַרשיידענע פֿאַרברעכנס געזעסן אין תפֿיסה. ווען זיי זענען צוריק געקומען, זענען זיי צוריק געוואָרן איינגעזעצט. דערמיט האָט דער פּרעזעס דערוויזן, אַז קיין שטאַרקע וועלן ביי אים אין מלוכהלע נישט עקזיסטירן״. (דאָרטן, 30סטן מאַי 1941).

ווילער — וו׳ פּאָלאַק. ,,ער איז אַ ווילער פּ׳ — אַ ווילן טויט אויף אים״. (ס׳ קובל, ז׳ 446).

וווּנדערבאַרער גאָרטן — ,,דו ווייסט? איך האָב אַ גאָרטן, ווו דו וועסט געפֿינען פֿאַרשידענע גרינוואַרגן: קילעריבן, קאַלערעפּן, מערן, בוראַקעס... האַ, ווו איז דאָס אַזאַ פּרוכטבאַר אָרט? אין מיין קערפּער״. (ל״ג).

ווינטשן — (1) „זיי (די באָלשעוויקעס) זאָלן אוועקגיין, ער (היטלער) זאָל נישט דערלעבן צו קומען און זיי (די פּאָלאַקן) זאָלן אויך נישט צוריק קומען". (לעמבערג, 1940/41). (2) „ווינטשט מיר וואָס איר ווילט, אַבי נישט קיין ישועה! — אַ מיידל אין סקאַלאַט האָט געהאַט אַ חלום, ווי אַן עדה יידן אין טליתים דאַווענען און אַ זקן אויפן באַלעמער האָט געבלאָזן שופר און מבשר געווען, אַז י"א חשוון קומט די הילף. דעם טאָג איז געווען אַן אַקציע. דאָס זעלבע איז געשען מיטן חלום פון מרדכי מלמד. דעם טאָג, ב' כסלו, איז מיט דער אַקציע אוועק דער בעל־החלומות גופא. אַן אַנדער מאָל האָט בערל דעם רב'ס אויסגערעכנט, על פּי קבלה, אַז אי"ה ב' ניסן תש"ג קומט די ישועה. דעם טאָג איז געווען די ליקווידאַציע פון ג' סקאַלאַט". (א. ווייסבראָט, ווײַנענ־דיקע קברים, פל"ח נומ' 2). „זאָל דאָס נישט קלינגען אויסטערליש און אומ־גלייבלעך. כמעט פאַר יעדער אַקציע האָבן זיך געפונען בעלי־חלומות און נבואה־זאָגערס. דערפון דאָס ווערטל". (א. ווייסבראָט, אַ שטעטל שטאַרבט, ז' 82). (3) „אוי, ווי דערלעבט מען שוין צו הערן ,פּאַרשיווע זשידזשע!'" [ד"ה, אַז די פּאָלאַקן זענען שוין די הערשערס]. (לעמבערג, וואַרשע). (4) השי"ת, העלף מיר איך זאָל ווערן אַ פּרעזעס אָדער אַ וויצע, בכדי איך זאָל מיר אַליין אויסטיילן שטיצע". (וו"ג, ר"א 109). (5) מ'שמועסט וועגן אויסזידלען. אין וו"ג 1940, האָבן אַלע איין פאַרלאַנג: זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי בלייבן אויפן אָרט. (ס' קאַלושין, ז' 357). (6) קאַלושין, סעפּטעמבער 42. צוויי חדשים וואַרטן זיי אויף זייער אומקום און ווינטשן זיך: „ווי האַלט מען שוין צען מינוט נאָך אַלעמען — און אַ סוף". (7) „ס'איז אונדז זייער ענג אין ג', ,איינגעשטיקט און איינגעפּרעסט', מיר ווינטשן זיך, עס זאָל אונדז חס־וחלילה נישט ווערן פריי, לויזער, אַז ענג זאָל אונדז זיין ביז דער ישועה". (ס' מיר). (8) „מ'זאָל דערלעבן איבער אַ יאָר [פּסח] מיט אַ ריכטיקן וויין און מצה — נישט פון קיין בורקעס. (ראָזענצווייג, כ"י, ז' 38). (9) „ותפילה אחת בפינו: הלואי שלא יוסף להרע, כי לעומק רשעותו וזדונו של הכובש אין גבול". (וו"ג, קפלן, כ"י, 12.39).

ווינאַנטאַל — דייטשער פּרעפּאַראַט אויף צו „שטאַרקן די בייגער". געווען לידלעך וועגן וו', וואָס מ'האָט געזוכט ווי אַ רעטונג פאַרן הונגער. (מ. גרינבערג, ל"ג). ור' אַנטהאַלטן וויטאַמין D. אַ קליין פלעשל געקאָסט: 1942 — 65 מאַרק, 1944 — 350 מאַרק. (ל"ג, גלובע.) זע: הודו.

וויטוואַרניקיס, וויטוואָרניע (פּויליש) — געווער־פאַבריק, אַרבעטער אין פאַבריק. (ס' ראַדעם, ז' 17, 318, 320; י. אייזענבערג, פאַר וואָס גראַד איך, ז' 117, 121, 122).

ווײַ, ווײַ — מיר קומען סעפּטעמבער 1943 אין ל' קלאַאָגאַ, אין וואַגאָן הייבט מען זיך אָן צו ווײַצלען: צוערשט זענען מיר געווען אין ווײַ־ווײַ (וויוואַרי) און איצט זענען מיר אין קלאָגן (קלאַאָגאַ). (באַלבערישסקי, כ"י).

ווײַב — האָסטו געהערט? מ'גייט רעקווירירן ווײַבער? — וואָס, מיין ווײַב אַכעט? אַ קרענק! יאַך וועל זי באַגראָבן, פאַרברענען און כ'וועל זי אים נישט אוועק־געבן. (ר"א, פאָלקלאָר). זע: פוטער־אַקציע.

ווי דער לימענע, ווי דעם מאַראַנץ, ווער עס קויפט מיך הייגט. (לוואָוו, פסח רעמער).

ווייכע — זע: האַרטע.

ווייַן, בוריקעס־ווייַן — געשטעלט בוריקעס אין וואַסער אויף פּסח. (ראָזענצוויג אַביטע).

וויינאַכטן — זע: חגא.

וויינען — „איך געדענק נישט, מ'זאָל באַוויינען אַ מת. אַלע קוואַלן פון טרערן אויס־געטרוקנט". (ס' לאַנאָוועץ, ז' 320). געוואָלט אויסברעכן מיט אַ געוויין, ס'זאָל ביזן הימל דערגרייכן. מ'טאָר נישט וויינען: וו' איז אויך אַ פאַרברעכן ביי די הענקערס, ווייל וו' איז אַ פּראָטעסט־אויסדרוק קעגן זיי. און מיר האָבן קיין רעכט דערצו. זיי פאָדערן ביי אַלעמען אַ הילכיקן „יאַוואָל". (ס' לאַסק, ז' 598). „די מענטשן הייבן שוין אָן צו באַוויינען די טויטע, אַזוי ווי ס'וואַרט אַ ביסל געענטער די צייט פון באַפרייונג. מ'וועט אפשר באַפרייט ווערן, הייבן אָן די מענטשן צו באַוויינען זייערע נאָענטע, געשטאָרבענע אָדער ווישעד־לעטע". (ל"ג, הילער, 29.7.44). „נישט קיין צייט צום וו'; ווער ווייַנט איצט? דאָס געוויין וועט אונדז אויסגעבן". (ס' לוז'נסק, ז' 276; ס' קרינקי, ז' 274).

וויינענדיקע קברים — אַ טויזנט מענער ווערן אַרויסגעפירט 17.7.41 פון סלאָנים און קיינער ווייסט נישט וווהין. 20 פרויען לאָזן זיך זוכן. געפינען דריי גרויסע, פריש פאַרשאָטענע קברים. „איך בין נישט בכוח איבערצוגעבן, וואָס ס'האָט זיך דאָרטן אָפּגעטאָן ביים ראַנד פון די דריי וו"ק. עס איז אויסגעבראָכן אַ ווילד היסטעריש קלאָגערייי". (ס' סלונים ב', ז' 78 א"א). מיט דעם נאָמען באַצייכנט אויך די קברים נאָך אָן אַקציע אין אַנדערע ערטער.

וויים — איך בין געווען אַזוי ווייס (פאַר שרעק), אַז שניי איז געווען שוואַרץ. (עדות י. גוזוצ'נסקי פון צוויזמיר, ז' 20).

ווייסע גוואַרדיע — מעל־טרעגערס אין ל"ג. „געמאַכט גאָלדענע געשעפטן". (ראָזענ־פאַרב, ב' 2, ז' 64, 213).

ווייסע גענדז — וואָך ביים ג'־טויער פון מיטגלידער פון דער יוגנטלעכער פאַשיסטישער ווייסרוסישער אָרגאַניזאַציע. מונדירן פון ווייסן פויערישן לייוונט, מיט היטלען אין דעם פאָרם פון אַ גענדזענעם שנאָבל. דערפאַר זיי גערופן „ווייסע גענדז". (ס' לידאַ, ז' 340).

ווייסע הויז — וווּ ס'אַמטירט דער יודענראַט אין סאָכאַטשעוו. (ס' סאָכאַטשעוו, ז' 744).

ווייסע חברהניקעס — מושקאַטס חדר (חברה) פירן טרעגערישע וועגעלעך, קלויבן־צונויף פון די הייף. (וויל"ג, ס' ווילייקה, ז' 235). זע: טראַנספּאָרט־בריגאַדע.

ווייסע יידן — יהודים „לבנים" — כינוי לאלה שעזרו ליהודים ונחשבו לאויבי המדינה וכמה מהם הועמדו למשפט ונאשמו כ„יהודים לבנים". נערכו התנפלויות על הה"ל — כינוי לסלובקים שעזרו ליהודים ושמותיהם החלו מתפרסמים בעיתו־נות הקיצונית. (י. קורניאנסקי, בשליחות, ז' 109, 121).

ווייסע פאַליאַקן — וו"פ, זוכן באַהאַלטענע יידן, מאָרדן זיי. (ווילנע, זאַמלבוך, ז' 76/8).

ווייסע קאַרטן — בייגאַכט דייטשן פונאַנדערגעטיילט 100 ווייסע קאַרטן פאַר האַנטווער־קער וואָס זיי געוואָלט איבערלאָזן אין שטאָט. (פאַרן ערשטן גירוש, 6.12.40). (ס' מלאַווע, ז' 400). זע: שיין.

ווידזשעלאַטשקע — זע: אויסטיילער, זופּ.

וויזיטן — „די א״ג וויזיטן, אָנהייב אָקופּאַציע, פאַרן אַנטשטיין פון ג׳, זענען געווען דער שרעק פון יידן״ [דייטשן פלעגן אַריין אין יידישע וווינונגען און נעמען וואָס געוואָלט]. (רינגעל׳, כ״י).

וויטאַמין, ז׳ P — פּראָטעקציע. „אבא מקווה, כי יהיה לו במהרה כרטיס (עבודה). בבקר פדה אותו (פון געפענגעניש) בעזרת וו״פ (2.9.42, ליטע, תמר לזרסון, ז׳ 52, 448; טרזינשטאַט, ז׳ 68; ס׳ ווילייקה, ז׳ 295; מ. באַרוויטש: יאַנעווער ל׳ [פּויליש], ז׳ 16, 62; כהנא: יומן, ז׳ 130).

ווילדע — „אַ סך נישט רעיעסטרירטע, ווייל מ׳האָט געמוזט צאָלן דאָבינע פון קאָפּ, פון 2—5 זל׳; פּאַר באַנעס 2.50 זל׳ פון אַ קאָפּ. מען האָט נישט געוואָלט צאָלן מויטע געלטער און מ׳האָט אויסגעהאַלטן מענטשן אויפן חשבון פון הויף. די מענטשן האָט מען גערופן „ווילדע״, ד״ה נישט קיין רעגיסטרירטע. ווען די שאָפּן זענען שוין געווען אָרגאַניזירט, האָבן זיך אין די צענדליקער טויזנטער נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט (רעיעסטרירן), זיי האָבן זיך פאַרשטעקט און נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער רעגיסטראַציע. די מענטשן האָבן נישט געוואָלט עקזיסטירן פאַר קיינעם״. (וו. ג. קאַרנגאָלד, כ״י, ב׳ 2, ז׳ 7; ניישטאַט [נוי], חורבן, ז׳ 50).

— „ווילדע״ קאַמפגרופּעס. דאָס זענען געווען טיילווייז אידעישע עלעמענטן און טיילווייז מענטשן, וואָס געוואָלט אויסנוצן די סימפּאַטיע צום געדאַנק פון באַוואָפנטן קאַמף פאַר זייער פּערזענלעכן נוצן. (ניישטאַט, חורבן, ז׳ 50, הערה 91).

ווילנע נאַם דאַלי, ליטווען זאַבראַלי — ווילנע אונדז געגעבן, נאָר ליטע צוגענומען. אַזוי זאָגן ליטווינער אויף די סאָוויעטן. (באַלבערישסקי, כ״י, ז׳ 71).

ווילסט אַ פּאָסטן אין קהילה, טו שמד זיך — אויסדרוק זיך געשאָפן איבער דער גרויסער צאָל משומדים וואָס האָבן פאַרנומען הויכע פּאָסטנס אין דער קהילה־אַדמיניסטראַציע אין וו״ג. (רינגעל׳, אָקט. 1941).

„ווינימקהה״ — יוצא מן הכלל. אישור מיוחד מטעם הנשיא שיהודי זה לא יגורש. (יוסף קורניאנסקי: בשליחות חלוצים, ז׳ 122). ס׳רעדט זיך דאָ וועגן יידן אין בראַטיסלאַווע.

ווינקל — אָנגעגייטער דרייעק פון לייוונט אויפן רעקל און אויף די הויזן (ביי דער רעכטער קני) פון „העפטלינג״; לויט דעם קאָליר פון דרייעק, האָט מען דער־קענט צו וואָס פאַרא מין פאַרברעכער דער „העפטלינג״ געהערט: רויט — פּאָליטישער, גרין — קרימינעלער, געל — ייד. „דער הייזעריקער ל׳־עלטסטער איז געווען אַ רויט ווינקל״; „די קאַפּאָס זענען געווען רויטע און גרינע״. (מ. שטריגלער, מאַידאַנעק, ז״ז 87־88). „כאָטש מאַקס געהאַט אַ גרינעם וו׳, איז ער פיל אַנשטענדיקער פון די וואָס האָבן אַ רויטן וו׳״. (ר. קוויאַטקאָווסקי, פון לאַגער..., ז׳ 150).

וויסקאַק — הונגער דראָט די איינוווינער פון ג׳, דאָס צווינגט צו מאַכן וויסקאַקן, ד״ה אַרויסשמוגלען זיך פון ג׳, אויפזוכן די אַלטע וווינונגען אין שטאָט, ווו איבער־

געלאָזט געלט, סחורות. די יידישע פּאָליציי צווינגט זיי אָפּצוגעבן אַ העלפט דערפון. פאַר אַזאַ וו׳, ווען מ׳כאַפּט, דראָט טויט־שטראָף. (ס׳ אָסטראָווצע, ז׳ 284).

וויעסניאַק, וויעשניאַק — (פויל.: פויער); צווישן יידן אויף דער אַרישער זייט האָט וו׳ (אָדער שפּילקאַ) באַטייט ייד. „פאַרן געזונט פון אַלע וויעשניאַקעס״. (חיה עלבוים־דאָרעמבוס, אויף דער אַרישער זייט, ז׳ 122).

וויצלען זיך — אַן ענטפער אויף אַן ענטפער: וואָס וויצלסטו זיך אַזוי אין דיינע צרות? ווי קאָן איך נאָך אַזוי שלאָגן מיט היטלערן כפּרות? (ר״א).

וויקאָנאַווצאַ — „איש הס״ס. בעת ביקורי הגסטאפו בגיטו נושא, מלבד האקדח, רובה אוטומטי כבד, קוראים לו בגיטו ,ויקונאבצה׳ — המוציא לפועל. הוא המבצע את רצח הליל״. (וו״ג, ר. אויערבאַך, בחוצות ווארשה, ז׳ 50).

וויקאָנמשאַלניאַ — „התקדמה סכנת היסול האנשים, והתפשט אז המושג וו׳, ז״א מחלקת הגמירה. היו שבבתי־חרושת, אשר עבדנו בהם בשיטת הסרט הנע, היתה מחלקה אחרונה, שטיפלה בתוצרת בשלב הגמירה, כן גם אנחנו אמרנו בצחוק ובלעג: מה, הגענו למחלקת הגמירה, לתחנה האחרונה, ונגמר פה כלנו״. (ל״ג, ש. אורבאַך, „מבעד לחלון״, כ״י, ז׳ 59).

וויקטאָריאַ — איראָניש: דער דייטש. „דער וויקטאָריאַ קריגט קלעפּ פון יידישע הענט״. (דאָרעמבוס, אויף דער אַרישער זייט, ז׳ 219). זע: וו׳.

ווישיסטן, ווישי־לייט — אָנהענגערס פון דער ווישי־רעגירונג אין פראַנקרייך. (רינגל׳, 10.10.40; שושנה טאָובע: די אומפאַרגעסלעכע, ז׳ 95, 99).

ווישעדלעניע, ווישעדלעט ווערן — אויסזידלונג, אַרויסגעשיקט ווערן. „געמאַכט אַ ווי־שעדלעניע״. (ס׳ קאָריוו, ז׳ 227 א״א). אין ל״ג אַ לידל „ווישעדלעניעס״: „איך ווייס, אַז זיי אַרבעטן שווער / פאַר אַ וואַסערדיקער זופּ / ביז שעהן שפּעטע / פאַר דער ווערמאַכט / און ווערן ווישעדליעט פון געטאָ / אין מיטן דער נאַכט״. (מ. ב. גוטמאַן, פאַרוואָלקנטע טרערן, ז׳ 117). זע: אויסזידלונג.

וולאַסאָוויעץ — זעלנער פון וולאַסאָווס אַרמיי; סאָוועטישער גענעראַל, אַריבער צו די דייטשן, כדי צו באַפרייען רוסלאַנד. „שוואַרצער וו׳״. (ס׳ סוקל, ז׳ 331, 338; ס׳ גוואָזדיעץ, ז׳ 322). זע: ראַנאָווצעס.

ווער טוישט עפּעס? — וואָליוטע. „אין גאַס פאַרקויפט מען איצט הייסע בייגל, פאַפּיראָסן און ,ווער טוישט עפּעס׳; דער פּרייז פון טוישן גרויס געלט איז געפאַלן פון 20—25 פּראָצענט אויף 12״. (רינגל׳, 14טן פעבר. 1940).

ווערטערפאַסונג — (1) דייטשע „דינסטשטעלע״, פאַרנעמט זיך מיטן זאַמלען און „פאַר־ווערטן״ דאָס פאַרמעגן, וואָס געבליבן נאָך די אויסגעהרגעטע יידן; (2) יידן וואָס פאַרנעמען זיך מיט זאַמלען, סאָרטירן, רייניקן די זאַכן; (3) דער אַקט, די טוונג, לויט די באַטייטן (1) און (2). דאָס וואָרט טרעפט זיך אין דייטשע אָפיציעלע דאָקומענטן, ווי אויך אין יידיש. „וו׳ — חברה וואָס רוימט אויס די פאַרלאָזטע יידישע וווינונגען, זאָל שאַפן וועשערייען און באַשעפטיקן פרויען״. (פּרץ אָפּאָטשינסקי, 31סטן מאַי, 1942; ר״א).

ווער ס׳האָט געקאָנט האַלטן אַ שטעקן אין האַנט, דער האָט געלעבט. (ז. לעווענטאַל, כ״י, אושוויץ 1944. מאַרק: מגילת אושוויץ, ז׳ 394).

וועך ס׳עסט ביי די דייטשן פלייש, מוז זיי אָפּגעבן די ביינער. שפּריכוואָרט אויפגעקומען
אין וו״ג, בעת די מאַכט האָט געזוכט און ליקווידירט אַפילו די יידישע מוסרים.
(ר״א, 1307, 28סטן מאַי 1942).

ווערק, ווערקהויז, ווערקשטוב — פאַבריק אָדער וואַרשטאַט וואָס געאַרבעט פאַר דער
דייטשער קריגס־אינדוסטריע. (וו״ג, ג. נייבערג, אחרונים, ז׳ 55, 65 ; פּנקס
שבלי, ז׳ 53, 70).

ווערקצעניק — אַרבעט אין האָסאַג, ווערק צע. „ווער קאָן קען אויסמעסטן וואָס איז
קליינטשיק גליק (אַ ברויט) באַדייט פאַר אַ ווערקצעניק״. (שטריגלער, אין די
פאַבריקן פון טויט, ז׳ 173). „פון ביידע סכנות און ביידע טויטן (פון הונגער,
צי פון שטראָף פאַר גניבה) האָבן די ווערקצעניקעס שטענדיק אויסגעקליבן
אַ טויט מיט אַ פולן מאָגן״. (שטריגלער, גורלות, ב׳ 1, ז׳ 123).

ווערקשוץ — וואַך געפירט יידן צו דער אַרבעט, געהיטן זיי בעת דער אַרבעט. באַשטאַנען
פון פאָלקסדייטשן, אוקראַינער מיט געווער, אָדער יידן אָן געווער. ווערקשוץ־
מאַן. (אַפּאַטשינסקי, 25סטן דעצ. 1942). „ווערקשוץ — ווערקשמוץ״. (רינגל׳,
נאָטיצן, ז׳ 258 ; ר. אורבך, בחוצות וארשה).

ווערקשוץ־פירער — לייטער פון ווערקשוץ און שאָפּ. (ס׳ אָסטראָוויעץ, ז׳ 291).

וו. צ. ט. — איינער פון די גרעסטע וואַרשטאַטן, שאָפּן אין וו״ג, געהערט צום דייטשן
אונטערנעמער וואַלטער צעזאַר טעבענס. די איניציאַלן געטייטשט : (1) וועז־
מאָן ציעביע טעזש [מען וועט דיך אויך נעמען] ; (2) וואַרשאַווסקאַ צענ־
טראַלאַ טרופּווו [וואַרשעווער צענטראַלע פון מתים] ; (3) וואַרשאַווסקי
צמענטאַזש טרופּווו [וואַרשעווער בית־עולם].

זאַבלודאָווסקי — מיטגליד פון יודענראַט אין וו״ג, פלוצים געשטאָרבן 3.1.42. „כאַטש אחרי־מות־קדושים אמור, מוז איך פאַרצייכענען וואָס זאָגט די גאַס נאָכן טויט פון ז׳ און ווי מ׳באַציט זיך צו די גמינע־פירער. (1) ביסט אַ מבין אויף די גמינע־ראַדצעס? געבוירן ווערן זיי צווילינגער און שטאַרבן איינצלווייז [די ברידער ז׳ זענען — ווי מ׳זאָגט — אַ צווילינג] (2) זעסט, אַבי מ׳זאָגט, אַז די ראַדצעס האָבן אייזערנע הערצער. אָט זעסטו אַן׳איבעריקער ביסן אָדער אַן׳איבעריקער טראָפּן און זיי פּלאַצן. (בירמאַן און ז׳ זענען געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג). (3) זעסטו, אַבי מ׳זאָגט אַ קאַלט, אייזן האַרץ. גענומען אַ ביסעלע בראָנפן און שוין! [ז׳ זאָל האָבן געשטאָרבן נאָכן אָנשיכורן זיך אין סילוועסטער־נאַכט]. (4) דער טאַטע האָט זיך פאַרשולדיקט מיט אַ קראָפּלע, איז ער געבוירן געוואָרן — און ביי אַ מאַמקע מיט אַ קראַפּלע איז ער פאַרלוירן געוואָרן. [קראָפּלע — אַ טראָפּן]. (5) וואָס ער איז געווען? פּרעזעס אין צענטאָס? נישט קיין וווּנדער וואָס קינדער זענען געשטאָרבן אין די גאַסן. ווי קומט אַזאַ טריפענער ביין צו אונדזערע כשרע ידישע קינדער? (6) אַזוי ווי ס׳קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך. טשערניאַקאָוו, ווי היטלער, פאַרלירן די יוצר־משרתים, דערנאָך וועט זיי אַליין די כאָלערע נעמען. (7) דוכט זיך, אַז ר׳ משולם גייט פאַרלייגן אַ נייעם יודענראַט אויפן „ריכטיקן״ אָרט. איצט איז די ריי אויף טשערניאַקאָוון און הענדלען. זעסטו, דאָס נישט? הענדלען וועט אַפילו די ערד אויך אַרויסוואַרפן. (ר״א, פאָלקלאָר).

זאַדלוזשעניע — פּאָפּולערער טערמין וואָס האָט זיך איינגעבירגערט אין געטאָ־יידיש. באַצייכנט אַ געוויסן לעבנסמיטל־פּראָדוקט, וואָס הגם ער איז אַ באַשטאַנדטייל פון דער אויסגעשריבענער „ראַציע״ (זע), איז ער פונדעסטוועגן, מחמת זיין אויספעל, צוזאַמען מיט דער „ראַציע״, נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן. ביישפּיל: אין דער לעבנסמיטל־ראַציע איז אויסגעשריבן 15 דעקאָ אייל אויף אַ קאָפּ. ביי דער חלוקה פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט דאָס געטאָ נאָר געהאַט צו 10 דעקאָ. אין אַזאַ פאַל, האָט מען ביים אָפּנעמען די „ראַציע״ אַרויסגעגעבן נאָר צו 10 דעקאָ און אויף די רעשט 5 דעקאָ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ז׳, וואָס איז האָנאָרירט געוואָרן דורך די פאַרטייל־פונקטן נאָך דעם, ווי זיי האָבן דערהאַלטן פרישן אייל. „זאַדלוזשעניעס״ זענען געווען אַלגעמיינע, וואָס האָבן נוגע געווען דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג, ווי אין אויבערשטן ביישפּיל; און ס׳זענען אויך געווען „לאָקאַלע״, וואָס האָבן באַרירט נאָר די קאָנסומענטן, וואָס פאַר זיי האָבן אויסגעפעלט די ראַציע־אַרטיקלען. אין אָנהייב, ווען די לעבנסמיטל־„ראַציעס״ זענען אויסגעשריבן געוואָרן נאָר אויפן סמך פון די

לעבנסמיטל־פּראָדוקטן, וואָס מיט זיי האָט דאָס ג׳ פּאָזיטיוו דיספּאָנירט, זענען זיי געווען זעלטענע און אויך נאָר „לאָקאַלע״ דערשיינונגען. אָבער זינט סוף 1943, ווען דער צושטעל פון לעבנסמיטל־פּראָדוקטן פאַרן ג׳ איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער און באַגרענעצטער און די ראַציעס זענען אויסגעשריבן געוואָרן, ווייל מען האָט זיי געמוזט אויסשרייבן, בכדי דעם עולם צו באַרויקן, און דאָס, על פּי רוב, נאָר אויפן סמך פון דער „אויסזיכט״ וואָס מען האָט געהאַט אויף געוויסע פּראָדוקטן, וואָס דאַרפן היינט־מאָרגן אָנקומען, זענען „זאַדלווזשעניעס״ געוואָרן אָפטע, נאָרמאַלע און אַלגעמיינע דערשיינונגען.

אין אַ געוויסער מאָס זענען די ז׳ געווען דער גורם פון די כאַאָסן וואָס האָבן געהערשט יעדעס מאָל אין די פּאַרטייל־פּונקטן ביים אַרויסגעבן די ראַציעס. דער געטאָ־עולם, וואָס האָט אין דער לעצטער ראַציע־וואָך, על פּי רוב, שוין געלעבט אויפן חשבון פון דער קומענדיקער ראַציע, האָט תיכף דעם ערשטן פּאַרטייל־טאָג געוואָלט אָפּנעמען זיין צוטייל און נישט אָפּוואַרטן זיין ריי, ווייל וואַרטנדיק אויף דער ריי, וואָלט דערווייל דער אָדער יענער אַרטיקל פאַרפעלט און אים וואָלט אויסגעקומען זיך צו האַלטן אין געטאָ־שפּריכוואָרט: „גיי אַהיים און מאַך שבת מיט דער ז׳״; אָדער: „גיי אַהיים און קאַך אָפּ די ז׳״... (ל״ענצ).

זאַטשעגלי צעבולאַן, סקאַנטשאַן קאַפּוסטאַן — (פּויליש) אָנגעהויבן מיט ציבעלעס, וועלן ענדיקן מיט קרויט. שוין אין די ערשטע טעג פון דער נאַצי־אָקופּאַציע האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פּייניקן יידן, פלעגן די פּאָלאַקן זאָגן: „זאַטשעגלי צעבולאָן!״ (אָנגעהויבן מיט יידן, ציבעלע־עסערס). דערויף זאָלן האָבן יידן געענטפערט: „סקאָנטשאָן קאַפּוסטאָן״ (זיי וועלן ענדיקן מיט פּאָלאַקן — „קרויט קעפּ״). דאָס ווערטל אויסגעדריקט די אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז נאָך דעם ווי די דייטשן וועלן פאַרענדיקן מיט די יידן, וועלן זיי זיך נעמען צו די פּאָלאַקן.

זאַטשענלי אָד אַ, יוזש טזשימאַיאָן פּזשי וו — (W — אויף פּויליש). אָנגעהויבן מיט „א״ (A) ערשטער אות פון לאַטייניש אַלף־בית — און האַלטן שוין ביי „וו״, פאַרלעצטער אות. ד״ה ערשט אָנגעהויבן און האַלטן שוין ביים סוף. די צייכנס „A״ (אַרבעט) האָט מען אין טייל געטאָס פאַרביטן אויף „W״ (ווערמאַכט — ווירטשאַפט). נאָך דעם אות W גייט Z, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דאָס וואָרט „זגינאָנטש״ (אומקומען). (ל. טויסט, מזרח גאַליציע, ע׳ ד״ר מילד).

זאַכן — יידן פלעגן אין די ג׳ס פאַרקויפן אָדער אויסבייטן זייערע שטוב־זאַכן אויף פּראָדוקטן — דער עיקר ביי דער פויערישער באַפעלקערונג. דערביי פלעגן זיי זיך ווינצלען, אַז די פּויערים ווייסן צומאָל נישט, ווי אַזוי די זאַכן הייסן, ווי אַזוי מ׳באַנוצט זיך מיט זיי. איין פּויער קומט אין ג׳ און פרעגט זיך: „ווו קאָן מען דאָ קויפן אַ זאַך, אויף וועלכן די יידן לייגן זיך נאָכן עסן?״ אַ צווייטער קויפט אָפּ ביי אַ ייד אַ פּאַרטעפּיאַן, ברענגט אים אַהיים און ער שפּילט נישט; די פרוי מאַכט אים פאַרוווּרפן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון יידן. דער פּויער קומט צוריק צום יידן און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אים געבן די קאַרבע מיט וועלכער מ׳דרייט אָן דעם פּאַרטעפּיאַן, ער זאָל שפּילן. (באָכניע, זעלינגער, כ״י, ב׳ 1, ז׳ 77, יו״ש).

זאַך־קאָנטריבוציע — קאָנטריבוציע אַרויפגעלייגט אויף יידן נישט אין געלט־סכומען, נאָר אין זאַכן — טישן, בעטן, גלעזלעך צו ווײַן, ציכן, לײַלעכער אאַז״וו. „די ז״ק איז נאָך נישט פאַרענדיקט... מיר פאַרשטאַרקן די זאַמל־אַקציע״. (מעלדונגען פון ביאַליסטאָקער יודענראַט, ג״ר 236, 16.3.42).

זאַלאַזשניק — זע: ערובניק.

זאָל איך זײַן די כפרה פאַר כל ישראל? ליבערשט זאָל כל ישראל זײַן אַ כפרה פאַר מיר — ווערטל פון די יודענראַט־לײַט, אָרדענונג־דינסט אין באַכניער געטאָ; נישט געוואָלט ריזיקירן מיט זייער לעבן פאַר נישט דערפילן די באַפעלן פון די דײַטשן און דערפאַר געהאָלפן כאַפּן יידן בעת די אַקציעס. (מ. זעלינגער, זכרונות, כ״י, ב׳ 2, ז׳ 35).

זאָל זײַן וואָס ס׳איז, אַבי מ׳זאָל לאָזן לעבן — „אַזאַ שטימונג האָט געהערשט אין געטאָ״. (ביאַל״ג, כ״י, 1942).

זאָל מען נאָר לאָזן לעבן, וועלן מיר ווי ס׳איז אויסהאַלטן — אינזש. באַראַש אין אַ רעדע אין ביאַל״ג. (כ״י, 1943).

זאָלן שוין די גלידער פֿרירן, אײדער די אַרבעט ברענען — דערויף געענטפערט: זאָלן בעסער די גלידער פרירן, איידער זיך צו טירחה רירן. (קאַפּלאַן, ז׳ 17—18).

זאָלסט אַזוי ברענען, ווי דאָס הײַנטיקע ברויט (אויפן האַרצן) — אַ קללה אין וו״ג. (ר״א, 109).

זאָל עס זיך ענדיקן וואָס שנעלער — ווינטשט פאַר דער לעצטער אויסזידלונג, דעצ. 1942. (ס׳ מלאַווע, ז׳ 409).

זאָליך וועט נישט פעלן חלילה — „צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ג׳ האָט די אַפּראָוויזאַציע באַקומען נעכטן אַרײַנגעשיקט נישט ווייניקער ווי 9 וואַגאָנען (18־טאָניקע) זאַלץ... וואָס וועט קלעקן אויף אַ גאַנצן יאָר״. (28.11.43. נאָטיץ־ביכל פון ש. ראָזענשטיין, ל״ג). „אין ג׳ שמועסט מען וועגן ליקווידאַציע און אַרויספירן פון אַלע יידן — און דאָ אַזאַ פריילעכע ידיעה״. זע: עסיק.

זאַלצן — „מ׳האָט היינט געזאַלצן בערלין״ (באַמבאַרדירט). (ביאַלאַ־פּאַדלאַסקאַ, מ. פייגנבוים, פּאַדליאַשע אין נאַצי־קלעם, ז׳ 147).

זאָל שוין וואָס גיכער בעמען אַ סוף, סײַ־ווי וועלן מיר דאָך נישט בלײַבן לעבן — מאַידאַן־טאַטאַרסקי, פאַרשטאָט, ווו דאָס לובלינער געטאָ איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין 1942, פאַרן ענטגילטיקן סוף. (ס׳ לובלין, ז׳ 482).

זאַמדן — (פויליש: פּיאַסקי). דאָס אָרט ווו מ׳האָט אומגעבראַכט די יידן פון לוואָווער ג׳. „דײַטשן האָבן אַוועקגעפירט די פון גרויסן הויז אויף די זאַמדן, אַזוי רופט מען די בערג אַרום די ציגלערייען הינטער דער שטאָט. יעדן טאָג ווערן דאָרט פאַרשלעפּט די, פון וועלכע די מערדער ווילן פטור ווערן״. (יוסף ווײַנבערג, צווישן גאָט און העגריך, ז׳ 182).

זאַמיאַטקעס — דאָס ביסל מעל, וואָס בלייבט נאָכן פאַרקנעטן דאָס ברויט און ווערט אויסגעקערט אין די בעקערייען. אין ל״ג געמאַכט דערפון פאַפּ (קלייסטער) צו קלעפּן טאַפּעטן (פאַר די דייטשן) און זוילן פון שטעק־לאַטשן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פון די אַרײַנגעוואָרפענע מלבושים פון די אויסגעק[...] יידן. געמאַכט אויך דערפון ספּירט. דאָס איז געוועזן די אָפיציעלע פאַ[...]

פון די ז׳. אַרבעטער אין די בעקערייען פלעגן גנבענען די ז׳ און באַקן דערפון מצהלעך, געמאַכט אויך דערפון „קלייוווקעס״, אַ קראַכמאַל־זופּ, אויסגעזען ווי שוואַרצע טינט: דער זאַמד און שטויב האָבן געקנאַקט אונטער די ציין, אָבער דאָך אַ ביסעלע געשטילט דעם הונגער. (ל״ג, בריקס, „די כעמישע אַפּפאַל־פאַרוועטונג״; דער זעלבער: ווערטער געשאַפן אין לאָדזשער ג׳, „צוקונפט״, נ. י. 1947 ז׳ 404—402).

זאַמל־גרוב — יעדן געכאַפּטן ייד געפירט צום ז״ג צום דערשיסן. (ס׳ יעזיערנע, ז׳ 232). זע: גרוב.

זאַמלער־יידן — יידן וואָס האָבן געזאַמלט אַלטשטאָפן און דעריבער געווען פּריווילעגירט; געמעגט גיין אויף דער אַרישער גאַס אַאַז״וו. דעם 25.8.1943 ווערט באַלעכאָוו יידנריין. עס בלייבט נאָר אַ קליינע צאָל יידן. „דאָס זענען די א. ג. ,פּולוועררטע׳ און ,זאַמלער יידן׳״. (ס׳ בוליחוב, ז׳ 150, 346). באַקאַנט אויך אין אַנדערע מקומות, עווענטועל מיט אַן אַנדערן נאָמען: אַלט־שטאָף־זאַמלער.

זאָנדער — (1) אין אויבערשלעזיע. „ספּעציעלער באַאופטראַגטער פאַר די פראַגן פון אַרבעט פון פרעמדע״ (ניט דייטשן) Sonderbeauftragte des Reichsführers der deutschen Polizei für fremdvölkischen Arbeitseinsatz. (פר. מזיא אויפן אייכמאַן־פּראָצעס, פּראָט׳ נר׳ 27 ז׳ 12). (2) באַשטעטיקונג, אַז מ׳אַרבעט ביים זאָנדער (באַדייטונג 1) און מ׳איז דעריבער זיכער פון אַרויסגעשיקט ווערן אין אַן אַרבעט־לאַגער. „פאַר געלט באַקומען אַ ,זאָנדער׳ אַז מ׳איז פריי פון אַרבעט״. (ס׳ זאַוויערטשע, ז׳ 276, 363). „מיט אַזאַ זאָנדער אין קעשענע האָט מען געפילט, אַז מ׳איז זיכער נישט אַרויסגעשיקט צו ווערן״. (ס׳ כזשאַנאָוו, ז׳ 266). „בעת דער לעצטער אַקציע, האָבן די זאָנדערס פאַרלוירן זייער ווערט; אַפילו די יידן וואָס האָבן געהאַט דעם בלויען ז׳, האָבן די היטלעריסטישע רוצחים נישט באַפרייט״. (ס׳ זאַוויערטשע, ז׳ 256). (3) זאָנדעראַוויעץ — פּאָליציאַנט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע (זע) אין ל״ג (חוה ראָזענפאַרב, ב׳ 2 ז׳ 595 א״א); קומט פאַר אין אַ ריי לידער פון ל״ג: „ווערסט זיי נישט זאָגן קיין תירוצים, / זאָנדער דאַרף קיין מליצים״. (י. הערשקאָוויטש). מען פירט קאַרטאָפל וויסע שיינע, / אַלע טרוקן ווי די ביינער. / און דער זאָנדער־פּאָליציאַנט / האַלט איבער זיי זיין שטאַרקע האַנט / און דער זאָג־דער שרייט און האַקט. / „פּאַני זאָנדער״ — וויינט דאָס קינד. (ה. אַלבוס: אוי, קאַרטאָפל, פּל״ח נ׳ 5). (4) העפטלינג פון דער 4 זאָנדער־קאָמאַנדע (זע) אין אוישוויץ.

זאָנדער־אויסווייז, באַרעכטיגונגס־אויסווייז — ספּעציעלע שיינען פאַר יידן, וואָס מוזן גיין אויף דער אַרבעט מחוץ געטאָ. צוליבן פעלן פון אַזאַ שיין, פלעגט מען דעם יעניקן, וועלכן מ׳האָט געצוווּנגען צו גיין אויף אַרבעט, דערשיסן. (פּיאָטרקאָוו, ג. י. קורץ, כ״י, ז׳ 262). עובדי השופים קיבלו תעודות מיוחדות שהיו מסוגים שונים ובצבעים שונים — קראו לתעודות כאלה „זונדר״. (ס׳ סוסנוביץ, ב׳, ז׳ 174).

זאָנדער־דינסט — זאָנדערדינסטלער, אַ צוגעהעריקער צו דער דייטשער SD. (באַרשטשיוו, קאָלאָמיי א״א).

זאַנדערפּאָליציי, ז. פּ., זאַנדער־פּאָליציסטן, קאָנטראָל־פּאָליציי — קאָנטראָלירט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן אין ל״ג, ווי אויך דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דער ג׳־פּאָליציי. (ל״ג לוח, 1942). „געשאָפן דעם זאַנדער־אָפּטייל״, 2.7.1940 (פראַנק, טאָגבוך). זאַנדער־פּאָליציסטן (י. הילער, 10.4.1944).

זאָנדערפירער — דייטשישער פאַרוואַלטער פון שטעטל און ראַיאָן. (ס׳ אוליקא, ז׳ 303). „פונקט 7 אַזייגער אַריינגעקומען אין ג׳ דער ז׳ און אָנגעזאָגט דעם יודענ־ראַט: אוליקאַ איז יודענריין פון 8 אַ זייגער״. (דאַרט, ז׳ 305).

זאָנדער־קאָמאַנדאָ — (1) אין ל״ג דאָס זעלבע וואָס זאַנדער־פּאָליציי. (2) אין אוישוויץ א״א לאַגערן — גרופּעס (קאָמאַנדעס) פון העפטלינגען, באַשטימטע צו ספּע־ציעלער אַרבעט (שווערער צי געהיימגעהאַלטענער), צ״ב: ביי די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס.

זאָנדערשטיק — מיטגליד פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אין אוישוויץ. „שוין בעסער אַ דורכ־פאַלאָוויעץ, איידער אַ זאָנדערשטיק״. (ד. דיאַמענט, פאַלקלאָר אין די לאַגערן, פאַריזער שריפטן, מערץ 1946).

זאַסאַדע — „די דייטשן טרעפן זיך אָן זייער אָפּט אויף אונדזערע ליגנדיקע ,זאַסאַדעס׳, לויערנדיקע וואַך״. (ס׳ ביטען, 152). אַרויסגעשיקט אויף זאַסאַדעס... די ז׳ האָט זיך צעלייגט אויפן ברעג. (ס׳ זשעטל, ז׳ 387). געלעגן אין די זאַסאַדעס. (ס׳ ביטען, ז׳ 266). געלעגן אויף אַ ז׳. (דאַרטן, ז׳ 387). מאַכן ז׳. (מ. באַקאַל־טשוק, זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן, ז׳ 130, 143). „18 מאַן האָבן געהאַלטן אַ זאַסאַדע״. (י. רייך, וואַלד אין פלאַמען, ז׳ 165). „די ז׳־עס זענען געווען צע־שטעלט אויף אַלע פונקטן, דורך וועלכע מ׳האָט געקאָנט צוקומען צו אונדזערע לאַגערן. זייער אויפגאַבע — אויפצוהאַלטן דעם שונא וואָס לענגער און גלייכ־צייטיק אַלאַרמירן די אָטריאַדן״. (דאַרט, ז׳ 176/7). זאַסאַדעס [לויערס]. (ס׳ דאָקשיץ, ז׳ 264).

זאַשילעק, זאַשילקאָוויעץ — שטיצע און די יעניקע וואָס געניסן פון איר. זייט סעפּטעמבער 1940 ביז סוף 1941 האָט מען אין ל״ג די אַרבעטלאָזע און זייערע משפחות־מיטגלידער אויסגעצאָלט צו 9 מאַרק אַ חודש; (פאַר קינדער ביז 7 יאָר — 4 מאַרק; זקנים פון 69 — 10 מאַרק; פון 80 — 20 מאַרק). רומקאָווסקיס באַקאַנטמאַכונג נ׳ 123, 20.9.40, זע: „ביינער מאַרקן״. ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט האָט מען אַרויסגעשיקט די זאַשילקאָוצעס אין אַ פאַרניכטונג־לאַגער. (ס׳ זעלעוו, ז׳ 225).

זאַסטזשעזשעניע — אויפן בית־עולם אין ווארשע, אָקאָפּאָווע־גאַס אין דער שאַפע געפּי־נען זיך פּאַליצעס מיט אַ 20—30 בר־מננס פון מיוחסים, וואָס צו זייער גראָבן פינגער פון רעכטן פוס, איז צוגעבונדן אַ צעטל מיטן אויפשריפט ז׳ (פון פּויליש — Zastrzeżenie). דאָס באַטייט, אַז פאַר דעם בר־מנן האָט מען באַצאָלט און מ׳דאַרף אים מקבר זיין אין אַ באַזונדערן קבר, נישט אין אַן אַלגעמיינעם.

זאַפּאַדניק — „אַזוי געהייסן אויפן געביט פון ראַטנפאַרבאַנד די געקומענע פון געוועזענעם פּוילן. ,וואַסטאָטשניקעס׳, אָדער אין יידיש: ,מזרחיסטן׳, גערופן אין סאָוויע־טישן הערשאַפט־פּעריאָד אין ביאַליסטאָק (נישט נאָר דאָ), די געקומענע סאָ־

וויעטישע מענטשן פון ר״פ, פון מזרח. — ,זאַפּאַדניקעס׳ — אַ בייער ווייטיקלעכער קלאַנג אין דער שפּראַך פון אונדזער בבלדיקן גלות־לעבן. אַ צייכן פון ,פּירוד הלבבות׳ פון אומגעמיינשאַפטלעכקייט אין דער דאָזיקער טראַגישער תקופה פון אונדזער געשיכטע״. די טראַגעדיע פון די מינסקער יידן. (כ״י, ביאַל״ג, 1943).

זאַקלאַדניק — זע: ערובניק.

זאַרג — קיצור פון זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע, אָדער גרופּע „ז״, דאַרף פּאַרטיידיקן דאָס געטאָ אין פאַל פון אַן אַקציע. נישט אָריענטירט זיך אויף אַרויסגיין אין וואַלד. (קאָוונער ג׳, מ. יעלין, ד. געלפּערן: פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ, מאָסקווע 1948, ז׳ 62). זאַרג נישט היינט וועגן די צרות פון מאָרגן; ס׳פעלן נישט, ברוך השם, קיין צרות היינט. (ראָזענפאַרב, 3, ז׳ 128).

זבאָנשינער קינדער — קינדער פון די פּוילישע יידן, אויסגעזידלטע אין יאַר 1938 פון דייטשלאַנד קיין זבאָנשין. אויפגענומענע שפּעטער אין קינדער־היים אין אָטוואָצק. זיי זענען געווען פולשטענדיק אַסימילירט, גערעדט און געזונגען דייטש. אומגעקומען צוזאַמען מיט די אַנדערע פון דער היים. (ס׳ אָטוואָצק, ז׳ 352).

זביורקע — אין אַ טייל א״ל אין פּוילן, אָנשטאָט אַפּעל — ז׳ פון די אַבאַזאָווצעס. (ל. קאַמפּינאַס, דרעוויניצאַ, ר״א, 379, 388 א״א). „ז׳ אַלע ווייל״, „בסדרדיקע ז׳עס ווו מען ציילט אונדז, מען דאַרף דאָן שטיין אַמווינציקסטן צו דרייפערטל שעה. אַזעלכע ז׳ קומען פאַר אַ שיינע פאַר מאָל טעגלעך״. (ל׳ סייטשיצע נעבן כעלם, 1941 ; בנימין באַביץ, נאַטיצן, בלפ״ג, ב׳ 10, 1957).

זבאַטאָווישטשיזנע — אַזוי רופט אַ טייל דאָס 13טל (זע). זיי טוען אַ מיאוסע אַרבעט און ווילן דאָס אומהילן מיט אַ וועלאָן פון אָרנטלעכקייט, דאָס דערמאָנט יאַנקל שאַפּשאָוויטש פון „גאָט פון נקמה״, וואָס האָט געשאַפן אַ שולעכל, בכדי צו דעקן זיין מיאוסע פּראַפעסיע. דערמיט דערקלערט זיך די שטרעבונג צו פירן קולטור־אַרבעט, און ווען דאָס איז נישט געלונגען (דער רוב איז נישט געגאַנ־ גען צו זיי), נעמט מען זיך צו פירן אַ שרייערישע, כאַריטאַטיווע אַרבעט (פּאַגאַטאָוויע). די שרעק פאַרן 13טל איז אַזוי גרויס, אַז אַ טייל אָרנטלעכע מענטשן האָבן נישט דעם מוט נישט צו קומען אויף זיינע איינלאַדונגען, איינער האָט זיך אַפילו געמאַכט קראַנק. (רינגל׳ 10.6.1941).

זויכענגעביט — ערשטע באַצייכענונג פון יידישן וווינגעביט אין וואַרשע. שפּעטער באַנוצט „יידישער וואָהנגעביט״, ג׳.

זויכענגעפאַר — אויף דעם טויער פון ג׳ דייטשן אויפגעהאַנגען אַן אויפשריפט ז׳, ד״ה געוואָרנט פאַר עפּידעמיע. „לויפט מען פון דאַנען, הייסט עס, ווי פון קרעציקע. די יידן זענען צופרידן, דייטשן וועלן נישט אַריינקומען, און אַז זיי וועלן נישט קומען, וועלן מיר האָבן רו״. (ווילנער ג׳, ה. קרוק, טאָגבוך, 30.9.41).

זוילן־זופּ — זופּ אין האַסאַג, טשענסטאָכאָוו. דאָס פלייש, אויב אַזוינס געפינט זיך דאָרט, איז האַרט ווי אַ פּאַדעשווע.

זון — „עס זונט אַ זון און עס רעגנט אַ רעגן, / און אַלע טייכן ציען צום ים. / אין איינעמס בעכער שוימט דער ווין / און ביים צווייטן צייטיקט זיך דער סם״.

(ל' שטוטהאָף, יהושע פריש, איבערגעגעבן משה איידלשטיין; בערטאַ הערש־בערג־זאַלץ, און די זון האָט געשיינט, ז' 283).

זונטיקדיקע — די פאַרעלנטע פּרויען פון די אומגעקומענע (אין די טעג: דאָנערשטיק 10.7.41, שבת 12.7.41, זונטיק 13.7.41) מענער, האָבן אין ביאַליסטאָקער ג' באַקומען אַ ספּעציעלן נאָמען: די דאָנערשטיקע, די שבתדיקע, די זונטיקדיקע. (צו דער געשיכטע פון די ביאַליסטאָקער יידן אין דער צייט פון דייטש־סאָוויעטישן קריג. כ"י, ביאַל"ג, 1943, יו"ש).

זופּ — וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פון דער דערנערונג אין ג'. (באַזונדערס: וואַרשע, לאָדזש, וואָס מ'האָט באַקומען אין די אַלגעמיינע קוכן). געוואָרן די טעמע פון טאָגטעגלעכן געשפּרעך און אַ קוואַל פון די פאַרשידנסטע ווערטלעך און לידער. מ'האָט אונטערשיידט געדיכטע זופּן און שיטערע. די ערשטע, פאַרשטייט זיך, געווען די בעסערע: „אַ געדיכטע זופּ — דער לעפל שטייט, מ'קאָן שניידן מיט מעסערס! — אַז די ז' ווערט קאַלט, ווערט זי אַ גאַלער". (י. בריקס, דער קייסער אין געטאָ). שיטערע זופּ — (1) אייינער לויפט מיט אַ פלעשל, פרעגט מען אים: „וווּהין לויפסטו? — „נאָך אַ קוכן־זופּ" (וואַריאַנט: נאָכן מיטאָג). (2) „וואָס פאַרא ברכה מאַכט מען איבער אַ קוכן־זופּ?" — „אַ שהכל". — „האַ?" „ווייל ס'איז וואַסער — און אויף ביטערע מעדיצין אַפילו מאַכט מען אויך אַ שהכל". (ל"ג, 1941). (3) „די זופּ איז געווען שיטער, אַ גרויפּ נאָכגעיאָגט אַ גרויפּ, און ווען ס'איז געלונגען צו געפינען אַ קאַרטאָפל, האָט מען געמאַכט נישט קיין ‚בורא פרי האדמה', נאָר אַ ‚שהחיינו'". (ל. פּוזעוויטש, ס' ביטערן, ז' 424). אין ל"ג ברענגען די שול־קינדער מיט זיך אַ טעפּל אין שול און באַקומען פאַר 15 פעניג אַ זופּ: „דאָס געלט נעמט מען ביי זיי צו, נאָר די קינדער באַקומען ריין וואַסער. וויצלען זיך די קינדער: א. האָסט שוין געטרונקען די געדיכטע זופּ? ב. וואָס האָסטו אין דער שול מיטגעבראַכט, אַ טעפּל אָדער אַ פלעשל? ג. ווער ס'וועט הייַנט געפינען אַ קאַרטאָפל אין דער זופּ, באַקומט 5 פעניג. ד. מיין זופּ האָט אויפגעגעסן דער קוד־לייטער און מיר האָט ער געגעבן דאָס וואַסער. (ל"ג, פראַנק 19.7.41). יעדער אייינוווינער דאַרף באַקומען יעדן טאָג אַ ז': 3/4 ליטער, דערין 2 ד"ק קאַלאַביאַל, 5 ד"ק קאַרטאָפל, 5 ד"ק ריבן. פעטס קיינמאָל נישט געקומען אין באַטראַכט, ד. ה. אין קעסל האָט מען דאָס דווקא יאָ אַריינגעלייגט, נאָר בעת ס'איז געקומען צום קאָנסומענט, איז דאָס פעטס אַנטרינען, דאָס זעלבע מיט די קאַרטאָפל. (פראַנק, 22.1.1941). „גוטא האָט איר אויפגעוואַרעט מיט אַ ביסל ז', אָבער פריידע האָט אָפּגעזאָגט מיטן מאָטיוו: הייַנט איז דאָס ס'לעבן". (ל"ג, הילער, 26.1.44). קאַשטאַנען־זופּ. (ס' שעדלעץ, ז' 618). „מוועד הלשון האידישאי: ברעכער אומרים על האוכל־ארוחותיה של בית המטבח ומקיאן. אין אומרים לכן „קאַסע־ברעכער", כי זאת אין בנמצא בגיטו, רק אומרים ‚זופּן־ברעכער'". (ל"ג, מן המצר, יולי 1941. דפים לחקר השואה והגבורה, חוברת א'). עס האָט קורסירט אין ל"ג אַ „כעמישער אַנאַליז פון דער זופּ" (אויף פּויליש און דייטש), לויטן מוסטער פון אַן אַנאַליז פון אורין.

נאָמען: אַרבעס־זופּ (גראַכוווקאַ), רעסאָרט זופּ: צוקער —. נישט פאַראַן, איי־

ווייס — נישט פאַראַן, אַרבעס, אָדער שאָלעכץ פון אַרבעס — איינצלנע אין זע־קריין. ווירקונג: ס׳טרייבט, ריח ווי פון אַ שטאַל. אַלגעמיינער אויספיר: מאַריסין [דאָ געווען דער בית הקברות]. (כ״י, בית קצנלסון, 106). וועגן דער ווירקונג פון דער זופּ האָט מען זיך אויך געוויצלט: „די זופּן שטעלן ביינאַכט אויף די פיס! (פּל״ח ב׳ 3). ווען מ׳האָט אין דער זופּ געפונען טויטע פליגן, האָט מען געשריגן: „אוואַ, היינט איז אַ זופּ טאַקע מיט פלייש, נישט פון ביי־נער״. (אַבי, 16). די קינדער וואָס זענען געשטאַנען אין ריי נאָך אַ ז׳, האָבן זיך געבעטן: „פּאַני ווידזיעלאַטשקאַ (אויסטיילערין), איך מיין נישט קיין געלעכטער, געבן זיי מיר אַ ביסל טיפער, אַ ביסל געדעכטער״. פון אויבן איז געווען בלויז וואַסער, דאַקעגן ווען מ׳האָט די כאָכלע פאַרטיפט אין קעסל, האָט מען געקאָנט אַרויספישן אַ שטיקל קאַרטאָפל, אָבער נישט יעדער האָט דערצו זוכה געווען. דערויף ענטפערט אַן אויסטיילערין: „ווען כ׳וואָלט געהאַט, זאָל איך אַזוי לעבן, ווי כ׳וואָלט ענק אַלע געגעבן״. (ראָזענפאַרב, ב׳ 3, ז׳ 23). „אַ זופּ האָט נישט קיין שום חסרון״ / יעדער ווערט גיך געשוואָלן, / ווער ס׳עסט די קרייטער־בלעטער, / נאָר דער קאָך ווערט פעטער״. (שלמה גאָלד־בערג, ל״ג; פינקעלשטיין, פּדיון השם, ז׳ 70). די ראָל פון זופּ אין לעבן פון געטאָ, דרוקט אויס יוסף זעליקאָוויטש אין אַ רעפּאָרטאַזש: „הימל און ערד און זופּן״. (30.1.1944, כ״י). זע: רעסאָרטן־זופּ; טעלער־זופּ; זיסע עסן; חלבבוזע. „זופּקעס — המרק הזה — מים, מים וקצת כרוב או חתיכת סלק לבן״. (טננבוים, אַפּריל 1943, דפּים מן הדליקה, 187, ביאַל״ג׳).

זופּן־פּולווער — „אין דער געטאָ־קוך אַ איבלדיקער ריח פון קאָווע־פּלעצלעך, געפּרעגלט אויפן משונהדיקן, שוואַרצן זשעפּאַק־אייל, געדעמפּטע בורקע־בלעטער און רעטעך־זופּן. מ׳שיט צו אַ ביסל מעל פון די געמאָלענע ביינער. (רבקה קוויאַט־קאָווסקי, בונים שאַיעוויטש, היימיש, 1958).

זיבן מאָל אַ טאָג משיח — אין ריגע געווען צוויי געטאָס, איינס פאַר די היימישע יידן, דאָס צווייטע פאַר די יידן פון „רייך״ („רייכס־יודענגעטאָ״). די דאָזיקע יידן פלעגן זיך כסדר באַרימען מיט זייער „דייטשן געטאָ״, האָבן דאָס די היימישע יידן אויפגענומען מיט שפּאָט: „ביי זיי קומט זיבן מאָל אַ טאָג משיח״. (קאַפּלאַן, ז׳ 52).

זיבעטער פאָרט — אַ פאָרט פון דער אַמאָליקער פעסטונג אין קאָוונע. דאָ אומגעבראַכט יידן ביז יולי 1941. נאָך דעם זיך באַגוצט מיטן נייַנטן פאָרט; „געפירט צום פאָרט״ — ד.ה. אויף אומקום. (יעלין, ז׳ 12, 104 א״א).

זיג — יידן געגלויבט אין זיג פון די אַליאירטע איבער היטלערן, בלויז געצווייפלט, צי זיי וועלן דאָס דערלעבן. „מען וועט מיר אַריינשרייַען אין גרוב אַריין״ [וועגן זיג]. (לובלין, עדות אאז״ו). „מ׳האָט דערשאָסן צוויי יידן און באַגראָבן אין איין קבר. נאָכן נצחון איבער היטלערן, רופט זיך אָן איינער צום צווייטן: „דו הערסט, היטלער האָט פאַרשפּילט די מלחמה — וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז מיר אַלע זענען אין קבר״. (קראָקע, עדות א״א).

זיגל — אַ ז׳ אויף אַ דאָקומענט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לעבן פון די ג׳־יידן. אַ געהעריקער זיגל, אָדער קאָליר פון זיגל, האָט געקאָנט דעצידירן (בעת אַן

אַקציע, סעלעקציע) וועגן לעבן צי טויט פון „געשטעמפלטן". די מיט רויטע זיגלען האָט מען אומגעבראַכט, דאַקעגן די מיט די גרינע זיגלען האָט מען געלאָזט לעבן (צייטווייליק). האָבן זיי זיך געטרייסט: „ס'איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, אַז זיי זאָלן זיך נעמען אויף צו די גוטע זיגלען". (ווייַנבערג, כ"י). „נאָך דער אויסזידלונג פון 10.9.42, האָט מען ווידער אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, אַז די מיט די זיגלען וועלן בלייבן און די איבעריקע וועט מען אויסשיסן. קודם געגנוגט דאָס זיגעלע פון אַרבעט־אַמט, דערנאָך בלויז פון געסטאַפּאָ. אָבער ווען מ'האָט שפּעטער, בעת אַ נייער אַקציע געוויזן די זיגעלעך דער געסטאַפּאָ, האָט זי בלויז געלאַכט". (קאַלאַמיי, ז. שניצער, כ"י, 115—110, יו"ש).

זיגלען — יידן פאַרזאַמלען זיך, כדי זיגלען זייערע אַרבעט־קאַרטן. מ'וועט אויף זיי באַקומען ברויט־קאַרטן. דער זיגל קאָן אויך פאַרהיטן בעת אַן אַקציע. (ס' טאַרנאָבזשעג, ז' 325). זע: סטעמפּל.

זיגפריד־ליניע — די מויערן אַרום דעם „זויכן־געביט" (געטאָ) אין וואַרשע, רופט מען „די פאַרלענגערונג פון דער ז'־ל'." (רינגל', 20.4.1941).

זידלווערטער — אַ פּאַרטיזאַן אויף אַ טוץ אַרויסגעזאָגטע ווערטער, באַנוצט דריי ז'. געוועזן אַזעלכע מייסטערס, וואָס האָבן אַריינגעהאַקט צווישן אַ טוץ אַרויס־געזאָגטע ווערטער — גאַנצע פינף ז'. געוועזן אויך יידן, וואָס זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיי צו באַנוצן, כדי נישט אָפּצושטיין אין הלכות זידלען פון זייערע נישט־יידישע קאָלעגן. (י. רייך, ז' 251). דאָס זעלבע הערט מען פון יאַנאָווער לאַגער א"א.

זידלען — דער פירער פון וווינונג־אַמט ווינצלט זיך: איך „זידל" זיי איבער און זיי זידלען מיך. (ווילנער ג', ה. קרוק, 18.10.42). „מען זידלט איבער און מען זידלט זיך". (דאָרט, 28.10.42).

זיי — דייטשן. „זיי האָבן ביי אונדז אַלץ אין וועג צוגענומען. 1939, גרענעץ ביי ביאַלי־סטאָק. (י. ווייַנגאַרטן, אַ וועלט אין פלאַמען, ז' 178, 181 א"א). „זיי" גייען (דאָרט, ז' 184 א"א). „זיי זענען שוין אין צווייטן הויף, גיכער, שטייט אויף". (מינסקער ג', 1941, ל. רייזער, ז' 68, כ"י, יו"ש). דאָס ערגסטע איז דער פּחד פאַרן באַקעטן לעבן — דאָס וואַרטן אויף „זיי". (וואַרשעווער ג', נאָטיץ פון 16.5.42, ר"א 1307). דאַסמאָל וועט זיי נישט געלונגען, מירן זיי דאָס לידל זינ־גען, פּאַקט זיך איין, פּאַקט זיך איין. (ווילנ"ג, 1943. ליד פון ל. ראָזנטאַל, פּאַקט זיך). אַ טעלעפאָן: „זיי זיינען דאָ" (מער קיין וואָרט) באַלד דערהערט שיסן — אַן אַקציע. (ס' מינסק מאַז', ז' 426). פאַרבינדונג־מאָן מיט „זיי". (מ. שטריגלער, אין אַ פרעמדן דור, ז' 133, 161). בעת אַ גרויסן פראָסט אין ווילנער געטאָ: הלוואי זאָלן מיר פרירן און „זיי"? — זיי זאָלן איינפרירן. (קרוק, 28.12.41). „אויף אונדז גייט אַ ווינטער, אויף ,זיי' אַ בראָך". (קרוק, 29.10.42). „מ'האָט זיי אין דער ערד". (ס' מלאווה, ז' 403). „זייער געניאַלע פערפידיע". (רינגל' כתבים, II, ז' 46).

זייגער — וואָס פאַראַ אונטערשייד צווישן אַ זייגער און גענעראַל ראָמעל? — אַ זייגער מאַכט טיק־טאַק און גייט פאָרויס, ראָמעל מאַכט טאַק־טיק און גייט צוריק. ווילנ"ג, קרוק, 27.2,43).

זייגערל — באַצייכענונג פאַרן ל״ג, געגומען פון רומקאָווסקין, אַז זיין געטאָ „האָט אָנגעהויבן קלאַפּן ווי אַ זייגערל״. (ליפּשיץ, אונדזער שטימע נ׳ 17, 25.1.74). „רומקאָווסקי חיים, / גיט אונדז קלייען, / ווייל אַז אַלע יידן / זאָלן זיין זאַט, צופרידן / דאָס געטאָ זאָל ווי אַ זייגערל גיין! / אייגס צוויי דריי״. (ר. קוויאַטקאָווסקאַ, זיכערע הענט, ז׳ 52).

זיידע — די קאַנאַדער (זע) האָבן איבער זיך געהאַט צוויי ס.ס.־אָנפירערס, וואָס זענען זיי דערגאַנגען די יאָרן: אַן אויבערשאַרפירער און אַן אונטערשאַרפירער. דער ערשטער איז געווען אַן אַלטער, דער צווייטער אַ יונגער. ביידנס באַציונג צו די אינטערנירטע געווען אַזאַ אוממענטשלעכע, אַזאַ רוצחישע, אַז די אינטערנירטע, כדי דאָס אויסצודריקן, האָבן אַ נאָמען געגעבן דער „טאַטע״ (פון די אינטערנירטע) און דער „זיידע״. אָבער אויך אַן אייניקל איז געווען צום קאָמפּלעט. דאָס אייניקל איז נישט אָפּגעשטאַנען פון זיינע שטאַמפּאַטערס. דערצויגן צו רשעות, געווינט צו חיהשקייט, פלעגט ער זיך אַ וואַרף טאָן אויף די אינטערנירטע און זיי אָראָפּרייסן שטיקער קליידער, צוזאַמען מיטן לייב. דער אונטערשאַרפירער, אויבערשאַרפירער און זייער בייזער הונט האָבן אין די אויגן פון די אינטערנירטע פאַרגעשטעלט איין דריי־אייניקייט פון דער הייליקער פאַמיליע: „דער זיידע, טאַטע און אייניקל״. (אוישוויץ, „פאַריזער שריפטן״, 1946, נ׳ 3־2, ז׳ 70).

זייט — ביי אַ סעלעקציע פלעגט מען יידן איינטיילן: אייגע אויף רעכטס (צום „לעבן״), די צווייטע אויף לינקס (צו טויט). דערפון די באַצייכענונג „גוטע״ און „שלעכטע זייט״. „אַ ייד האָט אין טויט־שרעק געוואַרט אויף זיין אורטייל, צי מען וועט אים שיקן צו די „גוטע״, אָדער צו די „שלעכטע״. „אָוועקגעשטעלט אויף דער שלעכטער זייט״. (קאַלאָמיי, עדות). די „זייט״ — בריק, געטאָ, „יענע זייט״ — די גאַנצע וועלט, מחוץ געטאָ. (לוואָוו).

זיין קראַמפּ — שטאָט „מיין קאַמף״.

זייף — דייטשן פירן בשתיקה יידן קיין בעלזשעץ, מ׳קוילעט זיי, מ׳נעמט זייער פעטס אויף ז׳. אַ באַן־קאָנדוקטאָר דערציילט פון אַ פוילישער צייטונג אַ וויץ: אַ פרוי זאָגט צו אַ גראָבן פריזירער, אַז ער איז נישט קיין פּאַטריאָט, ווייל ער גיט נישט אָפּ זיין פעטס דער מלוכה. „אין יעדן שפּאָס פאַראַן באַקאַנטלעך 90% אמת״. אַזוי האָבן יידן געדרונגען מיטן גראָבן פינגער. (ס׳ באָרשטשיוו, ליפּע קאַהאַן, 1944). זע: ריף.

פון דער העלפט 1942 בערך, האָבן יידן אין די ג׳ געגלויבט, אַז דייטשן מאַכן פון מענטשן־פעטס, נאָכן פאַרגאַזן זיי, זייף. אויף דער טעמע זענען אַרומגעגאַנגען אַן אַ שיעור ווערטלעך, ווי: א) צוויי יידן געזעגענען זיך בעת אַן אַקציע מיט די ווערטער, הלואי זאָלן מיר זיך טרעפן אויף איין און דער זעלבער פּאָליצע; ב) איך וועל אויסטרינקען, פאַרן פאַרגאַזירן מיך, אַ פלעשל אָדע־קאָלאָן, ס׳זאָל פון מיר אַרויס שמעקנדיקע טואַלעט־זייף; ג) זאָרג זיך נישט אַזוי שטאַרק וועגן עסן, וועלן די דייטשן האָבן אַ ביסל ווייניקער זייף. (זע: ריף).

זייף־ערזאַץ — ווען אין געטאָ האָבן זיך באַוויזן פאַרשידענע ערזאַצן (פון קאַווע א"א), האָט מען זיך געוויצלט, אַז די דייטשן וועלן מאַכן זייף־ערזאַץ פון קוילן. „נו, האָט אַ צווייטער דערויף געענטפערט, וועט מען דאָס האָבן דאָס אמתע פּנים פון געטאָ". (ל"ג, 1941).

זיכערע — אַרבעט־פּלעצער, זיכערן פאַר אויסזידלונגען, פאַרזיכערן דאָס לעבן. (ספר קראָשניק, ז' 320). זע: שטעמפּל.

זינגען! — ביים מאַרשירן צו דער אַרבעט און צוריקוועגס האָבן יידן געמוזט זינגען. האָט מען אַריינגעשטעלט פאַרשידענע „אומלעגאַלע" ווערטער. למשל: ל' בודזין: כשיר הנפוץ ביותר: „מען האָט אייך אין דער ערד, מען וועט אייך איבערלעבן". (ס' קראַשניק, ז' 228). יידן לויפן אויף באַפעל אַרום דעם מאַרק און זינגען דערביי: „זאָל שוין קומען די גאולה... משיח וועט באַלד קומען". (ס' ונגרוב, ז' 213). אין פאַלענטי, אַ גוט געבן וו', זינגט דער עולם: „אוי, אוי, אוי, טאַטע פאָטער, ווען ווערט מען פון זיי פטור". (ר"א 174; 6.11.40). זע: נ. בלומענטאַל, שמועסן, ז' 53. קאַפּ' קעמפן און זינגען.

זיסע עסן — אין ווערק בע, אויסגעקוועטשט דעם זאַפט פון קאַרטאָפל און פאַרנוצט אויף כעמישע צוועקן. דאָס איבערגעבליבענע פון טויזנטער טאָנען פאַרנוצט פאַר אַ שפּייז, די הויפּט־שפּייז פאַר די געפאַנגענע יידן. די אויסגעקוועטשטע קאַרטאָפל האָט מען געלאָזט טרוקענען און זיי שפּעטער צעמאָלן אין אַ ספּע־ציעל אויפגעשטעלטער מיל. די געטרוקנטע און די שאָלן האָט מען נישט געמאָלן אויף קיין מעל, נאָר ס'איז פון דעם אַרויסגעקומען דיבע, ווייסע פּלעצ־לעך, וואָס זענען זיך שנעל צעפאַלן אין אַ שמוציקן, גרויען שטויב. דאָס דאָזיקע פּלעצל־מעל האָט מען אַריינגעשיט טאָנענווייז אין מעטער־גרויסע קעסלען מיט הייס וואַסער, ווו זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע, זויערע קליסקעס. קיין נאַטירלעכע קאַרטאָפל האָט מען קיינמאָל נישט אַריינגעטון אין „עסן" אַריין. ס'איז אַזוי אויסגערעכנט, אַז די זופּ זאָל דער פאַבריק גאָר־נישט קאָסטן. צוויי מאָל אין וואָך צוגעמישט אַ קליין ביסל גריפּן, אָדער גע־זייערטע שאָלעכץ פון מייערן. מיטוואָך און שבת האָט מען דאָס קאַרטאָפּלמעל־וואַסער אָפּגעזיסט מיט צוקער. דאָס האָט זיך אין ל' גערופן דאָס זיסע עסן. (ל. סקאַרזשיסקאָ, מ. שטריגלער, אין די פאַבריקן פון טויט, ז' 189). זע: זופּ.

זיסער טויט — פאַר יעדער אַקציע פלעגן די דייטשן פונאַנדערטיילן מאַרמעלאַדע אָדער צוקער, האָבן מיר געזאָגט: אַט דערנענטערט זיך שוין דער ז"ט. (ס' אָזיעראַן, ז' 152).

זעבראַ — געשטרייפטע דרעליך־מלבושים פון די אינטערנירטע אין די ל', דערפון אויך די באַצייכענונג ז' פאַר די אינטערנירטע גופא.

זעלבסטשוץ — שטאַט זעלבסטשוץ, דייטשע אָרגאַניזאַציע אויף די אָקופּירטע מזרח־געביטן, אָנגעפירט פון שפּעטערדיקן קאָמענדאַנט פון בעלזשעצער אַרבעט־לאַגער, דאָלף, 1940. (ר"א, 396).

זעלבע ראַציאָן — ביים טראָגן געמיינזאַם אַ שווערע משא, האָבן יידן אַליין זיך אונטער־געטריבן, אַלע זאָלן גלייך צוהעלפן. „זיי באַקומען דאָך אַלע די זעלבע ראַציאָן". (קאַפּלאַן, ז' 42).

זעמליאַנקע — אין די וועלדער האָבן די פּאַרטיזאַנער און די מענטשן אין די משפּחה־לאַגערן געוווינט אין זעמליאַנקעס — אַ וואָרט אָפט באַנוצט. „ז׳ — אין ערד אויסגעהאַקטע בונקערס״. (ס׳ מאַרקושאָוו, ז׳ 287); אַן ערד־שטיבל. (ס׳ ביל־גאַריי, ז׳ 155). זומער האָט מען געוווינט איןביידלעך, ווינטער אין זעמליאַנקעס. (ס׳ סטאָלפּץ, עדות). געווען פּשוטע ז׳ און ז׳ „פּאַלאַצלעך״, פֿאַר יחסנים. (ס׳ זשעטל, ז׳ 325). ז׳ — בונקער. (ס׳ מלינוב, ז׳ 450).

זע נאַר, גרונם האָט אַ מצבה — ביי אַן אָפּוועזנדן שרייבט די ביוראָ צו Ab. דאָס איז אַ סימן פון עפּעס אַן אומגליקפאַל, ווייל די אָפּוועזנדע האָבן נישט באַקומען קיין זופּ, האָט מען עס אויסגעדריקט: זע נאַר... מעגלעך דערפאַר, ווייל די אותיות Ab זענען אַזוי טורעמאַרטיק ווי עפּעס אַ מצבה, אַ מאָנומענט נאָך דעם פעלגדן. (ל״ג, ג׳־לשון, 1013).

זעקס — וואָרן־צייכן פאַרן אָנקומען פון אַ דייטש. „פלוצים הערן מיר דאָס גוט באַקאַנטע אונדז וואָרט ז׳. יעדער פאַרשטייט, אַז עס דערנענטערט זיך אַן אויפזעער און מיר שטעלן זיך אויס צו פינף. (יאַנאָווער ל׳, ביי דער טויטן־בריגאַדע). אין דעם ל׳ באַצייכנט ז׳ דאָס אָנקומען פון קאָמענדאַנט געבאַוער; האַלב ז׳ — פון זיין פאַרטרעטער רעריק; זעקס, פליטה פון די רעדער — אַכטונג, אַנטלויפן פון טראַנספּאָרט, פון צוג. (א. וויעליטשקער, כ״י); שטעלן זיך אויף זעקס — אויף שמירה. (ר. קוויאַטקאָווסקי, פון לאַגער, ז׳ 104). פאַר דער מלחמה באַנוצט דאָס וואָרט ז׳ ווי אַ וואָרן־צייכן (אין שול, אַז דער לערער קומט); אין וואַרשע באַטייט עס „פּאָליציאַנט״; אַ „הויכער זעקס״ — העכערער פּאָליציי־פונקציאָנער; „אַזאַ זעקס״ — פּאָליציאַנט. (מ. זאַנשיין, ידיש־וואַרשע, ז׳ 31, 52). אַזוי ווי די דייטשן האָבן מיט דער צייט זיך געכאַפּט, וואָס באַטייט דאָס וואָרט, האָט מען עס אין טייל מקומות פאַרביטן אויף „זיבן״, „אַכט״, „ניין״. (קאַפּלאַן, ז׳ 11). טאָפּל־זעקס — אַ דייטש מיט אַ שטעקן. (ערליך, צום אייביקן זכרון, ז׳ 170). זעקס גדול — אני צועק, ז״א קצין ס.ס. (שטנדיק, פּלאָשוב, ז׳ 112).

זעקספּיסיקער — אַ דייטש מיט אַ הונט. (ב. מערין, ווילנ׳ פּנקס, ב׳ 4, ז׳ 37). זע: הונט אויף זעקס פּיס.

ז פּטאַשקעם — אַ דאָקומענט מיטן אָמטלעכן שטעמפּל, אַ דייטשער אָדלער. (רינגל׳, 1.11.1940). זע: פויגל.

זקן — טשערטשיל (וו״ג).

זשאָב — ידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. פּויליש: Żydowska Organizacja Bojowa.

זשיטאָס — ידישע געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער הילף אין וואַרשעווער געטאָ. ר״ת פון: Żydowskie Towarzystwo Opieki Społecznej (טנגבוים, דפים מן הדליקה, אַפּריל 1943, ז׳ 127. הערה של אַנטק צוקרמן: „אַכספּוזיטורה של הדזו׳וינט״).

חבֿרה קדישא — עס־עס. „ווילסט אפשר, כ'זאָל צו דיר רופֿן די ממזרים פֿון דער ח״ק — דאָס האָט ער געמיינט די ס.ס., וואָס פֿירן צום דערשיסן" (שטריגלער, אין די פֿאַבריקן פֿון טויט, ז' 231).

חבֿרים — באָלשעוויקן, רויטע אַרמיי. „די ח' זענען דאָ". (עדות ווילנע א״א. אין טייל ערטער: וואַנקאַ).

חגא — (קריסטלעכער יום־טוב). 1. „פֿאַרוואָס איז אַזוי שוואַך געפֿייערט געוואָרן דער ווייַנאַכט־יום־טוב? — ווייל דער קליינער (ישו) איז אין נאַזאַרעט, די מאַטקע באָסקע אין לאַזאַרעט, דער הייליקער יוזעף אין געטאָ, אויפֿן קרייץ אַ האַקנ־קרייץ־וועטאָ". (וו״ג, ר״א, זאַמלונג פֿון אַנעקדאָטן, נר' 65). 2. מ'האָט דאָס יאָר אָפּגעשאַפֿט די חגא פֿון טשעך קרולי [דריי קעניגן]. פֿאַרוואָס? ווייל זיי זענען אַנטלאָפֿן קיין לאָנדאָן. [האָלענדישע קעניגין, דער קעניג פֿון יוגאָ־סלאַוויע און נאָרוועגן]. (דאָרט, נ״ר 66). 3. „האָסט געהערט: אַנשטאָט די חגא „טשעך קרולי", האָט היטלער געוואָלט איינפֿירן אַ יום־טוב פֿון „פּיענטש קרולי" (פֿינף קעניגן): דעניִשער, בעלגישער, איטאַליענישער, רומענישער און בולגאַרישער. [זיי זענען געבליבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע]. 4. אַנשטאָט אַ גאָט, זאָל מען דינגען דעם טיִיול. — פֿאַרוואָס? — אַ טיִיול האָט הערנער, און ער איז פֿון פֿאַרנט אַ היט און צום סוף לער. וואַריאַנט: „אַנשטאַט הערנער, האָט ער בלויז אַ היט און אין גאַנצן לער". (דאָרט).

חדשים — ווי דאַרף מען ציילן די חדשים? יאַנואַר, פֿעברואַר... ליפּיעץ, שערפּיען אאַז״וו. (וו״ג, ריגג' 26.4.40). די חדשים יאַנואַר־יוני אויף דייטש; פֿון יולי — אויף פּויליש, ווייל מ'רעכנט, אַז ביז דעמאָלט וועט פּוילן שוין זיין באַפֿרייט.

חופּה־ישטוב — אויף מיאַדאָווע גאַס, ווו רומקאָווסקי האָט מסדר קדושין געווען. (ל״ג, קאַלענדאַר 1942, אַדרעסן, ז' 5).

חזיר, חזירימלער — צאַרישע גאָלדענע צען־רובל. (ר״א, 302, 9.12.40; שוואַרצבאַרדס גאָטיצן, מאַי 1941, א״א). באַנוצט אויך דעם פּוילישן אויסדרוק „סווינקי".

חזירל — „מחר יבֿוא אדון חדש המתעניין בביבליוגרפֿיה". (זלמן קלמנוביץ, רשימות בגיטו, ז' 93). צו דעם אַ הערה פֿון אַרויסגעבער: „ד״ר גוטהאַרד. האנשים שעבדו בייוו״אָ קראו לו „דאָס ח'" (חזירון), מפּני שהיה גוץ ושמן. קאַטשער־גינסקי: „מען האָט אַרעסטירט דאָס חזירל". (אונדזער מאָמענט, רעגענסבורג, גל' 16 (34), מיום 14.7.47).

„אין איינציקע בריוו איז אַפֿילו דייטלעך געשריבן, אַז דאָס ח' (רוסלאַנד) דער־נענטערט זיך און וועט אייך אין קורצן באַזוכן". (ל״ג, פֿראַנק, 10.4.1941).

זיר־שמאַליק — „די גבירים לאָזן זיך אויס, ס'וועט ווערן ביליק חזיר־שמאַלץ". (ר"א, 14.1.1942). ח"ש איז אַזוי פּאָפּולער אין די יידישע שטובן, אַז מען דערציילט, דאָס דער רב גוטשעכטער, ווען מ'האָט אים דערלאַנגט 25 גילדן נאָך אַ דין־תורה, האָט ער אויסגעשריען: „וואָס גיט איר מיר — אויף אַ 1/4 ק"ג סלאָנינע ?" (רינג').

חזן — היטלער. „דער הער Chasen האָט זיינע שענע שטימע פערלאָרן אונד זינגט איבערהויפּט ניכט מער, זאָנסט וויים איך ניכט מער צו זאָגען". (פון אַ בריוו געשריבן מיט לאַטיינישע אותיות, דייטשמעריש, פּאַריז 23.5.1942, אָנגעקומען אין וו"ג 2.6.42, ר"א, 1307).

חי — וואָרגצייכן צווישן די לעטישע און ליטווישע יידן אין ריגער לאַגער, במקום „אַכצן". (קאַפּלאַן, ז' 11).

חיות — „ליטווישע ח'" — אַזוי רופן ריגער יידן די ליטווישע יידן, וואָס מ'האָט צו זיי איבערגעפירט סוף 1942. (עדות, ייה"א, נר' 219). איך בין אַ פאַרווונדעטע חיה, אָבער אַ ח' לעבט בעסער פון מיר, ווייל איר פּלאַץ איז דער וואַלד און זי איז נישט קיין יידיש קינד. (האָכבערג העביא, יו"ש נר' 2867/122).

חיימאָווקע — ל"ג — געלט מיט דער אונטערשריפט פון חיים רומקאָווסקין. „די מעשה מיט חיימאָווקעס איז זיין איינפאַל" (רינג' 9.1940). זע: רומקי.

חיים גראָזני — „אַזוי רופט מען מרדכי חיים רומקאָווסקין, דעם יודענעלטעסטן אין ל"ג (רינגל' 8.11.1940). זע: רומקאָווסקי.

חיים־לעבן — „מ'שמועסט, אַז חיים פורמאַן (פירט די עגלה) מאַכט דאָס אמתע לעבן פון די טויטע". (ל"ג, אבי 41).

חימלאָך — געלט פון ל"ג. („מבין חומות ורשה", הוצאת הקבוץ המאוחד, ז' 65).

חיימס — „פון די אַלע ,חיים'ס' פון אונדזערע תפילות, ווי חיים של טובה, חיים של פרנסה, חיים שאין בהם בושה וכלימה" אאַז"וו, באַגנוגענען מיר זיך היינט מיט בלויז ,חיים' און טאָקע בזכות ,רב'—ראשי־תיבות פון ראָזענמאַן־באַראַש". (ביאַל"ג, רעדע פון ב. סובאָטניק, 29.6.42; נ. בלומנטאַל, דרכו של יודנראַט, ז' 221). הרב דר. גדליהו ראָזענמאַן — פּאָרזיצער, אינזש' אפרים באַראַש — וויצע־פאָרזיצער פון ביאַל' יודענראַט.

חיימקעס — באַנקנאָטן פון ל"ג. (זכרונות פון אינזש' הורוויץ, כ"י, 13.5.1942).

חילופין — טוישן זאַכן אויף עסנוואַרג אונטער דראָונג פון טויט־שטראָף. ריגער ג', אַ מייסטער אין הלכות ח' האָט מען אין ריגער ג' גערופן: חלופער, הילופער־קעניג. (קאַפּלאַן, ז' 23).

חיפוש — רעוויזיע, באַנוצט אויך דורך אַרעסטאַנטן פּאַלאַקן אין געפענגעניש פּאַוויאַק [זע]. (י"כ, די צען פון פּאַוויאַק, ייה"א).

חלב טבילה — בשביל חלוקת חלב מתוקנו אינסטאַלאַציות מחוץ לגיטו (ורשה). היו יוצקים חלב לתוך צינורות והחלב יוצא בגיטו. חלב זה נקרא בשם ח"ט, משום שהמיים היו מרובים בו מן החלב". (י. קורץ, ספר עדות, ז' 155). גערופן אויך אויף פּויליש święcone mleko (געשווענצלטע מילך).

חלבבוזע — „שיטערע זופּ, אין וועלכער זיך געפינען אַ גרויפּ, אַ פאַרפּוילטע קאַרטאָפל, אַ מערל, אַן אַרבעס. אין דער ח' האָט מען אויך אַריינגעלייגט שטיקלעך ברויט,

וואָס פלעגן געבן דער זופּ אַ ברוינע פאַרב". (שאַליט, ז' 69). ח' — מאָגערע זופּ. (דאָרט, ז' 150). „בוזע אָדער פּוזע מיינט אַ בויך פול וואַסער, אויך אַ צוזאַמענמישעכץ" (דאָרט).

חלה־נעמען — פון יעדן וואַרשטאַט פלעגן די אַרבעטערס ח"נ — צונעמען עפּעס פון מאַטעריאַל, קאָוונע. „די אַרבעטערס אין די גרויסע געטאָ־וואַרשטאַטן". (פל"ח נר' 8, יוני 1948). אין וו"ג האָט דאָס געהייסן ביי די טרעגערס אויפן אומשלאַג־פּלאַץ: נעמען אַ מיירע"; אין ל"ג — „חנה" (זע).

חלום — „אַ ייד לאַכט פון שלאָף. די פרוי וועקט אים אויף, דערציילט ער, ס'האָט זיך אים געחלומט אויפשריפטן אויף די ווענט: 'שלאָגט יידן, נידער מיט דער רי־טועלער שחיטה' וכדומה. — וואָס איז די שמחה? — וואָס הייסט, אונדזערע (פּאָלאַקן) זיינען געקומען". (רינגי' 23.10.1940). פאַר דער מלחמה זיינען אין פּוילן פאַרשפּרייט געווען אַזעלכע אויפשריפטן אויף די ווענט און אַז"וו. פאַ־ראַן וואַריאַנטן פון דעם ח'.

חמאה — פּוטער (קאַפּלאַן, ז' 22). דער דייטש זאָל נישט פאַרשטיין, ווייל פּוטער האָבן יידן נישט געטאָרט באַנוצן.

חמרים — „דאָס פּוילישע פּאַפּיר־געלט וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזט ליגט אָנגע־לייגט אין הויפנס ווי פאַרפּעצטע שמאַטעס: הונדערטער, פינפהונדערטער און פּופּציקער, פּופּציקער און פּופּציקער חמרים". (פּ. אָפּאָטשינסקי, דער שמוגל אין וואַרשעווער געטאָ, אָקט. 1941, ר"א, 52).

חנה — אַ באַצייכענונג פאַר „ביגלען" (זע) האַלץ, וואָס מיינט: מיטנעמען האָלץ אַ היים דורך די אַרבעטער פון דער סטאָלעריי. לויט איין ווערסיע, איז דאָס דאָזיקע וואָרט אַנטשטאַנען אין דער סטאָלעריי נר' 2, אויף דער רייטער־גאַס. דאָרט האָט געאַרבעט אַ מייסטער, וואָס פלעגט ספּעציעל צושניידן האָלץ־ברעטער, פאַרפּאַקן אין פּעקלעך און מיטגעבן עס זיין פרוי, בעת זי האָט אים געבראַכט מיטאָג. איינמאָל האָט מען זי געכאַפּט און ער האָט צו איר אויסגעשריען: „חנה, וואָס האָבן זיי מיט דיר געמאַכט?" פון דאַנען האָט זיך גענומען דאָס וואָרט „חנה" אויף צו באַצייכענען „געביגלט" האָלץ. אַן אַנדערע ווערסיע: אין דער סטאָלעריי האָט געאַרבעט אַלס רעווידענט אַ געוויסער לייטנער, וואָס איז געקומען אין ג' אַלס האַלב־ייד, האָט נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש. ווען ער האָט געהערט ווי די אַרבעטער רעדן וועגן „ביגלען" האָלץ און גערופן „חלה־נעמען", האָט ער נישט געוווּסט וואָס מע מיינט דערמיט. ערשט ווען ער האָט איינמאָל געהערט, ווי איין אַרבעטער דערציילט דעם צווייטן, אַז דער און דער איז אַריינגעפאַלן מיט זיין „חלה", איז אים קלאָר געוואָרן, וואָס מ'מיינט דערמיט. פון דעם וואָרט „חלה", האָט ער געמאַכט „חנה". פון דעמאָלט אָן ווערט דאָס וואָרט באַנוצט אויף צו באַצייכענען „ביגלען האָלץ". (זעליקאָ־וויטש יוסף, ג"ל).

חנהלע — „צייט צו מאַכן ‚חנהלעך', יאַטן... דער נאָמען ח' מיט וועלכן מ'האָט אָנגערופן די פאַרציעס האָלץ און שפּענער, וואָס די אַרבעטער האָבן יעדן טאָג אַרויס־געגנבעט פון רעסאָרט (זע), האָט טאַקע געשטאַמט פון זיי, די פּאַדמייסטערס אַליין. ווען זיי האָבן געזען די אַלטע מעבל־שטיקער וועלכע מען האָט אַריינ־

געבראַכט אין רעסאָרט איבערצואַרבעטן, און אין וועמענס שופלעדער מען האָט אָפט געפונען יידישע צייטונגען, סידורים, מחזורים, בריוו און פאָטאָגראַפיעס, האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט די פרויען וואָס האָבן זיי געפוצט און געהיטן. און יעדעס מאָל, פאַרן צענעמען זיי, פלעגן זיי מיט האַרצוויטיק זאָגן: זעט נאָר די רבקהלעך, די חנהלעך"... (ראָזענפאַרב, א בוים..., ב' 2, ז' 340). „די חנהלע־שעה אין רעסאָרט איז אויך געווען די צייט, ווען ,קאַטשקעס' זענען געבוירן געוואָרן". (דאָרט, ז' 344). „זעסט די ,חנהלעך' וואָס כ'האָב". (דאָרט, ז' 350).

חנוכה — „אַ סאָוועטישע חנוכה — אַלץ מיינט געווינס". אין ח' 1939, בימי היטלער־פריינדשאַפט, האָט אַ ייד אין ר"פ געמאַכט זיך אַ דריידל מיט פינף קאַנטן און אויף יעדן קאַנט אויסגעקריצט אַ רוסישע „ג". ווען מ'האָט אים געפרעגט: היתכן? איז עס ידיש — דאַרף זיין פירקאַנטיק; איז עס ווידער גוייִש — ווי אַ באַנק אָדער אַ ווירפל, דאַרף עס זיין זעקסקאַנטיק. און וואָס עפּעס בלויז ,ג'? ווער וועט געווינען און ווער פאַרשפּילן? — ס'טייטש, ענטפערט דער ייד, — וואָס פאַרשטייט איר נישט? פירקאַנטיק — מיר זענען דאָך עפּעס ביי די סאָוועטן! און וואָס שייך די פינף ,ג', זענען דאָס אונדזערע נייע גוטע פריינט: גיטלער, געבעלס, גערינג, געס און גימלער. ווער, ווו און ווען ס'וועט פאַלן, וועט דאָס אַלץ זיין מיין געווינס. (ר"א). „מען גיט איבער אַזאַ ווערטל, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס לעבן פון די יידן אין יענער זייט, די מאָדנע אנוסים: אַ ייִנגעלע פרעגט דעם פאָטער: טאַטושו, קיעדי שוויענטאַ כאַנוקאָווע? (פּויליש: טאַטעשי, ווען פאַלט אויס דער יום־טוב חנוכה?). דערויף ענטפערט דער פאָטער: ניע מוווי שיען כאַנוקאָווע, טילקאָ כאַינקאָווע". [מ'זאָגט איצט נישט חנוכה, נאָר כאַינקע (וויינאַכט־בוים)]. (פּ. אָפּאָטשינסקי, כראָניק 26.12.42, ר"א). „די הויפּטזאַך מיט וועלכער יידן האָבן זיך אויסגעקויפט פון די דייטשן איז געווען — גוטע פלעשער וויין. דער איינציקער וואָס האָט ביי אונדז גע־האַט וויין, איז געווען שמואליק גליקליך. די גמינע (יודענראַט) האָט נישט גיך געצאָלט און ר' שמואליק האָט אויך נישט גיך געגעבן. אַז מ'האָט אָנגע־הויבן שרייען געוואָלד און ס'האָט נישט געהאָלפן, האָט מען אים באַצאָלט פאַרן לעצטן פלעשל. ביים צווייטן מאָל האָט זיך ר' שמואליק אויפגעשטעלט און געזאָגט: כ'גיי זען, אפשר וועט זיך נאָך געפינען אַ פלעשל. און יעדעס מאָל איז געשען אַ נס, אַז אַ פלעשל האָט זיך געפונען... אין משך פון דריי יאָר. ביי אונדז האָבן יידן געזאָגט: דאָס איז אונדזער נס פון חנוכה". (סטאַשיוו, שמחה ראַטענבערג).

חתונה — (1) „אַ שרעקלעכע חתונה", פאָרגעקומען אין טאַרנע. פון אַ בריוו, אָנגעקומען קיין פּיאָטרקווו טריבונאַלסקי 1942. (י. קורץ, כ"י 311). „כך קראו לפעולת ההשמדה". (א. אונגר, זכור, ז' 124); „אצלנו היתה ח', המחותנים (די עס־עס) יבקרו גם אתכם, הזהרו שלא תתקררו. עליכם להתחתן מיד עם הדודות „עבודה" (אַרויסבאַקומען „אַרבעט־קאַרטן") ו„מרתף" (פאַרבאַהאַלטן זיך אין קעלער). את המילים „חתונה", „עבודה", כותבים עברית בכתיב לאטיני" (דער בריוו איז געשריבן דייטש. י. קורץ, ז' 170); בריוו פון זאַוויערציע, צווייטע

העלפט 1942: „ביי אונדז איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע ח׳ פֿון עטלעכע טויזנט מענטשן. אויסער מיר און... איז די גאַנצע משפּחה מיטגעבעטן געוואָרן — איך בין גליקלעך דאָס איר אַלע אָרבעט. נאָר דורך אַרבעט קאָן מען לעבן. זאָלן מיר האָפֿן, דאָס מיר וועלן זיך נאָך זען אין לעבן״ (ס׳ זאַווערציע, ז׳ 173); „אַ טרויעריקע ח׳״. (דאָרט, ז׳ 256, 315; ס׳ זבאַריוו, ז׳ 88; ס׳ פּשייטש, ז׳ 93). „טאָג־טעגלעך קומען צו נייע פּנימער״ (עס־עס־לייט); פֿאַראַן לצנים וואָס זאָגן: „ס׳פֿאָרן זיך צונויף די מחותנים, מסתמא וועט באַלד פֿאָרקומען די ,חתונה׳, דאָס מיינט — אַ פֿרישע אַקציע״. (ס׳ מעזריטש, זאַמלבוך, בוענאָס־איירעס, ז׳ 530). „ס׳איז אַ ח׳ אין וואָלאָשטשינצע״. (קעניגסבערג מאַריאַ, ייה״א, עדות נר׳ 452). „ביי אונדז האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז אויך אין זאַמאָשטש דאַרף פֿאָרקומען אַזאַ ח׳״. (ס׳ זאַמאָשטש, ז׳ 948). (2) באַפֿרייונג. „די יידן אין געטאָ זענען געווען זייער צוגעשלאָגן, זיי האָבן גערעדט: „וואָס טויג אונדזער לעבן, אַז מיר וועלן סיי ווי נישט טאַנצן אויף דער ח׳. די לעצטע ידיעות געבן מוט און גלויבן, אַז מיר וועלן אפשר דערלעבן צו זיין עדות פֿון דער גרויסער ח׳ וואָס וועט זיכער פֿאָרקומען״. (ל״ג, יעקב הילער, יאַנואַר 1944). (3) „די קאָמאַנדע (זע) געלט־פֿעלשער אין זאַקסענהאַוזען (בלאָק 19) רופֿן אַזוי די באָמבאַרדירונגען פֿון דער שטאָט בערלין״. (ר. רייזער, דער אומקום פֿון ביאַליסטאָקער יידנטום, ז׳ 295). „פֿון די קליינע ישובים אין ג״ג קומען אָן נייע ידיעות וועגן ח׳. פֿון דעם איז צו זען, אַז כמעט אַלע יידישע צענטערן זענען ליקווידירט״. (ל״ג כראַניק, ב׳ II, ז׳ 522).

—פֿאָסטקאַרטל מיטן סטעמפּל 23.1.43 איז אָנגעקומען פֿון ביטשוטש קיין האָלאַנד, געשריבן מיט לאַטייניש אותיות: „איך בין געווען ביי צוויי חתונות און בין דורך צופֿאַל נישט מיטגעגאַנגען״. (פּאָטאָקאַפּיע, ס׳ האָראָדענקע, ז׳ 336). באַרשטשיוו, שמחת תורה, האַלב פֿיר פֿאַרטאָג, קלאַפּט יהודה נאַכט אין פֿענצטער: „קינדער, שטייט אויף! די ח׳ הייבט זיך אָן״. (ס׳ אָזיעראַן, ז׳ 469).

חתונה־קאַרטן — (1) דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס באַצייכנט די קאַרטן, וואָס ווערן צוגעשטעלט צום אַרויסשיקן, האָט שוין היגטער זיך אַ היסטאָריע פֿון די ערשטע גרויסע „ווישעדלעניע״ (זע) ביי די זאַשילקאָווצעס (זע). פֿאַרוואָס ס׳הייסט „חתונה־קאַרטן״, איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, ווען מע פֿאַרגלייכט די פֿאָלקס־אויסדריקן: „מען האָט אים חתונה געמאַכט״, וואָס באַדייט אַן אויסדרוק פֿון אַ שלעכט לעבן מיט עפּעס אַ שלאָק, אַ צרה. „ער וועט דאָס האָבן אַ חתונה״, וואָס מיינט דערמיט אַן אָנזאָג אויף עפּעס שלעכטס. „ס׳איז יענע חתונה״, „ס׳איז יענץ שפּיל״. טייל גיבן צו: „ס׳איז יענע פּורים־שפּיל, וואָס דאָס אַלץ באַדייט אַ פֿאַרנעם פֿון עפּעס אַן אויסטערליש בייז געשעעניש״. „ח״ק איז, ווייל אין געטאָ גייט יעדעס וויכטיק אַרטיקל ווי דערהבער. צו די דאָזיקע ראַציע (זע) פֿון אַרויסשיקן, האָט דאָס פֿאָלק באַשטימט דעם לשון פֿון ח״ק. זיי זענען אַן אָנזאָג פֿון אַריינפֿאָר פֿון דעם יונגן פּאָר צו אַ ניי נאָר אומבאַקאַנט לעבן. אָפֿט נעמט אָן דאָס פֿאָלק אַ נאָמען אויף עפּעס אַן אָביעקט אָדער געשעעניש, גלאָט אין דער וועלט אַריין, בבחינת ניבא ואינו יודע מה ניבא. אָבער דאָס פֿאָלק איז נישט אַזוי פּשוט, און יעדעס וואָרט זייגס האָט אַ טיפֿן מקור און

גיט אַ סך פאַרשונג־מעגלעכקייטן פאַר דעם חוקר פונעם פאָלק־לשון. אַן אומאַנער חסיד, וועלכער האָט באַקומען אַזאַ קאַרטע, האָט זיך גאָר געשטעלט טאַנצן. ווען מען האָט אים געפרעגט: לשמחה זו מה עושה? האָט ער געענטפערט בתמימות: אויב ייִדן רופן עס ח״ק, מסתמא דאַרף מען דערביי טאַנצן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ בטחונדיקער אויסדרוק פון אַ ייִד אַ מאמין, אָבער עס שטיצט זיך ברמז אויף דעם פאָלקס־נאָמען. (ל״ג־לשון, 1001). „כ׳האָב אַ ח״ק, אַלע שטאַרקע גייען״. (ראָזענפאַרב, ב׳ 2, ז׳ 388). (2) „איך האָב שוין אַ ח״ק, ד.ה. איינלאַדונג אין די קאַרייוויגס (קאַסערן), ווידער אין מיליטער״. (ליטע, ווילנע, 1939. קאָנקורס פאַר באַטייליקטע אין דער מלחמה. ענטפער 18).

חתן — דער ח׳ (היטלער) איז געהרגעט געוואָרן (ל״ג, אוישוויץ; ר. קוויאַטקאָווסקי־פינחסיק, פון לאַגער צו לאַגער, ז׳ 134).

ט

טאָברוק — „ס'וואָלט שוין גאָר גוט געווען, ווען ט' וואָלט געלעגן היינטער וואַרשע" — זאָגט מיין פריינד מ. קאָן. (וו"ג, ה. וואַסער, נאָטיצן, 28.1.41, נאָך דעם, ווי ט' איז דעראָבערט געוואָרן דורך די ענגלענדער).

טאָג — צווישן די דייטשן מיט די וואַלד־מענטשן איז פאַראַן אַן אָפּמאַך: „דער ט' געהערט די דייטשן, די נאַכט די פּאַרטיזאַנער". אין ג' מינסק איז דאָס געווען די איינציקע חכמה, וואָס מ'פלעג שטענדיק מיט הנאה איבערחזרן. (הערש סמאָליאַר, יידן אָן געלע לאַטעס, ז' 48). „מיר האָבן אין טערעזיענשטאָט אָנגע־רופן די טעג לויטן מאכל, וואָס מיר האָבן באַקומען. למשל, היינט איז דער „הירזע־ (הירש) טאָג", „קניידל־טאָג" אאַז"וו. (מרדכי אַנסבאַכער, אויפן אייכמאַן־פּראָצעס, פראָט' נר' 38, ז' 22). פרויען־טאָג, קינדער־טאָג, לויט דעם וועמען מ'האָט דעם ט' גענומען בעת אַן אַקציע. (ס' קיטעווו, ז' 107 א"א).
ט' פון רבנים — ווילנע, 13.7.41, צוגענומען אַלע רבנים. סיני, אייר תש"כ.
ט' פון ליטווינער — לויט דעם ווער ס'האָט אַדורכגעפירט די אַקציע.

טאָג־היים — לאָקאַל, ווו עס פלעגן זיך אויפהאַלטן די קינדער אין ווילנער ג'.

טאָגעסראָום — טייל פון בלאָק, ווו די העפטלינגען (זע) האָבן זיך געמעגט געפינען אין משך פון טאָג. באַצייכנט אויך דעם ממונה איבערן ט'. „לייביש איז טאָגעסראָום". (ייה"א, עדות נר' 102).

טאָג־פּאַראָל — היינטיקער ט"פ: רוזוועלט — אייל זיך, היטלער — הייל זיך, פּאָלאַקן — גרייט זיך, דייטשן — פּאַקט זיך, יידן — נישט געזאָרגט זיך. (ר"א מיטעלמאַן, כ"י, אָנהייב 1942).

טאָט, אָטע — Organisation Todt — O.T. די אַרבעט־אָרגאַניזאַציע. „די טאָט־לייט שלאָגן מיט נאַגייקעס" (וויל„ קרוק, 19.12.42). „זיי ווילן דאָ אַרבעטן אין „אָטע' ביי דער באַנסטאַציע". (דאַרט, יאַנואַר 1943). „ביז ענדע 1940 געווען באַשעפטיקט ביי דער אָרגאַניזאַציע „טאָט', דייטשע בוי־אָרגאַניזאַציע. געטראָגן ציגל. די שאַפערן געווען אָטע־לייט". „אָ'־ישע לייט" געווען לייכט צו דער־קענען: רויטע בענדער מיטן האַקנקרייץ אויף די אָרעמס". די נישט נייטיקע צו אַרבעט יידן, איבערגעגעבן דער עס־עס. (ס' טאָמאַשוור־מאַז., ז' 435). „לא ידענו מה פירושן. רבים חשבו: פירושן מוות". (ס. טוטשין, ז' 287). זע: טויט.

טאָד(ט)ניק — אָנגעהעריקער פון דער אָרגאַניזאַציע Todt. „די יידן ווערן דורך די דייטשע טאָדניקעס אויסגענוצט אויפן העכסטן אופן". (מ. באַלבערישסקי, שטאַרקער פון אייזן, ז' 22, 32). „טאָדט־לייט אַרויסגעפירט 150 יידן קיין באַריסאָוו". (ס' איוויע, ז' 485).

טאָטאַלע שחיטה — לעצטע אַקציע, יידנריין (זע). (ר. רייזער, אומקום..., ז' 83; ס' סוקל, ז' 313).

טאַטן־קאַמף־טרופּן — „מערץ 43 אָנגעקומען דייטשע זעלנער פון ט. ק. ט., וואָס זיך אויס־געצייכנט מיט זייער אכזריות אַנטקעגן יידן". (ס' רדומסק, ז' 352).

טאַטואַציע — מען הייבט אָן די טאַטואַציע. יעדער באַקומט זיין נומער. פון דעם מאָמענט, האָסטו דיין איך פאַרלוירן. דיין מענטש איז אין אַ נומער פאַרוואַנדלט געוואָרן. דו ביסט נישט מער דער, וואָס אַמאָל געווען. דו ביסט היינט אַ גאָרנישט זאַגנדער, אַ גאָרנישט ווערטיקער, באַוועגלעכער נומער. (ב. מאַרק, מגילת אוישוויץ, ז' 334, עדות גראַדאָווסקי).

טאַטע — זומער 1943 נעמט גזשימעק איבער די השגחה איבער די לאַגערן אין באָלעכאָוו. האָלט גוטע רעדעס צו די יידן און פאַרענדיקט זיי: „איך בין אייער פאָטער, איך וועל זאָרגן פאַר אייך". דערפון דער צונאָמען: טאַטע. (ס' בוליחוב, ז' 140, 3־332).

טאַטע, דו לאַכסט — באַקאַנט ווערטל פון פאַר דער מלחמה, אָפט באַנוצט, אָפּגעהיט זיך אַ פאַטאָמאָנטאַזש מיט דעם אויפשריפט, געמאַכט אין ל"ג פון פאָטאָגראַף גראָסמאַן, וואָס שטעלט פאָר רומקאָווסקין, ווי ער באַוווּנדערט זיין געטאָ. רעפּראָדוצירט אין אַלבאָמען נאָך דער מלחמה. אגב, אין 1931 דערשיינען אַ בראָשור א.נ. „טאַטע, דו לאַכסט". „די וויכטיקע דערציילונג און די שוידער־לעכע טראַגעדיע, איז נייטיק צו לעזן פאַר אַלע פאַרהייראַטע מענער און פרויען..., באַארבעט פון עליכם שלום". (בילגאָריי, ז' 32, אויף פּויליש: Tato śmieje się. Opowieść מחבר הרב ש. קאָלער ?).

טאַטע, משיח איז אין גאַס ? — משיח איז אין יאָש ? — כ'האָב געזאָגט: ס'איז מיר אין די שיך נאָס. — פון דעם האָט זיך גענומען דאָס ווערטל. (בריקס, פּאַפּירענע קרוין, ז' 9; אויך אין וו"ג טייטשט מען ענלעך ווי עס אַנטשטייען „קאַטשקעס").

טאַטענהאַפן — דייטשן געענדערט דעם נאָמען „גדיניאַ" (פּאָרט אויפן באַלטישן ים) אויף גאָטענהאַפן. „ג' הייסט היינט טאַטענהאַפן, דאָרט איז שטיל, ס'איז נישט פאַראַן קיין שום באַוועגונג". (רינגל', מערץ 1940).

טאַטענקאָמאַנדאָ — עס־עס־לייט, וואָס פירן אַדורך אַקציעס. (ביטשוטש, עדות, יו"ש).

טאַלאָן — אַ קוויטל צו באַקומען אַ זופּ אין דער קיך, אָדער צוטייל פון פּראָדוקטן; אָביעקט פון באַמיונגען, פּראָטעקציע, קנאה־שנאה. (ל"ג).

שטענדיק אַ ווימוווקע (אויסרייד), / דאָרט אין טאַלאָנוווקע, / אַ טאַלאָן, אַ טאַלאָן... / אַ דאָקטער איז אַן אויפטוער, / מיטן רויטן היטל, / שטופּסט אים אונטער 5 מאַרק, / באַקומסטו טאַלאָן־קוויטל... (הערשקאָוויטש, ל"ג); ס'לעבן דערעסן / און איר האָט פאַרגעסן / צו געבן אַ טאַלאָן, אַ טאַלאָן! (ל"ג, י. הערשקאָוויטש).

כ'טייל טאַלאָנען אין בייראַט, / ביי מיר איז היינט יעדער זאַט. (ד. זיסמאַן, רומקאָווסקי, ל"ג).

אַז אונדזער פּרעזעס (זע) וויל, / אוי, אוי, אוי, אַז ער וויל. / אַלץ גייט מיטן פּרעזעס' כוח; / ער לייגט די האַנט אויף אייך, / ווערט איר געהאָלפן גלייך. / אַז אונדזער פּרעזעס וויל, / שיסט אַ טאַלאָן גלייך. (ל"ג, מינכען נר' 599/140).

„מען האָט אָנגעהויבן געבן ביי דער אַרבעט אַ טאַלאָן, „לאַנג". ס'איז געווען אַ ספּעציעלער צוגאָב: ½ ק"ג מעל, 2 ק"ג קאַרטאָפל, 1 ק"ג בוראַקעס און

1 ק״ג מערן, ווינטער 1943/44. (ל״ג). אויף אַ קאַריקאַטור פון ל״ג, 1944: צוויי קליינע קינדער שפּרייזן מיט לאַנגע טריט, דערביי אַן אויפשריפט אויף פּויליש: „אויך מיר האָבן לאַנג". „רו־טאָג אין געטאָ (קעפּל).. זיי נעמען אָפּ אין די באַקליידונג־אָפּטיילן, אויף די פּאָר זיי צוגעטיילטע טאַלאָנען: אַלטע שיך, הילצערנע טרעפּעס, אַלטע מלבושים און וועש". (געדרוקטע בלעטלעך פון אַ לערנביכל (וואָס איז נישט דערשינען) פאַרן דריטן קלאַס. ל״ג). זע: באָנע, לאַנג־קאַרטן.

B. W. K. — ברויט, וורשט, קאַווע. (ל״ג, טרונק, ז׳ 109). זע: בייראַט, צוטיילונגען, טאַלאָנען — פאַר אַרבעטנדיקע שווער.

טאַלעזשיקי זאַ גאַלגאַני (פּויליש) — טעלערלעך פאַר שטאַמעס (זע). „פאַר דער מלחמה אויסרוף פון שמאַטע־הענדלערס, בעת ר׳איז אַריינגעקומען אין הויף אויפקויפן שמאַטעס פאַר טעלער, קיך־זאַכן פון פאַיאַנס. אין ל״ג באַטייט דאָס זעלבע וואָס „טשאַפּקאַ זאַ קאַפּעלוש" (זע). (ל״ג ענצ׳, די פּאָזיציע געשריבן אויף פּויליש).

טאַנק — פון דראָהיטשין אַנטלויפט מען נישט, ווען די דייטשן דאַרפן אַריינקומען, ווייל „דער דייטש מיט זיינע טאַנקען וועט אונדז פאַרלויפן דעם וועג און אָנקומען קיין מינסק פאַר אונדז". (ס׳ דראָהיטשין, ז׳ 288). דאָס זעלבע אין לוצק: „טאַנקן פאָרן גיכער, ווי מיר גייען". (עדות).

טאַס — ראשי־תיבות פון „טעלעגראַפן אַגענטור סלאָבאָדקאַ", ג׳ פון קאָוונער יידן. זע: זשיראַפּאַ, טאַש, יי.וו.אַ., פּ.י.פּ.

טאָפּאַראָל — (פּויליש). קיצור פון: Towarzystwo Popierania Rolnictwa — געזעלשאַפט צו אונטערשטיצן לאַנדווירטשאַפט אין וו״ג. מ׳האָט אויסגענוצט יעדעס שטיקל פרייע ערד, כדי צו פאַרזעצן גרינוואַרג. „ס׳איז פאַרבאָטן דער געזעלשאַפט ט׳ אַהינצושיקן (אויפן בית־עולם אויף אָקאָפּאָווע) מענטשן צו דער אַרבעט". די געכאַפּטע ווערן דערשאָסן. (מ. אָפּאָטשינסקי, ר״א, נאָטיץ 18.12.1942). זע: דזיאַלקאַ.

טאַק מאָגילאַ אי טאַק מאָגילאַ — (פּויליש: „אַזוי אַ קבר און אַזוי אַ קבר" — סיי ווי טויט). „זייער אָפט קאָן מען הערן דאָס ווערטל אין ל׳ פּלאַשוו, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן שטאָט צו באַגראָבן די קרבנות, פאַרשיטן זיי מיט באַגערס, האָט מען געענדערט דעם שפּרוך אויף: „טאַק באַגער אי טאַק באַגער". (מ. ווייכערט, כ״י, ז׳ 232).

טאַק פּיאַדאָר אי טאַק פּיאַדאָר — פּיאַדאָר, בערגל הינטער ביטשוטש, וווּ מ׳פלעגט שיסן און באַגראָבן די קרבנות.

טאָר־וואַכע — המשמר של המשטרה היהודית על יד השער. (קאָוונע, לוריאַ אסתר, כ״י, ז׳ 86). „ביי דער טיר (פון בלאָקן) שטייען אַ גאַנצן טאָג היטערינס, מען רופט זיי ט״וו — אושוויץ. (ר. קוויאַטקאָווסקי, פון לאַגער, ז׳ 119). „איך ווייס נישט, אויב די ט״וו איז אַ בלאַטע". (דאָרט, ז׳ 121). זע: טויער, טויער־דינסט.

טאַרבע — „מ׳דערציילט וואָס דאָרט איז געווען. אין ג׳ האָט די ט׳ געשפּילט אַ גאַנץ אַנדערע ראָל. זי איז געווען דער סימבאָל פון יידישער צייטווייליקייט. יעדער, וואָס איז אַרויס אין גאַס, איז נישט געווען זיכער, צי מ׳וועט אים אין דרויסן

נישט כאַפּן און „ערגעץ אַוועקפירן", האָט מען מיטגענומען אַ ט׳, דאָרט אַריינ־געלייגט דאָס סאַמע נויטווענדיקסטע. איז מען געגאַנגען אָנגעטון די ט׳ און דערווייל געאַרבעט, דערווייל געזוכט אַ שול פאַרן קינד, דערווייל געשאַפּן אַ ביבליאָטעק, געשפּילט טעאַטער, דערווייל געהערט אַ נייעם וויץ, דערווייל געטרייסט אַ שכן, דערווייל געוואַרט אויפן פרילינג. און אויך איצט, נאָך דעם ווי איך האָב אייך דאָס אַלץ דערציילט, ווייסט איר נאָך אַלץ נישט דעם פולן טייטש פון דעם וואָרט ט׳ אין ג׳". (ב. שעפּנער, נאָוואַליפּיע 7, ז׳ 220). פאַר־גלייך די צייכענונגען אין אַלבאָם פון אסתר לוריאַ (קאָוונע).

טאָרף האָט זיך אייך פאַרוואָלט — אין די טאָרף־לאַגערן אַרום שאַוול, האָבן יידן ביי אַ שווערער אַרבעט זיך צוגעגעבן קוראַזש: „טאָרף האָט זיך אייך פאַרוואָלט..." דאָס ווערטל איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קאַלאַנען־פירער (זע), וואָס פלעגט ביים וועקן צו דער אַרבעט שרייען: „ט"ה, חברה אויפשטיין!". (קאַפּלאַן, ז׳ 43).

טאַש — ראשי־תיבות: טעלעגראַפן־אַגענטור שער. שער, אַ שאַוולער ייד וואָס אַרבעט אויף דער אַרישער זייט און פאַרזאָרגט דאָס ג׳ מיט נייעסן. (שאַליט, ז׳ 164).

טבח — ט׳ האינטליגנציה תשעה באב תש"א. (ס׳ איוויע, ז׳ 556). זע: שחיטה.

טו אים די שוואַרצע הענטשקעס — „אַזאַ ווערטל איז אומגעגאַנגען ביי אונדז. געמט זיך דערפון, וואָס אַ וויצלער פון די אויספירער האָט איבערגעגעבן, אַז די דאָר־פישע באַפעלקערונג האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס די פּאַרטיזאַנער טראָגן שוואַרצע הענטשקעס" (אַזוי שמוציק זענען זייערע הענט). (רייך, וואַלד, ז׳ 327).

טוואַרדע — האַרטע (זע).

טוטס־עפּעס — אויף יאַקובאַ 16 (זע) נאָמען פון אַן אויפזעער, עלטערער פאָלקס־דייטש, האָט אויך גערעדט יידיש; אַליין נישט געיאָגט ביי דער אַרבעט, נאָר טאָמער האָט ער דערזען אָנקומען אַן אַנדערן דייטש, פלעגט ער זיך בעטן: טוטס עפּעס! (קאַפּלאַן, ז׳ 43).

טוטשקעס — שמוגלער טראָגן אויף די פּלייצעס קעסטעלעך, גייענדיק איינגעבויגן אין די קאַנאַלן פון ג׳ אויף דער אַרישער זייט און צוריק. (י. סמאָקאָווסקי, ייה"א, עדות ז׳ 7). **טוטשקאַזש** (פּויליש): Tuczkarz, — אַ שמאָטע־אויפקויפער, וואָס גייט איבער די וואַרשעווער הייף. (ר"א, ק. ווינקלער, דאָס געטאָ קעמפט קעגן ווירטשאַפטלעכער פאַרשקלאַפונג. בלפ"ג, ב׳ I, 1948).

טויגער — הענדלער, שמוגלער. „כלערליי טויגער ווילן לעבן, אַריינכאַפּן וואָס עס לאָזט זיך". (ר"א, אַפּאַטשינסקי, כ"י, 10.12.42).

טויט — „גאַנץ נאַטירלעך — פאַרוואָס קען די בעסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס דייטשלאַנד פאַרמאָגט, נישט אָרגאַניזירן, מ׳זאָל קאָנען לעבן פון אַרבעט? — ווי אַזוי זאָל מען לעבן, אַז די אַרבעט אָרגאַניזירט דער טויט". (ר"א). זע: טאָט. „טויט שרעקט נישט, בעסער ווי הונגער־טויט". (וו"ג, אונדזער וועג, דעצעמבער 1941). „ז. א. גייט מיט אַן עדה יידן צום טויט. אויף איין זייט גייט זיין פרוי, אויף דער צווייטער — זיין פינף־יאָריק יינגעלע. דאָס קינד פרעגט: וווהין פירט מען אונדז, טאַטע? — ער ענטפערט: מען פירט אונדז אויף אַן אָרט, ווו מיר וועלן זיך אַלע לייגן שלאָפן; ווען מיר וועלן אויפשטיין, וועט זיין אַ נייע וועלט. ס׳וועלן נישט זיין קיין מלחמות. קיינער וועט שוין נישט זיין פאַר־

זאָרגט און טרויעריק״. (צעלעמענסקי, ז׳ 93). „אין תּפיסה. עמעץ דערציילט, אַז דאָס דויערט אַ טייל פון אַ סעקונדע און טוט בכלל נישט ווי. אַן אַנדער גיט צו, מ׳הערט אַפילו נישט דעם שאָס, ווייל די קויל דערהרגעט גיכער, איידער דער קול דערגייט צום אויער״. (ביטשוטש, יו״ש, וויזינגער, כ״י, ז׳ 65). בעת אַן אַקציע: „עס הערן זיך שטילע קרעכצן פון פרויען, מיט אַרויפגעהויבענע אויגן צום הימל, זיי בעטן: גאָטעניו, אַ לייכטן, לייכטן טויט, די קויל זאָל טרעפן״. (דבורה ראַקאָוויטש, ס׳ מיר, ז׳ 627). זע: יידישער טויט, לוקסוס־טויט, צדיק. טויט קומט פאָר אין יענער צייט ווי אַ מין פּרעפיקס, וואָס מ׳ווענדט אָן כמעט צו יעדן סובסטאַנטיוו. זע: יידן.

טויט־בריגאַדע — 1) ט״ב קומט צום יודענראַט און הייבט אָן די אַקציע. (פּסח קאַפּלאַן, דער חורבן ביאַליסטאָק, כ״י). אויף אַן אַנדער אָרט אין זעלבן כ״י — מאָרד־בריגאַדע (זע). 2) די בריגאַדע יידן, וואָס פאַרברענט די מתים נאָך אַן אַקציע, אַמטלעך באַצייכנט דורך די דייטשן 1005. (Z. Wieliczkier: Brygada śmierci).

טויט־געסל — אָסטראָווסקאַ־גאַס, וו״ג. „פאַר יעדן טויער — אַ טויטער״ (ר״א, 29, 22.6.1942).

טויט־זאָגע — „אַרום געטאָ שטעכל־דראָט; אַ שטח פון צוויי מעטער פאַרן דראָט — אַ ט״ז; ווער ס׳דערנענטערט זיך, ווערט געשאָסן אָן אַ וואָרענונג״. (קאָוונע, יעלין, ז׳ 20).

טויט־טראַנספּאָרטן — טראַנספּאָרטן יידן, וואָס גייען אויף טויט (טויט־ל׳). („אונזער וואָרט״, פּאַריז, 15.9.1943). פּויליש: Transport śmierci.

טויט־לאַגער — „ט״ל בעלזשעץ״. (וו״ג, אַפּאַטשינסקי, כראַניק, 9.7.1942, ר״א, 1300).

טויטן־אַבוז — אַזוי ווערט באַצייכנט אין אַן עדות אויפגענומען אין וואַרשע, 1941, דער אַרבעט־לאַגער אין דאָרף פּאַמיעכוּוועק, וווּ אַ גרויסער טייל יוגנט, געשיקט אַהער אויף אַרבעט, איז פאַרמוטשעט געוואָרן אויף טויט, אָדער צוריק געקומען שטערבלעך קראַנק, אויסגעמוטשעט. „דער ציל פון די אַבאָזן איז געווען צו פאַרפייניקן און פאַרקריפּלען געזונטע יידישע יונגעלייט״. (ר״א, 379, 374). דאָס איז אפשר דער ערשטער פאַל פון באַנוצן זיך מיטן נאָמען ט״אַ, שפּעטער באַנוצט טויטן־לאַגער.

טויטן־באַראַק — וווּ ס׳געפינען זיך די אויססעלעקציאָנירטע צום טויט. (וויינבערג, ז׳ 55).

טויטנבלאָק — בלאָקן אין די ל׳ וווּ מ׳האָט צונויפגעזאַמלט די באַשטימטע צום אומברענגען. גוזען — דער 15טער בלאָק. דער יידישער בלאָק איז דער ט׳. (ספר סקיערנעוויץ, ז׳ 511; פריוועס, אין רויך, ז׳ 163 א״א).

טויטן־בריק — (פּויליש: Most śmierci). די באַן־בריק אין לוואָוו, זשולקיעווסקאַ־גאַס. אונטער דער בריק האָט געפירט דער וועג אין ג׳. בעתן איבערגיין אַהין, זענען פיל יידן געהרגעט געוואָרן. (M. R. Frenkel, To jest morderstwo, ז׳ 85). „בשעת מ׳האָט זיך באַדאַרפט איבערציען אין ג׳ ביי דעם טרויעריק באַרימט געוואָרענעם ,טויטן־בריק׳, זענען אומגעקומען אַ סך יידן. דעסגלייכן דערנאָך, ביי דער גרויסער אויסזידלונג מערץ 1942״ — דערציילט אין וו״ג אַן אַדוואָקאַט פון לוואָוו, וואָס אים איז געלונגען אַריבערשמוגלען זיך קיין וואַרשע. (ר״א, 30.6.42, 1307). עס ווערן אויך באַנוצט אין יידיש און אין פּויליש:

טויטן־צעלע (אין אַ ל׳, געפענגעניש) Cela śmierci. **טויטן־וואַנט**, Ściana śmierci אין אוישוויץ, פֿאַר וועלכער מ׳האָט געשאָסן הונדערטער העפטלינגען, אאַז״וו.

טויטן־גירוש — גאָט האָט אונדז אויך מיט מילדער האַנט געשיקט אַ צווילינג, אַ טויטן־גירוש מיט אַ פרילינג. דער גאָרטן בליט, די זון לייכט און דער שוחט שעכט. (ב. ש. שאַיעוויטש, פרילינג תש״ב, ל״ג, כ״י, בוך־פאָרם, ז׳ 60).

טויטן־גלייזן — אויף דער באַן־סטאַציע אין קאָלאָמיי שטייען בהמות־וואַגאָנען אויף אַ ט״ג, אונטער דער שטרענגער השגחה פון געסטאַפּאָ. (ס׳ טאַרנאָבזשעג, ז׳ 325).

טויטן־געטאָ — „אַפּריל 1942 ווערן אַלע יידן פאַרשפּאַרט אין צוויי געטאָס: אַ „לעבע־דיקן" ג׳ און אַ טויטן. יידן מיט אויסווייזן (זע) גייען אין ל״ג אויף אַרבעט, אין צווייטן — באַשטימטע צום טויט. (ס׳ זאַמאָשטש, ז׳ 980/1). זע: געטאָ.

טויטן־גרוב — מאַסן־קבר. (ס׳ לודמיר, ז׳ 536).

טויטן־הויז — „אַך, די ג׳ איז אַ טויטן־הויז, טאַקע דאָסטאָיעווסקיס, אינעם פולן זין פון וואָרט. — עי, ס׳איז נישט אַזוי געפערלעך, ס׳איז נאָך פאַראַן אַ בית החיים אויך". (ל״ג, כ״י, 1941). „דאָס פאַרמעגן וואָס איז געבליבן אין די ט״ה (אַלע אַרויסגעשיקט קיין טרעבלינקע), זאַמלט די ווערטערפאַסונג" [זע]. (אברהם לעווין, 10.11.1942, בפ״ג, ב׳ ה׳ 3־2).

טויטן־וואַלד — וואַלד, ווו דורכגעפירט די אַקציעס. (ר״א, 1307, 31.5.42).

טויטן־טאַנגאָ — (פּויליש: Tango śmierci). „בעת די דערשיסונגען אין יאַנאָווער ל׳, האָט דער אָרקעסטער צוגעשפּילט אַ ספּעציעלן טאַנגאָ. בעת דער ליקווידאַציע פון ל׳, איז אויך דער אָרקעסטער ליקווידירט געוואָרן. (מ. גראָסמאַן אין דער רוסישער און פּוילישער פּרעסע, פעברואַר 1945; ביעלאַיעוו אין דער פּוילישער צייטונג „רויטע פאָן" — לעמבעריק, 1944. פאַראַן אויך אַ בילד פון אָרקעס־טער וואָס שפּילט, שטייענדיק אין אַ ראָד, מיט דער אונטערשריפט: „דער אָרקעסטע שפּילט דעש ט״ט"). דער מחבר פון ט״ט — לויט וויזענטאַלן — איז דער קאָמפּאָזיטאָר זיגמונט שלעכטער. (S. Wiesenthal, The murders amongus, ז׳ 279, דייטשע אויסגאַבע, ז׳ 323, Todes-Tango). זע אויך: „געזאַמלטע לי־דער" — אַרויסגעגעבן פון שלמה פראַנק.

טויטן־לאַגער — „20 מאַן אָפּגעשיקט אין דער ריכטונג אויף לובלין, ווי מען איז משער, אין ט״ל קיין בעלזשעץ". (אָפּאָטשינסקי, 9.7.1942, ר״א, 1300). אין דער אומלעגאַלער יידישער פּרעסע (פּאַריז) פון מאַי 1942, ווערט דער ל׳ אין דראַנסי אָנגערופן ט״ל. („דאָס וואָרט" ז׳ 97, 91). „לויט פאַרשידענע קלאַנגען, האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט אין סאָביבאָר ביי כעלם אַ נייעם טויטן־לאַגער, לויט דעם מוסטער פון דעם בעלזשעצער גיהנום". (וו״ג, דער אויפברויז, 2(17), 14.6.42). „אין דער יידישער תפיסה (געפינען זיך) 1840 מאַן, דערונטער 38 ציגיינער. אין פעברואַר אַרויסגעשיקט פון תפיסה 59 מאַן אין ט״ל טרעבלינקאַ". (דאָרט (13) 3, 22.6.1942). דאָס אָרט, ווו ס׳האָט זיך געפונען די „גאַזאָווני", אַ פינפטער טייל פון ל׳ טרעבלינקע. (קזשעפּיצקי, וו״ג, 1942, בפ״ג, ב׳ 9, ה 2־1, ז׳ 101/2). דייטש: „טאָטען־לאַגער". (הובערבאַנד, ר״א, 122, 18.4.42). „ט״ל פּאָניאַטאָוו". (ס׳ מאַרקושאָוו, ז׳ 186). „אָסטראָווצער יידן ווערן טראַנס־

פאַרטירט אין ט״ל אוישוויץ״. (ס׳ אָסטראָוצע, ז׳ 401/2). זע: געהענעם־לאַגער, מאָרד־לאַגער, פאַרניכטונגס־לאַגער.

טויטן־ליד — „האָט ביילע מאַנאַטאַן געזונגען איר ט״ל, דער זון סראָלקע שטאַרבט פון דייטשע קלעפּ״. (ס׳ סקאַלוו, האַקנקרייץ, ז׳ 42; ס. טשיזשעוו, ז׳ 1047, 1216).

טויטן־מאַרש — טויטן־מאַרש פון בוכנוואַלד. (ס׳ זאַוויערציע, ז׳ 283; ס׳ טשיזשעוו, ז׳ 1047 א״א). בן־ציון רוקער: דער ט״מ כעלם—הרוביעשאָוו—סאָקאַל, דעצעמבער 1939. (ס׳ כעלם, ז׳ 522—513). י. הערץ, דער ט״מ. (דאָרט, ז׳ 523); אין אַ דייטשן דאָקומענט פון 16.3.1940 — Todesmarsch פון לובלין קיין פּיוסק, (ז׳ 143/4, Adler: Der Verwaltete Mensch). „טויט־מאַרש פון די פרויען״. (ס׳ אָסטראָוצע, ז׳ 407). יידן געבליבענע אין ג׳ זיצן שבעה נאָכן ט״מ. (ס׳ האָראָדלאָ, ז׳ 133, 148).

טויטן־צוג — גייט פון וואַרשע קיין טרעבלינקע. (י. קורץ, כ״י, ז׳ 416).

טויטן־צעלע — אויף דער 7טער אָפּטיילונג, צעלע 257, פּאַוויאַק (זע).

טויטן־קאַמער — „דער שפּיטאָל אין ל׳ סקאַרזשיסקאָ, פון דאָרט קומט מען שוין נישט אַרויס״. (ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 19). „אין פּאָביאַניץ צאָלט מען מיט גאָלדענע זייגערס, ברילִיאַנטן, כדי אַרויסצובאַקומען פון די ,טויטן־קאַמערס׳, די וואַגאָנעס, זייערע נאָענטע״. (הרב הובערבאַנד, כ״י, ר״א 122).

טויטנקעפּ — עס־עס־לייט. „אַ צענדליקער טויטנקעפּ האָבן זיך אַריינגעריסן מיט אַ געפּילדער״. (שטריגלער, גורלות, ז׳ 150). „געפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ פון ט׳״. (רינגל׳, 24.12.40).

טויטער־בריגאַדע — ליטווינער. זייער הויז אין פּאָנאַר [זע]. (ראָזענצווייג אַניטאַ, ז׳ 13, יו״ש).

טויטער געטאָ — „דאָס ג׳ פון די פּשוטע אַרבעטער״ [באַשטימטע אויף אומצוברענגען]. (ס׳ לודמיר, ז׳ 538 א״א; ס׳ שעדלעץ א״א). „דאָס נייע ג׳ האָט זיך געפונען אין דעם טויטן ג׳״. (ס׳ קאָסטאָפּאָל, ז׳ 471. ד.ה. נאָכן אומברענגען די יידן פון טויטן ג׳, האָט מען אַהין איבערגעפירט די יידן פון לעבעדיקן ג׳). זע: פּאָכאָויסוויי.

טויטנראַציע — ראַציע (זע) פון די, וואָס זענען ביי דער אַרבעט געפאַלן (דערהרגעט אָדער אויסגעגאַנגען פון הונגער, קרענק) באַקומען די יעניקע העפטלינגען, וואָס ברענגען צו טראָגן די געפאַלענע צוריק אין ל׳ צום אַפּעל [זע]. („דאָס וואָרט״, ז׳ 200).

טויטן־שטייג — פאַרמאַכטער פּלאַץ פאַרן אַרבעט־אַמט, ווו מ׳פאַרהאַלט די יידן, וואָס זענען געקומען, לויטן באַפעל, זיך רעגיסטרירן. פון דאַנעט נעמט מען זיי צו. (קאַלאַמיי, שניצער, כ״י, יו״ש). זע: שטייג.

טויטן־שליאַך — 500 יידן פירט מען — פּסח 1942 — צופוס פון מאַרקושעוו קיין נאַלענטשאָוו. אויפן וועג ווערן די שוואַכערע געהרגעט. דער יודענראַט באַקומט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צונויפצונעמען די געהרגעטע פון „טויטן־שליאַך״. (ס׳ מאַרקושאָוו, ז׳ 257).

טויטנשלעגער (טאָטענשלעגער) — אַ דייטש, באַצייכנט זיך אַזוי אַליין. ער שלאָגט יידן אויף טויט, מערסטנטייל מיט איין קלאַפּ. (ה. גרויל, אַ שפּאַציר איבער די

פונקטן. נאָווי 1941, ר״א, 1465; „צווישן לעבן און טויט״, ז׳ 95; סקאַלאָוו, האָקנקרייץ, ז׳ 73).

טויט־ספּאָרטלער — אַ דייטש, וואָס דערמוטשעט צום טויט מיט זיין ספּאָרט־ (זע) מאַכן מיט יידן. (ווילנער פנקס, נ״י 4, ז׳ 37).

טויטע — „אויגוסט 1941. אַ בילדל: אויפן טראָטואַר ליגט אַ טויטער. אַ ווילד־פרעמדער בעטלער מאַכט דערפון אַ לעבן. ער אַפּעלירט צום רחמנות־געפיל פון די דורכגייענדיקע, טענהדיק, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז זיין פאָטער. ווען מ׳מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז עס פּאַסט נישט צו לעבן פון אַ טויטן, רופט ער זיך אָפּ: און די גמיַנע (זע) מעג לעבן פון טויטע?!" (ר״א).

טויטע אויף אורלויב — באַצייכענען יידן זיך אַליין אין די געטאָס. (זאַלישטשיק, קלרה שתיל, יו״ש, עדות 582/51).

טויטע־חסידים — נאָמען פון די בראַסלאַווער חסידים באַקאַנט פון פריער. אין וו״ג טאַנצן די ט״ח אַ גאַנצע נאַכט, זינגען נאָך אַ לויה. די סיבה: דער ייד געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. (יו״ש, עדות, 3082/287). זע: חתונה־קאַרטן.

טויטער — „ס׳גייט אין גאַס אַ קלעפּסידרע (זע) און זאָגט אויף אַ צווייטער פּערזאָן, אַז אויסגעפּאַשעטן: ער איז אַ טויטער — און דו? — איך שפּיר ערשט, אַז כ׳לעב״. (ל״ג, אבי, 47).

טויט־פּיינט — „די דייטשן טויט־פּיינט פון יידישן פאָלק״. (דער אויפברויז, וו״ג (19) 4, 29.6.1942).

טויט פלי־בריגאַדעס, פלי טויט־בריגאַדעס — עס־עס, „כאַפּט דאָ מענער, דאָ פרויען, דאָ אַלטע; די געכאַפּטע פאַרשווינדן״. (לעמבעריק, ר״א, עדות, 25.1.1942).

טויט־פּונקטן — 1. „די הויפּט־פּונקטן פאַר צוואַנג־אַרבעטן — ט״פּ האָט מען זיי גערופן, זיינען אויף אַבאַזשנע־דינאַסי, אין דער סיים־געביידע, אין ציטאַדעל, ביי די חורבות פון דער עלעקטרישער־ און גאַז־סטאַציע, ביי דער וואַסער־לייטונג״. וו״ג, אָנהייב אָקופּאַציע. (גאָלדשטיין, פינף יאָר, ז׳ 86). 2. די פּליטים זיך געוואַלגערט אין די בתי־מדרשים און שטיבלעך. זיי זענען דאָרט מאַסנווייז אויסגעגאַנגען פון הונגער און קרענק; די שטיבלעך דעריבער גערופן ט״פּ. אַזעלכע ט״פּ געווען אין יעדער גאַס און געסל״. (דאָרט, ז׳ 168, 252. זע: פּונקט).

טויט־שוואַדראָנען, טויטנשלעגערישער שוואַדראָן — אָפּטיילונג פון עס־עס, וואָס פירט דורך אַקציעס. (וו״ג, סקאַלאָוו, האַק און קרייץ, ז׳ 73).

טויט־שטורעם — שחיטה [זע]. (ס׳ באַראַנאָוויטש, ז׳ 550).

טויט־שפּריץ — טויטן דורך אַן איניעקציע. (אַרכיוו פון מערסיק טענענבוים, יו״ש). זע: שפּריץ.

טויט־שרעק — איז ערגער ווי דער טויט אַליין. (פּיאָטרקאָוו, נאָוועמבער 1942, י. קורץ, כ״י, ז׳ 339).

טויטע — אין ט׳ איז רואיק, יידן אַרבעטן דאָ ביי פּויערים, באַקומען באַצאָלט, קויפן עסנוואַרג. זיי גלויבן, אַז קיין שלעכטס וועט זיי נישט געשען, ווייל „עס רוט אויף זיי די ברכה פון אַ גוטן יידן״. (אויפן טויסטער בית־עולם ליגט אַ שוועסטער [?] פון בעל־שם־טוב). (ס׳ האָראָדענקאַ, ז׳ 295). זע: קאַק סאַגיז.

טויער — סימבאָל פון געטאָ. דאָ ענדיקט זיך אונדזער וועלט. מ׳זאָגט נישט „מ׳נעמט מענטשן״, נאָר „מ׳פירט צום ט׳״. זוכט מען ביי די אַריינקומענדיקע שטאַרקער, הייסט עס: „ווי אַזוי איז היינט ביים טויער״? — „מורער איז אין טויער״ (דער געביטסקאָמיסאַר), אַ סימן אַז מ׳וועט נישט קאָנען גאָרנישט אַריינשמוגלען. וויל״ג; (רוז׳קה, להבות, ז׳ 92-91). קינדער שפּילן זיך אין ט׳: „אַ דייטש רעווידירט צי מ׳שמוגלט נישט, שרייט ,פערפלוכטע יודען, מאַכסט שווינדעל״. (ביאַליסטאָק, רייזער). **לייכטער ט׳** — ווען מ׳רעווידירט נישט צו שטאַרק. „**היינט אַ שווערער ט׳** — מ׳רעווידירט, מ׳וואָרנט דערפאַר „ס׳ברענט״. (קאָוונע, לוריא, כ״י, ז׳ 150).

טויערן פון הונגער־טויט — די צוויי טויערן, אַריינגאַנג צום ג׳ לעמבעריק. (י. לוין, „עליתי מספציה״, ז׳ 86).

טויער־דינסט — יידישע פּאָליציאַנטן וואָס שטייען ביים ט׳ אויף דער זייט פון ג׳. אויף אַ דאָקומענט פון קאָוונער ג׳ (געשריבן מיט דער האַנט) „צום פאָרזיצער פון עלטסטן־ראַט. ראַפּאָרט, אַ רעוויזיע פון ,טויער־דינסט׳, אונטערגעשריבן: שעף פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי״. (יו״ש). — מער פאַרשפּרייט איז געווען די באַצייכענונג: „טויער־וואַך״. די ט״ו באַשטייט פון איין שטאַטישן (זע: שטאָט) און עטלעכע געטאָ־פּאָליציאַנטן. מוז שטרענג אונטערזוכן יעדן, וואָס גייט אַריין אין ג׳ (וויל״ג, מאַשאַ, כ״י, ז׳ 11, 46).

טונקל — דורך אַ לעכל שפּאַרט אַרויס אַ שטראַל. אויף דעם שטייט: „פתח כחודו של מחט״ און דערפון עפנט מען אין האַרץ — כפתח של עולם (אַ חסידיש ווערטל). (ל״ג, אבי, כ״י, 50). — די פיס (זענען) געוואָרן ווי קלעצער און אָנגעהויבן טונקלען. (סקאַלאָוו, ז׳ 134); „דאָס וועטער טונקלט״ (א. שנור, ס. בייטש, ז׳ 108); „עס טונקלט זייער פינקל״ (א. סוצקעווער, אונטער שיינע ווייסע שטערן; קאַטשערגינסקי, לידער פון וויל״ג, ז׳ 37).

טוריסטן פון פירטן קלאַס — אין צוג פון „האָטעל פּאָלסקי״ קיין בערגען־בעלזען, האָט מען די יידן מיט אַמעריקאַנישע פּאַפּירן באַטראַכט ווי די גבירים, וואָס זיי וועט גאָרנישט געשען, דאַקעגן אויף די יעניקע מיט א״י־סערטיפיקאַטן האָט מען געקוקט ווי אויף אביונים, זיי האָבן זיך געדרייט אַרום די אַמעריקאַנער. די א״י־יידן האָט מען גערופן ט׳. (מ. טאָמקיעוויטש: ברגן־בלזן, ז׳ 52).

טורמע — אַ ט׳ אין געטאָ. (ס׳ פּוריסאָוו, ז׳ 384). זע: טשאַרניעצקיעגאָ, קאָזע.

טיול — אויספלוגן. אָרגאַניזירן דאָס ראַטעווען יידן פון פּוילן און אונגאַרן, האָט געהערט צום רעסאָרט, וואָס מיר האָבן באַצייכנט אין געהיים־לשון טיול. **טיול־אַרבעט**, טיול־אָרגאַניזאַציע. (קאַסטנער, באַריכט 1945, ז׳ 7. דייטש).

טייוול — „דערווייל פירט מיט דער וועלט אַ ט׳, אַ מעכטיקער טייוול, ער שפּילט זיך און לאַכט מעפיסטאָפעליש פון אונדז, אַ מוראדיק געלעכטער, ער ווייזט אונדז אַ צונג. (ראַכמאַן, כ׳האָב געוואָלט לעבן, ז׳ 304). פאַרגלייך: י. קאַצענעלסאָנס געדיכט: דער טייוול האָט געלאַכט; „די טייוולאָנים לאָזן נישט רוען אַפילו די טויטע״. (רינג׳, 12.5.42).

אין טאָרנע האָט מען פאַראַיאָרן פאַרברענט אַן אַלטע שול. איצט צענעמט מען די מויערן מיט דינאַמיט. עס גייט אָבער נישט. דער דינאַמיט צעזעצט נישט

די מויערן, נאָר מאַכט אַ לאָך. די יידן זעען אין דעם גאָטס גבורה. די אַשכּנזים זאָגן, אַז דאָרט שטעקט דער טייוול. (רינגל', ז' 180/1, 15.11.40). זע: גאָט.

טיילעך — עמעצער פון דער קאָמאַנדע וואָס אַוועק עפּעס פאַרזאָרגן. „דער מענטש איז אויף טיילעך געגאַנגען". (קאַפּלאַן, ז' 27).

טיילער — „אַ יידישער ט' " — טיילט אויס די זופּ. (ל' דרעווניצע, 4.1941, ר"א, 388). מיט אַ „טייל־לעפל". (שטריגלער, ווערק „צע", ב' 1, ז' 52).

טינטענטאָט — געקויפט ט', כדי אויסצומעקן פון דאָקומענט דעם אמתן נאָמען. (ס' סאָס־נאָוויץ, ז' 189. פון דייטש).

טיפוס — „צענדליקער אַנעקדאָטן, ווי אַזוי אַ דאַנק דעם הערשנדן ט' זענען וווינונגען ניצול געוואָרן פון לקחנות". (רינג', דעצ. 1939). „ווען אַ דייטש געקומען עפּעס רעקווירירן פון דער וווינונג און געהערט, אַז עמעץ איז קראַנק אויף ט', פלעגט ער אַוועק און גאַרנישט מיטנעמען. אַ ווערטל פון יידישע דאָקטוירים אין לובלין: ‚דער ט' איז היטלערס שותף, וואָס האָט מיט אים פאַראייניקט, כדי מיט בשותפותדיקע כוחות פאַרניכטן דאָס אתה־בחרתנו־פאָלק". (עוואַ שיק, ייה"ק נר' 42, ז' 9).

טיק, טיצן — נאַרן דעם זשאַנדאַר, וואָס איז געשטאַנען ביים ג'־טויער. מ'האָט למשל געזאָגט, אַז פּאַלאַקן וואַרפן דורך דעם מויער אין אַ געוויסן אָרט פּעקלעך סחורה. דער זשאַנדאַר איז אַהין געלאָפן און געפונען פּעקלעך מיט מיסט. דערווייל האָט מען דורכן טויער אַדורכגעשמוגלט אַ פור סחורה. געהייסן האָט דאָס: די פור איז אַריינגעפאָרן אויף טיק. אן אַנדער אופן: צוויי ספּעצן פון ט' זענען צוגעגאַנגען צום זשאַנדאַר מיט זייערע מכשירים און אים דערקלערט, אַז דער יודענראַט האָט זיי געשיקט פאַרריכטן די וואַך־בודע, ווו דער זשאַנדאַר פלעגט אַדורכפירן רעוויזיעס. אַלע דריי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער בודע צוגעמאַכט די טיר, עפּעס דאָרט פאַרריכט. דערווייל האָט מען געשמוגלט. „איך הייב אָן ט' אַ זשאַנדאַר, אַז מ'האָט באַגראָבן אַ גאָלדענעם זייגער. דער דייטש גייט נאָך אַ לאָפּעטע, דערווייל אַנטלויפט דער ייד". (וו"ג, י. סמאָ־קאָווסקי, ייה"א, עדות).

טיראָלטשיק — ייד אויף דער אַרישער זייט. געטראָגן אַ הוט מיט אַ פעדער, ווי אַ טיראָ־לער. (פאַרגלייך: רודניצקי, וניעבאָוויזיענציע', פויל').

טירחה — וואַרנצייכן: אַרבעטן, ווייל ס'קומט אַ דייטש. (שאָולער ג', קאַפּלאַן, ז' 10).

טלומאַטש — (פויליש). איבערזעצער, דאָלמעטשער; קאַנטשיק, מיט וועלכן געסטאַפּאָ שלאָגט בעת אַן אויספאָרשונג. (פראָקוראָר לעשטשינסקי, לאָדזש, עדות).

טמאה־זייגער — זייגער אויפן טורעם פון קלויסטער אויפן פּלאַץ קאָשטשעלני אין מיטן ל"ג. דער זייגער איז די גאַנצע צייט פון דער אָקופּאַציע געשטאַנען. (פראַנק, 26.7.44).

טעבענס — Walter Caesar Toebbens, רייכסדייטש, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ שאָפּ (זע) אין וו"ג. — יידן האָבן די ראשי־תיבות פון זיין נאָמען געטייטשט (אויף פויליש): Warszawski Cmentarz Trupów (וואַרשעווער בית־הקברות פון טויטע; Warszawska Centrala Trupów (וואַרשעווער צענטראַלע פון טויטע); Wezmą Ciebie Też (מ'וועט אויך דיך נעמען). (ר. אויערבאַך, בחוצות ווארשה, ז' 111).

ט.וו.ל. — **טעוווּעל** — „אַ צווייטער מקום מוכן לפורענויות איז געווען קאָלעיאָווע 18, ווו עס האָט זיך געפונען די טוו״ל" T.W.L. — Truppen-Wirtschaft-Lager (מיליטערישער ווירטשאַפט־לאַגער). „שמאי צוקער דערציילט: „איך האָב געאַרבעט אין טע־וווּ־על ווי אַ שניידער". (אָנדענק־בוך, ז' 48).

טעטע — מאַשין־רעוואָלווער (ביי די פּאַרטיזאַנער). „טעטע ביים זייט". (קאַטשערגינסקי, כ'בין געווען אַ פּאַרטיזאַן, ז' 104). „האַלט אין די הענט די טעטעען". (דאָרט, ז' 145).

טעכניק — טעכנישע אַרבעט ביים אַרויסגעבן אומלעגאַלע פּרעסע. „די טעכניק וואַרט". (אויפן טעקסט פאַר אַן אויפרוף, וואָס ס'דאַרף צוגרייטן זאָגאַן). (הערש בער־לינסקי, זכרונות, 1.8.1942, ר״א).

טעל־טעל — באַצייכענונג פאַר אינטעלעקטועלע, באַנוצט פון די קאַפּאָס אין אוישוויץ. (קאַפּלאַן, ז' 41).

טעלעגראַפן־אַגענטור — מאַגיסטראַט־פּויק. זאָגט אַן אַלע שלעכטע בשורות. (ס' גריצע, ז' 304).

טעלעפאָן — ביים שמוגלען אין ג' פּאַרמיטלען ידישע פּאָליציאַנטן. בשעת דער טראַנ־זאַקציע, שטייען אויף די הויכע שטאָקן יינגלעך, טעלעפאָנען, וואָס קוקן זיך אַרום, צי ס'קומט נישט אַן קיין פרעמדער דייטש, נישט קיין אַפּגעסמטער (זע). אויב זיי דערזעען עפּעס פּאַרדעכטיקט, שרייען זיי „האַלאָ, האַלאָ". די שמוג־לערס — פון ביידע זייטן מויער, הערנדיק דעם סימן, צעלויפן זיך. די „אָפּגע־סמטע" פּאָליציאַנטן היטן די איבערגעלאָזטע סחורה ביז די געפאַר איז אַדורך. (וו״ג, ר. בן־שם, יו״ש, ז' 17).

טעלעפאָן־נומער — וואָס איז דער ט״ב פון איטאַליענישן קעניג, וויקטאָר עמנואל? — 404. איין נול צווישן צוויי פּירער (היטלער—מוסאָליני). אין אוישוויץ האָט יעדער העפטלינג באַקומען אַ נומער, טאַטוירט אויפן פאָדער־אָרעם. ווען מיר האָבן געפרעגט וואָס באַטייט דער נומער, האָט מען אונדז געענטפערט: „דאָס איז דער נומער פון הימל". (קולקה, טויטן־פאַבריק אוישוויץ, העברעישער כ״י, 31).

טעלער זופּ — יאַנואַר 1941 איז געוואַקסן אין וו״ג די צאָל פּליטים. כדי צו לינדערן זייער נויט, איז די יידישע אַליינהילף צוגעטראָטן צו זאַמלען טרוקענע פּראָ־דוקטן און די א״ג ט״ז. יעדער איינוווינער, וואָס האָט געפירט אַן אייגענע קיך, האָט געמוזט יעדן טאָג אָוועקשענקען אַ ט״ז פאַר פּליטים. אַזוי אַרום איז גע־זאַמלט געוואָרן 15,684 ט״ז (אַ טאָג), דורך די פאַרשטייערס פון די הויז־קאָמיטעטן (זע). (טורקאָוו, אַזוי איז עס געווען, ז' 112/3). זע: זופּ.

טעלערלעך פאַר שמאַטעס — די פּראָדוקטן פלעגט מען אין ל״ג צעטיילן צווישן אייגענע, ווי מען פלעגט זיך אויסדרוקן טפ״ש. אָדער אַ היטל פאַר אַ קאַפּעלוש, ד״ה אַ טובה פאַר אַ טובה. (י. טאַבאַקסבלאַט, חורבן לאָדזש, ז' 58). זע: „טאַלע־זשיקי זאַ שמאַטי", „טשאַפּקאַ זאַ קאַפּעלוש".

טעמפּאָ — וואָרנצייכן ביי דייטשע יידן, ווען זיי האָבן דערזען אַ שומר. (קאַפּלאַן, ז' 13); מיט ט' טרייבן אונטער די קאַפּאָס ביי דער אַרבעט. (ה. פּריוועס, אין רויך, ז' 203); „ט' לאָס!".

טעפּל — „דאָס ט׳ דער סימבאָל פון ג׳. (סקאַלאָוו, האַקנקרייץ, י. זעליקאָוויטש, האַלט מיר ס׳טעפּל, כ״י). „דאָס טעפּל (אין וועלכן מ׳פלעגט נעמען די זופּ) האַלט ביים האַרץ, וועט עס האַלטן דאָס האַרץ אין דיר״. (ל״ג, אבי 48). „כדי אין חלום זען וועט / אַלעס גוטע אין זיין ט׳ / קאַרשן, באַרן, זיסע עפּל״. (א. שנור, קינד, ליד, ס׳ בייטש, ז׳ 106). „די מענאַשקע (טעפּל) איז אונדזער כלי־זין, מיט וועלכן מיר קעמפן אַנטשלאָסן פאַר אונדזער לעבן און פאַר אַ זופּ״. (העניך פאַגלער, גראַטעוועטער פון תהום, ז׳ 91, פויליש). מחבר געווען אין קראָקעווער ג׳. זע: טאַרבע.

טעקציע — שטאָט פּראַטעקציע. (וויל״ג, קאַפּלאַן, ז׳ 34 ; ראובן מאַטיס, אין פיבער פון אומקום, ייד. קולטור, 1951, נר׳ 111, ז׳ 28).

טעראָריסטן — צווישן דער כמאַרע בעטלערס זענען געווען א״ג ט׳. די דאָזיקע פאַרלויזטע חברה־לייט האָבן נישט אַדורכגעלאָזט קיין פאַרבייגייער און חוצפּהדיק געפאָדערט אַ נדבה. ווען עמעצער האָט בדעה געהאַט זיי אָפּצוזאָגן, האָבן זיי אויף אים אַרויפגעשיט אַ הויפן לייז פון זיך. זיי האָבן ספּעציעל געצילט אויף גוט געקליידעטע. (וו״ג, טורקאָוו, אַזוי, ז׳ 117).

טערבע — די ערגסטע סאָרט פּראָדוקטן פאַרקויפט מען יידן : פאַרפרוירענע קאַרטאָפל, „טערבע״, וואַסער מיט קוקורידזע־מעל פאַרוואָרפן, אַפילו נישט פאַרקאַכט און אויסגעמישט ווי פאַר עופות. (באַרשטשיוו, עדות).

טערמינקאַ — די ערשטע טעג (פון אָקופּאַציע) איז געבוירן געוואָרן אין „טערמינקאַ״ (תפיסה) אַ קינד, האָט מען אים שפּעטער גערופן „ט׳״. (ריגע, קויפמאַן, יידן אין לעטלאַנד, ז׳ 233).

טערען — אָפּגעצוימטער טייל פון וו״ג, פאַרנומען פון אַ שאָפּ (זע), נאָך דער גרויסער אויסזידלונג זומער 1942, למשל, שולצס ט׳, טעבענסיס ט׳. (תנחום גרינבערג, עדות).

טערקן — אַ יוגנטלעכער איז דורכגעגאַנגען דורך אַ הויף, געהערט דאַוונען : „אתה אמת ודבריך אמת״. האָט ער זיך אָנגערופן : גאָט טוט דיר אָפּ אויף טערקיש און דו לויבסט אים ? פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אין האָסאַג פעלצערן די יידן אַליין אַזוי גערופן (אַרענשטיין, חורבן טשענסטאָכאָוו, ז׳ 227).

טראַגע — אַ מין טראַגבעטל פון האָלץ, צו טראָגן דורך צוויי העפטלינגען אַ משא : שטיינער, ציגל אָדער טויטע. „מען קלאַפּט צונויף אַ טראַגע״ ; „אָוועקטראָגן אויף טראַגעס״. (ל׳ קאַמפּינאַס, ר״א, 379). „צוויי טראַנספּאָרט־מיידלעך לייגן אָן אַ פולע ט׳ געשליפענע לייסטלעך. זיי דאַרפן די ט׳ אַרויפטראָגן אויפן דריטן שטאָק״. (קוויאַטקאָווסקי, אין זיכערע הענט, ז׳ 129). די חברים האָבן געפונען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געדינט אַלס אַ פּראָוויזאָרישע ט׳, אויף וועלכער זיי האָבן אַוועקגעלייגט דעם פאַרוווּנדעטן און געטראָגן [אין ל׳ צוריק]. (ס׳ שעדלעץ, ז׳ 695). „די פרויען טראָגן ט׳ מיט פליסיקן צעמענט״. (באַלבערישסקי, שטאַרקער פון אייזן, כ״י, ז׳ 25, ה׳ 3).

טראַווניק — לאַגער מיט אַ גאַז־קאַמער און פּרימיטיווער קרעמאַטאָריע. מ׳ברענגט דאָ אום גולים פון טשעכאָסלאָוואַקיע : 1,500 טעגלעך. (אויפבוריז [19] 4, 29.6.42). טראַווניקי, דאָרף נעבן לובלין.

טראַטיל — פּיקרין און טראָטיל, צוויי גיפטן (אויסגעאַרבעט אין סקאַרזשיסקאָ) האָבן פּאַרגעלט און פּאַרברויגט דאָס מענטשלעכע לעבן. (שטריגלער, אין אַ פּרעמדן דור, ז׳ 186). זע: פּיקרין.

טראַטיליאַרן — מענטשן, יידן, פרויען, וואָס אַרבעטן ביים טראָטיל. (שטריגלער, ווערק „צע״, ז׳ 103/1). גערופן אויך צוליב זייער געלער הויט־פאַרב: קאַנאַרעק (זע).

טראַכטן — לאָדזשער ייד האָט אַ מיטל אויף הונגער. ער טענהט: טראַכטסטו, וויפל ער (דער מאָגן) קאָן נאָך אַריינעמען, ביסטו רק הונגעריק; טראַכטסטו אָבער, וואָס ער האָט שוין געהאַט — קאָנסטו זיך שפּירן זאַט. (קאַפּלאַן, ז׳ 44/5).

טערמאָמעטער — בעת אַ סעלעקציע (זע) אין מיידאַנעק האָבן די עס־עס־לייט געהייסן לויפן די העפטלינגען („טאַטען־לאַוף״) און אונטער די פּיס פון די לויפנדיקע געוואָרפן שטעקנס, ט״ס. ווער ס׳איז געפאַלן, איז באַשטימט צום אומקום. (שמחה טורקעלטאַוב, עדות).

טראַמוויי — 1) קאַמערן אין קעלער פון געסטאַפּאָ־בנין (וואַרשע, אַלעיע שוכאַ) מיט אויסגעשטעלטע בענק, ווו אין אַ געוויינלעכן ט׳. די זיצערס האָבן זיך נישט געטאָרט אומקוקן, נישט אויפשטעלן, ענדערן זייער זיצפּלאַץ. (י. הירשהויט, פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק). פון הינטן קראַטעס, נעבן זיי אַ וועכטער, וואָס היט טאָג און נאַכט, צי די אַרעסטאַנטן ריידן נישט צווישן זיך. פּאַר יידן געווען באַזונדערע ט׳ען, נישט צוזאַמען מיט פּאָלאַקן. (טשעכאַוויטש, צען פון פּאַוויאַק, כ״י, ייה״א). „געזעסן אַ וואָך אין ,טראַמוויי׳ אויף שוכאַ״. (ג. בראַנדיס, טראַיאַ, אָן אָפּענע שטאָט. פּויליש, ז׳ 198).

2) אַריינגעשמוגלטע אין בערגען־בעלזען צייטונג. „לא הרגשנו אפילו את המגוחך בכל מיני משפטים, כגון: ,ההצפנת את הטראם מתחת לשמיכה, וכו׳; הט׳ היה חגנו״. (מ. טומקביץ, ברגן־בלזן, ז׳ 79). ענלעך: י. גיטער־באַרסקי, אָופּענהאַלטס־לאַגער, בערגען בעלזען. (ביולעטין ייה״א, 3/95, 1975, ז׳ 77 א״א; נאָטיצן פון 1943/44).

3) אין געטאָ־טראַמוויי, וועלכער פּאָרט לעצטנס אין אַ רינג־אַרום און דאָס אין איין זייט, פּאַרנעמט זיך דער עולם און די קאָנדוקטאָרן שטאָט מיט לאַנד־קענטשאַפט מיט געטאָ־קענטשאַפט, אָנרופנדיק יעדע סטאַציע מיט באַקאַנטע נעמען מחוצן ג׳. די קאָנדוקטאָרן רופן די סטאַציע מוראַנאָוו — טעאַטער־פּלאַץ, מוראַנאָווסקע־זאַמענהאָף — ביעלאַנסקע; וואָלינסקע — וויעזשבאָווע. ביי דער געריכט־געביידע — יום כיפור (סאַנדני דזשען); ביי אייזנגאַס — מאַרשאַל־קאָווסקע. גענשווקע — האַלאַ טאַרגאָווע. און גענשע־זאַמענהאָף — הויפּט־וואָקזאַל. אין יידישן ט׳ פּאַרפליכטעט אַ פּיר־פּאַכיקער אָפּצאָל. (ר״א, וואַסער, 23.12.40). די יידן באַצייכענען די סטאַציעס מיט די נעמען פון די סטאַציעס אויף דער באַן־ליניע וואַרשע־אָטוואָצק, פּאַלעניץ, שווידער אאַז״וו, ווהין יידן איז פּאַרווערט צו פּאָרן. (ר״א, זאַמלונג פּאַלקלאָר). זע: געטאָ־טראַמוויי, יידישער טר׳, קאָן־העלערקי, קאָנני טר׳.

טראַנסניסטער — טראַנסניסטריע. „אָוועקגעשיקט קיין ט׳״. (ל. שעכטער־ווידמאַן, דורכ־געלעבט אַ לעבן, ז׳ 9־258).

טראַנספּאָרט — אַרויסשיקן אין אַ ל' (אוישוויץ וכד'). „געוואָרן אָוועקגעשיקט אויף ט'", „גיין אויף ט'". (ר"א, 234, 1 אויגוסט 1940). פּויליש: Iść z transportem. „ט' פּירושו בשבילנו: אימה, פרידה וקריעה מעל נפשות היקרות והאהובות; פירושו: נסיעה רבת אימים בקרון בהמות; פירושו: צחנת הפרשה ורקבון גוויות מתים; פירושו: קללת הגורל וחוסר התקוה, חוסר בטחון, איום, צעד לתוך התהום, קרוב לודאי — לתוך לוע המוות". (טרזינשטאַט, ז' 98/9). „הונדערטער אָפּגעפירט צום ט'. אַזוי האָט עס געהייסן אויף זייער ציכטיקן לשון. די צאָל אָנגעצייכנט אויפן טויער פון ג'. די הרוגים נישט גערעכנט". (פּסח קאַפּלאַן, דער חורבן פון ביאַליסטאָק, פעבר' 1943, כ"י). „אוסרים אותי ורוצים למסרני לט'" (טננבוים, דפים, ז' 72, 6.2.1943).

טראַנספּאָרט־בריגאַדע — די יתומים זענען אָרגאַניזירט אין אַ קינדער־אַרטעל „ט"ב ילדים", וואָס פלעגן פירן משאות אין ג' אויף ספּעציעלע וועגעלעך: האָלץ, ברעטער, בענק, בגדים, פּעק וכד'. דאָס איז געווען אַ שטורמיש־פריילעכע בריגאַדע וואָס פלעגט מיט אירע געשרייען און מיטן געזאַנג „מיר קומען אָן" פאַרהילכן דעם ג'. (וויל"ג, דוואָרזשעצקי, ז' 52). פאַראַן וועגן דער בריגאַדע אַ ליד פון כ. ברוידא: „דער טראַנספּאָרט־יינגל". (זע: ילדים).

טראַנספּערשטעלע — 1) דייטשער אַמט, וואָס פאַרמיטלט דעם אויסטויש פון סחורות צווישן ג' און אַרישער זייט אין וו'. 2) פּלאַץ ווו דער אויסטויש קומט פאָר, גערופן אויך אומשלאַגפּלאַץ (זע); אין לאָדזש: „באַלוטער רינג" (זע). „צו דער ט' אויף סטאַווקי האָבן די דייטשן צוגעצויגן אַ ספּעציעלע באַן־ליניע. דער פּלאַץ האָט זיך שפּעטער קונה שם געווען אַלס אומשלאַגפּלאַץ. (י. טורקאָוו, אַזוי איז עס געווען, ז' 104). „פון פּלאַץ האָט געפירט איין טויער אויף דער אַרישער זייט און פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער זייט אַ צווייטער אין ג'". (ר"א, 256).

טראָץ דעם לאָבן הייסט הומאָר — („התחרות", נר' 32, ז' 26).

טראַצינעס — „לעצטנס זייער פאַרשפּרייט די טראַצינעס־אייוועלעך. אַזאַ אייוועלע קאָסט 40 זל'; איינהייצן קאָסט 2 זל', בשעת מיט קוילן 6—7 זל'." (רינגל', 5.1.41—31.10.40, ז' 88). ט'־היבלעס.

טרויהענדער — יידן געזאָגט: טרויהענדלער. פאַרטרויטער באַשטימט פון דער מאַכט צו פאַרוואַלטן מיטן יידישן פאַרמעגן, גערופן אויך „קאָמיסאַר". (ס' וואַדאָוויץ, ז' 308; ס' לאַנצוט, ז' 372; ס' סאַנאָק, ז' 525 א"א). „אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדע פרוי מוז האָבן אַ קינד, אויב נישט, וועט מען אַריינזעצן אַ ט'". (וו"ג רינגל', 20.4.41).

טרויעריקער (טאָג) — טאָג, ווען ס'איז פאָרגעקומען אַן אַקציע. די צוגענומענע אין דעם טאָג, גערופן „זונטיקדיקע", „מאָנטיקדיקע" א"א. „דאָס בילד... האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פאַרטרייבן, ביז איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד ,דער לעצטער טרויעריקער זונטיק'. מ'האָט דאָס ליד געזונגען אין ג'". (ס' לודמיר, ז' 553). אַ טרויעריקער פרייטיק (צוגענומען 60 מענטשן פון דער אינטעליגענץ). (ביאַל' ג', קאַפּלאַן, צו דער געשיכטע, כ"י).

טרוּץ — (פּויליש: truć, zatruć). סמען, אָפּסמען, אונטערקויפן. „כ'האָב געמוזט דעם מנוול אָפּסמען (זע) מיט 150 זלאָטעס". (לובלין). „זאַטרוץ" דעם דיגניטאַר. (וו"ג, כ"י מאווולט).

טרוקענע קאָמאַנדאָ — אַרבעט־קאָמאַנדאָ, ווו מ'האָט נישט געקאָנט גאָרנישט **אָרגאַניזירן** (זע). (קאָוונער ג', קאַפּלאַן, ז' 25).

טרוקענער — צונאָמען פון אַן אינזשיניער, וואָס איז דער ממונה איבער ייִדישע **אַרבעטער** אין פּיאָטריקאָווער ג'. (קורץ, כ"י, ז' 359).

טריומווירא‍ַט — זע: רומקאָווסקי.

טרייבערס — העלפּערס פון דער געסטאַפּאָ. (ס' זאַבלאָטאָוו, ז' 204).

טרייסט — ייִדן טרייסטן זיך. ס'איט מיט גאָטס הילף גאָרנישט זיין; ס'איט נישט זיין קיין ברויט, נישט קיין פלייש, קיין גרינצייג, נישט קיין האָלץ. (ש"ס ראָמאַן). „זיי זענען שוין דאָס איבערגעקומען. אונדז דערוואַרט דאָס ערשט". אַ טרייסט נאָך אַן אַקציע אין אַן אַנדערן ישוב. (ס' ביטען, ז' 494). צוויי לעצטע ייִדן פאַרבלייבן ביז 1945 אין ג'. איינער ווערט קראַנק אויף טיפוס, דער צווייטער קומט אים מבקר חולה זיין; טרייסט אים מיט די לעצטע נייעס: „אָפּגעשטופּט די דייטשן 50 ק"מ פון וואַשינגטאָן". רופט זיך אָפּ דער צווייטער: „ס'האָט נישט קיין סטראַטעגישע באַדייטונג". (ר"א).

טריף — ווען פּאָליציי מאַכט רעוויזיעס און געפינט האָלץ, ווערט עס קאָנפיסקירט. בלומשטיין וויצלט זיך: „ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז ביי ייִדן זאָל פערד־פלייש זיין כשר און האָלץ טריף". (ל"ג, בריסק, קייסער, ז' 88/9). פערד־פלייש האָט מען באַקומען אויף טאַלאָנען, האָלץ — נישט.

טרעבלינקאַ — גערופן: ט'־י, ט'־ע. „אַלע ווייסן שוין, וואָס הייסט ט' אָט דער וועלט־פאַרברעך, וואָס האָט נישט זיינסגלייכן און דאָך איז געגנוג געווען דער קלאַנג, אַז ס'זענען היינטיקע וואָך אַנגעקומען מערערע בריוו פון יחידים, וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעראַטעוועט, אַז ס'זאָלן ווידער ביי די געליטענע אויפקומען האָפענונגען זיך נאָך צו זען מיט זייערע נאָענטע; **„אַ גרויס־אינדוסטריעלער שעכט־הויז**. (אָפּאָטשינסקי, 20.12.42, ר"א, וועגן די דערהאַלטענע בריוו זע מיין אַרבעט „בריפּאַקציאָן" אין יד־ושם קובץ, נומ' 6). „דאָס דערנענטערן מיר זיך צו דער ייִדן־פּאָפּולערער סטאַציע ט', וועלכע האָט איינגעשלונגען און אומ־געבראַכט דעם גרעסטן טייל פון פּוילישן און אויסלענדישן ייִדנטום — און אין אַ גרויסן ייִדישן בית־הקברות פאַרוואַנדלט געוואָרן". (זלמן גראַדאָווסקי; ב. מאַרק, מגילת אוישוויץ, ז' 310). „דאָס גרעסטע קבר פון דער וועלט אין טרעבלינקי, אין טרעבלינקי." (ליד. זע: בלומענטאַל, שמועסן, 83 א"א). אין דעם ל' האָבן זיך ייִדן באַנוצט מיט אַ רייכער טערמינאָלאָגיע, וואָס שייך זייער אַרבעט, אויפזועערס א"א. זע: **אויג, אַרבוז, גאַלאַנטעריע**. די באַזונדערע אַרבעט־קאָמאַנדאָס געהאַט זייערע ספּעציעלע נעמען: בלויע, רויטע, **גאָלדיודען** (זע), **האָפּיודען** (זע), **שטראַסענציער** (געבויט דעם ל'), **טאַרנונגס־קאָמאַנדאָ** (אַרומשטעלן דעם ל' מיט צווייגן, מ'זאָל נישט זען פון דער ווייטנס, וואָס דאָ קומט פאָר. דייטשן און זייערע העלפּערס האָבן באַקומען צונעמען: ליאַלקע (אַ שיינער), פּעסעלע (אַ גראָבער, נידעריקער), מלאך המוות (ספּעציעל גרוי־

זאַם), קיווע, איוואַן גראָזני (אוקראַינער), כאַסקל, קרומער קאָפּ. אַ דאַנק דעם געלונגענעם אויפשטאַנד אויגוסט 1943, האָבן זיך טייל יידן געראַטעוועט, זייערע עדויות: קזשעפּיצקי, סטראַוואַטשיסקי, ווילענבערג, רייזמאַן ווערן אויס־געניצט אין אונדזער אַרבעט.

טרעגערס — געהאַט אַ שלעכטן נאָמען אין וו״ג. רינגל׳ פאַרצייכנט אַ געשפּרעך צווישן צוויי טרעגערס: — דו האָסט אַ זאַפּאַס אויף ווינטער ? — אַוודאי, אַ זעקל מעל האָב איך ביי גרונמאַן, אויף דער און דער גאַס, צוקער ביי פּלוני דאָרט און דאָרט. 14.12.40. (ד״ה, דורך שאַנטאַזש אַרויסבאַקומען פון די סוחרים וואָס באַדאַרפט).

טרעפּעס — „ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז 80% פון דער ג׳־באַפעלקערונג טראָגט שיך מיט הילצערנע זוילן, וואָס מען רופט טרעפּעס. (ל״ג, פראַנק, 20.10.39). „שווערע ט׳ ״ — האָלץ־שיך. (בריקס, אין אַ פאַרטיערניע, לעבנספראַגן, נר׳ 90/1, 1959) ; גרינע, שווערע ט׳. (בריקס, פאַפּירענע קרוין, ז׳ 4). „הילצערנע ט׳״. (ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 479). אין ל״ג זינגט יאַנקעלע אַ ליד „ט׳ און שטיוול״. (זע: שטיוול־לייט). אַן אַנדער ליד — ד. זיסמאַן: „טרעפּעס שלעפּן מידע פיס״. (ל״ג, נר׳ 594). מ. ז. — ל. שטוטהאָף: „יעדן פרימאָרגן אויף די קעניגסבערגער בריקן האָבן געקלאַפּט אירע שקלאַפעריש טרעפּעס מיט קליפּ און קלאַפּ״. (שבע גלאַז־ראָזענבלום, ליד נר׳ 41, מ. ז.).

טרערן — טרערן נעמען היינט נישט. (ל״ג, הילער, 7.2.44).

טשאָלנט — „טש׳ איז לעצטנס זייער פאָפּולער אין ג׳, אַפילו אַ פראָלעטאַרישער טש׳. עס ווערן געשטעלט צענדליקער טויזנטער טש׳ (וו״ג, רינגל׳, 18.3.41). „שבת פלעגט מען אין די קיכן איינאָרדענען פרימאָרגנס מיט אַ קינסטלערישן פראָגראַם און אַ טש׳ ״. (ל״ג). מודעות וועגן טש׳: „צו די טש׳־שטעלער! דעם 12.12.40 איז מודיע די פאַרפלעגונגס־אָפּטיילונג, אַז, צוליב מאַנגל אין קוילן, וועט מען פרייטיק נישט שטעלן קיין טש׳״. „טש׳ יום כיפור אויפן קאָשטשאָל־אַלטאַר״. (ל״ג. אין קאָשטשאָל, וואָס אין ג׳ האָט זיך געפונען דער פעדערן־רעסאָרט, פון בעטגעוואַנט, וואָס איז געבליבן נאָך די אויסגעזידלטע). „אַהער פלעגט מען ברענגען די רעסאָרט־זופּן, און אין אַ שבת טש׳. אַזעלכע צייטן האָבן יידן זיך דערלעבט״. (י. ראָזענבאַום, פייגענבוים, פל״ח, 3). וו״ג, בעת דער גרויסער אויסזידלונג, חוזקט מען: **כ׳וועל זיך דושען אין גאַז, ווי אַ טש׳.** (טאָמקעוויטש, כ״י, ז׳ 255).

טשאָמפּעס — „בונקער אויף מילע 18 האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן און ברייטן פאַרצווייגטן קאָמפּלעקס פון אונטערערדישע היילן אונטער אַ חורבה. די באַ־לעבאַטים פון דעם בונקער זענען געווען די טש׳. — אַ גרופּע וואַרשעווער אונטערוועלט־לייט. זייערע גרויסע געלט־מיטלען האָבן דערמעגלעכט אויס־צובויען דעם בונקער מיט אַלע נויטיקע איינריכטונגען: עלעקטרישע באַלויכ־טונג, וואַסער־קראַנען, אַ קיך. דער עיקר, זיי האָבן צוגעגרייט גרויסע זאַפּאַסן עסנוואַרג״. (באַזשיקאָווסקי, צווישן פאַלנדיקע ווענט, ז׳ 91). דאָ האָט זיך געפונען דער שטאָב פון אויפשטענדלערס. (צביה, בימי כליון, ז׳ 150).

טשאַפּניק — היטלער, היטלמאַכער. „טשאַפּניקן גייט עס שלעכט״. (רינגל׳, סעפּט׳ 1940).

טשאַפּע — טויט. „היינט וועט מען אונדז שוין געוויס אַרויסנעמען אויף טש׳ און זיי וועט לויזער ווערן אין דער צעלע. אַזוי ציִ אַזוי טש׳. (כ״י, די צען פון פּאַוויאַק).

טשאַפּקאַ זאַ קאַפּעלוש — אַ היטל פֿאַר אַ קאַפּעלוש. אַ טובה פֿאַר אַ טובה. ביזווייליקע באַצייכענונג פֿאַר דעם קעגנזייטיקן העלפֿן זיך — אויפֿן חשבון פון כלל; געווען שכיח ביי די העכערע באַאַמטע אין ל״ג. (ג׳-לעקסיקאָן). זע: טאַלעזשיקי זאַ גאַלגאַני, שישקע.

טשאַרניעצקיעגאַ — ל״ג תפיסה אויף טש׳ גאַס. דאָ צונויפגעבראַכט די מענטשן, באַשטימטע אויף טראַנספּאָרט (זע). „אויף טש׳ איז דיין אָרט״, שרייט אַ זאַנדער (זע) צו אַ קינד, וואָס האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ פּאָר קאַרטאָפל פון אַ וואָגן. (ליד „אוי, קאַרטאָפל״, פּל״ח, 5).

טשוועקעס — „אַ פּאָליציאַנט אין וו״ג טראָגט אַ היטל מיט אַ בענדל, ד.ה. ער האָט אַ בילדונגס-צענז און 2 טשוועקעס״. (ר״א, נאָוועמבער 1941, נר׳ 510). טש׳ — אָפּצייכן פון ראַנג אין דער יידישער פּאָליציי.

טשוכי, טשוכעס — (פּויליש: Ciuchy). „אַלע מינים אַלטע מלבושים און קודם כל ציכן. כמעט יעדער ייד לעבט דערפון, וואָס ער פּאַרקויפט דאָס וואָס ער האָט, זיינס און נישט זיינס. דאָס געפּיל פון אייגנטום מיינס-דיינס איז זייער פּאַרטושט געוואָרן. אַ ייד קלערט היינט נישט קיין סך, ווען ער לייגט אַריין אין זיין טעקע אַלץ וואָס קומט אים אונטער דער האַנט. די וואָס פּאַרקויפן נישט זייערס, קויפן טש׳ און פּאַרקויפן זיי אַנדערע, וועלכע פּאַרקויפן די פּאָלאַקן אויסערן ג׳; פון דעם לעבט אַ גרויסער טייל פון אונדזערע שארית הפליטה.
דער אָפּשטאַם פון וואָרט איז אַ יידישער: פון וואָרט „ציכלעך״. דאָס וואָרט „ציכן״ איז ביי די פּאָלאַקן געוואָרן טש׳ און איז פּאָפּולער ביי יונג און אַלט אין ג׳. (וו״ג, א. לעווין, ז׳ 231/2).
„אַלטע שמאַטעס, ד.ה. נישט קיין שמאַטעס בפועל ממש, נאָר מלבושים, וועש, אָפּגענוצטע, וואָס ווערן בדרך השאלה אָנגערופן שמאַטעס. מיט דער באַצייכענונג באַנוצט זיך געוויינטלעך דער פּוילישער קונה, וואָס קויפט אָפּ די אַלטע מלבושים ביים יידישן הענדלער, שמוגלער וכו׳. „שלעכט ברודער, די טש׳ לאָזן זיך אויס, ס׳וועט נישט זיין וואָס צו עסן... דאָס קאָן מען הערן אויף יעדן טריט. טש׳ איז עס פּויליש? — ניין! יידיש? — אויך נישט. אָבער אַ סברה, ס׳זאָל דווקא שטאַמען פון יידיש, פונעם וואָרט „ציכן״ (פון בעטגעוואַנט, וואָס איז דער גאַנגבאַרסטער אַרטיקל אויפן מאַרק), האָט דער גוי דערפון געמאַכט טש׳. (ער האָט עס דווקא געוואָלט זאָגן דעם יידישן הענדלער אויף יידיש). אַזוי איז טש׳ געוואָרן די אַלגעמיינע באַצייכענונג פֿאַר אַלע מינים גענוצטע וועש און אַפילו מלבושים״. (אַפּאָטשינסקי, כראָניק, 27.12.42). אין טרעבלינקע סאָרטירט מען טש׳ פון די אומגעבראַכטע. (ס. טשענסטאָכאָוו, ז׳ 38). זע: שאַבער.
דער ווערטערבוך פון דער פּוילישער שפּראַך, אַרויסגעגעבן דורך דער אַקאַדעמיע פֿאַר וויסנשאַפטן אין פּוילן, 1958, ברענגט דאָס וואָרט אין סינגולאַר „ציוך״ (Ciuch), מיט דער באַדייטונג „אַלטע מלבושים פון אויסלענדישן מקור. דאָס איז שייך די צייט, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן צו ברענגען אין צענטראַל-פּוילן אַלטע זאַכן פון די מערב שטחים (דייטשע), אַנעקטירטע סוף מלחמה. טש׳ באַצייכנט

אויך זאַכן פון אונרר״א. אין דער מלחמה־צייט האָט דאָס וואָרט באַצייכנט קודם־כל זאַכן פון „יידישן אַפּשטאַם״. זע: ציוכעס.

טשינאַסטקאַ — יידן האָבן געזאָגט און געשריבן: טשינאַסטקי־ע. די פּאָליציי פון דער טש׳ געטראָגן גרינע פּאַסן אויף די קאַשקעטן, שטאָט גראַנאַטאָווע, ווי די נאָר־מאַלע געטאָ־פּאָליציי. גערופן אויך „ווירטשאַפטלעכע פּאָליציי״. די פּשוטע פּאָליציי געציילט 2000 מענטשן, די ווירטש׳ — 400. (וו״ג, קאָרנגאָלד, טאָגבוך, כ״י). זע: דרייצנטל. „מ׳האָט פּאַר דער טש׳ מורא געהאַט אימת המוות. זיי האָבן געמאַכט פּראָטאָקאָלן, געדראָט״. (ווייכערט, כ״י, ז׳ 162).

טשיסטקע — אַקציע, סעלעקציע. (קאַפּלאַן, ז׳ 49). „טש׳־ס וועלן מער נישט פּאַרקו־מען״. (ליימענזאָן־ענגעלשטערן, ז׳ 79). באַנוצט אויפן גאַנצן שטח פון באַ־זעצטן פּוילן. „די סקאַלאַטער (יידן) זענען אַוועק מיט דער טשיסטקע״. (ווייס־בראָט, עס שטאַרבט, ז׳ 65).

טשירי — — טשיר — אַ ייד פרעגט זיך, ווער וועט געווינען די מלחמה, פליט אָן אַ פייגעלע און מאַכט „טשיר—טשיר״ [טשערטשיל]. (בריקס, קייסער, ז׳ 227).

טשעטניק — זשאַנדאַר. „אין באַזעצטן פּראָג האָט מען אַ פּאָליטישע, נישט קאָנטראָלירטע ידיעה גערופן J.P.P. — „יעפּעפּע״, יעדנאַ פּאַני פּאָוויאַדאַלאַ (איין פרוי האָט דערציילט). אין טערעזיענשטאָט האָט מען דאָס געענדערט אויף „טשעטניק או בראַמי פּאָוויאַדאַל״ (אַ זשאַנדאַר ביים טויער האָט געזאָגט). (אַדלער: ווערטער־פּאַרצייכעניס). זע: י. פּ. פּ.

טשעך — פּויליש. „דריי״. באַצייכענונג פאַר אַ יידן אויף דער אַרישער זייט: „הצ׳כים היו יהודים, שנראו לא כיהודי אחד, אלא כשלושה (בפול׳: podobni do trzech). „טשעך״ אויף פּויליש קלינגט גלייך ווי Czech (אַ טשעך). „יכולנו לאכסן בו (אין אַ באַהעלטעניש) אפילו צ׳כים״ (יידן מיט אַ **שלעכטן אויסזען**). (חייקה גרוסמאַן, ז׳ 374).

טשענדער — אונגאַרישער זשאַנדאַר, היט דאָס ג׳ אין קאַרפּאַטאָ־רוס. „די רוצחים זשאַנ־דאַרן, די טשענדערס״. (פערל, פּאַרלאָשענע ליכט, ז׳ 38, 70, 71).

טשענזש — כסף, פירושו: סיגריות. זאת היתה מלת הכשפים בברגן בלזן, שבה אפשר היה לקנות הכל בתוך המחנה, אולי אפילו נשמות־אדם. עסק זה נקרא אצלנו „צ׳ ״, והוא מותר אצלנו באופן רשמי. רק את ה„צ׳אנז׳ארים״ המקצועיים יש לרדוף. (ולרה שטארק, אחת מני אלף, ז׳ 109).

טשער — „אַז מ׳האָט סוף־סוף באַקומען אַ ביסל זערנעס, האָט מען עס געמאָלן אין אַ קאַווע־מילעכל, אָדער ביי אַ ריבאייזן מיט אַ קאַרבע, אַזוי געדרייט טאָג און נאַכט; דערנאָך אַריינגעלייגט אין אַ טאָפּ געזאָטן וואַסער. עס איז דערפון גע־וואָרן אַ מאכל, וואָס מען האָט גערופן „טשער״. באַלד נאָך פּסח (תש״ב) איז דער טש׳ אויך געוואָרן אַ זעלטנהייט״. (ראַזשניאַטאָוו, דאָלינע, מזרח־גאַליציע, י׳ לוטוואַק, כ״י, ז׳ 15).

טשערניאַקאָוו — אינזשעניער אַדאַם טש׳, פּאַרזיצער פון יודענראַט אין וואַרשע. 23 יולי 1942 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. וועגן אים — אַ שלל ווערטלעך, לידלעך, וואָס מ׳האָט נאָך אין ג׳ געזאָמלט:

1) טש׳ איז צוגעטראָטן צו דער אָקס און דערלויבט אַ מיליאָן דייטשן דורכ־

צומאַרשירן דעם ג׳; די ג׳־יידן נעמען זיך אונטער צו באַקליידן די זעלנער מיט אַ ביסל פוטער, נאַרטן און רעשט מיט טיפוס.

2) וואַריאַנט — ער לאָזט דורך דורכן ג׳ אַרישע טראַמווייען.

3) „אויף זאַבלודאָווסקיס לוויה האָט טש׳ געהאַלטן אַ הספד און דערנאָך, ווייזט אויס, געווען זיכער, אַז ער איז געניאַל — געהייסן אָפּדרוקן אויף אַ העקטאָגראַף און צעשיקט אין אַלע אָפּטיילונגען, צו אַלע גמינע־באַאַמטע. ווי אַזוי מ׳האָט דערויף רעאַגירט, באַווייזן די פּאָר וויצן אויף זיין חשבון. ליידער, נישט אַלץ לאָזט זיך איבערגעבן: א) אַז ס׳איז גלייכער צו זיין אַ קאָפּ ביי לייבן, איידער אַ ווײַנדל ביי פוקסן — ווייסט יעדער חדר־ייִנגל, אָבער אַנשטאָט צו זיין אַפילו אַ קאָפּ ביי אַ הענדל און ווערן אַ ווײַנדל ביי אייזלען, קען נאָר אַ טש׳. ב) ווייבער האָבן ניין מאָס רייד. יעדער נאָר האָט אַ גרענעץ. טש׳ האָט נישט קיין מאָס און קיין גרענעץ. ג) אַ טענה: מילא, איז ער נישט דער ערשטער פון די פיר בנים אין דער הגדה, נישט דער עלטסטער און שענסטער ביי יידן — פאַרשטיי איך, אָבער אין דער גמינע זיצן דאָך קלוגע יינגען אויך, פאַר וואָס שטעלן זיי אים אַרויס? — נו, אַז אַלע אברים דיינע דאַרפן... (אַ געוויסע פונקציע), ווען מען שטעלסטו אַרויס?

4) מ׳טאָר נישט זאָגן אויף טש׳ „פּאַניע ווײַנדל, נישט רב שוואַנץ, נאָר פּשוט שוואַנצעלע״. — פאַרוואָס? — ווייל ער וועט נאָך וואַקסן.

5) נאָך טש׳ס אַ רעדע אַז יידן זענען ברודיק, זענען זיך אַליין שולדיק, און די וועלט האָט זיי מיט רעכט פיינט: מיר וועלן פּטור ווערן פון די לייז. און יידן וועלן די לויז טש׳ אויך פאַרגעדענקען.

6) די רעדע נאָך זאַבלאָדאָווסקיס טויט האָט אַ לץ איבערגעשריבן און אויס־געמישט אַ ביסל די זאַצן, איז אַרויסגעקומען: ווער ס׳טראָגט אַ מאַנאָקל און ווער ס׳טראָגט שטיוול, מ׳לעבט מיט קאַטאַפּלאַזמען, גראַזן און איינשפּריצונ־גען, מיט טאַלק פּעלשט מען ברויט און באַשמירט שטיוול. מ׳לעבט ווי מ׳וויל און מ׳שטאַרבט ווי יינגען, אַ דיאַמענט לאַכט און מיט טאַלק טוט מען אָפּ גע־מיינהייטן, אָבער מענטשן פון ווזקס־פאַרזיצער פון יודענראַט, איז אַ קללה פון דער מענטשהייט. (ר״א, 15.1.1943).

7) דאָס ווייסט דאָך יעדער: אַ ייד אַ שוואַנץ, איז ערגער ווי אַ גוי אַ משומד.

8) מ׳האָט געפרעגט טש׳ וואָס ער איז, אַ כהן, אַ לוי, אָדער אַ ישראלי, האָט ער געענטפערט: „צאַ זאַ חוצפּה! כ׳בין אַ פּרעזעס!״

9) פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון יידן אין „פּעמינע״ (זע), האָט טש׳ רעדנ־דיק וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער פרוי, דערמאָנט די מאַטקע באַסקע, די הייליקע (ווײַנענדיקע) מאַגדאַלענאַ, אָבער נישט וועגן די פרויען אין דער יידישער היסטאָריע, דאָס האָט פאַרדראָסן אייניקע פרויען, אָבער עמעצער באַ־רויקט זיי: „וואָס ווילט איר? ער האָט געמיינט אַז ער רעדט פאַר זיינע, אַ טייל ראַדצעס, שיקסע־קריכערס״.

10) וואָס איז דער אונטערשייד צווישן טש׳ און רומקאָווסקין (פון לאָדזש)? ס׳איז טאַקע נישט קיין אונטערשייד —ביידע שטינקען.

11) וואָס איז דער אונטערשייד צווישן טשערניאַקאָוו די פאָרשטאָט (פון וואַרשע) און טשערניאַקאָוו — דעם פּרעזעס ? א. דער ערשטער איז ביי ווילאַנאָוו, און דער צווייטער איז ווילנלאָז. ב. ערשטער ליגט צופוסנס פון אַ גאָרטן־וואַלד ; טש׳ ליגט צופוסנס פון אַורס־וואַלד. (דייטשער קאָמיסאַר איבערן וו״ג).

12) טש׳ גיט אָפּ אַ חוב פון 1,5 מיליאָן : א. וואָס גיט עפּעס טש׳ אָפּ חובות ? אַז די יידן אין געטאָ האָבן זיך צו־בריקעוו־עט (מ׳האָט צוגעטיילט אויף די שפּייזבאַנעס בריקעוו). ב. נאָכן צונעמען דאָס ברויט, גיט ער בחינם צוקער, דאָס הייסט : נאַ דיר אַ צוקער־שטריקל, הענג דיך אויף און האָב אַ זיסן טויט. ג. ער גיט שוין אָפּ אַ קליינעם חוב, אַ סימן, אַז ער גייט נעמען אַ געזונט, פריש פּעקל (אַ סוחר). ד. ס׳זאָל אונדז אויסגיין צום גוטן, ער גייט שוין הייבן אַ פרישע הקפה (אַ סוחר).

13) טש׳ גוסח — דער פּרעזעס אַליין זאָל האָבן פאַרפּאַסט די געלונגענע אויפשריפטן קעגן דער טיפוס־עפּידעמיע, וועגן היגיענע אאַז״וו, שמועסט מען, אַז ער זאָל אין קורצן איבערמאַכן די אויפשריפטן אין יידישן טראַמוויי אויף יידיש. קעגן שפּייען : שפּיי, שפּיי, וועסט שפּייען מיט בלוט. איינשטייגן־אויסשטייגן : גייט ווי עץ ווילט, איר וועט סייווי אויסגיין. וועגן ריינקייט : מאַכטס נישט אויף דער פּאָדלאָגע : צו וואָס האָט עץ קעפּ ? קעגן שפּרינגען : שפּרינג, שפּרינג, וועסט צעברעכן הענט און פיס.

14) דעם נאָמען האָט מען פאַרדרייט אויף שטשעניאַקאָוו (פּויליש : שטשעניאַק — אַ הינטל). „דער שטשעניאַקאָוו פּרעזעס האָט איבערגעגעבן אין מאָנאָפּאָל דעם שוחד, שאַנטאַזש, קאָרופּציע — דער פּאָליציי״. (ר״א, 329).

15) „ווען ער איז דערהויבן געוואָרן צום טיטל „מעיאָר פון דער געטאָ״, האָט אים אַ פריינט אָפּגעגעבן ׳מזל־טוב׳, אָבער טש׳ האָט אומעטיק געענטפערט : ,איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט זיין אַ ,יידל׳ ביי מלכים, איידער אַ מלך ביי יידן״. (שאַשקעס).

י

יאַבמאַן — אָנשטאָט „אָבמאַן" (זע). פאָרזיצער פון יודענראַט. פון אַ רוסישער קללה. (ווילג, ה. קרוק, טאָגבוך, 12.3.42).

יאַגאַ — צוגעטיילטער פּראָשעק צום וואַשן, פאַרמאָגט כלל נישט קיין פעטס. [קעגן די אַמטלעכע פאַרשריפטן]. (לג, 1.6.42, כראַניק, ב' 11, ז' 27).

יאַגד — „לאָזן זיך אויף יאַגד" — גיין איבער די קריסטלעכע הייזער און שנאָרן עפּעס צום עסן. (ליטע, קאַפּלאַן, ז' 27/8).

יאַגעדעס — עס־עס. „די י', די שדים, ווי מען האָט זיי ביי אונדז גערופן, שלאָגן". (צע־שאַנאָווער ל', „יוגנט־שטימע" נר' 2, אָקטאָבער 1940. וו"ג) ; אין ל' נאָוואָ־שעדלצע „פעלדבאַוואַמט דער לופטוואַפע": אוקראַאינישע שומרים, צוליב זייערע שוואַרצע מונדירן — באַלד איז געקומען אַ פּוילישער פאָראַרבעטער און מיר זענען געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אַ "יאַגדע', אַ 6 ק"מ צום אַרבעט־פּלאַץ. (ס. שעדלעץ, 1691) ; „**דער טויער־וועכטער** אַן אַלטע ,יאַגדע', אַ רוצח". (דאָרט, 693 א"א).

יאַגעניש אין פּאַס — וואָרטשפּיל פון „דיאַגענעס אין פּאַס", נומער אין רעוויע אויפגע־פירט אין ווילג. (קאַטשערגינסקי).

יאוש — „גוואַלט, יידן, זייט אייך ניט מתיאש". אַזאַ לאָזונג האָב איך אָראָפּגעלייענט פון די ווענט פונעם בראַסלאַווער שטיבל, פון די „טויטע חסידים". (רינגל' כתבים, II, ז' 110).

יאָט (J) — ערשטער אות פון וואָרט "Jude". אַ סטעמפּל מיטן אות "J", געשטעלט דורך דער דייטשער פּאָליציי, אויף אַ יידישער לעגיטימאַציע, האָט אַ געוויסע צייט (מערץ 1942) געשיצט פון אויסגעזידלט צו ווערן. „האָסט שוין אַ יאָט ?" — „נישט באַקומען קיין יאָט ?", „די אייגנטימער פון י'". — אָפּטע אויסדרוקן צו יענער צייט. (לובלין, אידאַ גליקשטיין, כ"י) ; „**אַ יאָט־קאַרטע**" ; אויסווייז **מיט אַ יאָט**. (ס' זאַמאָשטש, ז' 960/1).

יאַטקע — „די אַרבעטער פון קליינעם ג' שטעלן זיך אינדערפרי אויס אויפן אַפּעל־פּלאַץ, „רינעטשעק". דער קאָמענדאַנט מיטן געהילף, אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, פאַר־וואַרפן די שטעקנס אויף די העלדזער פון די שטייענדיקע און שלעפן אַרויס פון די רייען. די געכאַפּטע ווערן אַריינגעלאָזט אין י'. „די י' ווערט די שרעק פון ג' ". (ייה"א, עדות 1102, ז' 76). פאַראַן אַ פאָטאָגראַפיע מיט דער באַצייכענונג „די י' ", און צושריפט „אין דעם הויז האָט געהויזט די פּוילישע און אוקראַאינישע פּאָליציי, אין הויף זענען פיל דערמאָרדעט געוואָרן". (ס' צ'נסטוחוב, ב', ז' 152).

יאַכסענטעווקע — פון „יחסן". די פּריוויליגירטע אין ג'. זע „שישקאָוויעץ". (ל"ג ענצ.).

יאַלע — זע : יעלה.

יאַמניק — ידישער פּאַליציאַנט אין וו״ג. „ווייל ווי יאַמניקעס (הינטעלעך פון אַ געוויסן מין) קריכן זיי אין אַלע לעכער און זוכן פאַרבאַהאַלטענע ייִדן״. (טומקביץ: פּצצות ועכברים, כ״י; א. רודניצקי, „גאָלדענע פענצטער״ [פּויליש], ז׳ 135). „ווייל זיי האָבן געחנפעט, געלעקט די מאַכטהאָבער״. (י. סמאָקאָווסקי, כ״י, ז׳ 11, ייה״א).

יאַנאָווער לאַגער — „מיר, טויטבריגאַדע (זע), האָבן אויך אַנטוויקלט צווישן זיך אַן אייגענעם הומאָר: ׳היינט האָב איך געפונען אַ טויטן. כ׳וואָלט געשווירן, אַז דו וועסט אַמאָל אַזוי אויסזען׳; „עס נישט אַזוי פיל, ווייל פאַר די טרעגערס וועט זיין צו שווער דיך אַרויפצוואַרפן אויפן שייטערהויפן״; „יאָ, דו האָסט די אמתע וואָג פאַר אַ אידעאַלן טויטן, וואָס זאָל פאַרפולן דעם ראַנד פון שייטערהויפן״; „ווי אַזוי וואָלטן מיר געקאָנט אַנדערש ווייטער לעבן? אויף יעדן פאַל, האָבן מיר באַטראַכט די טויטע פאַר גליקלעכערע פון אונדז. זיי האָבן אַלץ הינטער זיך, אויף אונדז וואַרט נאָך דער סוף״. (Wells, Janowski Lager ז׳ 194/5, וויעליטשקער, דייטשע אויסגאַבע).

יאָסי קאָלב — אַ גוטער ליטווישער פּאָליציאַנט, ווילנע (באַזיליאַן נתן).

יאָסל, יאָסעלעך — רויטע אַרמיי פון יאָסעף סטאַלין. „והיוסלים רק יגיעו עד צוואר־הבקבוק של קרים״. (אוישוויץ ק. צעטניק, קראו לי פיפל, ז׳ 123, 35). „אַז די י׳ וועלן נאָר צוקומען צום קרומער העלדזל, איז קכּכ״... פאַרקוועטשט חיים יידל די פויסט. די ווערטער: „קרים״, „יאָסעלעך״, „פּוילישע גרענעץ״, „עפענען די טויערן״ — קלינגען אין זייערע אויערן ווי עכאָס פון ווייטע, אויסגעהוילטע ווערטער, ווי לידיקע פעסער פון מיטאָג־זופּ, וואָס ס׳איז נישטאָ אפילו וואָס צו לעקן״. (ק. צעטניק, טעאַטער אין לאַגער, יידיש אַלמאַנאַך, נ״י 1961, ז׳ 35).

יאָסל קאַפּאָטע — צונאָמען פון אַ ידישן פּאָליציי־אינספּעקטאָר, יאָסל ערליך, וו״ג. (פּאָרטמאַן, כ״י, ז׳ 72; י. טורקאָוו, אַזוי איז עס געווען, ז׳ 146).

יאָסעלע, יאָסעלע־ראַשעלע (רשע׳לע) — יאָזעף געבעלס. (ליטע, קאַפּלאַן, ז׳ 53).

יאָסעלקעס — פּויליש. אַ רעליגיעזע סצענקע, וואָס שטעלט פאַר די געבורט פון ישו. „דאָס יאָר וועלן נישט זיין קיין י׳, ווייל ישו איז אין געטאָ, די (הייליקע) מוטער — אַ שאַריטקע, דער ה. (הייליקער) יוזעף — אין אַשוויענטשים, דער טייוול אין מענדעלסאָנס שטאָט (בערלין), און דער אייזל אין רוים (מוסאָליני)״. די אַלע אויסגערעכנטע פּערסאָנאַזשן נעמען אַנטייל אין דעם שפּיל. (רינגל׳ 24.12.1941, באַקאַנט אויף דער אַרישער זייט. צוגאָב צו דעם וויץ „און די דריי קעניגן זענען אין לאָנדאָן״. רינגל׳, יאַנואַר 1942). זע: חגא.

יאַצעק — אַ ייד אויף דער אַרישער זייט, שטאָט „איציק״.

יאַקובאַ (16) — הויז אין ל״ג, ווו ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטן די אויפראַמונג־קאָמאַנדע, די לעצטע יידן. זע: טוטס עפּעס. (יעקב פאַט, אין פייער, באַוויק, ז׳ 164/5).

יאַקוביאַצי — אַ גרופּע פון אַ 600 יידן, וואָס געלאָזט נאָך דער לעצטער אויסזידלונג, כדי אויפצוראַמען דאָס ל״ג. זע: יאַקובאַ. געבליבן לעבן, ווייל די דייטשן נישט באַוויזן זיי צו ליקווידירן, הגם די קברים אויפן בית־עולם זענען פאַר זיי שוין געווען גרייט.

יאַקי פאַרפלעגונג, טאַקע באַוועגונג — האָבן פּוילישע ייִדן געענטפערט, ווען מ׳האָט זיי געיאָגט מיט די געשרייען „באַוועגונג״, זיי זאָלן שנעלער אַרבעטן. (קאַפּלאַן, ז׳ 18).

יאַקע מוישע — צונאָמען פון אַ דײַטשן שומר אין הערעסבאַו־אַמט. „קוראים לו י׳מ׳. הוא היה מתבלבל, בזמן שצריך היה לספור את האנשים. יעקעלע אמר לו: „,איזה י׳מ׳ אתה׳, והוא רשם את המספר המתאים לחשבונותיו. (קאָוונער ג׳, א. לוריא, כ״י, ז׳ 289). דערנאָך אַלע דײַטשע שומרים אַזוי גערופן.

יאַרדאַן־בריגאַדע — געאַרבעט ביים סאָרטירן דאָס ייִדישע האָב און גוטס. (קאָוו״ג); י. ב., „די נאָענטסטע צום כסא הכבוד״; (יעלין, ז׳ 173).

יאַרדאַן־שיין — שיין אין קאָוונער ג׳, אונטערגעשריבן דורך פריץ י׳, ממונה איבער ייִדישע ענינים ביים שטאָט־קאָמיסאַר. (יעלין, ז׳ 17).

יאַשקע באַטשי — אונגאַריש: פריינד אָדער פאָטער יוסף סטאַלין, אין ל׳ ווו אונגאַרישע ייִדן זיך געפונען. (קאַפּלאַן, ז׳ 54).

יודע (Jude) — טײַטשן ייִדן ווי ראשי־תיבות: יודען אונטערגאַנג — דײַטשלאַנדס ענדע. [Juden Untergang, Deutschlands Ende]. (לובלין, גליקשטיין, כ״י, ז׳ 12). Italiens und Deutschlands Ende — איטאַליענס און דײַטשלאַנדס ענדע. (רינגל׳, מאַי 1942). ס׳איז געווען די ריי אויף די „יודעס״, די צוגערייזטע — ווינער, בערלינער, האַמבורגער ייִדן. (ל״ג, ראָזענפאַרב, ב׳ 3, ז׳ 57). „די יודעס וווינען אין די בתי־מדרשים״. (דאָרט, ז׳ 61).

יודענאַמט — אין אָנהייב אָקופּאַציע במקום „יודענראַט״. (ס׳ אָסטרווו־מאַז., ז׳ 418).

יודענאויסראָטונג־קאָמאַנדע — „האָט די אויפגאַבע אַרויסצושיקן אין די אויסראָטונג־לאַגערן אַלע ייִדן, וואָס אַרבעטן נישט״. (וואַגאַ, טשענסטאָכאָוו, ז׳ 138). „די פּאַניק נאָך גרעסער, ווען זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די י׳ זאָל קומען קיין טשענסטאָכאָוו״. (דאָרט, ז׳ 141). „מען צאָלט דעם שטאָט־הויפּטמאַן 550.000 זלאָטיס. ווען די י׳ וועט קומען, זאָל די דײַטשע מאַכט אויפווייזן, אַז די ייִדן אַרבעטן״. (דאָרט, ז׳ 142).

יודענאַקציאָן — אַקציע אויף ייִדן. (ברענער, טשענסטאָכאָוו, ז׳ 20, 36).

יודענאַקציע — (ס׳ קיטעוו, ז׳ 127, 129).

יודענאיינזאַץ — „ייִדישע (פאַר ייִדן) אָפּטיילונג ביים דײַטשן אַרבעט־איינזאַץ. פאַרן לאָקאַל אַ שילד מיט דער אויפשריפט: ׳י׳; אַלע ייִדן מעלדן זיך אין ביוראָ פון י׳, באַקומען אַן אַרבעט־קאַרטע, גערופן „מעלדע־קאַרטע״, ווו ס׳איז אָנגעמערקט ווו מען איז באַשעפטיקט. די ׳מעלדקאַרטע׳ דינט אויך צום אויסלעגיטימירן זיך. ווען דאָס אַרויסגעבן די ׳מעלדקאַרטן׳ האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער דײַטשער אַרבעט־אַמט גענומען אונטער זיין אויפזיכט די ייִדישע אַרבעטער״. (וואַגאַ, טשענסטאָכאָוו, ז׳ 133).

יודענבאַנד — „י׳ אויפן אָרעם״״. (וואַגאַ, 109); „די ווייסע י׳ ״, אויפן רעכטן אָרעם. (דאָרט, 104; טאָמ. מאַז., ז׳ 389). „דײַטשן אידענטיפיצירן אַ ייִד, לויט זיין געטראָגענעם י׳ ״. (ס׳ ווירזבניק, ז׳ 271; צווייזמער, ז׳ 73). זע: לאַטע, שאַנד־באַנד.

יודענבינדע — „די י׳ האָב איך סייווי נישט געטראָגן״. (ס׳ שעדלעץ, ז׳ 685). זע: בינדע.

יודענגעלב, יודענפּאַפּיר, יודענקאָלירין — געלע פאַרב, געל פּאַפּיר, אין דייטשע דאָ־קומענטן. (ל״ג, זעליקאָוויטש, כ״י; סקאַלאַווו, האַקנקרייץ, ז׳ 59). זע: געלע לאַטע.

יודענגעשעפט — אויף די גאַסן אויפשריפטן י׳. (ס׳ טאָמ׳ מאַז׳, ז׳ 358).

יודע(ן) הערויס (ראַוס) — שרעקוואָרט, יידן זאָלן פאַרלאָזן זייערע היימען. „ווילדע געוואַלדן: י״ה״. (ס׳ טרנופּול, ז׳ 404); „יודען ראַוס!״ (ס׳ ראַדאָם, ז׳ 302; ס׳ קיטעוו, ז׳ 129); „ווידער אַ געשריי הערויס, ראַוס״. (ס׳ ודוביץ, ז׳ 219, 334 354); „גלאָקן קלינגען: אַ סימן „יידן ראַוס״. (מאַרמאַרעש, פערל, ז׳ 59). אין אַ שטעטל האָט דער בירגערמייסטער געגעבן אַ באַפעל, די יידן זאָלן פאַר־לאָזן דאָס שטעטל און אויף אַן אָנגעזען אָרט אויפגעהאָנגען אַן אויפשריפט: „יודען הערויס; דייטשע העריין״. די יידן האָבן די אויפשריפט אויפגעהאָנגען אויפן יידישן בית־עולם. (ר״א).

יודען־יאַגד — פּאָפּולערע דייטשע פאַרווייַלונג. (ס׳ וירזבניק, ז׳ 221). „אדוואָקאַטן־יאַגד״. (ביאַל׳ ג׳, פסח קאַפּלאַן, צו דער געשיכטע, כ״י; טשאַרנעזאָן־שאַיאַק, אין שאָטן פון האַקנקרייץ, ז׳ 45).

יודענלאַגער — אויפשריפט איבערן טויער צום ל׳ (ס׳ סקאַרזשיסקאַ, ז׳ 98). זע: יולאַג).

יודען־לאַטע — באַפעל, יידן מוזן טראָגן די י״ל [געלער מגן־דוד]. (ס׳ בזשעזשין, ז׳ 135).

יודענעלטעסטער — פאָרזיצער פון עלטעסטענראַט (זע) אין געטאָ. געווען אויך י׳ אין די „יידן־לאַגערן״ [אַן אַ „ראַט״]. (שטריגלער, אינזלען, ז׳ 19). „אַלס יודענעל־טעסטן נאָמינירט י. דיאַמאַנט״. (ס׳ ראַדאָם, ז׳ 279; ס׳ דוקשיץ, ז׳ 226). „י׳ אַ גרויסער סאַדיסט״. (ל. מאַרקשטאַט, ס׳ זאַוויערציע, ז׳ 280). זע: עלסטער.

יודענפּאָליציי — אנשי המשטרה היהודית. לא ענדו טלאי צהוב. היה להם סרט לבן על השרוול, בו כתוב „יודן־פּוליציי״. (דוקשיץ, ז׳ 285).

יודענפּאַס — נאָכן גירוש 28.10.42 איינגעפירט אַ נייעם טיפּ אַרבעט־קאַרטע, גערופן י׳. געווען פון גרינעם קאָליר און קלענערן פאָרמאַט, ווי די פריערדיקע, געלע קענקאַרטע, געחתמעט דורכן אַרבעט־געבער און באַשטעטיקט דורכן ס.ס.־ און פּאָליציי־פירער פון דיסטריקט. (קראָקע, ווייכערט, מלחמה, ז׳ 298).

יודענפּירטל — פעברואַר 1942, געשאַפן אַ י׳ (ס׳ איביה, ז׳ 485).

יודענפּראַט — יודענראַט. „געהילפס־אינסטיטוציע פאַר דער געסטאַפּאָ״. (קאָלאָמיי, צבי שניצער, עדות, כ״י ז׳ 22; ס׳ יאַסלאָ, ז׳ שנ״ו; ס׳ באַרשטשיוו, ז׳ 184 א״א). „הערשנדיקע יידן־פּאַראַט״. (וואַרשע, יוגנט־רוף, 4.4.1942). „כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער באַציונג פון דער באַפעלקערונג צום היגן יודענראַט, איז דאָס ווערטל, וואָס איז זייער פּאָפּולער: אָנשטאָט יודענראַט — יידן־פּאַראַט. (קורץ, 26.1.1942, כ״י).

יודענפריי — אַ סך שטעט זענען שוין י׳. (וו״ג, אַפּריל, 1942, ר״א 144). די לעצטע אַקציע, נאָך וועלכער יידן האָבן שוין נישט געטאָרט באַטרעטן דאָס אָרט. (ס׳ ז׳ולקיב, ז׳ 585; ס׳ לאַנצוט, ז׳ 270 א״א). „רובנה נהיתה ׳יודענריין׳, נקיה מיהודים. מיד אחריה — ערים ועיירות אחרות: לוצק, דובנה, קורץ, רשימה אינסופית. יהודי אלכסנדריא חיכו לתורם״. (ס׳ אלכסנדריא, ז׳ 215, 294; ס׳ בעלז׳, ז׳ 303, 459).

יודענצייכן — אָפּצייכן, וואָס יידן טראָגן. (ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 579 ; ס׳ טאָמ. מאז., ז׳ 358). זע : יודענבאַנד.

יודענקעניג — עס־עס־לייט אין ל׳ האָבן טיילמאָל געהייסן זיך אַזוי רופן, זיך אַליין אַזוי באַצייכנט ; גזשימעק אין יאַנאָווער ל׳ נעבן לוואָוו ; דער זשאַנדאַר לעשער אין סטאַשוּוו, קראַסניסטאַוו, רעיאָוויץ א״א.

יודענראַט, פּלוראַל : יודענרעטע, יודענראַטן — ,,גרונט־אויפגאַבן : ערשטנס, באַזאָרגן מיט שקלאַפן־אַרבעט אַלע דייטשע אַרבעטשטעלעס. צווייטנס, אַ ,פּאָמפּע׳, אַרויסצופּאָמפּען פון דער יידישער באַפעלקערונג געוואַלדיק גרויסע קאָנטריבוציעס פון געלט, גאָלד און אַנדערע ווערטזאַכן״. (ל. רייזער, גראָדנע, כ״י, ז׳ 89/90) ; ,,י׳ הוילער פאַרראַט״. (מינסק־מאַז׳. האָכבערג הענע, יו״ש 867/122) ; ,,די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה פאַרוואַנדלט אין ערשטן י׳ ; דער י׳ געשטאַנען אויף דער געהעריקער מאָראַלישער הויך״. (ס׳ אָסטרע, ז׳ 422). ,,די קהילה האָט דאַן באַקומען דעם נאָמען ,יודענראַט׳ ״. אַ נייער ועד הקהילה. (ס׳ ווייסליץ, ז׳ 46). ,,יידישע געמינע פאַרוואַנדלט זיך אין יודענראַט״. (ס׳ לאַסק, 455) ; ,,די באַזונדערע מיטגלידער פון י׳ ווערן גערופן : **יודענראַטלער**. (ס׳ דעמבלין 57 ; ס׳ סקיערניעוויץ, 108, 496, א״א). אָדער יודענראַט. ,,י׳ באַשטייט פון 12 יודענראַטן (!) אין איין יודענעלטסטן״. (כ״י, האָלענדער מאַרגאַרעטע, ז׳ 49, דייטש ; ס׳ זבורוב, ז׳ 61 ; ביולעטין סלאָנים נר׳ 26, ז׳ 7-9). ,,איך וועל זיין דער י׳ ״. **יודענרעטטער**״. (י. מעהר, טאָגבוך, ייה״א, 1100); **יודענראַטניק**. (ס׳ דוברומיל, ז׳ 279 ; שטריגלער, אינדזלען, 15 ; סמאָליאַר, יידן..., ז׳ 23 ; ס׳ זשעלעכאָוו, ז׳ 228 ; ס׳ מאַרקושאָוו, ז׳ 261). **יודענראַט־פּלאַץ** : ,,אנשי המשטרה היהודית הוציאו גם את הרבי ומשפחתו ל,יודנראַט־פּלאַץ׳ בראש חודש מרחשוון תש״ג. (ס׳ אָסטראָוויעץ, ז׳ 110). זע : גמינע, עלטעסטענראַט, קהילה.

יודענראַטשיק — (אַפּאָטשינסקי, 2.11.42, ר״א ; ס׳ ברנוביץ, ז׳ 600) ; ,,ס׳איז גאָרנישט, ביי אונדז וועט נישט געשען וואָס אין אַלע שטעטלעך. די דייטשן דאַרפן אונדז האָבן — רופט זיך אָן אַ י׳ ״. (ס׳ סלאָנים ב׳, ז׳ 309, 329) ; ,,געשאַפן די יודענראַטשיקעס״. (ס׳ לודביפול, ז׳ 182).

יודען־רייטער — ,,ער רייט אויף יידן״ (ר״א, שטאָט ,,יודענראַטניק״).

יודענריין (יידנריין) — ,,ס׳הייסט, אַז די אַלע ערטער (וולאָצלאַוועק, גאָסטינין, אַלעקסאַנדרוּוו קויאַווסקי), ווו ס׳האָבן עקזיסטירט יידישע ישובים זייט זיבן־אַכט הונדערט יאָר, זענען געוואָרן יידנריין״. (ר״א, נר׳ 1307, 4.6.1942) ; ,,כ׳האָב געוווסט, אַז אומעטום איז יודענריין, און ס׳איז נישטאָ וווהין צו לויפן״. (ס׳ ראַדזין, ז׳ 255 ; פנקס שבלי, רשימה 22.12.41 ; ס׳ לאַנצוט, ז׳ 370 א״א). ,,דאָ איז יידן־ריינע לופט. דאָ ווינען אין פענסיאָנאַטן, אין אייגענע ווילֵיעס, קריסטלעכע מאַגנאַטן״. דאַטשע־אָרט : ריביענקאַ, סקאַלאָוו. (האַקנקרייץ, ז׳ 11). זע : פאָגעלפריי.

אין וואַרשע האָט מען סוף 1942, אָנהייב 1943 געזונגען : ,,עס וועט נישט העלפן קיין האַרטע (זע), און קיין ווייכע (זע) — ווייל וואַרשע מוז יודענריין זיין״. ,,ס׳האָט אַ באַפעל דער יודענראַט באַקומען, אַז קאַצק, אַלט־קאָצק מוז יודענ־

ריין זייך". (ליד מאַטל סעמיאַטיצקי, ס׳ קאָצק, ז׳ 275). די אַרבעט פון אַרויס־פירן יידן צום טויט און מאַכן די ישובים י׳ — באַצייכנט זעליקאָוויטש מיט „יודענריינינגונג" (ל"ג, כ"י ; אין יענע קאַשמאַרנע טעג, 1.9.1943), „יודענריינע שטעט". (ס׳ איוויע, ז׳ 485).

יודענרעטלער — (ס׳ באַרשטשיוו, ז׳ 243, בריוו פון י. מייזיל, 26.9.42 ; ס׳ קיטעוו, ז׳ 129) ; „מען האָט אונטערשיידט צווישן די קלענערע יודענראַטניקעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גרעסערן איינפלוס און אַזעלכע וואָס זענען געווען ,גייער צו די דייטשן', געהאַט קאָנטאַקטן מיט דער מאַכט. (לובלין, ש. טורקעלטויב) ; מיטגלידער פון י׳ געטראָגן געהעריקע בענדער אויפן אַרבל מיטן אויפשריפט Judenrat . (ס׳ גאָניאָדז, ז׳ 629). וועגן דעם אופן פון אויפפירן זיך פון י׳ פאַראַן אַ סך לאָקאַלע ווערטלעך : לובלין : ווען אַ ייד איז צוגעגאַנגען צו קעסטענבערגן (מיטגליד פון י׳) אויף דער גאַס מיט עפּעס אַ פראַגע, האָט ער אים אָפּגעשטעלט : „און צום לובלינער וואָיעוואָדע וואָלסטו אויך געוואַגט צו־צוגיין אין גאַס ?" ; ראַדזין : אברהם בלומען, אָנפירער פון אַרבעט־אַמט און יידישער פּאָליציי : „עליו היו אומרים : אני אברהם בלומן — אל תתקרב". (ס׳ ראַדזין, ז׳ 235) ; „מ׳לויפט צום י׳ ער זאָל אינטערוועניר ן ; וואָס קענען זיי אויפטון ? זיי רעגיסטרירן די צוגענומענע. שרייבערס פעלן נישט, פּאַפּיר אויך נישט. (ווילג, ליימענזאָן, ז׳ 72/3) ; דער צוזאַמענשטעל פון י"ר פלעגט זיך ענדערן לויט די באַפעלן פון דער מאַכט ; צומייסט די מיטגלידער אומגע־בראַכט מיט אַן אָנגעגעבענער סיבה, אָדער אָן קיין שום סיבה. דאָן איז באַ־שטימט געוואָרן אַ נייער י"ר. יידן האָבן אונטערשיידט : ערשטער י"ר, צווייטער י"ר אאַז"וו. (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 10, 35, 45 א"א) ; יידן האָבן בדרך כלל געזאָגט און געשריבן „יודענראַט", ווי ער האָט אָפיציעל געהייסן אויף דייטש. בלויז טיילן יידישע שרייבערס אין יענער צייט, האָבן דאָס וואָרט „געיידישט" און געשריבן יידנראַט. (זע : סוצקעווער, אויבן ; פּסח קפּלן, כ"י) ; אין געוויסע גרעסערע שטעט (דיסטריקט־שטאָט ראַדאָם, קרייז־שטעט : קאָלאָמיי, פּשעמישל, טשאָרטקאָוו) איז געווען אַן אָרט־יודענראַט פאַרן ישוב גופא און אַ קרייז־יודענ־ראַט, דיסטריקט־יודענראַט, וואָס געהאַט די אויפזיכט אויף די יודענראַטן פון קרייז, צי דיסטריקט. זע : רייניקונג.

יודענרעפעֿרענט — עליו הוטל לארגן היודענראַט. (ס׳ סאַנוק, ז׳ 328).

יודענשטאַט — נאָכן ליקווידירן אַ גרויסן טייל פון יידן, איז אין דעצעמבער 1942 דער־שינען די פאַראָרדענונג פון „העכערן עס־עס און פּאָליציי־פירער אָסט" אין ג"ג וועגן שאַפן נייע געטאָס פאַר יידן אין באַשטימטע אָנגעגעבענע ישובים. יידן, וואָס ס׳איז זיי געלונגען אויסצומיידן די ביז איצטיקע אַקציעס און זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן גערעכנט, אַז די נייע פאַראָרדענונג באַטייט, אַז דאָס הרגענען יידן איז אָפּגעשטעלט און זיך באַזעצט אין די דאָזיקע ישובים, גערופן „יודענשטעט" ; נאָך אַ געוויסער צייט, זענען אויך די ערי מקלט ליקווידירט געוואָרן ; „יודענשטאַט" אין קאָנסקעוואָלע. (ס׳ קאַריוו, ז׳ 418 ; אין אָפּאָלע, דאָרט, ז׳ 599 ; אין שידלאָוויעץ, ס׳ וויעזשבניק, ז׳ 288 ; אין פּאַרטשעוו, לוקאָוו־

מעזריטש, ס׳ קאָצק, ז׳ 251; אין יאַוואָראָוו, ס׳ י׳ ז׳ 20 אין ווענגראָוו, ס׳ וו׳, ז׳ 217, 238; אין זאַקליקאָוו, ס׳ קראַשניק, 357, 433).

יולאַג — קיצור: יודענלאַגער (זע). אַרבעט־לאַגער פאַר ייִדן. אין דער געגנט פון קראָקע געווען דריי י׳, באַצייכנט אָפיציעל: 1, 2 און 3; אין ראַדאָמער קרייז, מיט יידישער פּאָליציי. (ש. מאַשקאָוויטש, גלינאָוועצק, ז׳ 221, 227, א״א; ס׳ טאָלמיטש, ז׳ 219).

יולאַגאָוויעץ — ייד אין אַ יולאַג. געווען דאָ אַ יודענעלטסטער (זע), אַ יידישע אָרדענונגס־דינסט (זע). (ס׳ ודוביץ, ז׳ 370 א״א).

יון, יונים — דייטש, גוי. „דערשאָסן אַ יון״. (ר״א 1259, י. שווארצבאַרד, 5.2.41). „די טאַקטיק פון די י׳ איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע״. (דאָרט, 13.1.41, 5.2.41). „אַ גרוי־סער טייל פון שמוגל ווערט דורכגעפירט מיט יונישע אויטאָס״. (דאָרט, 14.6.41. ענלעך ר״א, 302, 1209 א״א).

יונאַק, יונאַקעס — 1. ביליקע פּוילישע סיגאַרעטן. (מ. שטריגלער, אין די פאַבריקן, ז׳ 268, 269); פון דייטשן נאָמען (פאַר אַ סאָרט פּאַפּיראָסן) „יונאָ״. „יונאָ זינד רונד״ זאָגט זיך אין באַקאַנטן ליד פון וולאַדיסלאַוו שלענגל „קאָנטראַטאַק״ (וו״ג, 1943); 2. פּוילישע יוגנטלעכע מאָביליזירטע צו אַרבעט, (אָפיציעלער דייטשער נאָמען Polnischer Baudienst). נעמען אָנטייל ביים כאַפּן יידן צו אַרבעט. (ר״א, 490, 30.5.1942). שיסן שמוגלערס. (ר״א, 1355, 13.5.1942). באַ־טייליקן זיך ביי אַקציעס אויף יידן; גראָבן די מאַסן־קברים, היטן מ׳זאָל נישט אַנטלויפן אאַז״וו. (וו. מאַכעיעק, יינגלעך פון וואַלד (פּויליש: Chłopcy z lasu, ז׳ 84/5); פּוילישע אַרבעט־אָפּטיילונגען (Junacy). באַזייטיקן מצבות פון בית הקברות, פלאַסטערן מיט זיי די וועגן. (ס׳ ווייסליץ, ז׳ 29). רינגלען אַרום דאָס ג׳ בעת דער אויסזידלונג. (דאָרט, ז׳ 54). „י׳ כלומר נערים פולנים שחטפו יהודים בדרכים וביערות ומוסרים לגרמנים תמורת כסף״. (ס׳ סוסנוביץ, ב׳ ז׳ 129); 3) אין וואַרשע ספּעציעלע דייטשע פאָרמאַציע צו היטן דעם ג׳ און באַ־קעמפן דעם שמוגל; באַשטייט פון פאָלקס־דייטשן, אוקראַינער און פּאָלאַקן, דאָס זענען „דעק־עלעמענטן, אַגב, נישט קיין קליינע כאַבאַרניקעס״. (ר״א, טאָג־נאָטיצן 490, 30.5.1942).

יוס — Jüdische Unterstützung Stelle. „דייטשע אַגענטור״. (מ. ניישטאָט, חורבן ומרד ורשה, ז׳ 202); „יחידי־סגולה גענאָסן פון מעדיקאַמענטן און אויסלענדישע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס אָנגעקומען פון יוס״. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 325). זע: שריפה.

יופּע (Joupe) — באַצייכענונג פאַר אַ לעבנספּרעמדן, נאַאיוון יידן, וואָס קאָן זיך נישט צופּאַסן צו די געטאָ־פאַרהעלטענישן און ליידט דערפון. (ל״ג־ענצ׳).

יוצא — סיגנאַל, אַז דער אויפזעער איז אַוועק. (קאַפּלאַן, ז׳ 14/5).

יוקל — „דער פאַרמלחמהדיקער עופעמיזם פאַרן מענלעכן אָרגאַן, האָט גלייכצייטיק באַ־צייכנט אַ נאַרישן, אומדערפאַרענעם, איז אין ל״ג געוואָרן אַ זאַמל־נאָמען פאַר די איינגעזידלטע יידן פון אַלטרייך, עסטרייך, לוקסעמבורג און פּראָטעקטאָראַט: בעמען און מערן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשטענדיקן מיט די היימישע, איינגעזעסענע יידן און אָפּט אַריין אין כעס אָן שום סיבה. זע: יעקע.

יושניק, יושקע — שיטערע, פּאָסנע זופּ. „נישט פאַרפעטע זופּ, די גרונט־אַכילה פאַר די מענטשן אין קאָוונער ג׳״. (יעלין, ז׳ 97/8). „אַ ביסל יושקע האָט מען זיי

צוגעגרייט. (ל״ג, ליד: די מאָביליזאַציע פון 1טן סעפּט., נ״ר 125, מ.ז.). „אַ שיטערע יושקע״. (ס׳ זשעטל, ז׳ 325). „איר האָט אַ פּאַרציע ברויט, אַ יושניקל פון קרויט״. (שאַנצער־ל׳, קאָונע, פל״ח 8). אַ זופּ וואָס באַשטאַנען פון וואַסער מיט אַ ביסל קרויט־בלעטער און עטלעכע קאַרטאָפל. דאָס עצם וואָרט י׳ באַדייט אַן אכילה פאַר חזירים. (גאַר, יידישע קולטור, 1969, נ״ר 10).

יידיש — יידיש איז לעצטנס געוואָרן אַ מאָדע־זאַך. אויף וואַש־פּולווער Hel איז דאָ אַ יידישער און פּולישער באַנד. (וו״ג, ר״א, שוואַרצבאַרד, כראַניק, אָנהייב יוני 1941); אין ל״ג די מודעות פון רומקאָווסקין דערשינען אין דייטש און יידיש. דעם 11.10.42 די געטאָ־פאַרוואַלטונג פאַרבאָטן להבא צו באַנוצן יידיש. „דערמיט איז דאָס כאַראַקטעריסטישע, די יידישע שפּראַך, פאַרשווּנדן פון דער פאַרוואַלטונג פון ל״ג״. (כראָניק, ב׳ 2); „המשטרה היהודית צווה איסור הדיבור ביידיש״. (ס׳ קרמניץ, ז׳ 240).

יידיש געריכט — דאָס יידישע געריכט אין געטאָ האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין און אָפּגעלייגט דאָס אויספירן אים אויף — — צען יאָר. (אבי, 25), ד״ה, ביז דעמאָלט וועט שוין קיין ג׳ נישט זיין און ממילא וועט דער פּסק־דין בטל ווערן.

יידישיסטן — צווישן צוויי יידישיסטן גייט אָן אַ דיסקוסיע וועגן אויסמעקן איינס פון די צוויי ווערטער: מילעער (פון פראַנצויזיש), אָדער אומגליק (פון דייטש). געזיגט האָט די מיינונג, דאָס ביידע ווערטער זאָלן בלייבן אין דער יידישער שפּראַך צוליב אַ משל: ווען היטלער און גערינג זאָלן געהרגעט ווערן אין איין שעה, וואָס וואָלט געווען? — אַ מילעער, אָבער נישט קיין אומגליק. (וו״ג, ר״א, פאַלקלאָר, 9.1.1942); „אין דער געמינע, אין דער יידישער פּאָליציי, האָבן אַלע גערעדט פּויליש. פרעגט עמעצן אויף דער גאַס אויף יידיש, וועט ער אייך אָנקוקן מיט אַ פאַרוואורף. מיר האָבן אַן עקל צו אונדזער אייגענער שפּראַך: „אַ האַלבער מיליאָן מענטשן שטאַרבט אויף פּויליש״ — האָבן זיך געקלאָגט די י׳, די אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך. (רודניצקי, גאָלדענע פענצטער, [פּויליש], ז׳ 150).

יידיש־לערער — נאָכן איינפירן יידיש אין אַ טייל שולן אין ל״ג, זענען אַנטשטאַנען אויף דער טעמע פאַרשיידענע וויצן: דער לערער קומט אַריין ס׳ערשטע מאָל אויף זיין יידיש־לעקציע. קוקט זיך אַרום און וויל דערקלערן די קינדער וועגן דעם, אַז יידיש איז זייער שפּראַך. ער הייבט אָן: „קינדער, וואָס רעדט איר?״ — „ברויט!״ — האָבן אַלע געענטפערט. (אבי, 34). דער לערער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיטן אויסגלייכן צווישן די ביידע ווערטער: יידישן און פאַריידישיסטן: „מ׳עסט״ — „מת״, ד״ה, אָדער דאָס אָדער יענץ. (אבי, 27).

יידישע אויספאַרשונג־שטעלע — יידישע צעלע אויפן 7טן „אַדזיאַל״, נ״ר 258, אין פּאַוויאַק. דאָרט זיצן יידן, וואָס מ׳פאַרדעכטיקט אין פּאָליטישער טעטיקייט. מען האַלט זיי באַזונדער, מ׳שלאָגט, כדי עפּעס פון זיי געוווּיער ווערן און דאַן דערשיסט מען זיי. (טשעכאָוויטש, צען פון פּאַוויאַק, כ״י).

יידישע גאַס — געטאָ. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 172).

יידישע גמינע — יודענראַט. (ס׳ ודוביץ, ז׳ 356, א״א).

יידישע מיליץ — יידישע פּאָליציי (זע). „צו הילף פון דער קהילה (זע), לויטן באַפעל פון קרייז־האַופּטמאַן פון בוסק, איז אַנטשטאַנען די י׳ מ׳. (ווייסליץ, ז׳ 55). „אוסטראַהע פאַרמאָגט 5 מיליץ־לייט״. (ס׳ אוסטראַהע, ז׳ 518).

יידישע סטראַזש — פייערלעשער אין ל״ג. „יי״ס וואָס לעשט שריפות מיט אַ פלאַש״ — זינגען די גאַסן־זינגער. (זעליקאָוויטש, כ״י, 1942). פון פויליש סטראַזש פּאַ־זשאַרנאַ. זע: יידישע פייערלעשער.

יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף — אַדורכגעפירט אַ „חודש פאַרן קינד״, אַ חודש „ימים טובים״, חודש פאַר עמיגראַציע, חודש פון אויסלייזונג. עס שטייט איך פאַר נאָך אַדורכצופירן אַן אָפּצאָל פאַרן אַלגעמיינעם תענית. חודש לילד, ח׳ החגים, ח׳ ההגירה, ח׳ כופר נפש. הבא בתור תשלום תענית ציבור שהוכרזה. (וו״ג, קפלן, 29.11.1940).

יידישע עס־עס — 1. J.S.S., ראשי־תיבות פון „יידישע סאָציאַלע זעלבסט־הילף״ (פויל. Ż.S.S. — Żydowska Samopomoc Społeczna). יידן טייטשן דאָס יידישע ס.ס. און וויצלען זיך: „היטלער מאַכט פון אונדז אַ פאָלק; ער האָט אונדז געגעבן אַ יודענראַט, אַ יידישע מיליץ און אַפילו אַ יידישע עס־עס״. אגב, איז דער נאָמען, — אויף דער פאָדערונג פון דער מאַכט — געענדערט געוואָרן אויף J.S.H. — Jüdische Soziale Hilfe. 2. די העפטלינגען פון מאַידאַנעק באַצייכענען אַזוי די יידישע קריגס־געפאַנגענע פון ליפּאָווע־גאַס, וואָס גייען אַרום פריי, גוט־געקליידטע. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 129). 3. קאָמענדאַנט פון יידישן אָרדנונגס־דינסט אין קראָקע, שמחה שפּירא (SS), וואָס האָט געהאָלפן דורכפירן אַקציעס אויך אין די פּראָווינץ־שטעט. (מ. סעלינגער, טאָגבוך, ב׳ 3, ז׳ 111).

יידישע פּאָליציי — שטאָט אָרדנונגס־מאַן, מיליציאַנט א״א. (וו״ג, ר״א, שוואַרצבאַרד, כ״י, 1.1.1941; ס׳ גורליץ, ז׳ 250 א״א). יי״פּ טראָגט גראַנאַטאָווע היט־לען מיט אויסגענייטע בלויע מגן־דודס, און לאַטיינישע אותיות J. O. D. (Jüdischer Ordnungs-Dienst). (ס׳ באַרנוביץ, ז׳ 232; ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 499; ס׳ בילגאָריי, ז׳ 336; פּנקס שבלי, כ״י, ע׳ 60; קאָוונער ג׳, יעלין, ז׳ 175). „יידישע פּאָליציי, / אוי איז דאָס אַ שאַנד און אַ וויי, / בעסער שטאַרבן פריי, / איידער אַריינצופאַלן צו זיי״. (ל״ג). 4.12.40 באַקומט די יי״פּ אין וו״ג גומענע שטעקנס, היטלען (צאַרישע גימנאַזיע־היטלען). (ר״א, 1209/3). יי״פּ־לייט. (ס׳ אָסטראָוויעץ, ז׳ 402).

יידישע פּאָלקסדייטשן — טשענסטאָכאָווו. בעלי־מלאכות אַרבעטן אויף דער אַרישער זייט פאַר דייטשן. געוווינט אין אַ גרויסן בנין, מחוצן ג׳. מ׳האָט זיי גערופן יי״פּ. (ווייכערט, מלחמה, ז׳ 220).

יידישער אַרבעט־אַמט — רעיעסטרירט די אַרבעט־פעיִקע יידן און שיקט זיי אויף אַר־בעט; באַדינט זיך מיט אַ ספּעציעלער יידישער אַרבעט־פּאָליציי. (לובלין, ווילנע).

יידישער אָרדנונגס־דינסט (אָדע) — אָפיציעלער נאָמען פון דער יידישער פּאָליציי אין ג׳ (ס׳ קאָלאָמיי, ז׳ 334 א״א).

יידישער אָרדנונגס־היטער — אָדע אין דער אַמוניציע־פאַבריק אין קיעלץ. (מלכה אָוושאַני דערציילט, ז׳ 78, 85).

יידישער אָרדנונגס־מאַן — אַנגעטון אין רויטע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס, די ווייסע „יודענבאַנד" אויפן רעכטן אָרעם, די אָרדנונגס־באַנד, אויפן לינקן אָרעם, באַוואָפנט מיט גומענע שטעקעלעך. (טשענסטאָכאָווו, וואַגאַ, 104). זינט ס'איז איינגעפירט געוואָרן דאָס ג', האָט די ייד. באַפעלקערונג אַנגעהויבן רופן די „אָרדנונגס־דינסט" יידישע פּאָליציי. זיי געלאָזט ביי יעדער געלעגנהייט פילן זייערע גומענע שטעקלעך איבער יידישע קעפּ. (דאָרט, ז' 115).

יידישע אָרדנונגס־פּאָליציי — (וואַגאַ, טשענסטאָכאָוו, ז' 75).

יידישער גאָט — זע : גאָט.

יידישער דינסט־אָרדנער — „די באַקאַנטע יידישע געטאָ־פּאָליציי". (ס' שעדלעץ, 678).

יידישער ווינבאַצירק — באַצייכנט אין אָנהייב דאָס ג'. איבערן טויער צום יידישן ג' אין קראָקע, אויפשריפט מיט יידישע אותיות י' וו'. (ביולעטין, 10.9.1941, נ"ר 11/12).

יידישער ווינפּירטל — געטאָ. (ס' בילגאָריי, ז' 172). זע : יידיש פערטל.

יידישער טויט — הומת „מיתה יהודית" : הפשיטוהו את בגדיו. הדביקו את הטלאי הצהוב היהודי בבשרו, אילצוהו לכרות את קברו במו ידיו, פקדו עליו להשתטח כשפניו למטה — וירו בו". (כהנוביץ, ז' 308).

יידישער טראַמוויי — אין וואַרשע געווען באַשטימט בלויז פאַר יידן. אויפן אָרט פון נומער, געווען אַ J (Jude). די קאָנדוקטאָרן אין יי"ט רופן אָן די פאַרשיידענע סאָרטן בילעטן (אויף פּויליש) : 30 גראַשיקע, אָן אַ קאַרטע : נאַרמאַלנע, אַרישע ; 30 גראַשיקע מיט אַ יידן־קאַרטע, אַ נאַרמאַלנע : נאַרישע (יידישע) ; 120 גראַשיקע, אָן אַ קאַרטע, פּראַיערסקע ; און ווען ס'כאַפּט אַ קאָנטראָלער און מ'צאָלט שטראָף 6 גילדן — לוקסוסאָווע. (ר"א, פּאַלקלאָר, אָנהייב 1942). זע : פּ.ק.פּ.

יידישער עלטעסטענראַט — „בלויז גניבה און פאַרראַט". (לאַגער קאָנסטאַנץ, קוטנע). זע : עלטעסטענראַט.

יידישער פּאָליציאַנט — דוקלאַ. (הרב הירשפּרונג, געטאָ און סוכה. שריפטן, ב"י, אָקט. נאָוו. 1947, ז' 65/6).

יידישער פּאָליציי־שעף — קאָמענדאַנט. (וויל"ג). „אין אַלגעמיין געווען פּאַראַכטעט דורך די יידן. וועגן דעם פיל צונעמען. ווערטלעך : אַ פרוי קלאָגט זיך פאַרן קאָמיסאַר גאָלדמאַן, אַז זי האָט נישט פון וואַנען צו באַצאָלן אָן אַרויפגעלייגטע אויף איר שטראָף. דער קאָמיסאַר גיט אָבער נישט נאָך ; דערויף די פרוי : **די דייטשן גיבן כאָטש דעם טויט, און איר נעמט ביי אונדז דאָס לעבן**". (קרוק, טאָגבוך, 7.1.1942). זע : שעף.

יידישע פייערלעשער — רומקאָווסקי האָלט אַ דרשה אין קולטור־הויז און לויבט שטאַרק זיינע פייערלעשער : „טאָג און נאַכט שטייען זיי אויף דער וואַך און היטן דאָס ג'". פון עולם הערט זיך אַ קול : „און ווען שלאָפן זיי ?" ענטפערט אים עמעץ פון קהל : „ווען ס'ברענט". (זעליקאָוויטש, כ"י). זע : יידישע סטראַזש.

יידישער קאָמיטעט — יודענראַט. (קאָוונע, מאַשאַ גרינבוים, כ"י) ; „אויף דער פאַראַרדנונג פון דער דייטשער מאַכט, זיך געשאַפן אַ יי"ק". (ס' טריסק, 329).

ייִדישער ראַט — זיצונג פון ייִדישן ראַט; שעף פון ייִדישן ראַט. (וויזל, ז' 23, 24, 25 א"א; קאָוונע, א. ירושלמי, כ"י, נאָטיץ פון 4.3.42); במקום יודענראַט (זע); עלטעסטענראַט (זע). זע: זשידאָווסקי קאָמיטעט.

ייִדן — „מיר עסן ווי אין יום־כּיפּור, שלאָפן אין סוכּות, גייען געקלייִדעט ווי אין פּורים". (מלחמה־פאָלקלאָר, וואַרשע, ר"א, 109). לאָזונג פון די אַנטיסעמיטן פאַר דער מלחמה: „ייִדן קיין פּאַלעסטינע!" — היינט, דער מגן־דוד אין וואַרשע, און די פּאַלאַקן אין א"י. (רינג', 23.10.1940). ייִדן טראָגן דעם קענצייכן מיטן מגן־דוד; און די עמיגרירטע פּאָלאַקן, דערונטער דער געוועזענער פּוילישער פּרעמיער, גע־פינען זיך אין א"י. „עס דערגייט דערצו, אַז ווען צוויי ייִדן טרעפן זיך, זאָגט איינער צום צווייטן: איינער פון אונדז דינט דאָך זיכער אין די גאַלעען (זע) (רינג', 11.5.1941) ד.ה., איינער פון אונדז איז אַ מסור, טאָ ווי אַזוי קאָנען מיר רעדן וועגן פּאָליטיק?"

דער ייִד שטאַרבט שטילערהייט. (שוואַרצבאַרד, כ"י, וו"ג, מאַי 1942). אַ דייטש שניידט אָפּ די באָרד אַ ייִדן. אַ פּאָלאַק שטייט פון דער זייט און לאַכט פון ייִדן. דער ייִד: וואָס לאַכסטו? די באָרד וועט וואַקסן צוריק, אָבער דיין פּוילן וועט שוין נישט צוריק וואַקסן. (רינג', אָקט' 1939). פראַנק אָדער לייסט האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין כּוח אין אַזאַ טעמפּאָ דאָס אַלץ וואָס ייִדן טראַכטן אויס, מקיים צו זיין [די פאַרשיידנסטע גזירות]. (רינג', 5.10.40); פראַנק האָט דעפּעשירט צו טשערניאַקאָוון: די ייִדן זאָלן נישט פּראָדוצירן אַזוי פיל גזירות, ווייל ער איז נישט אימשטאַנד דאָס נאָכצוקומען. (רינג' 5.10.40);

געוועזענע זשורנאַליסטן פאַרשפּרייטן קאָמוניקאַטן מיט איבערגעטריבענע ידיעות. זיי לויפן שטענדיק פאַרויס דער רוסישער אַרמיי מיט היבשע הונדערטער ק"מ. נאָכן דורכברוך ביים כאָלם, זענען זיי געלאָפן אַזש קיין ווילנע; נאָכן זיג ביי מאָזשייסק — ביז נאָך סמאָלענסק, וויטעבסק, מינסק וכדומה. סטאַלין האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דעפּעשירט צו זיי: „געוואַלט, נישט אַזוי שנעל, איך קען נישט נאָכלויפן!" (רינג', יאַנואַר 1942).

ייִדן, נישט געדאגהט! דער „שמע ישראל" וועט איבערלעבן דעם „הייל־היטלער". (ל"ג, פראַנק, טאָגבוך, כ"י 1941). פיר זאַכן זענען אומבאַזיגבאַר: די דייטשע אַרמיי, דער ענגלישער פלאָט, דער אַמעריקאַנער דאָלאַר און דער ייִדישער שמוגל. (ר"א, 256). אַ ייִד האָט שלעכט געדאַוונט ראש השנה; אויף דער פראַגע פאַרוואָס? האָט ער געענטפערט: וואָס פאַראַ יאָר — אַזאַ דאַווע־נען. (רינג', 5.10.40).

אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, די מלחמה זאָל אַזוי לאַנג דויערן, ווי לאַנג ייִדן קענען אויסהאַלטן. (מלחמה־פאָלקלאָר, ר"א, 109). ווען די מלחמה זאָל דויערן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג די ייִדן זאָלן קאָנען אויסהאַלטן, וואָלט געווען שלעכט, ווייל די ייִדן קאָנען אויסהאַלטן לענגער, ווי די מלחמה קען דויערן. (רינג', 27.5.40).

ייִדן, ווי גוט איז אייך, וואָס איר ווייסט נישט, ווי שלעכט ס'איז אייך! (וויל"ג, קאַטשערגינסקי). **דער ייִד איז אַ חכם!** ווייל געשטאָרבן אין געטאָ מיט אַ נאָרמאַלן טויט. (קאָט, ביאַל', ז' 30). צו דער ראַדיאָ־סטאַציע אין וואַרשע

קומט צו גיין אַ ייד און וויל געבן אַ האַלבן מיליאָן זל., מ׳זאָל אים דערלויבן איבערגעבן דורכן ראַדיאָ בלויז איין וואָרט. דער ראַדיאָ־שעף איז דערצו מסכים און וואָרנט דעם יידן, אַז אויב ער וועט זיך אַרויסכאַפּן מיט נאָך איין וואָרט, וועט ער אים דערשיסן. דער ייד איז דערצו מסכים. ער ציט אַריין אין זיינע לונגען אַ טיפן אָטעם און שרייט אויס מיטן גאַנצן כוח בלויז איין וואָרט: ג ע װ ו אַ ל ט ! (שאָשקעס).

פאַרן אומברענגען דריי קרבנות: אַן אוקראַינער, אַ פּאָלאַק און אַ יידן, פרעגט די געסטאַפּאָ, ווו זיי ווילן באַגראָבן ווערן. דער אוקראַינער ענטפערט, אַז נעבן פּאָעט שעווטשענקאָ; דער פּאָלאַק: נעבן קבר פון פּילסודסקי; דער ייד — נעבן גרויסן פירער אַדאָלף היטלער. — סטייטש, ווי אַזוי? ער לעבט דאָך נאָך? נישקשה, איך קאָן אַ ביסל צוואַרטן — ענטפערט דער ייד. (די שטימע, 24.12.1943). אַנדערער נוסח: אַ יידן אַ פאַרמשפּטן צום טויט פרעגט געסטאַפּאָ וועגן זיין לעצטן ווונטש. דער ייד ענטפערט: ליגן נעבן היטלערן. (מעזריטש, ביאַלאַ פּאָדאַלסקאַ, פּל״ח, 6).

אין ל״ג טײַלט מען אויס פאַרפּוילטע פּאָמידאָרן נישט צום עסן, זאָגן יידן: עס מאַכט נישט אויס, יידן זענען נישט קיין חזירים. זיי עסן אַלץ. (פּאָזנאַנסקי, ז׳ 107, 17.10.43; ראָזענפאַרב, ב׳ 3, ז׳ 22).

נאָכן איינעמען ביזערטאַ און טוניס, זאָגן די ווילנער יידן: אויב אַזוי, וועט עס שוין לאַנג נישט דויערן. (ה. קרוק, 10.5.43); יידן העלפן צו ביים ציילן די דייטשע געפאַנגענע, וואָס די אַליאירטע האָבן דאָרט גענומען. (יידן זענען מגזים). „יעדעס פאָלק האָט אַזאַ פּאָליציי ווי עס פאַרדינט״ — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין וו״ג, שערינסקי. (רינג׳, 11.5.1941). יידן אין וו״ג טיילט מען: אָפּטימיסטן, פּעסימיסטן און סאָפּיסטן, וואָס זעען פאַר זיך דעם באַלדיקן סוף. (בערמאַן, במקום..., ז׳ 164). יעדער ייד האָט געהאַט זיין איוואַן (נישט יידישן פריינט), נאָר אין דער מלחמה, האָט זיך אויך דאָס געענדערט. (קאָרעסט, וואָלין, וואָשטינאַ, כ״י).

אָנהייב יוני 1944, איז אין קאָוונער ג׳ געקומען אַ דייטשישע קאָמיסיע אין שייכות מיטן עוואַקואירן די איבערגעבליבענע יידן. נאָך זייער אַוועקגיין, האָבן די יידן זיך געוויצלט, אַז די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די יידן זענען פאָרט מענטשן. (אויפן ביינטן פאָרט פון דער אַמאָליקער פעסטונג, האָט מען אומגעבראַכט די פריער אַרויסגעפירטע יידן).

היטלערן זענען נייטיק לעבעדיקע יידן, ווי לופט צום אָטעמען; פון טויטע יידן וועט ער קיין שום נוצן נישט האָבן. (וואַרשע, אָקט. נאָוו. 1939; יואל מסטבוים, ששים יום בפולין של היטלר. רשימות של עד־ראייה, ז׳ 96).

אַ ייד אין וו״ג טראָגט אונטערן אָרעם אַ האָן און וויל פאַר אים קויפן עפּעס עסנוואַרג. באַגעגנט אים אַ פּוילישער פּאָליציאַנט און פרעגט אים, וווהין ער גייט. דער ייד ענטפערט: קויפן פאַרן האָן עפּעס צו עסן. דער פּאָליציאַנט פרעגט אים דאָן, וואָס וויל ער קויפן? דער ייד: הירש, גרויפּן. דער פּאָליציאַנט צע־שרייט זיך: וואָס? גוטע פּאָלאַקן הונגערן און דו ווילסט פוטערן דעם האָן מיט הירש? — און צעשלאָגט דעם יידן. דער ייד גייט ווייטער און טרעפט אַן

עס־עס־מאַן. עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע, וואָס מיטן פוילישן פּאָליציאַנט. דער ייד אַנטלויפט פון די הענט פון עס־עס־מאַן, גייט ווייטער און טרעפט אַ וואַכמייסטער פון דער ווערמאַכט. אויך דער פרעגט אים, וואָס ער וויל קויפן; דער ייד איז שוין פּאַרזיכטיקער און ענטפערט: „איך וועל אים, דעם האָן, געבן עטלעכע זלאָטעס, זאָל ער אַליין אַריינגיין אין אַ געוועלב און זיך קויפן וואָס ער וויל. דאָס איז זיין זאַך, נישט מיינע". (דזשאָן הערסיי, די מויער. „די געשעענישן פון 4טן אַפּריל 1942". [? !]).

נאָך וואָס דאַרפן די אַשכנזים באַמבאַרדירן לאָנדאָן און פּאַרלירן בענזין, בעסער זאָלן די אַשכנזים באַמבאַרדירן בערלין און יענע (ענגלענדער) — לאָנדאָן. (רינג' 5.10.1940).

בעת אַן אויסזידלונג אין קאָוונער ג׳: וווהין קלייבט איר זיך, יידן? — אויף יענער וועלט! — אויף יענער וועלט וועט איר עסן דעם לויתן, דעם שור־הבור, און זאַכן וועט איר אויך נישט דאַרפן. (מאַשאַ גרינבוים, כ"י).

צוויי יידן גייען אין יאָר 1960 איבער די גאַסן פון בערלין. איינער פרעגט דעם צווייטן: „וואָס זאָגסטו צו היטלערן?"— „היטלער? העכסטנס נאָך 14 טעג וועט ער אויסהאַלטן". (טאָגבוך פון אַן אַמסטערדאַמער יידן, כ"י, 21.2.1942).

פּרייז פון אַ יידן. די אַקציעס וואָס הייסן „יידן", איז געוואָרן אַ בירזשע־אַרטיקל. מ׳קאָן זיי רעאַליזירן אין ווערט פון 500 פראַנק פּער קאָפּ. שפּעטער זענען די אַקציעס געשטיגן אויף 1000 פראַנק פּער קאָפּ און דערנאָך נאָך העכער. זיך פּאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי דערגייען ביז 20.000 פראַנק. (א. קליינ־מאַן, כ"י, בעלגיע). אין פּוילן האָט מען פּאַר איבערגעבן אַ יידן דער מאַכט, באַצאָלט מיט בראַנפן, צוקער וכו׳.

אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז יידן זענען פּעיִק צו זיין דאָזאָרצעס (סטרוזשעס), הויז־וועכטער, אָבער די געטאָ האָט באַוויזן. אַז יידן זענען צו אַלעם פּעיִק. [פאַר דער מלחמה האָט אַ ייד אין פּוילן נישט געקאָנט ווערן אַ הויז־וועכטער]. (ל"ג, י. הילער, 2.1.44).

אויף פּאָנאַר האָט מען געבראַכט אַ פּאַרטיע יידן צום דערשיסן, מ׳האָט זיי געהייסן זיך אויסטון. איין ייד האָט זיך איינגעעקשנט און נישט געוואָלט דאָס טון; צעשרייט זיך אויף אים אַ צווייטער: וואָס טראַכט איר זיך, ר׳ ייד, איר וועט דאָך אונדז אומגליקלעך מאַכן. (וויל"ג, ש. קאַטשערגינסקי). פּאַראַן וואַ־ריאַנטן פון דעם ווערטל: „פגשו ביהודי הקורא עיתון נאצי ושאלו אותו על שום מה הוא קורא בו? הוא עונה: כשאני קורא עיתונות יהודית, אני רואה עצמנו שאנו מסכנים, חלשים ומדוכאים; אולם כשאני קורא בעתונות הנאצית, אני רואה מה חזקים אנו, כיצד אנו שולטים בעולם והכל עומד לפקודתנו". (איבערגעגעבן פון מלך ניישטאַט אויף אַ זיצונג פון ועד הפועל של ההסתדרות הכללית, דעם 31.12.1942, פּנקס לפועלי ההסתדרות, ת"א, שבט תש"ג, יאַ־נואַר 1943).

אַ יידן אויף דער אַרישער זייט דערקענט מען אין די וואָנסענס, שטיוול מיט כאָלעוועס און דער „קענקאַרטע". (רינג' ביולעטין פון ייה"א, נר' 29, 1959, ז' 123). אַן אַנדערע ווערסיע: אַ יידן דערקענט מען לויט דער נאָז, האָר און אויגן. (דאָרט).

ליצני הדור אומרים, שדעת היהודים מכריעה ודברם לא ישוב ריקם; והאָ ראיה: ביאת המשיח! (וו"ג, קפלן, 29.7.1940).

וכלל גדול היה בידך: בכל פעם שהעולם לוקה — ישראל לוקה כפליים. הפצצות שנזרקות בברלין, פוגעות בנו! (קפלן, 21.8.1940). דער דייטש נעמט נקמה אין יידן פאַר די באָמבעס וואָס ווערן אַראָפּגעוואָרפן אויף בערלין.

„בדיחה יהודית: הגרמנים מכים את היהודים, על שאין אנגליה רוצה לעשות שלום; והפולנים מכים אותם, על שאותה אנגליה לא הכינה את עצמה כראוי למלחמה והיא נוחלת מפלות". (קפלן, 8.10.40).

אויף יענער (אַרישער) זייט זאָגט מען: יידן האָבן נישט קיין מעל און עסן חלות; יידן האָבן נישט קיין ראַדיאָ און ווייסן אַלעס; יידן האָבן נישט קיין מיליטער און געווינען די מלחמה. (ר"א, פאָלקלאָר, ב' 2).

אַ יידן און אַ קריסט מיט אַ לענטע האָט מען געכאַפּט אין ג'. קודם פאַרהערט מען דעם יידן. נאָך אַלע פּראַגן, האָט מען אים געהייסן ווייזן ציצית. דער ייד האָט זיך געכאַפּט און געענטפערט: זיי זענען געוואָרן ברודיק, האָב איך איבערגעלאָזט דעם ווייב צום וואַשן. דער קריסט האָט הינטער דער טיר אויסגעהערט אַלע פראַגן, אָבער אַ יידישער געשטאַפּאָוויעץ האָט אים דערקענט אַלס קריסט און אַ זאָג געטון: — באַווייז נאָר אַז דו ביזט געיידישט; דער קריסט האָט פונקט ווי זיין חבר דער ייד געענטפערט: דאָס קען איך נישט, ווייל ס'איז געוואָרן ברודיק, האָב איך איבערגעלאָזט מיין ווייב צום אויסוואַשן. (ר"א, פאָלקלאָר).

אַן ס.־ס.־אָפיציר דערציילט: בעתן ברודער־קריג אין שפּאַניע, ליגן אין שפּיטאָל צוויי שפּאַניער: איינער אַ רעפּובליקאַנער, דער צווייטער אַ פראַנקיסט. זאָגט דער רעפּובליקאַנער: נאָך וואָס די שחיטה? מיר זענען דאָך זין פון איין פאָלק! ענטפערט דער צווייטער: אמת, דאָס איז געקומען פון די יידן! דער רעפּובליקאַנער: סטייטש, אין שפּאַניע זענען דאָך קיין יידן נישטאָ! — דער פראַנקיסט: דאָס איז טאַקע די צרה. וואָלטן געווען יידן, וואָלטן מיר זיי געשלאָגן און געהרגעט, נישט אייך. (ד"ר אָשר העלער, ס' רישא, ז' 518). זע: ס'איז גוט.

יידן אָפּצייכנס — „צוערשט ווייסע בענדער אויפן רעכטן אָרעם, שפּעטער געלע לאַטעס פאָרנט און הינטן". (ס' זאַוויערטשע, ז' 344).

יידן־אַקציע — „אַ יי"אַ אויף דער אַרישער זייט". קיין וואַרשע אַראָפּגעקומען נייע ס.ס.־אָפּטיילונגען פון בולגאַריע, דאַרפן אַדורכפירן אַ רייניקונג־אַקציע און דערביי אויסגעפינען די פאַרבאַהאַלטענע יידן אויף דער קריסטלעכער זייט. (טורקאָוו, כ'האָב געוואָלט לעבן, ז' 194־200).

יידן־באַנד — דייטשן רופן די געלע לאַטע „יידישע בענדער", „יודען־שאַנדע־צייכן". יידן שעמען זיך נישט מיט די דאָזיקע לאַטעס און יידן־בענדער. (זיגעלבוים־בוך, ז' 187, 213, 215; סקאַלאָוו, האַקנקרייץ, ז' 140). זע: בינדע, לאַטע.

יידן־גראַד — זע: געטאָ־גראַד.

יידן־האַליץ — טעבענס (זע) האָט געוואָלט צולייגן צום פייער דעם נייעם סאָרט ברענמאַטעריאַל, וואָס די גרויסע דייטשישע כעמיקער האָבן דערפונדן — דעם יידן־

האַלץ, די ייִדן-קוילן, אַ מאַטעריאַל וואָס ברענט גוט און קאָסט גאָרנישט. (אַל-
בערט, ז' 336).

ייִדן-פּחד — זע: אומשלאַג-פּלאַץ.

ייִדן-פּערטל — כּדי אַרויסצוגיין פון יי"פּ דאַרף מען אַ שיין. (ס' זשעטל, ז' 320). זע:
יידישער וווינבאַצירק.

ייִדן-צייכנס — לאַטע (זע). (ס' זאַוויערטשע, ז' 276).

ייִדן-ריין — „ייִדן-ריינע קוואַרטאַלן". (ס' זאַוויערטשע, ז' 337); דעם 26.8.43 „איז ז'
געוואָרן ייִדן-ריין". (דאָרט, ז' 351), „גאַנצע שטעט געמאַכט יי"ר. (רינג',
כתבים II, ז' 26). „פּורים געווען אַ שחיטה. צומאָרגנס געווען שוין אַ אויפשריפט:
„די שטאָט איז ייִדן-ריין". (ס' ווילייקה, ז' 286).

ייִדן-שעף — אין ל' טורקאָוויץ, נעבן ווערבקאָוויטש. אַ יי"ש, זיין אויפגאַבע: פאַר-
זאָרגן די העפטלינגע מיט לעבנסמיטל, 1940. די ייִדן אַרבעטן ביי דער רעגולאַ-
ציע פון דער הודזווא. (ס' בילגאָריי, ז' 251).

ייִדן-שפּעכער — דייטשן אויסגעקליבן ר' געצלען פאַרן ייִדן-שפּרעכער פון פּראָשאָוויץ.
דער דייטש פרעגט: „ווער איז דער עלטסטער? — עס מעלדעט זיך דער
עלטסטער אין יאָרן, געצל. ער ווערט „יודען-שפּרעכער" [שפּעטער אַנטשטייט
אַ יודענראַט]. (בלומענפעלד, זכרונות, יו"ש 2575/236).

ייִדעלער-ראַטן — שטאָט יודן-ראַט. (וו"ג, אונדזער וועג, דעצ. 1941, ר"א, נ"ר 1007).

יי. וו. אָ. — (ייִדן ווילן אַזוי). ראשי-תיבות פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט —
פאַר דער מלחמה אין ווילנע, היינט אין ניו-יאָרק. „די אַגענץ יי.וו.אָ. גיט איבער
וועגן אַן אינטערוועניץ פון רוזוועלטן ביי יענעם (זע) וועגן דער לאַגע פון די
ייִדן, מיט דער דראָונג אַרויסצושיקן די 8 מיליאָן אשכנזים פון אַמעריקע".
(רינג', 1.11.40). „אַנשטאָט זאָגן, אַז די זאַכן זענען נישט געשטויגן נישט גע-
פלויגן, געזאָגט אַז דאָס זענען ייוואָ-נייעס". (ס' קאַריוו, ז' 446; ס' זשעטל, ז'
349; רייזער, גראָדנע, ז' 94). „אין יעדן נצחון פון די דייטשן, האָבן די ייוואָ-
איסטן" גאָר געזען אַ נאַצישע מפּלה". (טורקאָוו, אַזוי..., ז' 89).

יימאַ — ייִדישע מעשיות-אַגענטור. (קלעמפּערער; לטי, ז' 196, דייטש).

יינגל, האַלט זיך — „דאָס פּאָפּולערסטע ווערטל פון געטאָ-לץ רובינשטיין (זע). (וו"ג,
טורקאָוו, אין קאַמף, ז' 39). מיט דעם ווערטל האָט מע זיך באַגריסט אין וו"ג.
(דוד האָפּנונג, יינגל האַלט זיך, נייוועלט, לאָדזש 1946. איבערגעדרוקט „אַר-
בעטער וואָרט", סוף 1946). „יינגל, האַלט אויס, די הילף קומט". פאַלקס-לידל
האָט גרויס דערפאָלג. (רינג', 18.3.41, כ"י). י' ה' ז' — „אָפּט איבערגעחזרט
דאָס פּאָפּולערע ווערטל, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין די געטאָס און לאַגערן:
יינגל, האַלט זיך! כ'האָב זיך געהאַלטן". (י. אייזענבערג, פאַר וואָס, ז' 165).

יינגלעך-אַרבעטער — „ווי אַלט ביסטו?" — „שוין קוים צען יאָר". „און וויפל האָסטו
שוין אָפּגעאַרבעט?" — „וויפל אַן אַנדערער יינגל אין צוואַנציק". (ל"ג, אבי, 46).

ייסאַ, י. ס. אַ. — (JSS) ייִדישע סאָציאַלע אַליינהילף. „האַראָוויץ (זע) געפרעגט דעם
היגן מושל (גענעראַל-גוווערנער פראַנק), וואָס האָט ער אָפּגעטון די ייִדן, האָט
יענער אויסגערעכנט פאַרשיידענע צרות, אַלץ געווען פאַר אים צו ווייניק. צום
סוף דערמאָנט זיך פראַנק 10 פונקטן: „דער ערשטער — איך האָב פאַר זיי

געשאַפן אַ י.ס.א." „געגוג רופט זיך אַפּ ה' — מער דאַרפסטו שוין נישט אויס־רעכענען". — (רינג', 26.9,1940 ; קפלן, כ"י, 8.10.40 א"א).

ייקאָר — יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע. (וו"ג).

ילדות — אינטערנאַט פאַר פּאַריתומטע מיידלעך. (ווי"ג, געטאָ־ידיעות, מערץ 1943). זע: ילדים.

ילדים — א. אַפּטייל ביי דער סאָציאַלער שוץ פון יודענראַט אין ווילנע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַרוואָרלאָזטע קינדער (ייִנגלעך און מיידלעך). ב. אינטערנאַט פאַר יינגלעך. געעפנט אַ היים פאַר פאַרוואָרלאָזטע קינדער. די היים איז אַ טייל פון די י'. די אַפּוטרופּסות איבער דער היים פונקט ווי איבער די י' האָט דער פּאָ־ליציי־קאָמענדאַנט הער מושקאַט. די קינדער פוןביידע אינטערנאַטן רופט מען די מושקעטיאָנער". (קרוק, 22.8.1942). די קינדער אַרבעטן אין ווערקשטאַטן, בריגאַדעס (זע), נעמען אָנטייל אין דער אונטערערד־אַרבעט. פאַראַן לידער וועגן זייער לעבן. (דוואָרזשעצקי, ווילנע, ז' 280, 439). זע: טראַנספּאָרט־בריגאַדע.

ימח־שמו, ימח־שמוניק — היטלער. „מען פירט אַדורך אַנאַלאָגיעס צווישן דעם ימח־שמו און נאַפּאָלעאָנען. נאָך דעם ימח־שמוניק, וועט אָבער גאָר נישט בלייבן". (רינג', יוני 1942).

יעדינקע — פּויליש: איין [דאָלער]. (וו"ג, ר"א, 61).

יעדעס דירהלע האָט זיך זיין געשווירעלע — „פּאַראַפראַזע פון יעדעס געשווירעלע, האָט זיך זיין קאַלירעלע". (ל"ג, זעליקאָוויטש, כ"י).

יעלה, יללות (יאַלע) — „געטאָ־אויסדרוק פאַר אַ מאַכט־הערשערישן באַאַמטן". (קאָוונע, יעלין 79/8). מייסטער, אויפזעער אויפן פלוג־פּלאַץ; אַ מאַכער. „אַ י' איז דער, וואָס האָט אַ ווייב און אַ כלה". (עדויות: ב. קאַפּלאַן, ר. סילקע). יעדער י' האָט זיין כלה און פּאָליציי האָט צו צוויי. (גאַר, יידישע קולטור, 1969, נ"ר 10). לידער וועגן י': „זינגזשע מיר, זינגזשע מיר, געטאָ־יידל, / זינג מיר פון יידישע „יאַלעס", / באַזאָרגט אונדז דאָ בעסער מיט „יושניק" אַ טעלער, / און הערט אויף צו פּראָווען די „יאַלישע" בעלער! (קאָוונע). די געשיכטע פון י': האַרבסט 1941, זענען ביי די אַרבעטן אויפן קאָוונער ערָאָדראָם געווען באַשעפטיקט טויזנטער יידן. די באַציונג מצד די מייסטערס און פּאָסטנס געווען ביז גאָר אַ הארבע. ווען זיי פלעגן אויף אַ ווייל אָוועקגיין פון אַרבעט־פּלאַץ, פלעגן יידן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און נישט געאַרבעט. מען פלעגט אָבער דאַרפן שטאַרק זיך היטן, ס'זאָל אומגעריכט נישט אָנקומען אַן אויפזעער. אין איינעם אַ טאָג, איז צווישן די אַרבעטנדיקע געווען הרב ברודאָ. דערזעענדיק אַן אָנקומענ־דיקן דייטשן פּאָסטן, האָט ער אַ געשריי געטון: „יעלה ויבוא". פון דעמאָלט אָן איז דאָס וואָרט געוואָרן אַ פּאַראָל, אַז ס'קומט אַן אויפזעער. שפּעטער־צו איז י' געוואָרן אַ סינאָנים אויך פון אַ יידישן באַאַמטן. מיט „יעלות" פלעגן באַצייכנט ווערן די העכערע פונקציאָנערן פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע. (י. גאַר, ייד. קולטור, 1969, נ"ר 10).

יאַלעווע, יאַלעוואַטע — איינער וואָס שניידט זיך אויף אַ יעלה.

יעלה ויבוא — וואָרן־צייכן, אַז ס'קומט דער וועכטער. פון דעם אויסדרוק שטאַמט **יעלה**, וואָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „יללה". (קאַפּלאַן, ז' 7/8).

יעלה ויזון — וואָרן־צייכן פאַר אַ מייסטער, וואָס פאַרשטייט זיך אויף דער אַרבעט, צום אונטערשייד פון אַ פשוטן יעלה ויבוא. (קאַפּלאַן, ז׳ 7/8 ; א. לוריא, כ״י ; יעלין, ז׳ 22 ; בראון לוין ; קובנה, כ״י, ז׳ 55/6).

יעלה תחנונינו — א. „צו אַ יעלה אָנקומען, איז נאָר מיט תחנונים״ ; ב. אַ י׳ וואָס האָט דערגרייכט זיין שטעלע נאָר מיט תחנונים. (קאַפּלאַן, ז׳ 8).

יעניעץ — אין באַראַק, ווו איך געפין זיך, אַ 500 מענטשן (קריגס־געפאַנגענע, א. ג. „יענצעס״). יעדן אָוונט האָט די יודישע פּאָליציי אויסגערופן פאַרשידענע באַפעלן. (ס׳ קראשניק, ז׳ 412). אַ יעניעץ אין ל׳ אויפן „סקרענט״ (זע). (דאַרט, ז׳ 444).

יענע — 1. דייטשן. „י׳ קויפן אויס מאַסנווייז דאָלאַרן״. (מאַי, 1942, ר״א, 2016) ; „י׳ זענען אַריין״. (הובערבאַנד, ר״א, 108). „יענע האָבן זיך פריילעך געמאַכט אויף די יידישע גאַסן״. (ר״א, נאָטיצן, שוואַרצבאַרד). „דאָס לעבן ביזן אָנקומען פון יענע״. (רינג׳, אַריענטירונג־פראַגן צו די מאָנאָגראַפיעס פון שטעט). „מ׳זאָגט, אַז י׳ שרייבן אונטער, וואָס יידן טראַכטן אויס״. (רינג׳ כ״י, 5.10.1940). אוי, אַלץ מיר קענען / זינגען, שפּילן אויף דער סצענע, / מיר קענען שילטן... אָבער יענע/פאַרשילטן קענען מיר ניט״. (וויל״ג, לייב אָפּפעסקין, פון קאָלכאָז בין איך). „פאַר יענעם סקווערן און בולוואַרן, / פאַר דיר אַזאַ קוואַרטאַל, / פאַרוואָס זאָל יענער דיר נאָך נאַרן ? / פאַר וואָס נאָר דיר דער טרערן־קוואַל ?״ (וויל״ג, לייב ראָזענטאַל, די זעלבע גאָסן). 2. באָלשעוויקן. י׳ זענען שוין נישט ווייט. (ל״ג, טאָגבוך, 31.7.1944). זאָלן נאָר י׳ קומען. (ר״א, 256).

יענע זייט — 1. אַרישע זייט. אויפן פּלאַץ פון ג׳־תפיסה זענען אויסגעפירט געוואָרן טויט־אורטיילן (קעגן) געכאַפּטע אויף י״ז. (וו״ג, „אונדזער וועג״, דעצ׳ 1941). „הכל נמכר אל מחוץ לגיטו — אויף יענער זייט״. (ביאַל״ג, מ. תמרוף, מכתב לחברים, אַפּריל 1943 ; דפים מן הדליקה, ז׳ 113). שטאָט י״ז באַנוצט „צווייטע זייט״. (ל״ג, באַביטש, כ״י). 2. סאָוועטישע זייט. אַ טייל זענען אַריבער אויף י״ז. (לאָדזש, קורץ, כ״י, ז׳ 65). „יידן לויפן און אַנטלויפן אויף י״ז״. (דאַרט, ז׳ 129 ; רינג׳, 9.1.40־7, ז׳ 77 א״א). זע : יידן.

יענע קרענק — פלעק־טיפוס. (ר״א, לעווין, כ״י, 256). די קראַנקע אויף טיפוס האָט מען געדאַרפט מעלדן דער מאַכט, וואָס פלעגט דאַן „שפּערן״ דאָס גאַנצע הויז אַאַז״וו. דערפאַר האָט מען די קרענק באַמיט זיך צו פאַרהיימלעכן.

יענער — היטלער. „אויפן וואָקזאַל איז געווען ׳יענעמס׳ בילד מיט די שוואַרצע וואָנצעס״. (וו. טאַמבור, פרילינג, ז׳ 73) ; „י׳ איז דער אויסלייזער פון דער וועלט״. (רינג׳, סעפּט. 1940, ז׳ 147 א״א).

יענער זונטיק — „דעם 29סטן יוני 1941. י״ז — יאַסער־פּאָגראָם, פאַרשניטן 12.000 קרבנות״. (אויפן שוועל, 4.1963־3, ז׳ 4).

יעקב אָבינוס מיטל — שוחד. „מיט יא״מ האָט מען זיי איינגעביסן״. (ביאַל״ג, פ. קאַפּלאַן, צו דער געשיכטע, כ״י). „אויסגעפירט, הייסט עס, האָבן די אָפּטימיסטן מיטן כוח פון יידנראַט מיט י״א מיטלען״. (ביאַל״ג, פ. קאַפּלאַן, מעשה פּרוזשאַני, כ״י).

יעקי — יידן געבראַכטע פון רייך. (איזביץ, בלאַט טביה, כ״י). זע: יעקע; קאָנטריבוציע.

יעקע — 1. „אין ג׳ האָט דער אויסדרוק אַ בייטעם פון רחמנות און נישט גרינגשעצונג. דער קעגנזאַץ צווישן מזרח און מערב ווערט מיטן וואָרט י׳ אָוועקגעשטעלט נישט כאַראַקטעראָלאָגיש, נאָר קולטורעל. אַפילו דער ברייטער אויסדרוק, „י׳ נאַר״ אָדער אַ ליד וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין ג׳ „יעקע מיט דער טעקע״, דאַרף אויך נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ דערנידערונג. גיכער וויל מען דערמיט אויסדריקן, אַז דער מערב־ייִד, דער י׳, ברענגט זיך שאָדן דורך זיין אַקוראַט־קייט און ער דאַרף זיך נעמען פאַר אַ מוסטער די גיכע אָריענטירונג־פעיקייט פון היימישע יידן״. (ל״ג־ענצ׳, ראָזענפעלד, ב. 3, 129). 2. פּאַפּיר־מאַרקן. (9.19.40, ר״א, 302). „יעקעס און חזירלעך קויפסטו ?״ (סאָסנאָוויעץ, פּ. ווידערמאַן, פּלאָ־וואָ בעסטיא, פּויליש, ז׳ 32). „די עסטרייכישע העפטלינגען אין גוזען באַצייכענען די דייטשן פון רייך מיט יעקעל, וואָס שטאַמט וואַרשיינלעך פון וואָרט עקעל״ (Eckel). (סט. נאָגאַ: גוזען, ז׳ 4, פּויליש).

יעקע גנב — דייטש. „אויף י״ג קאָן מען אַלץ גלויבן״. (וויל״ג, כ״י, מאַשאַ, ז׳ 34). „יעקע בלייבט יעקע״. (דאַרט, ז׳ 60).

יעקע־לאַנד — דייטשלאַנד. (ז. גראָדאָווסקי, כ״י 1944; מאַרק, מגילת אושוויץ, ז׳ 268/397).

יעקע נאַר — וו״ג. (אונדזער וואָרט, דעצ. 1941). זע: נאַראָנים.

י. פּ. — יידישע פּאָליציי. „השוטרים היהודים מצוידים במקל קצר ועל שרוולם סרט תכלת־לבן, שעליו האותיות ״י״פ״. (ס׳ קוסטופול, 195).

י.פּ.פּ. — טעלעגראַפן־אַגענטור; י.פּ.פּ. — פּויליש: „Jedna pani powiedziała״ — אַ פרוי האָט געזאָגט. (27.4.45, „ראַבאָטניק״). זע: זשיראַפּאַ, טאַס, ייווא.

יערושאַלימסקאַ — לאַגער אויף דער י׳ גאַס (קראָקע), אויפן בית הקברות, וווהין מ׳האָט איבערגעפירט די יידן נאָכן ליקווידירן דאָס קראָקעווער ג׳, מערץ 1943; „גע־בראַכט אויף דער י׳ ״; „די י׳ האָט מען ליקווידירט״. (זעלינגער, טאָגבוך, ה׳ 6); „המחנה י׳ שליד קראָקע״. (ס׳ ווייסליץ, ז׳ 17, 37).

יער גענס — „וואַלד, וואָס פון אים האָט מען געפירט האָלץ אין ג׳; יידנראַט וואַלד״. דער עולם פלעגט עס אָנרופן הומאָריסטיש י״ג (וויל״ג, דוואָרזשעצקי, ז׳ 181).

יעסאָוויעץ — שטאָט „יעקאָוויעץ״ (פון „יעקי נאַר״); יידן אויף דער אָרישער זייט אין וואַרשע. (שמחה ראָטענבערג).

ירושלים — „על דרך ההלצה קראו לישובנו ׳העירה באלסקי׳. הגויים היו קוראים ירושלים״. (באלסקי, ז׳ 206). „לאחר שקבע באלסקי את מקום בסיסו ביערות נאַליבוקי, הוקמה עיר שלמה שנקראה בשם י׳ או ביאלסק״. (כהנוביץ, ז׳ 318). זע: שטעטעלע ביעלסק.

ירקות־לעגיטימאַציע — (ל״ג, זעליקאָוויטש, כ״י 30.4.1944). זע טאַלאָנען.

ישועה — באַפרייונג. „דער פעטער י׳ קומט באַלד״. (ס׳ באַרשטשיוו א״א). „י׳ הייתה זו אחת מסיסמאות יהודי הגיטו. מי יבין למשמעות המילה, איזה צליל נשגב,

בעל תוכן רב משמעות; „י׳ — הבקשה הנפוצה היוצאת מפיו של כל יהודי ולתוכנה הבין כל אחד״. (ס׳ סטאָלפּצע, ז׳ 11); „די י׳ אונטער די פּלייצעס און דער מלאך המוות (שוחט) פאַר די אויגן״. (ראָשניאַטאָוו, סטרי, י. לוטוואַק, כ״י, ז׳ 54). „די שכנים טרייסטן אים און זאָגן: „משה, מיר וועלן אין גיכן ביי אייך קלאַפּן אין פענצטער און זאָגן: די י׳ איז דאָ״. דערויף ענטפערט משה: „די י׳ וועט זיכער זיין, אָבער משה וועט נישט זיין״. (זאַבלאָטאָוו, קאָלאָמיי, צבי שניצלער, כ״י, ז׳ 58); אַ בריוו: „די מאַדאַם י׳ פאַרשפּעטיקט זיך צו קומען און איך בענק נאָך איר״. (ס׳ זבורוב, ז׳ 96, 27.1.1944).

יתומים־הויז — 27.2.40 געשאַפן דאָס י״ה אין מאַרישין פאַר קינדער, מיט אַן אָרטאָדאָקסישער דערציונג. (לוח, ל״ג, 1942).

כ

כאַדאַקעס — הילצערנע שיך (פויליש). כ׳ אין אוישוויץ. (רינג׳ יאַנ׳ 1942, כ״י). זע: האָלענדערקעס.

כאַטאַ זוויאַ קאָנאַ (פויליש: Chata wuja Kona). — פאַראַפראַזע פון „דאָס הייזל פון פעטער טאָם״. די פערד־אָמניבוסן פון דער פירמע „קאָן און העלער״ אין וו״ג, פאַרבונדן דאָס קליינע ג׳ מיטן גרויסן לעשנאָ־שעננא. אַ קורס 60 גראָשן. (רינג׳); אַזאַ „אויטאָבוס״ האָט אויסגעזען ווי אַ צירק־בודע, אַרויפגעזעצט אויף אַ ברייטער פּלאַטפאָרם, געשלעפּט פון צוויי פערד, געווען תמיד איבערפולט, אַז ס׳איז פשוט געווען שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. (בריסקער, כ״י, ייה״א). דעם „אָמניבוס״ איינגעפירט, נאָכן אָפּשטעלן דעם יידישן טראַמוויי (זע) אָנהייב 1941. זע: „כאַטאַ זאַ וושיאָן״.

כאַטאַ זאַ וושיאָן (פויליש: Chata za wsią) — דאָס הייזל הינטערן דאָרף. פערד־אָמניבוס אין וו״ג, לויטן נאָמען פון יוזעף איגנאַצי קראַשעווסקיס ראָמאַן. יידן דעם נאָמען פאַראַדירט אויף „כאַטאַ זע ווסיאָן״, אַ רמז, אַז דער אָמניבוס איז נישט ריין. טייל מורא געהאַט מיט אים צו פאָרן, כדי זיך נישט אָנשטעקן מיט פלעק־טיפוס. די פּאַראָדיע איז אויך נוגע דעם ניט אונטערשיידן צומייסט דורך יידן די פוילישע קאָנזאָנאַנטן: ווייכן ś און האַרטן sz. כאַטאַ זאַ ווסיאָן, טשילי טראַמוויי קאָנני זוואַני טאַקזשע קאָן־העלערקאָן״. „דאָס הויז הינטערן דאָרף, אָדער פערד־טראַמוויי, וואָס מ׳רופט אויך קאָן־העלערקי״. (אַדאָלף רודניצקי. זשיווע אי מאַרטווע מאָזשע, ז׳ 105). זע: קאָן־העלערקי.

כאַטע — פויעריש הייזל. „דער טרוים צו שאַפן אַ קיבוץ, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. מ׳האָט אַנדערש נישט געקענט. מ׳האָט געמוזט כאַטש זיין צוזאַמען: לעבן, ווי מיר זענען דערצויגן. מיר האָבן געקראָגן אַ גאַנצע כאַטע. פון דאַן רופט מען דאָס נישט קיבוץ, נאָר כ׳ (צפורה בירמאַן, כ״י, ביאַליסטאָק, 1.3.1943 ב״ק נר׳ 1851).

כאַטש איינמאָל מיט אַ פאַרוואָס — די יודענראַטניקעס פון ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ פלעגן זייער אָפט באַקומען געשלאָגן פון דייטשן, אָן אַ פאַרוואָס. איינמאָל זיי גערופן אין געסטאַפּאָ, וווּ אָן עס־עס מאַן האָט זיי פאָרגעלייענט פון אַ צייטונג, אַז אין א״י ווערט געשאַפן אַ יידישע מלוכה, מיטן ענגלישן קעניג בראש. יידן גרינגדן אַ ווייצמאַן־לעגיאָן צו קעמפן קעגן דער „אַקס״. דערנאָך האָט מען די יידן צעשלאָגן. ביים אַרויסגיין, האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופן: „כאַטש איינמאָל מיט אַ פאַרוואָס״. (פל״ח, 6).

כאַפּ און נעם — קאָמאַנדאָ פון יידישע אַרבעטער, וואָס געאַרבעט אין מאַגאַזינען פון דייטשן מיליטער און געהאַט צוליב דעם אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן (זע

און אַריינשמוגלען אין ג׳ לעבנסמיטל (קאָופמאַן, יידן אין לעטלאַנד, [דייטש], ז׳ 161).

כאַפּונג — כאַפּן יידן פון גאַס צי פון שטוב צו אַרבעט, פון וועלכער מ׳פלעגט זייער אָפט בכלל נישט צוריק קומען, אָדער צעשלאָגן. „פאַרגעקומען אַ כ׳, מען האָט גע־כאַפּט יידן״. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 252). **כאַפּונגען** — וו״ג. (הובערבאַנד, כ״י, ר״א, 48).

כאַפּונעס — „אַזוי גערופן די **כאַפּערס**. — זייער אויפגאַבע: אויפזוכן יידן און שלעפּן זיי צו אַרבעט. איבער אַ טייל פון די געכאַפּטע, פירן זיי אויס עקזעקוציעס״. (וויל״ג, סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 9—7). „כאַפּונעס פון דער ליטווישער ,איפּאַ־טינגאַ׳ (זע) פאַרקערעווען מיט דער גרופּע און פירן איר אָוועק, ווו זיי גלוסט זיך״. (קרוק, 4.7.41). „ביי דער ג׳־פּאָליציי פאַראַן אַ ספּעציעלע גרופּע פון 10 כ׳, וואָס פאַרנעמען זיך מיט כאַפּן מענטשן (יידן); אויב מען דאַרף, מיט אַרויס־געבן מאַלינעס [זע]. (דאַרט, 7.1.42). „די כ׳ מאַכן פאַרשריט. פון כאַפּן איינצלנע, זענען זיי אַריבער אויף הויף־גרופּעס. איצט אַ שריט ווייטער — מען נעמט גאַנצע געגנטן״. (דאַרט). „מאַרטין ווייס (געסטאַפּאָ־מאַן) ווייזט אָן די יידן, וואָס דאַרפן מקבר זיין די געהרגעטע אין פּאָנאַר און זאָגט: דאָ ליגן די יידן פונעם **כאַפּונעס־פּעריאָד**. דאָס וואָרט כ׳ האָט ער געזאָגט אין יידיש און דערביי געשמייכלט פון זיין גרויסער באַהאָוונטקייט״. (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 82). פאַר אַ געכאַפּטן יידן פלעגט אַ „כאַפּון״ קריגן זיין האָנאָראַר: 10 רובל. (דוואָר־זשעצקי, ווילנע, ז׳ 27). „הופיעו החוטפים במכוניות [ה„כאַפּונים״ קראנו להם]״. (ס׳ אַלכסנדריא, ז׳ 211).

כאַפּט אַריין, ס׳וועט באַלד נישט זיין — אַ פאַרקויפערין פון טשאַסטעס אין וויל״ג. (קרוק, 7.1.42). זע: רעקלאַמע.

כאַפּן — „אויפן אַרבעטסלאַגער״. (שוואַרצבאַרד, כ״י, ר״א, 1.1.41). פון פּויליש: Łapać na obóz. „די פּאָליציי כאַפּט אין די אַרבעט־לאַגערן״ (דאַרט, 16.4.41).

כאַפּ־נאַכט — נאַכט, בעת מ׳האָט געכאַפּט צו אַרבעט אָדער אויף טויט. (י. קירמאַן, פּרוי קראַשעוויטשעס טויט, וו״ג, 1941, ר״א, 426).

כאַפּעניש — (רינג׳). באַנוצט אָפּט דעם אויסדרוק שטאָט „כאַפּן״. „דאָס כ׳ אויף די גאַסן, דאָס אַרויסשלעפּן פון די הייזער, האָט נישט אויפגעהערט״. (גאָלדשטיין, ז׳ 86). „זיי זאָלן זיך היטן צוליב דעם כ׳״. (שמידט, ז׳ 157, כ״י).

כאַפּער — 1. כאַפּט צו אַרבעט. „לעצטנס גייען אַרום יידישע כאַפּערס. די סעקציייני (זע) פון דער קהילה״. „אַ נייע מאָדע: יידישע כאַפּערס. זיי נעמען ,לעפּקעס׳״. (רינג׳. 20.4.41). „ביינאַכט באַזעצט הייזער, געכאַפּט צו אַרבעט. פאַר געלט זיך אויס־געקויפט. (רינג׳, 26.4.41; ס׳ סלאָנים, ב׳, ז׳ 56; ס׳ אָפּאָלע, ז׳ 261). „באַאַמטע פון דער קהילה אַלס כאַפּערס״. (רינג׳, כתבים II, ז׳ 10). 2. דער יעניקער, וואָס כאַפּט עסנוואַרג. צומייסט זענען דאָס הונגעריקע קינדער. „מען כאַפּט אַרויס פון דער האַנט פּעקלעך עסן, וואָס ווערט גלייך פאַרשלונגען. ליידער, ווערט אויך דער ענין אַ פּראָפעסיע״. (שוואַרצבאַרט, 13.4.41, ר״א).
„אויף די גאַסן פון געטאָ געבוירן געוואָרן אַ נייער טיפּ פאַרברעכערס, דאָס איז דער אַזוי גערופענער „כאַפּער״, ווייל ער כאַפּט, מאַכט כאַפּ־לאַפּ״ — רייסט

אַרויס פון דער האַנט". (מאַוולט, כ"י, ז' 14, ב"ק). אויף פּויליש ברענגט דאָס וואָרט אין דער פאָרם „כאַפּעלאָכי" Chapełochy (מ. טאָמקיעוויטש, כ"י; אגב, די „כאַפּערס" אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט באַשריבן יחזקאל קאָטיק, מיינע זכרונות, ב' 1, ז' 159—150. געכאַפּט יידישע קינדער צום רוסישן מיליטער).

כאַפּעריי — כאַפּן צו אַרבעט. (רינג', 20.4.41; מנחם קאָן אין אַ נאָטיץ, ר"א, 175: „דאָס געיעג" — די יידן־כאַפּעריי).

כאַפּקע — „די כאַפּקע פונעם דאַנערשטיק" — ווי יענער שוואַרצער טאָג (7.8.41), איז פאַרבליבן אינעם לשון פון פאָלק. (יעלין, ז' 16). די „כאַפּקע" איז אַ פאָלקס־וואָרט, צי שטאַמט עס פון סטיליסטישן רעדאַקטאָר?

כאַפּשטייגן — געטאָ. (צ. שניצער, כ"י, ג' קאָלאָמיי). זע: שטייג.

כ'בין געוועזן קראַנק — און אַזוי ווי ס'איז מיר בעסער געוואָרן, האָב איך מיך געסטאַרעט אַהיים צו גיין פון שפּיטאָל. — זעט זיך אויס, אַז פון די קרענק ביסטו משוגע געוואָרן. (ל"ג, 1941, אבי, נ"ר 37). אין שפּיטאָל זענען די לעבנס־באַדינגונגען געוועזן פון אַנהייב בעסערע. נאָכדעם ווי פון שפּיטאָל האָט מען געפירט אויף פאַרניכטונג, יאַנואַר 1942, זענען אַפילו די קראַנקע פון דאָרט אַנטלאָפן.

כ'האָב אַזוי געבעטן — די יידן פון פּלאַשאָוו ער ל' וואָס געאַרבעט מחוצן ל', פלעגן ביים צוריק קומען אַריינשמוגלען עסנוואַרג. איינמאָל האָט מען אַדורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע. ביי איינעם געפונען אַ שטיק ברויט, האָט מען אים אויפן אָרט דערשאָסן און געלאָזט ליגן ביים טויער. ביים צווייטן האָט מען געפונען אַ האָן. דער קאָמענדאַנט איז געוואָרן אויסער זיך. אַ האָן אין ל'! דער גורל פונעם ייד איז געווען אַ געחתמעטער. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און געוואַנדן צום קאָמענדאַנט. „הער קאָמענדאַנט, כ'האָב זיך ביי אים — אַנווייזנדיק אויפן געשאָסענעם — אַזוי געבעטן: וואָס טויג דיר אַ האָן? קויף נישט קיין האָן! און ער, ווי אויף צו להכעיס, האָט דווקא געקויפט זיך אַ האָן". די דאָזיקע טענה האָט אַזוי נושא חן געווען ביים קאָמענדאַנט, אַז ער האָט דעם יידן באַפרייט, צוריקגעגעבן דעם האָן און איבערגעריסן די רעוויזיע. דער אויס־דרוק געוואָרן אין ל' אַ שפּריכוואָרטל. מ'האָט עס באַנוצט ווען ס'האָט זיך עמעצן געטראָפן אַ מכשל, וואָס האָט זיך גוט געענדיקט. (ייה"א).

כוטאָר — „די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע האָבן זיך אין פעלד געבויט הייזער און איינגעפּונדעוועט באַלעבאַטישע הויפן, זענען עס געווען די א"ג „כוטאָרעס", קליינע, איינציקע ישובים, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אַרום דעם שטעטל. (ר' פייגענבערג, חורבן דובאָווע, ז' 5. ערשטע וועלט־מלחמה). דאָס דאָזיקע אוקראַינישע וואָרט, איז אַ דאַנק די יידישע פאַרטיזאַנער פאַרשפּרייט געוואָרן אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער יידישער ווי אין דער העב־רעישער ליטעראַטור. מיר געפינען עס אין די יזכור־ביכער. (ס' זשעטל, ז' 320, 339 א"א; כוטורים [משקים בודדים, נפרדים], כהנוביץ', ז' 16).

כוואַיניק — „נתקבלה פקודה ב,יודנראַט' לגייס את הילדים לחפירת בורות בשביל מיכלי דלק גדולים, שעומדים להתקין ב,חבויניק' הסמוכה לבית־הקברות הפרובוסלבי. ראש־חודש אב התחילו להוביל את היהודים אל ה,חבויניק' ". (ס' מייטשעט, ז' 346). „אַוועקגעפירט צו די גריבער". (דאָרט, ז' 315, 305). זע: גרוב.

כורעים — וואָרן־צייכן. „כ׳האָב געאַרבעטביים סאָרטירן מלבושים, מ׳האָט געדאַרפט דורכזוכן, צי ס׳געפינט זיך נישט דאָרט קיין געלט, טייערע חפצים. פלוצים לאָזט זיך הערן אַ הילכיק געשריי פון פאָראַרבעטער (זע): כורעים! ד״ה ס׳דערנענטערט זיך אַן עס־עס מאַן”. (טויטן־ל׳ טרעבלינקע. עדות: ווילענבערג, ז׳ 19, ייה״א), „חברים, כורעים, קיווע אָדער גרויסער קאָפּ”. (טרעבלינקע, עדות סטראַווטשינסקי, ז׳ 11). „קיווע, גרויסער קאָפּ” — צונעמען פון עס־עס־ מענער.

כזשעשטשיאַנעס, כזשעשטשיאַנקעס — „יידישע מענער און פרויען מיט קריסטלעכע פאַלשע פאַפירן, וואָס לויט זייער אויסזען, האָט מען נישט געקענט דערקענען, אַז זיי זענען יידן”. געפאָרן מיט דער באַן, געשמוגלט אאז״וו. (י. קורץ, פיאָטרקווו טריבונאַלסקי, כ״י, ז׳ 166). „כ׳האָב געקענט אַ יידישע פרוי, וואָס האָט זיך אויסגעגעבן אַלס ‚פאָלקס־דייטשקע׳. אַרעסטירט דערפאַר, וואָס זי האָט געשמוגלט געלט פון לאָדזש, פאַרמשפט אויף זיבן חדשים, איז זי אָפּגעזעסן איר שטראָף און אַרויס אויף דער פריי אַלס אַ ‚פאָלקס־דייטשקע׳”. (דאָרט, ז׳ 203/4).

כיפּישן — זוכן, דורכפירן אַ רעוויזיע. (וואַרשע, סמאַקאָווסקי, עדות, ז׳ 78 א״א).

כירורג — פון ווילנע געשריבן קיין וואַרשע צי מ׳דאַרף אַ כ׳, וועט מען שיקן. געמיינט אַ שמוגלער, וואָס קאָן איבערפירן מענטשן פון איין אָרט אין צווייטן. (הרב י. אדלשטיין, כ״י, 1940, ז׳ 39).

כלב — היטלער. „דער כ׳ קריצט מיט די ציין, אַ סימן, ער קריגט קלעפּ”. אַזוי זיך איבערגעגעבן אין גראָדנער ג׳, איז שוין לייכטער געווען די יידן איבערצוטראָגן די צרות. (רייזער, כ״י, ז׳ 104).

כלה — קו. „די כלה גייט”. מ׳פלעגט זי אַריינשמוגלען אין קאָוונער ג׳ דורכן טויער, נאָכן אונטערשמירן אַ וואַך אָדער דורך איבערשניידן די דראָטן פון ג׳ צוים. (עדות).

כלוי — זע: כליאפּוס. (קאַפּלאַן, ז׳ 20).

כליאַפּ — זופּ. ל״ג, עדות שמאַי ראָזנבלום. „גיט מיר אַ כליאַפּ”, אַ כאָכלע זופּ.

כליאַפּוס — „אַ שיטערע, וואַסערדיקע זופּ (דערהויפּט אַ רעסאָרטאָווע) מיט אַ פּאָר קליינטשיקע שטיקלעך קאַרטאָפל אָדער איינציקע קליסקעלעך, וועלכע איז מער ראוי צום טרינקען, איידער צום עסן מיט אַ לעפל. (ל״ג, טאַגעסכראָניק, נ״ר 134, 1.7.44). „נעמט זיך פון פּויליש chlapać — גיסן, אויסגיסן אָן אַ מאָס. דאָס וואָרט איז געווען אַ כלל־נאָמען פאַר די קיכן־זופּן. כ׳ שטרייכט אונטער די אינהאַלטלאָזיקייט און שיטערקייט פון דער א״ג רעסאָרט־זופּ (זע). ריידנסאַרטן: „צום היינטיקן כ׳ ברויכט מען קיין לעפל נישט”; „וואַרט צו, כ׳וועל נאָר געבן אַ טרונק אויס דעם כ׳”; „וויפל שטייט היינט (צאָלט זיך) אַ כ׳ ?” (ל״ג־ענצ׳); „מיטאָג — אַ ביסל כ׳”. (וו״ג, יולי 1942, ר״א, 192); „אַ טעלער כ׳, אין וועלכער מ׳קאָן וואַשן די הענט”. (וו״ג, סמאַקאָווסקי, עדות, ז׳ 45); „אַלע לויפן מיט די טעפלעך, נאָך אַ כלאַפּוס אַ געדאַכטן פון דער קוך”. (יהושע דעסאָוער, הויף־זינגער אין ל״ג. ליד „געטאָ־אינטריגאַנטן”. (מ.ז., נ״ר 519).

כלי — געווער. „היא עורכת תכניות כיצד להכניס את הכלי (ביקס) בלי שיראהו בכך”. (לידובסקי, ז׳ 44, 45). „הכלי היקר נחוץ לו”. (באלסקי, ז׳ 10).

כלעבאָווסקי — פון פויליש: ברויט. אין דער קאָרעספּאָנדענץ נישט געטאָרט פירן אין ייִדיש, זיך באַנוצט צומייסט מיט פויליש. „פאַן כ׳ ״ איז געווען אָנגענומען פאַר ברויט. האָט מען זיך דערציילט, אַז אין אייִן בריוו איז געווען געשריבן: (כ׳האָב שוין פון לאַנג קיין Z Chlebowskim już dawno się nie widziałem שטיקל ברויט נישט געזען), האָט דער דייטשער צענזאָר צו דעם צוגעשריבן: „Wir haben genug Brot, aber nicht für Juden" („מיר האָבן גענוג ברויט, אָבער נישט פאַר קיין ייִדן״. (באַרשטשיוו, עדות).

כלעבווּקי — (פויל׳). „אין די א״ג כלעבווּקיס פּרעסט מען״. דערקלערונג צום וואָרט: די פּונקטן ווו מען פלעגט אַרויסגעבן ברויט לויט קאַרטן. (ל״ג, 6.4.42. סיע־ראַקאָוויאַקס טאָגבוך, ביולעטין פון ייה״א, נ״ר 30, ז׳ 111).

כלעבניק — ברויט־זופּ. (ל״ג).

כמאַליעס — „גאַנצע כמאַליעס, גאַנצע שטיקער פאַר אַ פּופּציקער״ — שרייען די גאַסן־פּאַרקויפער אין וו״ג. פון אַ פאַן נעמען זיי אַרויס אַ שטיק „קוכן״ פון גרינסן. (עדות מ׳ בערלאַנד).

„כמו בגיטו״ — אונטערן קעפּל כ״ב דערציילט דער מחבר אלתר שנור: „רחץ א״ע במי נהר של מרישין ועזב את בגדיו על החוף בפתקא. ,הזהרו! בגדי חולה־טיפוס׳! בא גנב ולקח, אבל הניח פתקא: להודיע לבעל הבגדים החולה, כי נלקחו לדזינפקציה״. (ל״ג, מן המצר, יולי 1941). זע: דפים, חוברת א׳.

כעלם, כעלמער — ברויט קודם באַצייכנט „לחם״. נאָר אַזוי ווי דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אויך די גויים, האָבן די ליטוואַקעס אין ריגע איבערגעדרייט דאָס וואָרט אויף „כעלם״. אַ הענדלער מיט ברויט האָט געהייסן „כעלמער״ אָדער „חכם״. (קאַפּלאַן, ז׳ 27).

כעלמנאָ — ערשטער טויטנלאַגער אין פּוילן. „דאָס זעלבע ווי טויט״. (באַריכט פון צ״ק פון ייִדן אין פּוילן, מערץ 1944; ניישטאַט, חורבן, ז׳ 131).

כעמישע אָפּפאַל פּערוּערטונג — דער 76סטער רעסאָרט, גערופן אויך „בעטריב 76״. פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ געמאַכט קאַרטאָפל־מעל, שפּירט א״א. (ל״ג, בריקס, כעמישע...). זע: זאַמיאַטקעס.

כשרע פאַפּירן — אמתע, נישט געפעלשטע (דאָקומענטן), אַרישע פאַפּירן. (יו״ש, עדות, ש. 3014/262).

אַ כפרה דאָס הויז, דער עיקר די וואַנצן ברענען — בעת דער אויסזידלונג פון באָכניע, אויגוסט 1942, ווערן אויך די מיטגלידער פון יודענראַט גענומען. ייִדן פרייען זיך און זאָגן: אַ כפרה... (זעלינגער, כ״י, ה. II, ז׳ 93).

כריסטיאַן — דער קעניג פון דענעמאַרק שטייט אויף אינדערפרי און זעט דורכן פענצטער, אַז ייִדן מיט בינדעס רייניקן דעם שניי. אַ ראיה: די אַשכנזים זענען דאָ אין דענעמאַרק. (רינג׳ 2.5.40). פון די רדיפות אויף ייִדן געוויער געוואָרן, אַז זיין לאַנד איז באַזעצט.

כתיבה (כסיווע) — אַ צייטונג אין באַלטיקום. (קאַפּלאַן, ז׳ 52). געהיים־בלעטל. „מיר האָבן איבערגעלייענט אַ כ׳ מיט גוטע נייעסן״. (מינסק־מאַזאָוויעצק, מערץ־אַפּריל 1943, ראָכמאַן, ז׳ 41, 63).

ל

לאַבערן — א. רעדן אַ סך. (ס' מלאָווע, ז' 372 ; אָפּאַטאָשו, ווערטער (פון פאַר דער מלחמה); ב. אָרגאַניזירן (זע) ביי דייטשן. „ל' די דרוסקע" (ליטוויש) — גנבענען זאַלץ (פון באַן־וואַגאָנען), שאוול 1943. (עדות : ב. קאַפּלאַן). זייער פאַרשפּרייט. „ער (קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, סרעבניק) פלעגט זיי (די געסטאַפּאָ־לייט) אָנווייזן, ווו און וואָס מ'קאָן געפונען ‚לאַב' פאַר זיי". (די טראַגעדיע פון די גראָדנער יידן, אַרכ' פון ביאל"ג, 17.3.43). „דאָס ל' איז נישט געווען קיין שאַנד. פאַרקערט, אַפילו אַ געוויסער שטאָלץ־געפיל, אַ נקמה־אַקט ; די דייטשן צאָלן אונדז נישט פאַר אונדזער אַרבעט, האָט מען געזאָגט, טאָ לאָמיר זיך אַליין באַצאָלן. געלאַבערט האָט מען לעצטנס כמעט אויף אַלע אַרבעט־פּלעצער. מ'פלעגט פאַרקויפן צו די אַרומיקע פויערים נאַפט, טשוועקעס, ברעטער און אַרבעט־מכשירים. פלעגט מען זיך טאַקע וויצלען : עס זענען דאָ יידן וואָס אַר־בעטן ביי בלאָטע און מאַכן גאָלד, און ווידער אַזעלכע וואָס אַרבעטן ביי גאָלד און מאכן בלאָטע (געמיינט גוטע און שלעכטע אַרבעט־פּלעצער).

„גאָר גרויס און מיט אַ סך ריזיקע פלעגט ל' די באַן־קאָלאָנע. דאָרט געאַרבעט 70 מאַן און געמאַכט אַלע יד אחת. זיי פלעגן איבערפּאַקן וואַגאָנעס, קאַסטנס צעבראָכן ווערן' אונטער זייערע הענט. אויף זיי פלעגט מען זאָגן, אַז זיי קלויבן זיך פאַרקויפן אַ לאָקאָמאָטיוו. די אַרבעטער אַליין פלעגן זיך רופן ביים אַרויס־גיין צו דער אַרבעט : ‚קאָלאָנע ל'ד'ד' — שטעלט זיך אויס' ". אַנדערע האָבן פאַרשעמט געזאָגט : „נאָכן געטאָ וועט זיין אַ מורא אונדז צולאָזן ערגעץ ווו אַרבעטן, מ'וועט מיינען, אַז מיר ל'„. (שאַליט, שאוול, ז' 62/3).

לאַגער — מ'האָט אונטערשיידט אַרבעט־לאַגערן, ווו דער רעזשים געווען אין אָנהייב אַ לייכטערער און די יידן האָבן טאַקע געאַרבעט ; קאָנצענטראַציע־ל', וווהין מ'האָט פאַרשיקט פאַר אמתער, צי כלומרשטער שולד. אין דער פערזענלעכער קאַרטאָ־טעק פון די פאַרשיקטע אין די ק"ל איז ווי אַ סיבה פון אַרעסט געווען אָנגעגעבן „יודע" ; טויטן־ל', וווהין דירעקט געשיקט אויף טויט. יידן האָבן מיט דער צייט געוווּסט, אַז אויב מ'שיקט קיין בעלזשעץ, כעלמנאָ, טרבעלינקע, סאָביבאָר, שפּעטער מיידאַנעק און אוישוויץ — איז אויף אומקום. לאַגערן געווען אַלגע־מיינע און בלויז פאַר יידן. די לעצטע, צומייסט באַצייכנט יודענלאַגער, יולאַג (זע). פאַר יידן זענען אַלע ל' מיט דער צייט געוואָרן טויט־לאַגערן. „נאָר אומ־לעגאַל האָט אַ ייד אין ל' געקאָנט בלייבן לעבן". יידן אין די ל' אָרגאַניזירט אָונטן, געזונגען לידער, געדאַוונט אאַז"וו. למשל, אין קאָלדיטשעוואָ געווען אַ גרויסער ל'ץ פון באַראַנאָוויטש, פּוטשינסקי. דעם ל' רופט ער שטעטעלע „פלייסיק" (פון פליי). די שמאָלע דורכגענג צווישן די נאַרעס — גאַסן, און זיי אַ נאָמען געגעבן „חסידישע" : דאָ געהויזט סלאָנימער חסידים, דאָס שוסטער־

געסל, דאָס שניידער־געסל אאז״וו. דעם זאַמל־פּלאַץ — אונטער דעם זייגער [געהאָנגען דאָרט אַ זייגער]. (ס. באַראַנאָוויטש, ז׳ 623/4). זע: פאַמיליען־לאַגער.

לאַגער־אַקציע — אַקציע, בעת וועלכער מ׳האָט געכאַפּט יידן אין אַן א״ל. די יידן פלעגט מען יעדע פאַר חדשים טוישן אויף אַנדערע. „אין יאַוואָראָוו זענען פאָרגעקומען דריי לאַגער־אַקציעס״. (ס׳ יאַוואָראָוו, ז׳ 20). שפּעטער אַלע אויסגעזידלט אין אַ טויטן־ל׳. (דאָרט, ז׳ 35).

לאַגער נר׳ 4 — דער „שוינונגס־בלאָק אין דאַכאַוער לאַגער, ווו געהאַלטן די מוזול־מענער (זע) ביז צו זייער אומקום. (קאַפּלאַן, ז׳ 48).

לאַגער 9 — סינאַגאָגע און יודאַיסטישע ביבליאָטעק אין וואַרשע, געדינט ווי אַ מאַגאַזין, נאָך דער גרויסער אויסזידלונג זומער 1942, פאַר אַ טייל פון דער ווערטערפאַסונג (זע). דאָ אָפּגעלייגט מעבל א״א זאַכן פון די פאַרלאָזטע יידישע וווינונגען.

לאַגער־אינטערנירטער — „איינוווינער״. [דייטש: Insassen פון ל׳]. (ס׳ זאַוויערטשע, ז׳ 280). אָפטער באַנוצט: לאַגערניק, לאַגעריסט א״א.

לאַגער־אָרדנונג — „אָנגעהויבן 4 מיט אַ גאָר פריער ,פּאָבודקע׳. 7 אַבאַזניקעס פאַרגאַ־טערט, געוואָרט אויפן געסטאַפּאָ־שעף. באַפעל: „מיט געזאַנג צו אַרבייט, מאַרש!״ (ל׳ קאַמיאַנקאַ, ס׳ בז׳ז׳ני, ז׳ 371).

לאַגער־דיסציפּלין — „אין ק״ל פאַרפליכטעט די טויטע די זעלבע ל׳־ד׳ ווי די לעבעדיקע, ביז צום פאַרברענט ווערן״. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 53). זע: אַפּעל.

לאַגעריסט — פאַרשיקטער אין ל׳. (ר״א, 106, 20.5.41, נאָטיצן פון שוואַרצבאַרדן; שטריגלער, ווערק צע, ז׳ 72 א״א); לאַגעריסטינס. (הובערבאַנד, פּרויען־לאַגער אין לובלין, 1941/42, ר״א).

עס איז בעסער צו עסן אַ טרוקן שטיקל ברויט, / ווי איידער צו שטאַרבן מיט דעם לאַגערישן טויט. (ל׳ס, פאַרוואָלקנט דער הימל; בלומענטאַל, שמועסן, ז׳ 72).

לאַגערניצעס — פרויען אין ל׳. (ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 445 א״א; ה. פריוועס, אין רויך, ז׳ 176).

לאַגערניק — (מאַשקאָוויטש, גלינאָוויעצק, ז׳ 222). זע: לאַגעריסט.

לאַגער־עלטסטער — ראש פון העפטלינגען אין ל׳; געווען אין אַלע ק״ל, ווי אויך אין אַ טייל א״ל. (יעלין, ז׳ 125; ק. צעטניק, אַ מענטש ליגט אויפן ציגל־אויוון). „אפילו אין טויטן־ל׳ אין בעלזשעץ״. (ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 497). כלומר, אין די ל׳ די העפטלינגען אַליין זיך רעגירט, „אינערלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג״.

לאַגער־צרות — „פאַמעלעך זיך צוגעוווינט צו די לאַגער־צרות״. (ס׳ זאַוויערטשע, ז׳ 200).

לאַגער־שוצלייט — אין די ק״ל געווען דייטשע פאָרמאַציעס, דער עיקר פון די וואַפן־עס־עס. אין די א״ל אַ דייטשע קאָמענדאַנטור און ניט־דייטשע שוצמאַנשאַפטן, וועלכע ס׳כאַראַקטעריזירט א. ווילטשינסקי: „בכבודיקע מענטשן פון דער אונ־טערוועלט, בירגער פון קאַרצעלאַק און פון פּאַוויאַק, האָבן זייער אָרנטלעכן אָנטייל אין דעם לעבן פון אונדזער לאַגער״. (וו״ג, „דרור״ 1941, נ״ר 8—7).

לאַגער־שוצלער — אוקראַינישע וואַך אין די ל׳, באַשטימטע פאַר יידן. (ר״א, שוואַרצבאַרד, מאַי 1943).

לאַגער־שפּיס — זע: שפּיס.

לאַדאָוניצי — (פּויליש). בעת דער גרויסער אויסזידלונג אין וו״ג — אַ גרופּע פּאָליציאַנטן מיטן ראַיאָן־קאָמענדאַנט בזשעזשינסקי. זייער אויפגאַבע: פּאַרלאָדן יידן אין די וואַגאָנען וואָס גייען קיין טרעבלינקע.

לאָדזשער גע (געסטאַפּאָ) — גאַנצוווייכס ביוראָ רופט מען ל״ג, אָדער יידישע גע. „ער ווערט געשיצט דורך יענע״ [זע]. (רינג׳, 1.29.42). זע: דרייצענטל. גאַנצרייך געקומען קיין וואַרשע פון לאָדזש.

לאָדזשער גנבים — זידלוואָרט פאַר די לאָדזשער יידישע פּרויען, וואָס געקומען פון אויסוויץ קיין שטוטהאָף (1944), ווו ביז דעמאָלט געווען בלויז יידישע פּרויען פון ליטע.

לאַדען — (דייטש). געוועלב אין ל״ג, געטיילט פּראָדוקטן אויף די אַפּראָוויזאַציע־קאַרטן.

לאה איז דרייצן — ייד אין וו״ג באַקומט אַ בריוול פון זיינעם אַ שותף, ער זאָל אויסצאָלן „לאה ווייכע״ (דאָלאַרן). ער ווייסט נישט וויפל דאָס באַטרעפט. גייט ער צום רב, נאָר דער ווייסט אויך נישט. גייט ער צו אַ שמוגלער. דער גלייך פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט: אויב שרה (עשרה) איז צען, איז רבקה — 11, רחל — 12, און לאה איז 13. (ר״א, פאַלקלאָר, ב׳ 2).

לאָהפיקס — דייטש: .Kaffeemischung, Lohfix „אין דער צייט פון גרויסן הונגער האָט מען געמאַכט קאָמבינאַציעס פון קאַווע־ערזאַץ, אויסגעמישט מיט איין לעפל מעל און אַ ביסל וואַסער, געקנעטן ביז געוואָרן האַרט טייג, געלאָזט אויסטרוקענען. די דאָזיקע קליינע פּלעצלעך געווען באַקאַנט א״ב „לאָהפיקס״ (ל״ג־ענצ׳). „יידן פלעגן עסן ל׳. מיטגענומען זיך צו דער אַרבעט צוויי ל׳: צוויי קיילעכלעך געמאַכט פון די פוסעס פון קאַווע, צוגעגעבן דאָס שאָבעכץ (זע) פון די ברעטער, וואָס מ׳פלעגט קריגן אויף פּראָטעקציע ביי די בעקערס, קאַרטאָפל־שולעכץ, אַ ביסל צוקער אָדער סאַכאַרין, איבערגעברענט אויף אַ פּאַטעלניע. ,געגעסן צוויי לאָהפיקסלעך׳. די שוואַרצע קיילעכלעך, ל׳, אויך באַנוצט ווי ברענמאַטעריאַל, אָנצוצינדן די קוילן. (שמאַי ראָזענבלום).

לאָזו טירחה — נישט צו שטאַרק אַרבעטן. (שאוול, קאַפּלאַן, ז׳ 21).

לאַווע — געלט, ביי אונגאַרישע יידן. (קאַפּלאַן, ז. 21).

לאָווען — פּויליש: łowić אויף יאַגד גיין. די דאָרטיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט געלאָוועט (געזוכט) יידן. (ס׳ דראָהיטשין, ז׳ 290).

לאָוקע — עס האָט זיך פאַרענדיקט די צווייטע ל׳, כאַפּעריי פון די רוצחים. עס איז די לעצטע ל׳; אקציות, לובקות, צייד אנשים. (ס׳ אנטופּול, ז׳ 345, 551 א״א).

לאָוזען־שטראָסע — איבערן קאָפּ ראַזירט מען אויס אַ פּאַס ביים אָנקומען אין ל׳. יעדע וואָך ווערט דער פּאַס ראַזירט, מ׳זאָל קאָנען דערקענען אַ העפטלינג, אויב ער אַנטלויפט. אויפן לאַגער־לשון הייסט דער פּאַס ל״ש. (מאַטהאוזען, ס׳ סקערניעוויץ, ז׳ 510; קיטליק־שטרעבן (טשעכיי); ס׳ זאַוויערטשע, ז׳ 282; אויסוויץ א״א).

לאָזע־שיין — אָנהייב ווינטער 1940 אַ געזעץ: יידן טאָרן נישט פאָרן מיט די באַנען, אָן ספּעציעלע לאָזע־שיינען. (ר״א, הובערבאַנד, כ״י). דייטש: .Lauseschein

לאָזט זיך נישט קריכן אויפן קאָפּ — שרייט אַ גאַסן־פּאַרקויפער אין וו״ג, פּאַרקויפנדיק אַ קעמל ,,פּאַר איינע 30 גראָשן״. (ה. וואַסער, ר״א 302, 8.2.40).

לאַזשניע — פּויליש: באָד. ,,מ׳פירט אין דער ל׳ אויף דעזינפעקציע״. (וו״ג 1941, ר״א 388).

לאָזע — הילצערנער טייל פון ביקס. (קאַגאַנאָוויטש, ז׳ 27).

לאַטיש — (פּויליש). ,,דו ביסט ערגער ווי אַ לאַטיש. אַ ל׳ געוועזן דאָס ערגסטע״. (גאָזשי־טשאַנסקי, סניף יו״ש, עדות). לאַטישן זיך באַטייליקט אין די אַקציעס אין וואַרשע.

לאַטע — **געלע ל׳** — קענצייכן פאַר יידן. מערסטנטייל אין דער פאָרם פון אַ מגן־דוד, אָבער אויך קיילעכיקע, אַפילו דרייעקיגע (וולאָצלאַוועק) מיטן אויפשריפט ,,יודע״ אינדערמיט, צי בלויז מיטן אות J. אין אָקופּירטע לענדער דער אות לויט דער לאַנדשפּראַך: קראָאַטיש, פראַנצויזיש, האָלענדיש, סערביש. אין ג״ג — אַ ווייסער באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד. (ס׳ לאָדזשנסק, ז׳ 272);

פרייטיק, ערב יום־כיפור, 22.9.39, אַ רעגיסטראַציע אין מאַגיסטראַט. מ׳רופט לויט אַ ליסטע. יעדער גייט צו, באַקומט אַ לאַטע צוגעניייט: געלע, רויטע, לילאַ. געלע האָט באַטייט 6 טאָג אַרבעט אין דער וואָך, געהאַט אַ J און אַ לויפנומער. רויטע — 3 טעג אין דער וואָך. מיט אַן אויפשריפט J און V — געאַרבעט מאָנ־טיק, דינסטיק, מיטוואָך; מיט אַן אויפשריפט J און B, געאַרבעט דאָנערשטיק, פרייטיק, שבת. **לילאַ** — באַפרייט פון אַרבעט (ר״א, 844). אַזוי געוועזן איינגע־פירט אין סאָמע אָנהייב נאָכן אָקופּירן ראַדאָמסק. ענלעך אין אַנדערע ישובים, נאָר די פאַרבן האָבן זיך געענדערט פון צייט צו צייט. פאַרן קלענסטן אָפּנויג פון אַ פאַרשריפט באַשטראָפט מיט טויט. מ׳האָט זיך וועגן דעם געוויצלט: דאָס פירעקיקע שטיקל לייוונט 5×5 ס״מ מיטן אויסגענייטן R אָדער W, (באַ־צייכענען די אַרבעט און ריסטונגס־קאָמאַנדאָ אָדער ווירטשאַפט), טראָגט מען אויף דער לינקער זייט, כדי מען זאָל קאָנען צילן דירעקט אין האַרץ. (ס׳ בולי־חוב, ז׳ 136, 326).

,,אחד (אַ דייטש) לבש בגדי יהודים, לאַטעס״. (מ. טננבוים־טמרוף, כ״י, מערץ 1943). געמיינט דעם פאַרפליכטנדיקן אין ביאַליסטאָקער געטאָ מגן־דוד אויף דער רעכטער פלייצע און לינקער ברוסט. (פאַרגלייך ליד פון א. אַלמי, ניו־יאָרק: ,,געלע לאַטע״; ,,יאָר ניינצן פערציק — צייט פון ראַדיאָ, עראָפּלאַן און גע־לער־לאַטע. די צייט פון האַקנקרייץ״). ,,די וועלט — אַ תפיסה־צעל״. (דרום־אַפריקע, מאַי 1955, ז׳ 21).

לאַטנאַ בריגאַדאַ — פּויליש: פלי־בריגאַדע. דעם 28.8.41 אַראָפּ געקומען אַ ל״ב, גע־כאַפּט יידן אויף די גאַסן (צירקאָ 100). אַלע אויסגעשאָסן אין וואַלד. (לזכר צ׳ורטקוב, ז׳ 20). דאָס זענען אָפּטיילן פון דער זיכערקייט־פּאָליציי און אַנדערע. אָפיציעל גערופן: איינזאַצגרופּן, איינזאַצקאָמאַנדאָס, וואָס פלעגן פלוצים זיך באַוויזן און אַדורכפירן אַן אַקציע; קליינע אָפּטיילן גערופן טויט־קאָמאַנדאָ, ראָלקאָמאַנדאָ (זע א״א).

לאָטעריע — ,,אין גאַס מאַכט מען לאָטעריעס אויף ברויט מיט דערפאָלג. ס׳ווערן פאַר־קויפט נומערלעך צו 20 גראָשן, מ׳געווינט אַ ברויט״. (ר״א 24.12.40, 303).

לאַטשיקעס — פויליש: מיליטער־לייט פון דער „לופטוואַפע". גייען אַן פּאָר פאַרברענטע נאַציסטן. „אַלע קאַרגע חזירים פון די ל' פּלעגן ברענגען זייער וועש צו מיר, אין אַ וועשעריי. די סאָלדאַטן צאָלן גאָרנישט. זיי ברענגען פון מאָל צו מאָל עסנ־וואַרג די מיידלעך". (ס' באַראַנוביץ, ז' 270).

לאַך — פויליש: שמאַטעס. „פאַרקויפן דאַרף מען אַ לאַך, אַן אַנצוג... מ'זאָל זיך קאָנען קויפן דערפאַר אַ שטיקל ברויט". (קאָזשעניץ, ליטמאַן יואל).

לאַכט, יידעלעך, לאַכט — „אויפן וואַרשעווער לשון הייסט עס: ליכט אויף שבת. שטייט אַ ייד מיט אַ פּודעלע ליכט, אַזאַ ‚גרויס־אינדוסטריעלער' און רופט: ‚לאַכט, יידעלעך, לאַכט פאַר אַ צוואַנציקאַ! זיי ברענען בייטאָג און ביינאַכט אַן רחמנות, לאַכט, יידעלעך, לאַכט!' ווען אויפן שמאָלן גאַסל זאַמלט זיך צונויף אַ שמייכל־דיקער עולם, רופט דער קרעמער העכער: קויפט, יידעלעך, קויפט און זאָלן זיי ברענען צו יאָרצייט און אויף שמחות, צו מזכיר נשמות. און אַז גאָט וועט העלפן — אויך צו מזכיר נבלות. לאַכט, יידעלעך, לאַכט פאַר אַ צוואַנציקאַ און זאָלן שוין זיין שמחות ביי יידן. אַזאַ פאַרשפּראָכן ליכטל קויפט יעדער גערן". (ש. שיינקינד, אויף די גאַסן, וואַרשע 1941, ר"א, געדרוקט „צווישן לעבן און טויט", ז' 98/9).

לאַכמאַן — שטאָט וואַכמאַן, שטייט אויף די טורעמלעך און היט דעם ל' אוישוויץ.

לאַלקע — „די ל' גייט" — צונאָמען פון אַן עס־עס־מאַן אין טרעבלינקע. „אַ בילד־שיינער, דער גרעסטער סאַדיסט. ביי יעדן שפּאַציר זיינעם איבערן ל' געהאַט די טבע אַנידערצוליייגן אַ פּאָר טויטע". (קשעפּיצקי, אַן אַנטלאָפענער פון ל', בלפ"ג, ב' 9, ה. 2—1, ז' 128).

לאַלקעס — זע: קעלבער.

לאָמיר זיי איבערלעבן — אין לובלין די דייטשן אויפגעפאָדערט צונויפגעטריבענע יידן זינגען אַ ליד. די יידן זינגען: „לאָמיר זיי איבערלעבן", שטאָט „לאָמיר זיך איבערבעטן". (רינג', כ"י, 22.12.39).

לאַמעד — אַ ל' גייט — ליטווישער שומר. (קאַטשערגינסקי).

לאַמעדוואָווניק — „די אויסבאַהאַלטענע יידן האָט מען אין די קאָמיטעט־קרייזן גערופן ל'־עס, אָדער נסתרים. מ'האָט זיי באַדאַרפט באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן אין משך פון לאַנגע חדשים". (ז. דיאַמאַנד, יידן אויף דער פראַנצ. ריוויערע אונטער איטאַליענישער אָקופּאַציע, ייוו"אָ־בלעטער, 1953, ב' 36, ז' 277).

לאָמענגעמאַכט — „דאָס אַרבעטן איז, ווי מען זאָגט, ל'. נאָר מען האָט מורא אָנצוהייבן מיט רומקאָווסקין". (ל"ג, י. הילער, טאָגבוך, ה. 10, 28.7.44).

לאַמפּנבויער — דערציילט פּלאַטקעס, אַ מסור. (ל. מאַנאָוויץ, עדות א. בעסערמאַן, באָרג).

לאַנג — א ל (L); אַ לאַנג־אַרבעטער, אַרבעט איבערשעהן, באַקומט דערפאַר אַ געהע־ריקן לאַנגן טאַלאָן, פאַרגרעסערטן צוטייל פון פּראָדוקטן. דאָס זעלבע איז נוגע „שווער": שווער אַרבעטנדיקע. אין ג' קורסירט אַ ווערטל: ווילסט האָבן ל' איינמאָל, גיי אין רעסאָרט (זע). מער ווי איינמאָל אין טאָג לאַכט מען אויס די אַרבעטער, ווייל דאָס „לאַנגע" איז קיין „לאַנג" נישט. ביז היינט נאָך קיין איין איינציקער אַרבעטער קיין טאַלאָן אויף ל' אָדער „שווער" נישט באַקומען. לאַכט מען דעריבער פון דער ל' קאַטשקע. (י. הילער, 29.2.44). די טעמע פון טאָג —

די ל׳־טאַלאָנען (זע). ווו מ׳גייט, הערט מען נישט מער: ס׳איז שוין צוריק לאַנג? קליינע קינדער פרעגן זיך: דו האָסט ל׳? (הילער, 2.3.44).

לאַנגער — ביקס מיטן הילצערנעם געשטעל. „פּאַר אַ ביקס (אויפן געטאָ־לשון ל׳) געצאָלט 30—35 טויזנט רובל. פּאַר אַ רעוואָלווער („קורצער״) 15—20 טויזנט. די פּרייזן פלעגן זיך קאַלקולירן לויטן נאָכפרעג״. (לידע, ג. ענגעלשטערן, ז׳ 77, 79 א״א).

לאַנדווירט — דייטשער באַאַמטער, וואָס פירט אָן מיט דער לאַנדווירטשאַפט פון אָרט, האָט אין אָנהייב געפירט אַלע ענינים פון ישוב. ביז ס׳איז נישט צוגעקומען קיין אַנדערער באַאַמטער. הל׳ ניהל את עניני העיירה״. (ס׳ אלסכסנדריא, ז׳ 271, 258; באַרשטשיוו: ל׳ חדש, צורר היהודים; ס׳ אָסטראָוו, ז׳ 506, 492).

לאַנצקי, פּעלטשינסקאַ — לעמבעריק. בעמען פון צוויי גאַסן האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. דאָרט געווען די אַרעסטן פון געסטאַפּאָ. (כהנה, יומן ג׳ לבוב, ז׳ 30). נישט ווייניקער באַקאַנט איז געווען די תפיסה אויף קאַזשימיעזשאַווסקאַ־בריגיטקי. זע: פּעטלורעס לוויה.

לאָס — דייטש. מיט דעם וואָרט געטריבן די געכאַפּטע און אַרויסגעשלעפּטע יידן פון די באַהעלטענישן; דייטשע „לאָז־גייער, באַוועגלעכע און אַנדרייער פון דער מאַסנמאָרד־מאַשינעריע״. (ס׳ קריוווטש, ז׳ 172). מ׳הערט שרייען: „יודע לויס״ (לאָס). (לידע, ווישיעדלעניע, פּופּס, ז׳ 32; ס׳ אסטראב, ז׳ 340 א״א).

ל. נ. ס. — .L.N.S. — אויף די קופּאָנען, טאַלאָנען, צוטייל פּאַר אַרבעטער, די אותיות באַצייכנט: לאַנג־נאַכט־שווער־אַרבעטער. (ל״ג).

לאַנצע — .L.A.N.C. נאַציאָנאַלע, קריסטלעכע ליגע צום פּאַרטיידיקן. באַטייט אַ שפּיזן־טרעגער, מאַכן פּאָגראָמען אין רומעניע. (ט. סאַלאָמיאָן־מערבוי, טעג פון צאָרן, ז׳ 18, 77 א״א).

לאַפּ — .L.O.P.P., ליגע פאַר לופט־פאַרטיידיקונג פון לאַנד. נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, איז דאָס וואָרט געוואָרן זייער פּאָפּולער. אין אַ כ״י פון ר״א (נ״ר 172) ווערט דאָס וואָרט אַריינגערעכנט צו די נייע וואָס זענען אויפגעקומען אין דער יידישער שפּראַך אין צייט פון מלחמה. ל׳ — לופט־שוץ־דינסט. (ביולעטין, וו״ג, 10.9.41). יעדעס הויז געהאַט אַ לאַפּ־קאָמענדאַנט מיט אַ קאָמענדאַנט. זיי זענען געשטאַנען אויף וואַך; בעת אַ באָמבאַרדירונג געהאָלפן לעשן דאָס פייער וכו׳. „דער הויז־קאָמיטעט (זע) און זיין פּאָרזיצער וועלן זיין איינס, אין דער געשטאַלט פונעם לאַפּ־קאָמענדאַנט״. (אָפּאָטשינסקי, די געשיכטע פון אַ הויז־קאָמיטעט, ר״א 33, 106). ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס כאַפּן צו אַרבעט, נאָכן באַזעצן די שטאָט דורך די דייטשן, האָבן יידן געטייטשט דעם קיצור: „Liga Obrony Przeciw Łapaniu״ — „ליגע צו פּאַרטיידיקן זיך קעגן כאַפּן״; ל׳ געדינט ווי אַ וואָרנצייכן מ׳זאָל זיך היטן. דערביי האָט מען זיך באַנוצט מיט די וואָרנצייכנס בשעת אַ לופט־אַטאַק נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה: „נאַדכאָדזשי״ (ער קומט); „פּזשעשעדל״ (ער איז דורכגעגאַנגען), ד. ה. דער כאַפּער קומט, איז אַוועק. (רינג׳ דעצ. 1939); **לאַפּ־וואַכן**. (כ״י, הובערבאַנד, ר״א). ל׳־לייט (ס׳ וולאָדאַווע, ז׳691).

לאַפּאַטש — פּויליש: כאַפּער (זע).

לאַפאַנקע — פויליש: כאַפּן צו אַרבעט. „אַריינגעפאַלן אין אַ דייטשער ל׳" (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 138, 201), ד.ה., דייטשן געכאַפּט, נישט פוילישע צי אַן אַנדערע פּאָליציי (או־קראַינישע, יידישע). **ל׳־אַבלאַווע** (דאָרט). געוועזן אַ ל׳, געכאַפּט 600 פּערזאָן. (וו״ג, 6.7.42, ר״א 192). „שוין ווידער געוועזן אַ ל׳". (שוואַרצבאַרד, 17.5.41, ר״א). ל׳־כאַפּערייען (זע). (אָנדענקבוך, ז׳ 118). אַדורכגעפירט אַ גרויסע ל׳ אויף הונדערטער יידן. (ס׳ טאָמ.־מאז., ז׳ 402, 359 א״א). דייטשע ל׳ צו אַרבעט נישט תמיד זיך געענדיקט מיט צוריק שיקן אַהיים. (ס׳ אָפּאָלע, ז׳ 251).

לאַפּקע — שוחד. פון פויליש: łapówka. די יידישע פּאָליציי נעמט שוין געלט (לאַפּקע) פון וועמען זיי ווילן און מען לאָזט אין שטוב, ד.ה., מ׳נעמט נישט צו אַרבעט. (נחום גזשיוואַטש, כ״י, 24.7.42, ר״א 133).

לאַפּקע־בחורים — פּאָליציאַנטן וואָס נעמען שוחד. „עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די ל״ב". (רינג׳, 14.5.1941).

לאַפּקע־געלט — שוחד. (וואַרשע, טשעכאָוויטש יעקב). **לאַפּוּוקע, לאַפּאָווניק** (פויליש). **כאַבאַר, כאַבאַרניק** (רוסיש). רינג׳: „אַ טייל קהילה־באַאַמטע **לאַפּוּוקע־נעמער**. קופּטשיקער — איינער פון די גרעסטע לאַפּאָווניקעס. שערינסקי — גרויסער כאַבאַרניק. (מערץ 1941, כ״י).

לאָרדנהויז — א. הויז וווּ געוווינט די פּני פון קוטנער ג׳ אין ל׳ קאָנסטאַנץ, געוו. צוקער־פאַבריק. (ר״א, 303). ב. הויז אויף קאָנסטאַנטינער 11 אין ג׳ פּאַביאַניץ, ווייל באַוווינט פון די ג׳־מושלים. (ס׳ פּאַביאַניץ, ז׳ 316).

לאָרדן־צימער — קאַמער אין פּאַוויאַק, וווּ פאַרבליבן זיבן יידן, פּאַכלייט, נישט אַרויס־געפירט זיי אויף טויט, פרילינג 1943. זיי, די לאָרדן, איז אין תפיסה בעסער געגאַנגען. (הירשהויט, פינצטערע נעכט, ז׳ 139).

לאָרע — א. שווערע, אייזערנע וואַגאָנעטקע אויף רעלסן. (ל׳ סקאַרזשיסקאָ; שטריגלער, אין אַ פרעמדן דור, ז׳ 186). ב. ברויט. לויט דער פאָרם דערמאָנט אַ לאַבן־ברויט אַ וואַגאָנעטקע (לאָרע), וואָס ביי איר האָבן יידן געאַרבעט. „אויף וויפל אַ לאָרע?" האָט געקאָנט הייסן וויפל מענטשן אַרבעטן (שלעפּן) זייער לאָרע, אָדער אויף וויפל מענטשן פאַלט אויס אַ לאַבן ברויט. (אוישוויץ, קאַפּלאַן, ז׳ 22).

לוטשינע — רוסיש: קינעלע, טרוקן שפּענדל, צווייגל. „מיר צינדן אָן אַ פּאָר לוטשינעס". (ס׳ זשעטל, ז׳ 402 א״א). „איך פלעג פאַר זיי מאַכן לוטשינעס". (דאָרט, ז׳ 360).

לויז־אַפּעל — דייטש: Läuse-Appell. אַפּעל פון די העפטלינגען פעסטצושטעלן צי זיי זיינען נישט פאַרלייזיקט. פאַר אַ לויז איז מען אין אוישוויץ געטויט געוואָרן. אויף די ווענט פון די באַראַקן אין בירקענאו, מיט גרויסע אותיות אויף דייטש אויפגעשריבן: „אַ לויז — דיין טויט". (טווערסקי, ז׳ 106).

לויזן־אַלייע — מענער שערט מען אויס די האָר פון שטערן ביזן קאַרק, באַקומט זיך אַ מין „וועג". פון ביידע זייטן לאָזט מען די האָר איבער, אַ ל״א. (קייזערוואַלד נעבן ריגע, כ״י, ז׳ 205/7).

לויז־קאָנטראָל — ווי אויבן. (ל׳ פלאָסענבערג, טווערסקי, ז׳ 272).

לויזער — זידלוואָרט אין ל׳. דו לויזער איינער. (סקאַרזשיסקאָ, שטריגלער, אין די פאַב־ריקן, ז׳ 321). „איך זע נישט קיינעם פון די לויזערס און מוזולמענער". (דאָרט, ז׳ 363). די **לויזעריינס**. (דאָרט, ז׳ 286). פון „לויזן זיך, אַנטלויזן זיך". (דאָרט, 364).

לויזע־שיין — אַ ייד מוז האָבן אַ ל״ש (אַז ער איז ריין פון לייז), כדי צו קאָנען פאָרן מיט דער באַן, אין דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. (ס׳ קאַ־ריוו, ז׳ 409).

לויער, לויערן — „זיי לויערן אויף אַלע וועגן״. (ר. פייגענבערג, ביי די ברעגן, ערשטע וועלט־מלחמה, ז׳ 159). „פון אונדזער ל׳ האָבן מיר געזען״. (ס׳ מאַרקושאָוו, ז׳ 213). „מיר האָבן געלויערט״. (דאַרט, ז׳ 215). **לויערונג.** (דאַרט, ז׳ 30). **זאַסאַדזקע** (פּויליש), **לויער־פּונקט.** (סמאָליאַר, יידן, ז׳ 50). „געלונגענע לויע־רונג״ (זאַסאַדזקע). (ס׳ איוויע, ז׳ 595).

לויפבלוט — יידן פון זאַלעשטשיק האָבן נישט קיין ל׳, נישט אַנטלאָפן פון שטאָט פאַרן אַריינקומען פון די דייטשן. (א. פעט, עדות, יו״ש 3/37).

לויפן — ביים אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג אַנטשטייט ביי די יידן הינטערן פראָנט דאָס פּראָבלעם: יאָ לויפן, נישט לויפן (מיט דער זיך צוריקציענדיקער רויטער אַרמיי). (ס׳ בודזאַנוב, ז׳ 163).

לויפער — שליח פון לאַגער־עלטסטן א״א. „דער ל׳ פון עלטעסטן שפּרינגט אַרויס״. (ק. צעטניק, אַ מענטש). „ס׳קומט אַריין דער ל׳ פון אַרבעט־אַמט און ברענגט קוויטלעך צו שטעלן זיך אויף אַרבעט״. (אַנדענק־בוך; שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 149). „דאָס 12־יאָריקע יינגל געווען דער ל׳ און דער באַזאַרגער פאַר די יידן אין קעלער. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 187).

לומפּן — דייטש: שמאַטעס. „די זאַמלערס פון שמאַטעס, ל׳״; **ל׳־זאַמלער.** (רינגל׳ 1.11.40). „כ׳האָב געאַרבעט ביי ל׳, ביים סאָרטירן די מלבושים פון די פאַר־גאַזטע״. (טרעבלינקאַ, עדות; בירקענאַו; ה. פריוועס, אין רויך, ז׳ 201).

לומפּען־זאַמלער — פּריווילעגירטער ייד, געהאַט אַן אויסווייז מ׳זאָל אים נישט כאַפּן צו אַרבעט. „די איינציקע וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן אוי־סער דער שטאָט, אין דערבייאיקע דערפער און שטעטלעך, זענען געווען די ,גרינע בענדער׳ (זע). דאָס זענען די ל״ז. זיי ווינען אין אַ באַזונדערן, אַרומ־געצוימטן בלאָק״. (ס׳ טאָמ. מאז., ז׳ 362, 364). זע: שמאַציאַזש.

לופט — „די לופט פריי (אָדער ריין) — זאָגט מען בשעתן כאַפּן״. (רינגל׳ 12.3.40). „מ׳זאָל נישט אַרויסגיין אין גאַס, בלויז די ל׳ איז פריי, נישט דער מענטש״; **דיקע ל׳** עס דראָט אַ געפאַר; „די ל׳ אין קראָקעווער געטאָ געוואָרן דיק, מען האָט מורא אַז עס קומט אַן אויסזידלונג״. (זעלינגער, ה״ק, ז׳ 65; ל. שעכטער־ווידמאַן, דורכגעלעבט, ז׳ 37).

לופע — „מ׳עסט ל׳ — שאָלעכץ פון קאַרטאָפל״. (ד״ר אלחנן איינבינדער, ס׳ פּינסק, בריוו פון 12.9.42).

לוקישקי — תפיסה אין ווילנע. „שוועבט איבער אַלעמען די שרעק פון ל׳״ (קרוק, 17.1.42, ז׳ 125).

לוקסוס־טויט — נאַטירלעכער טויט, ביי זיך אין דער היים. „דאָס איז אַ גליק, אַז מען שטאַרבט מיט אַזאַ טויט. אַזאַ טויט איז גאָר אַ לוקסוס״. (קאַסטן, וואַשטשינאַ, זכרונות, ייה״א, ז׳ 35; פיינזילבער, שעדלעץ, ז׳ 84). קאַזשימיעזש בראַנדעס אין זיין דערציילונג „שמשון״: „אויב ס׳איז אַ יידן געלונגען בשעת דער מלחמה מיט היטלערן צו שטאַרבן אין בעט, האָט מען דאָס באַטראַכט ווי אַ דערפאָלג;

דער משפּחה האָט מען צוליב דעם געווינטשן, דעם בר־מינן אַליין האָט מען באַטראַכט ווי אַ גוטן סטראַטעג, וואָס האָט באַוויזן אָפּצונאַרן דעם שונא". (פּויליש, ז' 129). „שטאַרבן פון אַ קויל איז אַ ל"ט. עס איז דאָך ליבער דערשאָסן צו ווערן, איידער דערשלאָגן צו ווערן מיט דרענגער אָדער באַגראָבן צו ווערן לעבעדיקערהייט". (ל' ציעשאַנאָוו, וואַגאַ, טשענסטאָכאָוו, ז' 72; ס' קרמניץ, ז' 242, 427). זע: טויט, צדיק.

לופּט־פּלאַץ, פּלוגפּלאַץ, עראָדראָם, וועלאָדראָם, עלידראָם — אין קאָוונער ג' סינאָנימען פון שווערער אַרבעט אויפן פּליפּלאַץ. יידן האָבן דאָס פאַרשידן גערופן. וועגן דעם אַרומגעאַנגען וויצן, לידער. (אסתר לוריא, כ"י, ז' 85).

לוקסאָווע מעטערס — „באַפרייען די ל"מ פאַר איינוווינערס וואָס האָבן שלעכטע דירות. די וואָס האָבן מערער ווי ס'איז פאָרגעזען (פאַר משפּחה — 5 מעטער), דאַרפן די ל"מ איבערגעגעבן ווערן צו אַנדערע" (פּראָט' פון יודענראַט אין ביאַל"ג, 31.5.42).

לורע — וואַסער־זופּ. (טורקאָוו, כ'האָב געוואָלט לעבן, ז' 118).

לזאַ — פּויליש: טרער. שילערס פון דער גימנאַזיע אין וואַרשע, וואָס זיינען געקומען פון לאָדזש, האָבן געגרינדעט אַ כאָר, גערופן „לזאַ", ר"ת פון פּוילישן נאָמען „לאָדזשער אַרטיסטן־פאַראיין". די הכנסה גייט אויף די הויז־קאָמיטעטן. (מרי ברג, ז' 31, נאָטיץ 11.9.40).

לחם — יידן פאַרקויפן אומלעגאַל אין וו"ג ברויט און שרייען: „לחם, לחם!" (כ"י פּאַוולאַק, פּויליש, ז' 160). אין אַ בריוו פון 3.12.42 שרייבט זיך: „האָסט תמיד געפרעגט אויף לעכעמאָווסקין, צום באַדויערן פעלט ער אונדז איצט זייער שטאַרק". (ס' זבורוב, ז' 88).

לחמא — ברויט. (וו"ג, אָפּאָטשינסקי, גויים אין געטאָ, כ"י, ז' 37, ר"א 323).

ליגן — אויב מען האָט עמעצן געטראָפן, נאָך עטלעכע טעג נישט זען זיך, האָט מען אים אויפגענומען מיט דער באַמערקונג: „געמיינט אַז דו ליגסט שוין". — „יאָ, יעדער פון אונדז האָט געקאָנט יעדע מינוט דורכפאַלן, ליגן". (וואַרשע, וולאַדקע, ז' 248). „מ'האָט נישט געזאָגט געווינט אין בלאָק, נאָר געלעגן אין בלאָק". מעגלעך פון דייטש: belegt. (דניאל, כ"י, ז' 53/4, ל' בליזין).

ליגנשאַפּט — געאַרבעט אין אַ ל', גוט, „פּאַטאַצקיס הויף". (ס' טלומאַטש, ז' 462; יו"ש, עדות 1777/1611; באַבאַד מ.; ס' סוקל, ז' 347).

ליגענצענטראַלע — מ'שמועסט, אַז אין וו"ג געפינט זיך אַ ל' וואָס פאַרשפּרייט יעדן טאָג נייע נייעסן. (רינג', אויגוסט 1941).

לידסקע — פאַר אַ קוק אין פענצטער פלעגט דראָען „לידסקע", תפיסה אין ווילנער ג', אויף לידער געסל. (רות ליימענסאָן־ענגעלשטערן, ז' 82). אויפשריפט אויף די ווענט פון לידסקער תפיסה: „אייער לידסקע איז דער וואָקזאַל צו פּאָנאַר". (ראָן, אַלבום ווילנע, ב' 2, ז' 445).

ליזע רופּט — סיגנאַל פון דער פּ.פּ.אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע) אין ווילנע, פאַר אַ תיכפדיקער מאָביליזאַציע; ליזע — נאָמען פון אַ פּאַרטיזאַנערין, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן דורך די דייטשן, ליזע מאַגנון. (סוצקעווער, ווילנע, ז' 176/7, 197).

ליטוואַק חזיר — זידלוואָרט פֿאַר די ליטווישע (ייִדישע) פּרויען, באַנוצט פֿון לאָדזשער פּרויען אין ל׳ שטוטהאָף.

ליטווינער — (1) ליטווישער פּאָליציאַנט פֿאַרהאַלט אַ פּאָלאַק פֿאַר שלעכט איבערגיין די גאַס. דער ליטווינער שרייט: עי פּאָנאַס, עי פּאָנאַס! (מײַן הער). דער פּאָלאַק פֿאַרשטייט נישט קיין ליטוויש, ענטפֿערט אויף פּויליש: טאַק, טאַק, היינט איז נאָך אונדז (פּויליש: פּאַ נאַס), און מאָרגן וועט זײַן פּאַ וואַס (נאָך אײַך). (ווילנע, 1939/40, באַלבערישסקי, כ״י, ז׳ 77). (2) **ליטווישע איינהייטן** — שוצמאַנשאַפֿטן. 3.11.42, נאָך מיטאָג, זענען די באַראַקן באַוואַכט געוואָרן דורך ל׳, אָנגעטאָן אין אַ ספּעציעלן שוואַרצן אוניפֿאָרם מיט אַ דייטשער צייכענונג. זיי מיטגעהאָלפֿן פֿאַרניכטן דאָס ייִדנטום. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 258). „דערהערט ל׳ האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן ביי אונדז אין האַרצן״. (ס׳ ביטען, ז׳ 333). „ל׳ נאָכגעשאָסן די שפּרינגער (זע) פֿון צוג״ [גייט קיין טרעבלינקע]. (יו״ש, עדות ינטה גוז׳יצ׳נסקה).

ליטעראַט — ייִדן־אַריער און זייערע העלפֿערס, פּלעגן אונטערשיידן „ליטעראַטן״, אמתע פּאָלאַקן, פֿון **אַרטיסטן** (זע), די יעניקע וואָס שפּילן די ראָל פֿון אַריער (ייִדן); ווען ס׳איז איינגעפֿירט געוואָרן ייִדיש אין די שולן, איז אַרומגעגאַנגען אַ וויץ: „ווייל ס׳זענען דאָ אַזעלכע וואָס קענען נישט קיין איין ,אות׳ אין ייִדיש, נאָר בלויז פּויליש, האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן: ,ליטעראַ־טן׳ ״. (ל״ג, אבי, 23). זע: ייִדישיסטן, ייִדיש־לערער.

ליי־הייזלעך — „דאָס ל״ג זאָל בויען א״ג ליי־הייזלעך. אויף אַ פֿאַרזאַמלונג 20.10.43, אויפֿן באַלוטער רינג, האָט ביבאָוו מיטגעטיילט, אַז די ג״פּ באַקומען אַן אויפֿטראָג פֿון ד״ר לעי אויספֿאַרטיקן 5,000 איינלייג־הייזלעך פֿאַר די גשליטענע פֿון די באָמבאַרדירונגען, ניט ייִדן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצופֿאַרטיקן די צאָל ל״ה. (ש. ראָזענשטיין, כ״י, 30.10.1943).

לייזע — שוואַכער, מוזולמאַן (זע), פֿאַרלייזיקטער. (ל׳ סקאַרזשיסקאָ). „אַזאַ ל׳ דאַרף מען נישט. אַ קופּע ווערעם, לייז, וואַנצן, לייזע״. (שטריגלער, אין די פֿאַבריקן, ז׳ 205). „יעדעס מאָל ווען אַ פּאָליציאַנט האָט פֿרידלעך געשמועסט מיט אַ פּשוטער ,לייזע׳, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ דערנידערונג פֿון זײַן ראַנג״. (שטריגלער, ווערק צע, ב׳ 2, ז׳ 102).

לייכן־דינסט — חברה קדישא, חברה נושאים. (באַרשטשיוו; ס׳ יז׳ורנה, ז׳ 191).

לייכן־קאָמאַנדע — העפֿטלינגען וואָס צונויפֿגעזאַמלט די טויטע אין ל׳ און געבראַכט צו דער קרעמאַטאָריע. (אוישוויץ, ק. צעטניק, טעאַטער, ז׳ 41).

לייסטונג — דייטש. באַנוצט דורך ייִדן אין ייִדיש, פּויליש, העברעיש. די דייטשן פֿאַרלאַנגט פֿון ייִדן פֿיל ל׳ (אַרבעט איבער די כוחות). „דער קאַפּאָ האָט מיט שלאָגן געוואָלט פֿון אונדז אַרויסבאַקומען די גרעסטע ל׳״. (ל׳ פּלאַשאָוו). „איך האָב אַרויסמאַרשירט צו דער אַרבעט און טאָקע געלייסטעט אויף זייער לשון״. (ל׳ דירענפֿורט). אין וואַרטעגאָו געוועזן אַ קאַטעגאָריע פֿון Leistungsjuden, Leistungspollen, ד״ה „נוצלעכע פּאָלאַקן און ייִדן, וואָס מ׳האָט זיך אין זיי געניייטיקט צוליב זייער פֿאַך־אַרבעט. מיליטערישע דעלעגאַציעס קומען, כדי זיך באַקענען מיט דער מעגלעכקייט פֿון אונדזערע לייסטונגען״.

(ביאַל"ג, פּראָט' פון דער זיצונג פון יודענראַט, 22.6.42). „לייטונג פון געסטאַ־פּאָ זיך אויסגעדריקט וועגן אונדזוערע ל'. עס איז צו שטוינען". (פּראָט' 15.8.42). „הל' של הגיטו". (טננבוים, דפים, ז' 30).

לייענדיקע — צייטונג. (קאַפּלאַן, ז' 52). יידן האָבן קיין צייטונג נישט געטאָרט לייענען און נישט האַלטן. אויך דאָס אַרטיקל, אַפילו דייטשע אָפיציעלע צייטונגען, האָט מען געמוזט שמוגלען, איינשטעלנדיק דאָס לעבן.

לייקין — „אָפיציר" אין דער ידישער פּאָליציי אין וו"ג. געווען זייער אַ נידעריקער. אַז ער האָט אויפגעהויבן דעם פּוס צו אַ פּאַראַדע־מאַרש, האָט ער דערגרייכט דעם דאַשעק. דערפאַר געהייסן טראָגן קאַשקעטן אָן דאַשקעס. (טשערניאַקאָוו, טאָגבוך, 27.5.42). זע: נאַפּאָלעאָן.

ליכט־בילד — אויסווייז מיט אַ פּאָטאָגראַפיע. דער ווערט פון אַזאַ דאָקומענט געווען אַ גרעסערער, ווי פון אַ געוויינלעכן אויסווייז. (פ. ווידערמאַן, פּלאָווא, ז' 100, פּויליש; הדסה פּריוועס, אין רוים, ז' 67).

לינק — נישט לעגאַל. פּאַר קויפן עפּעס אויף ל' דראָט טויט־שטראָף. (ש. ליפּמאַן, אין די לאַגערן אַרום פּויזן, בלעטער פון פּיין און אומקום, ז' 87). „די גאַנצע באַשפּייזונג קומט פּאַר אויף ל'". (שאוול, ירושלמי, כ"י, 23.1.43).

לינקס — בשעת סעלעקציעס (זע) אין די ל', ווי אויך טיילווייז אין ג' (ווילנע, קאָוונע), האָט מען די אָפּגעטיילטע אויף ל' געשיקט אויף אומקום. די אויף רעכטס — צו אַרבעט. „די מאַמע איז אויף ל' אַוועק" [קיין אוישוויץ]. (קוויאַטקאָווסקאַ, פון לאַגער, ז' 113). טוען עפּעס אויף ל', נישט ערלעך, בסתר. „האקציה בקוברין. האנשים נערכו בשתי שורות, שמאלה וימינה. עד הרגע האחרון לא ידעו, איזה צד לחיים ואיזה למוות. (ס' בריסק, ז' 479).

לינקע — געפעלשטע דאָקומענטן. „ל' עמיגראַציע (פון ג') אויף דער פּראָווינץ". ל' פּאַפּירן, וואָס באַווייזן, אַז מען איז אַן אַריער. געדאַרפט האָבן, בעת מ'האָט געוואָלט אַריבער אויף דער אַרישער זייט. באַנוצט אויך אין פּויליש lewy. זע: ליפּע.

ליסטע — רשימה פון די באַשטימטע צום אַרויספאָר, אויסזידלונג (זע). „כל כמה ימים היו תולים ברסורט (זע) רשימה חדשה, ליסטה קראנו לה מפולנית. אנשים היו מצטופפים לפני הליסטה לראות אם כללו אותם בתוכה, או פסחו עליהם. אמרו: מה ההבדל פה או שם? האם יכול להיות יותר גרוע מאשר בגיטו?" (ל"ג, שרה אורבך, כ"י, ז' 163).

ליפּאָווע — לובלין, ליפּאָווע־גאַס נר' 7, אַ לאַגער פּאַר יידישע קריגס־געפאַנגענע פון פּוילישן מיליטער, די דייטשן פלעגן זיך מיט זיי באַנוצן ביים כאַפּן יידן צו אַרבעט. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז' 129).

ליפּע — פּויליש: געפעלשטער (דאָקומענט). מיר זענען באמת פאַכלייט, נישט קיין ל'. (טשעכאָוויטש, די צען פון פּאַוויאַק, כ"י). אַזאַ ל' (פאַלשע קענקאַרטע) קאָסט 200־300 זלאָטיס. (דאָרעמבוס, ז' 80). אין וו"ג אַרומגעגאַנגען אַ וויץ — און אפשר איז עס אַן אמת?: „ביים אַרויספירן אַ גרופּע אַרבעטער פון ג', האָט דער יידישער פּאָליציאַנט געדאַרפט מעלדן דער דייטשער וואַך, וווהין ער פירט די אַרבעטער. האָט איינער אַ פּיפיקער צונויפגעשטעלט אַ גרופּע יידן וואָס געוואָלט זיך אַרויסבאַקומען אויף דער אַרישער זייט. האָט ער מיט זיי צומאַרשירט צום

זשאַנדאַר און געמאָלדן וויפל אַרבעטער ער פירט אַרויס אויף אַרבעט אין די „Lipa-Werke". אויף דער שוואַרצער בערזע — אַ „געפעלשטער חזיר" [זע]. (ר"א, 61). ל' באַנוצט אויך אין רוסיש. זע: די איבערזעצונג פון פּוטשיקס בריוו פון דער טויטנצעלע. Липове удостоверение [ליפּע־באַשטעטיקונג]: (מעדוויעדעוו, אויף די ברעגעס פון דרומדיקן בוג, ז' 128, רוסיש).

ליצעום — זע: קאַלעגיום.

ליקווידאַציע, ליקווידירן — זייער פאַרשפּרייטע באַצייכענונג פאַרן אומברענגען ייִדן און צונעמען זייער פאַרמעגן. אָנהייב יאַנואַר 1942, צי אפשר נאָך 1941, נאָכן לאָזן אין גאַנג דעם ערשטן טויטן־ל' אין כעלמנאָ, האָט מען זיך מיט די טערמינען באַנוצט אין וו"ג, דערנאָך אין גאַנצן באַזעצטן דורך די דייטשן געביט. „מ'ליקווידירט ייִדן אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן מיט דער הילף פון קוילן, שטיקנדיקע גאַזן און עלעקטרישן שטראָם". (ר"א, נ"ר 144). ביז דער ל', בעת דער ל', נאָך דער ל'. (ס' בילגאָריי, ז' 189). „ווידער גייען קלאַנגען וועגן ליקווידירן די ג'. מענטשן גייען אויס פאַר מורא. דעם 15טן איז טאַקע ליקווידאַציע?" (וויל"ג, קרוק, 9.2.42).

לעבן — אין ל"ג זיך אָפּגעפונען אַ נאָטיץ־בוך פון אַ רעליגיעזן ייִדן (ראַבינער), פאַרשריבן מיט סענטענצן, אין פאַרשידענע שפּראַכן. צום סוף צוגעשריבן: „דאָס זענען אַלץ שיינע געדאַנקען, אָבער לעבן האָט אונדז אויסגעלערנט דאָס געטאָ". (מ. ז.); „צי איז דאָס לעבן באמת ווערט מ'זאָל דערפאַר איינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון אַלערמענטשלעכקייט, ווי מיר טוען דאָס?" (מאַרגאַרעט האַלענדער, כ"י 14.12.43, דייטש).

מיר לעבן אויף ראַטעס [פאַרשידנאַרטיק אויסגעדריקט]. ס' קאַסטאָפּאָל, ז' 292; **לעבן און איבערלעבן** (בריוו 2.2.43, ס' זבורוב, ז' 90); **לעבן בלייבט מען דערפון**: אויף יעדער נייער פאַראָרדענונג, ייִדן אין קאָוונער ג' רעאַגירט מיט דער פראַגע. (כאַנאַנאָוויטש). „מיר ווילן לעבן און איבערלעבן / שלעכטע צייטן איבערלעבן. / מיר לעבן אייביק. (לייב ראָזענטאַל, וויל"ג, ס' קריוויטש, ז' 262). „מיר וועלן זיי איבערלעבן". (ס' וואָלאָמין, ז' 398).

לעבן איז טייערער פון אַ פעלץ — ווען באַראַש געוואָלט אינטערווענירן וועגן רעקווידירן די פוטערס ביי ייִדן, האָט אים אַ דייטש אַזוי געענטפערט. (פּראָט' פון זיצונג פון יודענראַט אין ביאַל"ג, 15.8.42). זע: פוטער.

לעבן באַדיי ערגער, אַבי לייכטער און פרייער — טענהן די וואָס באַהאַלטן זיך אויס און גייען נישט צו צוואַנג־אַרבעט. (ביאַל"ג, כ"י, „צו דער געשיכטע").

לעבן טויטע — אין דער דאָזיקער תקופה געוואָלט אינטערווענירן וועגן רעקווידירן, מ'האָט געירשנט זאַכן און געלט פון די טויטע [געהרגעטע]. (ס' גוואָזדזיעץ, ז' 324).

לעבנס־קאַרטן — „באַשלאָסן מאַכן פאַלשע ל"ק". באַריכט פון דער ייִדישער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע. וואַרשע, מערץ 1944. (ניישטאָט, ז' 140). זע: אַרישע פּאַפּירן.

לעבנס־רוים — אַ פּאַציענט קומט צו אַ ייִדישן דאָקטער אין שאַוולער ג' און ווייזט אים ווי ער איז מאָגער געוואָרן. ער ציט די הויזן, כדי צו דערווייזן וואָס פאַראַ מרחק ס'איז צווישן זייער אומפאַנג און קערפּער. דערויף זאָגט דער דאָקטער:

„וואָס ווילט איר, דאָס איז דאָך היטלערס ל״ר!״ (ראובני, רובינשטיין, אליין דערביי געווען).

לעבנס־רעכט קאַרטן — (טורקאָוו, פּאַרלאַשענע, ב׳ 2, ז׳ 93). זע: לעבנס־קאַרטן.

לעבנס־שיין — אַ שיין מיט אַ געהעריקן שטעמפּל, האָט אַ געוויסע צײַט געשיצט פאַר אַן אויסזידלונג. אין וו״ג, נאָך דער זומער־אַקציע 1942, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ 40,000 ל״ש די יעניקע וואָס האָבן געאַרבעט אין שאָפּן. דער רעשט האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו בלייבן אין ג׳. אויפן שיין געווען אַ געהעריקער שטעמפּל Lebenstempel (בריוו פון 7.4.43, ס׳ טרנופּול). די ל״ש האָבן געהאַט פאַרשידענע קאָלירן. איז איין קאָליר אַרויס פון קורס, איז אַ צווייטער געווען נייטיק אויף בלייבן אין ג׳, ביז צום ענדגילטיקן סוף. (ס׳ סלונים, ז׳ 9).
„דער בעסטער ל״ש פאַר יידן איז דאָס ביסל געווער וואָס ער ברענגט מיט זיך אין וואַלד״. (ס׳ באַראַנאָוויטש, ז׳ 486). זע: נוצלעכער ייד, שיין.

לעבעדיק(ער) — לעבעדיקער ג׳ פאַר אַרבעטנדיקע מיוחסים, אָפּטיילונג פון צווייטן ג׳ פאַר נישט אַרבעטנדיקע. טירלעך צווישן די ביידע ג׳ געעפנט אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג, מ׳זאָל זיך קאָנען זען. (ס׳ לודמיר, ז׳ 441).

לעבעדיק וואַסער — זעקסנגיינציקער בראָנפן. (סמאָליאַר, יידן אין געלע לאַטעס, ז׳ 82).

לעבנדיקע — לויז. (ס׳ זשעלעכאָוו, ז׳ 292).

לעבעדיקע טויערן — אין נאָווידוואָר, זאַקראָטשים, צווינגט מען די יידן דורכגיין די ל״ט. צוויי רייען פאָלקס־דייטשע באַנדיטן האָבן מיט קאָלאָניצעס און בייטשן געקאַטעוועט די אומגליקלעכע. (פּראָלעטאַרישער געדאַנק, סעפּט. 1941). אין דער נאַצישער טערמינאָלאָגיע: שפּיצרוטענלאָופען. זע: בראַנד.

לעבעדיקע מתים — רעקלאַמירטע פון דער אויסזידלונג (26.8.43), אַרבעטן אין שאָפּ און וואַרטן יעדן טאָג אויפן טויט [דערוואַרט זיך 17.10.43]. (ס׳ זאַוויערטשע, ז׳ 297/8; ס׳ ראַזשישטש, ז׳ 310; ס׳ קרינקי, ז׳ 272). אין לעמבעריק, פּויליש: Żywy nieboszczyk; żywy trup.

לעבעדיקע צרות — אַפּעלן אין אוישוויץ. (קוויאַטקאָווסקאַ, פון לאַגער, ז׳ 118).

לעבדיקע קאָנטינגענטן — צוגעשטעלטע צו דער אויסזידלונג באַשטימטע צאָל יידן. (ווייס־בראָט, סקאַלאַט, ז׳ 44־35). זע: קאָנטינגענט.

לעבעדיקע ק. ל. — העפטלינגען וואָס האָבן נישט געאַרבעט און זיך געפונען אין ל׳ 4, דאַכאַו; פלעגן גאַנצע טעג „קלויבן לייז״, אַלזאָ: לעבעדיקע ק. ל. (קאַפּלאַן, ז׳ 48).

לעבעדיקערהייט צוגענומען דאָס לעבן — בלויז פון שרעק געפאַלן. (יו״ש, ינטה גוז׳י־צ׳נסקה, עדות).

לעבקאַזש — זשאַנדאַר, וואָס דורכגעלאָזט דורכן טויער מענטשן, נאָר נישט קיין סחורה. מ׳פלעגט די מענטשן אויפזעצן אויף אַ וואָגן און פאַרנאַכט זיי אַדורכפירן. דעם דייטש האָט מען געזאָגט, אַז דאָס זענען ציגיינער. צווישן זיך האָבן די ידישע פּאָליציאַנטן, גראַיקעס, (זע), די וועגעלעך גערופן „ציגיינער־וועגעלעך״. (וו״ג, שמחה ראָטהאָלץ).

לעגאַל — „ל׳ מוזן מיר זיך וואַרפן אין דער ווייסל — געזאָגט אַ סוחר — און דערצו האָב איך תמיד צייט״. (רינג׳, 20.4.41).

לעגאַלטשיק — פאַרטיזאַנער־שפּראַך. אַ פויער, וואָס געווען אין קאָנטאַקט מיט פאַרטיזאַנער. ביי אַ באַמביאַשקע (זע) האָבן די פאַרטיזאַנער גאָרנישט ניט גענומען ביי אַ ל׳. (מ. כהנוביץ, מלחמת הפרטיזנים, ז׳ 29, 57). **לעגאַליקעס** — קריסטן אין שליחות פון פאַרטיזאַנער, געצווונגענע שפּיאָנען. (ס׳ בריאנסק, ז׳ 351; ענגעלשטערן, אין געטאָ, ז׳ 109).

לעגיטימאַציע פון באַנק עמיסיני — מיט אַ באַנקנאָט פון דער באַנק זייער אָפּט זיך געקאָנט אויסקויפן פון אַ לאַפּאַנקע, ווי מיט אַ לעגיטימאַציע, וואָס באַפרייט פון געכאַפּט צו ווערן צו אַרבעט. (רינג׳, 6.7.42; ר״א, 192). די באַנק עמיסיני, געגרינדעט אין ג״ג דורך דער דייטשער מאַכט, האָט אַרויסגעגעבן געלט, זלאָטיס און גראָשנס, מיט אַ פּוילישער אויפשריפט.

לעוואַנדע — גראָז, גערופן ל׳. מ׳האָט עס געקאָכט, געמאַכט קאָטלעטן. (מפרשת השואה ב׳, ז׳ 18).

לעווענטעם — אונגאַרישע היטלער־יוגנט. (פּערל, פאַרלאָשענע ליכט, ז׳ 80). **אָפּיציעלער נאָמען:** Laventeség. (י. פּרי, פּרקים בתולדות היהודים, ז׳ 183/4). **האַרטי־יוגנט**, ה׳־יוגנטלעכע. (ווי. טאַמבאַר, ז׳ 50, 53).

לענטע — אַרעמבאַנד, אָפּאַסקע. (גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ, 28.1.42). ל׳ געטראָגן אויפן רעכטן אָרעם מיט אַ מגן־דוד. אין וו״ג שרייען די גאַסן־פאַרקויפערס פון לענטעס: „אויב שוין קויפן אַ שמאַטע, קויפט אַ ריינע״. **שמאַטע־בינדע** — ווייסער באַנד מיטן מגן־דוד. (רינג׳, פעב. 1941). אַ ייד געפרעגט אין בית הסוהר פאַרוואָס ער טראָגט נישט קיין ל׳. געענטפערט, אַז אינדערהיים דאַרף מען נישט טראָגן קיין ל׳ און אַזוי ווי ער פילט זיך דאָ ווי אין דער היים, טראָגט ער זי נישט. (טשערניאַקאָוו, נאָטיץ 12.7.40). אַ ל׳ מוז זיין פון ווייסער לייוונט מיט „אַ בלויען דוד־הערב״. (קוטשינסקי, אין די שפּאַנען פון הענקער, כ״י, ז׳ 165, יו״ש).

לעגינס לוויה — שבת, 4.8.41, נאָכן פאַרנעמען קאָלנע דורך די דייטשן, ווערן אַלע יידן גערופן צו שטעלן זיך צו אַרבעט: צענעמען דעם דענקמאָל וואָס די סאָוויעטן האָבן אויפגעשטעלט לכבוד לעגינען. די שטיינער פון דענקמאָל פירן די יידן איבער אויפן בית־עלמין. די ווייבער דאַרפן נאָכגיין דער לוויה און וויינען נאָך לעגינען. (ס׳ קאָלנע, ז׳ 394; ס׳ סמיאַטיץ, ז׳ 199). „לא נשכח את היום, בו הוסרה האנדרטה של ל׳. יום רצה יהודים בדם קר. (ז׳ 203). קברו את מצבת ל׳ בבית הקברות היהודי״.

לעפּל־לייט — אפילו די ל״ל ווייסן נישט וואָס עס מיינט די היינטיקע רעגיסטראַציע. (ל״ג, פראַנק 13.10.41). די ל״ל פון דער קהילה, די קאָרומפּירטע וואָס האָבן געקאָנט באַפרייען יעדן איינעם, ווער עס האָט נאָר געגעבן געלט און געשיקט אין די צוואַנג־מדבריות בלויז יענע, וואָס האָבן קיין געלט נישט געהאַט. (וו״ג, אָפּאָטשינסקי, קינדער אויפן ברוק, כ״י, ר״א, 430, נאָוו. 1941); זעליקאָוויטש, כ״י, 20.1.44). זע. כאַפּער, קעפּלעך.

לעצטער ייד — דייטשער אונטערנעמער קרעמין פלעגט זיינע יידן טרייסטן, אַז זיי וועלן זיין... די לעצטע, אָבער קיינמאָל נישט צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן. (ס׳ זבורוב, ז׳ 149). די לעצטע צוויי יידן טרעפן זיך ביי דער לוויה פון דריטן,

ל״י. זיי טרייסטן זיך, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן. (ה. שערעשעווסקאַ, געשענקטער טאָג, כ״י, ז׳ 54). זע: יידן.

לעקיש — אַז דער פּרעזעס איז אַ ל׳, איז די גאַנצע גמינע דרעקיש — געמיינט די וואַר־שעווער קהילה. אַז דו ביסט אַליין אַ ל׳, וועט דיר נישט העלפן וואָס די פירמע איז אַריש אָדער יעקיש. זיי נישט קיין ל׳־בער, וועלן דיר די שפּריכעס נישט קריכן אַהין און אַהער. (ר״א, אָנהייב 1942).

לעשות נקמה בגויים — מספרים על אותו איש (היטלר) שאבא ואמו מתו עליו במאסר מפני שברח מהצבא הגרמני והוא מרוב צערו ושיחו נשבע על קברם של אבותיו לעשות נקמה בגויים, לכן הביא את המלחמה. (ל״ג, מן המיצר, יולי 1941).

לעשנאָ 13 — מיטאַרבעטער פון ל׳ 13. (רינג׳ 20.12.40). „ל׳ 13 באַלעבאַטעוועט לעצטנס״. (רינג׳ 25.12.41 א״א). זע: דרייצנטל.

מ

מאָגן, מאָגן — „מ׳, מ׳, האָב איך דען און גיב דיר נישט?״ — אַ פאַרשפּרייט ווערטל, צי לידל. שטריגלער: „אַ מאָגן ווייסט נישט, אַז איינמאָל אין יאָר איז שמחת־תורה״. (אין די פאַבריקן פון טויט, ז׳ 249). „שיחה עם הקיבה, היא רוצה לאכול, הוא לא! דיאַלוג שאנחנו מכירים מהשיר: מ׳, מ׳. (ל. עבענזע, יו״ש, הרפנס, כ״י). זע: סאַלאַטקע. „די פּלאַצוווקאַזשעס (זע) פירן אַרויס וועש, מלבושים אויף זיך. פרעסערס — אַלץ אין מאָגן אַריין, נישט קיין אָפּשפּאָרונגען״. (רינג׳, כתבים, ב׳ II ז׳ 22).

מאָדערנע קאַניבאַלן — פאַרשפּרייטע באַצייכענונג פאַר היטלעריסטן. „די מ״ק האָבן זיך פאַרגענומען פיזיש צו פאַרניכטן דעם יידישן ישוב״. (דאָס וואָרט, יוני 42׳, ז׳ 111).

מאה ברכות — „פרעגט אַ פרומער ייד זיין חבר: האַ, ווי אַזוי איז מען עפּעס היינט משלים די מ״ב בכל יום?״ — „היינט נאָך לייכטער ווי שטענדיק. כ׳מאַך הונדערט מאָל אין טאָג בלויז אשר־יצר׳ס״. [אין דער צייט פון דער דעזינטעריע־עפּידעמיע]. (ל״ג, אבי 13).

מאָזל־מאַן, מענער — „מענטשן אויף פאַרברענט צו ווערן״. (ס׳ סמורגון, ז׳ 36; ש. טאַובע, די אומפאַרגעסלעכע, ז׳ 37). „די טויזנטער, אויף לאַגער־לשון אַזוי גערופענע מ״מ, דאָס זענען די שוואַכע און אומבאַהאָלפענע״. (אוישוויץ, ייוואָ־בלעטער ב׳ 27, ז׳ 196). עפּטער באַנוצט: מוזעלמאַן (זע).

מאַטישאָווצעס — 1941/42. רעליגיעזע יוגנט־גרופּע, וואָס די גאַס גערופן מ׳. יונגע חסידישע בחורים האָבן גענומען אויף זיך ווידערצושפּעניקן דעם נאַצישן רע־זשים און אָפּהיטן חסידישקייט: אָרגאַניזירן שטיבלעך, לערנען, לאָזן וואַקסן בערדלעך און פּיאות. (ס׳ שידלאָווצע, ז׳ 465/475; מ. פּרגר: אלה שלא נכנעו, א״א).

מאַטראַץ — „זי האָט אַוודאי געמוזט דינען די דייטשן פאַר אַ מ׳, ווי מען פלעגט גע־ווײנטלעך זאָגן אין פאַרטיזאַנער־לשון״. (רייך, ז׳ 286).

מאַידאַן — „אין מ׳ רוקט מען אַריין אין אויוון קעזקוכנס, און אין דערבייאיקן מאַידאַנעק מענטשן״. שבועות 42׳, אין מאַידאַן־טאַטאַרסקי, פאָרשטאָט פון לובלין, וווהין מ׳האָט איבערגעפירט דעם רעשט יידן פון ג׳. (אידאַ גליקשטיין, כ״י, ז׳ 57).

מאַיסטאַם — פרויען־בריגאַדע, אַרבעט אין מ׳. אַ ליד: גאָר פריילעך, ווייבער־בריגאַדע מ׳ גייט / בריגאַדע מ׳ גייט אַהיים צוריק. (פל״ח, נ״ר 1; מ. ז. 287).

מאַך אַ צלמל פאַר דעם שבת־ייד — „פאַראַן אַזעלכע, וואָס שרייבן נישט אונטער שבת (די אַרבעט־ליסטע), נאָר בעטן, אַז אַנדערע זאָלן (פאַר זיי) אונטערשרייבן. שרייבט מען פאַר זיי אונטער צלמלעך, זאָגט מען אויף זיי מיט ביטול״. (ל״ג, ג׳־לשון, 1017).

מאַך סאַנאָ — אינערן־מיניסטער פון דער אומאָפּהענגיקער סלאָוואַקישער מדינה; די גאַס האָט אים אָנגערופן: סאַנאָ מאַך, זשידאָ־סטראַך [אַ שרעק פאַר יידן]. (מ. בדר, שליחויות עצובות, ז׳ 28).

מאַכאָרקע — מ׳־באַנקראָטקע. (פּאַרטיזאַנער־ל׳, קאָנקורס, 4).

מאַכאָרקע־זופּ — „זופּן פול מיט סובסטאַנצן, וואָס זענען געווען שרעקלעך האַרט. וועגן צעקייען זיי איז קיין רייד נישט געווען: אַראָפּשלינגען זיי — האָט מען ריזיקירט מיט צעגראַבלען דעם האַלדז און דעם וועשט. דאָס זענען געווען געטרוקנטע ווילדע גראָזן, קאָרע, ברי־בלעטער (פּאָקשיווע). לויט זייער ביטערן טעם, האַרטקייט און שאַרפן ריח, האָבן די אינטערנירטע געפונען אַן ענלעכקייט צו מאַכאָרקע, וואָס מ׳האָט געראויכערט". (דיאַמאַנט).

מאַכט — „אַלגעמיינע באַצייכענונג פאַר די (דייטשע) אַמטן מחוצן ג׳, וועלכע זענען געווען די פּאַקטישע מושלים איבערן ג׳". (ל"ג־ענצ׳).

מאַכן קאָפּ־מנוחה — לאָדזשער יידן פלעגן אין די ל׳ מיטאַמאָל אויפעסן די גאַנצע ראַציאָן און אַזוי אַרום האָבן „קאָפּ־מנוחה". אויב נישט, האָט כסדר גערייצט דאָס ברויט אויפצועסן עס. (קאַפּלאַן, ז׳ 45).

מאָלאָטאָוו — „אַ קאָמיסאַר און זיך געמאַכט צום נאַר"; „זעסט שוין? אַ באָלשעוויסטישער מיניסטער און נישט געוווסט וואָס ס׳ווייסט דער מינדסטער און פּראָסטער שוסטער!"; נאָכן איבערלייענען מ׳־ס רעדע וועגן די דייטשע אַכזריות און שחיטות: ער האָט זיך געכאַפּט, ווען ס׳איז שוין „פּאָ כופּיע!" (נאָך אַלעמען); זעסט, אַבי מ׳זאָגט, אַז נאָר דער פּאָלאַק איז קלוג ביז בוג. (דער טייך, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דעם דייטשן פון סאָוועטישן אינטערעסן־געביט). (ר"א, פּאָלקלאָר). וואָרט־שפּיל: בוג־ביק. „קלוג ווי דער אַלטער ביק" — באַקאַנט ווערטל. „איז געפאָרן מאָלאָטאָוו און צוריק געקומען מאַלאָ־טוב". (רינג, 20.10.40, נאָך דער נסיעה פון מאָלאָטאָוון קיין בערלין).

מאָלאָטאָוו־קאָקטייל — פלעשלעך מיט אויפרייס־מאַטעריאַל, באַנוצט בשעתן וואַרשעווער ג׳־אויפשטאַנד. סטראָפּ, באַצווינגער פון אויפשטאַנד, ברענגט דאָס וואָרט אין זיין ראַפּאָרט פון 20.4.43 און טייטשט עס „בראַנד־פלאַשן".

מאַלינע — געשריבן פאַרשידן: מאַלינע, מעלינע, אויף העברעיש: מלינה אאַז"וו; „בונקערס (זע) אויפן ג׳־לשון; מען האָט דערציילט פון מ׳ מיט באַקוועמלעכקייטן, גוט פאַרטראַכטע און פאַרמאַסקירטע, מיט אָנגעגרייטע עס־פּראָדוקטן און וואַסער אויף אַ לענגערע צייט". (קאָוונע, פּרץ, ז׳ 50). „מ׳האָט וויל געוווסט, אַז לאַנג קאָן מען נישט אויסהאַלטן אין אַזוינע קאַלטע, צעשמעטערטע קעלערס, אָן טירן, אָן פענצטער, און דער עיקר — אָן עסן. מ׳האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שטרוי". (פריינקל זאַלצמאַן, ז׳ 114/5). „שוואַנגערשאַפט פון אַ יידישער פרוי האָט געדראָט מיט טויט סיי דער מאַמען, סיי דעם נייגעבוירענעם. דעריבער פלעגן די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס אויסבאַהאַלטן די קינדער אין ספּעציעלע צימערן. דאָרט פלעגט מען זיי געבן זויגן. איינעם פון די ניי־געבוירענע קינדעו׳ אין אַ מ׳ האָט מען טאַקע אַ נאָמען געגעבן ‚מ׳". (ווילנע, דוואָרזשעצקי, ז׳ 36). „אַ וואָרט וואָס איז פּאָפּולער געוואָרן; אַן אָרט ווו מען קאָן זיך באַהאַלטן פון די כאַפּונעס [זע]. (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 20).

מאַלינעס זענען געווען פאַרשידענע: גריבער אין קעלערס, פאַרמויערטע ער־טער אין די שטובן צי אויפן בוידעם, ווענט־מאַלינעס. (דוואַרזשעצקי, ז׳ 151). „מ׳האָט פאַרבעט אין בעט (אַ קינד) ביזן האַלדז, עס פאַרדעקט, נאָר דעם קאָפּ געלאָזט פריי. ווען די מערדער וועלן זיין אויף די טרעפּ, וועט מען אויפן קאָפּ אַרויפלייגן אַ קישן. אַזאַ מ׳ גיט זייער ווייניק האָפענונג. (מאַשאַ, כ״י, ז׳ 42). מ׳ אויך באַקאַנט אין מינסק און סביבה. (סמאָליאַר, פון מינסקער ג׳, ז׳ 7), טיילווייז אויך אין ביאַל׳ קאָנט. דאַקעגן אין ג״ג באַנוצט בונקער (זע), סכראָן (זע). פאַר דער מלחמה באַנוצט דאָס וואָרט מ׳ אין דער גנבים־שפּראַך: אויף פּויליש און יידיש.

פון מ׳ געשאַפן צייטווערטער: זיך מאַלינעווען. דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער אָרדנונגס־דינסט מיט 10 פּזשאַדאָווניקעס האָבן נישט געלאָזט זיך מעלינעווען. (גראָדנע־ביאַל., כ״י, 23.3.43, ייה״א, 7084). „אַזוי האָבן מיר אויך באַשלאָסן — פאַרמעלינעווען זיך. ווי נאָר עס ווערט עפּעס נישט קלאָר, מאַלינעווען מיר זיך״. (קרוק, 12.6.41). „עס האָבן זיך מאַלינעוועט אויך אַ סך מיט געלע שיינען״. [זע]. (סוצקעווער, ז׳ 59, 130, א״א).
פאַרמאַלינעווען פלעגט מען נישט נאָר מענטשן, נאָר אויך זאַכן, פּראָדוקטן, אויסבאַהאַלטן פאַר דער מאַכט. „ווו האָסטו פאַרמאַלינעוועט די פּוטער?״ (קאָוו־נער ג׳, ר. סילקע).
שמוגלען, אַריינשמוגלען: „אַריינמאַלינעווען פּראָדוקטן״. די לעכער אין די ביי־דעמער, קעלערס, ווענט, ווו די זאַכן זענען געווען פאַרשטעקט, האָט מען באַ־צייכנט סחורה־מעלינעס. (דוואַרזשעצקי, ז׳ 168).
געשאַפן נייע רעד־ווענדונגען, וויצן וועגן מ׳. „גוט פאַרמאַלינעוועט״; „ער איז אַ מייסטער, אַ מאַלינטשיק״. „אַ גוטע מאַלינע איז דער בעסטער שיין״. (דוואַרזשעצקי, ז׳ 100). דער לעצטער וויץ קלינגט ביי קרוקן: „עס איז צו גוט, פון דעסטוועגן וואָלט נישט געשאַדט אַ מ׳. (14.12.42). ביי סוצקעווערן און אין אַ טייל יזכור־ביכער באַשרייבונגען און פאָטאָגראַפיעס פון מ׳. „אויסטער־לישע מ׳, געבויט דורך גוטע מאַלינטשיקעס, למשל אין ווילנע, דורכן אינזשי־ניער ספּאָקאָיני״. (ז׳ 135).

מאַלאַזש — היטלער. אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געוואָלט ווערן אַ קונסט־מאָלער. „דאָס איז שוין דעם מ׳ לעצטע מאָביליזאַציע. מער האָט ער שוין נישט״. (בריקס, פּאַפּי־רענע קרוין, ז׳ 5). „דער מ׳ וועט אינגיכן איינגעמען אַ מיתה משונה״. (דאָרט, ז׳ 27). אין דער פּוילישער אַנטי־נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע זייער אָפט באַנוצט, טיילמאָל מיט אַ געהעריקער קאַריקאַטור.

מאַלעך (מלאך) — אין דער ערשטער צייט נאָכן איינפירן דעם אַרבעטצוואַנג פאַר יידן, איז נאָך מעגלעך געווען אויסקויפן זיך לעגאַל מיט געלט, אָדער שטעלן אַ פאַר־טרעטער, אַ מ׳. „אַזאַ מ׳ פלעגט קאָסטן 5 אָדער 10 מאַרק פאַר אַ טאָג אַרבעט, איינגערעכנט לויט די צאָל קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען אויפן אַרבעט־פּלאַץ. פאַר 5 מאַרק פלעגט ער באַקומען אַ לעבל ברויט אין ג׳ ביאַל.״ (ג׳ קאָט, ז׳ 48). ענלעך אין וו״ג די פּרייזן דאָ העכערע און אין די שפּעטערדיקע צייטן גאָר הויכע, נאָכדעם ווי מען האָט זיך איבערצייגט, אַז פון דער אַרבעט קומט מען

טיילמאַל נישט צוריק; טיילמאַל אַ קאַליקע. פונדעסטוועגן פלעגן אָרעמע בחורים ביז צום לעצט לאָזן זיך פאַרקויפן פאַר דער האָפענונג צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

מאַמאַ־קאַקאַ — „כינוי באושוויץ ליוצאי הולאנד, כנראה על תמימותם ויושר לבם". „ווי אַ קינד, וואָס רופט די מאַמע בעת ס׳דאַרף עפּעס דערליידיקן". (ק. צעטניק, קראו לו פיפל, ז׳ 204, 206).

מאַמע — קריכט אַרויס פון בונקער און איז ווידער צוריק געוואָרן מאַמע. (אַננאַ לאַנג־פוס, זאַלץ און שועבל, יידיש: באַרווין פּרענקעל, ז׳ 62). „ביים אַריינקריכן אין ענגן בונקער איז די מ׳ אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד. מ׳האָט איר געמוזט העלפן. נאָכן אַרויסקריכן, איז זי ווידער מ׳". מאיר מעדזינסקי, 60 יאָר אַלט, פאַרפאַסט אין אַ פּליטים־פּונקט אין וו"ג — „אַ ליד צו דער מוטער: געוועזן איז מיר גוט מיט דיר צוזאַמען, / מיין שענסטע, גאָלדענע צייט". (ר"א, יו"ש PH 3-1-1).

מאַמעטשקע — לאַבן ברויט. (קאַפּלאַן, ז׳ 23).

מאַמעליידער — שטאָט מאַרמעלאַדע. (ל׳ אַרום וואַרשע, ר"א, 495, סוף 1939).

מאַמקעס — זע: קעלבער.

מאַנגאַל(ן) — אין טשענסטאָכאָווער ל׳ „וואַרטאַ־ווערקע", די ערגערע (שלעכט אַנגע־טוענע, אויסגעמאַטערטע) לאַגעריסטן. זאָל שטאַמען פון די קראָקעווער יידן, וואָס זענען פריער אַהער געקומען און פאַרכאַפּט די בעסערע ערטער. די מ׳ זענען געווען לאָדזשער יידן, שפּעטער געקומען, אויסגעמאַטערטע פון ג׳.

געזונגען דאָרט אַ ליד: „מאַנגאַלן". רעפרען: סקאַרזשיסקאָ, ראַקוּוו, / לאָדזש און קראַקוּוו, / זענען זיך דאָ צונויפגעקומען. יאָפּאַן צי אַ מאַנגאַל, / אַלץ יאָ׳עט, יאַ, יאַוואָל", אַ וויל לאַגערל אין תוך גענומען". (מחבר: א. קירשענבוים, איבערגעגעבן: שלום גאָטליב).

מאַנטיקדיקע — צוגענומענער בעת אַן אַקציע, וואָס איז פאַרגעקומען אַ מאַנטיק, למשל אין לוצק (30.6.41); אין ביאַל"ג (3.7.41), אונטערשיידט פון די דאָנערשטיקע (זע), שבתדיקע (זע) א"א.

מאַנטער — אַרעסטאַנט פון בית־הסוהר מאַנטעלופיך אין קראָקע.

מאַנספעלדראָוויעץ (אָוצי) — יידישע אַרבעטער, באַשעפטיקטע ביים קאָמענדאַנט פון ג׳ אין לוואָוו. צו „זיינע" יידן זיך גוט באַצויגן, הגם אַליין אַנגעפּירט אויס־ראָטונג־אַקציעס קעגן אַנדערע. מ׳ דעריבער געווען „פּריווילעגירט" בעת אַן אַקציע אין לוואָוו גופא. (העשעלעס, מיט די אויגן פון אַ צוועלף־יעריק מיידל, ז׳ 33. פויליש).

מאַנעלע — שמאַכטעס, טשוכי (זע). פּריוואַט־זאַכן אין יאַנאָווער, מינסקער א"א ל׳. באַנוצט דורך פּאָלאַקן, דערונטער יידישע אַריער. (מאַקאָווסקי, ווערמאַכטס־געפאָלגע. פויליש). מ׳־ברויט. (וו"ג, סקאַלאָוו, ז׳ 129).

מאַנשאַפט־צוג — אין פּלאַשעווער ל׳ יידישע פרויען, איינגעשפּאַנטע ווי פערד, שלעפּן פון אַ טיפן שטיינברוך 5 וואַגאָנעטקעס (לאָרעס) מיט שטיינער אויף דער אויבערפלאַך. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט, אָן איבעררייס. גערופן האָט מען די קאָמאַנדע (זע) מ"צ, אָדער „וואָלגאַ, וואָלגאַ", צוליב דער ענלעכקייט מיט די אַרבעטער־בורלאַקן פון דער וואָלגע. (י. שטערנגאַסט, עדות, ייה"א, 172). זע: Dr. Jagielski, Sclavus saltans.

מאַסן־קבֿרים — זייער שכיח אין די צייטן פון אומקום; מ׳גראָבט מ״ק; מ׳האָט גע־פירט צו די מ״ק; פון די מ״ק רינט בלוט, וכו׳ וכו׳. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אין די עדויות פון די לעבנגעבליבענע, אין די יזכור־ביכער א״א; די מ״ק געפינען זיך טיילמאָל אויף בתי־עלמינס, טיילמאָל אין די פּאַרוואָר־פענע פעלדער, דאָלינעס, וועלדער וכו׳. (מ.ק., אויפן יידישן בית־עולם אין וו״ג, רינג׳ 8.5.42, ב׳ 1, ז׳ 351).

מאַסן־שחיטה — „אין ווילנע, ראָוונע און אין צענדליקער אַנדערע שטעט, פאַרגעקומען מ״ש פון דער יידישער באַפעלקערונג״. (רינג׳ 8.5.42, ב׳ 1, ז׳ 346); „די דייטשן וועלן פון איצט אָן מורא האָבן עפנטלעך צו מאַכן מ״ש״. (רינג׳, 30.5.42, כ״י, I, ז׳ 379); באַנוצט אויך **מאַסן־הריגה**. (ס׳ זוועהיל, ז׳ 212); **מאַסן־מאָרד** (ס׳ האָראָדלאָ, ז׳ 142 א״א). זע: שחיטה.

מאַסקעס — אין די א״ל קאַפּאָס, מאַכן דעם אָנשטעל פאַר די העפטלינגען, אַז אויך זיי באַקומען נישט מער צום עסן, ווי די איבעריקע. (קאַפּלאַן, ז׳ 39).

מאַסקווע — „וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?״ — „ווייסט, מ׳רעקווירירט שוין ביי די יידן אַלע שטילן״. — „וואָס איז געשען?״ — „היטלער האָט שוין נישט קיין כוח צו שטיין אונטער מ׳ און לענינגראַד״. — „ווי לאַנג וועט ער דאָרט זיצן?״ — „דערווייל מוז ער זיצן שבעה נאָך די סאָלדאַטן מיטן אייזערנעם קרייץ, דער־נאָך נאָך די אָפיצירן מיטן ריטער־קרייץ, ווייטער נאָך די גענעראַלן מיטן לאָרבער־קרייץ״. (ר״א);

נישטאָ וואָס צו רעדן; אַ סוף האָט ער אַ שיינעם,
געקומען ביז מאָסקווע און זיך אָפּגעפרוירן דעם קליינעם...

היטלער האָט זיך געוואָנדן צו די וואַרשעווער שמוגלערס, זיי זאָלן אריינ־שמוגלען אַ האַלבן מיליאָן זעלנער קיין מ׳. די שמוגלערס נעמען זיך אונטער, אָבער לויט זייער ספּעציאַליטעט, שטיקלעכווייז: די קעפּ, די פיס און הענט — יעדער סאָרט באַזונדער.

די פּראָנצויזן האָבן אונטער מ׳ געטראָגן רויטע הויזן, מ׳זאָל נישט זען, ווי זיי גייען אָפּ אין בלוט. די דייטשן — ברוינע, מ׳זאָל נישט זען עפּעס אַנדערש. (ר״א, 28.1.1942). זע: ס׳ לוצק, ז׳ 462.

מאַקאָ — וואַרנצייכן אין ל׳, שטאַמט פון די באַלקאַנישע און אונגאַרישע יידן. (קאַפּלאַן, ז׳ 12; יו״ש, עדות 1739/268).

מאָרד־אַקציע — זייער פאַרשפּרייט סיי אין רעדן, סיי אין שריפט, בעת דער אָקופּאַציע און נאָך איר. שטרייכט אונטער די אכזריותדיקייט פון די אַקציעס (זע). די אַקציע פון פעברואַר 1943 אין ג׳ ביאַל׳ ווערט דורך איר כראָניקער, פּסח קאַפּלאַן, באַצייכנט מ״א. דאָס זעלבע — ס׳ זאַבלאָטאָוו, ז׳ 203/4. באַנוצט אויך איראָניש מ׳־העלדן פאַר די יעניקע, וואָס זיך משתתף געווען אין די מאָרדן. (דאָרט, ז׳ 208 א״א).

מאָרד־באַנדע — די באַשטימטע איינזאַצקאָמאַנדאָס (זע) צום אַדורכפירן אַקציעס. „די דייטשע מ״ב האָט פון זאַמבראָוו פאַרשלעפּט אין וואַלד פון טשיזשעוו 1,500 יידן און דערמאָרדעט״. (בריוו פון נ. סמאָליאַר, 10.12.42, ר״א, II טייל; ס׳ זאַמבראָוו, ז׳ 74).

מאַרד־לאַגערן — ק״ל. (דאָס וואָרט, ז׳ 164, 163, א״א).

מאַרישין — פאַרשטאָט פון לאָדזש, געהערט צום ג׳. אַ שטיקל פרייער פלאַץ, אַ ביסל גרינס, דאָ האָבן זיך געפונען די „אָפּרו־היימען״, די קינדער־קאָלאָניעס, די קיבוצים (זע). דורך דאָנען אויך געגאַנגען די פילע לויות צום בית־עולם אויף בזשעזשינער גאַס, וואָס מחוצן ג׳. „כלומרשט אַ געזונטער מענטש לייגט זיך אויף אַ טאָג, אויף צוויי אין בעט אַריין, און אויפן דריטן טאָג פאָרט ער ווי אַ בר־מנן קיין מאַרישין״. (טאָג־בוך פון דוד סיעראַקאָוויאַק, 25.6.42. ביולעטין ייה״א, 1959, נר׳ 30, ז׳ 11, 128/9). „דאָס געטאָ האָט פאַר קראַנקע פלאַץ נאָר אין מ׳ ״. (ל״ג, ד״ר אָסקאַר זינגער, כ״י, 14.7.42, טאָג־כראָניק).

מ. מ. — MM מאַרישין־מיליץ, געהאַט די אויפזיכט איבער די קיבוצים וואָס אין מאַרישין.

מאַריצל — אין ג׳ איז איינער פון די אָנפירערס פון אַרבעט־אַמט ביים יודענראַט געווען ח. טש., וואָס יידן האָבן אים נישט ליב געהאַט און צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט. מ׳האָט אים אויך געהאַלטן פאַר אַ פּאַזער, שפילט די ראָל פון אַ מושל, דערפאַר האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן מ׳, לויטן נאָמען פון מאָריס שוואַרץ, דעם באַקאַנטן יידיש־אַמעריקאַנישן אַקטיאָר. (ירושלמי, פנקס שבלי, מבוא, ז׳ 23, 54).

מאַרמעלאַדע — 1. געפאַלענע דייטש־היטלעריסטישע זעלנער. „וועסאַלי קאַנטשיק״ („פריילעך ווינקל״) אין אַ ציישונג הייסט אַ זייט אין די פּייפּערס (צייטונגען) וועגן דער מ׳ (רינג׳, כ״י, 10.40). 2. אַ דייטש צו יידן: „איר גייט נישט אויף מ׳, נאָר פאָרט אויף אַרבעט״ (עדות, באַרג, בפ״ג VI, ב׳ 1, ז׳ 114).

מאַרמאַלאַדניק — קאַפּאָס (זע), מסור. (ל׳ פלאַשווו). „פאַר אַ ביסל מאַרמעלאַדע טוט ער זיין אַרבעט״.

מאַרקוסוווּקע(ס) — אינזש׳ שמעון מאַרקוס, אַ פליט פון לאָדזש, האָט אין ווילנ״ג דער־פונדן אַן אויוון פון בלעך אויף זעגעכץ. ביליק און גוט. אַ קיכל, וואָס וואַרעמט שנעל און עסט אויף מינימום האָלץ. זייער ביליק, פּרייז 50 רובל (ד״ה 1 ק״ג ברויט אָדער 5 אייער). סיי דעם אויוון, סיי די קיך רופט מען מ׳, לויטן נאָמען פון דערפינדער. (קרוק, 6.5.42, ז׳ 255/6).

מאַרק־קוויטונג — געלט, איינגעפירט אין ל״ג, 8.7.1940. זע: רומקעס.

מאַשינקע — מאַשין־געווער. (אויגוסט 42, אטלס, ז׳ 74).

מאַשעווסקי — רוס, רוסישער זעלנער. (וואַרשע, פון מאַשאַ, פּאָפּולערער רוסישער פרויען־נאָמען).

מגילה — אַריינגעשמוגלטע אין ל׳ קעניגווּוסטערהאַוזען צייטונג. (מ. מאַרגוליעס).

מגן־דוד — אָפּצייכן, אַרעמבאַנד, אַ שטערן געטראָגן אויפן רוקן און ברוסט. „פאַרגעסן אָנצוטאָן דעם מ״ד״. (שאָול, ירושלמי, 22.12.41). „פאַרוועריט אַרויסגיין אָן אַ מ״ד״. (6.2.42).

„איך טראָג אַ בלויען מ״ד אויף מיין אַרבל.
ס׳איז אַ שאַנד פאַר אייער פאָלק, פאַר אייער לאַנד.״

(אַ. זאַק, יידישע שריפטן, ל. 1948, ז׳ 16) ; „נישט דער מגן־דוד /אויף דער האַנט. / אויף דורות־לאַנג / אַ שאַנד / וועט דאָס זיין פאַר זיי״. (געבירטיק,

קראָקע, פעבר׳ 1940) ; יעדן טאָג גייען אַרבעטער צו אַרבעט מיט מ״ד אויף דער פּלייצע, אויפן אַרבל און אויפן געזעס. (ס׳ סוסנוביץ ב׳, ז׳ 162). זע : לאַטע.

מגן־דוד אָפּאַסקעס — (כ״י, טיטעלמאַן, ר״א, 20.7.42).

מדריך — לערער פאַר העברעיִש. אומלעגאַלער לערער. פירער פון אַ היים. זע : טערע־זיענשטאַט.

מ׳האָט אים „אַריינגעוויטשעדלעט״ צו מיר. „אויב אַן אונטערשריפט (אויף אַן אַרבעט־ליסטע) רוקט זיך אַרויס פון זיין שורה אין אַ צווייטער, אַ שכנותדיקער״. (ל״ג, ג׳־לשון, 1016).

מ׳האָט אים (זיי) אין דר׳ערד — פּאָפּולער ווערטל. אים, זיי — היטלערן, נאַצי־דייטשן. „אין וואַרטעגאַו פאַראַיאָרן פאַרגעקומען אַזאַ פאַל : מ׳האָט געהייסן אַן עדה יידן פאַרשיטן דעם ראש הקהל א׳, דעם רב פון שטעטל. ווען עס האָט גע־האַלטן ביים האַלדז, האָבן יענע (זע) דערקלערט, אַז דאָס איז אַ וויץ. דער ייד אָפּגעטרייסלט פון זיך די ערד און אַ זאָג געטאָן : כ׳האָב זיי...״ (רינג׳, 13.10.40). „שידלאָוויעץ, ווינטער 1941, אַ שבת פאַרמיטאָג. איך גיי אין גאַס און דערזע : עס שטייט אַ דייטשער אויטאָ, אונטער אים אויסגעצויגן אויף דער ערד ליגט משה ק., אַ חסידיש 50־יעריק יידל, אָנגעטאָן לכבוד שבת אין אַ זיידענער זשיפּיצע און סאַמעטן היטל. „האַ, משה, וואָס איז דאָס ? די דייטשן האָבן דיך געכאַפּט צו דער אַרבעט ?״ משה בייגט אַרויס זיין שוואַרץ פאַרשמירט פּנים פון אונטערן אויטאָ און ענטפערט רויק : „זעסט דאָך, מ׳האָט זיי...״ (עדות, מ. אייזענבערג). „יידן ! זאָל זיין פריילעך ! מיר האָבן זיי אין דער ערד״. (מ. געבירטיק, מינוטן פון בטחון, קראָקע, 2.10.41). אַ ייד, אַן על־טערער, איז אַדורכגעגאַנגען נעבן די שומרים (דייטשע וואָך ביים ג׳־טויער) אויף טוואַרדע גאַס און נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל, הגם די יידישע שומרים (פּאָליציי) האָבן אים געוואָרנט. געמאַטערט אים אַ לענגערע צייט. נאָך אַ שעה צייט געטאָן דאָס זעלבע. „איך האָב...״ (רינג׳, 19.11.40). שמחת־תורה אויף דער מילע־גאַס גייט אַ כאַפּטע חסידים און זינגען אויף אַ קול. עס גייט צו זיי צו אַן „אַפּיקורס ונתן עליהם בקולו : — יהודים ! ונשמרתם לנפשותיכם ! היא מצוות עשה מן התורה, שעת סכנה היא לנו ! חדלו מזה״. — רק אז חדלו, והיו כאלה שענו מרוב התלהבותם : אין אנו חוששים לרוצח ! מיר האָבן...״ (וו״ג, קפלן, 25.10.40). — „מע האָט... / מע וועט זיי איבערלעבן, / מע וועט נאָך דערלעבן״ — זינגט מען אין ווילנ״ג. (קאַטשערגינסקי, ז׳ 118). אַנדערע זאָגן : מ׳האָט זיי אין דר׳ערד, מיר זענען זאָ־ווי־זאָ פאַרלוירן. (וו״ג, 29.5.42, ר״א, 490 ; ס׳ קאַריוו, ז׳ 108 ; סאָסנאָוועץ, ז׳ 56, 30 [ווידערמאַן] ; ווילנע, קאָוונע, יעלין, ז׳ 52 ; ס׳ מלאַווע, ז׳ 403 א״א). אויף דער קללה „זאָלן זיי גיין אין דר׳ערד אַריין״, זאָגט אַ ייד : „אין דר׳ערד אַריין גייט מען דאָך נישט, נאָר מ׳שלעפּט ?״ — ענטפערט דער צווייטער : „זעסטו, די מצווה לאָזט מען איבער פאַר יידן, באַגראָבן קאָנען זיי ווי אַמ־בעסטן״. (וו״ג, ר״א).

מ׳האָט נישט געהאַט דעם טאָג און נישט די נאַכט. — (וו״ג, ש. קאָרנגאָלד, כ״י).

מ. וו. אַ. — טעלעגראַפן־אַגענטור : מענטשן ווילן אַזוי. (ס׳ קריוויטש, ז׳ 148).

מ׳וועט זיך זען אויף די פּאַליצעס. — בעת די שפּעטערדיקע אויסזידלונגען; ווען מ׳האָט שוין געוווסט, אַז מ׳גייט אויף טויט און ס׳איז פאַרשפּרייט געווען די מיינונג, אַז פון מענטשן־פעטס מאַכט מען זייף, האָט מען זיך אַזוי געווינצלט. (בוך פון לובלין, ז׳ 483; יידן אין וו״ג; אויף פּויליש: Spotkamy się na półce).

מ׳וועט מיר אַריינשרייען אין גרוב אַריין, אַז היטלער האָט פאַרשפּילט די מלחמה — פלעגן ענטפערן פעסימיסטן אויף גוטע בשורות. געהאַלטן, אַז היטלערס מפּלה וועט קומען נאָכן אויסהרגענען דורך אים אַלע יידן. (לובלין, וואַרשע, עדויות).

מזיקאַנטן — דיווערסאַנטן. (מינסק, סמאָליאַר, יידן, ז׳ 76).

מוזיקאַליש — זע: שראַנק.

מוזע[ו]למאַן, מוסולמאַן — אויסגעמוטשעטע העפטלינגען; פאַרלוירן דעם חשק צום לעבן. די ערשטע באַשטימט צום קרעמאַטאָריום. (ווײַנטרויב, ווערטערבוך). יידן געזונטע, פלעגן זיך טרייסטן אין אוישוויץ: „כ׳בין נישט קיין מ׳״. דעם דאָזיקן טערמין האָב איך געהערט אין אַלע ק״ל. זיי רופן זיך מ׳, ווייל אָפּגע־שוואַכטערהייט, פילן זיי אַ שטענדיק געפיל פון קעלט, שלעפּן אויף זיך קאָלדרעס ווי אַראַבער זייערע אַבאַיעס און מאַכן דעם איינדרוק פון מ׳, וואָס טרייסלען זיך ביי דער תפילה. (דוואָרזשעצקי, ווילנע, ז׳ 19). „כ׳בין געווען אַ מ׳, ד.ה. אַ לעבעדיקער מת״. (ס׳ גאַרוואַלין, ז׳ 105). זע: גאַמעל, מאַזל־מאַן.

מוזולמענקעס — פרויען מוזולמענער. (בירקענאַו, ס׳ טאָם. מאַז., ז׳ 433).

מוזעלפרויען — הויט און ביינער. ווייבער באַשטימטע צום פאַרגאַזעווען. (בירקענאַו, י. ראַזען). די ווערטער: Muselman, Muselweib, געפינט מען אין אָפיציעלע דייטשע דאָקומענטן פון ל׳ אוישוויץ, אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט WVHA — Wirtschaft-Verwaltung Haupt Amt.

מויל גרעסער ווי די האַנט — דייטשן דראָען, רעדן אַ סך, אָבער האָבן נישט קיין שליטה איבער אונדז. בעלגיע, 1940, אַנהייב 1941. (א. קליינמאַן, כ״י, יו״ש, 03/754, ז׳ 52).

מוילעכער — דין־תורהס מיט די „מוילעכער״ שמוגלערס און מאַכערס, וואָס געגומען געלט און נישט אַריבערגעפירט דורך דער גרענעץ. (וואַרשע, ש. הובערבאַנד, כ״י, ר״א, נ״ר 30). „שמוגלער איבער דער גרענעץ״ (אָפּאַטאָשו, פאַר דער ער־שטער וועלט־מלחמה).

מויערן — דאָס זעלבע פויליש: מורי, Za murami – הינטער די מויערן, באַטייט געטאָ. די פרייע וועלט און דאָס ג׳ באַצייכנט: די זייט און יענע זייט (פון די מ׳). וועגן דער באַדייטונג פון די מ׳ האָבן יידן פון אַנהייב נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף. מ׳האָט וועגן דעם דיסקוטירט, געווינצלט זיך. ערשט שפּעטער דערקענט דעם אמת. רינגעלבלום שטעלט זיך עטלעכע מאָל אָפּ אויף דער פראַגע: מיינט, אַז די מ׳ דאַרפן דינען צום עווענטועלן „שטראַסן־קאַמף״; אַן אַנדערש מאָל: די מ׳ דאַרפן פאַרצייכענען דעם וועג, דורך וועלכן דאָס אָפּטרעטנדיקע דייטשע מיליטער וועט זיך דאַרפן צוריקציִען. אַ דריט מאָל: אויב ס׳וועט קומען צו אַ ריקצוג פון דייטשן מיליטער, וועט מען די יידן

פאַרטרייבן היינטער די מ׳, זיי זאָלן נישט זען דייטשלאַנדס מפּלה. גאָר שפּעט: „מ׳פאַרמויערט אונדז לעבעדיקערהייט״.

„די מויערן האָבן אונדז אַרומגענומען מיט שרעק. געווען אַ סך פּאַרגעפּילן אויף דער טעמע. אַמייסטן האָבן מורא געהאַט די ווייבער, וואָס האָבן פריער פאַר אונדז פאַראויסגעפילט אונדזער אומקום. אַ פוילישער מאַיאָר גיט צו פאַר־שטיין, אַז די מ׳ דאַרפן פאַרזיכערן די דייטשן בעתן אַנטלויפן פאַרן שונא. מיט אַ קליינער צאָל זעלנער, וועלן זיי זיך קאָנען פאַרטיידיקן, און באַשיצן דאָס אָפּטרעטנדיקע מיליטער״. (וואַרשע, ליטמאַן, כ״י).

אויף דער טעמע פון אָנהייב געווען פיל וויצן. וואַרשע: „פאַרוואָס זענען די מויערן 2.50 מעטער הויך? — ווייל פליי שפּרינגען נאָר ביז 2.40 מעטער״. („גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ״, נר׳ 2, 26.7.40). „די מויערן די איינציקע קאָנ־סטרוקטיווע אַרבעט פון די נאַציס״. צווישן עולם גייט אַ ווערטל: „מען האָט פאַרמאַכט די מויערן און מען האָט געעפנט די טויערן״ — געמיינט דעם שמוגל, מיט דער באַטייליקונג פון אונטערגעקויפטע זשאַנדאַרן. (ר״א, 13.6.42, 1355). „די ליצנים זאָגן, אַז פון די רויטע ציגל פון די מויערן מאַכט מען פאַרב אויף צו פאַרבן מלבושים אין ג׳. אַנדערע ווידער טרייסטן זיך, אַז גאָר בקרוב וועט דאָס ג׳ אויסדערפינדן אַ כעמיש מיטל אויף צו צעלאָזן די מויערן. (מרי ברג, 20.2.42). „געקומען דייטשן פון פראַנקרייך און ווילן נישט גלויבן, אַז די מ׳ טיילן אָפּ יידן פון פּאָלאַקן״. (ר״א, 9.7.41). מויערן־פּאָליציי. זע: פאַרקאָן, קאָפּ.

מונקא — עבודת כפיה ברומניה. (אמא לוין, תל על הדניסטר, ז׳ 51).

מונקאַ־טאַבאָר — אונג׳. אַלע מענער, יידן פון 1903—1918, פאַרפליכטעט צו מיליטער־דינסט, ווערן באַשעפטיקט אין מ״ט — אַרבעט־לאַגער אונטער דער קאָמאַנדע פון אונגאַרישע סאָלדאַטן. (פישמאַן, כ״י, 1942, ז׳ 100).

מונקאַטאַבאָריסט — יידישע זעלנער אין די אַרבעטער־קאָלאָנען אין אונגאַרן, טראָגן ציווילע מלבושים, נאָר אַ מיליטעריש היטל און געלן באַנד אויפן אָרעם; גע־שמדטע טראָגן אַ ווייסן באַנד. (סעלינגער, ה׳ 5, ז׳ 8). מ׳ן געאַרבעט אויף די באַזעצטע רוסישע געביטן. (ל׳ מאַוטהאַוזען). „היו גם אלפי יהודים הונגריים שנקראו מונקה טבור, שעד־כה היו במחנות עבודה תחת פיקוח הנאצים״. (סוני אדלר, בגיא צלמות, ז׳ 54).

מונקאַטשער — אַ מונקאַטשער האָט תמיד אַ ברירה און ביי די דייטשן קיין שום ברירה נישט געהאַט. (וויינבערגער, כ״י, ז׳ 76).

מוסאָליני — פיל זענען די וויצן וועגן מ׳ אין שייכות מיט די מפּלות, וואָס ער האָט געליטן אין גריכנלאַנד. „מ׳ זיך געענדערט דעם נאָמען אויף „מונאַסאָלילי״ (פויל.: מ׳האָט אים אָנגעזאָלצן).

דריי שררות זענען געפאָרן אין אַן אויטאָ, האָט זיך אַן אייזל געשטעלט אין וועג. איינער אַראָפּ אָוועקשלעפּן דאָס אייזל. האָט ער זיך נישט געלאָזט. איז אַראָפּ דער צווייטער — אָן רעזולטאַט. דאַן איז ער (היטלער) אַליין אַראָפּ און דער אייזל איז שנעל אַוועק. האָט מען אים געפרעגט: וואָס האָסטו גע־מאַכט? דערויף איז געקומען דער ענטפער, אַז ער האָט אים איינגערוימט אין

אויער, אַז דער אייזל זאָל צוטרעטן צו דעם דריי־פּאַקט (צווישן דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן) — איז ער אַנטלאָפן. (שוואַרצבאַרד, 16.12.40, ר״א 1359, בפּ״ג, ב׳ VIII, ה׳ 4—3). זע: אַקס.

מוסטער־געטאָ — ווען די דייטשן האָבן פאַרטריבן (מערץ־אַפּריל 1942) די לובלינער יידן אין דער פאָרשטאָט מיידאַן־טאַטאַרסקי, האָבן זיי געטענהט, אַז זיי ווילן דאָ שאַפן אַ מ״ג, וואָס וועט זיין אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע און זעלבפאַר־שטענדלעך בלייבן ביז סוף מלחמה. יידן פאַרפלאַנצט גערטנדלעך ביי זייערע הייזלעך און געגלויבט, אַז דאָס וועט זיי טאַקע ראַטעווען. אין נאָוועמבער דעם זעלבן יאָר איז דאָס מ״ג ליקווידירט געוואָרן.

מושקאַטיאַנער — לויטן נאָמען פון פּאָפּולערן ראָמאַן פון א. דיומאַ „דריי מושקע־טערן״, אַנטשטאַנען אין וויל״ג פון מושקאַט, פּאָליציי־אינספּעקטאָר, מ׳. זע ילדים, ווייסע חברהניקעס.

מזל־טוב — חברה קדישא, ווען זיי קומען צו אַ מת, איז נאָכן אָפּזאָגן „ברוך דיין אמת״, ווענדן זיי זיך צום טויטן מ״ט, ווייל ער איז געשטאָרבן און צו קבורה גע־קומען, ווי אַ מענטש. מען איז מקנא די געשטאָרבענע. (ס׳ קאַלושין, ז׳ 360). ווען מען שטאַרבט אין בעט, ווינטשט מען מ״ט די אבלים, ווייל נאָך איינער האָט דעזערטירט פון היטלערן — Vor Hitler desertierte. (באָכניע, סע־לינגער ה׳ IV, ז׳ 17). געהאַט מזל, געשטאָרבן אין זיין היים. (ס׳ סאָקאָלקע, ז׳ 315). זע: צדיק.

מזל־טויט — צוליב די זעלבע סיבות, ווי „מזל־טוב״ (זע). (ל׳ סטופּקי, נ. טאַרנאָפּאָל).

מחותנים — 1. די עקזעקוציע־קאָמאַנדאָס, וואָס אַדורכגעפירט אַקציעס. „ידיעה פון קאָלאָמיי, אַז די מ׳ וועלן קומען אויף דער חתונה (זע) קיין קיטעוו״. (ס׳ קי־טעוו, ז׳ 147).

2. אין די ל׳ אין דייטשלאַנד, ענגלענדער אויף וועלכע מ׳האָט אַרויסגעקוקט. (קאַפּלאַן, ז׳ 54).

מ׳שאַר נישט — יידן האָבן אויפגעהערט צו לייענען דייטשע באַקאַנטמאַכונגען. צו וואָס לייענען — פלעגט דער עולם זאָגן — מען ווייסט דאָך סיי ווי, אַז מען טאָר גאָרנישט. (אַנדענקבוך, ז׳ 209).

מטק — מיליטעריש־טעכנישע קאָמיסיע. אין קאָוונער ג׳ באַשעפטיקט זיך מיט שאַפן מיטלען אויף צו באַזאָרגן זיך מיט געווער. (יעלין, ז׳ 62).

מיאַסטאָ־אָגרוד טשערניאַקאָוו — פויליש: „גאָרטן־שטאָט טשערניאַקאָוו״. (רינגי 1.9.40). אַזוי לצנותדיק גערופן דאָס וו״ג, נאָך דעם ווי מען האָט דאָרט געמאַכט אַ קליין גערטנדל פאַר קינדער. די פאָרשטאָט טשערניאַקאָוו איז טאַקע געווען אַ שטאָט פון גערטנער. יידן אַנגעווענדט די ענלעכקייט פון נאָמען פון אָבמאַן פון וו״ג און פון דער פאָרשטאָט.

מיט בלוט — אין פויליש געשריבענע זכרונות דערציילט פּאָלאַ ראָטשילד: „טיילמאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז די פּלאַצוווקע־גייערס (placówkarze), פלעגן צו־ריקגייענדיק פון דער אַרבעט פון שטאָט אין ג׳ נעמען די זשאַנדאַרן מיט גע־זאַנג, באַזונדערס ווען זייער קאָמאַנדאַ איז באַשטאַנען פון צוגעקליבענע חברה פון אונדזער עליטע, ווי מען האָט די בחורים גערופן אויף יידיש „מיט בלוט״. באַזונדערס איז באַרימט געוואָרן דאָס לידל „ס׳איז אַמאָל אַ נס גע־

ווען אַי, אַי, אַי״... אין אַזאַ פֿאַל האָט די זשאַנדאַרמעריע פֿאַרגעסן אין דער רעוויזיע. די ווערטער פֿון ליד זענען אַזוי אַמאָראַליש, אַז ס׳איז נישט כדאַי זיי צו ברענגען. (יו״ש, כ״י, ז׳ 72).

מיט דען יודען האָבען זי דען קריג געוואָנען — אָבער אַחוץ דעם האָבן זי אים פֿער־לאָרען — האָט אויסגעשריען אַ יידישע פֿרוי, געסטוואָגן פּאַני, צו דייטשן בשעת אַן אַקציע אין קאַמיאָנקע סטרומילאָווע. (עדות, בראָניסלאַווע בירגער, ייה״א, נ״ר 793). ענלעכע אויסרופֿן קענען מיר פֿון אַנדערע ערטער.

מיטוואָכדיקע — אומגעקומענע בעת אַן אַקציע, וואָס פֿאַרגעקומען אַ מיטוואָך. (ביאַ־ליסטאָק, 27.6.41). בשבת, 12 ביוני, נחטפו 5,000 יהודים מבתיהם (הקרויים בפי העם „די שבתדיקע״). — היו גם 1.400 „מיטוואָכדיקע״... קול דמי אחים. (ת״א, ז׳ 17 ; ס׳ לודמיר, ז׳ 587). זע : מאָנטיקדיקע, שבתדיקע.

מיטוואָך פֿון די ליטווינער — אין ביטען דערלאַנגט אַ דייטשער לייטנאַנט דעם יודענ־ראַט אַ רשימה פֿון 130 מינים פּראָדוקטן און חפצים, וואָס געמוזט צושטעלן אין משך פֿון עטלעכע שעה. אַחוץ דעם רויבן די ליטווישע זעלנער „אויף אייגענער האַנט״. דער טאָג פֿאַרבליבן ביי די יידן ווי דער „מ׳ פֿון די ל׳״. (ס׳ ביטען, ז׳ 212).

מיטן אומגליק אין האַנט — וואָרנצייכן פֿאַר אַ שטרענגער אינספּעקציע אין שאַוולער ג׳. (קאַפּלאַן, ז׳ 10).

מיטן הינטן צו אייראָפּע — דער זשורנאַליסט יוסף קוריניעץ שרייבט אַ טאָגבוך. ער זאָגט, אַז נאָך דער מלחמה ווערט ער זיך באַזעצן אין א״י און זיין ערשט אַר־טיקל וועט הייסן : מיטן...״. (ס׳ באַראַנאַוויטש, ז׳ 526).

מים — 1. וואָרנצייכן פֿאַר אַ רעוויזיע : „עס ברענט, אַ געפֿאַר, מ׳דאַרף לעשן מיט אַרבעט״. (קאַפּלאַן, ז׳ 10) ; 2. אַ וואַסערדיקע זופּ אין ל׳. (דאַרט, ז׳ 20).

מיינע יונגען — „דער ענטפֿער פֿון פּרעזעס (זע) צו דער קראַנקן־שוועסטער דעלע־גאַציע איז געווען קורץ און שאַרף. איר ווילט נישט אַרבעטן, איך וועל אייך צווינגען. מ״י (דאָס האָט ער געמיינט די פּאָליציי) וועלן אייך די ביינער אָנברעכן. ער האָט באַפֿוילן זיינע י׳ אַז אין אַלע שפּיטעלער זאָלן אַריינגע־זעצט ווערן פּאָליציי״... (ל״ג, פֿראַנק, טאָגבוך, כ״י, 6.5.41).

מיינע פֿרויען — „היינט איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אַזאַ פּלאַקאַט : „איך פֿאָדער אויף אַלע מיינע פֿרויען, אין עלטער פֿון 17 ביז 40 יאָר, צו רעגיסטרירן זיך אין אַרבעט־ביוראָ... אַלץ איז זיינס, אַפֿילו די פֿרויען זענען זיינע״. (ל״ג, פֿראַנק, טאָגבוך, כ״י, 4.7.41).

מייסטאַס — ליטוויש. נאָמען פֿון מלוכהשן פֿלייש־קאָמבינאַט. „ער אַרבעט אין מ׳״. (סוצקעווער, ווילנע, 74, 102). בית החרושת למוצרי בשר. „מ׳ (מזון) נחשב למקום טוב״. (שאָול, ירושלמי, ז׳ 85). זע : מאַיסטאַס.

מיירע — „מ׳נעמט יעדער אַ מ׳״. יעדער פֿון די אַרבעטער אין די מאַגאַזינען, וואָס אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ (זע), גנבעט פֿאַר זיך, וואָס ער קאָן נאָר. (וו״ג, משה לעווין, ר״א, נ״ר 256).

מיך האָט איר געוּנוּמען — „יהודי אחד שעמד בטראַנספּורט, „אַ משוגענער אויף פּאָלי־טיק״, שמו פיינגולד, אמר לאופיציר גרמני : „מיך האָט איר גענומען, אָבער סטאַלינגראַד — אַ קרענק״. (ביאַל״ג, האקציה בביאַליסטוק 17.2.34. טננבוים־תמרוף, דפים מן הדליקה, ז׳ 95).

מיך הונגערט — אין אַרבעט־לאַגער צווישן מראָזי און זשעשאָווע רופט זיך אָן מיטאָג־צייט אַ דייטשער אויפזעער צום צווייטן: דו ווייסט, האַנס, איך האָב נאָך היינט קיין פרישטיק נישט געגעסן, איך האָב נאָך היינט קיין איין יידן נישט געהרגעט — איז נישטאָ קיין אַפּעטיט. ער רופט צו צוויי יידן, הייסט זיי גראָבן אַ גרוב און טרייבט זיי אונטער: „שנעלער, מיך הונגערט". דערשיסט בײדע. (ס׳ קאָלושין, ז׳ 363). די איבערצייגונג, אַז געוויסע סאַדיסטן קאָנען נישט נעמען גאָרנישט אין מויל, ביז זיי הרגענען נישט קיין יידן, געווען זייער פאַרשפרייט. זע: פראַנקענשטיין.

מיליאָנער — העפטלינג אין אוישוויץ, וואָס געהאַט אַ הויכן נומער אויסטאַטואירט אויף דער האַנט. (י. גוטמאַן, אנשים ואפר, ז׳ 36). זיי אונטערשיידט פון די אַלטע, קליינע נומערן, וואָס זיצן שוין אַ לאַנגע צייט אין ל׳. זע: נומער.

מיליץ — אוקראַינישער מיליציאַנט, פּאָליציימאַן. (באָרשטשיוו). אין געוויסע ג׳ האָט מען מיט דעם וואָרט באַצייכנט די יידישע פּאָליציאַנטן. „אַ כאָפּטע געטאָ־מיליציאָנערן זיך צעלאָזט זוכן, נישטערן". (מינסק, סמאָליאַר, יידן, ז׳ 12). „מיליציאָנערן האָבן אים אין דער ריי אַריינגעטריבן... קלאָר געווען פון די מיליציאָנערישע רייד". (דאָרט, ז׳ 23). יידישע מיליץ. (ס׳ זשעטל, ז׳ 369; ס׳ אסטראה, ז׳ 518; פּריוועס, אין רויך, ז׳ 40, 52 א״א). אין ווילנע פאָרגעקומען אַ דיספּוט, ווי אַזוי רופן די יידישע אָרדנונגס-מענער: מיליץ צי פּאָליציי. געזיגט האָט די באַצייכענונג: „פּאָליציי". (קרוק, 15.9.42). אַזאַ ויכוח אויך אין גוואָזדזיעץ. (ס׳ גוואָזדזיעץ, ז׳ 325).

מילעער — מאַלעער. זע: יידישיסטן.

מיניאָרן — יעדע ראַטע געהאַט אירע מיניאָרן, געווען ספּעציאַליזירט אין אויפרייסן באַנען. (ס׳ זשעטל, ז׳ 387).

מיס געטאָ — Miss Ghetta. אַזוי באַצייכנט טשערניאַקאָוו די פרוי יודט, וואָס האָט מיט דער הילף פון אַ דייטשן פריינט אויסגעפּרעסט פאַר זיך געוויסע טובות אין ג׳. (רינג׳, וו״ג, 24.7.41).

מיסטונג — „קאָווע־מיסטונג", ק׳־ערזאַץ. אַ האַלבע קילאָ פון דער ק״מ ווערט צוגע־טיילט יידן אין אַ ראַציע. (זע). פון דעם מאַכט מען אַפילו אַ באַבקע [זע]. (בריקס, פּאַפּירענע, ז׳ 8, 23, 45).

מיפּטי־פּיפּטי — אַ העלפט פון די געפונענע אוצרות, איינגענייטע אין די בגדים, וואָס מ׳האָט סאָרטירט אין די ל׳ן, אָפּגעגעבן די דייטשן, אַ העלפט גענומען זיך. (מיידאַנעק, שמחה טורקעלטויב).

מיקאָלאַס — ליטווישע פּויערן רופן אַזוי זייערע אויסבאַהאַלטענע יידן. (בערל כהן, אַ ייד אין וואַלד, ז׳ 115).

מיקווע — נייע העפטלינגען אין בירקענאַו. געהייסן צוליב דעזינפעקציע זיך אונטער־טונקען אין מ׳ — אַ „וואַנגע" מיט שמוציק וואַסער. (Maria Nowakowska, Szpital w obozie Oświęcim. Przegląd Lekarski, 1961, Nr. 1, ז׳ 61).

מיר אַרבעטן ווי פערד, דערפאַר באַגראָבט מען אונדז אויפן צווינטער פאַר פערד. (ס׳ בעלכאַטאָוו, ז׳ 331). די יידן אין דער לעצטער אַקציע, 6.7.43, האָט מען געשאָסן און באַגראָבן אויפן פּלאַץ, וווּ פאַרשיט געפּגרטע פערד.

מיר האָבן בלויז לאַדנס — ווען מען ווערט געהרגעט אין אַ ריי פֿאַר אַ קאָאָפּעראַטיוו געוועלב (לאַדן), וויצלען זיך די ווייבער: מיר... לאַדנס, וואָרטשפּיל פֿון ליידן. (ל״ג, ג׳־לשון, 1023).

מיר וועלן שוין באַשטימט איבערלעבן די קריג — נאָך יעדער אַקציע, וואָס אויסגעמיטן, אָדער נאָכן באַקומען פֿון אַ נייעם „זיכערן״ אויסווייז (זע), האָט מען זיך אַזוי געטרייסט. (ס׳ קאַזיעניץ, יואל ליטמאַן).

מיר עסן ווי אין יום־כּיפּור, שלאָפֿן אין סוכּות, גייען געקליידט ווי פּורים. (ר״א, 109, מלחמה־פֿאָלקלאָר) ; רינג׳, 2.17.40. „אַנגעקומען כּלומרשט אַ בריוו פֿון אַמעריקע, ווו מען פֿרעגט זיך צי מ׳עסט מער ווי אין יום־כּיפּור, צי ווױנט מען נישט מער אין סוכּות, צי גייט מען אָנגעטאָן ווי אין פּורים״.

מיתה משונה — אַ דייטש שטייט מיט אַ מאַפּע און ווייזט וואָס די דייטשן האָבן איינגענומען. אַ ייד רופֿט זיך אָפּ: „אַלץ האָט איר שוין איינגענומען און די מיתה משונה נאָך נישט״, דער דייטש זוכט אויף דער מאַפּע דאָס אָרט, געפֿינט עס נישט און רופֿט זיך אָפּ: „דאָס ווירד אויך נאָך קאָמען״. (ס׳ פּולטוסק, ז׳ 507). יידישע קהילה אין לעמבעריק רופֿן יידן: מאַגיסטראַט פֿון מ״מ. (כּהנא, יומן ג׳ לבוב, ז׳ 35).

מכּה — פּעקל, אַרייַנגעשמוגלט אין ג׳. (שאַוול, קאַפּלאַן, ז׳ 32).

מען כאַפּט (מ׳כאַפּט) — וואָרנצייכן צו באַהאַלטן זיך. (וו״ג א״א ; טומקביץ, עכּברים... ז׳ 39).

מלאך — אָרעמער ייד, וואָס פֿאַר געלט געגאַנגען אַרבעטן פֿאַר אַן אַנדערן. אַ מ׳ פֿלעגט באַקומען 20 מאַרק און 1 ק״ג ברויט פֿאַר אַ טאָג אַרבעט. (קאָוונער ג׳, ר. לעווין, פּרויען אין אַרבעט־אייַנזאַץ אין קאָוונער ג׳, פּל״ח, נר׳ 8 ; ביאַל״ג, קלעמענטינאָווסקי, ז׳ 42 א״א). פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד: „איינער שטעלט זיך צום פּריזיוו, אָבער צום מיליטער גייט אַן אַנדערער. אַ מ׳, אַ טויגעניכטס, וואָס ווערט תּיכּף באַפֿרייט״. (וויניצע, 1913, ר. פּעדערמאַן, ביי די טייכן וואַרטע און איסט־ריווער, ז׳ 52/3) ; „עס שלאָגט זיך דער מלאך הגואל מיטן מלאך המוות — מען שמועסט, אַז נאָך הייַנט וועלן דאָ די רוסן זייַן״. צום אויסברוך פֿון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה. (דעמבלין, צבֿי אייכנברענער, כּ״י, ז׳ 23). זע: מאַלעך ; ס׳איז גוט ; ערזאַץ־מאַן. אַ דייטשן מושל און אַכזר מיטן נאָמען ענגעלס, רופֿן יידן אין איזביצע מ׳. (ס׳ זאַמושץ׳, ז׳ 125).

מלבּוש — צווישן יידישע פּאַרטיזאַנער אין דער נאַליבאָקער פּושטשע, אַ מענטש וואָס געקומען אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אַן געווער און נישט געווען קאָמפּספּעיק. (יידישע שפּראַך, ב׳ XXXV, נר׳ ז׳ 67 ; ס׳ לידע, ז׳ 343).

מלחמה — נאָך דער מלחמה קומען זיך צונויף היטלער, סטאַלין און טשערטשיל. אַלע דריי מיט פֿאַרזאָרגטע פּנימער. רופֿט זיך אָן היטלער: צו וואָס האָט מיר דאָס געטויגט, אומצוברענגען אַזש גאַנצע 10 מיליאָן דייטשן? ענטפֿערט אים סטאַלין: און צו וואָס האָט עס מיר געטויגט, אומצוברענגען 20 מיליאָן רוסן? רופֿט זיך אָן טשערטשיל: נו, און צו וואָס האָט עס מיר געלוינט אומצוברענגען גאַנצע... 5000 ענגלענדער. אַז די כאָלערע זאָל זיי וויסן ; ווער

האָט זיי דען געבעטן צו קריכן אַהין, ווו מען דאַרף נישט ? ! (פרץ אָפּאָ־טשינסקי, מאַי 1942, ר"א, 130).

אויף אַ זיצונג פון דייטשן גענעראַל־שטאַב, האָבן די גענעראַלן פאַרלאַנגט פון פירער 4 מיליאָן זעלנער אין 2 יאָר צייט, כדי צו געווינען די מלחמה. האָט היטלער באַשלאָסן 8 מיליאָן מענטשן אין איין יאָר צייט. אויף אַן ענלעכער זיצונג אין ענגלישן גענעראַל-שטאַב, האָבן די מיליטער־אָנפירער פאַרלאַנגט 2 מיליאָן זעלנער אין 2 יאָר צייט. טשערטשיל ענטפערט: 1 מיליאָן זעלנער אין 4 יאָר צייט. (אונדזער האָפענונג, 1.3.42, ז' 18).

מלינאַרסקים בילעטן, מלינאַרקעס — געלט פון באַנק עמיסיני, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אין ג"ג. דירעקטאָר פון באַנק געווען דער פּאָלאַק עמיל מלי־נאַרסקי. „אַ העלפט געפאָרן מיט מל'־בילעטן" (רינג', 1.11.40 ; 21.11.40), ד"ה, נישט אויסגעקויפט קיין טראַמוויי־בילעטן, נאָר אַריינגעשטופּט דעם קאָנדוקטאָר אין האַנט אַ מטבע. פּויליש: młynarki. „אין פּוילישער פּאָליציי האָבן דעם גרעסטן דערפּאָלג די לעגיטימאַציעס מיט מלינאַרסקיס פּאָטאָגראַ־פיע". (רינג', 17.4.42).

מלינה — באַהעלטעניש פאַר אַ ייד אין אַרישן שטאָט־טייל. (עלבערג, אונטער קופּערנע הימלען, ז' 52). זע: מאַלינע.

מלך — פאַרזיצער פון די יודענראַטן אין אויבערשלעזיע, מערין. „מ' מערין וויל איצט אַריבערפאָרן קיין קראָקע און ווערן דער מ' איבער דער גאַנצער גובערניע... געטראָפן אַ פרוי, וואָס גערעדט וועגן מ' ווי פון אַ מלאך הגואל". (רינג', 26.5.40, כ"י). זע: מערין־יוגנט.

ממו אָדער טפררו — ווען מ'פלעגט אין קאָוונער ג' טיילן פלייש, האָט מען געפרעגט: ממו אָדער טפררו, ד"ה, צי טיילט מען רינדער־ צי פערד־פלייש. (קאַפּלאַן, ז' 20).

ממזר — אַ געשמוגלט פּעקל מיט געווער. (וויל"ג, קאַפּלאַן, ז' 32). **ממזרים** — דייטשן. (אַרגון יוצאי מלאבה, 5, 1977, י. מ. מאַיראָוויטש).

ממזרל — אין דער קוך־ווירטשאַפט, אַ כלי וואָס האָט נישט איר באַשטימטע מאָס, איז אָבער קלענער פון די איבעריקע, וואָס האָבן געהאַט אַ גענויע מאָס און אין זיי האָט מען געשיקט די זופּ אין די רעסטאָראַנען; דעם צוגאָב, „צולאַגע", פלעגט מען אַריינגיסן אין דער קלענערער כלי (קאַן) און זי האָט מען גע־רופן „מ". (ל"ג־ענצ', זעליקאָוויטש).

מנגן — אָנזאָג אין ל' היידעקרונג (מעמעל-געביט), אַז ס'דערנענטערט זיך אַן אויפ־זעער. (קאַפּלאַן, ז' 12).

מנהיג — רומקאָווסקי. „אַלץ האָט אונדזער מנהיג פאַרגעזען און פאַרשטאַנען". (זעליקאָ־וויטש, צוויי־יעריקער יובל פון טעקסטיל־פאַבריק, כ"י, 5.1.43).

מנוחה — צווישן די דייטשע יידן אין באַלטיקום, אָנזאָג אַז דער אויפזעער איז אַוועק און מ'קאָן זיך אויסרוען. (קאַפּלאַן, ז' 15).

מנוחת עולמים — די אָפּגעשוואַכטע. געזאָגט, אַז מ'פירט זיי אין אַ ערהאָלונגס־היים. פאַקטיש געפירט אויף פאַרניכטן. „מיר האָבן דאָס גערופן מ"ע". (ס' סוסנאָ־ביץ ב', ז' 212).

מנאַשקע, מענאַשקע — „פריידע, נעם אויך מיט די מנאַשקע מיט דעם פעקל". (ל"ג, 1944). אויפשריפט אויף אַ בוך. (ל"ג, בלומענטאַל, שמועסן, ז' 42). „בלילה היינו עושות בה צרכנו, ביום שימשה לנו להבאת אוכל". (אושוויץ, שפירא לאה, כ"י, סניף יו"ש). ליד: מענאַשקע. (א. שנור, ס' בייטש, ז' 105).

מנחה לעשו — שוחד פאַר די דייטשן. „אויך מיטאַרבעטער פון יודענראַט, וואָס זענען פערזענלעך באַקאַנט מיט דייטשן צוליב דער אַפּטער מ' ל', האָבן אין עטלעכע פאַלן געהאַט הצלחה מיט זייערע בקשות און אַרויסגעריסן קרבנות פון די חיהשע נעגל". (קאַפּלאַן, דער חורבן ביאַליסטאָק, פעברואַר 1943, כ"י).

מנין — „אין אַ מנין. ביי אַ מנין שרייט מען און מען געוואַלדעוועט. — וואָס איז? — מ'זאָגט קדיש. — דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן זאָגן הויך און מ'זאָגט עס שוין צו פיל". (ל"ג, כ"י).

מעבל — נאָך דער מלחמה וועט „אַרביס" אָרגאַניזירן אויספלוגן קיין בערלין אונטער דער לאָזונג: „לאָמיר אָנקוקן אונדזער מעבל", וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט פון די באַזעצטע געביטן. (רינגל', מערץ 1940; י. קורץ, ספר עדות, ז' 132 א"א). געוועזן באַקאַנט צווישן פאָלאַקן פאַר דער מלחמה „אַרביס" אָרגאַניזירט אויספלוגן: „באַקען זיך מיטן לאַנד".

מעבל־בעשאַפונג — ביי אַלע יודענראַטן געווען אַן אָפּטייל מ', וואָס געליפערט מעבל־שטיק אויפן פאַרלאַנג פון יעדן דייטש. די בעהערדן האָבן געהאַלטן, אַז די פליכט פון די יודענראַטן איז אויסצושטאַטן די וווינונגען פאַר די דייטשע באַאַמטע, וואָס געקומען פון רייך אויף אַרבעט אין די באַזעצטע געביטן. באַזונדערס איז דאָס שייך די אַמטן, וואָס זענען עוסק מיט „לעזן די יידנפראַגע". ביי אַ טייל יודענראַטן (צ"ב לוואָוו), זענען געווען ספעציעלע מאַגאַזינען מיט זאַכן צום אויסוואַל. אין אַנדערע פאַלן (ביאַליסטאָק) האָט די מאַכט דערלאַנגט רשימות פון זאַכן, וואָס דער יודענראַט האָט צוגעשטעלט אין דער קירצערסטער צייט און פון בעסטער קוואַליטעט. דער יודענראַט פלעגט די זאַכן אָדער רעקווירירן, אָדער אַפילו איינקויפן אויף דער אַרישער זייט און צושטעלן די דייטשן. (בלומענטאַל, דרכו של יודענראַט, פּראָט' 23). זע: באַשאַפונגס־אַמט.

מעבל־הענדלער — דייטשער קאָמענדאַנט פון שטעטל אויסציע ביסקופיע געמט צו מעבל ביי יידן און פאַרקויפט עס צו נישט־יידן. דערפון דער נאָמען. (עדות: קלמן ניסענבוים).

מעדיצין — צוליב דער גריפע־עפּידעמיע אין ג' קורסירט אַ וויץ: די דאָקטוירים קומען צו קראַנקע מיט אָפּגעדרוקטע רעצעפּטן. זיי וויסן שוין פריער, אויף וואָס דער קראַנקער איז קראַנק און וואָס די אַפּטייקן פאַרמאָגן. דאָ שטייען גאַנצע פעסער מיט מעדיצינען און מען האַלט אין איין גיסן אין די פלאַשן אַריין. געזאָגט האָט מען, אַז ס'וועט נאָך זיין אין די אַפּטייקן אַזוי, אַז ס'וועט ווער קומען מיט אַ רעצעפּט, וועט מען אים באַלד אָנגיסן אַ מעדיצין פון אַ באַליע. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ וויץ, לײַדער איז עס געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. (ל"ג, הילער, 14.1.44).

מעטאַלערפאַסונג — ביים זאַמלען מעטאַל־ברוכטיילן, אַלטוואַרג איז אין אָנהייב געווען באַשעפטיקט אַ גרעסערע צאָל יידן, באַקומען געהעריקע לעגיטימאַציעס.

אָפּצייכנס, דערלויבעניש אויף אַרומצופאָרן איבערן לאַנד. זע: אַלטשטאָפּ־זאַמלער.

מעטאַפער — די סיטואַציע, די פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און די עקסטערמינאַציע, וואָס די נאַציס האָבן אָנגעווענדן כלפּי די יידן, האָט געצוווּנגען צו באַנוצן זיך מיט אַ סגי־נהור לשון אַזוי אַז לא אנשי שלומנו זאָלן דאָס נישט פאַרשטיין. נישט תמיד האָט מען זיך אויף פריער געקאָנט אָפּשמועסן, מיט וואָס פאַראַ ווערטער, שיפער, מ׳וועט זיך באַנוצן, האָט מען דעריבער זייער אָפט באַנוצט זיך מיט ווערטער, וואָס — ווי ס׳איז געווען אָנצונעמען, דער צווייטער צד וועט זיין מסוגל זיי געהעריק צו פאַרשטיין. ס׳איז אַ חידוש, וואָס אין די פאַרשיידנסטע ערטער האָבן זיך די אומגליקלעכע באַנוצט מיט די זעלבע מעטאַפערן ביים איבערגעבן פּאָליטישע נייעס, מלחמה, פרידן, רדיפות וואָס דראָען, ווי אַזוי זיי אויסמיידן, עקאָנאָמישע נייעס וכו׳. די קאָרעספּאָנדענץ מיט די נישט דערלויבטע ידיעות איז, בדרך כלל, געגאַנגען מיט דער געוויינלעכער פּאָסט, דורכן טעלעפאָן, טעלעגראַף, דורך געהיימע שליחים, נישט יידן, יידן־אַריער אאַז״וו. אַ ספּעציעלע גרופּע פון די מ׳ זענען שייך דעם איינאָרדענען זיך אויף דער אַרישער זייט, פאַרשאַפן געהעריקע פּאַפּירן, אַן אָרט צום באַהאַלטן זיך וכו׳.

מיר ברענגען דעם אינהאַלט פון אַן אָריגינעל קאַרטל, געשיקט מיט דער דייטשער פּאָסט פון לאָסק (וואַרטעגאַו) קיין בעלגיע, 8.4.40, מיט אירע כאַראַקטעריסטישע, אַלגעמיין־פאַרשטענדלעכע פּאָליטישע מעטאַפערן, אין וועלכע דער נאַצי־צענזאָר האָט זיך נישט געכאַפּט: In den nächsten tagen rechnen wir die Wohnung zu wechseln. Maror auf Pesach zugegreit, der Onkel Lechem wird uns besuchen — erwarten die Tante Geula. Euer Mutter Laja.

געווען אַ צושריפט אויף פויליש: Burakowska — Na Pesach mamy murer. פאַר אַ יידיש־רײדנדיקן, איז דער אמתער זינען פון קאַרטל פאַרשטענדלעך. (ס׳ לאָסק, ז׳ 478/9, פאָטאָקאָפּיע פון קאַרטל). דאַביי ווענדעט מען אָן די כללים:

1. נעמען פון זאַכן, ווערן אָנגעגעבן ווי פאַמיליען־נעמען. למשל: „פּאַנאַ כלעבאָווסקיעגאָ ניע ווידזיאַלעם יוזש דאַווּנאָ״ (דעם ה׳ כלעבאָווסקי האָבן מיר שוין לאַנג נישט געזען). האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז דער שרייבער הונגערט צו. אָדער: „פּאַן שיינאָווסקי טעזש ניע פּאָמאַגאַ״. „דער ה׳ שיין העלפט אויך נישט״ — ד.ה. אַז אַ דייטשער אַרבעט־שיין העלפט אויך נישט. „דער הער קעלער קען יאָ העלפן״ אאַז״וו.

2. איבערדרייען די טראָפּן פון ווערטער. למשל, רינגעלבלום אין זיינע נאָטיצן שרייבט נערגעפ, וואָס מיינט דעם באַקאַנטן עסקן אין וו״ג געפּנער; דעם נאָמען אָזשעך — רופט ער אָן: „ה׳ נוס״. אָזשעך אין פויליש באַטייט אַ נוס. דירעקטאָר פון דזשוינט, גוזיק — „כפתור״ אאַז״וו.

3. באַנוצן זיך מיט פיר ווערטער: זיי, יענע, וואָס ענדערן זייער באַדייטונג אָפּהענגיק פון קאָנטעקסט. יענע — קאָן באַדייטן: דייטשן, סאָוויעטן, פּאָלאַקן; יענע זייט — אַרישע, סאָוויעטישע; יענע קרענק — פלעקטיפוס אאַז״וו.

4. העברעישע ווערטער באַנוצט אין אַ יידישן טעקסט. אַפילו רינגעלבלום

גייט איבער אין זיינע פּריוואַטע נאָטיצן צו העברעיש. מ׳קאָן דאָס אויסטייטשן מיט דעם מיין, אַז דער צענזאָר וועט נישט פאַרשטיין דאָס העברעישע, אויב די נאָטיצן וועלן אַרייַנפאַלן אין זיינע הענט. גערעכנט, אַז די דייטשן מסוגל צו פאַרשטיין יידישע ווערטער, אָבער נישט העברעישע. אין דעם פאַל וועלן זיי מיינען, אַז מ׳האָט צו טאָן מיט רעליגיעזע אויסדרוק־פאָרמען, ווונטשן וכו׳, נישט זוכן אין זיי קיין ערדישן מיין. העברעישע ווערטער אין אַ בריוו, צי אַרויסגעזאָגטע מיט אַ געהעריקן קוועטש צי קרעכץ, האָבן זיכער געמאַכט אויפן שומר דעם איינדרוק פון אַ רעליגיעזן שפּרוך (ב״ה, אי״ה א״א). דערביי האָט דער ייִד געקאָנט אַדורכשמוגלען „אַ טריפענעם געדאַנק״.

5. אין דער שפּעטערדיקער צייט (1944), האָבן פשוטע נעמען פון שטעט איבערגעשיקט מיט אַ צעטל, צי אויפגעשריבן אויף אַ וואַנט פון אַ לאַגער־געביידע וכדומה, געקאָנט איבערגעבן, אַז דאָס אָרט איז איינגענומען געוואָרן דורך די אַליאירטע.

שטאָט נעמען פון שטעט, האָט מען געגעבן דעם נאָמען פון אַ קרוב, באַקאַנטן צי פון באַקאַנטער פּערזענלעכקייט, וואָס וווינט אין יענעם מקום. אויב מ׳האָט נישט געקאָנט אָנגעבן, אַז עמעץ איז געהרגעט געוואָרן, האָט מען געשריבן, אַז ער איז געפאָרן זיך זען מיט... דערביי אָנגעגעבן אַ נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס איז שוין פון לאַנג טויט.

6. באַנוצט אומשולדיקע נעמען פון מענטשן אויף צו באַצייכענען לענדער, אַרמייען, פאַרטייען אאַז״וו. דער פעטער יוסף (סטאַלין). די אָנהענגער פון מרדכי (אַנילעוויטש — השומר הצעיר). רעמאָס שטאָט (קראָקע), מענדעלסאָנס שטאָט (בערלין).

7. באַנוצט גוט באַקאַנטע אויסדרוקן צו באַצייכענען אַ צורר היהודים: ימח שמוניק, רשע מרושע, דער כוהן גדול (היטלער) אָדער פשוט: דער אָדון הגדול, המן הרשע א״א.

8. אַלט־באַקאַנטע „געוויינלעכע״ ווערטער, וואָס זענען לייכט צום פאַרשטיין: אַ חתונה, אויסגעבראָכן אַ שריפה, אַנטלאָפן פון פייער, דונערן און בליצן. „איך גלויב נישט, אַז נאָך אַזעלכע דונערן און בליצן, נאָך אַזעלכע פלאַמען־פייער — זאָלן ווירקן רעדעס און פּראָפּאַגאַנדע״. (ר״א, 6.1.42, נר׳ 251).

פון יעדן אָרט קען מען ברענגען אָן אַ שיעור ביישפּילן. לאָקאַלע נעמען פון עסקנים, קרובים, געשטאָרבענע צי אַזעלכע וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע, צי א״י סימבאָליזירן די דאָזיקע לענדער, וכו׳.

פון ל״ג שרייבט מען קיין וואַרשע: „הדוד לחם — אינו בא לביתנו״. (דער פעטער ברויט קומט נישט צו אונדז). האחות חמאה אינה מופיעה בכלל אצלנו (די שוועסטער פּוטער באַווייזט זיך בכלל נישט ביי אונדז). את מר בשר לא ראינו זה זמן רב וכדומה״. (דעם הער פליייש האָבן מיר שוין לאַנג נישט געזען). (קורץ, ז׳ 131).

ביי דעם זעלבן מחבר: „נתקבלו — מן העבר ההוא״ מכתבים וידיעות בלשון

הרמזים, כגון: הדוד פיני הבריא והוא בא עם מטען כבד אל... (כאן בא שם של קרוב אחד מפולין); „אל דאגה! עוד מעט ונתראה. מכתבים כאלה והדומים להם בנוסח כזה, נתקבלו גם מאמריקה". (דאַרט, ז' 132). (ס'זענען אָנגעקומען פון יענער זייט (ג"ג) בריוו און ידיעות מיט רמזים, ווי דער פעטער פיני איז געזונט געוואָרן און ער איז געקומען מיט אַ שווערער לאַדונג קיין (און דאָ גייט דער נאָמען פון אַ קרוב אין פּוילן); זאָרג נישט! אָט באַלד וועלן מיר זיך זען... (אַזעלכע בריוו און ענלעכע, אין דעם נוסח, פלעגן אָנקומען אַפילו פון אַמעריקע). מיר דערמאָנען, אַז אין זיינע מעשיות האָט שלום-עליכם בעתן רוסיש-יאַפּאַנישן קריג (1905) זיך באַנוצט מיט די ווערטער: פעטער פיניע (יאַפּאַן) און מומע רייזי (רוסלאַנד). „מקום העבודה הבטוח ביותר הוא המרתף. אחד כותב: אנכי מילטתי את נפשי בסיוע של הדוד מרתף. שמע לעצתי ואל תסמוך על נסים ורק על הדוד מרתף, ודי יהיה בעוז". (קורץ, ז' 315). (דער זיכערסטער אַרבעטס-פּלאַץ איז דער קעלער. איינער שרייבט: איך האָב זיך געראַטעוועט אַ דאַנק דעם פעטער קעלער. הער וואָס איך זאָג דיר, פאַרלאָז זיך נישט אויף קיין ניסים, נאָר אויפן פעטער קעלער און גאָט וועט העלפן"). (רינג', 20.4.41); „דער בריוו קיין טאַלין: דער פעטער עמך ישראל לעבט אין שלעכטע באַדינגונגען. ערליידט שטאַרק פון זיין זון יעקי"; „אַ ייד האָט באַקומען פון אַ באַקאַנטן אין שווייץ פאָלגנדיקן אויטענטישן בריוו. דער הער יאָקל (יעקי-דייטש) האָט שווערע אָנפעלע בעקאָמען. עס ווערע דאָס בעסטע, ווען ער שטערבען ווירדע, דאַמיט ער ניכט מער ליידן מוס. הער שלום ווירד באַלד קאָמען; ווירר ערוואַרטן אין אוך". (ר"א, 1942).

„ביי אונדז איז געווען אַ פריילעכער יום-טוב, מען האָט געקוילעט 400 היינער — מיר האָבן זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מיינט מען פיר הונדערט יידן". פון אַ בריוו, וואָס אָנגעקומען קיין קאָברין פון יענער זייט בוג (ג"ג). (קאָנקורס, נר' 6, ז' 1). „די מאָדנע בריוו: בראָנעק (ענגלאַנד) חתונה געמאַכט (גורם געווען אַ מפּלה) העלענאַ (אַשכנז). מיר האָבן געטרונקען 40 פלעשער וויין פון דער פירמע ספינות נשברות (בעת דער נאָרוועגישער אינוואַזיע). (רינג', 20.4.41).

„נאָכן אַרויסלויפן פונעם פייער" (אַקציע). (וואָשטשינאַ, זכרונות, ז' 17). „געלייענט אַן אינטערעסאַנטן בריוו, ווו די גאַנצע מלחמה באַשריבן ווי אַ באָקסמעטש". (רינג', 12.12.40).

מעטע — 1. פּויליש: meta, אָרט ווו מ'האָט אויסבאַהאַלטן געשמוגלטע סחורות, צי זיך אַליין, בעת אַן אַקציע. „מ'האַנדלט מיט מעטעס". (ר"א, 435). „מ'פאַרקויפט ערטער אויף צו באַהאַלטן זיך". (טורקאָוו, אין קאַמף, ז' 205); „געהאַט זייער אַ גוטע מ', געאַרבעט אין קאָשציאָל". (די צען פון פּאָוויאַק, ייה"ק, כ"י); 2. אָרט, דורך וועלכן מ'שמוגלט אין וו"ג. „לאַנג האָט ער נישט געקיניגט ביי דער מעטע". (ר"א, 9.7.43, כ"י, נ"ר 51; י. עלבערג, אַ מעתלעת, וו"ג, 1942).

מעטע־געלט־לייט — „„עס איז אַ קונציק סיסטעם דאָס מ״ג. עס זענען דאָ מג״ל ,גויישע׳ און יידישע. די ,גויים׳ שמוגלען סחורה, וואָס עס קויפן יידישע שמוגלערס, צו דער יידישער גאָס, און יידן — פאַר די יידישע שמוגלערס אַריבער דער יידישער זייט. די מג״ל פירן דערביי חשבונות, וויפל טאָן לעבנסמיטל עס ווערט אַריינגעשמוגלט, און צו יעדן קילאָ וואָג גייט צו פאַר די מג״ל אַ געוויסער פּראָצענט״. (אָפּאָטשינסקי, דער שמוגל אין וו״ג, אַקט׳ 41׳, כ״י).

מעטאַזש(עס) — „די עיקר־אַרבעט ביי דער מעטע טוען די טרעגערס. זיי נעמען אַראָפּ די סחורה פון דער מעטע און טראָגן זי אַוועק אינעם צוגעגרייטן באַ־העלטעניש. זיי פאַרדינען טיילמאָל אַזוי פיל ווי די מעטאַזשעס, ד״ה די אייגנטימער פון דער מעטע, די פינאַנסיסטן, וואָס אַרבעטן טיילווייז צוזאַמען מיט די טרעגערס און ריזיקירן סיי מיטן קאָפּ, סיי מיט דער קעשענע. אחוץ זיי איז פאַראַן אַ דריטע קאַטעגאָריע „שמאַלצאָווניקעס״ (זע), פּאַראַזיטן, וואָס לייגן נישט אַריין אינעם עסק, נישט קיין געלט און נישט קיין קאָפּ, אָבער באַקומען זייער חלק צוגלייך מיט די מ׳. זיי נעמען נישט קיין אָנטייל אין היזק, אויב די סחורה ווערט „פאַרברענט״. זיי זענען בלויז די ערשטעביים אַראָפּנעמען דאָס פאַרדינסט. — זיי נעמען אַראָפּ דאָס שמאַלץ, דערפאַר הייסן זיי שמאַלצאָווניקעס. אָט אָ די לעצטע ווינען כסדר אין שענק״. (ר״א, 52).

מ׳עט פאָרן צי מ׳עט פירן? — „אַ פראַגע, וואָס די טויט־דערשראָקענע געטאָ־יידן פלעגן אַלע ווילע שטעלן איינער דעם צווייטן. צי מ׳וועט אַרויספירן אויף אַרבעט, צי מ׳וועט פירן אויף טויט״. (ווילנע, ייוואָ־בלעטער, 1947, ב. XXX, נר׳ 1).

מעטער־אַבציק — ליטווישער פּאָליציאַנט, וואָס איז דער העכסטער. „ה,מטר ושמונים׳ כך נקרא שוטר אחד, שמביא צרות על הגיטו תמיד״. (ירושלמי, שבלי, ז׳ 92, 100). הוא היה שמח שמחה גדולה, כשעלה בידו לתפוס יהודי ולמסרו לגסטאפו. (דאַרט, ז׳ 26).

מעם — דער מ׳ גייט; דער ממונה, צורר פון ווילנער ג׳, מורער. (דוואַרזשעצקי, ווילנע, ז׳ 317); „דער מ׳ איז אין מקום״; „די שטאָטישע באַפעלקערונג פלעגט אָנזאָגן מיט צען גאַסן פריער, די פון דער אַרבעט צוריקמאַרשירנדיקע יידן, אַז ביים טויער קאָנטראָלירט מורער, און איין ייד פלעגט גלייך איבערגעבן דעם צווייטן: דער מעם״... (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 93).

מען האָט נישט געהאַט דעם טאָג און נישט די נאַכט. (וו״ג, קאַרנגאָלד, כ״י).

מען ווייסט נישט פון וואַנען דער קלאַפּ קומט — געזאָגט אין לוואָוו. (א. רודניצקי, Wniebowzięcie. פּויליש).

מענטש — אין אַ ריי לאַגערן האָבן די דייטשע ל׳־פירער אָנגערופן זייערע הינט „מענטש״ און גערייצט זיי אויף די „הינט״, יידן. (אַמאָן געט — פּלאַשאָוו; באַרטענשלעגער — טשענסטאָכאָוו, טהומאַן — אוישוויץ, א״א). דאָס וואָרט מ׳ האָט סיי ביי די דייטשן, סיי ביי די יידן באַקומען אַ באַליידנדיקע באַ־דייטונג: „אָבער מענטש!״

מערידן — „גיטו למחצה, לשליש ולרביעי הונהג גם עד כה. אלא שזה היה ,גיטו פתוח׳, שליצני הדור קוראים לזה: ,אָפענע מערידן׳. בימים האחרונים עמד על סדר היום: ,גיטו סגור׳, כעין זה בלודז׳: ,פערמאַכטע מערידן׳, וזהו גזירה, שאין שום בעל חי יכול לעמוד בה״. (קפלן, 2.10.40).

מערין־יוגנט — מערין, לייטער פון די יודענראַטן אין זאַגלעמביע, האָט געוואָלט שאַפן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ענלעך צו דער היטלער־יוגנט. יידן גערופן דאָס מ״י. (ס׳ סוסנוביץ, ז׳ 135).

מעשה — „צי איז דאָס אַ מעשה, אַז האָב געהאַט אַ משפחה? אַז האָב געהאַט אַ מאַן, צוויי קינדער?״ (וו״ג, ר״א, 656).

מצו״ק — מעין פדרציה של ארבע מן המפלגות הציוניות החזקות במחתרת בגיטו קובנה, נוסדה באביב 42. בהזמנות לפגישות־סתר נאמר כרגיל: אתה מוזמן בזה לפגישה עם האדון מאצוקאס״. (בראון, לוין, כ״י ז׳ 12, 36, הערה 39; תמר לזרסון, ז׳ 20).

„מען צערייסט אַ פּאָר שיך, ביז מען באַקומט אַ פּאָר זוילן״. (וו״ג, רינג׳, 12.12.40).

מעקסיק — ערגסטער טייל פון ל׳ בירקענאַו. דאָ איז אַפילו קיין באַראַקן נישט געווען. געהאַלטן עטלעכע צענדליק טויזנט יידן פון אונגאַרן, פּרויען, קינדער אינ־גאַנצן נאַקעט. אַלע קומען אום: אויב נישט געשטאָרבן פריער מיטן „נאַ־טירלעכן טויט״ — אין די גאַז־קאַמערן.

מצבה — יונגער שרייבער אייכענבוים זאָגט, נאָכדעם ווי זיין מוטער איז געפאַלן אין אַ מאַסן־קבר: „איך וועל איר אויסקריצן אַ מ׳ אויף אַ בוך, וואָס איך וועל אַרויסגעבן. אויך נאָך מיין טאַטן וועל איך אויף אַזאַ אופן שטעלן אַ מ׳, ווייל אויך זיין קבר איז פאַרשווונדן״. (ר״א, יו״ש PH 3-1-1). מויערן אַרום ג׳ אין קראָקע, געשטעלט ווי מצבות.

מצור — „מיר האָבן אויך נישט פאַרגעסן אין די פאַרשיקטע חברים (אויף סיביר). אויך געדענקט אין דעם הונגער, וואָס הערשט אין וואַרשע. צו דעם צוועק געשאַפן אַ פאָנד: „משען לאסירי ציון — רוסיה״. בקיצור: מצור. (צפורה בירמן, כ״י, ב״ק, נ״ר 1851).

מצות־אָרדן, מצות־מעדאַל — אין פּראַקטקאַרעאַט בעמען און מעהרן דער שטערן וואָס יידן געמוזט טראָגן זייט 1941. (אַדלער, טערעזיענשטאַט, XXXI).

מ׳קאָן אומעטום פאָרן, נאָר נישט קיין אויסטערליץ — „דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט אַק־צענטירט אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרשיידענע פּלאַקטעס וועגן דעם אָרט פון אַרויסשיקן; מ׳קאָן אומעטום פאָרן אָן שום מורא, ס׳זאָל נאָר אויפן וועג נישט געשען עפעס אויסטערליש״. (ל״ג ענצ.).

מ׳קאָן גאָרנישט וויסן — נאָמען פון אַ רעוויו־פאַרשטעלונג אין ווילנער ג׳.

מ׳קאָן זיך ראַטעווען — כל זמן עס גייט גוט; ווען די סכנה קומט, איז שוין צו שפּעט. דאָס האָט געלערנט דאָס געטאָ. (באָכניע, בודאַפּעשט, קראָקע. סעלינגער, ה׳ 5, ז׳ 89).

מקום — געטאָ. „די דאָלעדן (דייטשן) זענען אין מ׳״ (ווילנע, קאַטשערגינסקי).

מרים — קעטשל פון דער גיכער הילף אין וו"ג, וואָס גאַנצוויך (זע: דרייצנטל) האָט אָרגאַניזירט אויפן נאָמען פון זיין פרוי. (ד"ר י. לייפונער, פאַלקסגעזונט, 1955, נ"ר 2—3, ז' 30).

משה, האַלט זיך — נאָמען פון אַ רעווי־פאַרשטעלונג אין ווילנער ג'.

משהלע — אַ רעסטאָראַן אין וו"ג, נאַוואַליפּיע גאַס, פאַר שמוגלערס. זייער טייער. „אַ פּאָרציע פלייש קאָסט 18 גילדן". (ר"א, כ"י, יוני 42').

משהלע גייט — אַ וואָרנצייכן פאַרן דייטשן זשאַנדאַר, אַן אַכזר. (אהרן כרמי, מן הדליקה ההיא, ז' 45).

משה פויער — צונאָמען פון אַ דייטשן קאַפּאָ, בירקענאַו. געווען „גרויס און שווער ווי אַן אָקס". אַן אַכזר. זיין אמתן נאָמען תיכף פאַרגעסן און גערופן אים בלויז מ'פ'. (דיאַמאַנט, פאַריזער שריפטן, 1946).

משה קאַפּויער — פון אַ בריוו פון ל' ווילקאָ נעבן גאַרוואָלין: „די באַדינגונגען זייער גוטע. מיט מיר שלאָפט אַ לאָדזשער משה קאַפּויער". (ר"א, כ"י, 16.5.41). דעם בריוו דאַרף מען פאַרשטיין פאַרקערט. דערמאָנט בריוו פון קריגס־געפאַנגענע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

משה רבינוס מיליטער — עלטערע יידן, מיט גרויסע בערד, וואָס געאַרבעט אין דער בערשטער־מאַכעריי אין פּלאַשעווער ל'.

משה רבינוס שטעקן — „מען האָט געמאַכט אַ גרויסע רעוויזיע אין דער גרויסער שול — פאַרציילט מען אַ וויץ — און געזוכט דאָרט מר"ש, כדי איבערצוגיין דעם ים מיט דער יבשה". (רינג', 19.9.40).

משוגעים־הויז — „נו, מען מעג שוין באַנייען ס'משוגעים הויז, אַזש דרייסיק משוגעים אין איין טאָג אין ג'. יאָ, מען זאָגט, אַז דעם ל"ג בעומר זענען פאָרגעקומען 15 חתונות". (ל"ג, 1944, ייה"א, כ"י).

משוגענער — יולי 42' פירט מען אַרויס פון פּינסק 40 משוגעים און שווער קראַנקע און מ'שיסט זיי. נאָך עטלעכע טעג, באַווייזט זיך דער משוגענער, גערופן „טעפּעלע שמאַלץ". מ'פרעגט אים, ווי אַזוי איז ער ניצול געוואָרן? ענטפערט ער: „כ'בין אַנטלאָפן, ווייל ווי אַזוי קאָן אויסקומען אַ קהילה אָן אַ משוגענעם?" (יאָנעוו ביי פּינסק, מ. בונה, כ"י, ז' 48).

משולח — דער שוצהאַפטלאַגערפירער אין פּלאַשוו.

משומד — געפרעגט אַ מ' פאַרוואָס געשמדט זיך, געענטפערט, כדי צו באַקומען אַ גרעסערע ברויט־ראַציע. (רינג', ז' 296). זע: ראַציע.

משחיתים — מוסרים. „די מ' זאָלן נישט הערן". (ר"א, 280).

מ'שטיינס געזאָגט — די פיזישע אַרבעטער פון וואַרשעווער שפּיטאָל אויף טשיסטע, האָבן געענדערט דעם נאָמען פון שפּיטאָל־דירעקטאָר ד"ר שטיין אויף מ' ווייל אויף זיינס אַ וואָרט קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן. (ד"ר מ. לנסקי).

משיח — ווייסע פערדל פון וועגעלע, וואָס נעמט צונויף די מתים, געהרגעטע אין ג' קאָלאָמיי. ער באַפרייט פון אַלע ליידן. (בלאַנקאַ ראָזענבערג, כ"י, ז' 68).

משמרת השבת — פּראָיעקט — אין פויליש — וועגן שאַפן אַ מ"ה (Straż Sobotnia), געפינען מיר אין ר"א, נ"ר 244. אָנפירן מיט דער אַרבעט דאַרף אַ קאָמענדאַנ־

טור פון איין קאָמענדאַנט און צוויי פאַרטרעטערס. אַ מיטגליד פון מ״ה טראָגט דעם נאָמען „סטראַזשניק״. צען סטראַזשניקעס בילדן אַ פלוטאָן, אָנגעפירט דורך אַ „פּזשאָדאָווניק״ אאַז״וו. די טערמינאָלאָגיע — לויט דער פּוילישער פּאָליציי.

מת, מתים — 1. „דער עולם אין ג׳ פילט זיך ווי מ׳. יעדע מינוט לעבן איז אַ טובה־מינוט פון די, וואָס געבן אויף אונדז אַכטונג״. (ל״ג, הילער, 1.1.44). קלאָג־רייד. איינער שרייט אַריין צום מת אין קבר: „טייערער חבר, דו ווייסט ווו דו ליגסט, אָבער מיר ווען נישט וויסן, ווו אונדזער געביין איז אַהינגעקומען״. מען פילט, ווי די לעבעדיקע זענען מקנא די טויטע. (הילער, 4.1.44). מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס ג׳ איז אַ פּרוזדור צום אומקום; מיר האָבן אַפילו וועגן דעם גערעדט טאָג־טעגלעך. מיר האָבן געזאָגט: „מתים, לאָמיר גיין״. בדרך כלל האָבן די דייטשן געטיילט קעז, בעיקר נאָך יעדער אַקציע. הייינט אַן אַקציע — מאָרגן קעז. אַפילו געוווּן אַ גראַם. „מת, עס ווייסע קעז״. די יידן פאַרשטאַנען די איראָניע פון די דייטשן, וואָס שטעקט אין געבן קעז צו יידן נאָכן אויסהרגענען זייערע ברידער. (ד״ר דוואָרזשעצקי, אייכמאַן־פּראָצעס, פּראָט׳ נר׳ 27 פון 4.5.61, ז׳ 41). 2. עס־עס־לייט מיטן טאָטענקאָפּ אויפן היטל. „געקומען דריי מתים און צוגענומען דאָס גאַנצע געלט״. (רינג׳, 6.1.40). עס פאָרט דורך אַן אויטאָ מיט מתים דורך לעשנאָ, קאַרמעליצקאַ צום פּאַוויאַק און אויפן וועג שלאָגן זיי שרעקלעך״. (ר״א, 1359, שוואַרצבאַרד, 26.12.40). דער באַרימטער אויטאָ פאָרט יעדן טאָג מיט מתים, צו טוישן די וואַרטע. דער מת האָט אים צוגערופן. (דאָרט, 29.12.40. פאַרגלייך: בפ״ג, 1955, ב׳ 8, ה׳ 4—3).

מתים אויף אורלויב — האָבן מיר זיך אַליין מיט ביטערער איראָניע גערופן. (באָכניע, קראָקע. 1940/1, סעלינגער, כ״י, ה׳ 1, ז׳ 65).

מתים־קאָמאַנדאָ — די גרופּע מענטשן, וואָס זיך מטפל געווען מיט די מתים אין ג׳, צי אין די לאַגערן (פאַרברענט זיי). פון דייטש: Leichenkommando.

מתן־בסתר — שוחד. זע: פאַרבייסן.

מתנת־יד — די יידישע פּאָליציי נעמט צו דער אַרבעט, סיידן מען האָט זיי געגעבן דעם ריכטיקן מ״י. (אָפּאָטשינסקי, קינדער אויפן ברוק, ר״א, 430). „געמוזט געבן דעם אמתן מ״י״. (כראָניק פון וו״ג, יולי, 42. ר״א, 1300).

נ

נאַגאַן — רעוואָלווער, פּיסטאָלעט. „אַנגעלאָדענע נ־עס". (ר. פּייגענבערג, ביי די ברעגן, ז' 138). „מיט נאַגאַנעס אין די הענט". (ה. גליק, „זאָג ניט קיינמאָל") ; „נאַגאַן" [אקדת גדול]. (ס. קובל, ז' 418, 423 ; בלסקי, ז' 45 ; טננבוים, דפים, 1.3.43). „אונטער אייזערנע קלעפּ פון נאַגאַן". (ל. ראָזענטאַל, צו איינס, צוויי, דריי, ווילנ"ג). זע : שפּייער.

נאַדכאָדשי — פּויל. קומט אָן. אָנהייב מלחמה דאָס פּוילישע ראַדיאָ אָנגעזאָגט מיט דעם וואָרט, אַז ס'קומען אָן דייטשע עראָפּלאַנען. די ווערטער זיינען אַריין אין יידישן וואָקאַבולאַר, אָנגענומען אַ נייע באַדייטונג : יידן, דערזעענדיק פון דערווייטן אַ דייטש, האָבן געגעבן סיגנאַלן איינער צום צווייטן : ב', אַ דייטש קומט. ער כאַפּט צו דער אַרבעט וכדומה. דעם סיגנאַל האָבן קריסטן געניצט אין האַנדל מיט יידן, וואָס די דייטשן האָבן פאַרוווערט. (קורץ, ז' 147).

נאַ וווּז — „אויפן וואָגן". אָנהייב גרויסער אויסזידלונג (יולי 1942) אין וו"ג, האָט מען די געכאַפּטע געשיקט מיט וועגענער, פּלאַטפאָרמעס, אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. „ווער עס האָט נישט קיין גענוגנדיקע דאָקומענטן, ווערט אַרויסגעפירט (פון הויף) אין גאַס, ווו ס'זענען צוגעגרייט וועגענער, פערד, אַמניבוסן און אַרויף אויפן וואָגן. אַלע ווערן אַריינגעפּאַקט אין !Na wóz. (י. ליכטענשטיין, „צען טעג אויסזידלונג־אַקציע", ר"א, 1509). „דער משומד שערינסקי (קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי) האָט געטראָפן אַ יידן אויף קאַרמעליצקאַ, זיך צעשריען : נ"וו. דער ייד האָט געמוזט אַרויפגיין. (נ. גזשיוואַטש, נאָטיץ, 3.8.42, ר"א, 1337). ל"ג אויסזידלונג, סעפּט. 1942 : „אומזיניק און אומלאָגיש : אַ געשוואָלענער פוס... אַרויף אויפן וואָגן, אַ הויכע פלייצע — אין שמעלץ אַריין". (י. זעליקאָוויטש, כ"י 1943). די אַלע טראַנספּאָרטן גייען אויף אומקום.

נאָוועמבער — סימבאָל פון דייטשלאַנדס מפּלה (נאָוו' 1918 דייטשלאַנד געבעטן וואָפנשטילשטאַנד). פון איין זייט האָט היטלער געפּרעדיקט : „ני ווידער ב'" (קיינמאָל וועט זיך דער ב' נישט אומקערן) ; פון דער צווייטער זייט האָבן די אונטערייאָכטע פעלקער אַרויסגעקוקט אויפן ב', ווי אויפן טאָג פון נצחון. „צום חבר אין תפיסה, טאָג און נאַכט אין נאָוו', הייבן מיר שוין צוביסלעך אָן צו שמייכלען, און ס'דוכט זיך אים, דעם מערדער, ווי ער וואָלט הערן אונדזער שטומע פראַגע : מיינסט, ס'וועט נישט קומען דיין ב'. צינדט אים אָן די נעכ־פּע, און ס'נעמט רויכערן זיין מויל מיט קללות און דעקרעטן : יודע, יודע, יודע". (וו"ג, יוגנט־שטימע, נר' 10/13, נאָוו' 1941).

נאָז — אַ יידישע נאָז — טויט־אורטייל. „עס טראָגט אים אויף דער נאָז און שטערן ווי אַ קין־צייכן". (ראָכמאַן, ז' 17). כדאַי דאָ דערמאָנען דאָס ליד פון לייב כאַר־טינער, טאַרנאָפּאָל:

„אוי! געוואַלט, וואָס טוט מען, וואָס,
אוי וואָס טוט מען מיט דער נאָז?
מ"זאָל אונדז נישט דערקענען,
אַז מיר יידן זענען.
אוי, געוואַלט, וואָס טוט מען מיט דער נאָז".

זע: אַריער, ייד.

נאָ זאַגלאַדען — פויל. אויף פאַרניכטונג. באַנוצט סיי פּאָלאַקן, סיי יידן. „מען וועט זיי אָוועקשיקן קיין אָשוויענטשים, ב"ז. אַזוי זאָלן האָבן בוכשטעבלעך געזאָגט די גלעע (געסטאַפּאָ), נאָוועמבער 1941". (ר"א, 510).

נאָזשקי — פויל. פיסלעך — דראָנג פון די קאַפּאָס, אַז מ"וועט אויסציען די פיס, די „קאַפּיטעס" ד"ה זיי וועלן שלאָגן ביז טויט. (קאַפּלאַן, ז' 39).

נאַטשאַלניק — שעף, ב' פון שטאַב, ב' פאַר באַזונדערע עניינים. (רייך, ז' 137).

נאַכט — „אַכצן חדשים פון אייביקער נאַכט". (ס' איוויע, ז' 598). „און אומעטום איז נאַכט". (י. שפּיגעל, ל"ג, ליד „מאַך צו די אייגעלעך"); „אונדז זעט נאָר די נאַכט" (קאַטשערגינסקי, ליד: שטילער, שטילער א"א).

נאַכן טויט אַ גרויסער פּראָסט — ל"ג, פאָלקס־ווערטל. פּרגל' הערשקאָוויטשעס ליד „דער געטאָ־פּאָליציאַנט". (מ' ז' 633).

נאַכשלאַג — דייטש. (1) ל"ג: נאָכן אויסטיילן די זופּ די אַרבעטנדיקע, אויב ס'איז נאָך עפּעס געבליבן, פלעגט מען עס צעטיילן צווישן די פּני. (2) צוגאָב־אַרבעט.

נאַלאָט — (1) אָנפאַלי פון פיינטלעכע עראָפּלאַנען. (ס' קאַלאָוו, ז' 36). „אין אָוונטן נאָך די נאַליאָטן, מען זיצט ביי דער ראַדיאָ געשפּאַנט". (א. זאַק, יידישע שריפטן, לאָדזש 1948, ז' 14). (2) „דאָס אָפּרייסן זיך פון דער אַרבעט־קאָמאַנדע, כדי צו פאַרזאָרגן זיך אויף דער אַרישער זייט מיט עפּעס עסנוואַרג". (קאַפּלאַן, ז' 27). (3) „אָרגאַניזירן" (זע); בעת די נאַלאָטן פון פיינטלעכע עראָפּלאַנען, האָט מען געקאָנט אָרגאַניזירן פון די דייטשע מאַגאַזינען. (ל. דעמבלין, יו"ש, 1288/242). (4) רעוויזיעס, אַבלאַוועס (זע). (ס' ביטען א"א).

נאַ לעוואָ — פויליש. „דאָס דאָזיקע ווערטל איז בעת דער אָקופּאַציע אַריין אין דייטשן ווערטער־אוצר; ד"ה די מאַטעריאַלן פון דייטשע פירמעס, אין וועלכע יידן האָבן געאַרבעט, אָדער די אויסאַרבעטונגען פון זיי זענען פאַרקויפט געוואָרן אויפן „שוואַרצן" מאַרק. פון דער לייזונג האָבן די אונטערנעמערס מיט אַ ברייטער האַנט געשמירט די ס.ס.־לייט און די ל'־קאָמענדאַנטן. איז געווען אַ יושר, די אַרבעטערס זאָלן אויך דערפון עפּעס געניסן". (ווייכערט, מלחמה, ז' 388). זע: סעלעקציע.

נאַסע — „מפה לאוזן סופר על עינוים, ה,נאַסע' — זו סידרת עינוים שנעשו בכלואים, לאחר שהטבילו אותם במיים". (י. קורנינסקי, בשליחות, ז' 70). זע: פּאָוויאַק.

נאָסעק — פויל. נעזל, צונאָמען פון אַ זשאַנדאַר. „מפני שהיה לו חוטם סולד". (ס' לינטשיץ, ז' 187).

נאָ פּאַטעלניען — פויל. טראַנספּאָרטן, וואָס געגאַנגען פון ל״ג, פון אָנהייב 1942 קיין כעלמנאָ, אויף שמעלץ (זע).

נאַפּאָלעאָן — „איך בורחים הנאַפּוליאונים״ — היה זה מראה שכדאי לזכרו״. (פון אַ טאָג־בוך געשריבן אין אַ בונקער 2.2.44. ס׳ ז׳ולקיב, ז׳ 686). זע: היטלער, מאָסקווע, פירער.

נאַפּאָלעאָן פון דער יידישער אָרדנונגסדינסט — יידן אין וו״ג, ווי אויך דייטשן, אַזוי גערופן דעם פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, דעם אַדוואָקאַט ראָמאַן לייקין (זע), צוליב זיין קליינעם וווקס. (פּוטערמאַן, זכרונות, ז׳ 17).

נאַפּט — בראָנפן. (וו״ג, שמוגלער־לשון).

נאַצי־קהילה — די „אוניאָן זשענעראַל דע איזראַעליט דע פראַנס״ (אוזשיף). (סאָלידאַריטעט, מאַי 1942, ז׳ 92; אונדזער וואָרט, 2.5.1942); „דער יודענראַט פון פראַנקרייך״ (דאָרט, ז׳ 18).

נאַקאַז — די קהילה פלעגט פונאַנדערשיקן „נאַקאַזן־צעטלעך״ צו אַלע איינוווינערס מיט דער אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן צו דער אַרבעט אויף דעם און דעם טאָג. (וו״ג, גאָלדשטיין, ז׳ 89). „ווינטער־צייט 1939/40, האָט די קהילה אַרויסגעשיקט אויפפאָדערונגען צו 6 טעג אַרבעט אין חודש; האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַנדל מיט ,נאַקאַזן׳ ״. (טאָגבוך, 15.6.1942, ר״א, 29).

נאַקלאַד — פויל. „אויפלאַגע״. וואָרנצייכן אין פּלאַשעווער ל׳ ביי דער פּאַפּיר־געמיינשאַפט (זע).

נאַראַנים — ווי מען האָט זיך נישט געקלוגט, איז מען אַלץ געבליבן נאַראַנים. נאָך דער מלחמה, וועט מען אפשר קאָנען פעסטשטעלן, צי עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן היטלערן איבערגעקליגט. (ענגעלשטערן, אין באַהעלטעניש, ז׳ 58).

נאַרטן — „לייענענדיק דעם פּלאַקאַט וועגן אָפּגעבן נאַרטן און די שיך, רופט זיך אָפּ איינער: וואָס וויל ער נ׳? כ׳קאָן אים געבן אַ געדרייטן און אַ קאַלטן״. (ר״א, 9.1.1942). געמיינט: אַ שטריק אויף אויפצוהענגען זיך.

נאַרישע — שטאָט „אַרישע״. „ער האָט געלעבט אויף נאַרישע פּאַפּירן״. (באַרשטשיוו).

נאַרע — „דריי־שטאָקיקע ברעטער־נאַרעס; זאַלבע־צען אויף יעדער נ׳; פינף הונדערט לענג אויס איין וואַנט, פינף הונדערט לענג אויס דער צווייטער וואַנט״. (אוישוויץ, ק. צעטניק, אַ מענטש ליגט אויפן ציגל־אויוון, היימיש, אַפּריל 1958; ס׳ שעדלעץ, ז׳ 695; ס׳ זשעטל, ז׳ 437, 322); אין ל׳ שטראַסדאָרף געווען פיר שטאָקיקע נאַרעס. (מאַשאַ, כ״י יו״ש, ז׳ 55). מעלדונג. בריגאַדירן־ראָט, ווילע״ג, 3.5.43, כדי צו פאַרקלענערן, לויט מעגלעכקייטן, די ענגשאַפט אין די וווינונגען (ווערן איינגעפירט) צוויי שטאָקיקע, איינצלנע און צווייאיקע נאַרעס (פּאָר 2 און 4 פּערזאָן); דער פּרייז: 1. אַ צויישטאָקיקע איינצלנע נ׳ צירקאַ 30 ר״מ (רייכמאַרק); 2. אַ צווישטאָקיקע דאָפּלטע נ׳ צירקאַ 50 ר״מ.

נאָר פאַר דייטשן — אין וואַרשע אויסגעקלעפּט צעטלעך אויף לאַמטערנס און סלופּעס „רעזערווירט, נאָר פאַר דייטשן״ [אויפצוהענגען זיי]. (ר״א, פּאָלקלאָר, ב׳ 2, 10.1.1942).

נאַרציאַשז — יידן אויף אַרישע פּאַפּירן, ווייל ער האָט אַ נאָמען וואָס ענדיקט זיך מיט „סקי" — און סקי באַטייט נאַרטן. באַנוצט דורך פּאָלאַקן און יידן.

נאַ שמעלץ — שיקן נ' ש' אויף טויט. (ל"ג, ראָזענפּאַרב, ב' 3, ז' 483) : זע : נאַ וווז.

נ. בּ. — N. B. (דייטש). נאָטבערייטשאַפט. יידן געטייטשט : נעבעך־בריגאַדע. (פּראָפ' פּרעסער, ל' וועסטערבאָרג, ב' 2, ז' 340 (האָלענדיש).

נ. ג. ל. — אַרבעט אין נ. ג. ל. אויפּרייס־פּולווער פון ניטראָ־גליצערין. (ל. פּיאָנסקי, ס' סקערניעוויץ, ז' 50)).

נ. ג. נ. פּ. — נישט געשטויגן נישט געפלויגן. אַ נייע ידיעות־אַגענץ. (רינג', סוף 1939).

נדוניא — „על קירות הגיתה (!) הודבקה מודעה בזה הלשון : רוצה אני לארש לי אשה, בת מנהל המטבח וג' מסכום של ארוחות שלא מן השורה". (ל"ג, מן המיצר, יולי 1941, דפים, חוברת א').

נדר — נאָך אַ יאָר ג' דערלויבט צו דאַווענען אין שולן. ביי דער דערעפענונג פון דער סינאַגאָגע, זענען געקומען אַלע שיינע מחותנים און אויך די אָן אַ פּנים, אָבער מיט מזומנים. ביים אויפרופן צום ספר ביי מי שברך, אַז ס'איז געקומען צום „בעבור־שנדר", האָבן זיך אַלע פון גרויס גדולה פאַרגעסן און יעדער האָט געענטפערט לויט זיין געוווינהייט : „דער דירעקטאָר פון דזשוינט, ה. ג., ווי אַלע זיינע מענטשן = קומט מאָרגן. דער ג־ר פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט ביי דער גמינע : וואָס עפּעס אַלע צו מיר ? דער באַקאַנטער יידישיסט ל. : איר קענט רעדן יידיש. דער באַקאַנטער אַפּראָוויזאַציע־פירער ש. : אַהאַ, שאַפּאַ גראַ ! דער באַאַמטער ש. : ניע ראָזומיעם פּאָ זשידאָווסקו. דער באַקאַנטער גמינע־דאָזאָר ה. : אַ נעמער איז נישט קיין גיבער !.. דער באַרימטער סוחר פון קוילן, מ. : ביי מיר ברענט נישט. צום ערגסטן איז געווען מיטן אַפּראָוויזאַציע־סוחר פּ. : ער האָט זיך פאַרגעסן און די צווייטע ברכה געזאָגט אַנשטאָט „אשר נתן" אויף „אשר בחר". ווען מ'האָט אים דערנאָך אַ פרעג געטון : סטייטש ? האָט ער געענטפערט : „ווייסט דאָך, ערשטנס בין איך נישט קיין נותן, און צווייטנס, הייב איך אָן צו בחרן, פאַרגעס איך אויפצוהערן". (ר"א).

נויט ברעכט אייזן — אַ פּשיטא = פּחד. (ג' שאָוועל, ירושלמי, כ"י, 24.12.1942).

נויט־הילף — דייטשע אָרגאַניזאַציע „טעכנישע נויט־הילף" (T. N.). יידן געאַרבעט אין אירע אָפּטיילונגען. אויסווייז־ (זע) קאַרטן פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר יידן. (ס' זאַבלאָטאָוו, ז' 195).

נומער — אַ טראַנספּאָרט יידן קומט אָן קיין אוישוויץ. נאָך אַ סעלעקציע (זע) טיילט מען אָפּ די „נישט־אַרבעט פעיקע", וואָס גייען אויף שמעלץ (זע). דער רעשט אַ 10%, שיקט מען אין ל' אויף אַרבעט. „מען הויבט אָן די טאַטואַציע. יעדער באַקומט זיין נ', פון דעם מאָמענט האָסטו דיין איך פאַרלוירן. דו ביסט היינט אַ גאָרנישט זאָגנדיקער, אַ גאָרנישט ווערטיקער באַוועגלעכער נומער". (גראַדאָווסקי : כ"י אוישוויץ, 1944 ; מאַרק : מגילת..., ז' 334, ענלעך ; כהנא, יומן ג' לבוב, ז' 67). זע : הונט־צייכן, טאַטואירן.

ניאילאַס — Nyilas, אונגאַרישער פאַשיסט. (וועלינגער, כ"י, ה' 6, ז' 3 א"א).

נומערקאָווי — ייד מיט אַ לעבנס־נומער. (וו"ג, בריסקער, כ"י). זע : לעבנס־שיין.

נוסח לאָדזש — „ביז איצט האָבן בלויז אייניקע יודענראַטן אויף באַפעל פון די דייטשן אין זאַגלעמביער קאַנט, אַרויסגעשיקט אַ גרויסע צאָל יידן, נוסח לאָדזש". (ר"א, אָפּאָטשינסקי, נאָטיץ 16.12.42). פון לאָדזש זענען אָפּגעגאַנגען טראַנס־פּאָרטן קיין כעלמנאָ־קולמהאָף אויף פאַרניכטונג, זייט דעצעמבער 1941.

נוסח לובלין — מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ס'וועט זיין סתם אַ כאַפּעריי צום אָבוז (זע); אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַבלאַוועס (זע), און די געכאַפּטע יידן וועט מען אַוועקשיקן על פּי נוסח ל'; אַנדערע ווייטער האָבן געזאָגט, אַז עס זאָל פאַרקומען אַ געוויינטלעכער „יידן־גירוש". (הובערבאַנד, כ"י 1.5.42, ר"א, 1315). פון לובלין האָט מען מערץ־אַפּריל 1942 אַרויסגעשיקט אַ 30.000 יידן אין טויטן ל' בעלזשעץ. „דער נייער גירוש פון קראָקע איז פאַר־געקומען, ווי מען דערוווסט זיך, הייַנט ביינאַכט (על פּי נוסח לובלין)". (וו"ג, אָפּאָטשינסקי, כ"י, 4.11.1942).

נויט־יידע — אַ ייד וואָס האָט אַן אויסוויז, אַרבעט־קאַרטע, אַז די מאַכט האָט פון אים אַ נוצן. (וויינבערג, כ"י, ז' 11). „נאָך סוף 42', דער שטעמפּל, נ"י באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע פאַר נישט אַרויסגעטריבן ווערן". (דאָרט, ז' 35).

נוצלעכער ייד — אַרבעטנדיקע יידן, צוליב דעם האָבן זיי שאַנסן צו בלייבן לעבן. (ס' ביטען, ז' 213); זיי וועט קיין שלעכטס נישט געשען. (דאָרט, ז' 221); „די נ"י — 70 אין צאָל, האָבן באַוויזן צו באַזאָרגן זיך מיט „**לעבנס־שיינען**" פאַר גרויסע סומעס געלט, געוווינט אויסערן ג', געאַרבעט פאַר דער זשאַנדאַר־מעריע". (שטריגלער, אינזלען, ז' 61); די נ"י ווערן ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט נישט אַנדערש באַהאַנדלט, ווי אַלע אַנדערע יידן. (דאָס וואָרט, ז' 147; ס' סווענציאַן, ז' 613). זע: לעבנס־שיין.

נ. ז. — רוסיש: „אומבאַרירלעכער זאַפּאַס" (פון עסנוואַרג), וואָס יעדער פּאַרטיזאַן באַקומען און געדאַרפט היטן אויף אַ שלעכטער צייט. (ס' זשעטל, ז' 399). „צוגענומען ביי מיר די נ"ז". (דאָרט).

נחמה — „עד שתבוא הנחמה, תצא הנשמה". (קפלן, כ"י, 16.1.1940).

נייטראַלער פּלאַץ — טייל פון באַלוטער רינג אין ל"ג, וווּ ס'האָט זיך געפונען די פאַרשטייערשאַפט פון דער דייטשער געטאָ־פאַרוואַלטונג און וווּהין ס'האָבן געקאַנט אַריינקומען יידן, מיט געהעריקע אויסווייזן. דאָ איז פאַרגעקומען דער אויסטויש פון סחורות צווישן ג' און אַרישער זייט. זע: באַלוטער פּלאַץ.

ניין גראַם — וואָג פון אַ קויל. עופעמיזם פאַר טויט. „באַקומסטו נ"ג אויפן אָרט". (ש. קאַרטשאַווער, כ"י, ז' 180).

ניינטלעך — פאַרשטייער פון דער יידישער פּאָליציי אין וו"ג. (טורקאָוו, וואַרשע ווײלט זיך, ר"א, נר' 30).

ניי־יאָר — „1942 האָט דער עולם געשיט מיט פאַרשידענע וויצן, דערמיט פאַרבונדן. צוו"א האָט מען פאַרציילט, אַז דאָס יאָר 1942 וועט הייסן 41a, ווייל היטלער האָט צוגעזאָגט זיין פאָלק צו פאַרענדיקן די מלחמה נאָך אין יאָר 1941". (רינג', יאַנואַר 1942).

נײַנטער פֿאָרט — פֿאָרט אין קאָוונער פֿעסטונג, ווּ אומגעבראַכט יידן. „נאָוו. 1943 ברענט מען די מתים פֿון נײַנטן פֿאָרט". זייער צאָל האָט די סאָוועטישע קאָמיסיע אָפּגעשאַצט אויף 70,000. (יעלין, ז' 95/7, 104). זע: פֿאָרט. אין דער גרעסטער ווערקשטאַט פֿון קאָוונער ג' (Töpferei), אויסגעאַרבעט כּלים פֿון ליים, האָבן פֿאַרפֿעלט מומחים צו דער אַרבעט. די דײַטשן ווענדן זיך צו יידן מיטן פֿאָרשלאָג, אויסצוגעפֿינען מומחים אַפֿילו מחוץ ג', וואָס זיי וועלן אַריבערברענגען קיין קאָוונע, באַשעפֿטיקן אויף גוטע באַדינגונגען. אַ ייד ווענדט זיך צו זיי, אַז ער ווייסט ווּ ס'געפֿינען זיך אַ סך אויסגעצייכנטע מומחים. דער פֿאַראינטערעסירטער דײַטש פֿרעגט, ווּ דאָס אָרט געפֿינט זיך: „אין נײַנטן פֿאָרט" — ענטפֿערט דער ייד. (לוריא, קובנה, כ"י, ז' 184).

נײַנער מאַרקן — אין ל"ג האָבן די אַרבעטלאָזע באַקומען פֿון 20 סעפּטעמבער 1940 ביז סוף 1941, נײַן מאַרקן אַ חודש שטיצע (זע: זאַסילעק); פֿאַר קינדער ביז 4 יאָר — 7 מאַרק. „ליד פֿון די נײַנער מאַרקן". (מ. ז., נר' 126; פּראַנק, כ"י 18.6.1941; לוח פֿון ג"ל, 1942). זע: נישט נײַן...

נײַנצנטער — באַראַק נומער נײַנצן. „דער נײַנצנטער איז אַ שם־דבר אויפֿן דריטן פֿעלד. דאָס איז דער ספּעציעלער באַראַק, ווּהין מ'קלויבט אָפּ די באַשטימטע צו דער גאַז־קאַמער. דאָס אַרויסנעמען שוואַכע פֿון ב' צום פֿאַרגאַזן, פֿאַרגעקומען בײַנאַכט, קיינער זאָל נישט זען. ווער ס'איז שוואַך, איז אַוועק אין ב'". (שטריגלער, מאַידאַנעק, ז' 50, 150).

נײַע דאַטשע — אָנגעקומענע „דײַטשן" — יידן פֿון דײַטשלאַנד — אין ל"ג. (טאָגבאַריכט, 22.10.1941).

נײַעס — „די וואָס ווייסן נישט וואָס צו זאָגן און די וואָס ווייסן (וועגן גורל פֿון ג') ווילן נישט זאָגן". (ל"ג, הילער, 13.6.1944). „ווי אַזוי יידן דערציילן זיך נײַעס? כ'בעט דיך, זאָג מיר עפּעס נײַעס. מ'הערט אַזויפֿיל גוטס אין גאַס: סמאָלענסק איז גענומען, לעמבערג גענומען, דער רוס אין עסטלאַנד. דערנענטערט זיך צו מזרח־פּרײַסן. — ס'איז אַלץ ליגנט. גלויב נישט די נאַרישקייטן! — אוי, אוי, זײַט נישט קיין שלעכטער, זײַט מיך מיט עפּעס מחיה. זאָל זײַן ליגנט מיט אַ ביסעלע אמת באַשמאָלצן. טאָ הערט זשע: היטלער האָט זיך דערטרונקען אין דער נעווע. גערינג אַנטלאָפֿן קיין זשענעווע און געבבעלס געוואָרן משוגע; אַנשטאָט צו שרײַבן און רעדן, האָט ער אָנגעהויבן צו רעווען. — הונדערט יאָר זאָלט איר מיר לעבן. אויב ס'איז נישט הײַנט אמת, וועט עס זײַן אמת מאָרגן. כ'לויף שוין דערציילן די נײַעס. (נחמיה ראָכעלעס, ר"א, פֿאָלקלאָר, ב' 2, 3.1.42).

נילע — פֿון העברעיִשן: נעילה. אין טערעזיענשטאַט באַטײַט עס דעם טאָג פֿון באַפֿרײַאונג. „עס גייט צו נעילה". (אַדלער, טערעזיענשטאַט, רשימה פֿון ווערטער).

ניעמצי — פּויל. דײַטשן — נעם צו; אַלעמאַן (פֿראַנצויזיש: דײַטשלאַנד). אַלעס מײַן, (רינגל', 13.12.1940).

ניע קאָזשדי פּרײַטאָג פּיאָנטעק — (פּיאָנטעק אויף פּויליש איז „פֿרײַטאָג"). „צווישן די פּוילישע יידן אין ל' דירענפֿורט, האָט דאָס באַטײַט: „נישט יעדן טאָג וועט איר קריגן אַזאַ זופּ". (קאָנקורס, נר' 32, ז' 31).

ניק — NIK. ‏7.11.1940 געשאַפֿן אין ל״ג די העכסטע קאָנטראָל־קאַמער. פּויליש. Najwyższa Izba Kontroli (לוח פֿון ל״ג, 1942). דייטש: H.K.K. — Höchste Kontroll-Kamer. אויפֿגעלעזט 3.11.42. (כראָניק פֿון ל״ג, ב׳ II).

נישט די וועלט, נישט יענע וועלט, נישט (נאָר) רוזוועלט — קיינער העלפֿט נישט. (וו״ג; ל״ג). זע: רוזוועלט.

נישט דיין (מיין, אונדזער) מזל — ווערטל אין קאָוונער ג׳ ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ס׳האָט זיך געפּאַסט, און ווען נישט. (לוריא, כ״י, ז׳ 439). ווען עפּעס איז נישט געלונגען; באַקומען אַ שלעכטע אַרבעט־שטעלע וכד׳ (קאַפּלאַן, ז׳ 30).

נישט וויסנדיק, וואָס דער מאַרגן ברענגט מיט זיך מיט, פּאַראורטיילט בין איך, ווייל כ׳בין אַ ייד. (וולאָשטשאָווע, ג. קעלץ).

נישט נייַן, נאָר צען — „ביז 60 י׳ קומט זאַסילעק (זע) 9 מאַרק; פֿון 60 י׳ — 10 מאַרק. זאָגט מען, אַז ס׳וועט בלייבן 10, ווייל ביז ס׳וועט קומען אין דער האַנט אַריין, וועלן אַלע גראָ און אַלט ווערן. (ל״ג, אַבי, נ״י 24).. זע: ניינער מאַרקן.

נישט קיין מאַזעלע — מיט דעם ווערטל האָבן די תקיפים באַרויקט די יעניקע, וואָס מ׳האָט צוגעשטעלט צו שווערער אַרבעט. (קאַפּלאַן, ז׳ 30)).

נישט קיין שמעקעוודיקע ווייצן — „איין ייד טרייסט דעם צווייטן, וועלכער קלאָגט זיך, אַז ס׳איז אים שוין אַזוי ענג און שווער אין געטאָ, אַז ער וועט זיכער נישט אויסהאַלטן, מיט אַ משל: אין אַ וואַגאָן איז געפֿאָרן אַ רבי מיט חסידים, ווו ס׳איז איינגעזיצן אַ פּויער. דער פּויער האָט געלאָזן פֿון זיך אַזעלכע ריחות, דאָס מ׳האָט געקענט דערשטיקט ווערן. די חסידים בעטן דעם רבין, מ׳זאָל אַרויסגיין. דער רבי לאָזט נישט, הייסט עפֿענען איין פֿענצטער, דערנאָך אַ צווייטס. דער פּויער טוט אָבער ווייטער דאָס זייניקע און די לופֿט איז ממש סכנת־נפֿשות. די חסידים בעטן ווייטער, און דער רבי הייסט עפֿענען די טיר. זעענדיק ווי די חסידים האָבן פֿאַרדרוס, גיט ער אַ געשריי: „וואָס פֿאַרשטייט איר נישט, שוטים? איר וועט אויסהאַלטן! אים דאַקעגן וועט גאָרנישט העלפֿן, ער וועט צום סוף מוזן אַרויסגיין״. געהערט פֿון ד״ר ל׳. דער ערשטער צי דער לעצטער חורבן: נאָך אַפּעסן אַ זופּ פֿון פֿאַרפֿרוירענע קאַרטאָפֿל מיט נישט־פֿריש קרויט אָדער פֿון האָבער פֿאַר בהמות אין אַ פֿאַלקס־קיך, גייט אַ יידענע אויף דער גאַס און לאָזט מענטשלעכע ריחות, יעדעס מאָל שרייט זי אויס: אוי, אַ חורבן! אַן עלטערער ייד וועלכער גייט הינטער איר, קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און זאָגט מיט אַ טענה: אפֿשר, יידענע, וועט איר זיך דאָך אָוועקזעצן זאָגן קינות? (ר״א).

נס — מ׳גלייבט אין אַ נס: אָדער דער פֿריץ אָדער דער הונט וועט פּגרן. (יו״ש 2־11/9. P. M.; ביאַל״ג).

נ. ס. ד. אַ. פּ. — N. S. D. A. P. קיצור פֿון נאָמען פֿון דער היטלער־פּאַרטיי: Nationalsozialistische Deutsche Arbeiter-Partei. נאָך סטאַלינגראַד האָט היט־לער באַקומען אַ טעלעגראַם פֿון רוזוועלטן: NSDAP — KDF — USA. היטלער פֿאַרשטייט נישט וואָס דאָס מיינט, שיקט ער נאָך אַ רב און דער האָט

די ראשי תיבות ענטציפערט: נעם זאפארט דיינע אלטע פינזלען — קאופע דיר פארבען — און זוכע ארבעט... KDF = ארגאניזאציע איינצואָרדענען די פרייע צייט. ד״ר י. גרובער געהערט דאס אין רומעניע אין געפאנגענשאפט, 1941/2.

נ. ס. ק. ק. — (דייטש ; N.S.K.K. — Nazionalsozialistische Kraftfahrkorps), מאטאריזירטער אפטייל פון דער נ. ס.־פארטיי. יידישע בריגאדע (זע) פון קאוו״ג געארבעט ביי אן אפטייל פון דער נ.ס.ק.ק. וואס האט צווישן זיך אפגעחוזקט פון די נאצים: „וואס עפעס תמיד: נ. ס. — קאקא, ס׳קאן דאך אויך זיין נ. ס. — פי־פי (NS Pi־Pi). אזוי טאקע גערופן די ארבעטשטעלע. די דייטשן פון ארבעטאמט, „נישט געווען פון די ערגסטע״, האבן דאס אונטערגעהערט און באשטראפט בלויז מיט קלעפּ. (עדות: כאנאנאוויטש).

נעאפיטן־שטראסע — שענגע־גאס (געהערט אין אנהייב צום וו״ג) הייסט (ביי די יידן) נעאפיטן־ש׳, ווייל דארט וווינען א סך משומדים. דאס זעלבע עלעקטאראלנא, באזונדערס נר׳ 11, „ווּ עס הענגען אין די פענצטער א סך בילדער פון קריסטוסן און ענלעכע זאכן״. (אין די וווינונגען פון געשמדטע יידן). (רינג׳, 15.11.1940).

נע בוק דורניוּם — ליטוויש: זיי נישט קיין נאר. אנגעקומען א בריוו פון א ל׳. „איך גיי נישט ארויס צו דער ארבעט, ווייל האב א צעטל: נע... (געמיינט נישט גיין צו דער ארבעט, אויסבאהאלטן זיך וכד׳). (ירושלמי, פנקס שבלי, 14.5.43).

נעגער — (פויל׳ Murzyn), יידן אויף דער ארישער זייט, ווארשע. דער הונגער האט דערפירט, אז בעת די אויסזידלונגען מערץ 1944, האט זיך געשאפן א מענטשן־האנדל. פאר צוויי לאבן ברויט און 1 ק״ג צוקער, האט מען געקאנט קויפן א פארטרעטער צו פארן אויף ארבעט מחוץ דעם ג׳. מ׳האט זיי גערופן נעגערס. (ל״ג, הילער, כ״י, ז׳ 172).

נעם א כאפטע און פליוכע אן — נעם א טארבע און שיט אריין גרויפן אדער צוקער, קיין דייטש זעט מען נישט. (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 94).

נעמענסווירדיגעס — „א שטויס אין דער טיר, ס׳באווייזן זיך צוויי דייטשן. זוכן ארום (מענער צו דער ארבעט) אין דער גאנצער שטוב. איינער ווארפט, דרך אגב, א בליק אין שופלאד, אפשר וועט ער ביי דער געלעגנהייט געפינען עפעס ב׳. זיי עפענען די שאנק, צעווארפן דאס בעטגעוואנט. די דייטשן הויבן אן געוואלדעווען (זיי האבן, דאכט זיך, איבערהויפט נישט געקאנט ריידן שטיל): „וואו זינד די מענער?״ (ראדאם, אנדענק־בוך, ז׳ 84).

נעסקע — (1) ווארנצייכן אין טרעבלינקע. ווען די דייטשן האבן שוין געקענט דעם פאראל, האט מען אים פארטרעטן מיט „זעקס״ (זע) און אויף די לאלקע (עס־עס־מאן) „דאפלט זעקס״. ווען מיר האבן געהערט „דאפלט זעקס״, האבן זיך די האר געשטעלט קאפויער. ווען דער נאמען איז אים געווארן באוווּסט, האט מען גערופן „אתרוג״. (תנחום גרינבערג, א געראטעוועטער פון ל׳).

(2) אַכטונג, ער גייט. דאָס וואָרט באַצייכנט אַ געסטאַפּאָ־מאַן. „נעסקן גייט" — זאָגט דער אויפזועער, אַ פּאָלאַק, געהערט דאָס וואָרט און נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס באַטייט. (מינסק־מאַז., לייב ראָכמאַן).

נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן — ווען מ'האָט פֿאַראָרדנט אין סטאַשיוו, אַז יידן באַקומען טעגלעך אַכט דעקאַ ברויט און פּאָלאַקן 15, פֿרעגט איינער דעם צווייטן: וואָס וועט אַ ייד מאַכן מיט אַכט דעקאַ ברויט? איז געווען דער ענטפֿער: ער וועט האָבן נ.צ.ל.א.נ.צ.ש. — און וואָס וועלן האָבן די פּאָ־לאַקן פֿון 15 דעקאַ? — נישט צו שטאַרבן און נישט צו לעבן. (שמחה ראַטענבערג).

נצחון — ביזן 1־טן יאַנואַר האָבן געגלויבט אין נ' פֿון אַשכנז יינגער פֿון 35 יאָר; פֿאַרן ערשטן מאַי (העס פֿליט קיין ענגלאַנד) — אונטער 30 י'; נאָך מעשה העס — אונטער 20 יאָר. (רינג', סוף מאַי 1941, כ"י).

נ'צ'ל' (ניצל) — ראשי תיבות פֿון די זיילן פֿון יודענראַט: נירלער, צימער, לעמפּערט. זיי האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די באַשיצערס און רעטערס פֿונעם כלל ישראל. ביים ברייטן עולם גערופֿן „ניצל". דער „ניצל" האָט נאָרמאַל געאַרבעט. „ביים „ניצל" פֿלעגט מען זיך קענען אויסקויפֿן פֿאַר הויכע סכומעס". (סקאַלאַט, ווייסבראָט, ז' 66).

נרצה — אָפּרוף־צייכן נאָכן אַדורכגיין די געפֿאַר, וואָס מ'האָט באַצייכנט מיט „הלל־הגדול", נאָך דעם גייט אין דער הגדה טאַקע נרצה. (קאַפּלאַן, ז' 8).

ס

ס. S. — „דער לייטער פון רעסאָרט האָט באַקומען אַ גאַנצע פושקע S (חזיר־פלייש Schwein); דער לייטער פון ביוראָ — אַ האַלבע פושקע ס׳". (פּאָזנאַנסקי, פּויל. ז׳ 64. „ס׳=פלייש — פושקעס קאָנסערווירט שווייַנען־פלייש". (הילער, 15.5.44).

סאַבאַדילאַ — אַ מאַשטש „צו די קינדישע קעפּלעך". (ר"א, ווייַנגאַרטן, ז׳ 196).

סאַוויסאַוגאַ — ליטווישע זעלבשוץ. (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 71).

סאַוועטשיקעס — סאָוועטישע באַאַמטע, אָפּיצירן, וואָס זענען געקומען מיט דער רויטער אַרמיי ביים פאַרנעמען די מזרח־שטחים פון פּוילן; דערנאָך זיי פאַרלאָזט מיטן אויסברוך פון דייטש־סאָוועטישן קריג. „די ס׳ איבערגעלאָזט זייערע זאַכן ביים פאַרלאָזן ביאַליסטאָק. קיין ווערטפולע זאַכן כמעט נישט געהאַט". (פּ. קאַפּלאַן, צו דער געשיכטע, כ"י).

סאַטניע — רוס. אָפּטיילונג פון הונדערט זעלנער, פּאַרטיזאַנער. (ס׳ זשעטל, ז׳ 415).

ס׳איז אים גוט, ווי אַ בערשטן־מאַכער — (וו"ג, יולי 41 ר"א, 216). זייער שאַפּ געהאַט פאַרהעלטניסמעסיק בעסערע באַדינגונגען פון אַרבעט.

ס׳איז אַ פראַגע פון טעג — אַ 5־6 הונדערט טעג און מיר זענען פריי! (ווילנער גלייכווערטלעך, ייוואָ־בלעטער, 1947 ב׳ XXX, נר׳ 1).

ס׳איז גוט — זייער פאַרשפּרייט ווערטל. אין יענער צייט האָט מרדכי געבירטיק פאַרפאַסט און געזונגען זיין לידל.

ס׳איז גוט; ס׳איז גוט; ס׳איז גוט.
יידעלעך שרייען: ס׳איז גוט.
דער שונא, דער ווילדער,
גייט גרויזאַם און שנעל
און ווו נאָר ער קומט, ווערט
פון לעבן אַ תל.
און יידעלעך שרייען: ס׳איז גוט.
און יידעלעך קוועלן — ס׳איז גוט.
ס׳איז ווייל, ס׳איז פיין
ס׳קען בעסער נישט זיין.

(קראָקע, ג׳, מאַי 42׳).

א. קפלן: „ואולי צדקו ליצני הדור המחליטים והאומרים שטוב טוב לנו, שהמלחמה תארך זמן רב, כי משיבוא השלום, מצבנו עוד יורע יותר". (כ"י, וו., 25.9.40). „און אפשר זענען גערעכט די לצנים פון אונדזער צייט, וואָס האָבן באַשלאָסן און טענהן, אַז ס׳איז גוט, גוט אונדז, וואָס די מלחמה פאַרציט זיך, ווייל ווען ס׳וועט קומען דער שלום, וועט אונדזער מצב נאָך ערגער ווערן".

„אין ג׳ האָט זיך דאָס וואָרט „גוט" אַזוי געהאַט אייַנגעבאַקן אין טאָג־טעגלעכן געשפּרעך, ווי אַ באַגריסונג. אַז צוויי מענטשן האָבן זיך געטראָפן, אַנשטאָט איינער זאָל זאָגן „גוט מאָרגן", צי „אַ גוטן אָוונט", האָט מען זיך

געפרעגט „וואָס הערט מען ?" און אויף דער פראַגע איז געקומען אַן ענטפער „ס'איז גוט". דאָס וואָרט „גוט" האָבן אַלע באַנוצט, פון יונג און אַלט, פרויען און מענער.

מ'דערציילט, אַז אויף דעם געוויין פון די ג'־יידן, האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך אין ג' אַריין, כדי אויסצופאָרשן די לאַגע, צי ס'איז אמת, אַז די יידן איז אַזוי שלעכט. דאָס ערשטע וואָס דער מלאך האָט געטאָן, איז געווען גיין אין גאַס און זען, ווי די ג' זעט אויס. טרעפט ער גיין אַ ייד, ניט שלעכט אָנגעטאָן און מיט אַ נישט שלעכטן אויסזען. פרעגט ער אים: ר' ייד, וואָס הערט מען ? — ס'איז גוט — ענטפערט דער ייד. — ווו אַרבעט איר ? — פרעגט אים דער מלאך. — אין רעסאָרט אַלס קעראָווניק — ענטפערט דער ג'־ייד. — דו טויגסט נישט ! — און דער מלאך גייט ווייטער און טרעפט אַ צווייטן ייד. — וואָס הערט מען ר' ייד ? — ס'איז גוט — ענטפערט דער ייד דעם מלאך. — און ווו אַרבעט איר ? — אין אַ קוך. — דו טויגסט נישט — און ער גייט ווייטער, ביז ער קומט אין אַ רעסאָרט אַריין. טרעפט ער אַ יידן גיין איינגעבויגן, דאָס פּנים אויסגעדאַרט, די פיס — קוים וואָס זיי באַוועגן זיך. ער שטעלט דעם ייד אָפּ. — ר' ייד, וואָס הערט מען ? — וואָס זאָל מען הערן, מען זאָגט אַז ס'איז זייער גוט. — אַזוי גוט איז אייך ? — פרעגט דער מלאך דעם קראַנקן שניידער־אַרבעטער. — יאָ, זאָגט דער שניידער, מען זאָגט, אַז ס'איז זייער גוט.

איז דער מלאך זייער בייז געוואָרן און אַנטלאָפן. ווען ער איז צוריק געקומען אין הימל אַריין און אָפּגעגעבן אַ באַריכט, האָט גאָט געזאָגט: „אויב זיי איז אַזוי גוט, דאַן זאָלן זיי נאָך ליגן אַ ביסל אין געטאָ". (ל"ג, י. הילער, כ"י, 8.5.44).

דעם זעלבן אַנעקדאָט האָט מען אויך דערציילט אַזוי:

פון הימל האָט מען אַראָפּגעשיקט קיין אייראָפּע אַ מלאך אויף אינספּעקציע. קומענדיק קיין לאָנדאָן, האָט ער אָנגעטראָפן פול געפּאַקטע קאַפעען, קאַבאַרעטן און רעסטאָראַציעס מיט ציוויל געקליידטע מענער, וועלכע האָבן כסדר געשמועסט וועגן מלחמה און וועגן געבן קלעפּ דעם דייטש. זעלטן ווו עס איז אים אויסגעקומען צו זען אַ מאַן אין מיליטערישע בגדים.

פון לאָנדאָן איז דער מלאך געקומען קיין בערלין, ווו ער האָט אומעטום אָנגעטראָפן מענטשן אין מיליטערישע קליידער. דאָס גאַנצע לעבן דאָרט האָט אויסגעזען ווי אין אַ קאַזאַרמע, דאַקעגן האָט מען נאָר גערעדט וועגן שלום. צום לעצט איז דער מלאך געקומען אין וואַרש' ג', ווו ער האָט אָנגעטראָפן אַ טרויעריק בילד פון יידישן לעבן. פול די גאַסן מיט יידישע מתים, צוגעדעקטע מיט צייטונגען. באַמערקט האָט ער אָבער, אַז ווען איין ייד פרעגט דעם אַנדערן וואָס הערט זיך ? רייבט זיך דער צווייטער ייד די הענט און ענטפערט: „ס'איז גוט". (ביאַלע פּאָדלאַסקע, מ. י. פייגענבוים).

דער רבונו של עולם האָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך אויף דער ערד, ער זאָל זען וואָס עס טוט זיך. ער איז צוריק געקומען און דערציילט: אין דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן זענען אַלע מונדירט און רעדן וועגן שלום. אין פוילן

גייען אַלע באַרוועס און גלויבן אין נצחון. די יידן אין פּוילן זאָגן, אַז עס וועט גוט זיין. (רינגב׳, 29.11.1940).

„ווו מען גייט, הערט מען נישט מער ווי ס׳איז גוט. ייִנג און אַלט, אַלעס שרייט: ס׳איז גוט.

ס׳האָט מיך פאַרהאַלטן אַן אַלטער ייד אין גאַס. לויטן אויסזען און לויטן רעדן, האָב איך פאַר זיך געהאַט אַ קראַנקן וואָס וועט די מלחמה נישט אויסהאַלטן. דעסוועגן פרעגט ער מיך: — רב ייד, זאָגט מיר, ס׳איז אמת, אַז ס׳איז גוט? — זיכער! — האָב איך אָפּגעענטפערט, כדי דעם קראַנקן יידן אַ ביסל מוט אַריינגעבן. — לויב צו גאָט! אפשר, אפשר וועל איך דערלעבן די נקמה אין אונדזערע שונאים. אַזוי האָט דער קראַנקער ייד זיך געבעטן נקמה!" (הילער, 24.7.1944).

אַפילו נישט־יידן האָבן אין יענער צייט געוואָנדן אויף דעם זייער אויפֿמערקזאַמקייט. אין אַ היימישער צייטונג — גיט איבער דער עדות שוואַרץ פון ביטשוטש — האָבן די פּאָלאַקן געשריבן: Żydzi mówią, s'iz gut! דאָס זעלבע ד״ר זיגמונט קלוקאָווסקי, דירעקטאָר פון שטשעבזשעשינער שפּיטאָל, אין זיין טאָגבוך: Pamiętniki, 4.2.1942 — ווי אַזוי איז די לאַגע? — זייער גוט. — אַז ס׳איז יאָ אַזוי גוט, טאָ וואָסזשע איז אַזוי שלעכט? (לעמבערג, עדות).

די צוויי לעצטע יידן ווערן געפירט צום טויט. פרעגט איינער: — וואָס הערט זיך? — ענטפערט דער צווייטער: — ס׳איז גוט. (לעמבערג).

אין זיינע זכרונות „Płowa bestia" שרייבט פ. ווידערמאַן: „אַז האָסט פאַרן קריג געפרעגט אַ יידן, וואָס הערט זיך, האָט ער געענטפערט: ס׳איז שלעכט, זייער שלעכט, ערגער קאָן שוין נישט זיין. פּרוּוו הייַנט דעם זעלבן יידן פרעגן, ווי אַזוי ס׳גייט אים, וועט ער תיכף ענטפערן: גוט, זייער גוט, פון טאָג צו טאָג ווערט בעסער. (סאָסנאָוויץ, אַפּריל 1942, ז׳ 38).

ס׳איז גרינגער איבערצושמוגלען דעם בוג ווי אַריבערצוגיין די באַלעווקעס. דורכן בוג זיך געשמוגלט פון דייטשן „אינטערעסנגעביט" אין סאָוועטישן. (ר״א, 1364).

ס׳איז הודו! — ביי וועלן יענעם איבערגעבן אַ בשורה טובה און מורא האָבנדיק עס אַרויסצוזאָגן בפרטיות, גיט מען אַ זשמורע מיט די אויגן: ס׳איז הודו! מיינען מיינט מען דערביי די באַקאַנטע קאָמפּאָזיציע און פילם: הודו לד׳ כי טוב, כי טוב. (ל״ג, ג׳־לשון 1007). זע: הודו.

ס׳איז נישטאָ קיין גבורה צו שטאַרבן, ס׳איז איצט די העכסטע גבורה צו לעבן. (ק. צעטניק, דער זייגער, ז׳ 37).

ס׳איז פאַרט בעסער „פאַרגעזען ווי נאָכגעזען". (ע. קוטשינסקי, אין די שפּאָגען פון הונגער, כ״י, ב׳ 1, ז׳ 166).

סאָיעדיניעניע — רוסיש. צוזאַמענשלוס פון עטלעכע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדעס. (כהנוביץ, ז׳ 51; ס׳ ביטען, ז׳ 520).

סאַכאַרינטשיק — „ער ווייסט, אַז אָט־אָט און די ס׳־עס ציען אויס פון דאַנען". צוליב דעם איבערגערוקט די פּאָליציי־שעה, מ׳זאָל נישט זען, ווי זיי אַנטלויפן. אַי, וואָס דער ס׳ דערציילט דאָרט, ווייס איך וואָס?

דאָס וואָרט ס׳ שטאַמט נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת די דייטשן האָבן אָקופּירט אונדזער שטאָט, ביאַלע פּאָדלאַסקע. פאַר די ביאַלער יידן זע־נען דעמאָלט אַנטפּלעקט געוואָרן די דייטשע ערזאַץ־לעבנסמיטל, דערונטער סאַכאַרין, אַנשטאָט צוקער, וואָס האָט אויסגעפּעלט. דעמאָלט איז אויך אַריין אין דער מאָדע מאַרמעלאַדע. פון דעמאָלט אָן שטאַמען די אויסדרוקן „ס׳ ״ און „מאַרמעלאַדטשיק״ אויף צו באַצייכענען דייטשן. (פייגנבוים, פּאָדלאַשע אין אומקום, ז׳ 127, 139).

סאַלאַטונקאַ — מאַיאָנעז, וואָס מ׳פלעגט געבן אויף ראַציעס א 200־150 גראַם. (ל״ג ענצ׳).

סאַלאַטקאַרניע־פאַבריק — פאַבריצירט סאַלאַטונקאַ אין ל״ג. (א געוויע באַשרייבונג פון דער ס׳־פ׳ גיט ש. ראָזענשטיין, כ״י, נאָוו. 1943).

סאַלאַטקע — זויער־קרויט צוגעגרייט אין ג׳ פון האַלב פאַרפוילטע ירקות. די הויפּט־טעמע און הויפּט־זאָרג פון טאָג איז געווען צו מאַכן פון די צוטיילונגען שפּייזן, עטוואָס געשמאַקס, און ווי פול צו מאַכן דעם שונא, דעם מאָגן, וואָס האָט געפּייניקט און געפּאָדערט שפּייז. מאָגן־יסורים. (ל״ג, עדות ג. גלובע).

סאַלדאַטן — לייז. „אויסטאָן דאָס אָנטועכץ און אויסקנאַקן אַ ביסל סאַלדאַטן״. (ליטמאַן יואל, כ״י, ז׳ 31).

סאַלימאַכע — טעימה מאד. ס׳ — וכך נשאר השם. (רוזנמאַן, בשבילים וביערות, ז׳ 11).
ס׳ — געקאָכט וואַסער, פאַרשיט מיט מעל און זאַלץ, אויב ס׳איז געווען.

סאַמאַגאָן — ניט דעסטילירטער בראָנפן, וואָס פויערים מאַכן אומלעגאַל אויף אַ פּרימי־טיוון אופן פון קאָרן אָדער קאַרטאָפל. „ער נויטיקט זיך אין אַ פּאָס אויף ס׳״. (ב. כהן, ז׳ 18). „אַ לחיים פון ס׳ האָט באַשיינט אַ שמחה״. (ז׳ 25). „שטינ־קענדיקע פּליסיקייט, אַ סך פּאַרטיזאַנער באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. (דאָרט, ז׳ 195). אין ביאַל״ג ווערט געהאַנדלט מיט ס׳ און אין דער רשימה פון צרות רעכנט אויס באַראַש אויפן 20סטן אָרט דעם ס׳. (פּראָט׳ פון 29.6.1942). יהודים רבים עסקו בפרנסה זו. (ס׳ טוטשין, ז׳ 250). וועגן „סאַמאַגאָנקע״ אין רוסלאַנד בעת דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 רעדט א. טשעריקאָווער, געשיכטע פון פּאָגראָם־באַוועגונג, ז׳ 48/9.

סאַמאָכאָווע, סאַמאָכאָווצעס — ווייסרוסישע פּאָליציי אָרגאַניזירט דורך די דייטשן צו באַקעמפן פּאַרטיזאַנער און יידן. (ס׳ ביטען, ז׳ 210, 280). „די פּאַרטיזאַנער האָבן צעיאָגט די סאַמאָכאָווצעס״. (דאָרט, ז׳ 239, 289; ס׳ זשעטל, ז׳ 384). דריי „סאַמאָכאָווצעס״ (ווייסרוסן, קעמפן קעגן די סאָוועטן) האָבן פאַר־בלאָנדזשעט. צוויי סאַמאָכאָווצעס דערשאָסן. (ס׳ פּולטוסק, ז׳ 454).

סאַנדאָמיר — אברהם ראָזענפעלד, אַ שרייבער פון וואַרשע זיצט בעת דער מלחמה אין ס׳ און שיקט פּעקלעך מיט שפּייז צו זיין משפחה, וואָס געבליבן אין וואַרשע, זאָגט, אַז מען וועט אים אַמאָל פרעגן „ווו ליגט ס׳?״, וועט ער ענטפערן: „ס׳ ליגט אויף דער פּאָסט און שיקט פּעקלעך קיין ווו׳ אין ג׳ אַריין.״ דעם וויץ געדענק איך נאָך פון אים. (יו״ש, עדות: גוז׳יצ׳אַנסקי יצחק, ז׳ 13).

סאַניטאַרן־הויז — הויז, וואָס געפינט זיך מחוצן ג׳. דאָ ווינען דאָקטוירים און אַפּטיי־קערס. ליקווידירט יוני 1943. (סטרי, יצחק נוסבלאַט, כ״י, ז׳ 92).

סאַניטאַר־פּאָליציי — אָפּטייל פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס האָט אַ השגחה איבער דער היגיענע פון ג׳ סקערניעוויץ. (ז׳ 585). אין ווילנער ג׳ הייסט די אָפּטייל: סאַניטעטס־פּאָליציי. (יו״ש, כ״י, מאשאַ, ז׳ 24).

סאַניטאַרע קאָלומנע — גרופּע דעזינפעקטאָרן (פּאָלאַקן) וואָס דעזינפעקצירן יידישע וווינונגען קעגן אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. גענומען שוחד פּאַר נישט נעמען זאַכן אין דעזינפעקציע־קאַמער און נישט טרייבן די יידן אין באָד. (וו״ג, ביולעטין, נר׳ 12־11, 10.9.41). זע: קאָלומנאַ סאַניטאַרנאַ.

סאַקסאָפאָן — קאָמענדאַנט פון יאַנעווער ל׳ אין לוואָוו, ווילהאַוז. גייט כסדר מיט אַ ס׳ (אויטאָמאַט צום שיסן) אונטערן אָרעם. (ז. קרעבס, באַריכט פון אַ לאַגעריסט, „אַפּיניאַ״, וואַרשע, נ׳ 53/4, 19.4.49).

סאָראָק — אַז אַ פּאַרטיזאַן זעט אַ צווייטן פּאַרדרייען אַ ציגאַר, ווענדט ער זיך צו אים מיטן אויפרוף ס׳ (פּערציק), ד״ה, ער באַשטעלט ביי אים 40% פון סיגאַר. ווייטערדיקע באַשטעלן ביים צווייטן 20% וכו׳. (בראַון־לעווין, כ״י, שער שביעי, ז׳ 10, הערה 25).

סאָרטיראָווקע — צוטיילן די העפטלינגען אין אַ ל׳ צו אַרבעט־גרופּעס. „דו דאַרפסט זיך פּאַר דער ס׳ אויסבאַהאַלטן״. (ר. קוויאַטקאָווסקאַ, פון לאַגער, ז׳ 73, 81). סאָרטירונג פון די געכאַפּטע. אַ נייע סאָרטירונג. (ס׳ סלונים ב׳, ז׳ 56, 59). זע: סעלעקציע.

סאַשע־יאַשע־מישע — אַרבעט־אַמט אין קאָוונע. די דריי אַנפירערס זיינע זענען געווען צווישן זיך פּאַרברודערט און גערופן זיך ביי די נעמען. איינער האָט דעם צווייטן אונטערגעהאַלטן. (קאַפּלאַן, ז׳ 35).

ס׳ברענט — וואָרנצייכן. „באַלעווקעס, דזשיקע, ברענט״ — אַ שלעכטע וואָך ביים טויער. (י. עלבערג). פּרויען גייען אום זאַמלען גאָלד, זילבער. „עס ברענט ווידער אַ פייער!״ — האָבן זיי געזאָגט און דאָס איז שוין געווען גענוג אויף צו אָריענטירן זיך, אין וואָס עס גייט. (ס׳ גאָניאָנדז, ז׳ 618).

ס׳ברענט נישט — נישט אָנשטרענגען זיך ביי דער אַרבעט. מ׳וועט איינפּאָרן. ליטווישע יידן אין ל׳. (קאַפּלאַן, ז׳ 15).

ס. ד. (SD) — זיכערהייטס־דינסט. אַ געוויסע צייט האָט אַ שטעמפּל פון דער ס.ד. אויף דער אַרבעט־קאַרטע באַפרייט דעם אייגנטימער פון געכאַפּט צו ווערן צו אַרבעט, עוונטועל אַרויסגעשיקט צו ווערן פון וו״ג. שפּעטער האָט אויך דאָס נישט געהאָלפן, האָבן יידן געטייטשט די ראשי תיבות „סכאָוואַי שיען דאָבזשע״ [באַהאַלט זיך גוט]. (צ. פּראָכאָדניק, כ״י, ז׳ 63, זומער 1942).

סדום — „אַ מעשה מיט דער פּאַטשעווקע פון סדום. פּראַגע, אַז מען וועט זי איבער־קערן, וועט זי ווערן סדום״. (רינגל׳, 25.10.40; כתבים, ב׳ I, ז׳ 166).

סדר — „אַ שייגער סדר געווען אין ג׳: געווען גענדז, דער טישטוך ווייס, מורער האָט אויך נישט געפעלט, העריגג לרוב און פּרוכט צום פּאַרבייסן״. גענס — ג׳־פּאָרשטייער, ווייס — געסטאַפּאָניק, מערדער פון די ווילנער יידן; מורער — געהילף פּאַר יידישע ענינים ביים געביטס־קאָמיסאַר, העריגג — געסטאַפּאָניק, פּרוכט — פּאָליציי־קאָמיסאַר פון ג׳. (וויל׳ געטאָ־ווערטלעך, ייוואָ־בלעטער ב׳ XXX, נ״ר 1).

סובאָטניקעס־בריגאַדע — אַזוי ווי דער אָפיציעלער רו־טאָג אין די וואַרשטאַטן איז זונטיק, האָט די אויפּרוימונגס־גרופּע געדאַרפט אין דעם טאָג גרונטיק זויבער מאַכן אַלע צימערן. די גרופּע האָט דערפאַר נישט געאַרבעט שבת. צוליב דעם האָט מען זי גערופן: ס״ב. צו דער בריגאַדע געהערט נאָר פרומע יידן. (מ. סעגלסאָן, די גרויסע וואַרשטאַטן אין קאָוונער ג׳. פל״ח, 8 יוני 1948).

סוואַסטיקע — האַקנקרייץ. „עס־עס״ אויף די אָרעמס. ס־פּאָן. (טשאַרנעזאָן־שאַיאַק, כ״י, ז׳ 62, 53).

ס׳וויאַז (סוויאַזיסטן) — פּאַרטיזאַנער־פאַרבינדלער פלעגן אַדורכגיין צענדליקער ק״מ, ספּעציעל צו האָבן ס׳ [פאַרבינדונג]. (באַקאַלטשוק, ז׳ 113; שושנה טאָובע, די אומפאַרגעסלעכע, ז׳ 113).

סוטער — קריפּאָ־קאָמיסאַר פאַרן ל״ג, גערעדט יידיש און געקענט העברעיִש. פלעגט קומען אין ג׳ פאַרשטעלט פאַר אַ ייד מיט אַ לאַטע און רעדן יידיש. זיינע ווערטלעך האָט מען זיך נאָך אין ג׳ איבערדערציילט. „ביי רומקאָווסקין וועסטו נישט זאַט ווערן און ביים דייטש נישט קלוג״. („טאָג־כראָניק״, 18.7.44). איינמאָל האָט מען אים פאַרבעטן צו אַן אָבל, ווייל ס׳האָט אויס־געפעלט אַ צענטער צום מנין. נאָכן דאַווענען, רופט ער זיך אָפּ: „יידן, איר מוזט נאָך אַמאָל דאַווענען, ווייל דער צענטער ייד בין איך — סוטער״. אַן אַנדערש מאָל קוקט ער אַדורך אַ געפעלשטן יידישן פּאַספּאָרט און ווענדט זיך אויף יידיש צום יידן: „ווי אַזוי רופט מען דיך צו קריאת התורה?״ דער ייד מיינט, אַז סוטער איז אַ ייד און דערציילט אים דעם אמת.

סומקע — רוסיש: מיליטערישער טאַש. „סומקע מיט 10 רעזוערוו קוילן״. (ס׳ זשעטל, ז׳ 415). „לעדערנע סומקע״. (קאַטשערגינסקי, ז׳ 36).

סוסינע — פערד־פלייש. (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 129).

סוף — באַפרייונג. אין טערעזיענשטאַט האָט מען זיך געפרעגט „ווען קומט שוין דער סוף?״. אַדלער, טער׳ ווערטער־רשימה. אַ דייטש זאָגט, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, ווען מיר וועלן עסן איינמאָל אין טאָג און איר, יידן, איינמאָל אין וואָך. (רינגל, מאַי 1941).

סטאָיקעס — פויל. Stójkowy. „די ס׳ פּאַכען מיט לאַנגע, בויגעוודיקע שטעקנס״. (דרור, נר׳ 7/8, תמוז 1941). אין שטראָף־ל׳, ל׳ ליבאַן, ג׳ קראָקע, האָט מען די העפטלינגס וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף אַנדערע, גערופן ס׳.

סטאַלין — „ס׳ איז אַ ייִנגל מיט רוכעס, / נאָר ביי אים נעמט ה.(יטלער) איין ס׳קאַ־דאָכעס״. (ר״א, אָנהייב 42׳). וואָס הערט זיך אין לאַנד פון ס׳ און מאַלאָטאָוו?/ וועט ער (היטלער) שוין איינעמען דעם וויסטן סוף?

סטאַלין האָט אים געוויזן, וואָס רבי־געלט קאָסט,
ווען ס׳האָט גענומען דער ערשטער מאָסקווער פראָסט.
היטלער האָט אויף אַלע געשריגן שייסע,
ביז ס׳האָבן זיך געענדיקט די זומער־טעג די הייסע.

זע: היטלער, פוטער.

סטאַלינגראַד — נאָכן זיג פון דער רויטער אַרמיי ביי ס׳ זענען געשאַפן געוואָרן פיל וויצן. „היטלערן פעלט צוויי גראַד וואַרעמקייט. ער האָט איצט 34 גראַד״.

ווי קאָן דאָס זיין? — עס פעלן אים 2 גראַד: סטאַלינגראַד און לענינגראַד.
— וועלכע שטאָט איז די לענגסטע אין דער וועלט? — ס׳. ווייל פון דער פאָרשטאָט ביזן צענטער, זענען די דייטשן געגאַנגען חדשים לאַנג. (קרוק, 27.2.43).

סטאַלינסקי קאָטלעטן — אַלט ברויט מיט ציבעלע צעהאַקט, געפּרעגלט אויף אייל. (סוויר, 80 ק״מ פון ווילנע, לילקה האַלצמאַן).

סטאַק — זאַפּאַס. פאַרניכטן די אויסגעאַרבעטע סטאַקן. (נאָוו. 42׳). „סטאַקירן (זאַמלען) פּאַפּיר״, יאַנואַר 43׳. (וו״ג, דאָס וואָרט, ז׳ 144, 154).

סטאַרזעווקע — אַלט־שטאָט אין וואַרשע. „נישט קיין וווּנדער, וואָס יציאת סטאַרזעווקע איז געווען אַ צויבער־וואָרט, וואָס האָט געהאַלטן אין שפּאַנונג די זעלנער און נאָך מער די ציווילע באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאָפט מיטצוגיין מיטן מי־ליטער״. (באָזשיקאָווסקי, צווישן פאַלנדיקע ווענט, ז׳ 268). אויף דער סט׳ בעתן פוילישן אויפשטאַנד (1944) האָט אויך געקעמפט אַ יידישע אָפּטיי־לונג, צום סוף געמוזט פאַרלאָזן דאָס אָרט און מיט קאַנאַלן אַריבער אין מיט־שטאָט.

סטאַרשינאַ — פאַרטיזאַנער־עלטסטער. קאָמענדאַנט פון אַ ראָטע (ס׳ זשעטל, ז׳ 388).

סטוק־אַקציע — מערץ 43׳ רופט מען צונויף די רעשט יידן און מ׳פּאַדערט פון זיי אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, ווערטזאַכן, כדי אָנצושרעקן זיי, ווערן אויפן אָרט דערשאָסן פיר יידן. דער עולם האָט עס באַצייכנט מיטן אויסדרוק stuk, אַ שפּיל אין קאָרטן. (ס׳ טאָמאַשאָוו מאַז׳, ז׳ 379).

סטינקעס — קליינינקע פישעלעך ווי ווערעם, הונדערט אויף אַ קילאָ. (דאָרעמבוס, ז׳ 209). ס׳גייט אַדורך אַ קליין בעטלער־מיידעלע מיט אַ שטיקל פיש־קויט אין דער האַנט. („סטינקעס״ קאָן מען נאָך באַקומען). זי ברעכט אָפּ אַ שטיקל פון פיש און שטופּט עס דעם קינד אין מויל. (ר״א, 1336). „אויף לעשנאָ האָט ווער אַרויסגעוואָרפן די קעפּלעך פון „שטינקעס״. (ר״א, 1334).

סטעמפּל, שטעמפּלען — אויף אַן אויסווייז (זע). געדאַרפט יעדעס מאָל אַ נייעם ס׳. אָן דעם נייעם ס׳ איז ער בטל געוואָרן און דעם ייד האָט געדראָט אַרויסגע־שיקט צו ווערן פון ג׳.

„גזירת הסטאַמפּלן״ (החותמות) — „והנה נודע על גזירה חדשה, עוברת מאיש לאיש. ,סטאַמפּלן׳! המילה לכשעצמה מילה ככל המילים באוצר הלשון, זורעת אימת־מוות. יודעים היהודים בדיוק את מלוא פירושה״. (ס׳ זדונסקה וולה, ז׳ 333).

„אַ סטעמפּל־בהלה״ (ס׳ טרנופּול).

„אַרויסגענומען קינדער פון די פּרעווענטאָריעס, די אַרעסטירטע פון צענטראַל־געפענגעניש. צוערשט שטעמפּלען, שפּעטער גענומען קראַנקע, נאָך זיי קינ־דער און זקנים און דערנאָך פון דער רעשט געמאַכט אַש, צעשיקט, צעשאָסן, אויסגעהרגעט, צעזייט און צעשפּרייט אויף שבעה ימים, אומעטום. די טראַ־געדיע אָפּגעשפּילט לויט דער זעלביקער רעזשי״. (ל. ג. זעליקאָוויטש, כ״י. 1.9.43). 16.6.42 געסטאַפּאָ אויסגעקלאַפּט אויף אַרבעט־קאַרטן צוויי מינים ס׳. איין ס׳ געווען מיט אַ האַקנקרייץ און גערופן זיך „האַהייטס־ס׳״. דער

צווייטער מין, מיט דעם בוכשטאַב **א**. (אַרבעטלאָזע און קינדער). שפּעטער קלאָר געוואָרן, אַז **א** באַטייט אויסזידלונג. אַלזאָ — טויט. (ס' טאַרנע, 1954, ז' 826).

סטעפּן — אַרבעטן. (קאָוונער).

סטרוטי — פּויל' אָפּגעסמט, אונטערגעקויפּט, צ"ב די וואַך ביים ג'־טויער.

סטרעפע פון טויט — נאָענט צו די דראָטן, וואָס טיילן אָפּ דאָס ג' פון אַרישן טייל פון שטאָט. „ס' פּ' ט' און וויפל זענען דורך דער צייט דערשאָסן געוואָרן צוליב נישט פּאַרזיכטיקייט, צוליב דרייען זיך נעבן די דראָטן"... (ל"ג, פראַנק, כ"י, 1.5.41).

סנאַריאַדן — רוסיש: אַמוניציע. „סנאַריאַדן־שיידלעך". (ס' זשעטל, ז' 393).

סיאַרקאָוויעץ — לייטער פון אַ דעזינפעקציע־קאָלומנע (זע) פירט דורך די דעזינפעקציע פון אַ וווינונג מיט דער הילף פון סיאַרקע. פּויליש: siarkowiec, kierownik siarkowy. (ר"א, 268).

סיביר — א. דער ערשטער אויפטו פון פרישן קאָמיסאַר איז געווען: פּאַרטרייבן פון אָטריאַד די יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיט זייערע פאַמיליעס און פּאַרשיקן זיי קיין ס'. אַזוי האָבן מיר אָנגערופן דאָס אָרט 4 ק"מ פון אונדזער ל', וווּהין ס'האָבן זיך געמוזט אַריבערטראָגן די דאָזיקע פאַמיליעס. (רייך, ז' 174). ב. תפיסה אויף טשאַרניעצקיעגאָ־גאַס אין ל"ג. „סיביר נ"ר 2". (פראַנק, 9.3.41, 22.2.41).

סיטקאַ, סיטעק, סיטקאָווי — האַלב געבייטלט ברויט. פויל. („גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ, 18.1.42). אויף די גאַסן פון וו"ג שרייען די הענדלערס פון ברויט: „סיטעק, סיטעק יאַק (ווי) שמיטעק". שמיטעק — ווייס ברויט פון שמידס בעקעריי (יאַן מאַוואָלט, אַלע גלייך, (פויליש), ז' 110).

סיטשעווניק — אָנגעקומען עטלעכע הונדערט ס'עס. (ס' לודוויפּאָל, ז' 192). זע: סיצאָווצעס.

סימכע — „שוחטים, קצבים, שינדער גייען אַרויס (מיט אַ קבוצה אַרבעטער) אויסערן וו"ג, קומען אין פּאַרשטאָט. טרעפט זיי אַ פּאָליציאַנט, זאָגן זיי דאָס איינציקע וואָרט „ס'", — לאָזט מען זיי אַדורך. ס' איז אַ מאַגיש און פיל באַצאָלט צויבער־וואָרט, דורך וועלכן קצבים, שוחטים און שינדער ווערן אויף „יענער זייט" באַפרייט פון אַלעם שלעכטן, אַפילו פון סתם פּאַלאַקן, ווייל זיי האָבן אויך במתן שכרם בצידם — פון נאָמען סימכע שפּיץ (קצבים־פּאַרטיע) די פּאַראָלע". (ר"א, הובערבאַנד, שחיטות, כ"י, 26').

סימפאָניע — „היינט הערסטו נאָך אַ ס' מאָרגן ביסטו אין עסטאָניע". וויל"ג אָרגאַניזירט קאָנצערטן. אין עסטאָניע זענען געווען ל', וווּהין מ'האָט פּאַרשיקט די ווילנער יידן. (א. באָומינגער, על האמנות בתקופת השואה, משואה, 1975).

סינג־סינג — טורמע אין ביאַל' ג'. (חיקה, ז' 304). „דאָרט ווו מען פלעגט פריער שעכטן עופות אויף יאַטקע־גאַס". (קאַט, ז' 35).

סיעדזאָנצי — (א) פויל' זיצנדיקער, האָט געהייסן אַ ייד אויף דער אַרישער זייט, וואָס האָט צוליב זיין אויסזען, אָדער צוליב מאַנגל אין דאָקומענטן, נישט געקאָנט אַרויסגיין אויף דער גאַס. פון אַזעלכן האָט זיך אונטערשיידט כאָדזאָנצי. (ב)

אזעלכער, וואָס פלעגט יאָ וואַגן אַרויסגיין. פון אַ געשפּרעך צווישן צוויי „אַרישע" פרויען פון נאָך דער מלחמה: צי זייט איר געווען אַ זיצנדיקע, אָדער אַ גייענדיקע? (פויל').

סיעקאַטשי — אוקר. העקער. גרינע פּאַרטיזאַנער־פאַרמאַציעס. זיי פלעגן טויטן זייערע קרבנות מיט לאַנגע, היידאַמאַקישע העק. (באַקאַלטשוק, ז' 131).

סיצאָוויצעס — א"ג ס' זענען משגיחים איבער יידן זיי זאָלן אַרבעטן. (ס' לינסק, ז' 221). אוקראַינער וואָס מיטגעאַרבעט מיט דייטשן.

סכאָד — ווייסרוסיש. צוזאַמענטרעף פון פויערים אויף דער פאָדערונג פון פּאַרטיזאַנער. „רופן אַ ס' אויף וועלכן עס זענען בייגעווען וועלכע 200 פויערים. די ס' פלעגן ווערן צוזאַמענגערופן זייער גיך, כהרף עין געעפנט דעם ס'". (באַקאַלטשוק, ז' 180, 203).

סכראָן — פויל. באַהעלטעניש, לופטשוץ־קעלער. באַנוצט אין ג"ג. (הובערבאַנד, מלחמה־איבערלעבונגען. ר"א, 451). אין דער דייטשער צייט — באַהעלטעניש פאַר יידן. (ס' לובאָמיל, ז' 230, 248/9; ס' סטאָק, ז' 430).
מען בויט סכראָנעס (באַהעלטענישן) אין הויפן, גערטנער, אונטער דער ערד. די אַריינגענג זענען דורך שטאַלן, אָדער דורך אַנדערע אומבאַמערקלעכע ערטער. אינדרויסן אויפן ס' פאַרזייט מען גראָז. אַנדערע בויען טאָפּלטע ווענט אויף בוידעמער אָדער אין צימערן. (ס' ביטען, ז' 228). יעדע גרופּע האָט איר פאַרמאַסקירטן ס'. (דאָרט, ז' 282). „לעבעדיקע גרובן". (דאָרט, 283). גוטע און שלעכטע (וואָס מ'קאָן לייכט אַנטדעקן) סכראָנעס. „נעמט אונדז אַריין אין ס' — בעטן זיך יידן, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע אָדער נישט גוט פאַרמאַסקירטע ס'". (דאָרט, ז' 233). „די ס' זענען ענלעך איינע צו דער צווייטער לייכט צום אַנטדעקן". (ס' בעלכאַטאָוו, ז' 320). ביים פּלאַנען אַ באַהעלטעניש, גענומען געוואָרן אין אַכט: 1) קאַמופלאַזש (מאַסקירונג פון אַריינגאַנג); 2) פייער־שוץ; 3) ווענטילאַציע (לופט צו אָטעמען); 4) אַפּראָוויזאַציע; 5) באַלויכטונג; 6) היגיענע און סאַניטאַציע. (ס' באַראַנאָוויטש). אונטערן גרויסן אויוון, וווּ מ'פלעגט באַקן ברויט, זענען געווען צוויי גרויסע קאַטוכער פאַר עופות. מיר האָבן איבערגעהאַקט די וואַנט צווישן ביידע קאַטוכער; לופט האָבן מיר געצויגן פון קוימען. 60 מענטשן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן. (ס' זשעטל, ז' 366). געמאַכט סכראָנקעס. (ס' נאַליבאָק, ז' 150). די דייטשן האָבן מיט דינאַמיט צעזעצט הייזער, געזוכט ס'. שפּיר־הינט זעלטן דערשפּירט מענטשן אין אַ ס'. (פסח קאַפּלאַן, דער חורבן ביאַליסטאָק, כ"י).
יידישע סכראָנעס; יידישע בענק אין ס'עס. (רינג' 10.10.40, וואַרשע, 1939). זע: בונקער.

סלוזשבאָווי — לאַגעריסט וואָס האָט דינסט (דיזשור) אין ל'. „אָרדנער" (זע). „צוויי סלוזשבאָוועס". (ל' קאַמפּינאָס, ר"א, 379).

סלוזשבאַ פּאָזשאַנדקאָוואַ — אין וו"ג צומייסט באַנוצט דעם אויסדרוק, שטאָט אָרדנונגס־דינסט (זע). אין ר"א געפינען זיך באַשרייבונגען וועגן איר צוזאַמענשטעל, אַרבעט, זשאַרגאָן, התנהגות וכו' (נ"ר 435, 137). אָן אַנקעטע מיט פראַגן וועגן דער ס' פּ': די ס' פּ' האָט פאַרשידענע ראַנגען. נידעריקסטע: פּאָזשאַנד־

קאָזוי — אָרדנער דערנאָך סעקציינע און גרופּאָזוי, גרופּנפירער (קלענערע און גרעסערע). די העכערע פונקציאָנאַרן, „אָפּיצירן", האָט מען גערופן „גוויאַזדקאָוויטשע", שטערנטרעגער, ווייל זיי האָבן געטראָגן שטערנדלעך אויפן היטל. דער קאָמענדאַנט שערינסקי — אַזש פינף. די נידעריקע שאַרזשן פון פונקציאָנאַרן האָבן געטראָגן „משוועקעס" אויפן היטל.

כדי אָנצוקומען אין דער אָרדנונגסדינסט, האָט מען געדאַרפט האָבן פּראָטעקציע אָדער אַ סך געלט. צוליב דעם אַנטשטאַנען דאָס ווערטל: ,Rano kuferek wieczorem numerek — אינדערפרי אַ קופערטל (מיט געלט), אויפדערנאַכט אַ נומערל (פון אַ פּאָליציאַנט).

„די לייטער פון דער ס׳ פּ׳ האָבן שוין געוווּנען די מלחמה, ווייל קעגן טיפּוס זענען זיי געאימפּפט, פאַר הונגער זענען זיי פאַרזיכערט און מיט דער געסטאַפּאָ פאַרברודערט". (ר״א, 502).

מ׳זאָגט, אַז דער פּ׳ ס׳ פּ׳ (פונדוש פון דער ס׳ פּ׳) איז געענדערט געוואָרן אויף פּ׳פּ׳ס׳. — ווי אַזוי? — אויף פונדוש פון פּולקאָווניק שערינסקי, קאָמענדאַנט פון דער אָדע. (ר״א, 582).

שטאָט ס׳ פּ׳ געזאָגט ,służba łapówkowa „שוחד־אָרדנער", ווייל זיי האָבן גענומען ווי נאָר מעגלעך שוחד. אַ צווייטער וויץ אויף זייער חשבון: די אָרדנונגסדינסט איז נאָכן פאַראָרגונגס־אַמט, די גרעסטע האַנדלס־אונטער־נעמונג אין ג׳.

סליכענער, סליכעס — מוסרים, שפּיצלעס. „אַז די ס׳ גייען צונעמען אַ פּאָר פּאַפּיראָסן, רוקן זיך די פּאָליציי אין אַ זייט, און זיי באַקומען מער ווי 2 מאָל 10 שטיק. (ל״ג, הילער, 6.4.44). „פּראָטעקציע איז דאָ פאַרשידענע: קריפּאָ־אַגענטן, סליכעס און סוב־סליכענער — דאָס זענען די גרעסטע, פאַר זיי האָבן אַלע מורא. דאַן איז דאָ געסטאַפּאָ־אַנגעשטעלטע ווי „זאַנדער" (זע), דאַן פּרעזעס־מענטשן און נאָך און נאָך". (ל״ג, הילער, 6.7.42).

סמבטיון — היטלער. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

סמען — אונטערקויפן. „מ׳האָט געמוזט יעדן איינעם „אָפּסמען". (אַפּריל 41׳, ר״א, 388). „די זשאַנדאַרן ביי אונדז אין שטאָט זענען געסמט. אויך היינט האָבן זיי אַ שפּאָר ביסל מתנות פון אונדז געקריגן". (מינסק־מאַז׳, ראַכמאַן, כ״י). זע: סטרוטי.

סמעטניק — אין ראַדאָם געווען אַן אָפּיציר, וואָס פלעגט כאַפּן יידן און פאַרשאַרן אין אַ סמעטניק (מיסטקאַסטן). ווען מ׳האָט דעם אָפּיציר דערזען פונדערווייטנס, פלעגט מען זיך איבערגעבן: „דער ס׳ גייט". (מ. באַקאַלטשוק).

סעלעקציע — בעת די אויסזידלונגען פון ג׳, ווי אויך אין ל׳, די דייטשן אַדורכגעפירט אַן אָפּקלייב: ווער ס׳איז פעיק צו אַרבעט — בלייבט (גייט אויף רעכטס), און ווער נישט — גייט אויף לינקס, טויט. „די היטלעריסטישע הענקערס האָבן גלייך געמאַכט די ס׳, ווער עס קאָן אַרבעטן און ווער נישט". (י. פּערלע, חורבן וואַרשע, 2.10.42. כ״י, ר״א). ס׳ — אַ יידן־רייניקונג, אַדורכגעפירט דורך די דייטשן, סאָרטירן צום לעבן אָדער צום טויט. (טורקאָוו, פאַרלאָשענע שטערן, ב׳ 1, ז׳ 114, 118). „די רוצחים אַדורכגעפירט אַ ס׳ אויף „נאָך אַ ביסל לעבן"

און אויף „גלייך אויף טויט״ (ווייל אויך די איבערגעלאָזענע אויף אַרבעט האָט מען דערנאָך אומגעבראַכט). (ס׳ לאַסק, ז׳ 486).

„יעדער דייטשער קאָמענדאַנט, וואָס האָט געמאַכט די ס׳ ביי זיך אין געגנט, האָט געהאַט זיין באַזונדערן געשמאַק, וועמען לאָזן לעבן. זענען מיטן מיי־דאַנקער טראַנספּאָרט געקומען קליינע, שלאַנקע מיידלעך אין דער מערהייט — דערפאַר האָט דער קראָקעווער טראַנספּאָרט געבראַנגט מיט זיך הויכע און צעוואַקסענע פרויען מיט בערג לייב און אברים אויף זיך״. (שטריגלער, גורלות, ב׳ 1, ז׳ 48).

„מיר האָבן זיך פאַרטאָג געפעדערט, אויסגעשטעלט זיך אין די רייען פון מיין שאָפּ צו פינף אין אַ ריי, אַרויס אויף דער סעלעקציע, זיך שטעלן אויף דער וואָגשאָל, אויף דער דייטשער וואָג; געטויט צו ווערן באַלד, צי שפעטער״. (יצחק קאַצענעלסאָן, „די מילאָ גאַס״ פון „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״).

„כ׳האָב געוווּסט, אַז ביים אָנפאַנג ס׳ איז פאַראַן מער מעגלעכקייט אויף ,רעכטס׳, ביים סוף גייען שוין אַלע אויף ,לינקס׳״. (ס׳ זשעטל, ז׳ 353). ביי די קאָוונער יידן איז געווען אין באַנוץ אָנשטאָט ס׳ — „סאָרטיראָווקי״. (זע). דער הויפּט־דורכפירער פון דער ס׳ האָט געהייסן סאָרטירער. (קאַפּלאַן, ז׳ 49). המושג ס׳ חדר לתוך הדם היהודי כמו „תשעה באב״, „גירוש ספרד״, „פוגרום״ ולא יימחה. (וויינריב אין ילקוט מורשת כ״ז, ז׳ 57).

סעליאָדקע — רוסיש: הערינג, גערינג. „גערינג איז הערינג און הערינג איז געזאַלצן, דערפון דער געזאַלצענער״. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

סעמיינע — פאַמיליען־לאַגער פון פאַרטיזאַנער. די ס׳ (אַזוי האָט מען זיי גערופן, די נישט אָרגאַניזירטע און אומבאַוואָפנטע) האָבן זיך קאָנצענטרירט מערסטנטייל הינטער די פאַרטיזאַנער־ל׳, כדי צו קאָנען געניסן פון זייער שוץ, ווי אויך פון זייער שפּייז. (ס׳ זשעטל, ז׳ 308, א״א). מ׳האָט זיי אָבער נישט איינמאָל פאַר־טריבן פון דאָרט, כדי צו לאָזן מער פרייהייט די פאַרטיזאַנער.
„מיר האָבן זיך געמאַטערט צוזאַמען מיטן גאַנצן סעמיינעם ל׳״. (ס׳ דערע־טשין, ז׳ 354/5). ס׳ גרופּעס. (ס׳ לובץ, ז׳ 353). סעמיינעק,=עס. (ס׳ סלאָנים ב׳, ז׳ 115).

ס. ס. — דייטש: SS (Schutzstaffel). יידן געטייטשט: א) סוקין־סין (הינטישער זון), וואַרשע, לוואָוו; ב) שייס־שטאַפּעלן; ג) שומרי שבת.
סס, סס־מאַן, סס־לייט, ססניק, ססניקעס. „באַנדעס פון סס־ניקעס און רעק־סיסטן״. (טאַבאַקסמאַן, כ״י, ז׳ 116). ס.ס.־אָוויעץ. (אָפּאָטשינסקי, כראָניק, כ״י, 27.9.42, 19.9.42).

ססםר — וויל״ג (ענלעך צו ס.ס.ס.ר. — ראַטן־פאַרבאַנד), ווייל ס׳באַשטייט פון די 4 הויפּט־גאַסן: סטראַשון, שאַוועל, שפּיטאַלנע און רודניצקי. (רינג׳ 7.5.42).

סעקציינע — אין וואַרשע, פונקציאָנאַר פון דער אָרדנונגס־דינסט (זע). אין דער ערשטער צייט פלעגט אויך מיט די אַרבעטער אין די ל׳ מיטפאָרן אַ ס׳, וואָס האָט גע־דאַרפט היטן די אָרדנונג ביי די יידן. באַנוצט אויך „סעקציע־אָנפירער״. (רינג׳

26.4.40). „סעקציע־פירער". (ל' גזשדווו, זשעראַן, ר"א, 404). געווען אויך אַ ס' סאַניטאַריוש — אַ סאַניטאַר. (ר"א, מאַי 1941, נ"ר 397).
יידישיסטן געזאָגט און געשריבן „סעקציינער". (ר"א, נ. טיטעלמאַן, 20.7.42). דער רוב באַנוצט די פּוילישע פאָרם.

סעקרעט — (1) באַנוצט אין רוסלאַנד סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין זינען פון אַ בונקער (זע), „סכראַן". „בסוד סודות פון די גוייִשע שכנים, האָבן די דובאָווער יידן אין די טיפענישן פון דער ערד געבויט „סעקרעטן". געגראָבן לעכער און גריבער אין די ווענט פון קעלערס (ס') און פאַרשטעלט די בוידע־מער מיט ציגל און שטיינער, איבערלאָזנדיק קונציק פאַרבאָרגענע שפּאַלטן, דורכצוקריכן אין די באַהעלטענישן אַריין". (רחל פייגענבערג, חורבן דובאָווי, ז' 88).

(2) **אויעקשטעלן אַ ס'.** די אויפגאַבע פון ס' איז וואָרענען די פּאַרטיזאַנער פאַרן דערנענטערן זיך פון דייטשן. (רייך, ז' 261). געהיימע פּאָסטנס פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געדאַרפט נאָכשפּיאָנירן די באַוועגונגען פון די דייטשן. (כהנוביץ, ז' 57). געהיימע ערטער אויף צו פאַרשטעקן געווער, צי איבערגעבן ידיעות פאַר אַנדערע פּאַרטיזאַנער צי ווידערשטענדלער. (כהנו־ביץ, ז' 46). אין דעם לעצטן זינען באַנוצט אין וו' און אומגעגנט: סקריטקאַ (זע).

סער — ווי הייסט די קאָמיסיע אויף טאָקאַזשעוואָסקיעקאַ 18? — סער: ראשי־תיבות פון סעמיקאַ, עמיגראַצינע, רומקאָווסקיעגאָ. (ל"ג, ווען לאַכט אַ ייִד, כ"י).

סערביע — פּרויען־אָפּטיילונג אין פּאַוויאַק. „אויף די סערביע געפינט זיך אַ שניידער־וואַרשטאַט, וווּ ס'אַרבעטן די אַרעסטירטע פרויען". „גיין אין די סערביע". (די צען אין פּאַוויאַק, כ"י). באַנוצט אויף פּויליש נאָך פאַר דער מלחמה.

ספּאַלאָני — זע: פאַרברענט.

ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע: „ראַטעוועט" — ווילנע, סוויר א"א.

ס. ק. (עס־קאַ) — סאַניטאַרע קאָמיסיע אַנטשטאַנען אין לובלינער ג', ווינטער 1941/2. יידן זי גערופן „סראַלנאַ קאָמאַנדאַ". (שמחה טורקעלטאַוב).

סקאָווראָדע — קרעמאַטאָריע. „גיין אויף ס'". (קאַפּלאַן, ז' 49). זע: פּאַטעלניע.

סקאַטשעק — פּויל. שפּרינגער. באַנוצט אין ייִדע שפּראַכן פאַר איינעם, וואָס גע־שפּרונגען פון צוג, וואָס פירט אין אַ טויטנלאַגער. „אַן ערך 50 אַזעלכע „סקאַטשקעס" (אַזוי האָט מען זיי גערופן — די שפּרינגערס) זענען אָנגעקומען אין שטעטל". (ווייסבראָד, עס שטאַרבט, ז' 64).

ס'קאַצל קומט „די אונטערפּירערין" — מיט אַזאַ ברוך־הבא נעמען אויף די ג'־יידענעס די יונגיטשקע פּאָסט־טרעגערינס, וואָס רופן אינדערפרי אויס די נעמען פון די „חתונה־קאַרטן" (זע). (ל"ג, ג'־לשון, 1000).

סקאָק — פּויל' שפּרונג. „אָרגאַניזירן", „גיין אויף סקאָק". פּוילישע און ליטווישע יידן באַנוצן עס אין די ל'. (קאַפּלאַן, ז' 28).
פּאַרטיזאַנער־איבערפאַל אויף צו פאַרשאַפן געווער צי עסנוואַרג. „געלונגע־נער ס'." (ווייסבראָט, עס שטאַרבט, ז' 160, 167). „ווען די רעשטלעך פון די מינסק־מאַזי' יידן זענען שוין געווען אין ל' אויף קאָפּערניקאַ־גאַס, פלעגן פון

צייט צו צייט בחורים אַרויס פון ל׳, — מאַכן אַ ס׳ אין אָפּגעטויטן שוין ג׳, כדי פון דאָרט צו ברענגען פון די באַהעלטענישן עפּעס צום עסן, אָדער זאַכן צום פאַרקויפן. אַ סך זענען דערביי געפאַלן. (א. שעדלעצקי, עדות).

סקלאַדקאָווסקי — מען פאַרציילט, אַז ס׳ (געוועזענער פּוילישער פּרעמיער) איז געקומען קיין א״י און דאָרט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט גרינבוימען. יענער האָט אים אויפגענומען „אָושעם״ (מהיכי־תיתי). (רינג׳, 25.9.40). אַ רמז צום „אָושעם״, וואָס סקלאַדקאָווסקי האָט אַרויסגעזאָגט אין פּוילישן סיים אויף דער פראַגע וועגן עקאָנאָמישן באָיקאָט אויף ייִדן.

סקעלעט — מוזעלמאַן. (זע). „קיין ס׳ בין איך נאָך נישט״. (שטריגלער, גורלות, ב׳ 1, ז׳ 135). ווי קענען די דאָזיקע סקעלעטן אין זינען האָבן אַ קאַמף צו פאַרפירן מיט די דייטשן? (ז׳ 146). „אַ סקעלעטיקטער און וואַרטנדיקער״. (ז׳ 151). „סקעלעטן־ספּאָרט״. (שטוטהאָפער ל׳, כ״י, מאַשאַ). **סקעלעטן און ערב־מתים.** (בעלגיע, קליינמאַן, כ״י). צען ס׳־ן לעבן אין איין באַראַק. ל׳ שטוטהאָף. (וויל. פּנקס 5, ז׳ 22).

סקריטקע — פּויל׳ באַהעלטעניש. „אונדזער טרוים — באַזיצן אַן אייגענע, באַקוועמע ס׳ אין וואַלד און נישט דאַרפן אַלע מאָל זוכן קוואַרטיר ביי פאַרשיידענע פּויערים״. (ס׳ מאַרקושעוו, ז׳ 369). אַז ס׳האָט זיך באַרויקט, זענען מיר צוגעטרעטן אויפצובויען די ס׳, וועלכע איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע גריבער 4×10 מעטער יעדער, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אויף אַ מרחק פון 10 מעטער, נאָר פאַרבונדן מיט אַ זיגזאַגאַרטיקן טונעל. (דאָרט, ז׳ 370; סאָסנאָוויץ, הדסה פּריוועס, אין רויך, ז׳ 40). זע: בונקער.

סקזשיניאַ — פּויל. Skrzynia. (1) אין סקאַרזשיסקאַ, ווערק צע, געווען אַזוי פיל מתים, אַז מ׳האָט נישט באַוויזן זיי מקבר צו זיין. פלעגט מען זיי אַריינלייגן אין אַ גרויסן קאַסטן. ווען ס׳האָבן זיך אָנגעזאַמלט 50 מתים, האָט מען דעם קאַסטן אויסגעליידיקט. מ׳פלעגט דראָען: „וועסט גיין אין קאַסטן אַריין״ — „Pójdziesz do skrzyni״ (ה. קאָרנפעלד, ייה״א, 502).

(2) אין ל״ג געהיימער ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

ס׳קינד וויינט — לופט־אַלאַרם. (ל׳ לייפּציג, 1944).

ס׳קרענט — פּויל׳ וויראַזש. אין קראַשניק האָט אַ גרופּע ייִדן געאַרבעט ביים ס׳ (בענזין־סטאַציע. Tanken-Stelle); „די ייִדן פון ס׳״; „פרייוויליק זיך געמאָלדן אַרבעטן ביים ס׳״. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 300, 321, 326 א״א).

סרובאַ — פּויל. שרויף, טריק, אָנשטעל. (סאָסנאָוויץ). „דאָס איז אַ געוויינלעכע שרויף פון לייטער״. (ווידערמאַן, פלאָווע בעסטיע, פּויל., ז׳ 29).

„אין אַזעלכע פאַלן קאָן העלפן — ווי מען האָט דעמאָלט געזאָגט — אַ שרויף, אַ טריק״. (דאָרט, ז׳ 123).

ע

עקזעקוציע־אָפּטיילונג צום שרעק פון די מויערן — מ׳זאָגט, אַז די מאָרדן פירט אויס
אַ ספּעציעלער פּלוטאָן, וואָס טראָגט דעם נאָמען ע״אָ... (ר״א, 12.6.1942, כ״י, ז׳ 16).

עגלה — (1) די „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ״ ברענגט אין נומער 22 פון 2.10.40 אַן אַרטיקל פון דעם „נייער וואַרשעווער קוריער״ א״ב „ערשטע יידישע עגלות אויף ראָ־ווערן״ (ביציקלען). די ע׳ — המצאה פון אייגנטימער פון אַ יידישער לוויה־ביוראָ (מרדכי־מאָטל פּינקערט, וואַרשע, גזשיבאָווסקי 24), באַשטייט פון צוויי ראָווערן אויף פיר רעדער, וואָס באַוועגן צוויי ראָווערי‌סטן, זענען עסטעטיש און פּראַקטיש. זיי קאָנען אַריינגעמען אויף איינמאָל פיר אָרונס... אויף אַזאַ אופן דאַרפן די מלווים נישט וואַרטן אויפן בית־הקברות, און דער עיקר — „מ׳געווינט צייט״. — אַ ראַלוואַגן, איינגעשפּאַנט אין איין פערד, איבערגעדעקט מיט אַ קאַסטן פון נישט געהובלטע ברעטער. „די אייגנטלעכע ע׳ נעמט אויף מיט איינמאָל ביז 30 בר־מננס. טרויעריק, אָבער אַזוי זעט אויס דער אמת״. (ל״ג, פראַנק, טאָגבוך, 7.8.42).

(2) „דעם ,קאַפּ־אויטאָ׳ האָבן יידן אַ נאָמען געגעבן ע׳. ווען די ע׳ באַווייזט זיך, צעלויפן זיך אַלע מענער, די פרויען בלייבן. זייער אויפגאַבע איז גיין גלייך פאַר זיך און שעפּטשען: אַוועק, אַוועק. די מענער קוקן אויף די ליפּן פון דער אַנטקעגן קומענדיקער פרוי און ווייסן צי זיי מעגן גיין, אָדער מוזן זיך באַהאַלטן״. (וואַרשע, 9.10.39; ר. שושנה קאַהאַן, אין פייער און פלאַמען, ז׳ 110).

עדעלשטיין — אין טערעזיענשטאַט־ג׳ געווען פּאַפּיר־געלט מיט דער אונטערשריפט פון יודען־עלטעסטן יעקב ע׳, האָבן יידן זיך געוויצלט: דאָס געלט געדעקט מיט טייערע שטיינער. (שטאַרקע, ז׳ 104, דייטש).

עוואַקואירן — איבערזידלען יידן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. מיט דער צייט — אין אַ טויטנלאַגער. „די דייטשן ווילן ע׳ די ניסקאָ־גאַס״. (וו״ג, טורקאָוו, אין קאַמף, ז׳ 19); פון לעמבערג „עוואַקווירט״ מען יידן, וואַהין זיי גייען, ווייסט מען נאָך נישט. (וו״ג, יוגנט־רוף, נר׳ 4, אַפּריל 1942).

עטאַט — „דעם אָפּצאָל פאַר דער יידישער גמינע (יודענראַט) האָט מען אין סאַכאַטשעוו גערופן ע׳״. מ׳האָט געטראַשעט (פאַר נישט צאָלן) מיט אויסזידלען. דער חודשלעכער ע׳ האָט קודם באַטראָפן 15 זלאָטעס, שפּעטער 20 און קורץ פאַר דער אויסזידלונג 25 זלאָטיס. די דאָזיקע סומעס האָבן יעדעס מאָל ,פאַרהיט׳ פאַר אַן אויסזידלונג״. (טאָגבוך פון פּאָלאַ מאָרדקאָוויטש, ר״א).

עטאַטיזירטע פיזישע אַרבעטער — אָפיציעל: E. Ph. A.. פון ביים יאָר האָט מען אין ל״ג אַ סך עטאַטירטע באַאַמטע באַפרייט פון זייער אַרבעט און איבערגעפירט צו פיזישער אַרבעט אין די רעסאָרטן. שטאָט אַ חודשלעכן געהאַלט פון 75 מאַרק, האָבן זיי פון דעמאָלט אָן באַקומען 33 פעניג פאַר אַן אַרבעט־שעה. (פּאָזנאַנסקי, 5.1.44, ז׳ 133/4).

עלטעסטן־ראַט — קודם ווערט געשאַפן אין קאָוונע אַ „יידן־קאָמיטעט״. שפּעטער האָבן די דייטשן פאַרוואַנדלט אים אין אַ „ראַט פון די עלטסטע פון דער יידישער ג׳־געמיינדע״, אין דער אומגאַנג־שפּראַך: **עלטעסטן־ראַט.** (יעלין, ז׳ 17); „סאיז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע רעפּרעזענטאַנץ א״ב **עלטעסטן־ראַט** אָדער **יודענראַט.** זיין אויפגאַבע: איבערצוגעבן דער יידישער באַפעלקערונג אַלע באַ־פעלן פון דער דייטשער מאַכט. (טשענסטאָכאָוו, וואַגאַ, ז׳ 33).

עלטסטער — יעדער לאַגער געהאַט זיין עלטסטן (**לאַגער־עלטסטער**), און יעדער בלאָק — אַ **בלאָק־עלטסטן**, איינעם פון די העפטלינגען. אין די יידן־ל׳ איז דער עלטסטער אויך געווען אַ ייד, געטראָגן אַן **עלטסטן־באַנד.** (שטריגלער, אַ וועלט גייט אונטער, ז׳ 49). אין ל״ג „ע׳ פון עלטסטן־ראַט אָדער ע׳ פון די יידן אין ל״ג״. זע: רומקאָווסקי. אין באַראַנאָוויטש געווען אין יעדן הויז אַן עלטסטער, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין בלאָק. אין די טראַנספּאָרטן פון אונגאַרן קיין אוישוויץ געווען אין יעדן וואַגאָן אַ וואַגאָן־ע׳. (טאַמבאָר, פּרילינג, ז׳ 63).

עלינו — פון וויל״ג געשיקט אויף אַרבעט אין די טאָרף־גריבער פון אַליינע ביי ריגע. האָט מען דאָס אַליינע פאַרגלייכט מיט עלינו פון דאַווענען. ע׳ איז ביים סוף דאַווענען און ביי דעם שפּייט מען אויס. אויך אַליינע איז „ענדע לעבן און אַ שפּיי מיט דער נשמה״. ע׳ אין ריגע באַצייכנט אַ מיאוסע לאַגע, אַ שלעכטע קאָמאַנדע. ס׳איז עלינודיק. (קאַפּלאַן, ז׳ 26).

על. עס. וו. — דייטש: לופט־שוץ־וואַכע. „זיי בלייבן אין פאַבריק ביז צוועלף ביינאַכט אויף על. עס. וו.״ (בריקס, פאַפּירענע, ז׳ 31).

עלפטל — בונקער אין וו״ג, אויף וואָלאָווע 11, אויפן הפקר־שטח. אַנטדעקט 6.7.42 אַ 20 בחורים, טייל באַוואָפנטע, זענען אַנטלאָפן. (נייבערג, ז׳ 161).

עלפטע געבאָט — „שמד אַפּ דיין זיידן און די באָבע״, ווייל כדי צו זיין אַ פולער אַריער, האָט מען געמוזט נאָכווייזן, אַז מען איז ביזן דריטן דור פון נישט יידישער אָפּשטאַמונג. (ר״א).

עמאַנציפּאַציע — מאַן צום פּאַטשן. (וו״ג, צווישן ג׳־קעמפערס).

עמלק — דייטשן. היטלער.

עמך — ייד אויף דער אַרישער זייט. „איך האָב באַלד אין אים דערקענט עמך״. (טור־קאָוו, אין קאַמף, ז׳ 138).

ענגלענדער — עס זענען דאָ פּעסימיסטן וואָס דריקן אויס די מורא, אַז די ע׳ זאָלן נישט קומען אויף די קברים און אָנזאָגן אַ בשורה: „מיר האָבן געזיגט!״ (רינג, 19.2.41). די ע׳ שוין ווידער געשלאָגן אין אַפריקע, וואָס דען? כ׳האָב באַלד געזאָגט, אַפילו אַ ווייבל וואָס האָט געליטן אויף די ענגלישע קרענק, קאָן נישט לייכט געווינען, זאָגט אַ הייבאַם. (ר״א). די ע׳ שוין ווידער אָפּגעגעבן אַגאַדאָביע. אַזוי איז מיט די ענגלישע קרענק. גייט און גייט און פאַלט ווי אַ באָבע. (ר״א).

— „האָסט געהערט ? דער ע׳ אַנטלויפֿט שוין פֿון סינגאַפּור״ ; „כ׳וועל שווערן, אַז (גענעראַל) וואַוועל וועט קריגן דאָס זאָקן־בענדל״ (ענגלישער אָרדן) ; וועט ער מעגן חתונה האָבן מיט מיין באָבען, וועלכע איז אויך געגאַנגען ביידע זאָקן מיט איין זאָקן־בענדל״. (ר״א).

— „פֿאַר וואָס רימען זיך די ע׳ מיט זייער אַנטלויפֿן ? — זיי דו אַ בריה און אַנטלויף מיט ביידע פֿיס אין איין זאָקן־בענדל״. (ר״א).

— „פֿאַר וואָס זענען די ע׳ אַזעלכע שלימזלדיקע מיליטער־לייט ? — ווייל די בעסטע זעלנער טראָגן סקאָטישע קליידלעך און די ריטערס בינדט מען אָן זאָקן־בענדלעך״. (ר״א).

— „וואָס זאָגסטו ? ווידער בענגאַזי אָוועקגעגעבן אינמיטן ? / — אַזוי זענען זיי, די בריטן, / נישט דערפֿאָרן, נישט דעריטן. (ר״א).

— „אין עראָפּלאַן געפֿינען זיך 4 מענטשן : אַן ענגלענדער, דייטש, רוס, איטאַליענער. דריי מוזן אַראָפּשפּרינגען, אויב נישט, איז אַ קאַטאַסטראָפֿע. דער דייטש שפּרינגט אַראָפּ מיטן אויסגעשריי : פֿאַרן פֿירער און פֿאָטערלאַנד. דער איטאַליענער שפּרינגט אַראָפּ מיטן אויסגעשריי : פֿאַרן דוטשע און פֿאָטערלאַנד. דער ענגלענדער שרייט אויס : פֿאַר דעמאָקראַטיע, גלייכהייט, ברודערלעכקייט — און וואַרפֿט אַרויס דעם רוס״. (ר״א).

— „טשערטשיל איינגעלאַדן צו זיך דעם גערער רבין און געראָטן זיך מיט אים, ווי אַזוי איינצונעמען דייטשלאַנד. דער רבי האָט געענטפֿערט : עס זענען דאָ צוויי וועגן — על פּי דרך הטבע און על פּי נס. דער דרך הטבע איז : אַ מיליאָן מלאכים מיט פֿלאַמענדיקע שווערדן זאָלן אָנפֿאַלן אויף דייטשלאַנד און עס פֿאַרניכטן. דער נס איז, אַז אַ מיליאָן ענגלענדער זאָלן מאַכן אַ דעסאַנט אין דייטשלאַנד און זי פֿאַרניכטן״. (רינג׳, 8.5.42).

— „עס גייען אין לאָנדאָן עטלעכע אַמעריקאַנער אָפֿיצירן און טרעפֿן זיך מיט ענגלישע מיליטער־לייט. רופֿט זיך אָן צו זיי אַן אַמעריקאַנער : מיר געווינען פֿאַר אייך די מלחמה. דער ע׳ ווענדט זיך צו זיינע חברים : זע נאָר ווי די רוסן האָבן זיך אויסגעלערנט רעדן אַ גוטן ענגליש״. (וו״ג, די שטימע, 24.12.43).

— „איינער פֿון דער טראַנספּערשטעלע (זע) האָט געזאָגט אַ ווערטל : אויב די דייטשן זיגן וועט אויסשטאַרבן 25% יידן. אויב די ענגלענדער — 75%. אַזוי לאַנג וועט עס דויערן״. (רינגל׳, 11.5.41).

— „דער פֿיש אין דער וואַנע. רידז־שמיגלי, דאַלאַדיע און טשעמבערליין ווילן אים כאַפּן. רידז האָט זיך דאַביי צעריסן די האַנט. דאַלאַדיע אָנגעטאָן הענטשקעס, געכאַפּט דעם פֿיש, אָבער זיך אויסגעריסן. טשעמבערליין אָנגעהויבן שעפּן דאָס וואַסער מיט אַ קאַווע־לעפֿעלע״. (רינג׳, 10.12.39).

— „תכסיסי הציד : יושבים ג׳ מנהגי עולם : שר שלנו, של צרפת ושל אנגליה אצל הנהר וחושבים איך לצוד דג במכמורת. השר שלנו חטף אותו בראש ונשמט מידו. השר הצרפתי חטף בראשו ובזנבו ונשמט מידו. לא כן שרה של אנגליה. הוא יושב ושואב לו מים. יש לו סבלנות במידה מרובה. שואב ושואב עד שהמים נשאב והדג בכמרתו״. (ל״ג, מן המיצר, יולי 1941).

— מ׳דערציילט אַז אויב אַ ענגלישע באָמבע פֿאַלט אויף אַ נישט דייטש,

קרעכצט זי: I am sorry. (לובלין, ביולעטין ייה״א, 1959, נר׳ 12, קריסטינאַ מאַדזשעווסקאַ). זע: היטלער, טשערטשיל, מלחמה, סטאַלין, פּאָליטיק ביי קאָרטן־שפּיל.

ענטלאַוזונג — אין די ל׳ זייער אָפט אַדורכגעפירט ענטלויזונגען, וואָס איז באַשטאַנען אין האַלטן די העפטלינגען שעהנווייז אויף די אַפּעלן אין דרויסן, שיקן זיי אין די קאַלטע „וואַשרוימען״ וכו׳. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דעם אָנגעציפער האָט עס נישט געשאַדט, נאָר פיל פון די העפטלינגען פלעגן דערפון שטאַרבן. דעם באַראַק מיט דער אויפשריפט ע׳ דאַרף מען רופן „ענטגעלטונג״. דער דאָק־טער אונטערזוכט, צי מיר זענען ריין פון געלט און גאָלד. (ל. קייזערוואַלד, מאַשאַ, כ״י ז׳ 53/4). ע׳שייך. — זע: פּשעפּוסטקע, קוואַראַנטין.

ענלעך — פּויליש: פּאָדאָבני. באַצייכנט אַ יידן אויף דער אַרישער זייט, וואָס איז ענלעך צו יידן. אויף אַזאַ איינעם געזאָגט: אַז נישט ער איז ענלעך צו אַ יידן, נאָר אַלע יידן זענען ענלעך צו אים. (וואַרשע, חייקה גראָסמאַן, ז׳ 90).

עס איז בעסער אַ סוף אָן פּחד, איידער אַ פּחד אָן קיין סוף. (אוישוויץ, העלענאַ הער־מאַן, עדות, ייה״א).

עס איז גלייכער געהרגעט צו ווערן דורך אַ באָמבע, איידער דורך אַזעלכע טמאהדיקע הענט — בשעת לופט־אַטאַקעס באַהאַלטן זיך נישט יידן, ווייל זיי ווילן גע־הרגעט ווערן ווי מענטשן. (פּיאָטרקאָוו, וואַרשע, קורץ, כ״י, ז׳ 350).

עס־בלעכל — אין די ל׳ ניי־שעדלעץ טראָגן די לאַגערניקעס עס־בלעכלעך (בלעכענע פּושקעס). (ס׳ שעדלעץ, ז׳ 693).

עס גיבט קיין פּאַרדאָן — ווערטל אין אוישוויץ. „צי עס פּאַסט, צי נישט״. (פּערלמוטער, אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ. הקדמה פון לוי שאַליט, ז׳ 10/4).

עס גייען פיר וואַגאָנעס נייעס — אויף דער פראַגע וואָס הערט זיך, פלעגן ליטוואַקעס ענטפערן: עס גייען... (קאַפּלאַן, ז׳ 56).

עס־דעניק (S. D.) — אָנגעהעריקער פון זיכערהייט־דינסט. „אויפן מיט־וועג האָבן אונדז אָפּגעוואַרט עס־דעניקעס און באַגעגנט מיט אַ האָגל פון קלעפּ״. טייטש פון מחבר: נאַצישע פאָרמאַציע — זאָנדער־דינסט. (רייך, לידע).

עס וועט זיי אויספּעלן יידן, וועלן זיי מוזן שיקן גוים קיין א״י. אין אָפּאַטשנע רעיע־סטרירט מען יידן וואָס האָבן קרובים אין א״י, כדי אויסצוטוישן זיי אויף דייטשן: „דייטשן פירן אַן אַגיטאַציע, זייער העפלעך, יידן זאָלן זיך רעיעס־טרירן; מעג זיין אַפילו אַ ווייטער קרוב — גענוגט עס שוין״, דערפון דאָס ווערטל. (כרמי, נסיעה לא״י, ידיעות ב״ק, אַפּריל 1957).

עס טויג נישט, ווייל ס׳איז צו גוט — אויב מורער (זע) געווען לייטזעליק צו יידן. (ווילג׳, ה. קרוק, 29.3.43).

עסן — פאַרוואָס איז נישטאָ קיין עסן ביי די דייטשן, — ווייל אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו עסן, האָט צוגענומען: עס־עס, עס־אַ (SS, SA) און ען־עס־דע־אַ־פּ (NSDAP). (ר״א). אַ ייד זעט עסן ברויט אַן אַנדערן, רופט ער זיך אָן: ר׳ ייד, שניידט דין און עסט מיט רחמים. (ר״א); האָסט נישט קיין פרנסה און קיין אַרבעט? רייניק אויס אַ רינשטאָק און גיב דיין ווייב עסן. (ר״א).
— די דייטשן ליקווידירן זייערע יידישע אַגענטן. „על נושא זה שמעתי היום

— „האָסט געהערט? דער ע' אַנטלויפט שוין פון סינגאַפּור״; „כ'וועל שווערן, אַז (גענעראַל) וואַוועל וועט קריגן דאָס זאַקן־בענדל״ (ענגלישער אָרדן); וועט ער מעגן חתונה האָבן מיט מיין באָבען, וועלכע איז אויך געגאַנגעןביידע זאָקן מיט איין זאָקן־בענדל״. (ר״א).

— „פאַר וואָס רימען זיך די ע' מיט זייער אַנטלויפן? — זיי דו אַ בריה און אַנטלויף מיט ביידע פיס אין איין זאָקן־בענדל״. (ר״א).

— „פאַר וואָס זענען די ע' אַזעלכע שלימזלדיקע מיליטער־לייט? — ווייל די בעסטע זעלנער טראָגן סקאָטישע קליידלעך און די ריטערס בינדט מען אָן זאָקן־בענדלעך״. (ר״א).

— „וואָס זאָגסטו? ווידער בענגאַזי אָוועקגעגעבן אינמיטן? / — אַזוי זענען זיי, די בריטן, / נישט דערפאָרן, נישט דערריטן. (ר״א).

— „אין עראָפּלאַן געפינען זיך 4 מענטשן: אַן ענגלענדער, דייטש, רוס, אי־טאַליענער. דריי מוזן אַראָפּשפּרינגען, אויב נישט, איז אַ קאַטאַסטראָפע. דער דייטש שפּרינגט אַראָפּ מיטן אויסגעשריי: פאַרן פירער און פאָטערלאַנד. דער איטאַליענער שפּרינגט אַראָפּ מיטן אויסגעשריי: פאַרן דוטשע און פאָטערלאַנד. דער ענגלענדער שרייט אויס: פאַר דעמאָקראַטיע, גלייכהייט, ברודערלעכקייט — און וואַרפט אַרויס דעם רוס״. (ר״א).

— „טשערטשיל איינגעלאַדן צו זיך דעם גערער רבין און געראָטן זיך מיט אים, ווי אַזוי איינצוגעמען דייטשלאַנד. דער רבי האָט געענטפערט: עס זענען דאָ צוויי וועגן — על פי דרך הטבע און על פי נס. דער דרך הטבע איז: אַ מיליאָן מלאכים מיט פלאַמענדיקע שווערדן זאָלן אָנפאַלן אויף דייטשלאַנד און עס פאַרניכטן. דער נס איז, אַז אַ מיליאָן ענגלענדער זאָלן מאַכן אַ דעסאַנט אין דייטשלאַנד און זי פאַרניכטן״. (רינג', 8.5.42).

— „עס גייען אין לאָנדאָן עטלעכע אַמעריקאַנער אָפיצירן און טרעפן זיך מיט ענגלישע מיליטער־לייט. רופט זיך אָן צו זיי אַן אַמעריקאַנער: מיר געווינען פאַר אייך די מלחמה. דער ע' ווענדט זיך צו זיינע חברים: זע נאָר ווי די רוסן האָבן זיך אויסגעלערנט רעדן אַ גוטן ענגליש״. (וו״ג, די שטימע, 24.12.43).

— „איינער פון דער טראַנספּערשטעלע (זע) האָט געזאָגט אַ ווערטל: אויב די דייטשן זיגן וועט אויסשטאַרבן 25% יידן. אויב די ענגלענדער — 75%. אַזוי לאַנג וועט עס דויערן״. (רינגל', 11.5.41).

— „דער פיש אין דער וואַנע. רידז־שמיגלי, דאַלאַדיע און טשעמבערליין ווילן אים כאַפּן. רידז האָט זיך דאַביי צעריסן די האַנט. דאַלאַדיע אָנגעטאָן הענטשקעס, געכאַפּט דעם פיש, אָבער זיך אויסגעריסן. טשעמבערליין אָנגע־הויבן שעפּן דאָס וואַסער מיט אַ קאַווע־לעפעלע״. (רינג', 10.12.39).

— „תכסיסי הציד: יושבים ג' מנהגי עולם: שר שלנו, של צרפת ושל אנגליה אצל הנהר וחושבים איך לצוד דג במכמורת. השר שלנו חטף אותו בראש ונשמט מידו. השר הצרפתי חטף בראשו ובזנבו ונשמט מידו. לא כן שרה של אנגליה. הוא יושב ושואב לו מים. יש לו סבלנות במידה מרובה. שואב ושואב עד שהמים נשאב והדג בכמרתו״. (ל״ג, מן המיצר, יולי 1941).

— מ'דערציילט אַז אויב אַ ענגלישע באָמבע פאַלט אויף אַ נישט דייטש,

קרעכצט זי: I am sorry. (לובלין, ביולעטין ייה״א, 1959, נר׳ 12, קריסטינאַ מאַדזשעווסקאַ). זע: היטלער, טשערטשיל, מלחמה, סטאַלין, פּאָליטיק ביי קאַרטן־שפּיל.

ענטלויזונג — אין די ל׳ זייער אָפט אַדורכגעפּירט ענטלויזונגען, וואָס איז באַשטאַנען אין האַלטן די העפטלינגען שעהנווייז אויף די אַפּעלן אין דרויסן, שיקן זיי אין די קאַלטע „וואַשרוימען" וכו׳. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דעם אַנגעציפער האָט עס נישט געשאַדט, נאָר פיל פון די העפטלינגען פלעגן דערפון שטאַרבן. דעם באַראַק מיט דער אויפשריפט ע׳ דאַרף מען רופן „ענטגעלטונג". דער דאָקטער אונטערזוכט, צי מיר זענען ריין פון געלט און גאָלד. (ל. קייזערוואַלד, מאַשאַ, כ״י ז׳ 53/4). ע׳שיין. — זע: פּשעפּוסטקע, קוואַראַנטין.

ענלעך — פּויליש: פּאָדאָבני. באַצייכנט אַ יידן אויף דער אַרישער זייט, וואָס איז ענלעך צו יידן. אויף אַזאַ איינעם געזאָגט: אַז נישט ער איז ענלעך צו אַ יידן, נאָר אַלע יידן זענען ענלעך צו אים. (וואַרשע, חייקה גראָסמאַן, ז׳ 90).

עס איז בעסער אַ סוף אָן פּחד, איידער אַ פּחד אָן קיין סוף. (אוישוויץ, העלענאַ הערמאַן, עדות, ייה״א).

עס איז גלייכער געהרגעט צו ווערן דורך אַ באָמבע, איידער דורך אַזעלכע טמאהדיקע הענט — בשעת לופט־אַטאַקעס באַהאַלטן זיך נישט יידן, ווייל זיי ווילן גע־הרגעט ווערן ווי מענטשן. (פּיאָטרקאָוו, וואַרשע, קורץ, כ״י, ז׳ 350).

עס־בלעכל — אין די ל׳ ניי־שעדלעץ טראָגן די לאַגערניקעס עס־בלעכלעך (בלעכענע פּושקעס). (ס׳ שעדלעץ, ז׳ 693).

עס גיבט קיין פּאַרדאָן — ווערטל אין אוישוויץ. „צי עס פּאַסט, צי נישט". (פּערלמוטער, אָן אַקטיאָר אין אוישוויץ. הקדמה פון לוי שאַליט, ז׳ 10/4).

עס גייען פיר וואַגאַנעס נייעס — אויף דער פראַגע וואָס הערט זיך, פלעגן ליטוואַקעס ענטפערן: עס גייען... (קאַפּלאַן, ז׳ 56).

עס־דעניק (S. D.) — אָנגעהעריקער פון זיכערהייט־דינסט. „אויפן מיט־וועג האָבן אונדז אָפּגעוואַרט עס־דעניקעס און באַגעגנט מיט אַ האָגל פון קלעפּ". טייטש פון מחבר: נאַצישע פאָרמאַציע — זאָנדער־דינסט. (רייך, לידע).

עס וועט זיי אויספּעלן יידן, וועלן זיי מוזן שיקן גוים קיין א״י. אין אָפּאָטשנע רעיע־סטרירט מען יידן וואָס האָבן קרובים אין א״י, כדי אויסצוטוישן זיי אויף דייטשן: „דייטשן פירן אָן אַגיטאַציע, זייער העפלעך, יידן זאָלן זיך רעיעס־טרירן; מעג זיין אַפילו אַ וויטער קרוב — גענוגט עס שוין", דערפון דאָס ווערטל. (כרמי, נסיעה לא״י, ידיעות ב״ק, אַפּריל 1957).

עס טויג נישט, ווייל ס׳איז צו גוט — אויב מורער (זע) געווען לייטזעליק צו יידן. (ווילנ״ג, ה. קרוק, 29.3.43).

עסן — פאַרוואָס איז נישטאָ קיין עסן ביי די דייטשן, — ווייל אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו עסן, האָט צוגענומען: עס־עס, עס־אַ (SS ,SA) און ען־עס־דע־אַ־פּ (NSDAP). (ר״א). אַ ייד זעט עסן ברויט אָן אַנדערן, רופט ער זיך אָן: ר׳ ייד, שניידט דין און עסט מיט רחמים. (ר״א); האָסט נישט קיין פּרנסה און קיין אַרבעט? רייניק אויס אַ רינשטאָק און גיב דיין ווייב עסן. (ר״א).

— די דייטשן ליקווידירן זייערע יידישע אַגענטן. „על נושא זה שמעתי היום

מימרה נאה: „כל האוכל בשר על שולחנם של הגרמנים, חייב להחזיר להם את העצמות״. נכונים הדברים וניסוחם קצר: „המוסר לשטן את נשמתו, חייב להשיב לו גם את גופו״. (וו״ג, לעווין, נאָטיצן, 29.5.42, בפ״ג 1958, ב׳ 5, ה׳ 4, ז׳ 58).

— איך גיי זוכן אָרגאַניזירן עפּעס עסן. איך זאָג עסן, מיין איך אַלץ וואָס לאָזט זיך נעמען אין מויל. און וואָס נעמט מען נישט אַלץ אין מויל, אַז מ׳איז הונגעריק? אַלץ וואָס דער מענטשלעכער שׂכל קען אַפילו אין נאָרמאַלע צייטן דערפון נישט דענקען. (י. וויינבערגער, כ״י).

— די 250 גראַם ברויט עסן אייניקע מיטאַמאָל. „כאָטש איינמאָל אין טאָג זיך פילן זאַט״. אַנדערע טיילן דאָס ברויט אין דינע מוצקעס און עסן אַ גאַנצן טאָג דערפון. אַפילו ביי דאָקטוירים, געווען פאַרשיידענע מיינונגען. (ל״ג, גלובע, כ״י).

עסן אַ לאָקש, אַ לאָקן, אַ קלאַפּס — ווען מ׳האָט באַקומען אויף אַ פלאַצווונקע גוט אָנגעשלאָגן, האָט מען ביים צוריק קומען אַזוי איבערגעגעבן. (וו״ג, זיל־בערשטיין). „פון אַרבעס — ,לעבער׳ ווערט געהאַקט / פון בולבעס — ,קוכן׳ ווערט געבאַקט״. (חנה חייטין, איך לעב אין ג׳ קאַווקאַז. זע).

עסן און טרינקען — „אין דער צייט ווען אַ צווייטער האָט נישט ליב צו עסן, האָט רומקאָווסקי נישט ליב שיכּורן״. נאָך אַ קאָנפליקט מיט ד״ר שיקער, דעם לייטער פון געזונט־אָפּטייל אין ל״ג. (אַבי, 8).

עסן בגדים — פאַרקויפן די קליידער און קויפן עסנוואַרג. דער מוז צו „עסן בגדים״ איז געווען אַן אַלגעמיינער אויסדרוק. (ביאַל״ג, קאַפּלאַן, צו דער געשיכטע, כ״י). „די אַדעסער היימלאָזע אין ריבניץ עסן וועבלענע ליילעכער, גילדענע בראַסלעטן און זייגערלעך, שוואַרצע טייערע אַנצוגן און וואַרטן אויף די גליקלעכע מינוט״. (ר. פייגענבערג, אויף די ברעגן פון דניעסטער, ז׳ 16, פאַר דער מלחמה). באַראַש אויף אַ פאַרזאַמלונג, 6.8.42: „איך ווייס, אַז די יידישע באַפעלקערונג דאַרף די פעלצן נישט אויף וואַרעמען, נאָר אויף עסן״. (ביאַל״ג, פּראָט׳ 43׳).

עסן ווישטשיגאָוונע פערד — אַז מען האָט אין ל״ג געזען אַ יידן לויפן, האָט מען גע־זאָגט: ער עסט וו׳ פּ׳, דערפאַר לויפט ער. (פל״ח, 3).

עס־עס — „אַרבעט־גרופּע פון עס־עס, 20 מאַן״, אַרבעט ביי דער עס־עס מחוצן ג׳ וויל־נע. (קרוק, 31.1.42). אין אוישוויץ צווישן די קראַנקע, כדי מען זאָל נישט דערמאָנען דאָס וואָרט, פלעגט מען די עס־עס צורעכענען צו די הינט וואָס האָבן זיי אָפּט באַגלייט. שטאָט צו זאָגן צוויי עס־עס מענער און איין הונט, האָט מען געשמועסט וועגן דריי הינט מיט אַכט פיס. (טווערסקי, איך בין דער קרבן און דער עדות, ז׳ 168).

— באַזונדערע עס־עס לייט: **עס־עס־אָוויעץ, עס־עס־מאַן, עס־עס־ניק**. (פ. וועלנער, ז׳ 197). לויט קאַגאַנאָווסקין, זאָל דוד פרישמאַן האָבן גערופן ספּעק־טאָרן עס־עס־אָוועץ, מיטן רמז עסן. ספּעקטאָר זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַפּעטיט. (יידישע שרייבער אין דער היים, ז׳ 526).

עס־קאַ — שטראַפקאָמאַנדע. אַהער געשיקט אויף אַרבעט פאַר אַ שטראָף. פון אַזאַ קאָ־מאַנדע, איז מען צומייסט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

עס רעטעך און גיי ביי דער וואַנט — ס'איז נישט געווען גוט צו זיין אַן אָרעמאַן, מ'פלעגט אים שיקן אויף אַרבעט; אַ גביר אויך נישט, ווייל מ'פלעגט פון אים שלעפן געלט. אויף דעם האָט מען געזאָגט: עס... (ל"ג, ייה"א, עדות 1739/268).

עפל — „אכטונג, אַ דייטש גייט". (וויל"ג און עסטלאַנד). ווען די דייטשן אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס וואָרט, האָט מען געזאָגט: תפוחים. (א. שעפטעל; סוצקעווער, ווילנע, ז' 93). דאָס זאָל שטאַמען דערפון, וואָס ווינטער־צייט אָנגעקומען אין די ווילנער שפּיטאָלן פאַרפרוירענע דייטשן, „ווי פאַרפרוירענע עפל".

עפעקטן — ע'־קאַמער, מחסן בגדים פון העפטלינגען אין אוישוויץ. די לאַגערניצעס וואָס אַרבעטן דאָ, טראָגן ראָזע קאָפּ־טיכלעך — „רוזשאָווי עפעקט". ע' — זאַכן וואָס די העפטלינגען האָבן מיט זיך געבראַכט, אָנקומענדיק אין ל'. אַלץ איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן אין ל', געמעגט בלויז באַנוצן די „העפטלינג־קליידער". (ה. פריוועס, אין רויך, ז' 176).

עקאָנאָמיע — אַ האַלב חרובע טעכנישע שול ביי סקאַרזשיסקאָ. דאָ געהויזט יידן פון ווערק א'. פינף־גאָרנדיקע פריטשן געווען. (שטריגלער, אין די פאַבריקן פון טויט, ז' 21). „געוווינט אין דער ע'" (פירטע פריטשע). (ס' סקרניביץ, ז' 521).

עקוויפּונעק — פויליש: „אויסריסטונג" פון אַ לאַגעריסט, אַפּריל 1941. (ר"א 388).

עקס — דער עקזעקוציע־רעסאָרט (פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וו"ג) אויסגעפירט אַלע שטראָפן און סאַנקציעס וואָס זענען באַשטימט דורך די באַזונדערע רעסאָרטן; האָט דורכגעפירט קאָנפיסקאַציעס און רעוויזיעס, צוגענומען פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע די באַהאַלטענע פאַרמעגנס ביי די פאַרמעגלעכע יידן, אָפּהיטנדיק די מאָראַלישע ריינקייט ביי יעדן „עקס"; עקס — עקספּראָפּריאַציע. (באַזשיקאָווסקי, צווישן פאַלנדיקע ווענט, ז' 33; רינג', כתבים, ב' II, ז' 332, א"א).

עקס נאַסטרים — אַזוי האָבן יידן זיך באַצייכנט אויף דער אַרישער זייט.

ער — (1) היטלער. „ער איז שטאַרק, ער איז ריזיק, אייזן איז זיין כוח" — דאָס איז דער נוסח פון זייער (יידן וואָס גלויבן נישט אין קיין באַפרייונג) יאוש". (אָפּאָטשינסקי, כראָניק, נאָוו' 1942). „אַלע האַלטן אין איין רעדן, אַז אָט־אָט וועט ער מיט אונדז פאַרענדיקן". (דאַרט, דעצ' 1942). „נישקשה, נאָך אין אַ פאַר מאָנאַט אַרום, וועט ,ער' כאַפּן אַ מפּלה". (יואל ליטמאַן, כ"י, ז' 41). „ער וועט איינעמען די וועלט? — אַ מיתה משונה וועט ער איינעמען". (בריקס, פאַפירענע, ז' 8). „וואָס הערט מען? — ס'איז גוט. ,ער' איז שוין ביין איילן אין דער אדמה. ער האָט שוין נישט מיט וואָס צו פייפן". (בריקס, דער קיסר, ז' 112).

(2) אין שאַוולער ג' באַוויזט זיך קודם איין רעוואָלווער, אַ גרעסערער, דערנאָך אַ קלענערער, אַ דאַמען־רעוואָלווער, האָט מען זיי גערופן „ער" און „זי". (שאַליט, שאַוול, ז' 216).

עראָווצי — ייִדן וואָס געאַרבעט אין דער דײַטשער ריסטונג־אינדוסטריע, געטראָגן אויפֿן אַרעמבאַנד אָדער אויף דער ברוסט אַ בלעכל מיט R (ריסטונג). (באָריסלאַוו, לוואָוו, 1943. וויזער געניאַ, עדות נר׳ 176).

ער איז אַ מאַשין אָן רעדער — „ביי דער לעצטער ווישעדלעניע (זע) ווערן געשוינט פֿאַכלײַט וואָס קערעווען מיט דער מאַשין. אַזאַ איינער אין וועלכן די פּראָדוק־ציע נייטיקט זיך, ווערט ווי ווײַט מעגלעך געשוינט און נישט אַרויסגעשיקט. מיט דעם וואָרט ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז אַזאַ פּערזאָן איז אַ ‚מאַשין׳ וואָס האָט קיין רעדער — פֿאַרט נישט״. (ל״ג, ג׳־לשון, 999).

ערב — „געזען אַ בילד פֿון ערב־טויטע ייִדן, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן״. (ס׳ ביעלסק־פּאָדל., ז׳ 400).

די ערגסטע קאַליע־מאַכערס זענען די גוט־מאַכערס — (וו״ג, שמחה האַלצמאַן).

ער־גע־ער — ריגער געטאָ־ראַדיאָ. ליטווישע ייִדן באַצייכענען אַזוי די נייעס פֿון די איינגעזידלטע דײַטשע ייִדן. „און זאָל נאָר נישט ערגער ווערן פֿון די גוטע בשורות״. (קאַפּלאַן, ז׳ 52).

ערד־הייזל, הייל־שטיבל — זעמליאַנקע (זע). (סמאָלאַר, ייִדן אָן געלע לאַטעס, ז׳ 74, 78 א״א); **שטאָב־הייזל** (דאָרט, ז׳ 35/6; קאַטשערגינסקי, כ׳בין געווען אַ פּאַרטיזאַן, ז׳ 34, 26 א״א).

ערדליגער — בעטלער וואָס ליגט אויף דער ערד. „דאָס ליגן אויף דער ערד האָט אויפֿ־געהערט, די אמתע ע׳ זענען אויסגעשטאָרבן און די סימולאַנטן האָבן, ווײַזט אויס, איינגעזען, אַז דאָס העלפֿט ווייניק צו פּרנסה״. (רינג׳ אויגוסט 1941).

ער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין גאָט אין קאַסטן — (ל״ג, פֿראַנק, טאָגבוך, כ״י, 4.4.41).

ערובניק, עס — זאַקלאַדניק. (אויפֿרוף, מערץ 1942; 20.11.42, דאָס וואָרט, ז׳ 83, 143, 146; ערשטע וועלט־מלחמה, אַנ־סקי, חורבן גאַליציע, ב׳ 1, ז׳ 117 א״א). „זאַקלאַדניקעס״ זאָגט ד״ר הויזנער. (לוואָוו, דאָרט, ב׳ 2, ז׳ 146; זע אויך ב׳ 3, ז׳ 23). צווייטע וועלט־מלחמה: די דײַטשן האָבן גענומען זיין פּרוי אַלס זאַקלאַדניטשקע. (ס׳ סקאַרזשיסקאַ, ז׳ 84 א״א). אין פֿראַנקרײַך, אין באַנוץ אָטאַזש(ן). (סאָלידאַריטעט, נר׳ 4, מאַי 42׳; דאָס וואָרט, ז׳ 91). אַרעסטירט אַלע ערובניקעס. (ס׳ קאָנין, ז׳ 471, 472; ס׳ בילגאָריי, ז׳ 102). זע: גייזל.

ער וואָרט אויפֿן טשאָלנט — פֿאַראַן אַרבעטער, וואָס שרײַבן נישט אונטער אין שבת (דאָס איז אומאָפּיציעל דערלויבט). ווען איינער אַנטזאָגט זיך אונטערצושרײַבן מחמת רעליגיעזע טעמים, ווערט ער באַצייכנט, אַז ער וואָרט אויפֿן טשאָלנט, ד״ה, אַפֿילו אין דעם אַרבעטנדיקן טאָג, געדענקט ער אין שבת. (ל״ב, ג׳־לשון 1015).

ערזאַץ — אָרעמאַן וואָס געגאַנגען פֿאַר אַן אָפּצאָל אויף אַרבעט פֿאַר אַן אַנדערן. (בענ־דין, קאָנער שרה, ייה״א). אָפּטער באַנוצט ערזאַץ־מאַן, ערזאַץ־מענטש. „דער דלות אין ג׳ (ראַדאָם) איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָבן זיך געפֿונען אַ סך, אַזוי צו זאָגן, ‚פּראָפֿעסיאָנעלע ערזאַץ־מענער׳, וואָס פֿלעגן פֿאַר די זלאָ־טעס, באַקומענע פֿון אַרבעט־אַמט, טאָג נאָך טאָג, גיין עמעצן פֿאַרבײַטן ביי דער אַרבעט. געווען אַפֿילו אַזעלכע ‚פּראָפֿעסיאָנאַלן׳, וואָס פֿלעגן וועלן פֿאַר־

בייטן עטלעכע מענטשן אין איין טאָג. זיי פלעגן לויפן פון איין אַרבעט־פּלאַץ צום צווייטן, כדי עפּעס וואָס מערער פאַרדינען. געווען צייטן, ווען אויף 600 אויפגעפאָדערטע, פלעגט דער אַרבעט־אַמט שיקן אַ 400 באַצאָלטע „ערזאַץ־מענער. (אַנדענק־בוך, ז׳ 151/2). פון די באַפרייטע פון אַרבעט איינקאַסירט ערזאַץ־געלט פאַר די „פאַרבייטער. (דאַרט, ז׳ 60). „אַ ערזאַץ־מענטש באַקומען 1—1½ מאַרק אַ טאָג״. (ס׳ מלאַווע, ז׳ 396).

ערל — וואָרנצייכן צווישן די באַלקאַנער יידן. (קאַפּלאַן, ז׳ 13).

ער לעבט פון רומקאָווסקים ראַציעס (זע) — איינער וואָס פאַלט פון די כוחות. (ל״ג, גלובע)

ערנבינדע — ד״ר אַלטען (לובלין) אינטערוועניִרט וועגן טראָגן די לאַטע אויך פון הינטן (אויף דער פּלייצע), חוץ פון פאָרנט. ווען מען האָט זי אָנגערופן שאַנדבינדע, געענטפערט, אַז דאָס איז אַן „ערנבינדע״. באַקומען דריי טעג אַרעסט. (רינג׳, 18.2.40).

ערשטע — די קרבנות פון 25.6.41 געבליבן א״נ „די ערשטע״. (קאָוונע, רעגעלסאָן, עדות).

ער „שיסט״ פּאַרויס — ווייל טאָמער טרעפט אים די קויל, אָדער אפשר וועט מען אים ווישעדלען — זאָגט מען אויף איינעם וואָס שרייבט אונטער היינט אויף מאָרגן. על־פּי רוב פּרייטיק פאַר שבת. (ג׳־לשון, 1019).

עונג שבת — ע״ש, באַצייכנט רינגעלבלום די אַרבעט פון אונטערערדישן אַרכיוו אין וו״ג. „ע״ש־גרופּע האָט דערפילט אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות, זי האָט אַלאַרמירט די וועלט״. (נאָטיץ, יוני 1942). ע״ש פלעגט שיקן קיין אויסלאַנד געהיימע באַריכטן וועגן דער לאַגע פון יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. די ידיעות זענען צו דער צייט דאָס ערשטע מאָל איבערגעגעבן געוואָרן דורכן לאָנדאָנער ראַדיאָ. (רינג׳, כ״י).

פּ

פּאָבודקאַ — פּויליש: סיגנאַל צום אויפשטיין. אין אַרבעט־ל׳, אין דער ערשטער צייט, איז די אָנפירערשאַפט געווען אַ פּוילישע און מ׳האָט זיך באַנוצט מיט פּויליש אין די באַפעלן און ל׳־אָרדענונג. (ל׳ דרעווניצע, אַפּריל 1941, ר״א 388). „אַ הייזעריקער פייף שניידט דורך די לופט — פּאָבודקאַ״. (אַ. ווילטשינסקי, „דרור״, תמוז 1941; ר״א, הובערבאַנד, ל׳ קאַמפּינאָס, כ״י). זע: אַפּעל.

פּאַגאַטאָוויע ראַטונקאָווע — גיכע הילף. מ׳האָט אין וו״ג אונטערשיידט די **בלויע פּ׳ ר׳**, וואָס דער יודענראַט געגרינדעט, געהאַט בלויע פּאַסן אויפן היטל; און **גרינע**, געשאַפן דורכן דרייצנטל (זע), געטראָגן גרינע שטרייפן, (י. מאַוולט, כ״י, ז׳ 60; מ. טאָמקעוויטש, כ״י, ז׳ 263).

פּאַגראָם — עקסצעסן, אָנפאַלן אויף יידן. פון אָנהייב געווען באַנוצט, שפּעטער אַריין די ווערטער: אַקציע, שחיטה. אונטערשייד: „פּ׳ געווען שרעקלעך, אָבער ער האָט אַמאָל אויפגעהערט און מ׳האָט געקאָנט אָנהייבן לעבן אויפסניי. אָבער היינט איז דאָ נאָר איין מעגלעכקייט, איין איינציקער וועג, דער וועג צום טויט, צום אונטערגאַנג. אַמאָל אַרגאַניזירט פּאָגראָמען אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן; די פאַרברעכער האָבן געוווסט אַז זיי באַגייען אַ פאַרברעכן. היינט ווערט אַלץ געטאָן פראַנק און פריי, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. וואָס גרעסער דאָס פאַרברעכן, אַלץ דערהויבענער די פאַרברעכערס, אַלץ שטראַלנדיקער איז די גלאָריע איבער זייערע קעפּ״. (וועלנער, ז׳ 23, 69). — ווי נאָר די דייטשן אַריין, געוואָלט דורכפירן אַ פּ׳. ביי אונדז דאָס גערופן דעמאָלט פּ׳. (ס׳ זבורוב, ז׳ 50). שפּעטער גערופן דאָס אַקציע (זע).

פּאַדאַבני — פּויליש: ענלעך צו יידן. לאָזט אָנהערן, אַז מען איז אַ ייד. „דער הער איז ענלעך״. זע: אַרישע זייט.

פּאָדעשווועס — אין האַסאַג פעלצערן (טשענסטאָכאָוו) געקאָכט זופּן פון קאָנסערווירטע בוראַקעס, וואָס זענען האַרט ווי לעדער און נישט ווייך געוואָרן פון קאָכן. פּאָדעשווע־זופּ. (אָרענשטיין, חורבן טשענסטאָכאָוו, ז׳ 222). זוילן־זופּ פון בוראַקעס־שאָלעכץ. (ש. ראָטבערג).

פּאָדריוווניקעס — מינירער. „פּאָדריוווניקעס מינירן די באַן־ליניע״. (ס׳ זשעטל, ז׳ 399).

פּ. און וו. (V) — די דאָזיקע אותיות געווען אויפגעדרוקט אויף די טאַלאָנען (זע) אין ל״ג, באַטייטן פאַרשידענע צוטיילן. יידן אויסגעטייטשט: אויף די גרינע צעטלעך שטייט אַ פּ. (P). צי ווייסט איר ווי אַזוי עס מאַכט? פּאָזיטיוו! און איך זאָג: פּטור! און איך זאָג, רופט זיך אָפּ אַ חסיד: דאָס אַלץ מאַכט פראַשקער (ממונה איבער די קיכן); און ווי אַזוי מאַכט דער צעטל וו? — פאַרשריבן, ד. ה. אָפּ־

לייגן; ניין, וו מאַכט פאַרהאַנדלען, ד״ה, אַז עס גייט נאָך עפּעס צו טאָן. (ל״ג, ווען לאַכט אַ ייד, כ״י).

פּאַוויאַק — צענטראַלע תפיסה אין וואַרשע, באַקאַנט נאָך פון די צאַרישע צייטן, אויפגעבויט 1835. אין דער נאַצי־צייט געוואָרן אַ שם־דבר צווישן יידן און פּאָלאַקן. אַ נאָטיץ פון 1940: „פּאַר וואָס זיצן יידן אין פּ׳?" (ר״א 294); „אויב אַפילו מ׳גייט אַרויס פון פּ׳, איז מען אַ קאַליקע אַ גאַנץ לעבן". דאָס איז געווען אין אָנהייב, שפּעטער איז מען שוין פון פּ׳ נישט אַרויסגעקומען, געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, אויף די חורבות פון געטאָ, אָדער פאַרשיקט געוואָרן צומייסט קיין אוישוויץ.

אין אַ ווענדונג צום יודענראַט, 31.7.1941, פאָדערט די סיפּאָ, אַז די פענצטער פון די הייזער אויף די גאַסן פּאַוויע, לובעצקיעגאָ וואָס אַנטקעגן דעם פּ׳, זאָלן פאַרשטעלט ווערן. ס׳ווערט אויך פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט די באַלקאָנען פון די הייזער. וועגן דעם שרייבט אַ כראָניקער (25.5.42, ר״א 1307): „אַלע פראָנט־וווינונגען וואָס געפינען זיך קעגנאיבער דעם פּ׳, מוזן שוין פון אַ לענגערער צייט זיין הערמעטיש געשלאָסן, פאַרשטעלט מיט שוואַרץ פּאַפּיר, גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת. זיצט מען דאָרט אַ גאַנצן טאָג אין דער פינצטער. דער וועכטער פון פּ׳ גיט אַכטונג, ס׳זאָל זיך, חלילה, נישט עפענען קיין יידישער פענצטער, ס׳זאָל נישט אָוועקגעשאַרט ווערן דאָס שוואַרצע פּאַפּיר. מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז אויף פּאַוויע 30 דערשאָסן געוואָרן אַ ייד, וואָס האָט אויף אַ ווייל אָפּגערוקט די פאַרדעקונג פון אַ שטיקל שויב. ס׳איז גענוג עס זאָל פון אַ פענצטער אַדורכשיינען אַ שטראַל־ליכט און די דייטשן באַפאַלן דאָס הויז און פירן אַוועק די מאַנסלייט פון דער וווינונג אין פּ׳ אַריין;

„פּ׳ — בית הסוהר הידוע לשימצה. סמוך לדירה החלוץ בדז׳ילנה". (קורנינסקי, בשליחות, ז׳ 70).

פּאָזשאַנדקאָווי — אָרדענונגס־דינסטמאַן. נידעריקסטע ראַנג פון דער יידישער פּאָליציי. (ר״א 397, מאַי 1941).

פּאַטעלניע — פּויליש: patelnia, katerynka, gazownia — מחבת, תיבת נגינה, תחנת גאז. כינויים מפי העם למחנה המוות בחלמנו. (הרב י. מ. אהרונסון, ס׳ קולו, ז׳ 323). „נישט געוווּסט ביז דער לעצטער מינוט וואָס דאָס איז, נאָר מ׳האָט מיר געזאָגט: מ׳וועט דיך נעמען אויף דער פּ׳". (ל״ג, שמאַי ראָזענבלום). „זיי זענען געגאַנגען אויף דער פּ׳". (קריגס־פאַרברעכער קראַמפּף אויף זיין פּראָצעס אין לאָדזש). „מ׳האָט געברענט האַלב־לעבעדיקע מענטשן אויף דער פּ׳". (ל׳ פּאָניאַטאָוו, אסתר רובינשטיין). „ווען די לאָדזשער יידן זענען אויגוסט 1944 געקומען קיין אוישוויץ, האָבן זיי געפרעגט די קאָנאַדער (זע): ווו אַהין פירט מען אונדז? — האָבן יענע געענטפערט: אויף דער פּ׳ (בראַטפּאַן). (פּל״ח, 6). באַנוצט דורך פּאָלאַקן: „Poszedł na patelnię". (גראַבינסקי, דיפּלאָמאַציע אין דאַכאַו, ז׳ 179, פּויליש).

פּאַטענטניקעס — סוחרים וואָס אויסגעקויפט אין יודענראַט פּאַטענטן צו פירן אַ געוועלבל, זענען געווען באַפרייט פון אַרבעט אַ גאַנצע וואָך, חוץ זונטיק. ווען אַלע זענען געווען פריי פון אַרבעט, האָבן זיי געמוזט טאָן די דרינגענדיקסטע

אַרבעטן, ווייל די געוועלבער זענען זונטיק געווען פאַרמאַכט. (שניצלער, זכרונות, קאָלאָמיי און סביבה, כ״י, ז׳ 27).

פּאַטשקון — היטלער. (קאַפּלאַן, ז׳ 53). פּאַטשקעט ווי אַ מאָלער.

פּאַיאַץ — היטלער, געבעלס. ער לייענט דעם פּ׳. (טאָגבוך פון גלאָוונע, 28.11.39, ר״א 447).

פּ. אי. פּ. — טעלעגראַפן־אַגענטור: „פּעוויען אידיאָטאַ פּאָוויעדזיאַל״ — אַ געוויסער איִדיאָט האָט געזאָגט. (רינג׳, דעצ׳ 1939).

פּאַיאָק — רוסיש: צוטייל. „מען רעגולירט דעם ענין פּאַיאָקן. מ׳ווּיצלט זיך: די פּ׳ ווערן פאַרטיילט: א. לויט באַקאַנטשאַפטן; ב. פאַרדינסטן; ג. לויט דער גרויס פון דער משפּחה. דער ערשטער פּונקט דעצידירט״. (ווּיל״ג, קרוק, 8.3.43).

פּאָכאָד — רוסיש: נאַכט־גאַסטראָלן ביי פּויערים נאָך עסנוואַרג. פּאַרטיזאַנער־לשון. (מ. בעזראַדקי, יאַניוו־פּאַדלאַסקי, כ״י).

פּאַכט — אָרט ווו געשאָכטן עופות אין קאָלאָמיי, ווו דייטשן צונויפגעזאַמלט יידן פאַרן אַרויספירן צום טויט. „באַפעל דער יידישער מיליץ צוצושטעלן אין דער פּ׳ 106 מענטשן. די פּ׳ נישט ווייט פון **אומשלאַג־שטעלע** (זע). אַלע געשאָסן״. (מוניאַ און רבקה שאַודער, ז׳ 12).

פּאָל — קיצור פון פּאָליציי. מיט פּ׳ באַצייכנט די אויטאָס פון דער פּאָליציי. „מען קען שוין די אויטאָס מיטן אויפשריפט פּ׳ און מען רוקט זיך אָפּ באַצייטנס נישט בלויז פון וועג, נאָר אויך פון די טראָטואַרן. אַ פּאָליציי־אויטאָ ברענגט קיין גוטס נישט״. (וואַרשע, ר״א, שיינקינד, נאָטיץ, יולי 1942). אין שטעטלעך ווי באָרשטשיוו, איז מען ביינאַכט געשטאַנען אויף וואַך און אויסגעקוקט וואָס פאַראַ אויטאָס קומען אָן אין שטאָט, אויב מ׳האָט געזען דעם צייכן פּ׳, איז מען געלאָפן זיך באַהאַלטן, ווייל זיך געריכט אויף אַן אַקציע. (מאיר גאָטעסמאַן).

פּאָלאַניזמען — דער אויסברוך פון דער מלחמה און דער פאַרלויף פון די קריגס־געשעעניש אין די ערשטע וואָכן, האָט אַריינגעבראַכט נייע ווערטער, ס׳רוב פון פּויליש. זיי ווערן רעיעסטרירט אין אַן אַרבעט, אָפּגעפונען אין ר״א פּאָלקלאָר, ב׳ 2 א״ג „נייע ווערטער און אַלטע ווערטער מיט נייע באַגריפן״: נאַלאָטן (אָנפלי פון פיינדלעכע עראָפּלאַנען) באָמבעס, שראַפּנעלן; אונדזערע (עראָפּלאַנען, מיליטער); זייערע (דעם שונאס); גרוזן (חורבות); אונטער די גרוזן (פאַרשיט אונטער די חורבות); אַלאַרם (וואָרנצייכן, אַז עס דערנענטערן זיך פיינדלעכע עראָפּלאַנען); לאָפּ (זע), אַפּעל (זע); לאָפּ־קאָמענדאַנט (זע) · סכראָן (זע); שוץ־קעלער, גאַז־מאַסקעס, טאַמפּאָן, האַנט־אַפּטייקל. די שפּעטערדיקע גזירות האָבן גורם געווען צו פאַרגרעסערן דעם מין ווערטער. פון איין גבית־עדות פון וואַרשע (י. סמאָקאָווסקי) נעמען מיר אַרויס פּאָלאָניזמען, וואָס זענען געווען אין באַנוץ נעבן די אויסגערעכנטע: אָדלאַמקעס (שפּליטערן פון אַ באָמבע); פּאָדקאָפּ (אונטערגראָב); פּאָציסק (קויל פון אַ קאַנאָן); וואַרטאָווניק (וועכטער). פון אַנדערע מקורות: פּאָלאַנע (אַ פרייי שטיקל פעלד אינמיטן וואַלד). (ס׳ זשעטל, ז׳ 402; ס׳ ביטען, ז׳ 244 א״א). פּאָליאַנקע. (ס׳ ביטען, ז׳ 254); קאָלעיאַזש, טאָראָווי (באַנער); (ס׳ סקער־

ניעוויץ, ז׳ 462, 463) ; פיסטאָלעט — רעוואָלווער. (ס׳ זשעטל, ז׳ 422 א״א).
זע : פּאָליצײ.

פּאַלאַץ־בריל — פּאַלאַץ אין וואַרשע. פֿאַר דער מלחמה זיצאָרט פֿון אויסערן־מיניסטעריום. אין אָקופּאַציע־צײַט — פֿון דיסטריקט־שעף. פּ״ב — זיצאָרט פֿון דער מאַכט. (אָפּאָטשינסקי, 24.12.42).

פּאָליגאָן — יידן געטריבן קיין ניי־סווענציאַן אויפֿן פּ׳, פּוילישן מיליטער־עגזערציר־פּלאַץ. דאָ זיי אויסגעשאָסן. (ס׳ סווענציאַן, ז׳ 613).

פּאָליטיק ביי קאָרטן־שפּיל — אין ר״א פֿאַראַן אַ זאַמלונג וויצן אונטער דעם נאָמען. מיר ברענגען זיי לויט דער אָריגינעלער אָרדענונג :

1. אַ פּעכאָווע שפּילער היטלער. געהאַט דריי אונטערס (אונטער מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו), גענומען און געווינען כסדר און דאָך פֿאַרשפּילט צו אַ נאַרישער אָקע (טייך אונטער מאָסקווע).
2. געהאַט דריי אונטערס און פֿאַרשפּילט צו אַן אונטער־אָקע.
3. היטלער איז נישט קיין שפּילער, אַז ער האָט נישט געוווּסט, אַז צו קיין ענגלישן פּאָקער העלפֿט נישט קיין זשאָקער.
4. וואָס טויגן מיר די מעשיות, ס׳געווינט טשערטשיל ווי ער וויל. פֿאַר וואָס ? ער ליגט שטענדיק אויף דריי מלכים און איין מלכה (נאָרוועגישער, גריכי־שער און יוגאָסלאַווישער מלך און האָלענדישע מלכּה, האָבן זיך צו דער צייט געפֿונען אין לאָנדאָן).
5. דער ענגלענדער האָט שוין ווידער פֿאַרנומען אַ גרויסע שטאָט : טריפּ... טריפּער... צי סיפיליס (טריפּאָליס).
6. סטאַלין איבערגעשיקט אַ גראַטולאַציע־דעפּעשע צום וואַרשעווער ג׳. ער באַגריסט די יידן צו זייער שנעלן פֿאַרנעמען כאַרקאָוו, סמאָלענסק און אַלע באַלטישע לענדער.
7. ביסט נישט אין די פּוטערס (זע) און נישט אין די פּעדערן, / דו ווילסט צי ווילסט נישט, מוזסטו הערן יעדערן.
8. נאָכן אַוועקגעבן די פּוטערס : די גבירים לאָזן זיך אויס, ס׳וועט ווערן ביליק חזיר־שמאַלץ. (14.1.42).
9. פֿון אינדזל העלענע טעלעגראַפירט מען, אַז ס׳איז דאָרט צו באַמערקן אַ גרויסע באַוועגונג. מ׳גרייט זיך אויפֿצונעמען היטלערן און זיין שטאַב.
10. היט זיך פֿאַרן מלך רויט, וועסט ווי היטלער קריגן ביי אים דעם טויט.
11. איך שטעל אויף בענגאַזי. וואָס הייסט דאָס ? אַהין, צוריק און עקסטרע ביי אַ באַנק, א 9קע (?).
12. איך שטעל אויף פּיגורן שעל : היטלערן פֿעלט עס, ווערט ער גרין און געל.
13. איך האָב זיך מיין שכל / צו שפּילן אויף פּיגורן רויט און שפּיצן שעל. / זיי וועלן געווינען ביי קרייץ און אייכל, / אַפֿילו ביי גרין, געל און ברוין.
14. אין פּוילן — פּריטש, אין ענגלאַנד — העס, אין רוסלאַנד בראַוכיטש און ס׳איז נאָך אַלץ ביי אים פּוטש. (פּוטש אין קאָרטן — פֿאַרשפּילט, איבערפּולט. אין באַלעבאַטישקייט — אַ גרויס נאַסקייט).

פּאָליטישע וויצן — אָריגינעלער טיטול פון דער סעריע וויצן פון ר״א:

1. אויף דער פראַנצויזישער גרענעץ האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג אַרויס־געהאָנגען אַ שילד אין דער זייט פון דייטשלאַנד מיט אַזאַ צושריפט: „אַכ־טונג, רויטע אַרמיי. דאָ איז שוין פראַנקרייך״.

2. אין אַ געוויסן פונקט פון מזרח־פראָנט, האָט די דייטשע אַרטילעריע גע־עפנט אַ פייער אויף אַביידל, היגטער וועלכן עס האָבן זיך באַהאַלטן ליליפּוטן. ווי באַוווּסט, גייען זיי אין רויטע הויזן, האָבן די דייטשן געמיינט, אַז דאָס זענען דאָנער קאָזאַקן.

3. אַ דייטשער זעלנער שרייבט צו זיינע עלטערן: „דער הונט בילט, די לויז בייסט, דער פראָסט קנאַלט און דער באָלשעוויסט שלאָגט, יאָגט, פּלאָגט און האַלט אונדז״...

4. דער גרעסטער ווונדער פון איצטיקן קריג: דייטשלאַנר באַזיגט די גאַנצע וועלט און וויל שלום, ענגלאַנד לײדט כסדר מפּלות, וויל נישט קיין שלום; און די רויטע אַרמיי, וועלכע איז דורך דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע שוין פול־שטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן, מאַרשירט כסדר זיגרייך פאָרויס.

5. „ראַסן־שענדער״. אין שייכות מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער טיפוס־עפּידעמיע אין דייטשלאַנד גופא, האָבן היטלער און גערינג אין געהיים זיך גע־מאַכט אַן איינשפּריצונג (טראַנספּוזיע) פון יידיש בלוט, ווייל ווי די דייטשן זאָגן, זענען יידן שטאַנדהאַפטיק קעגן פלעק־טיפוס.

6. אַ דייטשע צייטונג באַשרייבט היטלערס רעדע אין רייכסטאָג: „די יידן, ענגלענדער און די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגערופן די איצטיקע וועלט־שריפה מיטן ציל, אַז מיר זאָלן אין איר פאַרברענט ווערן״. הילכיקע אַפּלאָ־דיסמענטן אין זאַל.

7. אויפן ביכער־מאַרק דאַרפן זיך אין קורצן באַווייזן פאָלגנדיקע נייע ביכער: רעמאַרקס — דער וועג צוריק פון אָסט־פראָנט; טימאָשענקאָ — דער אַריינ־מאַרש אין בערלין און היטלערס מיין שוואַרצער סוף. (מאָרגן־פרייהייט, 17.1.42).

צוויי ישיבה־בחורים ריידן צווישן זיך: שמערל, פרעגט איינער, גיב מיר נאָר צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די דייטשן גייען איצט צוריק פון פראָנט? — פאַרוואָס פאַרשטייסטו דאָס נישט? ענטפערט בערל צוריק מיט אַ פראַגע. היטלער האָט דאָך שוין געמאָלדן, אַז אים גייט נישט וועגן פאַרנעמען שטעט און ערד־שטחים, נאָר אין צעקלאַפּן די רויטע אַרמיי. אַלזאָ, ווי לאַנג איז דען, אַז דער דייטשער גענעראַל־שטאַב האָט געמאָלדן, אַז די סאָוועטישע אַרמיי איז שוין ענדגילטיק צעשמעטערט? איז דעריבער זיך נישטאָ וואָס צו וווּנדערן, וואָס די דייטשן, נאָכן צעקלאַפּן די עליטע־אַרמיי, גייען זיך איצט צוריק אַהיים. (מאָרגן־פרייהייט, 16.1.42).

פּאָליציאַנט, פּאָליציי, פּאָליציסט — ווען אַ יידישער פּ׳ שפּרייט אויס די הענט, הייסט דאָס: „אוי, יידן, ס׳איז נישט גוט״. ווען ער הייבט אויף, זאָגט ער: „אַז גאָט וועט העלפן״. אַראָפּ: „אַז אויך היינט ליגן מיר אין דער ערד״. ((רינג׳ 2.12.40). דער סימן פון אַ פּ׳ אַ היטל: ספּעציעל אַרעמבאַנד מיט אַ נומער,

אַ פּאַלקע (נאַהייקע), אָפּצייכן פון זיין דינסט־ראַנג. געמאַכט אַ ג׳ מיט דזיאַלקעס (זע) / אַלץ האָט שוין פּאַלקעס. / ער קריגט נאָר אַ באַנד / איז ער שוין אַ פּאָליציאַנט, / פּוטער, אייער, ציבל, שמאַנט, / ווייל ער איז אַ פּאָליציאַנט. (ל״ג, מ״ז, נ״ר 583).

אַ מענאַזשקע שטאָט אַ טאָפּ, / אַ מאַרינאַזש אויפן קאָפּ (היטל פון אַ מאַ־רינאַזש, שיפס־אָנגעשטעלטער), / אַ פּאַלקע אין די האַנט / אַ גאַנצער פּאָ־ליציאַנט. (הויף־ליד, ל״ג). כ׳האָב זיך פאַרכליאָפּעט ביז איבער די אויערן, און דווקא אין אַ פּראָסטן פּ׳. (וויל״ג, ליד פון ל. ראָזענטאַל). די יידישע פּ׳ באַקומען אוניפאָרמען. „אויב אַזוי, איז דאָס אַ סימן אַז יידן אין וויל״ג זע־נען זיכער מיטן לעבן, און וואָס וויל דען מער אַ ייד אין געטאָ?״ דער עולם זעט אין זיי אַ מין איפּאַטינגאַ (ליטווישע געהיים־פּאָליציי). די פּאָליציסטן טראָגן אַפילו רוסישע מיליטערישע היטלען פון די אַמאָליקע צאַרישע צייטן. דער קאָליר — אַ ברוינער, די קאָמיסאַרן — גראַנאַט. (קרוק, 18.10.42).

די פּ׳ זיך באַנוצט מיט ספּעציעלע ווערטער, נאָר זיי פאַרשטענדלעכע, פון ל״ג האָבן מיר געהערט פון אַ געוועזענעם „זאַנדעראָוויעץ״: אָקריל, בעל־קער, קלעצל, ראָד — ברויט; מאַכן אַ ראָד — גיין נאָך ברויט; באָם — געלט; ביאַלעכטס — עסעכץ; הילען — גיין; ווייסוואַרק, ווייסעס — ברויט, מעל; זיסעס — צוקער; זבאָרעם — אין צווייען; זאַבאָרן — מיטנעמען מיט זיך (אַ מענטשן, אַ זאַך); טערן — רעדן; טשאַוון — פאַרהעלטעניש, באַציונג; טזשיזשיס — דער יעניקער; כיווישער — גנב; גיין כיוויש — גנבענען; כיווישער הונט — געניטער גנב; נעסקין — ניין; נעסקין טערן — רעד נישט; סאַפּיאַהאָ — פלייש; קיערא — בראָנפן; קנאַסן — פאַרשטייט, מבין, איז חושד; קליף — גוט; שאַכטאָ — נקבה. (וועגן מקור פון די ווערטער פאַרגלייך: מרדכי וו. בערנשטיין, אַ בינטל ווערטער פון קלעזמער־לשון. יידישע שפּראַך, ב׳ 19, נומ׳ 1, אַפּריל 1959).

דאָס געטאָ זיך געטיילט אויף פּאָליצייאישע רעווירן. די ראַנגעס און זייערע נעמען זענען פאַרשידענע. מיר ברענגען די שטופן פון וויל״ג: פּאָליציסט, אָבער־פּאָליציסט, סערזשאַנט, דינסט־לייטער, קאָמענדאַנט, אַדיוטאַנט פון פּ׳־שעף. (מאַשאַ, כ״י, יו״ש, ז׳ 36). אַ ג׳־פּאָליציסט אין קאָוונער ג׳ טראָגט אַ ווייסן אָרעמבאַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד, אַ נומערירט היטל מיט אַ מגן־דוד קאָקאַרדע. (יעלין, ז׳ 59). **פּאָליצייאיש היטל, באַהיטלטע פּאָליציי.** (שטריגלער, גורלות, ב׳ 1, ז׳ 28, ב׳ 2, ז׳ 86, 87). אויסנאַמווייז: **יידישער פּאָליצייער.** (דוקלאָז, הרב הירשפּרונג, פון נאַצישן יאָמערטאָל, ז׳ 104). ביי אונדז אין ג׳ הערשט איצט אַ פּאָליצייאיש־מיליטערישע דיקטאַטור. גענס — קאָמענדאַנט (שעף) פון דער פּאָליציי, אַ געוועזענער אָפיציר פון דער ליט־ווישער אַרמיי. (קרוק, 25.12.41). אין מלאַווע — אַ 10—12 פּאָליציסטן. דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּ׳. (ס׳ מלאַווע, ז׳ 402, 405). זע: אָדע.

פּאַלניק — „אויפצושטאָפּן די פּאַלניקעס (פּרימוסן), האָב איך אַ שטאָלענע נאָדל, קאָסט נאָר 20 גראָשן״. (וו״ג, אויסגעשריי אויף קאַרמעליצקע גאַס, בערלאַנד).

פּאָליר — אַרישער (ציווילער) אויפזעער ביי דער אַרבעט אין די בוי־קאָמאַנדעס. אונ־טערליגט דעם ווערק־מייסטער.

פּאַלמעסן — אויסשניידן פון די דייטשע צוגן, ווו יידן אַרבעטן ביים אויסלאָדן צי פּאַר־לאָדן טיילן פון לעדער, גומי א״א. „די דייטשן ווייסן שוין, וויפל צוגן מען האָט געפּאַלמעסט און ביי זיי אָפּגעשניטן די גומענע קישקעס״ (ר״א, 347).

פּאַלעסטינע — 1. פּאַלאַקן וואָס קומען פון דער צווייטער זייט אין ג׳, זאָגן אַז זיי זענען אין פּ׳. (ר״א, 11.12.40, 302, 1209).

2. דייטשן האָבן פיל מאָל אין פאַרשידענע ערטער פּראָקלאַמירט אַ פּ׳־אַקציע. געהייסן רעיעסטרירן זיך יידן וואָס האָבן קרובים אין פּ׳, צוזאָגנדיק זיי אויס־צוטוישן אויף דייטשן. געפונען אַ פּ׳, אפצאַל, דערנאָך די רעיעסטרירטע געשיקט אויף אומקום. (ר״א, 990). פאַרשריבן זיך קיין פּ׳ (ס׳ טאָמאַשאָוו־מאַז., 373, 635 ; ס׳ ביאַלע־פּאָד., ז׳ 412). זע : האָטעל פּאָלסקי.

פּאָלק — רוסיש : רעגימענט. (ס׳ זשעטל, ז׳ 357).

פּאַמאַרסקאַ — זיצאָרט פון דער געסטאַפּאָ אין קראָקע, ווי אַלעיאַ שוכאַ (זע) אין וואַרשע. די אַרבעטער פון פּ׳, יידן וואָס אויפגעהאַלטן זיך אין פּרויען־גע־פענגעניש אויף העלצלוווו. (ווייכערט, זכרונות, כ״י ב׳ 2, ז׳ 200). „ער גייט קלינגען אויף פּ׳״. (סאַקסענהאַוזען, ז׳ 105, פּויליש).

פּאָמידאָר — עס־עס־מאַן מיט אַ רויטער גולע אויפן קאָרק. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 326). אין אַ בריוו קיין רוסלאַנד : רויטע אַרמיי. (ד״ר לענסקי, וואַרשע, ז׳ 30).

פּאָנאַר — דאַטשע־אָרט הינטער ווילנע. פאַרניכטונג־אָרט פון יידן. „דאָס דאָזיקע וואָרט גייט נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג. פּ׳ הייסט דערמאָנען דעם פאָטער, אַנ־דערשוווו די מוטער, די שוועסטער, אַ כלה. פאַראַן שטיבער ווו מען האַלט זיך אין איין איבערצייגן : לעבן זיי, צי לעבן זיי נישט״. (קרוק, 25.7.42). עשאַלאָנען פון מערב, אויסגעפּוצטע טשעכישע יידן, אָנגעטאָן אין צילינדערס, פאָרן אין דער שטאָט פּ׳. זיי גלויבן נישט, ווען מ׳וואָרנט זיי, אַז דאָס איז אַן אומקום־אָרט. זומער גייען רוסישע טראַנספּאָרטן : „נאַ ראַבאָטו וו גאָראָד פּאָנאַרי״ (אויף אַרבעט, אין דער שטאָט פּ׳). (דוואָרזשעצקי, ז׳ 486/7). „ווען די טויט־פאַבריק איז שוין געווען פאַרטיק, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אין ווילנע אַ מאַפּע, ווו פּ׳ איז נישט דערמאָנט״. (סוצקעווער, ז׳ 31). „אַרבייטס־שטאָט פּ׳ — קאָנסערוון־פאַבריק״, פלעגן דייטשן אָנגעבן ווי דעם ציל פון טראַנספּאָרטן. (מאַשאַ, כ״י, ז׳ 44).

ד״ר ה. פייגיס געהאַט צו פאַרקויפן ציאַנקאַלי, ער האָט אָבער פאַרלאַנגט דערפאַר אַ סך געלט. — איר האַלט עס אויף יקרות ? האָט איינער אים אַ פרעג געטאָן. — אַז מען וועט אונדז פירן אויף פּ׳ — האָט פייגיס געענטפערט, וועט איר באַצאָלן וויפל איך וועל וועלן. (וויל״ג, קאַטשערגינסקי), פאַראַן לידער וועגן פּ׳ וואָס זענען אַנטשטאַנען אין יענער צייט פון ריקל גלעזער, קאַטשערגינסקי א״א, ווי אויך נאָך דער מלחמה.

פאַראַן אַ וואָרט, וואָס הערט ניט אויף דאָס ליכט פון טאָג צו שרעקן : פּאָנאַר (אונדזער צייט, סעפּ׳ 1958, ז׳ 32). די גויים פלעגן דאָס אָרט רופן „יידישער צווינטאַר, אייביקער געטאָ. די דייטשן, אָפיציעל : דאָס דריטע געטאָ. צוויי געטאָס האָבן טאַקע עקזיסטירט אין ווילנע אַ געוויסע צייט. דאָס דריטע האָט באַצייכנט דעם אומקום־אָרט. „ס׳פירן וועגן צום פּאָנאַר צו / און ס׳פירט

קיין וועג צוריק". (קאַטשערגינסקי, ליד „שטילער, שטילער") ; „אלה שנחטפו נצטוו לקחת מגבת וסבון, כי לעבודה הם נוסעים. אחרי השחרור, כשפתחו קברי ההמונים, מצאו את ההרוגים עם המגבות והסבון". (ס' פרושניץ, ז' 177).

פּאַנאַרער שיסער — ליטווינער וואָס אין פּאָנאַר געשאָסן יידן.

פּאַן דאָקטאָר — קאָמיסאַר פון פוילישן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אויף נאָוואָליפּקי, פאַר־נעמט זיך באַזונדערס מיט יידישע וואַלוציאַזשעס. ער כאַפּט אַריין אַ יידן אין טויער, באַזוכט אים. „אונטערזוכט דעם פּאַציענט", דערפון דער צונאָמען. און פאַרן וויזיט נעמט ער „האָנאָראַר", אַ העלפט פון געפונענעם געלט. טייל סוחרים צאָלן אים חודש־געלט און האָבן דערפאַר רו. (וו"ג, ר"א, 61, „די שוואַרצע בערזע").

פּאָסט — וואַך, שמירה. „שטייענדיק אויף פּאָסט". (באַקאַלטשוק, ז' 68). „געביטן די פּ'". (דאָרט, ז' 62, א"א). „ס'איז מיין צייט אויף פּ'". (ס' זשעטל, ז' 418).

פּאָסטאַווקע — ליפערונג, אָפּצאָלן. „וועלכע פּ'־ס דאַרף מען נאָך ליפערן ? מען פירט פּ' ". (באַקאַלטשוק, ז' 174).

פּאָסטן — וואַכמאַן. איינער פּ' ; אַ יונגער פּ'. (קוויאַטקאָווסקאַ, פון ל', ז' 94). „הער פּ' ". (דאָרט, ז' 88). „הער מיין קינד, מען טאָר נישט וויינען / דער פּאָסטן גייט דאָ אום, / שיסן קען ער, מיינען וועט ער / אַז מען גייט אַרום". (וויגליד, ג' אָשמענע, פל"ח). 4). פּ' שיסט ביים דערנענטערן זיך צו די ל'־דראָטן. פאַר דערשיסן אַ העפטלינג — דריי טעג אורלויב. (פּריוועס, אין רויך, ז' 173).

פּאָסטנקייט — אוישוויץ. אַנטלויפט דורך אַ טונעל אויסער די „פּאָסטנקייט". פון דייטש : פּאָסטענקעטע, וואָס געשטאַנען וואַך פון יענער זייט דראָטן. (ס' סאָקאָלקע, ז' 541).

פּאָסטעלעס — האָלץ־שיך. „אָנגעטון אין פּאָסטעלעס". (באַקאַלטשוק, ז' 233).

פּאָסטערונעק — וואַכפּאָסטן. „מיר האָבן אָנטייל גענומען ביים צעקלאַפּן די פּאָסטע־רונקעס פון לענין, סענקעוויטש א"א". (ס' לאַכווע, ז' 463 ; באַקאַלטשוק, ז' 73 ; ס. זשעטל, ז' 380).

פּאַסטקע — רוסיש : לויערונג. (וועלגער, ז' 87).

פּאָסטראָיעניע — גלידערונג פון אַ מיליטערישער (פּאַרטיזאַנער) אָפּטיילונג. „ אַ פּ' אין דער פינסטער". (ס' זשעטל, ז' 398).

פּאַסיאַקעס — א. געשטרייפטע לייוונטע מלבושים מיט בלויע, לענגלעכע פּאַסן, וואָס די העפטלינגען (זע) געטראָגן אין די תפיסות און ל' ; ב. די העפטלינגען גופא. „די פּ' גייען" ; „פּאַסיאַטע קליידער", „פּאַסן־פּידזשאַמעס" ; „אַלץ איז געווען אין פּאַסן". (ס' פּולטוסק, ז' 439). זע : זשעבראַ.

פּאַסירשיין — אַז כ'מעג פאָרן מיטן טראַמוויי. (סאָסנאָוויץ, פּריוועס, אין שאָטן, ז' 66).

פּאַסעווען — שלאָגן מיט אַ פּאַסעק. „זי האָט געפּאַסעוועט". (טרעבלינקע, תנחום גרינ־בערג, כ"י, ז' 44 ; ס' סמורגון, ז' 397).

פּאַסעק, פּאַסקעווען — אויפציען די פּרייזן. באַקאַנט אין פוילן נאָך פון פאַר דער מלחמה. „געהערט מעשיות, ווי אַזוי פּאָלאַקן געפּאַסקעוועט מיט יידן בנוגע דירות. פאַרלאַנגט אָפּטרעט־געלט, אונטערשייד פון דירות־געלט, איבערפירן

די זאַכן, רעמאָנט וכו׳ ״ (רינג׳, 31.10.40 ; 24.5.41 א״א). עס רעדט זיך דאָ וועגן אויסטוישן די דירות פון די יידן מחוצן ג׳, אויף דירות פון פּאָלאַקן, וואָס אין די גרענעצן פון ג׳.

פּאַפּאָוויץ — אויף דער באַן־סטאַנציע אין טשערנאָוויץ האָט נישט געקלעקט קיין וואַגאָנעס פאַר די דעפּאָרטירטע. האָט מען דערוויל איבערגעלאָזט קראַנקע, אַלטע און קינדער. מען האָט זיי געגעבן ספּעציעלע אַוטאָריזאַציעס, א״ג פּ׳, לויט דעם נאָמען פון בירגערמייסטער פון שטאָט, וואָס האָט פאַר זיי גאַראַנטירט. (ד״ר י. אונגאַר, פּל״ח, 4). געפאָרן קיין טראַנסניסטער (זע).

פּאַפּירן — דאָקומענטן, אַז מען איז אַן אַריער ; טויף־שיין, קענקאַרטע וכו׳ **„כשרע פּ׳ ״, „אמתע״**, אויף אַ נאָמען פון אַריער, וואָס האָט זיך טאַקע געפונען אין די רשימות פון עווידענץ־אַמט ; **ליגקע**, ווו אַלץ אַחוץ דעם בלאַנקעט געווען געפעלשט : די נעמען, די אונטערשריפטן, זיגלען וכו׳. (הערמינאַ שאַרף־קירשענבוים, טאַרנע, יו״ש 3014/262, ז׳ 59). מ׳לויפט פון די געטאָס מיט פּאַפּירן (אַרישע, זע) און אָן. מיט **אַנ׳אַריש פּנים** אָדער אָן אַזוינס. (וו״ג, אָפּאָטשינסקי, 16.11.42).

פּאַפּירענער (מאַן) — צוגעשריבענער מאַן צי פרוי צום געלן שיין (זע), ד״ה, פיקטיווע פּאָרלעך. (ווילנע, דוואָרזשעצקי, ז׳ 10, 190).

פּאַפּיר־רעסאָרט — „מען האָט דאָרט געמאַכט גאַנצע הייזער פון פּאַפּיר. — אַזוי ; און ווען וועלן שוין דאָרט זיין די ראָזביורקעס ?״ (ווען וועט מען זיי שוין צענעמען, באַפרייען פון זיי). (ל״ג, אַבי 44). זע : אַפּרוך.

פּאַפּירענע קעפּ — יידן פון אונגאַרן. קיינער פון די פּ״ק האָט נישט געפּרוווט צו שפּרינגען דורך די פענסטער פון די וואַגאָנען. אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי פאָרן אויף אַרבעט (זיי פאָרן קיין אוישוויץ). (סעלינגער, כ״י, ב׳ 5, ז׳ 145).

פּאַקן זיך — „הנערות והנשים (בדרך חזרה מעבודה מחוץ לגיטו) היו בדרך כלל עמוסות משא כבד, כלומר הן נשאו ירקות, תפוחי־עץ, כשכל זה ארוז באופן אמנותי, מתחת למעילים הרחבים. (המונח המקובל לפעולה זו היה משום כך באמת : להרז — זיך פּאַקן). (טרזינשטאָט, ז׳ 90). אין ווילנער ג׳ האָט מען אויף אַ רעוויע געזונגען אַ לידל „פּאַק זיך איין״ און געמיינט די דייטשן.

פּאַרוּווקע — „ס׳איז צוגעקומען אַ ניי וואָרט אינעם יידישן ווערטערבוך — פּ׳. דער וואָס האָט דאָס אַלעס צוגעזען, פאַר דעם וועט גענוג זיין אין יאָרן אַרום בלויז צו דערמאָנען דאָס וואָרט, כדי ער זאָל זיך דערינערן די שבעה מדורי גהינום וואָס זענען דערין באַהאַלטן״. (וו״ג, באַפרייונג, דעצ׳ 40׳, ר״א). „דעזינפעצירן הייזער און פירן די איינוווינער אין באָד, אויסבאָדן זיי און דעזינפעצירן זייערע מלבושים. די יעניקע וואָס האָבן געדאַרפט דורכפירן די פּ׳, האָבן זיך פשוט איזדעקעוועט איבער די יידן״. סוף 1941 האָט אָפּאָטשינסקי אָנגעשריבן אַן אַרבעט : „מגילת פּ׳ ״. (ר״א, 207). „מ׳פירט אין באָד אויף ספּאָקאָינע, אין שעכטהויז אַריין, ווי אַלע רופן דאָס אָן. מ׳,פּאַרעוועט׳ די ווינונגען פון די יעניקע וואָס האָבן נישט געגעבן קיין שוחד, דאָס בעטגעוואַנט וואַרפט מען אָן אין הויף, ווו ס׳ליגט טיילמאָל עטלעכע טעג אויפן רעגן און בלאָטע,

דערנאָך פירט מען עס אין „פּאַרעווע־מאַשין" (דעזינפעקציע). אין באָד גאָלט מען אָפּ די האָר אַפילו ביי די פרויען. נאָך אַ גאַנצן טאָג אָפּשטיין אין באָד, גייט מען אַהיים שפּעט ביינאַכט, מ'דאַרף זיך לייגן אין אַ נאַסער אויסדעזינפעצירטער וווינונג — אָן בעטגעוואַנד, הונגעריק, מידע, דערשלאָגענע, מאַכן פונדעסטוועגן יידן וויצן נאָכן אַרויסגיין פון באָד: „צו געזונט, שוין געכשרט, געטובלט, איצט קומט אונדז בולקע מיט פיש". (אָפּאָטשינסקי, ס'הויז נומער 21, ר"א, 1459).

„די שווערע מכה פון פּ'־עס... אויף לעשנאָ 32 באַצאָלט 1200 זל. פאַר אויסמיידן די פּ'. מען שטעלט אונטער מענטשן, וואָס גייען זיך באָדן. פאַראַן פאַמיליעס וואָס לעבן דערפון". (רינג', 1.5.1941). „די פּ'־עס זענען דער מלאך המוות פון די הויז־קאָמיטעטן. די קאָרופּציע פון די פּ'־מאַכערס, גויישע שפּרייצערס (זע) מיטן יידישן דאָקטאָרל פרעסן אויס געלט. (ר"א, 106).

פּאַרטיאַנקעס — רוסיש: אָנוצעס. שמאַטעס, מיט וועלכע מ'וויקלט אַרום די פיס פאַרן אַרויפציען אויף זיי שטיוול, צי וואַלענקעס. „נאַסע פּ' ". (ס' זשעטל, ז' 402; זייצ'יק, כ"י).

פּאַרטיזאַן — באַנוצט אויך פּאַרטיזאַנט, פּאַרטיזאַנער. פלוראַל: **פּאַרטיזאַנער, פּאַרטיזאַנען**. (1) אין קאָוונע, ווילנע א"א — די ליטווישע פּאָליציי, וואָס האָט געדינט דעם דייטש. (פל"ח, ב"ר 7, 8 מאַי־יוני 1948). גלייך נאָכן איינגעמען דאָס שטעטל (24.6.41), האָבן זיך באַוויזן באַוואָפנטע ליטווינער, אויסגעפּוצטע מיט ווייסע לענטעס אויף די אַרבל. זיי האָבן זיך אָנגערופן פּ'־ער. זיך גלייך גענומען צו די מאַרצינקאַנצער יידן. (ייוואָ־בלעטער 37, ז' 218). — „כל איכר תפר לשרוולו את סרט הפרטיזנים הלבן והלך לסחוב יהודים לעבודה". (שאוול, ירושלמי, כ"י, ז' 31, 23.11.1941; ס' באַראַנאָוויטש, ז' 242, 280; ס' פולטוסק, ז' 484).

(2) אין דער צווייטער העלפט 1943, יידן אין ל' בליזין אָנגערופן אַזוי די ביאַליסטאָקער יידן, וואָס זענען אַהין געקומען דורך מיידאַנעק, צוליב זייערע צעריסענע בגדים און שלעכטן מצב. (עדות ד"ר ציטראָן).

(3) אומלעגאַלע קעמפּערס קעגן היטלעריסטישן רעזשים, זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער, ישובים און ג'. מ'הויבט אָן רעדן (אין ג') וועגן פּ'. „התיבה פ' נתקדשה, הוא הגואל מן היסורים הקשים וכל אחד חלם עליו בחשאי". (גרינשטיין, ז' 18). באמצע החורף התחילו האכרים הסרים בגניבה אל מכריהם היהודים לספר נסים ונפלאות על פּאַוול בולאַק. היה מסתתר ביערות וקורא לאכרים שיתקוממו, ויצאו ליערות. כך הופיע יום אחד בשיחתנו מלה חדשה — פ'. (דערעטשין, בורנשטיין, פלוגת, ז' 28/9).

פּאַרטיזאַנקע — גיין אין פּ'. (ליטמאַן, כ"י, ז' 27, קאָזיעניץ). יידן וואָס זיך אויסבאַהאַלטן, געמאַכט וויצן וועגן פּ'. למשל: געהערט צום אַטריאַד „חפץ חיים", צום אַטדיעל „יושב בסתר". (ג. טאָפּעט).

פּאַרטיי — יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין פוילן. באַנוצט אין וואַרשעווער געטאָ.

פּאַריזער דאַכאַו — ל' דראַנסי. (די יידישע שטימע, 29.11.1941; דאָס וואָרט, ז' 59).

פּאַרך — מאַכט זיך וויכטיק, וויל רעגירן. (טערעזיענשטאָט, אַדלער). זע: טערעזיענשטאָט, ווערטער־רשימה.

פאַרע — גרינס, ענלעך צו ציבעלעס. (ל״ג, שמאַי ראָזענבלום).

פאַרעווע־קאַסטן — דאָס עסן פלעגט מען טיילן אין אַ הילצערנער קאָריטע, ווי פאַר חזירים. אַריינגעגאָסן אַלץ אינאיינעם, דער עיקר בלעטער מיט וואַסער. ס׳איז געווען פ״ק — אַזוי פלעגן מיר זיך וויצלען, ווייל קיין פלייש איז אַהין קיינמאָל נישט אַריינגעקומען. (אוישוויץ, פרענקל־זאַלצמאַן, העפטלינג, ז׳ 9—158).

פאַרקאַן — באַצייכענונג פאַר ג׳ וואָס אַרומגעצוימט מיט אַ פ׳. „ווען ס׳וועלן פאַלן די פ׳, וועט זיך עפענען אַ נייַ לעבן, זאָלן מיר קענען מיט אָפענע אויגן קוקן אויף אונדזערע ברידער״. (ביאַל״ג, יודענראַט־זיצונג פראָטאָקאָל, 20.66.42 א״א). „דעם 1.8.41. דאָס ג׳ געשלאָסן אונטערן ג׳־פאַרקאַן״, (ביאַל׳, קאַפּלאַן, צו דער געשיכטע, כ״י). עס איז שוין מער ווי 8 חדשים, ווי די פאַרקאַנעס האָבן געשאַפן פאַר אונדז אַ באַזונדערע „מלוכה״. (ביאַל״ג, פּראָטאָקאָל 5.4.42 ; ס׳ בריאַנסק, ז׳ 276). זע : מויער, פלויט.

פאַשאַקעס — זע : פאַסיאַקעס. (ס׳ טומ. מאַז׳., ז׳ 463). „קאַצעט־לאַגער״ (ל. פעלצערן, טשענסטאָכאָוו ; ס׳ סקרניביץ, ז׳ 423 ; ס׳ קראַשניק, ז׳ 348, 376).

פגר, פגרים — געשמוגלטע זאַך. „ווי טראָגט מען דורך מיין פגר ?״ (קאָוונער ג׳). „פייגערל״. (ביאַל״ג). „די טראַגעדיע פון די גראָדנער יידן״ — 17.3.43, כ״י. ביי די דריי טויערן פון ג׳ זענען געשטאַנען קאָנטראָל־בודקעס, ווו די דייטשן פלעגן קאָנטראָלירן די אַרויסגייענדיקע און אַריינגייענדיקע יידן. פלעגט די קאָנטראָל זיין אַ גוטע, האָט מען געקאָנט אַריינברענגען עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן פון דרויסן. דאָס פלעגט מען רופן „פגרים״. די „פ׳״ פלעגט מען פאַרקויפן אין ג׳ און ציען חיונה דערפון. (קלעמענטינאָווסקי, ביאַל״ג, ז׳ 32).

פגירה — טראָגן ביי זיך אַ „פעקל״ (זע). (ווילנע, קאַפּלאַן, ז׳ 32).

פוגאַטשאָוויצעס — יידישע פאַרטיזאַנער־גרופע, געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון פוגאַטשעוו (פסעוודאָנים). ה„זכיון״ צריך כנראה, להיות כתוב תמיד על שמו של גוי. (לידאָווסקי, ז׳ 117).

פודעל — ייד אויף דער אַרישער זייט. „צי זענען פאַראַן דאָ ,פודעלס׳ ״, פרעגט אַ פוילישער פאָליציאַנט. (וואַרשע, ה. טאָובענפעלד).

פ. וו. א. — אַגענציע „פאָלאַקן ווילן אַזוי״. (רינג׳, דעצ׳ 1939). זע : ייוואָ.

פ. וו. טאַלאָנען — פראָטעקציע־ט׳ (זע). ראשי־תיבות פון „פראָשען ווידאַץ״, „כ׳בעט אַרויסגעבן״. אונטערגעשריבן רומקאָווסקי. „ווען דער פרעזעס האָט באַשלאָסן צו רעדוצירן אויף 90% די צוטיילן און דעם בייראַט״, האָבן ליצנים געזאָגט אַז די פ.וו.ט. וועלן נישט אָפּגעשטעלט ווערן, זיי וועלן נאָר רעדוצירט ווערן אויף 50% ; ד. ה. שטאָט שרייבן „פראָשען ווידאַץ״, וועט מען שרייבן בלויז „ווידאַץ״. (ל״ג, ראָזענשטיין, כ״י, 1943).

פוילישע העננט — פוילישע רעגירונג אַרויסגעפירט דעם מלוכה־אוצר, זיי וועלן זיך מיטן געלט צעטיילן. זייער גוט, דאָס געלט וועט בלייבן אין פ״ה. (וואַרשע, קאַפּלאַן, כ״י 20.9.39).

פוילישע פאַפּירן — „דו גייסט אויף פ״פ, זיי־זשע פאָרזיכטיק, האָב ווייניק צוטרוי צו פאָלאַקן״. (ס׳ כמיעלניק, ז׳ 775). זע : אַרישע פאַפּירן.

פּוּישטש — פּויליש : pójść, גיין. פּויליש רעדנדיקע יידן באַצייכנט דערמיט דעם אומקום. „פּוּישטש פּיערוושאָן אַקציאָן". זע : גיין.

פּוּר־אַלייע — וועג דורך די ביידעמער פון די צעשטערטע הייזער מיט וועלכן די יידישע קאַמפּ־אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַנוצט ; דאָרט געבליבן די פעדערן פון בעטגעוואַנט. די איינשיטן און איבערצוג פריער פאַרקויפט אויף חיונה. (אונ־דזער צייט, 1949, נר' 4־5, ז' 18).

פּולע — שוחד. מיט דער פּ' האָט זיך געטיילט די יידישע פּאָליציי אין וו"ג, אויף פראָסטע־גאַס פאַר דער אַרבעט־קאָמיסיע, וואָס קלויבט מענטשן אין א"ל. פאַר 10 זל. גייט מען אַריין אויסער דער ריי. (ר"א, 115).

פּולעמיאָט — מאַשין־געווער. (ס' זשעטל, ז' 370 א"א). קוילנוואַרפער. (טשעריקאָווער, ערשטע וועלט־מלחמה, ז' 104, 117). **פּולעמיאָטשיק**, — דער וואָס באַדינט אין פּ' 32, ווו 9 משפחות פון ראַצאָנזש האָבן זיך נאָך וואָגלעניש באַזעצט". גערופן די בושלען, וואָס האָבן פריער געהאָט זייערע נעסטן אויף די דעכער פון די פויערישע הייזער. ווען זיי האָבן געוואָלט רופן זייערע קליינע, האָבן זיי געקלאַפּט מיט די שנאָבלען אין די דעכער, ענלעך צו אַ שיסנדיקן מאַ־שין־געווער. (רייך, ז' 296).

פּונקט — 1. אָרט, ווו באַזעצט די איינגעזידלטע דאַכלאָזע, פּליטים־פּ'. („אַ שפּאַציר איבער די פּונקטן", וואַרשע, נאָוו' 1941 ; כ"י, ר"א, 1465). „אַריינקומענדיק אין פּ' 32, ווו ניין משפחות פון ראַצאָנזש האָבן נאָך וואָגלעניש באַזעצט". „אומגליקלעכע פּ'־מענטשן". (ר"א, 2, 1245). „איך האָב געזען אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף אין יענעם פּ'. — דאָס ייִנגל אין יענעם קינדער־פּ'" (יצחק קאַצענעלסאָן, דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, די ערשטע). 2. אָרט פון סעלעקציעס. סאָסנאָוויץ — (פּרדקה מזיא, כ"י, ז' 172). 3. שטעלעס אין ל"ג, ווו אַרויסגעגעבן די ראַציעס ; פּאַרטייל־פּ' פאַר קאָלאָניאַל, גרינצייג. 4. **דורכלאָז־פּ'**, טויער אין וויל"ג. (באַלבערישסקי, כ"י, ז' 186).

פּונקטאָוויעץ — איינוווינער פון אַ פּונקט. (ר"א, 268).

פּונקציאָזש — פאַרדעכטיקטער אין ווען אַנטלויפן פון ק"ל, געטראָגן סיי אויף די פּלייצעס, סיי אויף דער ברוסט אַ צוגענייטע רויטע קיילעכדיקע לאַטע, אוישוויץ, מיידאַנעק. דייטשן גערופן דאָס „פלוכטפּונקט". יידן געוויצלט זיך, אַז דאָס איז דער ציל־פּונקט צום שיסן.

פּופּן־אָפּטיילונג — אַרבעט־שטעלע פון לאַלקעס אין קאָוונער ג'. (מאַשאַ גרינבוים, כ"י).

פּופּן־הויז — שאַנד־הויז פאַר דייטשן. „רעניאַ איז אַוועק אין פּ"ה. (ק. צעטניק דער זייגער, ז' 120).

פּופּן־הויז — שאַנד־הויז פאַר דייטשן. רעניאַ איז אַוועק אין פּ"ה. (ק. צעטניק, דער אוישוויץ אָפּיציעל. (קאָסאַק־שטשוצקאַ, וועגן אוישוויץ, ז' 86, פּויליש).

פּופּיל — עפּטער : פּיפּעל. דייטשע פאַרברעכער, „פּראָמינענטן" (זע), זוכן אויס צווישן די יידישע יינגלעך, פאַראורטיילטע צום אומברענגען, די שענסטע און מאַכן זיי פאַר פּופּילס צו סעקסועלע פּערווערסיעס. זייער אָפּט הרגענען זיי דער־נאָך זייערע ליבלינגען. פּ' גייען שיין אָנגעטון, באַקומען גוט צו עסן. זייער „סוד איז אַלעמען באַקאַנט. אַלטע העפטלינגען ווייסן עס". (ווײַנבערג, ז'

270/1). אַ 12־יעריק קינד איז אַ פּ׳ אין מײַדאַנעק. (שטריגלער, מײַדאַנעק, ז׳ 151). פּיפּעל, אַ יוגנטלעכער וואָס באַדינט די פּראָמינענטן אין ל׳. (פּל״ח, נר׳ 4). אַ קאָמיסיע פֿון פֿיר דײַטשן באַטראַכטן די פּ׳ יוגנטלעכע, אויסגעקליבן 127 מאַן, די העכסטע, שענסטע פֿאַר יעדן דײַטש איינער. (אוישוויץ, ס׳ זעלעוו, ז׳ 206).

פּורים — „מען האָפֿט אויף אַ נײַעם פּ׳, וואָס וועט געפֿײַערט ווערן ווי לאַנג ייִדן וועלן זײַן אויף דער ערד״. (רינג׳ 28.3.41).

פּורים־אַקציע — דווקא פּורים האָבן דײַטשן ליב געהאַט אַדורכפֿירן אַקציעס, מערץ 1943 אין ראַדאָם. (געדענקבוך, ז׳ 207); אין קאָוונע אַ פּראָבּיר־אַקציע. (פּל״ח, נר׳ 7). אין וואָרטעגאַוו האָט מען די אַקציע אַדורכגעפֿירט מיט גרויס פּאָמפּע. אויפֿגעשטעלט אויף אַ צענטראַלן פּלאַץ צען תּליות, געהייסן פֿאַרזאַמלען זיך ייִדן. (ש. הובערבאַנד, תּליות, ר״א). אין פּיאָטרקוּוו האָט מען דערצו אויסגעוויילט צען ייִדן פֿון דער אינטעליגענץ און דערשאָסן אין וואַלד. (וואָלף בלאַכמאַן, יו״ש, נר׳ 130/50).

פּורים־דרשה — „שטייט אַ ייִד און האַלט אַ דרשה לכבוד רומקאָווסקיס געבוירן־טאָג (פּורים). אין ל״ג זענען דעמאָלט פּונקט אַרײַנגעקומען פֿון שטאָט אין ג׳ די ייִדן־שטאָמיקע קריסטן, האָט דער ייִד זײַן דרשה פֿאַרענדיקט מיט אַ פּסוק פֿון תּהילים: „בני אתה, אני היום ילדתיך, שאל ממני ואתנה גויים נחלתך״. (קאָפּ׳ כז, אבי, 18).

פּורים־שפּילער — פֿאַרשטעלערס. ייִדישע פּאָליציי אין אַ פּראָווינץ־שטאָט (נאָמען נישט אָנגעגעבן). (וו״ג, ביולעטין נ״ר 11/12, 10.9.1941).

פּושטשע — „הארץ מכוסה יערות עבותים ופושצ׳ות״. (יערות־עד המשתרעים על פני שטחים עצומים, מלאי ביצות). (כהנוביץ, ז׳ 16; ס׳ זשעטל, ז׳ 345; קוידענאָוו, ז׳ 244; ס׳ נאַליבאָק, ז׳ 160 א״א).

פּזשעפּוסטקע — אַ פּ׳ ביים אַרויסגיין פֿון ג׳. (רינגל׳, 28.5.40). באַן־פּ׳ פֿאַר ייִדן, 12.10.40. אַשכּנזים (זע) מוזן האָבן אַ פּ׳ ביים אַרײַנגאַנג אין ג׳ (רינגל׳, 20.10.40). ייִדישע דאָקטוירים האָבן שבת און זונטיק נישט באַקומען קיין פּ׳, וועלכע די קהילה (זע) באַשטײַערט מיט אַן אָפּצאָל פֿון 5 זל׳. (רינגל׳, דאָרט). אַנטדעקט אין ג׳ דרײַ פֿאַבריקן פֿון (פֿאַלשע) פּ׳. (רינגל׳, 11.5.41). זיי (פּוילישע פּאָליציי), פּלעגן אײַנזעצן ייִדן אַפֿילו מיט פּ׳ און אַזוי אַרום באַקומען ביי זיי 20 זל׳. (רינגל׳, 11.2.41). בעטלער באַוועגן זיך נאָך דער פּאָליציישעה אָן אַ פּ׳. (רינגל׳, ז׳ 163). אַ פּ׳ קאָסט עטלעכע טויזנט זל׳. גאַנצווייך (זע) האָט 30 פּ׳ אַ חודש. (רינגל׳, סוף מאַי 1942). פּ׳ אויף אַרויספֿירן זאַכן פֿון שאָפּ־טערען (זע) פֿאַר מענטשן וואָס ווינען אויסער דעם טערען. מענטשן געכאַפּטע אין גאַס אָן אַ פּ׳, ווערן געשיקט אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ (זע). (רינגל׳, 2.42). פּ׳ — דורכלאָז־שײַן צו פֿאָרן קיין וואַרשע. (ס׳ קראשניק, ז׳ 352).

פּטרן — אומברענגען. „אַשמענער און סווענציאַנער (ייִדן) זענען געפּטרט געוואָרן (איבער 4000). זיי גייען נעבעך אויף צו פּטרן״. (קרוק, מיט אַ שלאָס אויפֿן מויל, אויגוסט 1943). „צי האָט מען דען אונדז געשלעפּט פֿון ווילנע אַזש

אַהער (קייזערוואַלד), כדי דאָ צו פּטרן ?" (מאַשאַ, כ"י, ז' 52 א"א). זיי **זענען** שוין (די אומגעקומענע), פּטור פון אַלע צרות. (דאָרט, ז' 64).

פּטידעז, פּיאַטידין — פּלאַץ נעבן לודמיר, ווו דערמאָרדעט און באַגראָבן אין **אַ ריזיקן** ברידער־קבר טויזנטער יידן. (ס' האָראָדלע, ז' 156, 171). „טויטן־גרוב פון פּיאַטידין" און אַ פאָטאָגראַפיע. (ס' לודמיר, ז' 537, ס' אוסטרולנקה, ז' 239; קהת קלינגער, די שחיטה אין פּיטידאַז, און „די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן", 1956).

פּ. י. — בראש פון דער אָפּטיילונג פּ' י'. (pomoc inteligencji) — **הילף פאַר אינטע־ליגענטן**, זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן ד"ר פרענקעל און פּראָפ' צענטנער־שווער. משומדים האָבן מיר אָבער, להיפּוך צום יודענראַט, קיין פּאָסטנס ביי אונדז נישט געגעבן. איבעריקנס, האָבן זיי געהאַט אויך שטיצע פון די קריסטלעכע קירכע־קרייזן און פוילישער „כאַריטאַס". (טורקאָוו, אַזוי, ז' 79).

פּיאַך — „האָסטו פּיאַך ?". פּ' געהייסן געלט. (אלימלך שקלאַר, יו"ש, ש' 2878/248, ז' 23).

פּיאַסקי — פּויליש: זאַמדן. דאָס אָרט פון עקזעקוציעס אין יאַנעווער ל'. „גיין אויף פּ' ". שלאָפן אויף פּ'. (אין אַ ל'־ליד, וועליטשקער כ"י). „מיר זיצןביים זאַמד־ברעג צופוסנס / און טרינקען לחיים מיטן טויט. (מילטשע גרין, ליד פון יאַנאָווער ל', אונדזער געזאַנג, ז' 125).

פּיזשאַמע — די העפטלינג־קליידער. אוישוויץ. (א. בעסערמאַן, עדות, יו"ש, ז' 126, 2206). זע: **פּאַסיאַקעס, זשעבראַ.**

פּיטלינג — געבראָטענע הערינג, געוואָרן דאָס „שלאָג־וואָרט" אין ג'. (הילער, כ"י, 11.1.44).

פּיטשיפּאָ — העפטלינגען אין דראַנסי באַצייכענען אַזוי דעם אַרבעטלאַגער בירקענאַו. (Georges Wellers: De Drancy a Auschwitz, ז' 71). געמיינט, אַז אַהער פאָרט מען טאַקע אויף אַרבעט און מ'וועט קאָנען אויסהאַלטן און איבערלעבן. (ז' 46). ד. דיאַמענט, פאָלקלאָר אין ל'. (פּאַריזער שריפטן, מערץ 1946, נר' 3־2). פאַרגלייך: Suy Kohen: Retour d'Auschwitz.

פּייטקע — אַ שניטקע ברויט. (ל' פלאָסענבורג, אליהו גלאָס, 25 דק"ג ברויט; **פּאַ־וויאַק**, — „די צען פון פּאַוויאַק", כ"י).

פּינדזלער — היטלער.

פּיענאַצעגטראַט — איינהייט אין וויל"ג אַרבעט ביים פונאַנדערגיסן מילך. (קרוק, מיט אַ שלאָס אויפן מויל, אויגוסט 1943).

פּינקערט — פאַר דער מלחמה האָט מאָטל (מרדכי) פּ' געהאַט אַ לוויה־אַנשטאַלט „חסד של אמת". אין ג' דערוואָרבן זיך אַ גרויס פאַרמעגן. אויך די קברנים, **פּינקער־טאָווצעס**, געמאַכט גוטע געשעפטן, שמוגלענדיק אין די מיטות, אונטער די הויפנס פון טויטע זאַכן פון ג', אויף דער אַרישער זייט און צוריק, **בעת** דער צוגאַנג צום בית־החיים אויף אָקאָפּאָווע איז שוין פאַר סתם יידן גע־ווען פאַרבאָטן. אין ג' האָט מען פּ' גערופן „מלך פון די מתים", „**קבלן פון** די מתים". (קורץ, ז' 183). געזונגען וועגן אים לידער אין די הייף, **אויף רע־**וויעס. געווען אויך ווערטלעך וועגן אים: „דער זעקס־יעריקער כאַסקעלע,

הערנדיק ווי די גאַסן־קינדער זינגען בעתן בעטלען: פּינקערט יעסט כאָלערע — ווישיסטקע באָני זאַביעראַ״ (פּ׳ איז אַ כאָלערע, ער נעמט צו אַלע באַנעס); „פרעגט די מאַמען, ווו ס׳וווינט פּ׳. כ׳וועל גיין צו אים, ער האָט אַזוי פיל באַ־נעס, זאָל ער אונדז געבן אַ פּאָר, וועלן מיר קויפן ברויט״. (ר״א, פאָלקלאָר 2 טיטעלמאַן).

פון ליד „מעות״:

„האָסטו נישט קיין מועס, האָב עד פּאָר דיר אַ פּלאַן,
שיק נאָך פּינקערטס קעסטל, רוק זיך דאָרטן אַראָן.
פּינקערטס מזל האָט זיך געגעבן אַ ריער,
ער שלעפּט נישט צו ענצל, נאָר צו פּיער״.

אין קעסטל פלעגט מען אַריינרוקן מתים, וויפל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, אַפילו אויפן קעטשל. (ר״א, 172). טיילמאָל האָט מען געשמוגלט אין קעסטל לעבעדיקע ביז צום בית החיים, פון וואַנען ס׳איז שוין געווען לייכט זיך אַרויסקריגן אויף דער אַרישער זייט. אויפן בית הקבורות פלעגן אויך קומען שמוגלער פּאַלאַקן. זע: עגלה.

פּיעקאַרניע — פּויליש: בעקעריי. קרעמאַטאָריעס אין אוישוויץ.

„פּיערדושי אַביוואַטעל״ — פּויליש: ערשטער בירגער פון ג׳. צונאָמען פאַר טשערניאַ־קאָוון אין וו״ג. (אונדזער וועג, דעצעמבער 1941). זע אויך הערשעלעס ליד: קינדער אויפן ברוק.

פּיפּעל — זע: **פּופּיל**.

פּיקרין — גיפט־מיטל מיט וועלכן מ׳האָט אָנגעפּולט די אַמוניציע אין ווערק צע, סקאַרזשיסקאַ. די הויט פון די אַרבעטער ביי פּ׳ פלעגט גיך געל ווערן. מ׳האָט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן ביי דער אַרבעט. יידן אַרבעטן אָן גאַז־מאַסקעס, אָן אַ ספּעציעלן אָנטועכץ. „פון דער אַרבעט האָבן זיי מיטגעברענגט, אין זייערע צעשיטע בגדים, ימים מיט געלן שטויב. עס איז גענוג געווען, אַ **פּיקרינער** זאָל זיך טון אַ קליינעם באַוועג — און עס האָט זיך גענומען צע־טאַנצן אַרום אים אין דער לופט אַזאַ בייסיקע סמיקייט, וואָס האָט זיך איינ־געביסן מיט אַ מוראדיקער ביטערניש דורך דער נאָז און מויל, ביז אין דער טיף פון אַלע אברים. דער פּ״ר איז אַ באַזונדער סאָרט מענטש. מ׳באַטראַכט זיי פאַר האַלב טויטע. זיי זענען נאָמענלאָז, אַלע ענלעך איינער צום צווייטן. (שטריגלער, אין די פאַבריקן פון טויט, ז׳ 180/4).

פּיקרין־ייִנגל, פּ׳־מיידל, פּ׳־ניאַזש. (שטריגלער, ווערק צע, 2, ז׳ 18). **פּיקרי־ניאַרקעס.** (דאָרט, ז׳ 29). **פּיקרינערקע.** (גורלות, 2, ז׳ 22). ער האָט מיט־געמאַכט די פּ׳ אַ פּאָר חדשים. (דאָרט, ב׳ 2, ז׳ 236). **פּיקרין־פּרוי.** (גורלות, ב׳ 1, ז׳ 337).

אַ ליד וועגן פּ׳:

מען אַרבעט ביי פּ׳ — אַ סם געלער,
וואָס פאַרבט אָפּ אינגאַנצן קאָפּ ביז פיס...
עס סמט אָפּ די לונגען, מאַכט אַ האַרץ־פעלער,
און ס׳מוז דערביי פאַלן דער גרעסטער ריז.

„גיי אוועק פיקרינער", שרייט מען צו זיי,
מ׳שלאָגט און מ׳טרייבט, מ׳שניידט זיי די לעבער,
גלייך ווי די הערצער וואָלטן געווען פון שטיין".

(שטריגלער, גורלות 2, ז׳ 85). זע: געלע אַרבעט, געלער.

פּלאַצאָווי — יידישער ממונה איבער דעם הויף פון אומשלאַגפּלאַץ אין וו"ג. גיט אַכ־טונג ביים אויסלאָדן און איבערלאָדן סחורות. (ר"א, 256).

פּלאַצוווקע — 1. אַרבעטשטעלע מחוצן ג׳. 2. די אַרבעט דאָרט גופא. 3. גרופּע אַר־בעטער וואָס אַרבעט דאָרט. „יידן פון די דאָזיקע שאָפּן און יידן אַזש פון גענשאַ פון העט־העט, קהילה־יידן, די מיט די בלעכן אויף דער ברוסט און בעזימער אין האַנט, וואָס קערן אויס די גאַסן פּוסט, די פּלאַצוווקע — יידן וואָס גייען מיט געזאַנג אַרויס פון געטאָ יעדן אינדערפרי". (יצחק קאַצע־נעלסאָן, די מילאַ־גאַס). געווען גוטע פּלאַצוווקעס, ווו מ׳פלעגט נישט שלאָגן, געבן בעת דער אַרבעט אַ זופּ, אַ שטיקל ברויט, און שלעכטע פּ׳ — מ׳פלעגט נישט איינמאָל שלאָגן ביז טויט. פון אַ גוטער פּ׳ האָט מען געקאָנט טיילמאָל עפּעס אַריינשמוגלען אין ג׳ אָדער זיך „אָפּרייסן" און בלייבן אויף דער אַרי־שער זייט. פּ׳ געווען זיכערע און נישט זיכערע, ד"ה אַזעלכע פון וועלכע מ׳פלעגט אַהיימקומען, אויף ביינאַכט, און אַזעלכע, פון וואַנען מ׳פלעגט פאַר־שלעפּן אין אַ ל׳, אָדער הרגענען. (ס׳ ראַדאָם, ז׳ 131). אין וואַרשע, לובלין, געווען אַ ווערטל: „נאַילעפּשאַ פּלאַצוווקאַ — טאָ דאָבראַ קריוווקאַ" — די בעסטע פּ׳ איז אַ גוט באַהעלטעניש. פּ. ד. מ. ליד: צו אַ ביאַליסטאָקער יידן. „קוים האָט איר אַ פורל האַלץ צו האַקן / פּלאַצוווקעס און טאַרטאַקן / אַר־בעט, ביי וואָס עס זאָל נישט זיין. / אַפילו וועש צו וואַשן / אָדער צו צערע־ווען אַ שטעל"ן (תל־חי, קיבוץ הכשרה בפולין, ב׳ ג׳ 1979, ז׳ 263). זע: מאָגן.

— „די אַדמיניסטראַטיווע לייטונג, טעכנישע לייטונג, אַרבעטער און באַאַמטע" פון דער „דרוקעריי און סטעמפּל־פאַבריק" ביים עלטעסטן פון די יודען אין ליטצמאַנשטאַט, דאַנקט אין אַ שיין געדרוקטער ווענדונג דעם פּרעזעס רומ־קאָווסקי פאַר „דורך אייך געשאַפענער אַרבעטס־פּלאַצוווקע", 7.3.1943. (מ"ז).

פּלאַצוווקאַזש — אַרבעטער אויף אַ פּלאַצוווקע. „פּלאַצוווקאַזשעס מאַרשירן אין גע־שלאָסענע רייען מיט געזאַנג, מ׳זינגט פּוילישע און יידישע לידלעך, צ"א „גאָט, גאָט, טייערער פאָטער, ווי ווערט מען זייערע פטור". (וו"ג, ה. בערלינסקי, זכרונות, דעצעמבער 42׳, יאַנואַר 43׳, כ"י יו"ש).

פּלאַץ פון דריי טויערן — דער פּלאַץ פאַר דער סינאַגאָגע אויף טלומאַצקיע. (רינג׳, 20.5.41), טויערן וואָס פירן אין ג׳, לויטן נאָמען פון „פּלאַץ פון די דריי קרייצן".

פּלויט — סימבאָל פון ג׳. „אימרה של ד"ר יעקובסון: באיזה עולם הפוך אנו חיים — את הגדר מסביב למתים פירקו והקימו אותה מסביב לחיים. מתי נזכה שזה יהיה הפוך". (פינסקער ג׳, נ. בונה, כ"י, ז׳ 37).

פלוסקווי — פויליש: וואַנצן. באַצייכנט יידן אין די אַנטיסעמיטישע קרייזן. „פ׳ שיען פּאַלאַן״. („וואַנצן ברענען״ — דאָס וואַרשעווער ג׳ ברענט).

פליט — אויסגעזידלטער פון איין אָרט, איבערגעפירט אין אַן אַנדער מקום. צומיינסט געווען אויף גרויסע צרות. די אָרעמסטע פון זיי געלעבט אין פונקטן (זע). אין וויל״ג געווען אַ קללה: אַ פאָטער זאָגט צו זיין טאָכטער: „דו וועסט אַפילו אַ פליט נישט קריגן פאַר אַ מאַן״. (ר״א, 1254).

פליטה — „יעדן טאָג קאָן מען מאַכן פ׳ — אָבער צו וועמען?״ (פון אַ בריוו פון יאַנאָווער לאַגער, 11.4.43). מ׳קאָן אַנטלויפן, אָבער וווהין? (פאַטאַקאָפּיע פון בריוו אין ס׳ ז׳ולקיב, ז׳ 575).

פלייצעס — פּראָטעקציע. דריי נוסחאות: א. אַ קינד געבוירן אַן פ׳. האָט דער דאָקטער אָנערקענט עס אַלס אַ נבל אין ג׳; ב. ס׳האָט איינער באַדאַרפט האָבן אַן אָפּעראַציע אויף די פ׳. האָט מען אים געוואָרנט, אַז ס׳איז סכנות נפשות; ג. אַ קינד איז געבוירן געוואָרן אַן אַ קאָפּ, אַן אַ האַרץ און אַן פיס, נאָר מיט בלויזע פ׳. האָט דער דאָקטער פעסטגעשטעלט, אַז ס׳איז אַ בן־קיימא. (ל״ג, אבי, 16). „דזיאַלקעס״ (זע) באַקומט יעדער, טעאָרעטיש, 15 מעטער, פלייצעס — 1,000 מעטער און אפשר נאָך מער. אין ג׳ גיט מען זיך איבער בייעס: אויטאָס גייען אויף האָלץ, מענטשן — אויף פ׳. (ל״ג, כ״י, ב״ק נ״ר 106, 24.5.44).

פלייצעס־מענטשן — דאָקטוירים, רעסאָרט־קעראָווניקעס, אויבער־אינסטרוקטאָרן און סתם שישקעס (זע) באַקומען צוטיילן. ס׳פאַלט אַ פּריוואַטן מענטשן אויף צו אַמאָל אַ קילאָ שובעכץ (זע), אָבער דאָס איז אַ מזל־זאַך. (ל״ג, הילער, כ״י, 10.4.44). אין ג׳ איז דער עיקר **ברייטע פ׳**. (זעליקאָוויטש, כ״י). „אויפן בית החיים שטייט אַ פרוי שוין דעם אַנדערן טאָג און וואַרט מען זאָל איר מאַן קובר זיין, דערווייל קומט אַן אַן עגלה מיט אַ מת, וואָס ווערט באַלד גענומען צו קבורה. אוודאי עפּעס אַ פ׳, טרייסט זיך די אָרעמע פרוי״. (ל״ג, אבי, נר׳ 42).

פלעננע — „זיך באַוויזן יידישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע מיר האָבן גערופן פ׳, אַנטלאָפענע פון ל׳ אין לובלין״. (ס׳ מאַרקושאָוו, ז׳ 193). **פלעניק**. (ס׳ בריסטצ׳קה, ז׳ 31 א״א). „בכל יום באים פלעניקעס מאשכנז״. (רינג׳, 23.2.40; 6.3.40 א״א; ס׳ ראַזשישץ, ז׳ 283).

פלעצאַק — פויליש: רוקזאַק. (ס׳ זשעטל, ז׳ 373, 399).

פלעצל — אָרט ווו יידן טרעפן זיך אומלעגאַל אין רוים. (ד״ר שרה האַלפּערין, רוים, כ״י, ז׳ 99 א״א); באַקאַנט איז דאָס פ׳ אין פּאַריז.

פּע־וויטאַמין — פּראָטעקציע. (וויל״ג, ג׳ שאַוול, קאָוונע). „פרעגט מיך נישט פאַר וואָס, פאַר ווען, / אין בריגאַדעס קענט איר מיך נישט זען, / ווייל מיר פעלט דער פּע־וויטאַמין / איז נישט אַהער און נישט אַהין״. (ליד: דער אָרדראָמשטשיק).

פּעטליורע־אַקציע — אַקציע אין לוואָוו, אין יאָרצייט פון פּעטליורעס טויט, יולי 1941. „טרויעריק איז אין יעדן שטעטל אין גאַליציע געווען דער טאָג פון דער פּ״א, 27.7.41. מ׳שלאָגט, מ׳רייסט בערד, מ׳צווינגט צו אַרבעט״. (ס׳ גליניאַני, ז׳

243/4). דריי טעג געדויערט, טויזנטער יידן אומגעקומען. (כהנא, יומן ג׳ לבוב, ז׳ 32 א״א). **פעטלורע־פאגראם** (ס׳ זמושץ, ז׳ 90). **פעטלורטשיק** — איש פ״א. (ס׳ אפאלע, ז׳ 136, 333).

פעלצלעך — ב־10.12.43 יוצאת קבוצת פרטיזנים מגיטו קובנה. הם לבושים בגדי פרטיזן, כביכול: מגפיים, מעילים קצרים חמים (קורטקעס) און **פעלצלעך**. מכאן התחילו לכנות אח״כ את הפרטיזנים בגיטו „די פ׳ ״. (בראון־לוין, שער 4, ז׳ 27).

פעלצן — פ׳־אקציע. (ס׳ אזיעראן, ז׳ 301). זע: פוטער־אקציע.

פלעצעלע — „בלאקשטיס, ראש המשמרות בשאבלי, היה אורב לאנשי הגיטו יומם ולילה. דער פ׳ — ע״ש הפרווה שנהג ללבוש״. (ירושלמי, פנקס שאבלי, ז׳ 26).

פעלקארטאפל — קארטאפל געקאכטע, צי געפארעטע אין דער שולעכץ, וואס געגעבן די העפטלינגען צו מיטיק אייגע צי צוויי.

פענדזלאזש — מאלער, היטלער. „דער פ׳ איז שוין טיף־טיף אין דער ערד״. (בריקס, פאפירענע, ז׳ 27).

פעקל — געשמוגלטער פראוויאנט (ווילנע, קאונע, שאוול). אויף גיך „מאכט דאס פ׳ ״ אין הויז פון דעם ליטווין. „פארמאליגעוועט עס ארום איר קערפער אונטערן מאנטל, בינדט עס פעסט ארום מיט א האנטוך ווי א **קאמפרעס** און לאזט זיך ווי א געשוואלענער צוריק צו איר ארבעט־פלאץ״. (ר. לעווין, פרויען אין ארבעטס־איינזאץ אין קאווגער ג׳, פל״ח נר׳ 8, יוני 1948). „דארף, וואס מו־טשעסט דו מיך אויס, / נעם מיך אין דיין שויס. / לאז א פעקל מאכן שנעל, / דאן ווערט דער טאג פאר מיר העל״. (לערא ראזענבלום, קאוונער ג׳). „ביי אלינקע מיידעלעך נעמט ער צו די פעקעלעך, ביי מיר אבער טשעפעט ער קיין זאך״. (ל. ראזענטאל, רעצענע קוגעלעך, וויל״ג). „מען טרייסט זיך, אז באלד וועלן קומען אונדזערע צוויי ,משולחים׳, וועלכע האבן זיך געלאזן אויפן שכנה־דיקן וועג צו מאכן א פ׳ אין דארף״. (ב. כהן, א ייד אין וואלד, ז׳ 108). זע: קאמפרעס.

פעקל־געלט — שווייג־געלט. „א חוץ די דירעקטע פארדינסטן, האבן די טרעגערס זיך געמאכט א חזקה, אז פון יעדן בייטל שפייז וואס גייט ארויס פון קאזע־געסל, צו נעמען פ״ג — א פופציקער פעקל־געלט״. (פ. אפאטשינסקי, דער שמוגל אין וו״ג, אקט׳ 1941, ר״א 52).

פער — „איך בין געווען א גאנצער פ׳. זיי האבן מיך גערופן „דער פ׳ פון דער באנדע״. (ווארשעווער בונקער, סוף 1944, סמאקאווסקי, שמוגלער־לשון).

פ. פ. — Pracuj powoli, לאזונג פון פוילישן אונטערערד: ארבעט פאמעלעך. באנוצט אין ל״ג, אין רעסארט „לעדער און זאטלער״. (עדות וו. פאביסעוויטש). פאפיראסן. (קאנקורס, נר׳ 23, ז׳ 38).

פ. פ. פ. — ידיעות־אגענץ פ. פ. פ. pewna pani powiedziała, א פרוי געזאגט. (אנצי־קלופדיה של גלויות, בריסק, ז׳ 484).

פ. ק. פ. — Polskie Koleje Państwowe, פוילישע מלוכה־באן. אין וו״ג געטייטשט: Płać konduktorowi połowę, צאל דעם קאנדוקטאר א העלפט. (רינגל׳, 8.6.40). „די יידישע טראמווייען גייען האלב ליידיק. מ׳סילוקט דעם קאנדוקטאר נישט

אַ זלאָטי, נאָר 50 גראָשן (אַ האַלבע זלאָטי) און מ׳באַקומט 1 בילעט, און נישט ווי דער דין איז אויסקויפן 4 בילעטן. דער ייד פאַרדינט אַזוי אַרום 50 גראָשן און דער קאָנדוקטאָר 25. לעבעדיק ווערט נאָר, ווען ס׳קומט אַ קאָנ־טראָלער. דער טראַמוויי גייט אויף רעדער, דער עולם דעקט זיך און קלויבט צו די פעלנדיקע בילעטן, אָדער שפּרינגט פון טראַמוויי״. (וואַסער, באַטיק, 23.12.40, ר״א 302).

אויף דער פּוילישער זייט האָט אַ בילעט געקאָסט 25 גראָשן און מ׳פלעגט באַקומען דערפאַר 1 בילעט. אין ג׳ איז דאָס געווען 4 מאָל טייערער. דערנאָך איז דער „יידישער״ טראַמוויי בכלל אָפּגעשטעלט געוואָרן. זע: יידישער טראַמוויי.

פּראָדוקטיווע — יידן וואָס אַרבעטן אין שאָפּן און האָבן געהעריקע אויסווייזן. זיי זענען זיכער מיטן לעבן. „מ־25,000 לא ישחררו אלא 3,000 פרודוקטיביים״. (משה גרינשטיין, חורבן פיוטרקוב, פּראָספּעקט). „יהודים פרודוקטיביים, העובדים, יש להם זכות למנות מזון״. (ס׳ קוסטופול, ז׳ 197).

פּראָדוקציאָן — אַרבעט־וואַרשטאָטן אין טערעזיענשטאָט, האָבן געדאַרפט שיצן פון אַרויסגעפירט ווערן אויף מזרח. (טרזינשטאט, ז׳ 12). זע: לייסטונג.

פּראָלאָנגירן — אַז מ׳איז בשלום איבערגעקומען אַן אַקציע, האָט מען געזאָגט „פּראָ־לאָנגירט דעם לעבן־שיין״. (וויל״ג, מאַשאַ, כ״י, ז׳ 42). „פּראָלאָנגירטער־מת״ — באַקומען אַ שיין און לעבט נאָך דערווייל. (דאַרט, ז׳ 64).

פּראָלניע־קאָמאַנדע — דעזינפעקציע־שטעלע אין לובלינער ג׳. איר „קאָמענדאַנט: באַלעסלאַוו טענענבוים. (אסתר פעלדמאַן).

פּראָמינענט — 1. „אָנגעזעענער״ אין ל׳, געהאַט אַ גוטע פונקציע (זע): אַ קאַפּאָ, פאָר־אַרבעטער, קוכער א״א. געהאַט דער עיקר מער עסן. אין ל׳ גראָס־ראָזען גע־מעגט עסן זופּ מיט אַ לעפל, בשעת אַנדערע העפטלינגען געמוזט זשלאָקן די זופּן פון שיסעלע. (א. בעסערמאַן). 2. אין טעריעזיענשטאָט די פּריווילעגירטע מיט קריגס־אויסצייכענונגען. די דענישע יידן אדג״ל. (אָפּענהיים, טערעזיענ־שטאָטער טאָגבוך, דייטש, ז׳ 91, 145, 183).

פּראָמינענץ — אַריסטאָקראַטיע אין ל׳: בלאָק־עלטסטע, שטובנדינסט. (שטריגלער, ווערק צע, ב. 2, ז׳ 116, 122; אין די פאַבריקן פון טויט, ז׳ 106). **פּראָמינענ־צלער**. (דאַרט, ז׳ 72, 212).

פּאָזשאַרניק — פייערלעשער. „פּאָזאַשרניקעס און פּוילישע פּאָליציי טרייבן ביי דער אויסזידלונג״. (פּראַשאָוויץ, ש. בלומענפעלד, יו״ש 2575/236, ז׳ 77).

פּראָמעסע — „פּ׳ הייסט היינט פּראָמיסיאָן. אַנדערע זאָגן: פּראָוויזיאָן״. (רינג׳ 13.4.40). אין וו״ג האָט מען געהאַנדלט מיט פאַלשע פּאַספּאָרטן, פּראָמעסעס.

פּראַשקעס — שוחד. (קאַפּלאַן, ז׳ 27).

פּריוואַל — רוסיש: אָפּרו. פּאַרטיזאַנער־לשון (דיאַדיאַ מישאַ, יידישע פּאַרטיזאַנערין, ז׳ 5, 19).

פּרימשע — אין די ל׳ זענען העפטלינגען געשלאָפן אויף צוזויפגעקלאַפּטע ברעטער, 3־שטאָקיקע פּ׳, גאָרנישט אונטערגעלייגט, אָדער אַ ביסל שטרוי. אויף איין פּ׳

געשלאָפֿן עטלעכע מאַן. פֿלעגן זיך טרעפֿן פֿאַלן, ווען איינער פֿון זיי איז ביינאַכט געשטאָרבן, זענען די איבעריקע מיטן מת געשלאָפֿן ביזן אינדערפֿריי־דיקן אַפּעל. „ליגן אויף דער פּ'". (ק. צעטניק, טעאַטער, ז' 28, 29 א"א; ס' אַפּאַלע, ז' 257). זע: נאַרע.

פּרייז פֿאַר אַ ייד — דער פּ' פֿאַר איבערגעבן אַ ייד אין די הענט פֿון די דייטשן (אויף טויט) — אַ ק"ג צוקער, אַ ליטער נאַפֿט אָדער דאָסגלייכן. באַרשטשיוו — 50 קאַרבאָוואַנצעס, אַ פֿלעשל בראָנפֿן, אַ פּעקל טאַבאַק. (ס' דראָהיטשין, ז' 300). 2 ק"ג זאַלץ, אָדער צוקער. (ס' ציחנוביץ, ז' 661, 664 א"א).

פּרעזעס — פֿאָרזיצער פֿון יודענראַט. (ס' בילגאָריי, ז' 120). רומקאָווסקי. (ל"ג, פֿראַנק, טאָגבוך, 20.7.41, 22.7.41 א"א). פֿאַן פּ' — געווען דער אָפֿיציעלער טיטול פֿון רומקאָווסקין. אין יום־כּיפּור, איז דער פּרעזעס געווען אויף סנדקאות ביי אַן אָנגעזעענעם גערער חסיד. דער פֿאָטער האָט באַקומען אַ פּאָסטן און פֿאַרן „רך הנולד" האָט דער פּ' מבטיח געווען, אַז ער וועט אים, „לכשיגדל", געבן אַ פּאָסטן אַלס לייטער אין איינעם פֿון די ג'־קוכן. (ל"ג, 1940, וויצן פֿון ג', נר' 955).

פּררר... — אין געטאָ גייט אַרום אַ ווערטל: פּררר, ווי להבדיל צו אַ פֿערד. דער פּררר האָט אַ שייכות צום פֿערדנפֿלייש וואָס ווערט לעצטנס פֿאַרקויפֿט. טייזנטער זאָגן זיך אָפּ דערפֿון, אָבער טויזנטער קויפֿן עס און מען מאַכט אַ מינע פֿון צופֿרידנקייט — פֿלייש! (וויל"ג, קרוק).

פּשידזיאַל — צוטייל פֿון פּראָדוקטן. „די קהילה באַקומט אַ פּ' פֿון פּראָדוקטן פֿאַר אַ נאָמינאַלן פּרייז". (רינג', 2.11.40).

פּרעה — היטלער. „פּ' הגרמני מענה את יהודי פולניה". (א. קפּלן, 6.9.40).

פ

פאַבריק־אַקציע — דעם 27.2.43 איז פאָרגעקומען די א״ג פ״אַ אין גאַנצן לאַנד. מען האָט אַרויסגעשלעפּט אַ 10,000 ייִדן פון די פאַבריקן אין בערלין ווו געאַרבעט און זיי דעפּאָרטירט. (ברונא בליי, ייִדן אין דריטן רייך, ייוואָ־בלעטער, ב׳ 37, ז׳ 149).

פאַך־אויסווייז — אַ חוץ דעם געוויינטלעכן אויסווייז (זע), געמוזט האָבן אַ פ״א, אַז מ׳איז אַ נוצלעכער אַרבעטער, כדי צו קאָנען בלייבן אין ג׳. (ס׳ קאָסטאָפּאָל, ז׳ 378). די פאַכלאָזע אַריבערגעפירט אין „טויטן״ ג׳. טייל לויפן שלאָפן אין „לעבעדיקן״ ג׳. געמיינט, אַז דאָ איז זיכערער. (ס׳ לודמיר, ז׳ 440). דער טויטער ג׳ ווערט קודם ליקווידירט און די ייִדן פון לעבעדיקן ג׳ רוימען די הייזער, ביז דאָס לעבעדיקע ג׳ ווערט אויך ליקווידירט. (דאָרט, ז׳ 468).

פאָלקס־דייטש — די קאָסינאָ האָט געהערט צו אַן אוקראַינישער פאָלקס־דייטשקע. (ס׳ בוליחוב, ז׳ 351). פאָלקס־דייטשן פון מינסק פייניקן ייִדן. (רייזער, ז׳ 60). אַ דייטש פרעגט אַ ייִד: „וואָס איז ער?״; דער ענטפערט: „אַ מענטש״; „דו, אַ מענטש?״. ער פרעגט אַ צווייטן ייִד, דער ענטפערט: „פאָלקס־דייטש״. „וואָס, דו?!״ — צעשרייט זיך דער דייטש. דערויף דער ייִד: „נאָ יאָ, איך פאָלגע דען דייטשן?״ (י. ליטמאַן, כ״י). די „אמתע״ דייטשן האָבן זיך באַצויגן צו די פ׳־ד׳ מיט גרינגשעצונג און גערופן זיי **קאָניונקטור־ריטער**. (ד״ר דוואָרזשעצקי, נאַשע סלאָוואָ, נר׳ 18/19, יאַנואַר 1949). אַ גרופּע ייִדישע בעלי־מלאכות אין טשענסטאָכאָוו געאַרבעט פאַרן דייטש אויף דער אַרישער זייט, האָט מען זיי שפּאָטיש גערופן „ייִדישע פ׳־ד׳״. (ווייכערט, כ״י). **פאָלקס־גענאָסן**. (ה. א. קפלן, כ״י, 8.12.39). די ראשי־תיבות פ׳־ד׳ באַנוצט הרב הובער־באַנד. (ר״א, 185, כ״י). **פאָלקס־אשכנזים**. (רינג׳, פעבר׳ 1941, כתבים 1, ז׳ 222). „גרמנים תושבי המקום״ (פולקס־דויטש׳ה). (ס׳ שדלישצ׳ה, ז׳ 16).

פאָלקשטרעקונגס־דינסט — ייִדישע שטייער־מאָנער (אַ פּופּציק סעקוועסטראַטאָרן) ביים יודענראַט. (באָרשטשיוו, מ. גאָטעסמאַן).

פאַמיליע־ביכל — אויף דעם פ׳־ב׳ פלעגט מען אין ל״ג באַקומען אַ ביסל קוילן־מיאַל אָדער אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ. אויב עטלעכע פאַמיליעס געוווינט אין איין דירה, האָבן זיי באַקומען איין פ׳־ב׳. (בריקס, דער קייסער, ז׳ 108).

פאַמיליע־לאַגער — מחנה משפחות ביער של יהודים, פליטי חרב, שלא השתייכו לגדוד פרטיזני לוחם. היו ביניהם הרבה נשים, זקנים וטף, מעטים מהם שרדו אחרי השחרור. (שרה נשמית, ילדים, ז׳ 196). טייל פון ל׳ בירקענאַו, ווו געהאַלטן אַ פּאָר חדשים ייִדן פון טערעזיענשטאָט מיט די משפחות, ביז מ׳האָט זיי אַלע מיט איינמאָל אומגעבראַכט, 14.3.44. זע: סעמייני־ל׳.

פאַמיליע־מענטשן — פיקטיווע משפחה־מיטגלידער, צוגעשריבענע. (ר. קרוק, כ״י, 4.3.42).

פּאַניע — רוסן. „מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די שמחה פון די פּאַניעס: ריכטיקער ספּירט!", „פּ' בלייבט פּ'." (קאָנקורס מס' 23, ז' 38, 46). „די קלאַנגען וועגן פּ' פאַרשטאַרקן זיך כסדר". (רינגל', כתבים 1, ז' 259). געמיינט: רוסלאַנד, ראַטנפאַרבאַנד.

פּאַסיאָנער — היים־אַרבעטער. (דיאַמאַנט).

פּאַסעווען — נעמען זאַכן, וואָס געבליבן נאָך אַן אַקציע. געדראָט מיט טויט־שטראָף, האָבן דאָס יידן גערופן פּ'. ווי זיי וואָלטן דאָס באַקומען צוגעטיילט.

פּאַקאָ — פאַרניכטונגס־קאָלאָנע — „טויזנטער זענען זיי: עס־עס, שוואַרצע זשאַנדאַרן, אוקראַינער, ליטווינער מיט טונקעלע מונדירן, פּוילישע פּאָליציי, געקומען אָנטייל נעמען אין דער אַקציע. (מינסק־מאַז., ל. ראַכמאַן, כ'האָב, ז' 53).

פּאַקס — פּאָקסטעריער (הונט). פּאָלקס־דייטש. (בריסקער, כ״י, צייה״ק).

פּאַראַווירן — די אויפגעקומענע מלחמה־גבירים פּ' די לופט אין טאָג־טעגלעכן ג'־לעבן. (וו״ג, ר״א, כ״י 101).

פּאַראַיאָרן — היי־יאָר זענען די ימים נוראים ניט געווען ווי פּאַראַיאָרן. אין גאַס גע־הערט אַ ווערטל: „פּאַראַיאָרן, נישט פאַר היינט גערדאַכט" (אומגעקומען 4,000 יידן, 1.10.41). (ווילנ״ג, קאַלמאַנאָוויטש, כ״י).

פאַר אַ קוויטל — יידן מסרן פאַרבאַהאַלטענע זאַכן פון אַ צווייטן „פאַר אַ קוויטל צו קומען אויף יענער וועלט פון די לעצטע". (יעלין, ז' 168).

פּאַראַרבייטער — מלכה איז מיט דער צייט באַשטימט געוואָרן אַלס פּ'ין, ד״ה אַ מין עלטערע אין דער פאַבריק־האַלע, וואָס האָט שוין געמעגט אַרבעטן זעלב־שטענדיק. (מ. טורקאָוו, מלכה אָוושאַני, ז' 121). אַ גרופּע־פירער אין ל' (גראָכאָוו). (י. טורקאָוו, אין קאַמף, ז' 53). יידישע פּ'. (שטריגלער, גורלות, ב' 2, ז' 27). צוליב אַ פּאָרציע ברויט, האָט יעדער מינדסטער פּ' דערהרגעט אַ מענטשן. (לעווענטאַל, כ״י, 1944; מאַרק, מגילת אוישוויץ, ז' 393). אַ נישט־ייד קאָנטראָלירט די אַרבעט פון די יידישע אַרבעטער, צומייסט אַ פּאַכמאַן. (ס' סלאָנים ב', ז' 301).

פּאַראורטיילט פאַר וועלן לעבן — (י. פעדער, כ״י, קאָלאָמיי, ז' 23).

פּאַרבונקערן זיך — געגאַנגען פּ״ז; פּאַרבונקערט זיך. זע: בונקער.

פּאַרבייסן — אַ דייטש וואָס האָט נישט גענומען מתן בסתר (אין ג' האָט מען אַנגע־רופן „ער וויל נישט פּאַרבייסן"), איז געווען אַן אומגעוויינלעכע דערשיינונג. (דאַטנער, באַזוכן אין ג', ביאַליסטאָקער שטימע, סעפּט'־אָקט' 1950).

פּאַרבן — בייטאָג פּייניקן אונדז די גרינע (דייטשן), ביינאַכט די רויטע (סאָוועטישע עראָפּלאַנען), עס קומען אַן פּוילישע גראַנאַטאָווע (פּאָליציי), שוואַרצע (אוקראַי־נישע), גרינע עס־עס מערדער. (וואַרשע, בלומענפעלד, כ״י, ז' 141). זע: גרינע פּאַרטיזאַנער.

פּאַרבאַוואַנע זשידזווקי, ליסי — פּויליש: געפאַרבטע יידישקעס, פוקסן. פרויען אויף אַרישע פּאַפּירן, (קוריער צאָדזיענני, 5.9.45; זשעטשפּאָספּאָליטאַ, 8.9.45; ד״ר י. זילבערבוש, מענטשן און געשעענישן, ז' 65) שרייען, אַז איך בין אַ צבועק, אַ געפאַרבטער, באשר פאַר טאַטע־מאַמע האָב איך געזאָגט, אַז איך

פאַר צום רבין. אין דער אמתן פאַר איך קיין טשערנאָוויץ אויף צו באַגעגענען זיך מיט גאָלדפאַדען.

פאַרבריווט — מיטגלידער פון יודענראַט געמיינט, אַז מ'וועט זיי לאָזן לעבן. היות ווי מען זאָגט, זייער זיכערקייט איז געוואָרן „פאַרבריווט" מיט אַן אָפיציעלן בריוו פון געסטאַפּאָ און עס־עס אָבערלייטונג. אָבער נאָך דער לעצטער מאַסן־אויס־זידלונג האָט די געסטאַפּאָ געזאָגט די יודענראַטלער: „איצט ברויכן מיר אייך נישט" — און געיאָגט אין די וואַגאָנעס. (ס' זאַוויערטשע, ז' 302).

פאַרברענט — צוגענומען דורך די דייטשן. פאַראַן אין ג' אַן אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט קעגן „פאַרברענען"; ביז נאַלעווקי 20, ד"ה ביז דער וואַך, איז זײַן פרייז ; ווייטער קאָסט שוין די פאַרזיכערונג מער. (רינגל', מאַי 1942). „אַ וואָגן פאַרברענט". (דאָרט). „די קו זאָל פאַרברענט ווערן". (י. עלבערג, יורעק, ז' 176). 1. דעקאָנספּירירט. „די דירה איז פ'". (באַזשיקאָווסקי, 13.4.43) ; 2. קאָנפיסקירט. אַ וואָגן שמוגל, באַנוצט אויך אין פויליש: ספּאַלאָני.
וועגן דעם אַ ליד: גיכער, גיכער, אַ זעקל קוילן, / פאַר די קינדער אויף האַלבע זוילן, / איידער עס ווערט פאַרברענט, / איידער מ'דערקענט: ס'ברענט. / אַ שאָס, אַ קנאַל, דער שמוגלער איז טויט. / נישטאָ אין שטוב מיין (מער) אַ שטיקל ברויט. (איבערגעגעבן: יולעק סמאָקאָווסקי, פאַרפאַסט זיין קוזין לייזער פעלדמאַן, אומגעקומען).

פאַרגייער — אין ל' הרוביעשאָוו גייען יידן אויף אַרבעט אין געשלאָסענע רייען, מיט אַ פ' בראש. (י. טשעכאָוויטש, כ"י).

פאַרגאַזירן — די ידיעות וועגן פ' טויזנטער יידן פון קאָלאָ, האָבן געמאַכט אַ סך אַ גרע־סערן איינדרוק, ווי די ידיעות וועגן צענדליקער טויזנטער יידן צעשאָסענע אין ווילנע, סלאָנים א"א. (רינגל', סוף מערץ 1942. ידיעה וועגן כעלמנאָ).

פאַרגעסן — רומקאָווסקי האָט אַמאָל אויסגערעכנט אַלע זיינע רעסאָרטן (זע), האָט עמעץ געמאַכט אַ צווישנרוף: „איר האָט פאַרגעסן דעם בית־עולם". (פל"ח, 3). דער גאָניאָנדזער אַמטס־קאָמיסאַר האָט איין חסרון — ער פאַרגעסט גיך וואָס מען גיט אים. (ס' גאָניאָדז, ז' 642).

פאַרדעקאָרירן — דער בונקער ווערט פאַרדעקאָרירט: מיט פאַרשיידענע דראָנגעס אָנגע־וואָרפן, ער זאָל נישט זיין קאָנטיק, פריש געגראָבן. די בראָנע, דער אַקער ליגן איבער אונדז אַלס דעקאָראַציע. (יאַסינוווקע, שבתאי פינקעלשטיין, ב"ק, כ"י).

פאַרוואָס — פאַרוואָס האָט עפּעס דער פירער אָנגעהויבן רעדן מיט גאָט און זיין ניי־יאָר־רעדע געענדיקט, אַז גאָט וועט העלפן? — זיי דו אַ בריה און רעד אַנדערש, ווען מען באַקומט אַזעלכע ניי־יאָר־ווינטשן פון די גענעראַלן און מאַרשאַלן: פון אַפריקע: שיק הילף, אַ נישט מאַך איך פיס, אַפילו פון טריפּאָליס!; פון לענינגראַדער פראָנט: כ'דאַרף שיך און נאָרטן, כ'קריג נישט אויף קאַ ברויט־קאַרטן; פון מאָסקווער פראָנט: געוואַלט, פיטער־פעסלעך צו דער נאָז, ווייל באַלד ווערט יעדער זעלנער אַ האָז; פון אונטער ראָסטאָוו: ראַטעווע פון דער פאַרשאָלטענער מדינה, פון דיין גאָט־געבענטשטער אוקראַינע. (ר"א).
— פ' האָבן די גריכן געזיגט אין אַלבאַניע? ווייל היִנטער יעדן בוים איז

געשטאַנען אַן ענגלענדער, וואָס האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ גריך. (רינגל׳, 2.12.40). פויליש: Udawać Greka.

— פ׳ קוקט איר זיך אום כסדר? ענטפער: איך עס אַלץ ווי אַ בהמה, קוק איך זיך אום, צי כ׳האָב שוין נישט אַמאָל קיין עק. (ל״ג, פל״ח 3). פ׳ איז אַ בריק (איבערן ג׳)? ערשטנס, כדי די יורדים אין ג׳ זאָלן אַמאָל האָבן אַן עליה; והשנית, ס׳זאָל נישט זיין בלויז „עלית נשמות״ (טויט־פאַלן), נאָר אויך פון גוף. (ל״ג, אבי, 15). פ׳ — פרעגט אַ 5־יעריק יינגל — הרגעט מען אונדז? איך ווייס, אַז מען וועט מיך נישט לאָזן גרויס ווערן און דערפאַר וויל איך איצט וויסן. — אַ פראַגע, אויף וועלכער כ׳האָב קיין ענטפער נישט. (מ. שאודער, קאַלאָמיי).

פּאָרט — אין 7טן און 9טן פאָרט פון דער פעסטונג אין קאָוונע, האָט מען פאַרמוטשעט יידן. „אין בריוו געפינט זיך די טרויעריקע ידיעה, אַז ד״ר חיים נחמן שאַפּיראָ איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן פ׳״. (22.1.44, ב. כהן, אַ ייד אין וואַלד, ז׳ 56). „פירן אויפן פ׳״ (צום טויט), קאָוונע. אין יוני 1944 איז אין ג׳ קאָוונע געקומען אַ דייטשע קאָמיסיע צו פאָרשן די פראַגע פון עוואַקואירן יידן. נאָך זייער אָפּפאָר, האָבן יידן זיך געוויצלט, אַז די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז יידן זענען „פאָרט״ מענטשן. „מיר, די מתים־ברענער אין 9טן פ׳, האָבן זיך אָרגאַניזירט״. די „פאָרטניקעס״ באַהאַלטן זיך אויס. פ׳ פון טויט. (יעלין, ז׳ 65).

פּאַרטיקאַנער — מ׳האָט אָפּגעזאָגט דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר מושקאָט. מ׳פרייט זיך: ער איז אָפּגעקאָכט. דער נאָכט־שד איז אַ פאַרטיקאַנער — וויציקער אויסדרוק פאַר „פאַרטיקער״. (קרוק, 10.11.42).

פּאַרטרעטער — „אַלע מענער פון ‚פונקט׳ האָבן געאַרבעט אַלס ‚פאַרטרעטער׳ פאַר די וואַרשעווער איינוווינער, וועלכע האָבן אונדז געדונגען אָפּצואַרבעטן זייער צוואַנג־אַרבעט״. (מיכל מיץ, אויף אַ „פונקט״ אין וואַרשע, כ״י; ס׳ קאַליש). זע: מאלך.

פּאַריידלט — „מיר זענען פ׳. מ׳האָט אונדז פאַרגעטעט, כלומר פאַריידלט כמו בעגול ללא מוצא. פאַרגעטעט מן המילה גיטו״. (ד״ר אברוך אברהם, מאצ׳וו, אזור קובל, 1941/42. פנקס הקהילות, פרוספקט).

פּאַרליקווידירונגס־אַקציאָן — „מיר האָבן געוווסט, אַז ס׳קומט אויף אונדז דאָס אומגליק מיט דעם וואָרט פ׳. פרייטיק דעם 2.6.43 פאַרשטענדיקט זשאַנדאַרמעריע־קאָמענדאַנט טשערמאַק, אַז מאָרגן קומט די אַקציאָן פאָר״. (א. פייערשטיין, באָרשטשיוו, כ״י).

פּאַרמעגנס־אַקציע — אַקציע וואָס איז אויסן בלויז זאַכן (נישט קיין מענטשן). צ״ב פוטער־אַקציע. (פל״ח 7).

פּאַר מענטשן דאַרף מען הייזער, פאַר חיות —ביימער — ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען אַ ישוב, האָבן זיי געהייסן תיכף צעניעמען די חורבות און אויף זייער אָרט פלאַנצן ביימער. די יידן האָבן דערויף געזאָגט: „כשהיו בני־אדם בעולם, בנו בתים. עתה, משבאו החיות לעולם, יש צורך להן באילנות״. (מבין חומות ורשה, מיומני חלוצים במחתרת, ז׳ 53).

פאַרניכטונג־בריגאַדע, פאַרניכטונג־לאַגער — „די דייטשן זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין אַרבעט־לאַגער, נאָר אַ פ״ל. די ווערטער האָבן מיר יעדן טאָג געהערט פון לייטער אַבערניק. (בעלזשעץ, 1940 [!] ; ר״א נר׳ 410). אין קאַמיאַנקאַ־סטרומילאָווע האָט די פ״ב אויסגעשאָכטן אַ סך קינדער. (1941, ר״א נר׳ 431). „מען הערט כסדר וועגן פ״ב׳ס וואָס מעקן אָפּ פון אויבערפלאַך גאַנצע ישובים״. (רינגל׳, אַפּריל 1942, כ״י).

פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע — געקומען אין שטאָט. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 139). די דייטשע **אויס־זידלונגס־קאָמאַנדאָ**, אָדער פ״ק, ווי די דייטשן גופא האָבן גערופן די מערדער. (באַריכט פון ייק״א, 1944. ניישטאָט, חורבן, ז׳ 141).

פאַרניכטונג־רעזשים — וואַרשע קאָן ביים איצטיקן פ״ר ווייניק וואָס העלפן. (רינגל׳, סוף מערץ 1942).

פאַרניכטונג־שטעל קאַוען — אַזוי געסטאַפּאָ באַצייכנט די פאָרטן אין קאָוונע. (יעלין, ז׳ 18).

פאַרסטערס קינדער — קינדער וואָס זענען געבליבן נאָך דער אַקציע פון 5.11.43 אין שאַוול. דורכפירער פון דער אַקציע, פאָרסטער, האָט איבערגעלאָזט די קינדער צוליב אַ פאַרזען. (ב. קאַפּלאַן).

פאַרפירער — „דער פינפטער פסח וואָס מיר זיצן אונטער אונדזער פאַרפירער־הערשאַפט״. (ל״ג, הילער, 8.4.44).

פאַרפלוכטער פלאַץ — פלוג־פלאַץ אין קאָוונע, ווו ידן געאַרבעט. (בוראַק רחל).

פאַרפלייט — באַוויזן זיך אַ סך פליי. „פ׳ געוואָרן״. (ל׳ טרעבלינקע, תנחום גרינבערג).

פאַרקייווערן — ווו זאָל איך אַנטרונען ווערן ? זיך פאַרקייווערן ? (סוצקעווער, ווילנע, ז׳ 27). זע : מאַלינע, פאַרבונקערן.

פאַרפעלער — דיאַמאַנטן. „קלוגע שטיינדלעך, וואָס מ׳פלעגט אויסבייטן פאַר אַ שטיקל ברויט״. (קאַפּלאַן, ז׳ 23).

פאַרשטאַנד, פאַרשטייערשאַפט — בימים הראשונים לכיבוש הנאצי הוקמה נציגות מבין עסקני יהדות שאבלי, נקראה ביידיש בשם „פאַרשטייערשאַפט״, או „פאַרשטאַנד״. במודעותיה, בפקודותיה וביומני הגרמנים, נקראה בשם „יודענראַט״ או „אַלטס־טנראַט״. (ירושלמי, פנקס שאבלי, ז׳ 18, 30, 31, 44).

פאַרשטעק — מאַכן אַ פ׳. (ס׳ לענין, ז׳ 275). זע : בונקער.

פאַרשלעפן — מען רעכנט, אַז אַן ערך 6,000 מענטשן זענען פאַרשלעפט געוואָרן (אומגעקומען בעתן איבערגיין אין ג׳). (וויל״ג, קרוק, 20.9.41).

פאַרשפעטיקן — מיר זענען שוין „פאַרשפעטיקטע״, ס׳איז נישט צוועקמעסיק דאָס ווייטערדיקע לויפן. היטלערס טאַנקן לויפן גיכער. מידע און אויסגעשעפּטע, האָבן זיך די „פאַרשפעטיקטע״ סאָלדאַטן און פליטים אַלץ פאָרויס געשלעפּט, פאַלן אַריין אין די הענט פון שונא. (רייזער, גראָדנע, כ״י, ז׳ 29, 43).

פאַשיסטישע אַנפירערס: דע־לאַ־ראָך — איך ציטער פאַר יעדן האָרך.
דעגרעל — איר ווער גרין, בלוי און געל.
קאָזלאָווסקי — אַ פרעמיער פון סאַנאַציע, איז נישט פון דער נאַציע.
קוויסלינג — איך וויל נאָך לעבן, כ׳בין נאָך יונג.
פראַנקאָ — רעד און שפיי, אָבער שפּאַ־ניש.

פּאָרטוגאַליען — שפּאַ־ניש ? מיר פֿאַרשטייען נאָר פּאָרטוגאַליש.
גיידאָ — אַ ליאַדע מינוט וועט מען זאָגן געגאַנגען, היידאַ.
לאַוואַל — איר פֿאַרגעסט, אַז מיר גדעדנקען נאָך די נאַפּאָלעאָנישע פּרעסט.
האַכאַ — האָסט מיך גענוג אויסגעשטעלט צו האַכן און צו לאַכן.
(ר״א, 16.1.42).

פּוטער־אַקציע — ס׳איז אַ רייכער פֿאָלקלאָר אַנטשטאַנען אַרום די פּוטערס. די פֿאָלק־פֿאַנטאַזיע איז אַ רייכע און רעאַגירט שנעל אויף אַלעם וואָס געשעט אין גאַס. (רינגל׳, 1.42). דער פֿאָלקלאָר איז טיילווייז געזאַמלט געוואָרן אין די גרויסע געטאָס, דער עיקר: וואַרשע לאָדזש, ווילנע. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלץ איז צו אונדז דערגאַנגען און נישט אַלץ איז בשעתו פֿאַרצייכנט געוואָרן.

— אַ בראָך צו זיין האַיאַריקן ניטל, אַז ער מוז אָנקומען צו מיין באַראַנקע־היטל.

— זאָל זיך אים זעצן אַזוי פיל מכות, וויפֿל געזונט ס׳האָט מיך אָפּגעקאָסט מיין טאָכטערס טשעלאַקעס.

— זאָל ער שוין ברעכן האַלדז און נאַקן, מיט מיין פּוטער פֿון זשרעבאַקן.

גאַסן־פּראָפּאַגאַנדע:

— נאָך דער פּוטער־זאַמלונג, האָבן זיך אין וואַרשע באַוויזן קליינע פּלאַקאַט־לעך אויף די ווענט, וועלכע שטעלן פֿאָר היטלערן אין אַ קאַראַקולענעם דאַמען־מאַנטל מיט אַ פּיקסן־קאַלנער אויף אַ פּאָר צעדרייטע נאַרטן. אויף די פּלייצעס — אַ קליין אייוועלע, „ציגאַנעק״, פֿון וואַנען ס׳זעצט אַ רויך און אונטן אַ צושריפֿט אויף פּויליש: „און דאָס וועט דיר נישט העלפֿן״.

— נאָכן צוריקציען זיך פֿון מאָסקווע, זענען די ווענט און טראָטואַרן באַ־שמירט געוואָרן מיט קרייד און פֿאַרב, מיט דער ציפֿער 1812.

— לעצטנס האָבן זיך געמערט קליינע, אויפֿגעקלעבטע קוויטלעך אויף די לאַמטערנס און סלופּעס: רעזערווירט — נאָר פֿאַר די דייטשן!

— זעסט, יעקעס מלחמה־געשעפֿטן, ער האָלט שוין ביי אונדזערע ביבערטן און קרעטן.

— מ׳האָט פֿון אים געמאַכט אַ תל, וויל ער זיך ראַטעווען אין אונדזער פֿעל.

— געוואָלט אַ מלחמה פֿירן מיט פּוטער־האַרמאַטן, און דורך יידיש פּוטער זאָל אים די פֿראָסט נישט שאַטן.

— סטאַלין האָט אַ געשריי געטון קאַראַול, נעמט זיך היטלער קריכן אין ווייבערישע קאַראַקול.

— אַך־און־ווי צו אַן אַרמיי, וואָס האָט האַרמאַטן פֿון פּוטער און וויל באַשיצן מיט עפּילעיען די אָפֿיצירן־ריטער.

— זיי ליגן שוין אין דער ערד מיט שיך און זאָקן, מעג איך זיי צושיטן מיט מיין ווייבס פּאָקן.

— נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן: מיט אונדזערע פּוטערס, וויל ער זיך וואַרעמער מאַכן.

— זאָל אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן, מיט די אָנגערויבטע יידישע פּוטערנע פּלאַטן.

— ער איז גאָרנישט אָסן (אויסן), ער וויל נישט בלייבן מיטן שוואַנץ אין דראָסן (דרויסן).
— געקראָכן אין דער רוסישער מליכע (מלוכה), און געבליבן מיט דער הוילער מכילע (מחילה).
— וואָס טויג מיר זייַנע אַלע גבורות און גדולות, אַז די זעלנער גייען אין די הוילע מחילות.
— האָסט חוזק געמאַכט אַז זשיטאָס (זע) פּאַרשפּעטיקט מיט דער ווינטער־אָקציע; היטלער וועט צושיקן די זעלנער פוטער, ווען אויף זיי וועט וואַקסן אַקאַציע.
— וואָס טויג מיר די חכמה, אַז די נאַרישקייט גילט, וואָס טויגן טאַנקען און עראָפּלאַנען, אַז מאָסקווע קילט.
— נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ סוף האָט ער אַ שיינעם, געקומען ביז מאָסקווע און זיך אָפּגעפרוירן דעם קליינעם.
— דער „פירער" און „פוטער" האָבן צום סוף אַ ריש, מאַכט מיט ביידע אַ בורא מאורי האש.
— כ'גיי שוין ווערן דערשאָסן פאַר אַ פּאָר נאַרישע אָפּאָסן.
— פונקט ווי אַ טויטן באַנקעס, וועט אים ראַטעווען מייַן קינדס באַראַנקעס.
— יידעלעך, יידעלעך, דער פירער איז ווערט אַ דרייער — וואָרפט אים אין פייער און זייט נישט קיין פרייער.
— גאָרדעראָבע, גאָרדעראָבע, זיי נישט קיין יאָלד און נישט קיין פרייער, — וואָס האָסט נישט צום פּאַרקויפן, וואַרף אין פייער.
— ביי מאָסקווע — פרעסט און קעלט; וויל ער זיך ראַטעווען מיט יידיש פוטער און געלט.
— גייסט נעמען נקמה אין די וואַנצן און דערווייל טראָגסטו אָוועק די טייער־סטע ברייטשוואַנצן.
— ס'וועט אים נישט העלפן קיין שום קניקסן און ניקסן, און אויך נישט די יידישע בלאָע און זילבער־פיקסן.
— וואָס וועט אים ראַטעווען די יידישע טכוירן און אָפּאָסן, ווען ער גייט שוין מיטן ת... אין דראָסן.
— זאָל ער אַזוי וויסן ווו ער קומט אַהין, צו וואָס איז ער געקראָכן, ווען ס'פעלט אים פוטער און בענזין.
— געקראָכן קיין לענינגראַד פאָן באָק, און געפרוירן געוואָרן ווי אַ האָק.
— זאָל ער שוין ברעכן האַלדז און נאַקן, מיט מייַן פוטער און זשרעבאַקן.
— אַז ס'האָט נישט געהאָלפן קיין האַרמאַטן, טאַנקען און ביקסן, וואָס וועלן אים שוין העלפן אונדזערע פיקסן?
— אַך־און־וויי צו אַזעלכע זעלנער, וואָס מוזן אָנקומען צו ווייבערישע קעלנער.
— די דייטשישע קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו שטאַמלען און זוכן איצט אַ סגולה ביים צדיקס שטריימלען.
— די רוסישע לייז קריכן אים שוין גוט אין ביזעם (בוזעם), אַז ער מוז צו־נעמען ביים רבין דעם פעלץ פון פיזעם.

— ער וועט ווערן די כפרה, כ׳קען זיך וועטן, מיט די נאַטרעטן און מיט די ביברעטן.

— אַ רוח אין זיין מאַמעס מאַמען, זאָל ער ברענען אויפן פייער מיט אַלע פוטערנע בלאַמען.

— ביסט שוין נישט אין די פוטערס און נישט אין די פעדערן, — צי ווילסט צי ווילסט נישט, מוזטו הערן יעדערן.

— טשערניאַקאָוו שוין דערהאַלטן אַ דאַנק־בריוו פון סטאַלינען: דאָס פוטער איז שוין אין מאָסקווע.

— ער בעטשעט: אין פעלד אַריין, ס׳וועט נישט פועלן זיין רעדן און בעטן, מעג ער צונעמען דאָס גאַנצע מעבל, וועש, שיך און אַלע צובעטן.

— גיב אַוועק דאָס פוטער און געלט, ס׳איז שוין נישט זיין וועלט.

„יעדעס פיצל, וואָס האָט נאָר געקענט גערופן ווערן פוטער, האָבן יידן געמוזט אַוועקגעבן. פאַר נישט אָפּגעבן — געדראָט טויט־שטראָף״. (ס׳ דעמבלין, ז׳ 31).

„מיט די יידישע פוטערס האָט ער שוין געשאַפן 3 פרישע דיוויזיעס: אַ פּאָקע־נע, אַ קאַראַקולענע און אַ ברייטשוואַנציקע. מיט די ברייטשוואַנצן וועט ער פאַרטיידיקן בערלין.

די נייע דיוויזיעס: אַ קאַראַקולענע, אַ פּאָקענע און אַ לאַפּקענע. די ערשטע — שוין צעקלאַפּט און צעבראָכן געוואָרן און אויף די לאַפּקעס וויל ער אָנהייבן גיין קיין מאָסקווע.

„גיט אַוועק דעם יעקע די טכוירן, ער האָט זיך אָפּגעפּרווירן די קעקע און אויערן״.

„די רויטע אַרמיי האָט געמיינט, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט אַ באַטאַליאָן ווייבער. אויף די דייטשישע שינעלן האָבן זיך געבאַמבלט עקן פון פּיקסן״. (ס׳ אָסטראָוויעץ, ז׳ 280).

„יעדער האָט זיך זיין גוי, טראָגט ער אים אַהין זיין האָב און גוטס, דאָס פ׳״. (ס׳ קאָריוו, ז׳ 363).

„די פוטער־אַקציע אויך אַרומגענומען שטריימלעך און פעלצן״. (ס׳ בייטש, ז׳ 195).

פוטער־אַמנעסטיע — אין דער יידישער תפיסה (גענשע גאַס) זיצט אַ גרעסערע צאָל יידן. די דייטשן מסכים זיי צו באַפרייען פאַר 1,000 פוטערס. זיי באַקומען די צאָל, באַפרייען אָבער בלויז 244 יידן. (די יידן אויסגעקויפט קאָזשוכעס אויף דער אַרישער זייט און אַריינגעשמוגלט אין ג׳). (דער אויפברויז, [13] 3, 22.6.42).

פוטער־גזירה — חודש יאַנואַר געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער פ״ג. (רינגל׳, 26.1.42, כתבים ב׳ 1, ז׳ 330).

פויגל — אָדלער אויף אַן אַמטלעכן דייטשישן דאָקומענט, „ז׳ פטאַשקיעם״. (רינגל׳, 1.11.40). „דאָס פייגעלע האָט זיי איבערצייגט״. (ס׳ לאַסק, ז׳ 574). „שיינען מיטן רויטן פויגעלע, רויטער סטעמפּל פון אַרבעט־אַמט״. (וו״ג, רחל גורמאַן). פייגל, פייגעלעך — עראָפּלאַנען.

פולבלעטלעך — 50 דאָלאַר־באַנקנאָט. (וו״ג, ר״א, נר׳ 61). זע: ביבולע, בלעטלעך.

פון וואַנען איז אַ ייד? — פון וואַנען? פון אייזן. (ש. קאַרטשעוו, כ״י, ז׳ 319).

פון וואַנען וועלן די דייטשן נעמען אַזוי פיל מענטשן — פאַר דער געפאַנגענשאַפט? (ה. קרוק, 14.11.42). אין זייערע אָפיציעלע מעלדונגען זענען זיי שטאַרק מגזים.

פונטן — ענגלענדער. „ער האָט געזאָגט (דער ראש, דייטשער אָפיציר), אַז די פונטן האָבן פאַרשפּילט די קריג". (ל"ג, 31.44, הילער, כ"י. אויך אין וו"ג).

פונקציע — סטאַבילע אַרבעט פון אַ העפטלינג אין ל': ביי דער קוך, באָד א"א. „פאַר געלט באַקומט מען אַ פ' ". (קורץ, כ"י). „**פונקציאָנערן** אין ל'." (שטריגלער, מיידאַנעק, ז' 60). די פ' פירן זיך אָפט נישט גוט. דאָס ברענגט צו דער מיינונג: „זעסט, פון יידן קאָן מען אויך מאַכן דייטשן". (ס' זעמבראַווע, ז' 123).

פוסגייער — לייז. אַרמיי פ', צאַפּט אויס דאָס לעצטע ביסל בלוט. „פ' פאַרמאָג איך שוין נישט אַ פאָלק, נאָר אַ גאַנצע דיוויזיע". (מאַשאַ, כ"י, ז' 72/4).

פוס־לאַפּ — נעם אַראָפּ דעם פ"ל (אַ מין שקאַרפּעטקע). (ערליך, צום אייביקן, ז' 216).

פופציק־דאָלאַרדיקע — איבער נאַכט וואַקסן אויס פרישע פּאָליציי־לייט. מ'האָט זיי גע־רופן „די 50־דאָלאַרדיקע, ווייל פאַר 50 ד' און דערצו נאָך גרויסע פּראָטעקציע, האָט מען געקראָגן אַ גרין, פּאָליצייאיש היטל". (ביאַל"ג, קאַט, ז' 39).

פופציקסטלעך — „איך, אַלס יוגנטלעכער אַרבעטער באַקום נאָר 3 מאָל אין וואָך צוגאָב־זופּן פון פופציקסטלעך". (ל"ג, געדרוקטער טעקסט פון אַ לערנביכל). קינדער. זיי לאָזן זיך נישט באַגנוגענען נאָר מיט דער זופּ און 3 מאָל וועכנטלעך מיט דעם פופציקסטל־צוזאָץ. (ל"ג, זעליקאָוויטש, 19.7.42, כ"י).

פופצענטל — דאָס פ'. בבנין הגיסטפו שברחוב סינקביץ 15, כלואה קבוצת בעלי־מלאכה יהודיים. הבנין מפורסם היה בכל הגליל. „החמש־עשרה" היה שם נרדף למורא, לפחד, לעינויים. החזית ברח' סנקביץ מפוארת. (חיקה גרוסמן, ביאליסטוק, ז' 366).

פורמאַן — היטלער. (קאַפּלאַן, ז' 53).

פורמאַנעס — „ביי דער פורמאַנעס־רעגיסטראַציע שטייען פ'עס פאַרן רעגיסטריר־ביוראָ און שמועסן: „האָסט דיין לעגיטימאַציע?" „אַוודאי" — און ער נעמט אַרויס די לעגיטימאַציע פון זיין פערד און ווייזט. „און דיינע ווו איז?" „אויך מיר חשוב. דאָס פערד וואָס האָט צו עסן, פאַרשטיי איך נאָך. אָבער איך, דער אייגנטימער פון אָפּגעוואויגענער ראַציע, מה אני ומה חיי". (ל"ג, אבי 13). „ב־31.12.41 פקד שעף העבודה על העגלונים היהודים לא לשבת על העגלה, אלא הלוך ילכו על־יד העגלה ברגל". (ס' שאבלי, ז' 51). „**פורמנים**" למלווי השיירות במלחמת העצמאות (1947), גזור מן המילה האידית „פאַר" — „סע". (זאב שיף, איתן הבר, לקסיקון לבטחון).

פיגור — בר־מינן. (יאַנאָווער ל', וויעליטשקער, פּאָנאַר). טיילמאָל אַזוי אָנגערופן אויך די העפטלינגען וואָס זיך פאַרנומען מיט פאַרברענען די מתים. מען צעטיילט זיי לויט זייערע אויפגאַבן: פיגור־גרעבערס, פ'־טרעגערס, האָלץ־פאַרזאָרגערס, פ'־מייסטערס, אַש־זיפּערס און סימנים־פאַרגלעטערס. (דוואָרזשעצקי, חורבן ווילנע, ז' 487; שטוטהאָף, א. שעפּטעל, ווילנער זאַמלבוך, 1974, ז' 98).

פייגל־פריי — אונדזער לעבן איז פ"פ. ווער עס וויל, שיסט אין אַ יידישער ברוסט. ווער עס וויל, לערנט זיך שיסן אין ציל.

דריי פייען — פורמאַנעס, פישערס, פליישערס (קצבים), אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט מחוצן ג'. (רומקאָווסקי־מעלדונג 181, ל"ג, 20.12.40).

פייער — א. ביים אָנקומען קיין אוישוויץ, 18.12.42, פאָרן די פרויען מיט די קינדער אויף די אויטאָס און שרייען צו די מענער: „מיר גייען מיט אונדזערע קינדער אין פייער". (עדות, פזשעוואָזשניק מ.א.) ; ב. וואָרנצייכן פאַר כאַפּונעס. (ס' אַלכּנסדריא, ז' 217); ג. „לעש אויס דאָס פ' און זאָל שוין זיין גענוג". (לידער, פופס, דאָס ליד פון ג').

פייער און וואַסער — אין ג' האָבן מיר צוויי קאָופמאַנס, איינעם פאַר פייער, דעם צווייטן פאַר וואַסער. דער לייטער פון דער פייערוועער און דער לייטער פון די קיכן-אָפּטיילונג הייסן קאָופמאַן. (ל"ג, טאָגעס-כראָניק, 6.3.44). „געטאָ-וויץ".

פייערלעשער — אין ל"ג געווען יידישע פ'. רומקאָווסקי, אין אַן עפנטלעכער רעדע, לויבט שטאַרק זיינע פ': „טאָג און נאַכט שטייען זיי אויף דער וואַך". רופט זיך אָפּ עמעץ פון קהל: „און ווען שלאָפן זיי?" ענטפערט אים אַ צווייטער: „ווען ס'ברענט".

פייפּערזווקע — טייל פון ל"ג, פריער — מאַסאַרסקאַ גאַס. (ל"ג לעקס').

פילמיסטן — דייטשן פלעגן אין וו"ג אַלץ פילמירן. דערצו אַראַנזשירט ספּעציעלע סצע-נעס, למשל: אַ פרומער ייד מיט באָרד און פיאות באָדט זיך אין מקוה, צוזאַמען מיט פרויען. יידן רופן די דייטשן פ'. (ר"א נ"ר 96, 446). זע: געסטאַפּאָ.

פילצונג — אין ל' אָדער ביי אַרבעט-קאָמאַנדעס, וואָס פלעגן אַריין און אַרויסגיין פון ג', פלעגט די דייטשע וואַך אַדורכפירן פילצונגען, רעוויזיעס. טיילמאָל אויסגעטאָן פרויען נאַקעט, אויפן פראָסט. (שטריגלער, אין די פאַבריקן, ז' 44 ; אונדזער שטימע נר' 4, 7, 1945).

פינסטער — פינסטערע ס.ס.-באַנדיטן. (מאָשקאָוויץ, גלינאָוויעצק, ז' 233). אין אַ גע-וויסער פינסטערער (באמת פינסטערער) נאַכט, אַרויסגעטריבן אַלע יידן... שבת, נאָך סוכות 1942, דאָס פינסטערסטע יאָר אין דער יידישער געשיכטע. (ספר קראַשניק, ז' 422).

פינף-הונדערט — אפשר היה להשיג במחיר יקר דגים קטנטנים, שקראו אותם פ"ה. פירוש: חמש מאות דגים — קילו. (ס' הזוועות, ז' 321).

פינפהונדערטער — קאָוונע, אויגוסט 1941, האָבן 530 מענטשן פון דער אינטעליגענץ באַקומען אויפפאָדערונגען צו שטעלן זיך צו אַרבעט. ווען מ'האָט דערנאָך גע-פרעגט, ווו איז דער און דער, געענטפערט: מיט די פ'. 500 נעשה למושג בגיטו. (א. לוריא, כ"י, 27).

פינף מינוט פאַר שבת איז נאָך קיין שבת — „דעם מיין פון דער מימרא קאָן פאַרשטיין נאָר דער יעניקער, וואָס איז אין ל' געשטאָרבן יעדן טאָג אַזוי פיל מאָל, וויפל סעקונדן אין טאָג". (באָכנער, קראָקע/פּלאַשוו, כ"י).

פינצטער לעבן — „אַ פ"ל", האָט מיר געזאָגט אַ ייד אויף קאַרמעליצקע גאַס, „ווייל ביז היינט איז נישטאָ קיין באַלויכטונג". (רינג', 1.2.40, כתבים 1, ז' 81). בכלל ווערט „פינצטער" אָפט באַנוצט: געטאָ-פינצטער, דערווייל איז פינצטער אאַז"וו. (אונדזער געזאַנג, ז' 86, 92, 130 א"א).

פי-פּאַרק — „איך בין אַוועק אין אַן אָפּענעם ל' וועלכן מ'האָט גערופן ,פי-פּאַרק'. דאָרט זיינען שוין געווען עטלעכע הונדערט יידן. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון ,פי-פּאַרק'. מיט דעם טראַנספּאָרט אַוועק

פיל מענטשן, אויך פון די אַרבעט־פּלעצער (ווי ,פּי־פּאַרק/, קאַשאַרן)". (ס' קראַשניק, ז' 422, 432).

פּירטל — יידישער פּ', וווינגעביט, געטאָ. „דער שמוגל פון פּראָדוקטן אין יידישן פּ' גייט דורך פאַרשידענע וועגן". (ר"א, 226).

פּירלעי — די אַקציע געהייסן „פּירלעי". אין איין טאָג אַרומגענומען די שטעט אָסטראָווצע, סקאַרזשיסק, ראַדאָם און בליזין. פאַרכאַפּט 170 יידן, אַריינגעזעצט אין פאַרמאַכטע אויטאָבוסן, ווו אינסטאַלירט גאַז־קראַנען. אויפן וועג פאַרגאַזט. אין פאַרשטאָט פון ראַדאָם באַגראָבן. (ס' פּשיטיק, ז' 291).

פּירן — „פּ' אויף אַרבעט — געהייסן ביי אונדז טויט". (ס' דיסנה, ז' 177). „פּ' צו די גריבער". (ס' מייטשעט, ז' 315).

פּירער — „אצל הגרמנים אין לך קדושה שהיא למעלה מקדושת ה,פיהרר', ואצלנו היא בבחינת פאַרפּירער". (וו"ג ; קפלן, כ"י, 9.4.40). זע : היטלער.

פּירשטן — פּירשטן פון לעשנע. די שאָפ־אייגנטימער ביי טעבענסן, יידישע מיליאָנערן, מיטגעאַרבעט מיט דייטשן. (רינג', בפ"ג ב' 11, ז' 13).

פּישקע (דער קרומער) — געבעלס. (קאַפּלאַן, ז' 53).

פלאַם — „אין גרויסן זאַל פון דער גאַז־קוך שטייען פרויען ביי די גאַז־קעכלעך און היטן זייערע טעפּלעך מיט געקעכטס. פון הינטער דער טיר הערט זיך אַן אויפגערעגט, אומגעדולדיק רופן : פאַניע שאַיעוויטש, גיט מיר אַ פלאַם, כ'האָב אין דער היים דאָס קינד פאַרשלאָסן. — אַ פלאַם, אַ פלאַם, כאַפּן אונטער אַנדערע פון דער ריי, וואָס וואַרטן שעהען מיט זייערע טעפּלעך. (קוויאַטקאָווסקי־פּינחסיק, שאַיעוויטש, היימיש, 1.6.58). ג' לאָדזש, אַלגעמיינע גאַז־קיכלעך פאַר אָרעמע.

פלאַקן־זופּ — 10 דעקאָ האָבער־פלאָקן. אַ טעלער האָבער־זופּ, מיטן לעפל אַרויסגעקראַצט דאָס לעצטע ביסל פלאָקן וואָס זיך געקלעבט. (ראָזענפאַרב, ב' 3, ז' 598 א"א). זע : ראַציע.

פלאַקעס — אָפּפאַל פון פעל אין דער גאַרבעריי ; לאַפּקעס, אויערן, ווידלען, דער באַטריב פאַראַרבעט דאָס. די אַרבעטער גנבענען דאָס און מאַכן „גולאַש", „גאַלער" (געפרוירענע פיס). יידן קויפן צו שטיקלעך גאַלער, אין רעסטאָראַנען, און עסן מיט אַפּעטיט און הנאה. (ל"ג, בריקס, כעמישער בעטריב).

פאַרבאָטן — אויף ענגלישע פלוג־בלעטער (געוואָרפן איבער וואַרשע). לופט־פּאָסט פון ר. א. ף., 18.10.41. צושריפט : פאַרבאָטן דאָרט, ווו ס'איז פאַרבאָטן דער אמת. (יוגנט־שטימע, וו"ג, 1941).

פאַרפלוכטער פלאַץ — פלוגפלאַץ, קאָוונע.

פיש — רעטעך געשניטן אויף לאַנגע שטיקער, אַ צוויי־דריי מאָל געקאָכט, נאָכדעם צעריבן אויפן דינעם ריבאייזן, צוגעמישט אַ צוויי געריבענע קאַרטאָפל. (ל"ג, גלובע, כ"י).

פלי־בריגאַדעס — יודענראַט באַשלאָסן אַרויסשיקן פ"ב איבער יידישע הייזער. זיי באַשטייען פון אַ דאָקטער און סאַניטאַר־אינספּעקטאָר, וועלן קאָנטראָלירן די ריינקייט אין די הויפן, וווינונגען און די פערזענלעכע ריינקייט פון די יידן. (ביאַל"ג, מעלדונג 176, 8.12.41).

פלי־טויט־בריגאַדע — לוואָוו. יעדן טאָג כאַפּן זיי מענער, פרויען, אַפילו אַלטע (אַמאָל די אַמאָל יענע). זיי ווערן פאַרשוווּנדן אויף אייביק.

פּעדערן — אונגאַרישע זשאַנדאַרן. (פּערל, פּאַרלאָשענע ליכט, ז׳ 58, מאַרמאַראָש). געטראָגן פּ׳ אין היטל. (א. אונגר, זכור, ז׳ 22 ; טאַמבאָר, ז׳ 42).

פּעטע קאָמאַנדע — ווו באַקומען בעסער צו עסן, אָדער מ׳האָט געקאָנט מאַכן געשעפטן. (קאַפּלאַן, ז׳ 27).

פּעטער — השמות צ׳רצ׳יל, רוזבלט וסטאלין נזכרים בכינויים כגון : הזקן, הדוד, החבר. (קאַלאָמיי, אונגר, זכור, ז׳ 56). **פּ׳ ראובן און מומע מערי** — רוזוועלט און אַמעריקע. (קאַפּלאַן, ז׳ 54).

פּעל — אַלע מענער פון 14 האָבן געמוזט געבן די „פּעל״. אויך אַ טייל יידישע פרויען האָט דאָס נישט אויסגעמיטן. די גזירה אַרויס אין ערשטן טאָג אָקופּאַציע. (ס׳ קולו, ז׳ 251). געמיינט : צוואַנג־אַרבעט. (פּ. ד. מ., אמרות וביטויים). התאמצות למעלה הכוחות. (תל־חי, קיבוץ הכשרה בפולין, ה. ק., 1979, ז׳ 270/3).

פּעלד — ל׳ מיידאַנעק טיילט זיך אויף 5 אָפּטיילונגען, א״ג פּעלדער. 4. פּעלדער געווען פאַר מענער, דער פינפטער — פאַר פרויען. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 48, 62).

פּעלד־חברה — 20 בחורים פון ל׳ קוראָוויץ באַאַרבעטן היינטערן ל׳ אַ שטיק פּעלד פאַר גרינוואַרג, זענען פרייער, וווינען אין אַ באַראַק אין פּעלד. (יונס, ז׳ 72).

פּעלט — איבער 250 יידן פּעלן. עס פּעלט. ווער פּעלט ? (אומגעקומען). (טאָגבוך שלמה מאיר שמידט, יו״ש). זע : גיין.

פּעליק — זייף איז פּעליק ביי די דייטשן גופא (פּעלט אויס). (קאַפּלאַן, נאָטיצן, ביאַל״ג, 1943).

פּענאַל — פליסיקייט וואָס איינגעשפּריצט העפטלינגען כדי זיי אומצוברענגען. מיידאַנעק, אוישוויץ א״א.

פּעניקס — 21.12.1942. זו הפעם הראשונה במשך שנה וחצי (קיבלנו) קצת פניקס. הערה : שם של אבקת־כביסה. (תמר לזרסון, ז׳ 57).

פּענסטער — אין אוישוויץ גרייט מען צו די מלבושים פון די אומגעקומענע פאַר העפטלינגען. מ׳שניידט אויס אין רוקן פון מלבוש אַ פּ׳ און מ׳שטעלט אַריין אַ שטיק פון אַ לאַגער־אוניפאָרם (פּאַסיאַק), כדי מ׳זאָל דערקענען אַ העפטלינג. (אונדזער צייט, 1962, נר׳ 8, ז׳ 33). דאָס געטאָן ווען פאַרפעלט פּאַסיאַקעס. (זע).

פּעקאַליע — ל״ג נישט געווען קאַנאַליזירט. די פליכט ריין צו האַלטן דאָס ג׳, איז געפאַלן אויף די יידן גופא. דאָס אומריינקייט גערופן אָפּיציעל, און צווישן זיך, פּ׳. צונויפגעגאָסן אין גרויסע פעסער אויף וועגענער, וועלכע ס׳האָבן געשלעפּט יידן ; מענער צי פרויען. גענומען צו דער אַרבעט צומייסט פאַרמשפטע דורך דעם יידישן ג׳־געריכט. „אַלס שטראָף פאַר אַראָפּנעמען אַ פאָר קאַרטאָפל פון וואָגן, האָב איך באַקומען צוגעשיקט אַ פּסק (פון קליינמאַן, לייטער פון די פורמאַנעס) : צוויי וואָכן פירן פּ׳. איך האָב באַקומען אַ צייגניש פון דאָקטער, דאָס איך טאָר זיך נישט נעמען צו אַזאַ אַרבעט״ (עדות) ; „פיר פּ׳, גיי שלעפּ מיסט״ — שרייט דער זאָנדער צום קינד. (פון ליד „אוי, קאַרטאָפל״, פל״ח 5). „ווי אַזוי האָבן די דריי פאַרטרוקנטע ג׳־פרויען געקאָנט גיין אין שפּאַן ?״ פּעקאַליע־פרויען שלעפּן אַ וואָגן. (ר. קוויאַטקאָווסקי, גורל־שוועסטער). פון די „פּעקאַליסטן״ פאַראַן מקורותדיקע פאָטאָגראַפיעס, אויפגענומען אין ג׳. (מ. גראָסמאַן, קונסט־בילדער, שניצערייען, לאַלקעס).

פערבוחערט — כלומר נכשל, „פערבאָכערט". (דוד ליוור, עיר המתים, ז' 133).

פערד — פאַר דער מלחמה האָט מען געגעסן קאַטשקעס און געגאַנגען ווי פ'. איצט עסט מען פ' און מ'גייט ווי קאַטשקעס. (ל"ג). אין ל"ג איז נאָך קיין איין פערד נישט געפּגרט, ווייל אײדער עס פּגרט — עסט מען אים אויף. (פל"ח 3).

פערד־איבערזיכט — בעתן פ"א אין וו"ג צוגענומען אַ שפּאַר ביסל פערד און אַן ערך 50 וואַגנס און פלאַטפאָרמעס. (אָפּאָטשינסקי, 4.9.42, ר"א). אין ביאַל"ג „פערד־דורכקוק", מוסטערונג פון פערד. פּויליש : przegląd koni.

פערטל — פּויליש : טשוויאַרטקאַ. אין אַ ל' האָט אַ ייד, ש. פּ., באַדאַרפט באַקומען פאַר עפּעס אַ חטא 25 קלעפּ. ער האָט זיך געדונגען מיטן אַדע־מאַן, יענער זאָל געבן לייכטע קלעפּ. זיי זענען משווה און דער פאַרזינדיקטער אײנגעצאָלט די סומע פאַר דער עקזעקוציע. און ווירקלעך, די ערשטע 24 קלעפּ האָט ער באַקומען זייער לייכטע און זיי כמעט נישט געפילט. דערפאַר אָבער דער 25סטער געווען זייער אַ שטאַרקער. נאָכן אָפּקומען די שטראָף, איז דער געשמיסענער צוגע־לאָפן צום אַדע־מאַן מיט אַ ויצעקו : סטייטש ? האָט אים יענער געענטפערט : כ'האָב אייך געוואָלט ווייזן, וואָס פאַראַ גוט געשעפט איר האָט געמאַכט. (קראָקע, ג. גראָס).

פערפאַהרען — אויספאָרשונג. ליהודים שולחים חץ אל ליבם בראש הומיות, בלי שום פ'. (קפלן, כ"י, 4.5.42). פ' — אונטערזוכונג, אדג"ל.

פערציק טעג — אין וו"ג איז פאַרן סוף פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז דאָס ג' וועט עקזיסטירן נישט מער ווי 40 טעג. עס שרייבט וועגן דעם רינגעלבלום און פאַרגלייכט עס מיטן ראָמאַן פון פראַנץ ווערפל וועגן דעם גורל פון די אַרמענער אין ערשטן וועלט־קריג. אויך אַנדערע אין דער צייט דערמאָנען ווערפלס ראָמאַן. (מ. טאָמ־קעוויטש). היטלער האָט געזאָגט, אַז נאָך די 40 טעג, וועט ער פאַר יעדן יידן אָפּהייבן דעם קאָפּעלוש. געווען זיכער, אַז קיין איין ייד וועט נישט בלייבן לעבן. (כ"י, ז' 222 ; בוך־פאָרם : פצצות ועכברים).

פּ. פּ. אָ. — פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. אונטער דעם נאָמען איז אין ווילנע געשאַפן געוואָרן די געהיימע יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, סוף 1941. (רוז'קה קורצ'ק, להבות באפר). „העי פּ. פּ. אָ. ! / מיר זענען דאָ !" (קאַטשער־גינסקי).

פּ. ק. ל. — פּרויען קאָנצענטראַציע־לאַגער, ל' בירקענאַו. (מאָשקאָוויטש, גלינאָוויעצק, ז' 266, 270).

פראָנט — „וואָס הערט זיך אויפן פראָנט ?" — איך ווייס נישט, ווייל כ'ווין אין דער אָפּיצינע. (טאָגבוך פון טשערניקאָוו, 23.2.42). צווײדייטיק. פראָנט : שלאַכט־פעלד ; פון פאָרנט, חזית.

פראַנקס ליניע — די מויערן אַרום וו"ג. (רינג', 13.5.40).

פראַנקענשטיין — זשאַנדאַר, געהיט די טויערן פון וו"ג. געווען ענלעך צום אַרטיסט אין פילם מיט דעם נאָמען. „דעם 18.5.42 איז אויף טשעפּלע דערשאָסן געוואָרן דורכן טרויעריק באַרימטן זשאַנדאַר פ' דער יידישער פּאָליציאַנט קלוטשניק און דריי יידישע שמוגלערס. ווי די יידישע פּאָליציאַנטן גיבן איבער, פאַלן פון פ' רוצחישע האַנט גאַנץ אָפט, יידישע קעפּ". (ר"א, נ"ר 1300, מאַי 1942). „מ'פלעגט וועגן פ' זאָגן, אַז ער קאָן נישט עסן דעם פרישטיק אָן בלוט־פאַר־

גיסונג פון יידן. ער איז דער בלוטיקער הונט". (י. עלבערג, אַ מעת־לעת אין מיין הויף, וו"ג, פעברואַר 1942; אונטער קופּערנע הימלען, ז' 190).

פּרויען־אָרדענונגס־דינסט — ראשי־תיבות: פאַ"ד, געשאַפן אין ל"ג 2.11.42. (לוח פון ל"ג, 1942). די אָפּטיילונג געציילט 70 מיידלעך, איז אויף ביבאָווס באַפעל אויפגעלייזט געוואָרן מערץ 1943. (כראַניק, ב' 1, ז' 527, 547, 558).

פּרוכט־טיי — מ'עט געבן פּ"ט". (ראָזענפאַרב, ב' 2, ז' 279; סעראַקאָוויאַק, טאָגבוך, 9.8.42). הערה פון אַרויסגעבער: די „טיי" איז געווען פון געטרוקנטע אויבסט. „פּרוקטאָווי טשיי". (ס' לוניץ, ז' 37).

פריהייט — „דייטשן געגעבן פּ' איבער די יידן צו די אוקראַינער — איז דאָס יידישע לעבן געוואָרן פריי". (בריוו, בראָד, 30.4.42; ס' בערעסטעטשקאָ, ז' 258). זע: יודענפריי.

פרייטיקדיקע — ראיתי ניצולי יום ששי, ואלה סיפרו אחר־מכן, נשים על בעליהן, וילדים על אביהן: הוא היה בין ה„יום־הששיים — וידעת הכל". (ביאַל"ג, חיקה גרוסמן, ז' 63). זע: דאָנערשטיקע, שבתדיקע אאַז"וו. אויך וו"ג געהאַט אַ „פרייטיק", דערשאָסן אַ 50 יידן, אַרויסגעשלעפּטע פון וווינונגען; קלאַנג, אַז דער פרייטיק וועט זיך איבערחזרן. (רינג' 12.5.42, כתבים 1, ז' 354). זע: בלוטיקער, נוסח, שחיטה.

פריינט מיט אַ ווייטן קוק — פאַרן גיין אין ג', קומען פּאָלאַקן צו יידן מ'זאָל זיי אָנטרויען דאָס פאַרמעגן. זיי וועלן עס שפּעטער אָפּגעבן. (רייזער, כ"י, ז' 95/6, ביאַליסטאָק).

פרייע זאָנע — נאָכן פאַלן פון פראַנקרייך, מאַי 1940, דייטשע זאָנע און פרייע (פראַנצויזישע). אויפן געביט פון אַנטי־יידן געזעצן, עקזיסטירן כמעט מער נישט קיין צוויי זאָנעס. (אונדזער וואָרט, 6.12.41; סאָלידאַריטעט, 1.4.42). זע: צווייטע זאָנע.

פרייער פאַרקויף פון קאַרטאָפל — פּלוצלינג, אין צייט פון הונגער, איז דאָס ג' אויפגערודערט געוואָרן, אַז אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס איז אַ פּ' פּ' ק'. „האַ, ווו איז דאָס?" — „פראַנטשישקאַנער 2". (ל"ג, אַבי 10). נומער 2 געלעגן מחוצן ג'.

פריץ — זי פאַרשטייט די פריצעס לשון. (ווײַנבערג, כ"י, ז' 58). האָפּערדיקע, דייטשע פריצן. (קאַטשערגינסקי, פּאַרטיזאַנער גייען, ז' 58, 101). פריץ — דייטש.

פרעבל־היים — קינדער־קאָלאָניע אין מאַרישין, אָנגעפירט פון לאָלאַ מאַרקעל, פרוי פון באַקאַנטן מאָלער. (ל"ג, שמאַי ראָזענבלום).

פרעזולוווקעס — געהיימע יוגנט־קרייזלעך אין גימנאַזיעס. ל"ג. (יאָסני, לאָדזש, ז' 328).

פרעסן — „פּ' אויף וואָס די וועלט שטייט". (ל"ג, הילער, 10.3.41). **פרעס־גנבים** — גנבענען דער עיקר עסן פון קוד, יונגע ייִנגלעך און מיידלעך. (ר"א, 1300, אָפּאָטשינסקי, מאַי 1942).

פרעס־שיחה, פרעסישע — רופן די יוגנטלעכע אַ מסיבה, מ'רעדט און מ'פאַרבייסט דערצו. (אַדלער, טערעזיענשטאָט, ווערטער־פאַרצייכעניס).

פּרקונקרוסט — אירגון המחתרתי אנטיסובייטי. חברי הפ' הכינו תוכנית השמדת היהודים. (ריגה, מ. לבשטיין: על קץ הקץ, 12/13).

צ

צאַלמייסטעריי — הויז פון אַרמיי־באַשפּייזונג־אָפּיצירן, צאַלמייסטערס. (שאַוול, שאַליט, ז' 153/4). אַרבעט־אָרט פאַר יידן.

צאַלניקעס — בלשון הגיטו: סוחרי הגדר, ספסרים, בגלל מומחיותם הגדולה בהברחת סחורות לגיטו. (בראַון־לוין, שער רביעי, ז' 56, כ"י). **צאַמניק**, ייד וואָס וואַגט צוצוגיין צום ג'־צוים און האַנדלען מיט אַריער פון אַנדערן זייט. (קאָוונע, קאַפּלאַן, ז' 33).

צאַפּ — פּויליש: cap. ווען דער קרבן האָט זיך מודה געווען ווו דאָס פאַרמעגן איז פאַרשטעקט, האָבן 2־3 **אָדע־מענער**, אין באַגלייטונג פון שעף, געלאָזט זיך נאָכן צאַפּ. אַזוי האָט מען גערופן אַזעלכע פאַרמעגנס. דאָס וואָרט אַריין אין פּוילישן מלחמה־ווערטער־אוצר פון יידישן ווין־געביט אין קראָקע. (ווייכערט, כ"י, ז' 143). „אויסגעפונען דעם צאַפּ". (דאָרט, בוכפאָרם, מלחמה, ז' 325, 353 אָ"א).

צאַק־צאַק — צונאָמען פון אַן עס־עס־מאַן אין טרעבלינקע 2, וואָס פלעגט קומען אין טרעבלינקע 1, נאָך מענטשן פאַר דער גאַז־קאַמער. (עדות, קראַוויעץ).

צאַרסקאָיע סיעלאָ — מאַרישין. דאָ וווינט רומקאָווסקי און די „שישקעס". (ראָזענפאַרב, ב' 2, ז' 374 ; ב' 3, ז' 131). „זומער־רעזידענץ פון רומקאָווסקין". (רינג', ז' 373).

צדיק — „אַ פּנים איז ער מער צ' פון אונדז, געשטאָרבן אין דער היים". (פּערל, פאַרלאָשענע, ז' 81). ווען איינער שטאַרבט אויפן נאָרמאַלן אופן, „אַ סימן אַז ער האָט אַ באַזונדערע זכיה ביי גאָט". (מעזריטש, פייגענבוים, פּאָדלאַשע, ז' 172 ; ס' באַראַנאָוויטש, ז' 546). „אמא היתה אשה צדקנית, היא מתה בבית על מיטתה". (רוזנסון, בשבילים, ז' 74). „צ' נפטר". (ס' גוזשדיק, ז' 145). זע מזל־טוב, קבר.

צוג — באַוווסטער 51־וואַגאָנען־צוג, מיט וועלכן די דייטשע תלינים האָבן געפירט דאָס גאַנצע איירָאָפּעישע יידנטום צו דער שחיטה. „געזען 10 מאָל דעם צ'. 48 לאַסט־וואַגאָנען, שטאַרק אָפּגענוצטע. אין יעדן וואַגאָן צוויי קליינע פענצטערלעך אין דער הייך, פוןביידע זייטן טיר. אויף די פענצטערלעך — קראַטעס. צוערשט די מאַשין, נאָך איר איין פערזאָן־וואַגאָן, דערנאָך די לאַסט־וואַגאָנען און צום סוף ווידער אַ פערזאָנען־וואַגאָן (פאַר דער באַוואַכונג). דאָס איז דער צ', וואָס אויסגעזידלט הונדערטער טויזנטער יידן. (קורץ, 19.10.42, כ"י, ז' 357).

צוגענגע — פריש אָנגעקומענע אין ל', אָפּיציעלער דייטשער אויסדרוק. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז' 62).

צוגענומענע — אַרויסגענומענע פון ג' אויף אומקום. (זעליקאָוויטש, אין יענע קאַשמאַרנע טעג, כ"י, 1.11.43).

צוג־שפּרינגער — „אויף מיין פראַגע: פאַרוואָס זענען געווען אַזוי ווינציק צ"ש, איז

דער ענטפער, אַז שולדיק איז דאָ די משפּחה־צוגעבונדקייט. מ׳האָט זיך גישט געוואָלט שיידן". (ביאַל"ג, 2.2.43). זע: שפּרינגער.

צו די אַלע פּיין — האָט מען נאָך געדאַרפט אויסזען מענטשלעך. (ס׳ קראַסניסטאַוו, זאַלצמאַן פעסי, כ"י, ז׳ 106). זע: סעלעקציע.

צוואָקאַרנאַ — טשעכיש: Cvokarna. מחלקת המשוגעים בצ׳כית: כינוי של לעג לגיטו טרזינשטאַט. (טרזינשטאַט, ז׳ 83; אַדלער, ווערטער־רשימה).

צווייאַרשקאַ — פּויליש: אַ פּערטל. „25 שמיץ אויפן נאַקעטן לייב". (ל׳ פּלאַשוווו).

צוויי הונדערט זיבן און פופציק — אַ געוויסן טאָג געבראַכט אין ל׳ לעגישאַ, פּיליע פון אוישוויץ, 200 יידן מיט נומערן, וואָס די ערשטע דריי ציפערן אויסגעברענטע אויף זייערע הענט זענען 257. דערפאַר גערופן זיי די צ׳ ה׳ ז׳ א׳ פּ׳. אין משך פון איין חודש געבליבן פון זיי פינף. (וואָלף לאַסמאַן, כ"י, ס׳ קאַליש, ז׳ 25/6).

צווייטע זאָנע — נישט באַזעצטער טייל פון פראַנקרייך. „איך בין אַוועק (פון פּאַריז) אין דער צ׳ ז׳. אין משך פון דער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ווילדעוועו אויך אין דער צ׳ ז׳, פּריער — פריי־געביט". (ס׳ קאַלושין, ז׳ 457, 459). זע: פרייע זאָנע.

צווייטע זייט — יענע זייט, אַרישע. (ר"א, 302). פּויליש: דרוגאַ סטראָנאַ.

צווייטער פּראָנט — „געטראַכט אין אוישוויץ, אַז אויב געעפנט דעם צווייטן פּראָנט, אולי ירחם". (א. שקלאַר, יו"ש, 2878/248).

צווישן חסידישע יידן — ברוך פּראַשקער, מקורב פון ר׳ חיים רומקאָווסקי, האָט איבער־געגומען דעם בית החיים. „המ... פּנחס׳ס מלאכה! — אַט ווי פּנחס ויעמוד בין ,החיים׳ ובין ,המתים׳". (ל"ג, אבי, 34).

צווישן יידישע שרייבער — וואָס שרייבסטו? — אַ פּאָעמע מיטן נאָמען „ברויט". און דו? — איך בין אַ בעקער. (אבי, 34).

צווישן פּליגן — „וואָס הערט זיך מכוח פּרנסה? — איך קום אין אַ ג׳־שטוב, טרעף אַ סך לאַנדסלייט, ס׳איז היימלעך, נאָר מיט עסן איז נישט געהויבן. גיי גריזשע ביינער. — און איך קום אין אינטעליגענטן־קוך, לעקן זיי, די צוויי־פּיסיקע, אַזוי אויס די טעלער, אַז זיי לאָזן קיין נאָס אָרט נישט איבער פאַר מיר. — און מכוח דירה? — איך ליג אין אַ צדקה־פּושקע, דאָרט קאָן איך מיר אויס־שלאָפן די ביינער. — און ווו וווינסטו? — איך ווין אין דער „אָפּיעקאַ ספּאָ־לעטשנאַ" און מען יאָגט און מען פּלאָגט מיט סקאַנדאַלן און קולות. נישט גוט, ברודערל, אין ג׳". (ל"ג, געטאָ־וויצן).

צווישן שישקעס — שמחת תורה האָט אַ גרופּע בצינעה געמאַכט קידוש איבער אַ גלעזל יי"ש, וואָס האָט טייער געקאָסט און באַשלאָסן קיינעם נישט דערציילן. אין גאַס טרעפן זיי צוויי באַקאַנטע, וועלכע דערקענען אין זייערע פּנימער אַז עס פלאַמט עפּעס. — הא, אתה קדשת, האָסט קידוש געמאַכט? — ניין, ס׳איז כל העדה, כולם קדושים. (ל"ג, געטאָ־וויצן, 1942). זע: שישקע.

צווישן תלמידי־חכמים — איינער וואָס האַלט אין מיטן אַ קאַווע טרינקען, טרעפט אַ צווייטן ביי אַ נאַש פון זיין ראַציע. — האַ ווי שטייט דאָרט, ויקהל, איך מאַך אַ שהכל, אָבער דו טוסט דאָך עפּעס גאָר לאַבוזעוואַטע. — ניין, איך מאַך ווי ס׳מאַכט דער תרגום אויף ויקהל: וכנש (איך נאַש). (ל"ג, 1942).

צוגאָב — .B.W.K, צוגאָב־באַשפּייזונג פאַר אַרבעטנדיקע מיט דער ב.וו.ק.: ברויט, ווורשט, קאַווע־קאַרטן.

צוזאַץ — צוגאָב־זופּ... „אין טישלער־רעסאָרט. אַ וואַכמײַסטער פון קריפּאָ קאָן זיך דער־לויבן צו האָבן 2 צוזאַצן" (אַ חוץ זײַן אייגן ווייב). (ל״ג, הילער, 29.1.44).

צוטיילונגען — קאַרטן מיט די אותיות C P (פּויליש: שווער־אַרבעטנדיקע), שפּײַז־צוטייל־לונגען פאַר מיסט־פירער, פּעקאַליסטן, פּרעסער און גאַרבער, הויך־קוואַליפי־צירטע און די א״ג שווער־ און לאַנג־אַרבעטער; בעסטע קאַטעגאָריע. (ל״ג, טרונק, כ״י, ק׳ 3, ז׳ 9). זע: טאַלאָן.

צוטראָגער — דייטש: Zubringer. נידעריקסטע קאַטעגאָריע פון מוסרים, גערופן אויך פּערטראַונגסמאַן — V M. (לאָדזש, טשענסטאָכאָוו א״א).

צויזמיר — 1. אין יודענשטאַט (זע) צ׳ געווען אַ האַלב־משוגענער חמיה גרינטוך. בעת אַן אויסזידלונג, האָט אים אַן עס־עס־מאַן צוגערופן און געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין פּאַלעסטינאַ. דערויף האָט אים גרינטוך געענטפערט: „יאָ, מיר פאָרן קיין טרעבלינקאַ. אָבער דאָס מאַכט ניקס, דען הויטע פאָרען וויר, מאָרגען — איר", און אַריינגעשפּרונגען אין וואַגאָן. (ש. ראָטענבערג). 2. שטאָט צ׳ געזאָגט „לויז־מיך".

צוין־קאָמאַנדאָ — באַשעפטיקט אין טרעבלינקע ביים מאַכן דעם פּלויט אַרום דעם ל׳, כדי פון דרויסן זאָל מען נישט קאָנען זען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. (קזשע־פּיצקי, פּ״ג 9, ה׳ 2־1, ז׳ 121).

צולאָגע — צוגאָב, נאָך אַ ביסל עסן; אַ לעפל זופּ. (ל״ג א״א).

צום טייך — ג׳ נומער צוויי. פאַר נישט נוצלעכע, נישט באַקומען קיין שיינען (זע). זקנים, ווייבער, קינדער. געפינט זיך אויפן וועג צום טייך, דערפון דער נאָמען. געטאָ נומ׳ 2 ווערט פריער ליקווידירט. (ס׳ ראַדזשיווילאָוו, ז׳ 235, 334, 355).

צונג — 1. „גיט צ׳", גיט איבער אַ סוד. 2. וואָרענונג, אַז אַ דייטש גייט. (צען פון פאַוו־יאַק, כ״י, טרעבלינקע, סטראַוטשינסקי). זע: צינק.

צונעמען — „אין דער לעצטער אַקציע צוגענומען 8 טויזנט יידן"; אומגעבראַכט. (דער אויפברויז, 22.6.42).

צוקערמאַן און ברויטמאַן — „קומען נישט אַריין אין שטוב". געוויינלעכער אופן פון שרייבן אין יענער צייט, צוליב דער צענזור.

צורע־געמיזע — נאָך דער אַרבעט באַקומט מען אַ שניטעלע ברויט פון 8 דעקאָ, וואַסער־זופּ פון צ״ג. די צ״ג (אַזאַ מין מאכל פון קראָפּיווע און קרייטעכץ) איז גע־ווען זאַמדיק, שאַרף און אין אַלע לאַגערן זענען פון איר טויזנטער מענטשן קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. (באַליצקי, כ״י, ז׳ 67). סודעטן־ל׳.

צורעכט־מאַכן די דראָטן — אַרויסגיין פון ג׳ אין וואַלד דורך דעם דרייפאַכיקן פאַרקאָן פון שטעכלדראָט. קודם צענעמען זיי, מ׳זאָל קאָנען אַדורכגיין, דערנאָך פאַריכט מען, ס׳זאָל נישט בלייבן קיין סימן. (ענגעלשטערן, אין געטאָ לידע, ז׳ 91/5).

צורר הגדול — היטלער.

צושרייבן — עמעצן צו אַ שיין (זע). „עס איז געקומען די סעריע ,שרייבעניש׳, איז אַנט־שטאַנען אַ פראַגע: ווער וועמען זאָל צושרייבן? טאַטעס — אַלס מענער; טעכ־טער, שוועסטער — ווערן ווייבער; ברידער — מענער. אַ קאַקאָפאָניע פון

,שרייבענישן׳, ,צושרייבן׳, ,אָפּשרייבן׳, ׳איבערשרייבן׳. אַפילו די ג׳־מאַכט פּלעגט פאַרן. אַ ייִד מיט אַ שיין דאַרף האָבן אַ ווייב. אַ ווייב מיט אַ שיין דאַרף באַקו־מען אַ מאַן. אַ שיין איז אַ שרץ פאַר פאַמיליע״. (וויל״ג קרוק, כ״י, 1943).

ציבולנאַנקע פון רעטעך — ,,מ׳צערייבט אַ רעטעך, מ׳שמירט אויס די פרעגל־פאַן מיט אַ ביסל אייל, מ׳טוט אַריין אין דעם רעטעך און מען דעמפט״. (ל״ג, גלובע).

ציגל — ברויט, פּירקאַנטיק און הארט. (קאַפּלאַן, ז׳ 22).

ציגיינער — צ׳ ווערן איינגעזידלט אין וו״ג. ,,ליצני הדור מספרים, שביחוד נהרו פני הפולנים בני דת משה למראה הצוענים; מעתה יחדלו להתבולל עם היהודים שנואי נפשם וישובו להתבולל עם גויים מחמדי נפשם. סוף סוף אף הצוענים בכלל גויים המה. ופרנסתם מאין תמצא? הגברים יסחרו בסוסים. והנשים — בהגדת עתידות, כלומר: מלאכתם מקדמת דנא, והעיקר, יסייעו ליהודים במלאכת ההברחה״. (וו״ג, קפלן, כ״י, 18.6.42). צ׳ — ווייסע אָרעמבענדער מיט אַ רויטן Z, ד״ה ציגיינער, אָדער ווי יידן זאָגן: זלאָדזשעיע (גנבים), (ר״א, 22.5.42). אַריינגעזעצט אין קליינעם צ׳־ג׳. (שעדלעץ). די צ׳ היטן אונדז אַזוי גוט, ווי די דייטשן. (ישראל קראַוויעץ, דער גיהנום, ז׳ 162). די צ׳ אומגעקומען דערנאָך אין אוישוויץ, אָבער צוליב ריינקייט פון דער ראַסע, נישט געמישט מיט יידן.

ציוכעס — אַלטע מלבושים, וואָס ווערן געשמוגלט פון ג׳ אויף דער אַרישער זייט צום פאַרקויפן. ,,גייען מיינע חברים ציוכעס״. (ליד ,,אויסזידלונג״, קעלץ, 20.4.42, יו״ש 482/124, מינכענער זאַמלונג). זע: טשוכעס, שאַבער.

ציון־לענטע — בינדע מיטן מגן־דוד. (ר״א, כ״י, 6.6.42).

צייל־אַפּעל — דייטש: Zählappell (ס׳ זשעטל, ז׳ 359/365; ה. פריוועס, אין רויך, ז׳ 183, 172). זע אַפּעל.

ציילונג — ליטווישע פאָליציי זענען ווילד געלאָפן צווישן די יידישע הייזלעך, געטריבן יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ צו אַ צ׳. ציילן יידן איז אין אַלע געטאָס אַן אָפּטע דערשיינונג. אין די קלענערע שטעטלעך — אויפן מאַרק־פּלאַץ, ווי בהמות. די געסטאַפּאָ האָט אַן אויג געהאַלטן, צי יידן ווערן נישט ערגעץ בעלם. (רייזער, כ״י, 82).

צינגל — צ׳ ביי דער וואָג. סינאָנים פון פאַלש געוויכט און פאַלשע מאָס. (ל״ג, ג״ענצ).

צינק — געשטאַנען אויף צ׳. (רייך, אין וואַלד, ז׳ 94). דייטש: האָטע געצינקט. (קאַגאַן, דער ס״ס־שטאַאַט, ז׳ 354). מען האָט געגעבן צ׳ און ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 323). זע: צונג.

צינקער — שפּיצעל, מוסר אין ל׳. (,,וואָלני לודזיע״, נר׳ 14, 1949, פּויליש).

ציען — 1. מאַכן אַ ויברח פון ל׳, טראַנספּאָרט. געצויגענע, אַנטלאָפענע. (רייזער, ז׳ 127, גראָדנער ג׳). 2. ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, אַז מיר וועלן אַזוי לאַנג צ׳? עס ווילט זיך צ׳ און אַריבערציען. (קאָוונער ג׳, 18.6.42, יעלין, ז׳ 184).

ציער — ,,על גבי החומה יושב לו בחור צעיר, בלשון המבריחים יש לו כינוי משלו — צ׳. המניף, הוא המומחה להברחה בדרך החומה, מצבו הוא מסוכן ביותר, תפקידו להניף ולהעביר את הסחורה מן הצד הארי לצד היהודי״. (ר. אורבך, בחוצות וארשה, ז׳ 36).

ציפּער — פּוילישער פּאָליציאַנט. (וואַרשע, קורץ, כ״י, 178). „זיי האָבן געציפּערט ביי ייִדן. יעדער ייִד וואָס האָט זיך מיט עפּעס באַשעפטיקט, האָט געמוזט אויס־האַלטן עטלעכע ציפּערס. „ציפערס, הנוגשים האלה קיבלו את הכסף (כופר נפש) מהיהודיה הארורה והובילו אחרי זה אל המשטרה הגרמנית״. (דוד פלינקר, ורשה, ז׳ 229).

ציפּערבלאַט — פּנים. (דיאַדיאַ מישאַ, ייִדישע פּאַרטיזאַנערין, ז׳ 25). „האָט עמעץ געהאַט אַ גוטן צ׳, אַ פּנים מיט אַ נישט סעמיטישן אויסזען, האָט ער אָנגעהויבן קלערן וועגן אַריבערקומען אויף דער אַרישער זייט״. (ווייסבראָד, סקאַלאַט, ז׳ 75).

ציצות — אין ראַדעם האָט מען געפּאַדערט ביי הרב קעסטענבערג אַ ליסטע פון קאָמו־ניסטן. מ׳האָט דערקלערט, אַז די אַלע וואָס טראָגן נישט קיין צ׳, זענען קאָמו־ניסטן. האָט מען אין ג׳ אַרעסטירט צוויי שמוגלערס: אַ ייִד און אַ קריסט. (וו״ג, ר״א).

ציקלאָן — „ציקלאָן ב׳ הגאז הממית״. (סיני אדלר, בגיא צלמות, ז׳ 30).

צנועה — קאָמפּרעס (זע) אונטער דער בלוזע. (קאַפּלאַן, ז׳ 32).

צעבראַ — „צ׳־קלייד לאָזט זי אין שאָף און מיר בלייבן אַלע פּאַף״. (ליד, ריגע, נר׳ 105, מ. ז.). זע: זשעבראַ.

צעטלען — סוף אויגוסט 1942, גיט מען גרינע צ׳, נומערירטע, די אַרבעטער אין די שאָפּן (זע). מיט די גרינע איז מען געווען מער זיכערער. איינער פרעגט דעם אַנדערן: ווי זעסטו אויס, געל צי גרין? נישטאָ קיין אונטערשייד,ביידע זענען אויס שוואַרץ. (אַלבערט, וו״ג, ז׳ 221, 277). שיכט־צעטל — אויפפאָדערונג צו אַרבעט אין אַ שיכט. זע: שיכטלייטער. ערב פסח תש״ב מוזן אַלע מענער פון 14—60 צושטעלן זיך צום אַרבעט־אַמט אין באַרשטשיוו, כדי צו באַקומען באַשטעטיקונגען, אַז מען איז באַשעפטיקט אויף אַן אַרטיקן אַרבעט־פּלאַץ און דער אַרבעטגעבער נייטיקט זיך אין אים. דער פּרייז פון די צ׳ געווען אַ העכע־רער, ווען דער אַרבעטגעבער איז אַ דײַטשע דינסטשטעלע. אַ דאַנק גוטע אַרבעט־צ׳ אַ טייל באַפרייט. דער גרעסטער טייל אָבער אָפּגעפאָרן מיט דער באַן אין ל׳. (ס׳ סקאַלאַ, ז׳ 81).

צעטלעך צום לעבן — (וויל״ג, ירושלמי, ז׳ 54). זע: שיינען.

צעלאָזטער (ביירעט) — דער עולם זאָגט נביאות, אַז די נעקסטע ראַציע וועט זיין 30 דעקאַ פליש און 5 קילאָ שמאַלץ. מענטשן דערציילן, זיי אַליין געזען אַ מודעה, אונטערגעשריבן דורך דער ג״פ וועגן דער ראַציע. די וויצלערס דאָס מסביר געווען: די באַפעלקערונג וועט באַקומען שמאַלץ פונעם „צעלאָזטן״ ביירעט. אַנדערע זיך געוויצלט, אַז מ׳וועט אויך באַקומען אַ ראַציע גריוון פונעם צ׳ ב׳. (ראָזענשטיין ש., נאָטיץ־בוך, באָוו׳ 1943, מ. ז.).

צעל־אַפּעל — זע: צייל־אַפּעל.

צען געבאָטע — אין קאַפּיטשעניץ טרעפט אַן עס־עס־מאַן דעם שטאָט־משוגענעם און פרעגט אים: וואָס גיבט נייעס, יודע? — דערויף דער משוגענער: די צען געבאָטע — און ווערט דערשאָסן. (ג. שטאָק).

צענטראַלע תפיסה — אויף טשאַרניעצקיעגאָ־גאַס אין ל״ג, געשאַפן 18.12.40.

צענערל — פאַרן צ׳ וועל איך קויפן ברויט, אַ גענדזל, צונעמען וועלן זיי דאָס ביי מיר — אַ מכה! — יאָ, די צענערלעך וועלן זיי טאַקע ביי אונדז נישט צונעמען, אָבער זיי וועלן אונדז צונעמען פון די צענערלעך. (ווילנע, 1939). צ׳ — גאָלדענע צען רובל פון ניקאָלייס צייטן. (באַלבערישסקי, ז׳ 67, כ״י).

צעפּ — אַרומגערינגלט פון דייטשן. דאָך איז אונדז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון צ׳. (ס׳ זשעטל, ז׳ 383). רייסן דעם צ׳. (דאָרט, ז׳ 404).

צעפּע — ראַציע: פּושקע פלייש, צומייסט געגעבן ווייסע לעבער־ווורשט. (ל״ג, שלום גאָטליב). זע: צוטיילונגען, ראַציע.

צעריסענע שיך — ליטווישע יידן פרעגן די פּראַגע „פאַרוואָס די צעניזוקטע דייטשלאַנד קאַפּיטולירט נישט?" פאַרענטפערן: „דער צ״ש; אַ שיך דאַרף מען שוינען, ביז ער צערייסט זיך. צערייסט ער זיך — איז טראָג און טראָג". (קאַפּלאַן, ז׳ 55).

צרות — פאַר צרות שטאַרבט מען נישט, פאַר פרייד לעבט מען נישט. (ש. מ. שמידט, כ״י, ז׳ 237). יעדע צ׳ ווערט ביי אונדז פרי אַלט. איין אומגליק יאָגט דעם אַנדערן, איינער גרעסער פון פריערדיקן. לעצטע צרות מאַכן פאַרגעסן די פריער־דיקע. (ביאַל״ג, צו דער געשיכטע). **צרות רבים — חצי צרה.** שטאָט חצי נחמה. (קאַנקורס, מס׳ 32).

צ. ש. צוקונפט־שטורם — בונדישע אָרגאַניזאַציע אין וו״ג. (פּראָטאָקאָל־בוך, 3.4.41, אונדזער צייט, אַפּריל 1958, ז׳ 3).

ק

קאָאָפּעראַטיוו — תושבי הגיטו קיבלו את מנות המזון ע״י החנויות הקואופרטיביות („הקואופרטיבים״). (שאָול, ירושלמי, כ״י, ז׳ 78). „ק. ב.״ (בייראַט) פאַר פּריוווילעגירטע. (ל״ג, כראָניק 6.3.41 א״א).

קאַבור — בייטל פאַרן רעוואָלווער. (קאַטשערגינסקי, פּאַרטיזאַנער, ז׳ 102). **קאַבאָרס** — פאַר קעשענע־געווער. (ס׳ זשעטל, 420). אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט פון ק׳. (זילבערשטיין, ז׳ 196).

קאַבע — קראַנקענבאַו (KB), ל״־שפּיטאָל. זע: רעוויר.

קאַגאַנס זעמל — „אָנגעפּרעסענע בעלי־גופים פרעגן אין געוועלב: צי איז פאַראַן ק״ז? אָדער זענען זיי חלילה נעכטיקע זעמל? און זעען צו, ווי אַנדערע קינדער שטאַרבן פון נויט און קעלט״. (פון אַ רעדע פון הרב יצחק ק״ץ, 1.1.42, ר״א, 251).

קאַגעל — אַ קאָפּע אין די אברי המין. געווען דייטשע ספּעציאַליסטן אויף דעם אין ל׳ פּלאַשוו.

קאַדעט — ייד אויף דער אַרישער זייט. (גרינבאַום דיאַנאַ).

קאַדישניק — אַ ייד וואָס זאָגט קדיש נאָך דער קבורה פון טויטע אין ל׳ קאַמפּינאָס, רופט אים דערפאַר דער שעף פון ל׳. דער נאָמען איז אים געבליבן ביזן אויפלעזן דעם ל׳. (ר״א, הובערבאַנד, כ״י, ל׳ קאַמפּינאָס).

קאַוואַליר — היטלער.

קוואַלטות — מיטות בעלות קומות אחדות. (טריזנשטאַט, ז׳ 162).

קאַוואַלעק — פּויליש: שטיקל, 1,000 זלאָטיס, וואַרשע.

קאַווע — ק׳־לאַטקעס, טייג צוגעגרייט ענלעך ווי צו אַ באַבקע (זע), געבראָטן אויף אַ בראָטפּאַן, באַשמירט מיט עפּעס פעטס, אייל אָדער גאָר טרוקענע. דאַן געבאַקן אויף גאָר אַ קליינעם פייער. נאָך דער אויסזידלונג, כמעט אין יעדן הויז געפונען אַזעלכע נישט דערעסענע ק״ל. (כ״י, ל״ג). ק׳־מיסטונג — צימעס פון אַ ק׳־מיסטונג; געברענטער גערשטן מיט פלעווער. דאָס מיסט האָט יעדער קאָפּ (פון אַ משפחה) באַקומען אַ ⅓ ק״ג אויף 15 טעג. (בריקס, אַ קאַץ, דער טאָג, 26.10.1949).

קאַווע־ערזאַץ — געגעסן רויערהייט, אָדער צוגעגרייט שפּייזן דערפון. ווייבער האָבן ממש באַוויזן וווּנדער. פון ק״ע האָבן זיי געמאַכט טאָרטן, צוגעגעבן קאַרטאָפל זיי זאָלן זיך נישט צעפאַלן, אַ ביסל סאַכאַרין, זיי זאָלן זיין זיס. (רודניצקי, גאָלדענע פענצטער, ז׳ 155, פּויליש).

קאַווע־פּונקטן — אַנטשטאַנען אין ל״ג, 18.11.1941. אַרויסגעגעבן געקאָכטע קאַווע, 5 פעניג אַ ליטער. (באַקאַנטמאַכונג פון רומקאָווסקין נר׳ 335, 337).

קאַווע־קאַטלעטן — ל״ג, שמאַי ראָזענבלום. געמאַכט ענלעך ווי לאַטקעס.

קאַווקאַז — טייל פון ג׳ שאַוול. „הוא נקרא כך על שנמצא על הגבעה; שלא הספיק המקום, הוסיפו עוד סימטאות אחדות. הפרור הזה נקרא טראָקי, שני הפרורים היו מובדלים האחד מהשני ע״י רחובות. (ירושלמי, חורבן צפון ליטא, כ״י). קאַווקאַזער ג׳; ג׳ טרוקי. (פנקס שבלי, ז׳ 36).

קאַזאַקן — 1. גרופּע יידן וואָס באַהאַלטן זיך אויס ביי דער משפחה קאָזאַק, אין וואָליע. פון זיי גייען איבער אַ סך צו פּאַרטיזאַנער. (ס׳ מאַרקושעוו, ז׳ 174, 210). 2. אין אינטערנירונג־ל׳ ריטשע (אונגאַרן), יידן פון קאַרפּאַטרוס, גערעדט צווישן זיך מאַמע־לשון. מיטן אויסערלעכן אויסזען זיך אויך אונטערשיידט. דריי פּערטלדיקע קאַפּאָטעס, פּאַרפּעצטע, שוואַרצע קאַפּעלושן, מיט גאָר ברייטע קאַניעס, ראַנד אַרום הוט. די הענט אַריינגעשטעקט אין אַרבל, מיט אַ שטריק וואָס האָט געדינט ווי אַ גאַרטל. שטענדיק הונגעריק. (פישמאַן, זכרו־נות, ז׳ 96; ב.ק. 1129).

קאַזמינעק — דעם קליינעם ישוב נעבן קאַליש, האָבן דייטשן געגעבן אַ נייעם נאָמען: באַרנהאַגען; די יידן — קאָפּענהאַגען. (ס׳ קאַליש, ב׳ 1, ז׳ 474).

קאַזע — 1. ביים יודענראַט געווען אַ ק׳ אויף צו פאַרהאַלטן שולדיקע יידן. „אַ ק׳ אין הויז פון יודענראַט״. (ס׳ סקרניביץ, ז׳ 449; ס׳ כמיעלניק, ז׳ 827; ס׳ באָרשטשיוו, ז׳ 185; פייגענבוים, אַ ק׳ צום אַרעסטירן ווידערשפּעניקע שטייער־צאָלערס, ז׳ 283; ס׳ קראָשניק, 414; ס׳ זאַמאָשטש, 952). אין וו״ג אויף נאָוואָליפּיע, אין הויז פון שולצס ביוראָ, אונטערן אויפזיכט פון דייטשע ווערמאַכט־זעלנער. (ק. פרישמאַן, לעצטע נייעס, 19.4.52). י. צודיקער, „אין די נעגל פון טויט״, ברענגט אַ פאָטאָ: אַ נאַקעט קינד גייט אַריין אין אַ היל־צערנעם באַראַק. אונטערשריפט: „אַריינטרייבנדיק אין דער סטאָקער ק׳, בכדי פאַרגאַזט צו ווערן (?) בעת איינער פון די פיל באַרימטע אַקציעס״. 2. אַ בלעכן אייוועלע אויף צו הייצן אין אים מיט היבלעס. (יו״ש, עדות, 3082/287, ז׳ 12, פויליש).

קאַזערנירונג — „דאָס וואָרט ק׳ איז געגאַנגען פון מויל צו מויל: אַז מ׳גייט צעפּיצ־לען אונדזער ג׳ אויף קליינע לאַגערן. צו פיל יידן אויף איין אָרט, מ׳דאַרף אונדז פאַנאַנדערוואַרפן״. (פּרץ, דעם לעבן, ז׳ 47). „פאַרטריבן ווערן היגטער ענגערע דראָטן. מיט איינמאָל האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אין אָנבליק פון דער נייער סכנה, ווי ,גוט׳ ס׳איז געווען אין ג׳, ווי געאָרדנט דאָס לעבן איז דאָ, ווי באַקוועם, היימיש״. (שאַוול, שאַליט, ז׳ 262). איינקאַזערנירן ווי אין ריגע, 28.7.1943. (פנקס שבלי, 257). אין פוילן באַנוצט קאָשאַרירט (זע). „קאַ־זאַרנירט געוואָרן״ אין מינסקער ג׳. (ש. טאַובע, אומפאַרגעסלעכע, ז׳ 78). „קאַזאַרמירט 4,000 יידן אין טשענסטאָכאָוו״. (ווייכערט, מלחמה, ז׳ 258). זע: קאַסאַנירט.

קאַזשעניצער רבי — דער ק״ר געפרעגט, צי אין האָלאַנד זענען דאָ יידן? — האָט מען אים געענטפערט, אַז יאָ — און אין דענמאַרק, פראַנקרייך, נאָרוועגיע? — אויך. — אויב אַזוי, איז ער דאָך (דער דייטש) אין פלען ביי די יידן. (וו״ג, איבערגעגעבן אַנטעק; פרגל׳ רינג׳, 26.4.1940). דער ק״ר צעבראָכן

יענע וואָך אַ קרוג, געזאָגט „אויס קריג!" דער עולם עס אויפגעכאַפּט און דערקלערט וואָפנשטילשטאַנד. (רינג׳, 1940).

קאַטע, קאַטי — פּויליש: קאַץ, קעץ. 1. יידן אויף דער אַרישער זייט. דער נאָמען זאָל שטאַמען דערפון: א) ווייל יעדער פון די „קעץ" דערציילט כסדר וואָס ער האָט אַמאָל פאַרמאָגט. אויף פּויליש קלינגט עס „מיאַל, מיאַל, מיאַל", ווי מיאַו, מיאַו, מיאַו. (טאַמקעוויטש, כ״י, ז׳ 78). ב) ווייל יידן שפּרינגען פון איין אָרט אויפן צווייטן ווי קעץ. (די צען פון פּאַוויאַק, כ״י. ג) ווען דייטשן זאָלן קומען, וואָלטן זיי מיך געכאַפּט ווי אַ קאַץ. (רודניצקי, שעקספּיר, ז׳ 66, פּויליש).
2. אין בירקענאַו, יידישע פרויען פון אונגאַרן, צוליב זייער עקלהאַפטן, פּחדנותדיק פּישטשען, וואָס עקבערט אין די אויערן. (קריסטינאַ יוסטאַ, באַגנאַ אי קאַמיעניע, פּויליש, ז׳ 199).
3. אין וואַרשע שמוגלערס וואָס שמוגלען איבער די מויערן, „גוראָן" (פון אויבן). 4. אין אוישוויץ — אַרישער קאַפּאָ. (קאַפּלאַן, 48).

קאַטין־שאָם — „דערלאַנג לעווינען אַ ק״ש אין קאָפּ". (23.9.43, דוואָרזשעצקי, ווילנע, ז׳ 484). אַ שאָס פון הינטן. דייטש: **געניק־שאָם**.

קאַטלעט(ן) — מ׳מאַכט ק׳ פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ מיט קאַווע, גוט צעהאַקט, אַריינגעטון אַ ביסל זאַלץ און אָוועקגעשטעלט פּרעגלען. די ק׳ נישט געקאָנט אַראָפּשלונגען. (ל״ג, ס׳ זעלווע, ז׳ 203). געמאַכט פון בריקעוו. (ל״ג, רודניצקי, גאָלדענע פּענצטער, ז׳ 165, פּויליש).

קאַטערינקע — זע: פּאַטעלגי.

קאַטש פון פרעזעס — איינציקע בריטשקע אין ג׳ מיט איין פערד, פאַר רומקאָווסקין. (ל״ג).

קאַטשקע — 1. פאַלשער אויסווייז, לוואָוו, פאַלשע ידיעה, ל״ג. 2. הילצערנע פּאַנטאָפל, ווייל דער שפּיץ פון שיך ענלעך צו אַן עק פון אַ ק׳. (ל׳ קאַופערינג, פּרץ, דעם גורל, ז׳ 99).

קאַיאַ(ץ) — פּריטשע, ל׳ בוכענוואַלד. אַ פינצטערער בלאָק, זעט אויס ווי אַ הינערשטעלכל וואָס הייסט ק׳. (דאָקומענטן וועגן די פאַרברעכנס, פּויליש, ז׳ 96). ביי אונגאַרישע יידן האָט כמעט אַלץ וואָס שייך עסן, געהייסן ק׳. (קאַפּלאַן, ז׳ 22).

קאַיאַקעס — „פּאַנטאָפל פון בלויז האָלץ, פלעגן אַראָפּפאַלן פון די פיס, ווייל מ׳האָט זיי נישט געקאָנט צובינדן. די פיס זענען אין זיי אַרומגעשווומען. (טשענסטאָכאָוו, אָרענשטיין, ז׳ 222).

קאַיבאַזש — „אויף אונדזער לשון (פּאַרטיזאַנער), אַ צעלט אויסגעפלאָכטן פון סאָסנעאָדער בערעזע־צווייגלעך, באַדעקט מיט אַ גראָבער שיכט היי אָדער מאָך. (דיאַדיאַ מישאַ, יידישע, ז׳ 133, 122).

קאָכער — 1. ל׳ דרעווניצאַ. אַ יידישער ק׳ און אַ יידישער **טייַלער**. (ר״א, 4.41,388).
2. „לפּרובלימה אחת חשובה מצאו פתרון בגיטו: המציאו ק׳ חשמלי, שאתו אפשר היה להרתיח מים. עשו את זה ממה שנפל ליד: מזלגות, כפות, מוט ברזל. את האיזאָלאַציאָן היו עושים מחתיחת עץ וזה היה מרתיח מים במהי־

רות עצומה. אח"כ התחילו לבנות מכונות קטנות חשמליות, פלאטה". (ג' קאָוונע, א. לוריאַ, כ"י, ז' 189/90. ב.ק.).

קאַלאַטושע — מאכל: „אויף אָפּגעקאָכט וואַסער שיט מען מעל, ביז ס'ווערט אַ שיטערע קאַשע". (זייטשיק, ז' 28). מין מרק שנקרא ק' בשפת רוסיה הלבנה. (ס' לבנין, ז' 73).

קאַלאַניאַלקע — „דורכשניטלעכע ראַציע (זע). ק' איז נישט געווען אַזוי (!) שלעכט. אויף 2 וואָכן: 25 דק"ג מעל, 25 דק"ג ראָגן-פּלאָקן, 45 צוקער, סאַלאַטקע 1 טעפּל, הערינג-סאַלאַט 1 לעפל, צוויבן-מעל; אַ צעטל — אַ גרויסער, אָבער אויסמאַרקירן אַז דאָס זאָל לאַנגען אויף 2 וואָכן, איז נישט לייכט". (ל"ג, גלבוע, כ"י). „קיין שום קאָלאָניאַלע פּראָדוקטן איז נישטאָ, נאָר 30 דק"ג קאָרן-מעל". (ל"ג, 9.8.1942; סיעראַקאָוויאַק ש', ביולעטין ייה"א, 1959, נר' 30, ז' 127, פּויליש).

קאַלאָנע — מיר פלעגן אַרויסגיין אינדערפרי אין געשלאָסענע קאָלאָנעס צו אַרבעט און צוריק אין ג'. (זאַוויערציע, ז' 29), אין באַגלייטונג פון אַ קאָנוואָי. די ק' מוז זיך האַלטן אונטערוועגנס אין אָרדענונג-מעסיקע רייען. (שאָוול, ירושלמי, כ"י, ז' 50, 141); יעדע איינהייט מוז האָבן אַ בריגאַדיר. אויף דייטש: קאָ-לאָנען-פירער. ער טראָגט אַן אָרעמבאַנד מיטן אויפשריפט ק'-פ' און אַ נומער מיטן שטעמפּל פון אַרבעט-שטעלע. (ווילנע, מאַשאַ, כ"י, ז' 36). אַרבעט-קאָ-לאָנע. (ס' ברנוביץ, ז' 582). איך ווער אַ קאָלאָנע-פירער. (ס' אָסטראָוויעץ, ז' 338). געטריבן אונדז קאָלאָנעווייז; פון יעדער ק' געפאַלן אויפן וועג. יידישע מיליץ און אַ יידישער ק'-שעף. (ס' חוטין, ז' 205 א"א).
וועגן ק' פאַראַן פאַרשיידענע לידער: חיטין, „ווען עס קומט אָן דער פרי-מאָרגן"; שאָוול, „ניט אייער מזל" (1942); „עס קומען קאָלאָנעס אין ג' פאַרנאַכט" א"א. זע: קאַלומנע.

קאַלאַש — טאָג-טעגלעכער פּאָליטישער ביולעטין פון שטאַב פּ.פּ.אָ. אַ דאַנק דער פאַר-בינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט. (זשעניע בערקאָן, ייוואָ-בלעטער, 1947, ב"ר 30, 2, ז' 205).

קאַלבאַס — פצצות בצורת צינור ובו מנגנון עם גפרית. כוח ההרס שלו היה גדול. (כרמי, מן הדליקה ההיא, ז' 101).

קאַלבעווען — „זיי האָבן אָנגעהויבן ק', שלאָגן מיט די קאָלבעס פון ביקסן". (ל' דרעווו-ניצאַ, 4.1941; ר"א, ב"ר 388).

קאַלומנאַ(ע) — זע: קאָלאָנע. יאַנעוואר ל', ליד, פּויליש: „מ'וועט דיך אַרויסציען פון דער ק'", ד.ה. — אויף טויט.

קאַלומנאַ סאַניטאַרנאַ — פּויליש. וו"ג. יידיש: קאָלומנע-שפּריצערס. אין אַ הויז, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַן אַנשטעקנדיקע קראַנקייט, אַדורכגעפירט די דעזינפעקציע אַ ק"ס. „אויפן הויז אַרויפגעלייגט אַ בלאָקאַדע, נישט געטאָרט אַריינגיין, נישט אַרויס. צו דער ק"ס געהערט יידישע פּאָליציי, דייטשע סאַניטאַרן און אַן אַמטס-דאָקטער, אַ דאָקטער פון יידישן געזונטהייטס-אָפּטייל, פּוילישע קאָלומנע-אַנגעהעריקע (קאָלומביאַזשע). מיט אַ געשריי ווערן די איינוווינער אָפּגעפירט אין שטאָט-באָד אויף דעזינפעקציע. אויך די זאַכן ווערן מיטגענו-

מען. פאַר די יידן איז דאָס געווען אַ גרויסע פּלאָג און נישט איינער איז פון דער אַקציע געשטאָרבן. (ר״א, 268). זע: פּאַרוווקי. די וווינונג איז גענאַזעוועט מיט שאַרקע, געהייסן גאַז־קאַמער. „מ׳האָט געשפּריצט די שטוב, געגאַזעוועט די זאַכן״. מאַכן אַ „גאַזאָווניע״, „שפּריצאָווניע״. (קאָרנפעלד, כ״י).

קאַלט־מאַכן — הרגענען, דערשיסן. (וו״ג, ר״א, ב״ר 490). „ווען געהרגעטע נאָך יעדער שחיטה, פלעגט מען רעדן כמעט ווי גלייכגילטיק: וויפל האָט מען היינט ק׳ געמאַכט? וויפל האָט מען ווידער גערעדלט; וויפל געוועלגערט?״ (ס׳ מעזריטש, פל״ח, ב״ר 6).

קאַלט־פיבער — ביז 38°. מיט אַזאַ פיבער נישט אָנגענומען אין שפּיטאָל, רעוויר. „פון וואַנען זאָל איך זיי נעמען הייסן פיבער?״ (י. וויינבערגער, כ״י, ז׳ 77, יו״ש). ל׳ פינפטייכן.

קאַלטע — „מיר זענען נישט קיין ק׳ יידן, נאָר יידן וואָס קאָנען געבן פייער — ווערן מיר פּאַרטיזאַנער״. (ס׳ סאָכאַטשעוו, ז׳ 255).

קאַליאַק־הינטל — געבעלס. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

קאַליבראַק — ניט־אַרבעט פעיקער. „סחורה וואָס איז קאַליע און איז שוין בראַק״. ל׳ נעבן טאַרנאָפּאָל. (קאַפּלאַן, ז׳ 47). אויסבראַקירטע מענטשן, עלטערע, קאַליקעס, קראַנקע און צעבראָכענע, באַשעפּטיקטע אין ל׳, טראָגן וואַסער, האַקן האָלץ, פאַרקערן דעם פּלאַץ, טראָגן דאָס מיסט, רייניקן קלאָזעטן און שיילן קאַרטאָפל״. (קאַמיאַנקע ל׳, סקאַלאַטער ל׳).
געזונגען: חבר, אוי חבר, אוי טייערינקער חבר, / איין מאַמע האָט אונדז ביידע געהאַט. / דיך רופט מעןביים ריכטיקן נאָמען, / און מיך, רופט מען קאַלי־בראַק. (ווייסבראָט, אַ שטעטל, ז׳ 110, 121).

קאַלייקע — ריי פון מענטשן, וואָס וואַרטן פאַר אַ געוועלב כדי צו באַקומען די ראַציע (זע), צוטייל אויף קאַרטן. „זיך מאַכן אַ ק׳״ — פאַרזאָרגן זיך אַן אָרט, ד״ה אָפּרעדן זיך מיט די נאָענטסטע שכנים, איינער פון פאָרנט און צווייטער פון הינטן, און אַליין אין ריי נישט שטיין. (ל״ג, ג׳־לעקס׳). „שטיין אין ק׳״. (הובערבאַנד, כ״י, ר״א, 452).

קאַליפאַקטאָר — העפטלינג מיט וועלכן אַ בלאָק־עלטסטער באַדינט זיך. אַרעסטאַנט וואָס האַלט אָרדענונג אויפן קאָרידאָר (פון תפיסה), אַ מין קאַפּאָ. (קרימינאַל אין דעסאָו, ליטמאַן יואל, ייה״ק, ב״ר 637).

קאַלכאָז — „כך היה מכונה בגיטו כל בית, שהתגוררו בו עשרות אנשים״. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 131). „ווו עס שטייען איין די ל׳־מענטשן, געאַרבעט ביי טאָט. (ס׳ ווילייקה, ז׳ 291, פינסק, 1941). „די ערשטע אויף אַרויסצופאָרן אויף טויט מחוץ דעם ג׳, באַשטימט מען די קאָלכאָזן״. (ביאַליסטאָק, רייזנער, ז׳ 58, 72). הויז מיט אַ גרויסער צאָל איינוווינער, האָט אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט (ברענגען וואַסער, ראָמען, לויט דער ריי, די קיך, אָפּטריט). (ס׳ ברנוביץ, ז׳ 534).

קאַלכאווזון — די עלטערע לייט זאָגן: קינדערלעך, מיך דאַרף מען שוין נישט איינרעכענען, ווייל איך גיי סיי ווי באַלד אין ק׳־א׳. געמיינט: קרעמאַטאָריע. (טאַבאַקסבלאַט, חורבן לאָדזש, ז׳ 129).

קאַלד־וואַגאָן — געפֿאָרן מיט דער באַן קיין טרעבלינקע, אין ק׳־וו׳. (ס׳ קאַלושין, ז׳ 364, 393). אין וואַגאָן אָנגעשיט נישט קיין גלאַשענער קאַלך.

קאַלעגעלע — בשעת אַן אַקציע אין לובלין. די געכאַפּטע יידן זיצן אויף דער ערד, גייט צו זיי צו דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, קלויבט אויס אייניקע ער האָבן צוגעגעבן: „געגוג געלעבט״. (העלאַ מילער, העגריך האַכמאַן). און זאָגט צו זיי: „ק׳ הויב זיך!״ און שיקט זיי צום טראַנספּאָרט. אַזוי זאָל

קאַלעגעלער — בשם ק׳ נתכנו חברי הארגון הלוחם היהודי. (כרמי, מן הדליקה, ז׳ 91).

קאַלעגיום — שול אויף לעשנאָ 84. דאָ געווען דער יידישער אַרבעט־אַמט. פון דאַנען אָפּגעשיקט אַרבעטער אין די באַזונדערע לאַגערן. (רינג׳, 2.1941, א״ר, 388; רינג׳, 26.4.46, סעפּט. 1941 א״א).

קאַלענדאַר — מ׳דערלויבט נישט אַרויסגעבן קיין נייעם קאַלענדאַר. פאַרוואָס? נישטאָ קיין 1942. היטלער האָט געזאָגט, דער זיג מוז קומען אין 1941, וועט דאָס מאָל זיין אַן עיבור־יאָר 1941 א׳, ווי אָדר א׳ און אָדר ב׳. גוט, אָבער ביי היטלערן קלאַפּט דאָך שוין באַלד נישט קיין אָדער? (ר״א).

קאַלעקטיוו — „געוווינט אין ק׳״. זקנים־הויז פאַר די איינגעזידלטע פון מערב. (ל. ג. זעליקאָוויטש, כ״י, 1.9.1943). קיבוץ אין קאָוונער ג׳. (שרה נשמית). „פּאַ־טאַל די באַדינגונגען אין די א״ג קאָלעקטיוון, אָדער אַזילן פאַר די עוואַקו־אירטע פון דער פּראָווינץ און מערב־אייראָפּע, 20—30 פערזאָן אין אַ צי־מער״. (טרונק, ל״ג, ז׳ 338).

קאַם־קאַם — מיט די פרידלעכע ווערטער, פלעגן צומייסט צורופן די עס־עס־לייט יידן און אָפּשיקן זיי אין אַן אַרבעט־ל׳, צי דירעקט אויף טויט. (סקאַלאָוו, האַקנ־קרייץ, ז׳ 48, ר״א; ס׳ מלאָווע, ז׳ 409).

קאַמאַלי אָדער קאַמאַטי — פאַרשידענע קליייניקייטן, וואָס אַ העפטלינג פלעגט אין די קעשענעס ביי זיך האַלטן. (ל׳ אוישוויץ, קראָקע, תפיסה, מאָנטעלופּיך. יומנה של יוסטינאַ, ז׳ 132). אין לוואָווער ל׳, מאַנעלע (פויליש־יידיש).

קאַמאַנדאַ — אַרבעט־גרופּע פון לאַגעריסטן. נאָכן אַדורכמאַכן די קוואַראַנטאַננע, ווערט יעדער צוגעטיילט צו איינער פון די ק׳. מיט זיי אָנגעפירט אַ קאַפּאָ. (אוישוויץ א״א). זע: בריגאַדע.

קאַמבינירן — אין פּאַוויאַק אויפטון עפּעס, וואָס קאָן לכל הפחות אויף אַ קורצער צייט פאַרבעסערן די לאַגע: אויסקאַמבינירן אַ צווייטע שיסל זופּ, אויסקאַמבינירן די אַרבעט־קאַמאַנדע (אַ בעסערע). (הירשהויט, פינצטערע, ז׳ 39).

קאַמונע — קיבוץ וואַרשע, דזיעלנאַ־גאַס. (ניישטאַט, חורבן, ז׳ 383). „חלוצישע ק׳״. (קורניסקי. בשליחות, ז׳ 70, פ.ד.מ., תל־חי בפולין, ע׳ 270). ק׳ — מחסן בגדים.

קאַמיטעט — ביים ברייטן עולם די יידישע ג׳־אַדמיניסטראַציע. (יעלין, קאָוונער ג׳, ז׳ 175, 158; לזרסון, ז׳ 39 א״א).

קאַמיטשקי — פויליש: שטיינדלעך, ברילִיאַנטן. (ל׳ פּאָניאַטאָוו, עדות הימעלבלוי).

קאַמין — דייטש: קוימען. גייען אין ק׳ אויף טויט. (אוישוויץ, פלאַשוו).

קאַמיסאַר — 1. ס׳רוב לייטערס פון די רעסאָרטן (זע) אין ל״ג רעקרוטירט פון מענטשן וואָס האָבן קודם געדינט אין דער ג׳־פּאָליציי און צוגעטיילט געוואָרן אין די רעסאָרטן ווי ק׳, היטן די אָרדענונג, פירן איין דיסציפּלין. טראָגן פּאָליציי־

היטלען מיט אַ W (ווירטשאַפט). (טאַבאַקסבלאַט, חורבן, ז׳ 82) ; 2. שעפּס פון די פּאָליציייִאישע און פייערלעשער־רעווירן. (ביאַל״ג). ק׳ פון יודענראַט. (ס׳ מלאָווע, ז׳ 399, 404). אין וואַרשע — הויז־קאָמיסאַרן, נישט יידן, פון יידישע הייזער. (רינג׳, כתבים 2, ז׳ 148). זע: טרויהענדער.

קאָמיסאַריזירונג — אַנקעטע: יידישער האַנדל אין וואַרשע, 1942—1939, טעזן: „דער פאַרנעם פון אַריזירונג (ק׳־טרויהענדער) פון יידישן האַנדל״. (ר״א, נ״ר 133). אין יידישע געשעפטן, אונטערנעמונגען, איינגעזעצט קאָמיסאַרן, טרויהענדער (זע), וואָס פאַרוואַלטן מיטן פאַרמעגן.

קאַמסי־קאַמסאַ — גנבענען. (ל׳ פלאַסענבורג א״א).

קאַמעל, ק׳־בלאָק — אָפּגעשוואַכטער העפטלינג ווערט אָפּגעשיקט אין ק׳־בלאָק, ווו ער גייט אויס פון הונגער. „דער נעכטיקער ק׳־טאָג״. (שטריגלער, מיידאַנעק, 187). טאָג, ווען מ׳האָט די ק׳ געפירט אין גאַז־קאַמער. זע: מוזולמאַן.

קאָמענדאַנט — פון יודענראַט (אַ ייד). (ס׳ מעזריטש גדול, ז׳ 358, 369) ; „ק׳ וויינט־סירענע״. לופט־אַלאַרם. (שטאַבהאָלץ, סיעדעם, ז׳ 187, פויליש).

קאַמפּאַט — אויף דער פראַגע, פאַרוואָס עמעץ איז געהרגעט געוואָרן, האָט מען אין ל׳ פּלאַשאָוו געענטפערט: „ער האָט נישט געוואָלט עסן קיין ק׳״. (אָדער טשאָלענט).

קאַמפּאָלאַן פאַרטע — „די מאָדע פון איינשטיכן האָט באַהערשט די גייסטער פון ג׳. לעצטנס רעדט מען אַ סך וועגן ק״פ, וואָס איז אָנגעקומען אין ג׳. (17.5.1942, טעגלעכע כראָניק, ל״ג, פויליש).

קאָמפּלעטן — „די שולן זענען געשלאָסן, גיט מען זיך אַן עצה, מען שאַפט ק׳, אין וועלכע מ׳פירט לעקציעס אין די דירות פון די לערער״. (רינג׳, יאַנואַר 1940). „המורים המובטלים מצאו קצת עצה להנצל מחרפת רעב. עמדו ויסדו ק׳, קבוצות קטנות של ילדים, הבאים לשתיים, שלוש שעות לדירתו הפרטית לשמע לקח מפיו. מורים למאות מתפרנסים מזה, הענין מתנהל בחשאי. (קפלן, כ״י 14.12.1939 ; צביה לובטקין, בימי הכליון, ז׳ 49).

קאָמפּרעס — ספּעציעל אויפגעניייטער דאָפּלטער גאָרסעט, געטראָגן אויפן נאַקעטן לייב. מ׳פולט אים אָן מיט מעל א״א, כדי אויף אַזאַ אופן דורכשמוגלען דורך דער ג׳־וואַך. (סוצקעווער, ז׳ 93). ווילנער ג׳־אויפפירונג. פּראָגראַם: „קאָרענע יאָרן, ווײַ צו די טעג״. קינדער הונגעריקע: לאָמיר זיך שפּילן אין ברויט. איך וועל מאַכן אַ ק׳. — וואָס איז דאָס אַ ק׳? — דער טאַטע האָט אַ ק׳ און ער ברענגט אין אים קאָרענע מעל. (ייוואָ, סוצקעווער־קאַטשערגינסקי זאַמלונג).

קאַנאַדע — א) מאַגאַזינען מיט זאַכן, וואָס צוגענומען ביי די אָנגעקומענע אין ל׳ אוישוויץ, דערונטער זייערע פּערזענלעכע בגדים. ב) אַרבעט־קאָמאַנדאָ פון העפטלינגען, וואָס ברענגט די זאַכן פון דער באַן־סטאַציע, סאָרטירט אאז״וו. דאָ געווען אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן. ג) אינטערנירטע אין פּאַוויאַק, וואָס האָבן אויסלענדישע פּאַפּירן, וואַרטן, מ׳זאָל זיי אָפּשיקן אין אַן אינטערניר־לאַגער. מ׳באַגייט זיך מיט זיי בעסער, דערפון דער נאָמען אין יידיש און פּויליש: קאַנאַדער, קאַנאַדטשיצי. פון וואַנען דער נאָמען? ווייל געלעבט אין ק׳

(ס׳ קרינקי, ז׳ 300); סלאָוואַקישע ייִדן, געשיקטע אַהער, האָבן די דייטשן איינגערעדט, אַז פון דאַנען וועלן זיי אַרויסגעשיקט ווערן קיין ק׳. (הרב ווייסמאַנדל, מן המצר, ז׳ לא).

קאַנאַל — 1. צונאָמען פון יודענראַט אין לוואָוו. (זאַדערעצקי, נאַשע סלאָוואָ, 15.11.′48). 2. אַרבעט ביים ק׳. „זיך איינאָרדענען ביים ק׳ ״. (ליטמאַן יואל, ס׳ קאָזיעניץ, ז׳ 9, 14). דורכן ק׳ געשמוגלט אויף דער אַרישער זייט.

קאַנאַליעס — ק׳ פון אַלע גרופּן און שיכטן, פאַראייניקט אייך אונטער די פליגל פון דרייצענטל (זע). (רינג׳, 10.6.1941).

קאַנאַנדל — אייזערן אייוועלע. (ל״ג, ראָזענפאַרב, ב׳ 2, ז׳ 376); באַנוצט אויך קאַנאַנקע. „אָפּגעבאַקן אויף די פייערקעס פון דער ק׳ מצהלעך פון די ,זאַמיאַטקעס׳ ״. (בריקס, פאַפּירענע, ז׳ 28; שרה אורבאַך, בעד החלון, א״א).

קאַנאַרעק — א) פרויען, וואָס אַרבעטן אין סקאַרזשיסקאָ אין אַמוניציע־פאַבריק, ווערגעל פון פּיקרין־פּולווער. זע: פּיקרין.

ב) פּוילישע מיליטערישע פּאָליציי. (קאַרטשאָווער, כ״י, 29.12.44).

קאַנדידאַט — אָפּגעשוואַכטער העפטלינג. ק׳ אין קרעמאַטאָריע, מיידאַנעק. (קאַפּלאַן, ז׳ 47).

קאַן־העלער — צוויי יידן אין וו״ג האָבן אַ דאַנק זייערע באַציונגען מיט די דייטשן געפירט האַנדלס־אונטערנעמונגען און דערגאַנגען צו גרויס עשירות. צוו״א געגרינדעט דעם פערד־טראַמוויי, גערופן ק׳ ה׳. „איך פאָר מיט אַ קאַן־העלער״, רופט זיך אָפּ אַ פּשוטער ייד. (רינג׳, 9.1941). די צווייטע רעוויע אין ,פעמינאַ׳ געהייסן „קאַן־העלער״. שילדערט קאָמישע און טראַגישע זייטן פון פאָרן מיט דער ג׳־לאָקאָמאָציע, וואָס פאַרטרעט דעם טראַמוויי און די קאָנפיסקירטע דראָזשקעס. (טורקאָוו, אַזוי, ז׳ 220). קאָנהעלעראָווקי״. (א. לעווין, כ״י).

קאַנטאַקט — אומלעגאַלער וועג קיין אונגאַרן, וואָס איז געווען „אונדזער בייעסטע״, אומדערגרייכסטע האָפענונג. (באַכניע, זעלינגער, כ״י, ה׳ 3, ז׳ 34, 35; ה׳ 4, ז׳ 70).

קאָנטינגענט — 1. „במקומות נקבע לשוטרים ק׳. כך וכך מוכרחים אתם למצוא, אם לא כן, נהרוג משלכם, ממשפחותיהם כך וכך״. (תמרוף, דפים, ז׳ 93); „אַ ק׳ יידן אויף אויסזידלונג״. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 129); 1,500 מענטשן. (דאָרט, ז׳ 122, 275); לעבעדיקער ק׳. (סקאַלאַט, ווייסבראָט, ז׳ 25; ס׳ קאָריוו א״א). „סעפּטעמבער 1942 געסטאַפּאָ אויפגעפאָדערט דעם יודענראַט אויסצוליפערן זקנים און קראַנקע צום זאָגענאַנטן ק׳. די יודענראַטלער האָבן געדאַרפט אַזאַ זאַיאָווע איינרייכן: דער יודענראַט בעט די לעבליכע ,סיפאָ׳ אום אים פון די לעסטיגע זקנים און קראַנקע צו באַפרייען״. (י. מעהר, קיעוו 1944, כ״י, ב. ק. 1100). ק׳ — 700 „שטיק״. (בריוו פון טאַרנאָפּאָל 22.3.42). „ווען אין יאָר 1942 האָט יידיש בלוט גענומען אַלץ מער שטראָמען האָט אויך לאַמאַז געליפערט דעם **בלוט־ק׳** פון אירע בעסטע זין״. (פייגנבוים, פּאָדלאַשע, ז׳ 115).

צו אַ ק׳ גייען דער עיקר אויסלענדישע יידן. זיי גלויבן נישט, אַז מ׳גייט אויף טויט. זיי פאַרשטייען נישט וואָס דאָס הייסט „נישט פאָלגן די מאַכט״. מען רופט זיי „יעקי״ (זע). (ל״ג ענצ׳). „געסטאַפּאָ הייסט זיך אַרויסגעבן אַלע

„אומפּראָדוקטיווע" און „אומאַרבעטספּעיקע", אויב נישט — אַ בלוט־באַר, ר"ח אלול 1942". (ג. טויסט). „פּסח 1942 דאַרף דער יודענראַט צושטעלן 500 יידן. אַ טראַגישער ויכוח אין די יידישע היימען: אַליין זיך צושטעלן, צי וואַרטן אויף וועמענס באַשטימונג: די מערדער האָט בלויז אינטערעסירט די צאָל, דער ציפער דאַרף שטימען". (ס׳ מאַרקושעוו, ז׳ 537). „געגומען אַ ק׳ פון 70 יידן". (ס׳ טאָלמיטש, ז׳ 422). „די זשאַנדאַרמעריע פלעגט איבער־פאַלן דאָס שטעטל און פאָדערן אַ ק׳ יונגע מענטשן וועלכע מ׳האָט מיט לאַסט־אויטאָס אָפּגעפירט אין אומבאַקאַנטע ריכטונגען. געזאָגט, אַז מ׳פירט קיין לובלין, ווו היטלער שאַפט אַ יידישע רעפּובליק". (טורקאָוו, מלכה אָוושאַני, ז׳ 27). 2. מ׳פאָדערט אַ ק׳ שיינע, יונגע מיידלעך, מ׳גיט אַ געלט־ק׳ זיי אויסצוקויפן. (ס׳ לנוביץ, ז׳ 331).

3. אַ ק׳ מעבל, גלאָזוואַרג, סערוויסן. (ביאַל"ג, דרכו של יודנראַט). **שפּייז־ק׳**. (ס׳ מאַרקושעוו, ז׳ 276).

4. מיט דער קנאַפּער צאָל ק׳ (לעבנסמיטל) מוז מען אויסגיין פון הונגער. (רינג׳, 26.4.41).

קאָנטער־אַקציע — ווידערשטאַנד מצד יידן. ק"א — מונח שנקלט. (מ. טננבוים, ביאַל"ג, סוף יולי 43׳). „טננבוים קבע את המושג ק׳־א׳ וכך נתקבל בתנועה". (הערה: אנטק, דפים, ז׳ 139). וו"ג, געווען דאָרט אַ ק׳־א׳ אָרגאַניזירט דורך אונדזער חברה, 1.3.43. (ידיעות יו"ש, מ"ס 6—7).

קאָנטראָל — „שטרענגע קאָנטראָל פון דאָקומענטן (און פּנימער) פון די פּאַסאַזשירן אויף דער סטאַציע דעמבלין—מאָדזשיץ". (אייזענבערג, פּאַר וואָס, ז׳ 101). זע: אויסזען.

קאָנטריבוציע — דאָס וואָרט ק׳ צעטראָגט זיך שנעל אין יעדן יידיש הויז. דאָס וואָרט און די רעזולטאַטן פון נישט קאָנען באַצאָלן איז שוין גענוג מע זאָל ווערן דערשראָקן און פאַרצווייפלט. (ס׳ גליניאַני, ז׳ 248). ק׳ — אַ האַלבער מיליאָן אוקראַינישע (!) מאַרקן, 500 די בעסטע אָנצוגן, 500 פּאָר שיך; אויב נישט, וועלן דערשאָסן ווערן 25 יידן. (ס׳ טריסק, ז׳ 325). 2 קילאָ גאָלד און 5 יידן. (ס׳ ראַדזימין, ז׳ 237 אאַז"וו).

קאַניבאַל — היטלער. אייראָפּעישער קאַניבאַל. (סאָלידאַריטעט, מאַי 1942; דאָס וואָרט, ז׳ 92). **מאָדערנע ק׳־ן**. (אונדזער וואָרט, 15.9.43)

קאָניונקטור־שווינע — דייטשן אַליין רופן אַזוי פאָלקס־דייטשן. (לוואָוו, 41, בלפ"ג, ב׳ 1, ה׳ 3—4).

קאָנסומפּציע — „געגאַנגען אין בעקעריי, געגומען ק׳". (הילער, 22.1,44). „עסן פון מיין ק׳־ברויט"... „צום עסן ק׳ זענען זיי טאַקע יאָ דאָ, נאָר צו אַרבעט — דאָס נישט". (דאָרט). צוגעטיילט ברויט. זע: ראַציע.

קאָנסטיטוציע־פּאַראַגראַף 48 — אַן ענטפער די יידישע פּראָמינענטן אין דאַכאַוער ל׳, ד"ה ווער ס׳איז פריער געווען אַ מענטש, וועט בלייבן אַ מענטש, און ווער אַ גאָרנישט — וועט אים די גאַנצע הייניטיקע „ראָלע" נישט העלפן. (קאַפּ־לאַן, ז׳ 41).

קאַסטאַניעטן — שפּילצייג. קינדער פון ג׳ אויסגעפונען זומער 1943. דאָס שפּילצייג באַשטייט פון 2 האַרטע שטעקעלעך וואָס זענען ביי די עקן גרעבער. מ׳האָט זיי געהאַלטן צווישן די פינגער פון דער רעכטער האַנט און געקלאַפּט מיט זיי אַ קלאַפּעריי ווי פון אַ גראַגער. דאָס קלאַפּעריי האָט פאַרפולט די הייף און די גאַסן. טייל ווירטואָזן האָבן פון דעם אַרויסבאַקומען מוזיקאַלישע טענער. האַרבסט 1943 זענען די ק׳ אַזוי גיך פאַרשוווּנדן, ווי זיי זענען אַנטשטאַנען. (ל״ג לעקס׳).

קאָסטיום — פאַלשער אַריער־דאָקומענט, גערופן „ליפּאַ״. ווען דאָס וואָרט איז באַקאַנט געוואָרן דער געסטאַפּאָ, האָט מען עס פאַרטרעטן מיט ק׳. „כ׳האָב מיר געמאַכט אַ נייעם קאָסטיום״. (ש. ראָטענבערג).

קאַסערנירט — יעדן האָט מען געמאַכט פאַר ק׳, ד״ה אָפּגעזונדערט פון זייערע פאַמיליעס. „ק׳ יידן״. (פּאָלאַקעוויטש, אַ טאָג אין טרעבלינקע, ז׳ 13, 47). **נאָכן** אַרויסשיקן די פרויען, קינדער און קראַנקע, איז אין ריגער ג׳ פאַרבליבן אַ 4,000 מענער, וואָס זענען איינגעפּרעסט אין עטלעכע געסלעך. **קאַסערנירונג־לאַגער.** (פּל״ח, 1.8.46). **קאַסערנירונג־אַרבעט־שטעלע** אין שטראַסהאָף. (פריינקעל־זאַלצמאַן, העפטלינג, ז׳ 123). זע: קאַזערנירונג. נאָוו׳ 1942. „ריכוז היהודים העובדים עם משפחותיהם בבלוקים מיוחדים, שנקראו בלשונם של הגרמנים, ,קאַסאַרנירונג׳ (ריכוז בקסרקטינים), ,קאַסערנירטע׳ יודען״. (כהנא, ג׳ לבוב, ז׳ 100).

קאַ־על (ק. ל.) — קאָנצענטראַציע־לאַגער. „דו ביסט אין קאַ־על״. (שטריגלער, מיידאַנעק ז׳ 49). „מיידאַנעקער ק׳־ל׳ לייט זענען ,אָנגעקומען׳ ״. (שטריגלער, גורלות, 208, 119). **קאַעלניק, קאַעלניקעס.** (שטריגלער, אין די פאַבריקן, ז׳ 158, 150). **קאַ־על מיידלעך.** (שטריגלער, ווערק צע, ז׳ 109, 8/91). „דער ,עלטסטער׳ שלאָגט מיט אַ מעכטיקן דראָנג. — פאַרוואָס שלאָגסטו ? — ווייל דו ביסט אין קאַ־על, פאַרשטאַנען ?״ (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 49, 50). **צווישן די אַלע** זידלווערטער וואָס האָבן נישט געפעלט אין סקאַרזשיסקער ל׳, האָט דאָס זידלוואָרט „קאַעלניק״ פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. (י. צוויליך, כ״י, ז׳ 88).

ק. אַ. פּ. — „עס האַלט ביים שאַפן זיך אַ נייע פאָרמאַציע פון דער יידישער **פּאָליציי,** וועלכע האָט שוין אַפילו באַקומען אַ געלונגענעם נאָמען **ק. אָ. פּ.** (קאָרפּוס אָכראָני פּאָגראַניטשאַ, אַמאָליקע פּוילישע גרענעץ־וואַך). די דאָזיקע **מויערן־פּאָליציי** וועט האָבן באַזונדערע ראַיאָנען און באַקומען ספּעציעלע שכירות״. (רינג׳, יולי 1942).

קאָפּ — פאַר איבערגעבן אַ יידישן קאָפּ, באַקומען 3 קילאָ זאַלץ. (ס׳ לודוויפּאָל, ז׳ 231). אין אַנדערע מקומות — צוקער.

קאַפּאָ — העפטלינג־אויפזעער איבער דער אַרבעט פון אַנדערע. געווען יידן קאַפּאָס. יידן אויסגעטייטשט דעם נאָמען **קאַמעראַדן־פּאָליציי, קאַסערנען־פּאָליציי.** קאַפּאָס גענומען דער עיקר פון די פאַרברעכערס מיט „גרינע ווינקלען״. באַנוצט אויך **קאַפּאָמאַן, קאַפּאָווי.** פּוילישע שמוגלערס רופן אַזוי אַ יידישן מיליציאַנט אין וו״ג. פּלוראַל : **קאַפּאָלייט.** (ס׳ דובאָסי, ז׳ 172). „שרייט אַ קאַפּאָ און ס׳ליגט אויף מיר זיין שווערע לאַפּע״. (ל׳ קאָופּערינג, מחבר גוטמאַן ; קזשעפּיצקי, בפ״ג, ב׳ 9, ה׳ 1—2, ז׳ 81).

קאַפּוט — דייטשע זעלנער ביי אַ רעוויזיע אין אַ יידישן הויז: איר זייט אַלע באַלשע־וויקעס, אינגיכן וועט אייך זיין ק׳. — גאַרנישט געפונען, צעשרייט ער זיך נאָכאַמאָל. אינגיכן וועט אייך זיין ק׳. (מאַשאַ, כ״י, ז׳ 28, 91). אַ פּויער וואָס באַהאַלט אויס אַ יידן און האָט אַליין מורא: זה יהיה קפוטה (קאַפּאָטע) או קפוט״. (פּינקוס, אוד מוצל, ז׳ 285). „כל הגיטו ק׳ ״ (יחוסל). (טננבוים, דפים, 9.2.43).

קאַפּוס — פּויליש: kapuś, ד״ה **זייערם אַ מענטש**. „ער וועט קאַפּעווען״. (די צען פון פּאַוויאַק). קאַפּוס (אסירים ממונים על אסירים, המילה הלטינית, קאפו = ראש. ספר הבריגדה היהודית, ז׳ 360). אין וו״ג בשעת דער ליקווידאַציע, גייען אַרום די ק׳ און שרייען צו יידן, פאַרשטעקטע אין די בונקערס: „די ישועה איז געקומען״. (רודניצקי, זלאָטע אָקנאַ, פּויליש, ז׳ 149). די ווערטער ווערן געבראַכט אין פּוילישן טעקסט, מיט פּוילישע בוכשטאַבן. ק׳ אָדער שמאַלצאָווניקעס געווען אין וואַרשע אין די הונדערטער, צי אפשר טויזנטער. זיי האָבן שאַנטאַזשירט יידן אויף דער אַרישער זייט. (פריינדל, זכרונות, 1939—44, כ״י).

קאַפּוף — פריילעך הייזל אין אוישוויץ פאַר נישט יידישע לאַגערניקעס. ל׳ בונא. (פל״ח, 4).

קאַפּטילקע — הבונקר מואר ב„קופטילקה״ ישנה ומסריחה. (יונס, כ״י 106). זע: קורניקל.

קאַפּ־מגיחה — אַז די קריפּאָ האָט אַלץ ביי איינעם צוגענומען, האָט ער שוין ק׳־מ׳. (פל״ח ג״ר 6).

קאַפּעלוש — ראַדיאָ־הילכער. (רינג׳, מאַי 1942).

קאַפּעלושמאַכער — יידן געוואָרן אויס ק׳, אַלע האָבן אָנגעטאָן ליציפעטן (קאַשקעטן, ציקליסטוווקעס). (ר״א).

קאַפּעלושניק, קאַפּעלושמאַכער — היטלער. (קאַפּלאַן, ז׳ 53). יידן אויף דער אַרישער זייט.

קאַפּערניק — אין ק׳ האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיין פרוי. (יאַקובאָוויטש משה, כ״י, ז׳ 9). אַ ל׳ קאַפּערניק; אַ פּאַטאָ פון ק׳; שול א״נ פון ק׳; אין יענע צייטן — ל׳ פאַר יידן. (ס׳ מינסק־מאַז׳, ז׳ 383, 428, 446).

קאַפּצימער — ל׳ פּלאַשוו. אין די באַראַקן געווען ק׳ פאַר די פני, דאָ געוווינט מיט דער משפּחה. דער כלל יידן געהויזט קאָלעקטיוו אין גרויסע באַראַקן, מענער אָפּגעזונדערט פון פרויען.

קאַפּשטייער — אָפּיציעלער אָפּצאָל פון יידן, לויט דער צאָל פון „קעפּ״. (ס׳ זשיכלין, ז׳ 324).

קאַציאַל — זע: קעסל.

קאַצעט — קאָנצענטראַציע־לאַגער, קאָנצלאַגער, קאַצעטלער. אַ העפטלינג פון אַ ק״ל. „מיר האָבן אויסגעטרונקען אין קאַצעט, ביזן דעק דעם ביטערן כוס סם!... טאָקע קאַצעטלער מיט סטאַזש...״ (גוטמאַן, מיט די פיס אויפן טיש, בערגען־בעלזען).

קאַ־קאַ — קאַנדידאַט־קרעמאַטאָריע, באַנוצט פון עס־עס מענער און אַרישע קאַפּאָס. (קאַפּלאַן, ז׳ 47).

קאַג־סאַגיז — פלאַנץ פון וועלכער מ׳קאָן אַרויסבאַקומען גומי. געוועזן לאַגערן, ווו יידן געאַרבעט ביי פלאַנצן ק״ס: יאַגאַליניצע, טויסט. (א. בקר, קהילותים, הוסאַ־

טין, קיפּיטשעניק, ס׳ אָזיעראָן, ז׳ 442, 446, 473). „געגאַנגען זעצן ק״ס — געהרגעט געוואָרן״. (באָרשטשיוו, הערש קאָוואַלעק).

קאַקטייל־מאָלאָטאָוו — וו״ג. אומלעגאַל אויסגעאַרבעטע גראַנאַטן־פלעשער מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. (עדעלמאַן, דאָס געטאָ קעמפט, ז׳ 51; אונדזער צייט, אַפּריל 1958; ח. קרישטאַל, פּרישדאָרף).

קאַקע — ס׳טויג נישט. „איך בין ק׳ — עס גייט מיר נישט״. (קאָוונער ג׳ קאַפּלאַן, ז׳ 25).

קאַקעס — אוי, אוי, אוי, קאַקעס און שאַכמאַנעס.
אוי, אוי, אוי, האָט אויף זיי רחמנות,
זיי דרייען זיך אַרום ווי הינער אָן אַ האָן
און האָבן נישט מיט זיך וואָס צו טאָן. (1.1.42);
נידעריקער קלאַס פּאַרטיזאַנער, אָן געווער. האַקן האָלץ, שלעפּן וואַסער, שוואַרצע אַרבעטער, גייען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. (ס׳ זשעטל, ז׳ 428/9). זע: שאַכמאַנעס.

ק׳ אַ׳ ל׳ — קאַראָל אַסמאַן לעשטשינסקי, אייגנטימער פון אַ שאָפּ אין וואַרשע. יידן טייטשן די ר״ת: קאָמבינאַציע, אַשוסטוואָ (אָפּנאַרעריי), ליפּאַ (זע). (אויערבאַך, נאַשע סלאָוואָ, יאַנואַר 1949).

קאַראָול — וואַך־פּאָסטן. (ס׳ ביטען, 250, 306); נאַטשאַלניק פון ק׳. (רייך, ז׳ 270); קאַראָולנער ווזוואָד האַלט די וואַך אַרום ל׳ און אין געוויסע פונקטן אין וואַלד.

קאַראָוואַניאַזש — 1. פירט די עגלה. 2. אוקראַיִנישע מיליץ, צוליב די שוואַרצע מונדירן. (רודניצקי, שעקספּיר, ז׳ 41). זע: שוואַרצע.

קאַראַימער — אוקראַינער־מיליץ, לוואָוו.

קאַראַכאַ — „בליץ־שנעל טוען עפּעס, נישט שטיין אויף איין אָרט״ — שרייען די קאַפּאָס און פאַראַרבעטער צו די לאַגערניקעס. (וויינטרויב, ווערטער־רשימה. דאַכאַו).

קאַראַנטין — ל׳ אוישוויץ. באַראַק וואָס דינט פאַר נייע לאַגערניקעס אויף דער צייט ווען זיי מאַכן דורך די ק׳. (ס׳ גביעוואַשאָו, ז׳ 384). זע: קוואַראַנטין.

קאַרבאָוואַנצעס — באַנקנאָטן, אַרויסגעגעבן פון „רייכס־קאָמיסאַריאַט אוקראַינע״. איינציקע געלט אין דער וועלט, וואָס האָט קיין שום דעקונג, אַ חוץ די פאַרגעזעענע שטראָף פאַר פעלשן זיי. (מעדוויעדיעוו, נאַ בערעגאַך, ז׳ 327. רוסיש).

קאַרבינאָווקאַ — ספּעציעל שלעכטע און געפערלעכע אַרבעט אין דער וועשעריי „קאַרבינאָווקע״, אויסגעברענט לעכער אין די הענט. (ס׳ סקאַרזשיסקו, ז׳ 140).

קאַרוזעל — זשעלאַזנע־גאַס און דער שמאָלער קאָרידאָר עק כלאָדנע און זשעלאַזנע, וואָס פאַרבינדט די ביידע געטאָס אין וואַרשע. פאַראַן באַוועגלעכע טויערן. פאַרמאַכן די כלאָדנע־גאַס, דעמאָלט איז פריי דער וועג דורך די זשעלאַזנע, און פאַרקערט — פאַרמאַכט די זשעלאַזנע, איז די באַוועגונג דורך כלאָדנע פריי. (נייבערג, זכרונות, ז׳ 5).

קאַרטאָפל — יידן טאָרן נישט ריידן צווישן זיך, ווייל מ׳איז זיי חושד אַז זיי ריידן וועגן פּאָליטיק. מ׳פלעגט אָוועקפירן יעדן באַזונדער און פאַרשן וואָס זיי האָבן גערעדט. האָט מען זיך אָפּגערעדט, אויב מ׳וועט פרעגן, זאָל מען ענטפערן, אַז גערעדט האָט מען וועגן ק׳. (קורץ, כ״י, ז׳ 222). „וואָס גרעסער די ביידע,

אַלץ מער קינדער, וואָס מער קינדער, אַלץ מער ברויכט מען ק׳״. (קורץ, ז׳ 224). „מנגינתנו כל היום — תפוחי אדמה! מלה זו הולכת ונשנית מאה פעמים ואחת, בכל רגע, מפי כל אחד, בה כל חיינו ואורך ימינו. אין צלצול המילה פוסק באזני. אף בחזיון לילה היה באה לפקדני״. (קפלן, 27.11.1940; ס. שעד־לעץ, ז׳ 699, 702). ק׳־באַבקע. (ל״ג, שמאי ראָזענבלום).

קאַרטאָפל־שאָלעכץ — באַנוצט צו פאַרשידענע מאכלים. אין ערגעץ נישט געפעלט דאָס ג׳־מאכל. (ריגע, קאָופמאַן, ז׳ 90). ק״ש פריער געמוזט איבערקלייבן, נאָכדעם אַ צען מאָל וואַשן, בריען, און ערשט דאַן מאָלן אין פלייש־מיל אָדער מיט אַ האַקמעסער, אַריינגעטון אין זופּ (שווענקעלעך האָט דאָס געהייסן). געמאָלענע ק״ש באַנוצט צו באַבקעס, צו זופּ. (ל״ג, גלובע, כ״י).

קאַרטן־ברויט, ק׳־מעל, ק׳־קאַרטאָפל — אַרויסגעגעבן אויף די אַפּראָוויזאַציע־ק׳. (רייזנער, 144, 155; מעלדונג ביאַל״ג 257, 1.5.42). זע: באָנע.

קאַרלסבאַד — „היהודים מתלוצצים שאין להם צורך כעת לנסוע לק׳, כי ק׳ באה אליהם, פני כולם כחושים ורזים, משקל גופם הופחת למראה פניהם — דלות ועוני״. (קפלן, כ״י, 6.1.40).

קאַרן־מצות — אין ג׳ באַנוצט ק״מ. פרומע יידן געזאָגט שטאָט „חג המצות״ חג הזכרון, ד״ה הזה קאַרן. (ל״ג, אבי, 28).

קאַרנעטן — קענקאַרטן פאַר פּאָלאַקן פון גרויען קאָליר; פאַר יידן און ציגיינער — פון געלן. אויפן ערשטן בלעטל אַ ״J״. (וואַגאַ, טשענסטאָכאָוו, ז׳ 132).

קאַרעע — געטאָ פאַר נוצלעכע, באַשיינטע יידן. (ס׳ ראַדזיווילוב, ז׳ 336). זע: שיין.

קאַרצער — ווער ס׳פאַרשפּעטיקט צו גיין מיט דער קאָלאָנע, ווערט אַריינגעזעצט אין ק׳ דורך דער ליטווישער פּאָליציי. (פּנקס שבלי, ז׳ 146). זע: קאָזע.

קאַשאַרירן — אַריינגעזעצט אין קאַשאַרן (קאַסערנען) גרופּעס פון נוצלעכע יידן אָן משפחות. אַ נייע פאַרקאַשאַרירונג, ד״ה מיר זאָלן גאָרנישט וויסן וועגן אונדזערע משפחות. (ס׳ דעמבלין, ז׳ 52, 58). אין באָלעכאָוו געווען קאַשאַרירטע לאַגערן, ווו יידן האָבן געשקלאָפט. (לוטוואַק, כ״י, ז׳ 47); קורץ פאַר די ימים־טובים, 1942, האָט מען די יידן ק׳. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 335; ס׳ סקיערניע־וויץ, ז׳ 474, 489). קאַסערנירן. ק׳ אין 4 באַראַקן. יעדער באַראַק האָט זיין עלטסטן. איבער אַלע באַראַקן אַ פּלאַץ־מייסטער (אַ ייד). (ס׳ אָסטראָוועצ, ז׳ 199—204). „קאַשאַרירונג פון די פּלאַצוווקעס״ (זע). (רינג׳, כתבים, 2, ז׳ 22).

קאַשטאַן — ייד אויף דער אַרישער זייט.

קבר, קבורה — בעד ק׳ למת הקהילה לוקחת מעני שבישראל אלף זהוב ובעד קבר לחיים תעריף אחר. (וו״ג, א. קפלן, 26.10.40). סוף סטראַשון־גאַס, נאָענט פון פּלויט, אַרויסגעריסן אַ ביסל שטיינער פון ברוק, פאַרזייט בלומען, אַ קלאָמב מיט אַ מגן־דוד אינמיטן. די ג׳־איינוווינער האָבן זיך זייער הומאָר, רופן דאָס „קבר פון אומבאַקאַנטן ייד״. (ווּיל״ג, קרוק, 15.6.42). די גליקלעכע האָבן זוכה געווען צו אַ ק׳ און צו קנאה. (ס׳ לנוביץ, ז׳ 320). אַלע פאַרעלטערט... געדאַנקען געפלויגן: גאָט ווייסט אין וועלכן ק׳ כ׳וועל אַריינגעוואָרפן ווערן. (סאָלאָמאָנאָוויטש, ז׳ 216). אַ ייד זאָגט פריילעך קדיש אויפן ק׳ פון זיין

שוועסטער. „איך ווייס כאָטש איר מקום קבורה, ווער וועט וויסן מיין מקום?" (דוד זיטצער, דאָך לעב איך, כ"י). זע: מת, צדיק.

קהילה — גמינע, יודענראַט. הקהילה שברחוב גז'יבובסקה נעשתה מרכז החיים היהודיים של יהדות פולניה. הק' הפכה להיות ממשלה יהודית ועליה למלא כעת בגזירת הכובש תפקידים ממשלתיים כאלה, שלא הייתה מוכנה לקראתם. (א. קפלן, 23.9.40). „קילע" אין טערעזיענשטאַט. (אדלער, ערטער־רשימה). דעם יודענראַט אין מינסק רופן אַן די מיירעווידיקע (יידן) קהילע. (סמאָליאַר, פון מינסקער ג', ז' 14); דוד כהנא, יומן גיטו לבוב: ההכרח להפוך הקהילה למין עיריה מקומית. יהודי לבוב היו אומרים: עיריה של מיתה משונה. (ז' 35). „דער יודענראַט געוועזן אַ מין ק'. דער אונטערשייד: די ק' האָט די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר די יידן, דער יודענראַט — פאַר די דייטשן". (ס' בייטש, ז' 149). ק' — יודענראַט. (ס' רדיחוב, ז' 180).

קו — די לייטונג פלעגט יעדן שוסטער אַרויסגעבן אַן אָפּגעמאָסטן שטיקל לעדער. די שוסטערס פלעגן עס רופן קו. דאָס דאַרף געגנוגן אויף בינדזוילן, ראַנדן, זוילן, האַלבזוילן, קנאַפּל. די שוסטערס פלעגן אָבער בינדזוילן מאַכן פון אַלטע כאַלעוועס, אויף זוילן פלעגן זיי נעמען די שוואַכסטע טיילן פון דער קו, אין די קנאַפּל אַנלייגן קאַרטאָן. אַזוי אַרום פלעגט דעם שוסטער בלייבן יעדע וואָך אַ האַלבע קו. (ד"ר א. אַלטמאַן, אַרבעטערס אין די גרויסע ג'־וואַרשטאַטן, פּל"ח 8, יוני 1948).

קו־אַקציע — מ'נעמט צו אַלע קי ביי יידן. יאַסינאַוועקע. (פינקעלשטיין שבתאי, ב"ק).

קובאַנקע — קאַזאַקן־היטל, אויסגעאַרבעט אין בעלסקיס ל'. (ענגעלשטערן, אין געטאָס, ז' 109).

קוואַראַנטין — איידער מ'האָט די 2,000 יידן אַוועקגעפירט קיין וואַרשע, אַנטלויזט מען אין באָד די זאַכן, מ'שערט אָפּ די האָר ביי פרויען און די בערד יידן. דערנאָך האַלט מען 2 וואָכן אָפּגעזונדערט אין שול־בנין, אַן איזאָלאַציע־פּונקט פאַר די א"ג קוואַראַנטין. (ס' קאַלושין, ז' 358).

אין די ק"ל — ספּעציעלער בלאָק, צי מערערע, ווו געהאַלטן דעם נייעם צוגאַנג. נישט געאַרבעט, דערפאַר באַקומען ווייניקער צום עסן. אין פּאַוויאַק, אין קעלער, 10 צעלעס פאַר איינצלנע מענטשן, ווו מ'האָט געהאַלטן 15—20 נייע אַרעסטאַנטן. נאָך אַ געווויסער צייט, איבערגעגאַנגען אין נאָרמאַלע צעלעס. זע: קאַראַנטין.

קוואַרטאַל — יידישער ווױנבאַצירק. (ס' מינסק־מאַז', ז' 404). אָפּגעשלאָסן פון אַריער. ביים אַריינקומען אין ק' אַן אַ דערלויבעניש — אַ שטראָף. (טאָג־נאַטיצן, 12.40—11.41, ר"א 1209). זע: געטאָ.

קווויזלינג — אחד מחברי היודנראט בכזשאנוב, בעל השפעה בכוח הנאצים. קראו לו „ק' יהודי". (ס' סוסנוביץ ב', ז' 134).

קוויטלער — אויפפאָדערונג שטעלן זיך צו אַרבעט. (ראָדעם).

קוויטשער — היטלער. (קאַפּלאַן, ז' 53).

קוזין, קוזינקע — איינגעשאַפן זיך ק'־עס. ל'־שפּראַך. פרויען וואָס זענען אינטים פאַר־בינדן מיט אַ מאַן. ל' סטאַראַכאָוויעץ. (מאָשקאָוויטש, גלינאָוויעצק, ז' 248;

סקאַרזשיסקאָ; שטריגלער, גורלות, ב׳ 2, ז׳ 148 א״א). המוסד של „דודנים״ ו„דודניות״ שהיה נפוץ מאד בחדשי הזוועה האחרונים של ג׳ וארשה. נשים וגברים גלמודים, ששכלו כל יקיריהם, התגעגעו לנפש קרובה. (בידרמן, נעורים בצל המוות, ז׳ 131). קוזינקע־פּסיכאָז. (שטריגלער, ווערק צע, ב׳ 1, ז׳ 28). דער קוזין שווערט ליבע דער קוזינקע: „מיין ווייב און מיינע קינדער זאָלן אַזוי צוריק קומען, ווי איך האָב דיך ליב. נישט געקוקט אויף דער ליבע, האָט ער געבענקט נאָך זיין ערשטער פרוי״. (ל׳ וואַרטאַ, טשענסטאָכאָוו, עדות־לאַגעריסטין פון ל. מאַרוסיאַ).

קוטשימוניע — בונקערס אַרום באַריסלאַוו־דראָהאָביטש. „געזעסן זענען מיר 5 חדשים אין אַ ק׳. דאָס איז געווען אַ לאָך, נאָכן אַרויסרייסן די קאָרעניעס פון די ביימער״. (וואַנדאַ עוואַ בזשעסקאַ, ליד, פּויליש. „ישראל אין דער פּוילישער דיכטונג״, ז׳ 212).

קויל — „האימרה התהלכה בינינו: אַ ק׳ איז אַ צוקערל, כלומר, כדור בראש זה ממש לוקסוס, נותן תמונה עד מה רב היה הפחד ממוות עם עינויים״. (ל׳ בודזין, דניאל פרייברג, כ״י 32).

קוילנגרעבער — יונגוואַרג פון ביידע געשלעכטער, ווי אויך עלטערע מענער און פרויען, באַוואָפנט מיט שפּאַדלעס, האַקמעסערס, באַפאַלן יעדן פרייען ערד־באָדן, גראָבן, זוכנדיק אַ שטיקל קויל אָדער האָלץ. (יוגנט־רוף, אָקט׳ 1941). „קוילנגרעבער — מענטשלעכע פּרצופים צו חיהשע היגטנס״. (זעליקאָוויטש, כ״י, ל״ג); „קיין קוילן זענען, ווי אַלעמען באַקאַנט, אין ג׳ נישטאָ. אָבער ק׳ זענען יאָ דאָ. דאָס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, נישט קיין וויץ און נישט גלאַט געערדעט, נאָר אויף אַן אמת... קוילנגרעבערס אין מיסטקאַסטנס. געניאַלע דער־פינדונג! דאָס פאַרמאַכטע ג׳ און די ק׳ אויף די מיסטפעלדער אין ג׳״. (ל״ג, טאָגבוך פון אינזש׳ יוסף הורוויץ, ז׳ 150, ייה״א). פאַראַן פאָטאָגראַפיעס פון קוילנגרעבערס פון יענער צייט.

קוימען — 1. לאָך, בונקער אין דער ערד, וואָס גיט אַ גיך און זיכער באַהעלטעניש פאַרן שונא. (וו״ג, 1943). 2. אייניקע גייען גלייך אין ק׳ (גאַזקאַמער). (קוויאַטקאָווסקאַ, פון לאַגער, ז׳ 112, 119). פּויליש: דאָ פּיעצאָ. (ס׳ סוסנוביץ ב׳, ז׳ 152; בעדנאַרטשיק, פּראַוואָ אי זשיטשע, 1963, IV, פּויליש).

קוימענקערער — אין ג׳ אַ ייד אַ גביר. איינגעשאַפּט זיך פאַר געלט אַ שיין. טראָגט אים מיט זיך, ווען ער קריכט איבער די דעכער, קאָן דורכגיין גאַסן און ראַגאַטקעס אָן אַ שטער. דורך די קוימענס גיט ער איבער פּראָדוקטן. דער בעסטער באַרוף אין וויל״ג. (ס׳ סמורגון, ז׳ 386).

קויף — אָפּ דיין לעבן מיט אַ פּאָר אַנדערע. (ל״ג, אבי 29).

קוכן — געבאַקן ק׳, באַשטאַנען: ⅓ ק״ג גאַר ביליקע קאַווע, אויסגעמישט מיט אַ לעפל מעל און צוויי סאַכאַרינקעס, אָוועקגעשטעלט קאָכן. נאָך אַ ½ שעה פאַרטיק. (ס׳ זעלווע, ז׳ 203, ל״ג).

קוכן־פּאָליציי — גיט אַכטונג וואָס ווערט אין קעסל אַריינגעלייגט און אַרויסגענומען. היטן, די קוך־אַרבעטער זאָלן נישט אויפעסן, צוגענבענען אַלץ. (ל״ג, פראַנק, יאַנואַר 1942, כ״י).

קולטוס־געמיינדע — קהילה (זע). (ס׳ זאַוויערטשע, ז׳ 294). ביינאַכט קלאַפּט מען ביי קאַנען: געסטאַפּאָ! אויפמאַכן!; קאָן עפנט. „דאַנקען גאָט, כ׳האָב געמיינט ס׳איז די ק־ג׳״. „דאָס איז איבערגעטריבן, נאָר כאַראַקטעריזירט דעם דע־מאָלטדיקן מצב״. (אַדלער, טערעזיענשטאַט, ז׳ 63).

קולטור — יידישע פּאָליציאַנטן שלאָגן אַ יידן. עס גייט צו זיי צו אַ ייד און דריקט זיי די האַנט. „כ׳גראַטוליר אייך. איר שטעמפּלט די ג׳ אַלס ציוויליזירטע מלוכה״. (ל״ג, אַבי, 19). קולטור־הויז געעפנט אין ל״ג, 1.2.41. דאָ פאַרגעקומען פאַר־זאַמלונגען, אויף וועלכע רומקאָווסקי געהאַלטן זיינע רעדעס וכדומה.

קולקאָ — פּויליש: ראָד. געטאָ, לוואָוו.

קופּטשיקער — מיטגליד פון וואַרשעווער יודענראַט, געהאַט די אויפזיכט איבער דער יידישער פּאָליציי. „ק׳ הייסט היינט פּשעקופּטשיקער״. די גאַס האָט אים חושד געווען אין מאַכן געשעפטן, געמען שוחד, „קופּ צוקער״, צוליב אַ צוטייל פון צוקער פאַר זיין צוקערלעך־פאַבריק. (רינג׳, אַפּריל 1941; ר״א, 302, 310 א״א).

קוראַטאָרן־קרייז — פרעזעס געשאַפן היינט אַ ק״ק פאַר מינדעריעריקע. ביים ק״ק אַ געריכט פאַר יוגנטלעכע פאַרברעכער. (ל״ג, פראַנק, 20.8.41).

קורין — בונקער. געמאַכט אַ גוטן ק׳ פאַר דער גאַנצער משפחה אין וואַלד. הסתתרנו במחבוא ק׳. (ס׳ ראָקיטנע, ז׳ 287, 315, 321; ס׳ לודוויפּאָל, ז׳ 239).

קורניקל — פלעשעלע נאַפט מיט אַ קנייטעלע. (ס׳ ברנוביץ, ז׳ 575). קאָניצל. (באַר־שטשיוו; ס׳ איוויע, ז׳ 601). זע: קאָפּטילקע.

קורצער — זע: לאַנגע. ק׳ אָטעם: מתים פלעגט מען לייגן אויף עגלה איינעם אויפן צווייטן. אַ ייד באַמערקט דאָס: — איך לויף גלייך צו רומקאָווסקין בעטן, מ׳זאָל מיך לייגן פון אויבן, ווייל כ׳האָב אַ קורצן אָטעם. (ל״ג).

קיבוץ — פאַר די קלאָזעטן שטייען רייען. „דער וואָס שטייט אוממיטלבאַר פאַר דעם וואָס זיצט און טוט זיינע באַדערפעענישן, הייסט ק׳. (ל׳ פלאַשוו, ענלעך אין טרעבלינקע).

קיבוצים — אין ל״ג עקזיסטירן ק׳ פון פאַרשידענע ריכטונגען. זייער זיצאָרט און אַר־בעטפעלד ביי לאַנדווירטשאַפט אין מאַרישין. זיך געטיילט אויף גרופּעס, ב־צייכנט מיט אותיות און ציפערן. אָנגעפירט מיט זיי האָט אַ ועד הקיבוצים. אויפזיכט איבער זיי געהאַט די מאַרישין־מיליץ (מ.מ.) אין זיין אינערלעכער קאָרעספּאָנדענץ דער ועד זיך באַנוצט מיט העברעיש. אין טשענסטאָכאָוו ק׳ גערופן די יידישע קאַמפּסגרופּע. (ל. ברענער, כ״י).

קיטקע — קויפט ביי מיר אַ פרישע קיטקע, / קויפט ביי מיר אַ לוקסוסאָווע. / כ׳בין דאָך איטקע פון טאַרגאָווע, / מיינע ברויטלעך האָבן אַלע מעלות. („איטקע״ פון שיינקינדער, געזונגען דיאַנאַ בלומענפעלד. וו״ג, ר״א). פאַר דער מלחמה: „יעדן אָרעמאַן אַ פערטל גאַנדז, אַ קיטקע מיט מאָן און אַ קוואָרט ביר״. (ז. שניאור, קיסר און רבי, ז׳ 18). ק׳ — געפלאָכטענע חלה. (ס׳ לידאַ, ז׳ 206).

קיילעס — ליטוויש: פּעל, פוטער. אין די ק׳־בלאָקן וווינען ביי 1,500 אַרבעטער. „קיי־ליס״ לעבט היינט איבער אַ גרויסן יום־טוב. (קרוק, טאָגבוך, 22.12.41).

קיילעכדיקס — סאַכאַרין. (אָרענשטיין, טשענסטאָכאָוו, ז׳ 221).

קיעווודיקס — ברויט. (קאַפּלאַן, ז׳ 21).

קילאַריבן — ווייסע צוקער־ריבן (בערעקעס), געגעסן רוי, באַשמירט מיט מאַרמאַלאַד, צוגעטיילט אין די ראַציעס. (ל״ג, ש. גאָטליב). **ק׳־צוטייל; קיל־ריבן.** (קוויאַט־קאָווסקאַ, פון לאַגער, ז׳ 20). זע: טאַלאָן.

קימפעטאָרין — אַ ק׳ גייט שווער צו קינד. ווי באַר די מענטשן גייען אַרויס פון שטוב, קומט אַרויס אַ ייִנגל און פרעגט: „מאַמע, מען קאָן שוין אַרויס, מען כאַפּט נישט?״ (ריגג׳, אַקט׳ 1941). דער וויץ באַקאַנט אויך אויף דער אַרישער זייט.

קינאָ — אינעם ביי־געעפנטן ק׳ וועט שפּילן דער פילם „טויזנט און איין נאַכט״. די ערשטע מעשה וועט זיין... זעמל. (ל״ג, אַבי 21).

קינדער — „דאָס זענען שוין נישט קיין ק׳, נאָר קליינע יידעלעך״. 11—12 יאָריקע אַרבעטן און טיילמאָל זענען זיי מפרנס די עלטערן. **„צוואַנג־אַרבעט פאַר בחורים״** (קינדער). ביי דער פּיעטריקאָווער ייד. קהילה געשאַפן אַ קאָמיסיע: „די ק׳ (אין די אָבאָזן) זאָל גאָרנישט פעלן״. „די ק׳ די רייכע (וואָס גייען נישט) **צאָלן** דאָס געלט״; „גיט אונדז צוריק אונדזערע קינדער״ — **האָבן** די עלטערן געשריען. דערפאַר די בחורים כסדר גערופן ק׳. (קורץ, כ״י, ז׳ 168). **ק׳־אַקציע.** די זויגלינגס פּאַקט מען אין די זעק. דער דייטש טרעט מיט די פיס, ס׳זאָל מער אַריין. **אַקציע אויף ק׳.** (ק. צעטניק, דער זייגער, ז׳ 33/6). סלאָבאָדקע, נאַכט 25/26 יוני 1941, טויזנט קינדער צוגענומען; מערץ 1944 — 900 ק׳. דייטשן חוזקן: זינט היער נאָך קאַטצען דאָ? (יעלין, ז׳ 11). **ק׳־טראַנספּאָרט־בריגאַדע,** לייטער מולקע (חזן). זע: טראַנספּאָרט. **ק׳־ווינקלען,** אַרום 1030, באַדינט דורך 30 ווינקל־פירער. (נאָטיץ, 30.4.41), וו״ג, אונדזער צייט, אַפּריל 1958, ז׳ 25, ר״א 106). **ק׳־קאָלאָניע** — געעפנט 18.8.40 אין מאַרישין. (ל״ג, לוח 42). זע: הויז־קאָמיטעט. שטייט די באַלעבאָסטע פון אַ יאָר זיבן. נאָך נישט אָנגענומען אין רעסאָרט (זע). (א. שנור, קינדער אין ג׳, ליד, ס׳ בייטש, ז׳ 94).

קינדער־ריין — בזשעזשין געבליבן ק׳־ר׳ און זקנים־ריין. (ס׳ בזשעזשין, ז׳ 142).

קעלץ — אין קעלצער ג׳ בעתן אַנטשטיין פון דער יידישער פּאָליציי: „ביי אונדז אין ק׳ איז שוין באַלד ווי אין תל־אביב״.

קיפּן — מען קיפּט, מ׳שלאָגט. (וו״ג, סמאָקאָווסקי).

קירזשנער — היטלער. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

קירכהאָף — גזירה פון ק׳, אַמטס־קאָמיסאַר אין ביאַל״ג, געפאָדערט 21 מאַן צו שווערע אַרבעט: מאָלן שטיינער. די אויפזעער שלאָגן. ק׳ באַרימט אין גאַנץ דייטשלאַנד אַלס שטראָף־ל׳־פירמע. די גזירה געטראָפן פיל שטעטלעך אַרום ביאַליסטאָק. (ביאַל״ג, 1084, ב״ק).

קירקע — ביגע צו צעשלאָגן האַרטע ערד. „אין ל׳ מיך פאַרשפּאַרט / און גלייך מיך נומערירט. / אין האַנט געגעבן אַ קירקע און אַ קאָל״. (ליד „ווילנע״, מ״ז 73).

ק. ל. — קאָנצענטראַציע־ל׳. „דאָ איז אַ ק.ל.״ — שרייט אין בירקענאָו אַ יידישער קאַפּאָ. (ס׳ זאַמבראָוו, ז׳ 152). דער בלאָקאַווי אין מיידאַנעק שרייט: „איר מיינט אַז ק. ל. מיינט קאָנצענטראַציע־ל׳, נישט ריכטיק, דאָס איז קיין

לעבן!" (עמער י., עדות, ייה"ק). באַנוצט אין אונטערערד: קריגס-לאַזאַרעט. (קאָוונע, יעלין, ז' 42).

קלאַגפירער — שטאָט קאַלאַנעבפירער. (קאַפּלאַן, ז' 37).

קלאַנגען — עס גייען אַרום ק', אַז מען גייט מאַכן אַ ג', אָבער ק' זענען דערווייל האַלבע צרות. און האַלבע צרות זענען ברוך השם, נישט קיין גאַנצע. (וואַרשע, אַלבערט, ז' 29); מען גראָבט גריבער פאַר אַן אַקציע (זע); אַ פּראַכט-צוג אויף דער סטאַציע (פירט קיין טרעבלינקע). (ס' ביאַלאַ-פּאַדלאַסקאַ, ז' 418). זע: שוואַרצע קראָען.

קלאַווישן — קלוטשניקעס (אויפזעער) אין תפיסה פּאַוויאַק. (די צען, כ"י; הירשהויט, פינצטערע נעכט, ז' 71).

קלאַפּסידרע — „ק' — טויט-שאַרבנס". (ל"ג). מענטשן ווי מתים. (גלובע, יו"ש). זע: קלעפּסידרע.

קלד — קאָנצענטראַציע-לאַגער דאַכאַו. די העפטלינגען, יידן פון ווין 1938, טייטשן די ר"ת: „קאָן לאַנגע דאַוערן". (אַרי אבן זאב, בראשית הסער).

קלומפּעם — הילצערנע שיך. „ק' אויף האַרבסט און ווינטער. אין דער קלומפּאַרניע גרייט מען האָלץ פאַר ק', עס זאָל באַפרידיקן דעם נאָכפרעג אויף ק'". (קרוק, 10.9.42). „לויזע, הילצערנע לאַגער-שיך. זיי רייסן די אויפגעלאָפענע, געלע הויט פון די פיס, וואָס שיילט זיך ווי פאַרלעגענע, אַלטע ציטרין-שאָל". (ל' מאַנאַוויץ). „די גרויסע ק' קלאַפּן פון ווייטנס". הילצערנע ק'. (ס' סמורגון, ז' 397). קלימפּערס (אין ליד פון חייטין: ווען עס קומט אַן דער פרימאָרגן, שאַוועל, מ. ז. ב"ר 68). הרב צוקערמאַן אַלס ק'-מאַכער. (סעגאַלסאָן, ז' 130). „קינדער-ק' פעלט נישט". (אוישוויץ, א. ווייץ, פּאַריזער שריפטן, 4-3, ז' 84).

קליינהענדלער — „קינדער גייען אַרויס פון ג' קויפן און פאַרקויפן — גערופן ק'". (ס' וואָלאָמין, ז' 419).

קליין-טרעבלינקע — זעקסטע אַקציע, א"ג ק'-ט', 26.5.42. אַרבעטן אויפן ראַדזינער שאָסיי. שפּעטער אָפּגעשיקט קיין מיידאַנעק. (ס' מעזריטש, ז' 570).

קליינע — מ. (מורער) פאַרלאַנגט 250,000 ק' (הערה: מאַרקן). (קאַלמאַנאָוויטש, טאָגבוך, 27.12.42, ייוואָ-בלעטער, ב' 51, ה' 35).

קללות — זאָלסט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי; זאָלסט אַריינפאַלן אין אַבוז פּראַצי; זאָלסט האָבן אַזאַ קאָליר ווי די געלע לאַטע; גאָט אין הימל זאָל אין דיר אַזוי געדענקען, ווי דו געדענקסט אָנצוטאָן די אָפּאַסקע; עס זאָל דיר געשען דאָס וואָס איך ווינטש דעם וואָס דו ווייסט שוין; דו זאָלסט אַרונטער אונטער אַ קאַנגע טראַמוויי; היטלער זאָל אַזוי לייכטן, ווי עס לייכטן די היינטיקע ליכט; היטלערס „גאָלדענע יויך" זאָל זיין אַזוי פעט, ווי די מיטאָגן אין אַ פּאָלקס-קוך: זאָלסט מיר ווערן אַ קעסט-קינד אין אַ פּאָלקס-קוך; זאָלסט מיר אַריינפאַלן אין די הענט פון משולם קאַמינער (געפירט די מתים-אָפּטיילונג פון דער וואַרשעווער גמינע); משולם קאַמינער זאָל מיט דיר האָבן צו טאָן; זאָלסט אַזוי ברענען, ווי דאָס היינטיקע ברויט (אויפן האַרצן). (ר"א, פאָלקלאָר, ב' 2).

ביים אָפּגעבן די פּוטערס: „שלא תזכו ללבשם, שיהיו הם כפרתנו. התפּללו: „לי לחיים ולך למוות". (וו"ג); אונדזערע צרות געזאָגט אויף זיי (דייטשן); זאָלן נישט דערלעבן אָנטאָן (ביים נייען מונדירן); זאָלן זיי גיין מיט אַלע קלאָגן (אָדער) מיט אַלע יידישע צרות; זאָל דיך כאַפּן דער קלאָג; גאָט זאָל שוין אין דיר פּאַרגעסן; גייענדיק צו דער אַרבעט: צו שלאָגן — בלוט פון אייערע אויגן; אויפן עראָדראָם: זאָלן נישט צוריק קומען! אַ מצבה נאָך זיי! די גוטע דייטשן: אַ לייכטן טויט אונטער אַ וואָגן פּעדערן; די שלעכטע דייטשן — אַ שווערער טויט; אַ גוטן דייטש — אַ זיסן טויט. וואָס הייסט דאָס? — אונטער אַ וואָגן מיט צוקער; די פּליערס — אַ שנעלן טויט — אַראָפּהאַקן די קעפּ מיט אַ פּראָפּעלער. (יעלין, ז' 190/2, קאָוונע).

זאָל דיר דאָס היטל צוואַקסן צום קאָפּ אויף אייזנגאַס־לעשנע. (וואַרשע, געדאַרפט דאָ אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דער וואַך); אַן אַקטועלע ג'־קללה (גיכער אַ ברכה): זאָלסט אַזוי דערלעבן צו קומען צו קבר ישראל. (קרוק, 28.5.42); לאָדזש: נאָך וועמען זיצט איר שבעה? מ'זאָל שוין זיצן שבעה נאָכן שונא ישראל. (שפּיגל, אין אַ טויטן־געסל); שמעתי עוד בהיותי ילד מין בטוי ביידיש שמדברים על „שמונים ושמונה פּוילישע קללות" וחשבתי שזה סתם פּתגם כזה. אבל בשמעי את הקצטניק הזה כשפער את פּיו, כאילו יצאו מתוך פּיו לשונות אש כמין אוטומט. חי, אמרתי, שהגרמנים כאין ואפס נחשבו עם קללותיהם נגד אלה, בפרט היותו ננס, התפּעלתי, כיצד יכול לצאת כל כך הרבה מבטן קטנה כזאת. ממש פּלא! (כ"י, 114, ייד פון אונגאַרן, געווען אין אוישוויץ). „יידן, זאָל זיין פריילעך! מיר האָבן זיי אין דער ערד". (געבירטיק, מינוטן פון בטחון, קראָקע 2.10.40). „ק' — דער כלי־זין פון שוואַכע. וויפל מאָל דאָס געהערט אין ג'". (מאַקאָווסקי, ווערמאַכט געפאַלגע [פּויליש], ז' 336).

קלעי — „קלעי נאַ סטול" (אויפן טיש), וואָרנצייכן אין פּאַפּיר־געמיינשאַפט. (פּלאַשוו, פּויליש).

קלעיעק — זופּ. (ל"ג, הילער, 25.1.44). צוליב דעם וואָס ס'איז נישטאָ קיין קילאָריבן, ווערט אין רעסאָרט געגעבן ק'־זופּ, אַ שיטערער קרופּניק מיט עטלעכע שטיקלעך קאַרטאָפל.

קלעפּסי־קלעפּסי — גנבענען, אָרגאַניזירן. גריכישע יידן אין ל.' (קאַפּלאַן, ז' 39). יידיש־רעדנדיקע פאַרשטיין דאָס וואָרט „קלעפּ־צי". (דיאַמאַנט). זע: אָרגאַניזירן.

קלעפּסידרע — „אין דער ריי נאָך פּאַפּיראָסן זענען די ק' גאַנצע ריזן. לויט די כוחות וואָס זיי ווייזן אַרויס ביי די פּאַפּיראָסן, זענען דאָס אַטלעטן און נישט קיין ק'־ס ווי יעדערן דאַכט זיך". (הילער, 6.4.44). זייער אויסגעדאַרטע, ס'רוב שטייען זיי אַ מינוט פאַרן טויט. (ג'־לעקס'). „אַ ק' אויפן פּנים, ווי מען זאָגט עס פּראָסט־פּשוט אין ג'". (סעראַקאָוויאַק, 20.6.42, ביולעטין ייה"ה נר' 30, ז' 116). „אַלטע ווייבער און סתם באַקלעפּסידירטע פּנימער". (זעליקאָוויטש, 19.7.42, כ"י).

קנאה — „נאָך דער אויסזידלונג אויגוסט 1942, איז געבליבן די אָדע פּאַריתומט. זיי האָסן די צוגעקומענע פון אַנדערע שטעט. זיי זענען יענע מקנא וואָס זיי לעבן. דאָס איז אַ פּסיכאָז. זייער אָפּט געהערט: אונדזערע לייטישע יידן זענען געגאַנגען און אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען אָט די דזיאַדעס". (באָכניע, זעלינגער, ב' 3, ז' 5). „וורענעס, אומגלויבלעך דאָס זיי זענען דאָ פאַרבליבן פּרייוויליק. וואָלטן מיר געווען וורענעס". (15.7.44, ר. אָפּענהיים, טערעזיענשטאָט, ז' 232, דייטש). „מיין זונדעלע באַמערקט פון בוידעם ווי אַ שכנטע גיט עסן אַ קאַץ. האַלעוויי וואָלט איך געווען אַ קאַץ! מיר האָבן זיך געראַטעוועט פון שיסן, איצט וועלן מיר אויסגיין פון הונגער". (ס' קראַשניק, ז' 400). „לו הייתי כלב". (ס' אנטופול, ז' 340); מקנא די טויטע. (ס' לודמיר, ד' 441 א"א). זע: קבר.

קניידל(עך) — 1. „ווי אַזוי זאָל איך מאַכן ק' פון די פאַרפרוירענע קאַרטאָפל?" — „קוועטש אויס די קאַרטאָפל, דאָס וואַסער גיס אויס, דאָס האַרטע וואַרף אַוועק און נעם מצה־מעל, אייער און שמאַלץ — וועסטו האָבן ק'". (ל"ג). 2. באָמבעס. ביינאַכט לופט־אַלאַרם. „זאָלן זיי אויך וויסן דעם טעם פון מלחמה. דעם טעם פון ק' אַן יויך". (ל"ג, פראַנק, 3.9.41).

קניירי — הרעב מציק מאד. הילדים צועקים לחם. עומדות נשים מסביב לקרסקטין ומגרשי חניה לחיילים ההונגאריים ומבקשות לחם. במשך זמן קצר למדו מלה אחת הונגארית: ק' (לחם). צועקים הילדים: ק'! ק'! (קאָלאָמיי, אונגר, זכור, ז' 22). אָנהייב מלחמה מיט ר"פ, די געגנט אַרום קאָלאָמיי פאַרנומען אונגאַריש מיליטער, יולי 1941.

קנעפּלעך — גאָלדענע מטבעות. (קאַפּלאַן, ז' 24). אָט־אָט וועט אָנקומען עפּעס אַ צירק מיט ווילדע חיות און ווי זאָגט מען: אַ קנעפּל — אַ קוק! (סאַלאָמאָנאָוויטש, ז' 335). „ערב יום־כיפור, פיל ק' אין דער שול". (רינג', סעפּט' 1941, כתבים 1, ז' 300). ק' — מענער.

קסיענזשנאַ העלענאַ — ק' קענסטו (ל"ג). די פרויען פון רומקאָווסקין און זיין ברודער יוסף.

קעז־וואָגן — „דורך אַ גאַס פון יידישן פערטל פלעגט יעדן טאָג אַדורכפאָרן אַן אויטאָ. מיר האָבן אים גערופן ק'־וו', ווייל אויפן אויטאָ געווען אָנגעגעבן אַ פירמע פון קעז. אַ פעלדוועבל געפאָרן מיט דעם וואָגן און כאַפּט מענטשן. נאָר אַז מען האָט אים געגעבן אַ פּאָר זלאָטיס, האָט ער נאָכגעלאָזט. יידן מאַכן ספּאָרט, לויפן און לאָזן זיך נישט כאַפּן. אויב אַריינפאַלן — צאָלט מען". (קראָקע מנחם זעלינגער, ה' 1, ז' 24).

קעזל — „וואָס מיר פּאָליטיק, אין דרערד די גאַנצע וועלט! אַ ק' איז דאָ? — אויב יאָ, קאָנען זיך אַלע די גרויסע קעפּ צעהאַקן, אַבי מיר באַקומען אַ שווייצער־קעזל". אויף די טאַלאָנען אין ל"ג, באַקומען צו 100 גראַם שווייצער־קעז. (פראַנק, 22.7.44).

קעלבער — גראַנאַטן געווען דרייערליי: גרויסע, 57 ק"ג, גערופן ק' מיטעלע, 38 ק"ג, „מאַמקעס", ווייל געווען ענלעך צו גומי־זויגערלעך פאַר קינדער; די קלענסטע, 27 ק"ג, גערופן „לאַלקעס". (שטריגלער, אין פאַבריקן, ז' 207).

קעלער — בריוו פון 23.8.43: „ווי דו ווייסט, בין איך קראַנק, אפשר וועט מיך קענען אויסהיילן דער באַוווּסטער דאָקטער קעלער. דו האָסט אַוודאי וועגן אים געהערט. ער איז זייער פּאָפּולער. ס'איז מיר שווער צו געזעגענען זיך". (ס' זבורוב, ז' 86). עס קומט אָן אַ בריוו פון וואַרשע: „די בעסטע פריינד — פּאַן קעלעראָווסקי און פּאַן בוידעמאָווסקי. דער ערגסטער פיינד האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַן שיינאָווסקי (פון „שיין"). (פּ. קאַפּלאַן, חורבן ביאַליסטאָק, 1943. 2). „עלף קעלערדיקע יידן ווערן פאַרשפּאַרט און אומגעבראַכט. אַ ברודער־קבר פון די זיבעצן קעלערדיקע". (ס' גאָניאָדז, ז' 634). זע: מעטאַפּער.

קעניג — יאַקוב דער ערשטער, דער עלטעסטער געגנס (ווויל"ג, קאַטשערגינסקי). ק' פון ג', שמאַי גראַיער, לובלין. זע: קרול; מלך.

קעניגלעכע דענישע פּליטים — פּליטים פון דענעמאַרק און שוועדן. (וועלנער, ביי די ברעגן פון אוירעסונד, ז' 164).

קענצייכן — אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד (זע).

קענקאַרטע — דעצעמבער 1941 האָט מען אַלע מענער, יידן פון 10 יאָר ביז 60, רעיעסטרירט. דער אַרבעט־אַמט האָט זיי געגעבן אַ ק'. פאַראַן 3 שטופן לויט דער טויגלעכקייט פון רעיעסטרירטן: א, ב, צ. אַלע געוואָלט באַקומען די ערשטע שטופע — א. ווער ס'האָט געהאַט געלט, האָט אַלץ געקאָנט דערגרייכן. (זכרונות, ס' טשאָרטקאָוו, ז' 136). „סדרה קענאַרטן. אַן אומגליק מיט אונדז, יידן. ס'איז שוין אונדז נישט צו דערקענען. הייסט מען מאַכן קענקאַרטן";
אַז כ'וועל שוין מאָרגן מאַכן אַ פאָטאָגראַפיע און אַ ק', וועט מען מיך מאָרגן דערקענען? אַ ברויט־קאַרטע, אַ דאָדאַטקאָווע קאַרטע, אַן אַרבעט־קאַרטע, אַ שאָפּ־קאַרטע און אַ ק'. וויפל קאַרטן דאַרף ער עס האָבן, כדי ער זאָל מיך קענען הרגענען? (ר"א, נר' 172). אַ באַנדע משוגעים: אַ לענטע, אַ היטל, אַ בלעכל ווי פאַר אַ הונט, אָדער אַמאָליקן סטרוזש. „ס'איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג וועגן אַרויסגעבן ק'. דאָס ווערט באַצייכנט ווי אַ גוטער סימן, נאָך דערצו, ווען דער טערמין ביז ווען די קאַרטן דאַרפן אַרויס גענומען ווערן, איז פאַרלענגערט געוואָרן". (דוד קלין, וו"ג, ז' 126).

קעסט — אין אַלע ערטער וווּ ס'אַרבעטן מער ווי 15 יידן, דאַרף מען איינפירן ק' פאַר יידן. די ק' באַשטייט פון וואַסער, פאַרמישט מיט אַ ביסל מעל. (פּנקס שבלי, ז' 146, 155).

קעסטל — 1. אין סקאַרזשיסקאָ האָט מען די דערשאָסענע אַריינגעוואָרפן אין אַ ק' און אַרויסגעפירט ווי מיסט. אַ פאַרזינדיקטן האָט מען אַריינגעוואָרפן אין ק' אויף אַ גאַנצער נאַכט, וווּ ער איז געלעגן מיט טויטע. „אין ק'" — אַ שרעקוואָרט פון ל'. (מ. באַקאַלטשוק; שטריגלער, גורלות, ב' 1, ז' 131). 2. „וואָס מער דו גייסט אין ק' (אָרון), אַלץ שטאַרקער הייבט זיך ביים גביר דאָס ווּעסטל". (ר"א). ק' — אָרון פון פינקערטן. (טיטעלמאַן, 20.12.4)). 3. געהיימע „קעסטלעך" צעטראָגן די ידיעה וועגן דעם אויפשטאַנד (1944). (צוקונפט, אַפּריל 1958). ק' — געהיים אָרט, וווּ מ'פלעגט איבערגעבן געהיימע זאַכן. זע: סקריטקאָ.

קעסל — דעם 5.9.42 בייגאַכט, גיט די יידישע פּאָליציי צו וויסן, אַז מאָרגן 10 פרי מוזן אַלע זיך צושטעלן מיט זייערע זאַכן אין פּירעק וואָליגסקע־זאַמענהאָף. מ׳וועט באַקומען נייע נומערן און צוריקגיין אין די שאָפּן. אַ הונדערט טויזנט מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט. 60,000 האָט מען צוגענומען, דער רעשט איז צוריק אַרבעטן. (טורקאָוו, אַזוי... קאַפּיטל 26; פּאַרלאָשענע שטערן, ב׳ 1, ז׳ 115). „קאַציאַל וואָלינסקי". (א. לובער, לעבן און טויט און וו"ג, רוים, פּויליש; ניישטאַט, חורבן, ז׳ 93; ר. אוירבך, בחוצות ווארשה, ז׳ 111 א"א). באַנוצט אויך אין פּויליש: קאָציאַל.

קעפּל(לעך) — שמוגל פון מענטשן. ק׳ — אַ קלענערער פון פּראָדוקטן, אַ גרעסערער פון ק׳, ד"ה לעבעדיקע מענטשן אַרויס און אַריין אין ג׳. דער אָפּצאָל פון אַ ק׳ איז פאַרשיידן, אָפּהענגיק פון דער טענדענץ און פון דער קעשענע פון קליענט. די יידישע פּאָליציי נעמט 40% פון אָפּצאָל, די פּוילישע — 5 גילדן אַ קאָפּ. דאָס רעשט געבליבן ביי דער חברה. (ר"א, נאָטיץ, 9.7.42). בעת אַן אַקציע, האָט מען נישט גערעדט וועגן מענטשן, נאָר וועגן „קעפּ". (טורקאָוו, אַזוי, ז׳ 284). „היינט צוגעשטעלט אַזוי פיל און אַזוי פיל ק׳". (י. פּערלע, חורבן וואַרשע, 1942). ק׳ פּעטע — רייכע. (וו"ג, קאָרנגאָלד, ב׳ 2, כ"י). „האַנדל מיט ק׳ אין טעג פון קאָנטינגענטן" (זע), בעת דער גרויסער אויסזידלונג אין וואַרשע. (רינג׳, כתבים, ז׳ 12, 36). פּויליש: לעבעק, לעבקי.

קעצישע שחיטה — אין ל"ג פאַרהאַלטן אַ ייד, וואָס האָט אַ לענגערע צייט געכאַפּט קעץ, געהרגעט און פאַרקויפט פאַר קעלבערן פלייש. (פראַנק, 20.5.41).

קעראָווניק — לייטער פון אַ רעסאָרט. איבער אים — אַ קאָמיסאַר. (ל"ג). מ׳פרעגט אַ ק׳ אין זיין ביוראָ: „וואָס איז דאָ אַזוי הייס ביי דיר? ענטפערט ער: „ווי קאָן דען זיין אַנדערש? איך באַק דאָ מיין ברויט". (ראָזענפּאַרב, ב׳ 3, ז׳ 468).

קראָוואַ — פּויליש: קו. דער דייטש געלאָזט אין גאַנג מינען־וואַרפער. גערופן „שאַפאַ" אָדער רעוונדיקע קו. דער קול פון די מינעס — ווי דאָס איבערוקן אַ שאַנק, ווי דאָס רעווען פון אַ קו (ריטשאַנצאַ). וואַרשעווער אויפשטאַנד, 1944. (באַזשיקאָווסקי, צווישן, ז׳ 247).

קראַטעס — ליטוויש: קראַטיטי. הויז־זוכונגען. מ׳האָט געזאָגט אַ ק׳ אין שטוב. (קאָווגע). „זעלנער רינגלען אַרום די הייזער, גייען פון הויז צו הויז, זוכן סיסטעמאַטיש, פאָדערן: גאָלד, זילבער, קליידער, שיכוואַרג. דער באַזוך דויערט אַ גאַנצן טאָג". (יעלין, ז׳ 167).

קראַטקע — מ׳קאָסירט איין צו צוואַנציק און מער שמיץ. אייניקע קומען אָפּ בלויז מיט ק׳־צייכנס אויפן אונטערשטן קערפּער־טייל. אַנדערע וואַנדערן פון דער וואַכע גלייך אין שפּיטאָל אַריין. (טשענסטאָכאָוו, האַסאַג, ל. ברענער).

קראַיאָווצעס — קומען אָן ק׳. (ס׳ ברייגסק, ז׳ 378). זעלנער פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ (זע).

קראַנקע, קרענק — מ׳האָט געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר דייטשן די אַנשטענדיקע ק׳, דעריבער דער דאָקטער באַצייכנט דיפטעריע ווי אַנגינע; בויכטיפוס — פאַרדאַרבונג. די דאָזיקע באַצייכענונגען אָנגענומען אין ג׳ שאַוול. (שאַליט, ז׳ 83). „מ׳דערשיסט די ק׳, אַ סימן אַז די געזונטע אַרבעטער וועלן בלייבן לעבן". (ס׳ קאָלאָמיי, ז׳ 341).

קראַנקענבאַו — רעוויר, שפּיטאָל אין ל'. (ס' זעלוועו, ז' 231; ס' אוישוויץ, ז' 473). קראַנקען־שטובע, שפּיטאָל־בלאָק. (אייזענבערג, פּאַר וואָס, ז' 102).

קראָען־קאָנצערט — בשעת דעם ערשטן קאָנצערט אין ווילנער ג' — אַן אויסגעשריי: „אויף אַ בית־עולם מאַכט מען נישט קיין טעאַטער"; „קיין איינער וועט נישט גיין אויף דעם ק"ק". (קרוק, 17.1.42). זע: שוואַרצע קראָען.

קראַפּיווע — מענטשן תמיד זי אויסגעמיטן, כדי זיך נישט אָפּבריען, האָט איצט געדינט ווי אַ זאַך צום עסן. (דוניה רוזן, ידידי יער, ז' 34). ק'־זופּ. (ס' גבוזדיעץ, ז' 150). זע: קריגסוויכטיק.

קראַפּקאַ — 1. צוויי ק' גייען (יידישע פרויען אויף דער אַרישער זייט, לוואָוו). 2. „וואָס פּאַראַ באַדייטונג האָט עס, אויב ראָזענבלאַט גיט אייך נאָך אַ ק' צי מער. אַן אייך, וואָלטן זיך די מענטשן אין ג' פאַרוואַנדלט אין חיות, וואָס וואָלטן זיך אויף שטיקער צעריסן". 3. ק' — אָפּצייכן פון אַ העכערער שאַרזשע אין דער יידישער פּאָליציי אין ל"ג, צום 3־יאָריקן יובילײ פון דער אָדע. (אַרכיוו ייה"א). פּויליש: פּונקט.

קראַפט דורך פריידע — Kraft durch Freude. דייטש־היטלעריסטישער פאַראיַן. „קראַפט דורך שאָדענפריידע". (רינג', יאַנואַר 1942).

קראַץ, מאַכן אַ ק' — אָפּציען בשתיקה פון אַ קאָמאַנדע, כדי צו מאַכן אַ מיסחר אויף דער אַרישער זייט. (קאַפּלאַן, ז' 27).

קרול חיים — 6.9.40 געווען אין וואַרשע רומקאָווסקי. אין ל' רופט מען אים ק' ח'. (רינג', 9.40). זע: קעניג.

קרוליק — 1. פרויען, וואָס געמאַכט מיט זיי מעדיצינישע עקספּערימענטן. (ל. פלאַ־שוואַו, אוישוויץ, ראַווענסבריק א"א). 2. פּוילישער אונטערערד באַצייכנט מיט ק' אַ פרוי וואָס האָלט אַן באַציונגען מיט דייטשן און מ'גאָלט איר אָפּ דעם קאָפּ.

קרומע שיך — אויף אַ טענה צום וויצע־פאָרזיצער פון קאָוונער עלטעסטן־ראָט, הלמאי אין ג' פירן באַאַמטע נישט קיין זויבערע אַרבעט, געענטפערט: „צו אַ קרו־מען פוס ווילט איר אַ גלייכן שיך?" (קאַפּלאַן, ז' 36).

קרופּיאַזש — קויפן־אויף אַלטע שיך, נעמען זיי פונאַנדער, סאָרטירן און פאַרקויפן דאָס די שוסטערס ווי רוי־מאַטעריאַל. (וו"ג, טיקאָטשינסקי, ר"א 104).

קרוציצע — אַ ביקס מיט אַן אָפּגעשניטענער לופע. (ס' באַראַנוביץ, ז' 480, 499; לי־דאָווסקי, ביער, ז' 52, 106).

קריגס־וויכטיק — פאַר 300 זלאָטיס באַקומען אַ קאַרטע אַלס זאַמלער פון קראַפּיווע אויף די פעלדער, דינט צו באַאַרבעטן אויף טעקסטיל. אַנדערע זאַמלען פעדערן, שישקעס פון ביימער אאַז"וו. (שניצער, קאָלאָמיי, כ"י, ז' 78; ס' גבוזדיעץ, ז' 150).

קריווקע — פּויליש: באַהעלטעניש. ליד: איך זיץ אין ק' און טראַכט זיך: / איך בין שוין מיד, אַז דאָס אויג פאַרמאַכט זיך. (מחברים: יעליע מגיד און גערצמאַן, קולטור־קאָנגרעס, 20 יאָרטאָג פון וואַרשעווער ג'־אויפשטאַנד, ז' 26; לייב ראָכמאַן, כ'האָב... ז' 17, 69). קריוווקעס — סקריטקעס. (העניע זילבערמינץ). שטאָט ק' באַנוצט „קרישיאַ" פון kryć się. (רינגל', יידיש־פוילישע באַציונ־גען, יו"ש־אויסגאַבע, ז' 230; Polish-Jewish Relation).

קרייז־אינספּעקטאָר — אין ביעלסקאָ אַ יודענעלטסטער באַמינירט ווי דער „יידישער קרייז־אינספּעקטאָר”.

קרייזיודענראַט — אין אַ טייל גרעסערע שטעט געווען ק׳, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס אויסגעפירט די קאָנטראָל איבער די קלענערע יודענראַטן אין זייער קרייז: ראָדעם, פּשעמישל, טשאָרטקיוו, זבאַראָוו, זע: (ס׳ יעזיערנע, ז׳ 198, 242).

קרייער — היטלער. „קודם גערופן ‚פּיר׳”, די דייטשן זיך געכאַפּט, האָט מען געענדערט אויף „שרייער”. פון דעם — ק׳. (אָרענשטיין, טשענסטאָכאָוו, ז׳ 67).

קריכנדיקע — לייז. די ק׳ עסן אויף לעבעדיקערהייט. (פרענקעל־זאַלצמאַן, העפּטלינג, ז׳ 130 ; ס׳ זשעלעכאָוו, ז׳ 299 ; ליטמאַן יואל, יר״ש, כ״י, ז׳ 22).

קרימינאַל־פּאָליציי — געהאַט אַן אייגן הייזל. „רויטע הייזל” אין ל״ג. „זאָרגן פאַר קרימינאַליסטיק אין ג׳ ”. (פראַנק). **קריפּאָ, קריפּ.** יידן געמוזט צושטעלן אַלע הויז־חיות, אַפילו הינט און קעץ. (בריקס, אַ קאַץ, דער טאָג, 23.10.49). קריפּאָוויעץ (ווצעס). (ראָזענפאַרב, ב׳ 2, ז׳ 140, 293, 384). שלאָגט אַ יידן פאַר און נאָך דער רעוויזיע און פאַרענטפערט זיך: פריער האָב איך דיר באַצאָלט, ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל עפּעס ביי דיר געפינען. אַצינד באַצאָל איך דיר, ווייל כ׳האָב אומזיסט געאַרבעט. (בריקס, דער קייסער, ז׳ 110). אַ ייד וויל באַגיין זעלבסטמאָרד, צעשרייט ער זיך: „ניעך זשיע פּאָלסקאַ!” (זאָל לעבן פּוילן!). וואָרנט אים דער קריפּאָ־פּאָליציאַנט: שטילער, דאָ זענען פאַראַן פאָלקס־דייטשן אויך. (ס׳ האָראָדענקאָ, ז׳ 292).

קריפּל — יעדער ייד וואָס איז נושא־חן אין די אויגן פון די דייטשן. (ווייַנטראַוב, ווערטער־רשימה).

קרישיאַ — זע: קריוווקאָ.

קרעמאַטאָריע — מיידאַנעק. אַ קאַפּאָ גיט צו פאַרשטיין די ניי־אָנגעקומענע אין ל׳: „אויב עמעץ פאַרזינדיקט זיך, גייט ער אַריין אונטן און קומט אַרויס אויבן, מיטן רויך”, אָנווייזנדיק די ק׳. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 362).

קרעפּיר־לאַגער — אין אַ שטאָט ווערט געשאַפן אַ ג׳. דער קאָמענדאַנט רופט עס ק.־ל׳. (ביולעטין, וו״ג, 10.9.41, נ״ר 11—12 ; אוישוויץ ; קוויאַטקאָווסקאָ, פון לאַגער, ז׳ 46). „דאָ איז אַ ק׳־ל׳ ”. (גראַדאָווסקי, כ״י, אוישוויץ, 1944 ; מאַרק, מגילה, ז׳ 334 א״א).

קרעצע־בלאָק — פאַר הויט־קראַנקע, קאַנדידאַטן פאַר דער גאַז־קאַמער. אוישוויץ.

ר

ר. — רוסן — זייער אָפּט באַנוצט. (ל״ג, הילער, 4.1.1944 א״א).

ראַבונעק — פּויליש: רויב. דעם 11.9.1939 דייטשן פאַרנומען די שטאָט. דעם 12טן הויבט זיך אָן דער „ראַבונעק״. (ס׳ זשעלעכאָוו, ז׳ 202).

ראַגלען — אַנטלויפן. „באַלעבאַטים (דייטשן) ראַגלען״. (ל״ג, הילער 1.7.1944).

ראַד — גאָלדענע 20 דאָלאַר־שטיק. (קאַפּלאַן, ז׳ 24).

ראַדאָגאָשטש — „ר׳ וועט קלינגען אין די אויערן פון דער לאָדזשער יידישער באַפעל־קערונג. אַ פאַרשטאָט, דער אינדזל פון פּיין אין די טראַגישע טעג״. (סקאַלאָוו, האַקנקרייץ, ז׳ 63); אין ר׳ אומגעבראַכט „גייזעלן״ אין סאַמע אָנהייב.

ראַדאָמער אַקציע — אין שידלאָוועץ. געמיינט, אַז מ׳וועט די יידישע אינטעליגענץ אויס־בייטן אויף אויסלענדישע דייטשן אין ראַדאָם. דערשאָסן אויפן וועג. (ספר שידלאָווצע, ז׳ 494).

ראַדצע(ס) — „קהילה־פאַרזאָרגער רופן זיך ראַדצעס״. (וו״ג, אונדזער וועג, 12.1941). מיטגלידער פון יודענראַט.

ראַוס! — זע: „אַלע ראַוס״. „עם יהודים לא דיברו, צורת הפניה היחידה היתה הצעקה״. (ס׳ סוקל, ז׳ 488; ס׳ לוצק, ז׳ 428, 494; ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ, ז׳ 417, 449; וויסאָקע מאַזאָוויעצקי, ז׳ 180).

ראַזביוורקע — „פּאַני ווידזשעלאַטשקע (זע) האָסט געגנבעט בוראַקעס, דער פּרעזעס וועט קומען, עסטע גיין צו ,ראַזביורקעס׳״ (ליד, ל״ג). איינע פון די שווערסטע אַרבעט־פּלעצער: צענעמען בויפעליקע הייזער, צעשעדיקטע פון באָמבעס אין און אַרום דעם ג׳. דייטשן דאָס גערופן „אַבברוך״. א׳־קאָמאַנדאָ. זע: אַפּרוך, פּאַפּיר־רעסאָרט.

ראַזוואַלקע — פּויליש: דערשיסן. „מען פירט איצט אַרויס אויף אַ ר׳. מען וועט אונדז נישט אַזוי שנעל ראַזוואַלן״. (צען פון פּאַוויאַק, כ״י).

ראַזענפעלד — רוזוועלט. (קאַפּלאַן, ז׳ 54).

ראַטונדע — גיא ההריגה. (ס׳ זמושץ׳, ז׳ 99. צוויי פאָטאָגראַפיעס. „ציון קבר־ההמוני״. דאָרט).

ראַט־מייסטער — ראַדניק, פאַרן אַנטשטיין פון יודענראַט. (ס׳ טורבין, ז׳ 226, 275, 277).

ראַט־מענטשן — אין דער צייט, ווען פּשוטע יידן שטאַרבן פאַר הונגער, פאַרברענגען די ר״מ גוט, לעבן אין די בעסטע באַדינגונגען. די יודענראַטלער די ראַט־מיטגלידער אינטריגירן. (ס׳ פּביאַניץ, ז׳ 334); ראַטניק(עס). (שטריגלער, אין פּרעמדן דור, ז׳ 134). זע: יודענראַטניק.

ראַטשיקעס — יעדן אינדערפרי קומט פאַר אַן **איבערציייל** (זע: אַפּעל); אויף אונדז גיבן אַכטונג אַ פּאָר יידן, „ראַטשיקעס" (אָנגעשטעלטע פון יודענראַט), איינער בעסער, איינער ערגער. איינער האַלט אַ שטעקעלע אין האַנט (צו געבן קלעפּ). (ס' סמורגון, ז' 391).

ראָל־בריגאַדע, קאָמאַנדע — פאָרט אַרום איבער ישובים און פירט אַרויס מענטשן קיין בעלזשעץ. (ס' טאַרנאָפּאָל, ז' 439). „די ר"ק טרייבט יידן און ברענגט זיי אויפן טויט־אָרט, אין די הימעל־קאָמאַנדאָ" (זע). (ל"ג, פראַנק, ז' 331, סוף 1942). „מיר זענען געווען מיט דער ר"ק אין געטאָ" (ליד פון גוטמאַן, מיט די פיס...).

ראַמפּע — אָרט ווו דער צוג מיטן טראַנספּאָרט יידן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ל' אוישוויץ, פון דאַנען געטריבן אויף אומקום. אַ קליינעם טייל געלאָזט אין ל' אויף אַרבעט.

ראָנאָווצעס — פון ר. אָ. נ. אָ. (רוסקאַיאַ אָסוואָבאָדיטעלנאַיאַ נאַראָדנאַיאַ אַרמיאַ — רוסישע נאַציאָנאַלע באַפרייונג־אַרמיי). פאַרבינדעטע פון די דייטשן, הרגענען יידן. „די ר' האָבן אונדז אַרומגערינגלט". (ס' זשעטל, ז' 390, 430 א"א).

ראָסטאָוו — „נאָכן זיג פון די רוסן ביי ר', האָבן יידן אָנגעהויבן רופן די שטאָט ראש־טוב (גוטער אָנהייב)". (רינגל', 1941).

ראַציאַ — „פּאָליציי־אַקציע קעגן אויסוואורפן". (דייטשער שפּראַך בראָקהאַוס, 1940). איבערפאַל אויף יידן. באַנוצט אין אָפיציעלע דאָקומענטן דורך דייטשע מלוכה־אינסטאַנצן. ראַציאַ־אָבלאַווע. (ר"א, 234, אויגוסט 1940). „די ר' איז אין פולן גאַנג". (וועלנער, ז' 126, דענעמאַרק). „די אָקופּאַנטישע מאַכט אין די יידישע קוואַרטאַלן פון פּאַריז אָרגאַניזירט איין איבערפאַל נאָכן צווייטן. די לעצטע טעג זענען אַזעלכע ראַציעס אויסגעפירט געוואָרן אין אַ סך אַראָנדיסמאַנען". (אונדזער וואָרט, 1.9.41).

ראַציע — צוטייל וואָס יידן באַקומען פון אַפּראָוויזאַציע־אָפּטייל ביים יודענראַט. די ר' פון יידן איז קלענער פון דער ר' פון פּאָלאַקן, וואָס איז קלענער פון דער ר' פון אַ פאָלקסדייטש, און די ווידער — קלענער פון אַ רייכסדייטשער. „די קאַרטן אין האַנט, דער זאַק אויף די פּלייצע, / געשטעלט זיך אין ריי אַרויסנעמען די ראַציע, / איין קאָפּ קאַלאַרעפּע... / מער וואָלט זי דאָך נישט דערשלעפּט". (א. שנור, ס' בייטש, ז' 95).

אַלע צוויי וואָכן אַרויסגעהאָנגען אַ ליסטע פּראָדוקטן: עסיק 100 גר', פּאַפּריקע 500 גר', וואַש־פּולווער 500 גר', קאַווע 50 גר', פּאָמידאָרן־סאָק 200 גר', קימעל 400 גר', אייער־פּלאָקן 100 גר', זופּן־פּאַסטע, וואָס פלעגט בלויז טויגן צום פּוצן די שיך 200 גר'. יעדעס מאָל באַווייזט זיך אַן אונטערשריפט: „שלאָגט זיך אַרויס פון קאָפּ, דאָס איר דאַרפט עסן". (יו"ש, עדות, 1185/234).

פון אַ צוואָה שכיב־מרע אין ל"ג: „היות איך בין ווי אַ שטיין, בעט איך דיך, זאָלסט למען השם געדענקען אין מיין נשמה, פאַרזאָרגן פאַר מיר אַ קדיש און לערנען אַ פּרק משניות. מיינע חפצים קאָנסטו דיר נעמען און מיין ר' וואָס וועט בלייבן נאָך מיר". (ל"ג, „אבי וויטער", תמוז תש"ג, א. שנור, ב. ק. 590).

אין אָוונט, ווען דער עולם קומט אַהיים פון די רעסאָרטן און קומען זיך צונויף, רעדט מען נאָר וועגן עסן, צומייסט וועגן דער ר׳ וואָס מען דאַרף אַרויסגעבן. דערווייל זיצן די אַרבעטער אין די שטובן און רעכענען, צי זיי קענען זיך ערלויבן צו קאָכן נאָך אַ קילאָ פאַרפוילטע קילאַריבן, אָדער נאָך אַ 10 דעקאָ קאַרטאָפל אויף אָוונט־ברויט פון דעם וואָס זיי מוזן האָבן ליגן ביז ענדע מערץ. נאָך די אַלע ראַציעס וואָס זיי גיבן אין די רעסאָרטן, גייען זיי הונגעריק שלאָפן. (ל״ג, הילער, 6.1.1944). אַ שטילע ר׳ וועגן וועלכער ס׳וועט נישט אַרויסגעגעבן קיין עפנטלעכער אָקולניק (מודעה). (הילער, 23.5.44). „מיט עטלעכע וואָכן צוריק אויסגעשריבן געוואָרן אַ ר׳ פון 2 ק״ג שפּינאַט. מכוח זיין מהות, זענען בשעתו געווען חילוקי דעות: אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ס׳איז גוטער, יונגער שפּינאַט, אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט: „עס איז עפּעס יאָ, עפּעס נישט... עס איז גרין און גראָזיק, אָבער קיין טעם האָט ער נישט״. (ל״ג, כ״י, 1.6.1944. ב. ק. 106). אין קאָוונע „ראַציאָן״. (יעלין, ז׳ 185). (טאָג־בוך פון ל״ג, מחבר אומבאַקאַנט, 8.7.44). „הונגער־טויט, הגם ער איז אַ ראַציאָנעלער (לעבן פון ראַציעס) איז דער ערגסטער״. „די קאַרטן אין האַנט, דער זאַק אויף דער פּלייצע, געשטעלט זיך אין ריי, אַרויסנעמען די ראַציע, איין קאָפּ גאַלאַרעפּ. מער וואָלט זי דאָך ניט דערשלעפּט״. (שנור, ל״ג, ס׳ בייטש, ז׳ 94).

ראש — 1. היטלער. ס׳איז געווען אַן אַטענטאַט אויפן ר׳, ער איז שווער ראַנירט. (ל״ג, הילער, 1944, 20.7). 2. אָפּיציר, עלטסטער, באַאַמטער וכד׳. „אַ ראש געזאָגט אין רמ״אס שטאָט (קראָקע) בעת אַן אינטערוועניץ וועגן געטאָ, אַז אויב נאָך 7 יאָר פון דעם רשע׳ס תורה הרגענען יענע נישט יעדן ייד, איז עס אַ גרויס גליק״. (רינגל׳, 14.12.40). „אַ ראש פון דינאַסי״ (אַ ל׳ אין וואַרשע). (רינגל׳ 1.11.1940).

ראש־השנה־ווינטשן — אַ לעבעדיק יאָר. (ס׳ וואָלאָמין, ז׳ 398).

ראש־חודש־רעטעכלעך — „דערנערונג־ליוועראַנט פון אַ גאַנץ יאָר״. אינפאָרמאַטאָר פאַר קליינגערטנער. (ל״ג, 18.6.1943).

רבונו של עולם וואַרימט לויט די קליידער. (פּ. ראָטשילד, כ״י, ז׳ 31, יו״ש).

רובינשטיין — ווערטלעך פון ר׳: אַלע גלייך; יינגל האַלט זיך; פאַרקויף די הויזן מיטן וועסטל, אויב נישט, גייסטו אין קעסטל; רעיעסטריר נישט די באָנע ביי פּינקערטן; נאָך דער מלחמה וועלן בלייבן אַ דריילינג: מאָטל פּינקערט, טשערניאַקאָוו און איך, רובינשטיין; נאָך דער מלחמה וועלן בלייבן אַ 40סטל: גזשיבאָווסקע 26 (בנין פון יודענראַט) און לעשנא 13 (דרייצנטל (זע) + רובינשטיין, ס״ה 40; שמאַלץ ווערט ביליק, ווייל די גבירים לאָזן זיך אויס; די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין קאָרידאָר (דאַנציג) און וועט זיך ענדיקן מיטן באַלקאָן (באַלקאַן); אַלע וועלן שטאַרבן, צום סאַמע סוף וועלן בלייבן דריי יידן: טשערניאַקאָוו, פּינקערט, רובינשטיין. טשערניאַקאָוו וועט שטאַרבן און פּינקערט וועט אים באַגראָבן; דערנאָך וועט פּינקערט שטאַרבן און רובינשטיין וועט בלייבן לעבן, ווייל ווער וואָלט באַגראָבן פּינקערטן? (ר״א, 109). דער איינער טויג, דער צווייטער טויג נישט, דער דרייער און פירער ברענען

זאַלן. 40 — גזשיבאָווסקע 26. לעשנאָ 13, און דער פערציקסטער איז דער וואָס איר ווייסט שוין אַליין (היטלער).

ר' ענדיקט זיך, ער גייט אויס... ברענט זיך אויף דער זון אויף לעש. „דער פּאָפּו־לערסטער פילאָזאָף”. (ר"א, 490). „אַ וויכטיקער טעלעפאָן, רובינשטיין רעדט: דיך גאָט אין הימל, דאַרף איך, אַ וויכטיקן שמועס דאַרף איך מיט דיר פירן. האַ, דו ווילסט מיך נישט אויסהערן, דו בינסט פאַרנומען? פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין אין דער פּאָלאָזשעניע פון פינקערטן? דו ווייסט דאָך, אַז ס'פעלן ריקשעס. פאַרוואָס זאָרגסטו נאָר פאַר פינקערטן? וואָס, ס'פעלן קליענטן ערגעץ אַנ־דערש? גיב, גאָטעניו, אַ סך אַרבעט די בעלי־עגלות וואָס האָבן פערד, די בעלי־עגלות וואָס זענען שוין אויסגעצאַצקעט, גיב אַרבעט די וואָס פירן די טויטע אין די סאַמאָכאָדן, טראַמווייען, באַנען, שיפן און סאַמאָלאָטן. וואָס ווילסטו פון פינ־קערטן? דו טרייבסט איבער, לאָז איבער אַ ביסל אויף מאָרגן... נאָר מיר זענען פאַרברעכער, אַלע אַנדערע זענען צדיקים?

...„פאַרוואָס הערסטו נישט רובינשטיינען? יידן — אַ פּראָטעסט, פּראָטעסטירט, לאָ־מיר פּראָטעסטירן! אַהאַ, דו ענטפערסט נישט”... (לנצמן, נעורים, ז' 62). לעצטנס גיט מען אַ רעוויע אין „מעלאָדי פּאַלאַס” א"נ „אַלע גלייך” (רינג', 11.5.1941). „ר' אויפגעטרעטן אין אַ רעוויע. יוראַנדאָט האָט וועגן אים געזונגען. ר' אַליין איז אויפגעטרעטן און געזאָגט: „שבת פאַר אַלע יידעלעך: אָרעם־רייך — אַלע גלייך”. (גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ, 20.5.1941).

„אַ יונגער בחור, וועלכן מ'האָט גערופן ,יינגל האַלט זיך', ווייל מיט דעם נאָמען האָט ער גערופן די מענטשן. ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע און געזאָגט: יינגל... באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן, נאָכגעזאָגט זיינע ווערטלעך. טייל האַלטן: ער איז משוגע! אַנדערע: ער מאַכט זיך משוגע; מענטשן אים נאָכגעגאַנגען און צוגעהערט זיך. ער פלעגט נאָכגיין לוויות און שרייען אין קאַסטן: ,געב אָפּ די באַנע'. אין לאָקאַלן דראָט ער, אַז ער וועט שרייען: ,בידער מיט היטלערן'. מ'גיט אים דערפאַר אַלץ, אַבי ער זאָל שווייגן. געוואָלט וויסן, וואָס מ'וועט זאָגן אויף זיין לוויה. אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן. אויף אַ לוויה פון אַן אומבאַקאַנטן, האָבן זיינע חברים געזאָגט, אַז דאָס איז ר'ס לוויה. ער אַליין איז נאָכגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדן פּנים. צוגעהערט זיך, ווי מ'דערציילט זיינע וויצן. דעם אַנדערן טאָג אויסגעלאַכט די יעניקע, וואָס האָבן אים באַוויינט”. (קורץ, כ"י, ז' 183).

ר' גייט אויף לעשנאָ, עסט ברויט; פרעגט מען אים, פון וואַנען באַקומען דאָס ברויט? ענטפערט ער: ווער משוגע, ועסטו אויך האָבן ברויט. (ט. באָזשי־קאָווסקי).

ר' גייט צו צום אָרון אין וועלכן ס'ליגן עטלעכע מתים און זאָגט: לייג דיך אַוועק אויף אַ זייט, וועט זיין מער פּלאַץ פאַר אַ צווייטן. (ר. אויערבאַך, בחוצות, ז' 27). אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער אויסזידלונג, איז ר', לאַכנדיק, אַרומ־שפּאַצירט איבערן אומשלאַגפּלאַץ און געמורמלט: „אַלע גלייך”. (כ"י, ז' 5), ר' שטאַמט פון לאָדזש. אומעטום האָט מען אים געזען: בייטאָג אויפן ג'־קאָרסאָ, לעשנאָ־גאַס; ביינאַכט, ביי די פענצטער. ער האָט פאַרויסגעזאָגט דעם אונטער־

גאַנג. (טורקאָוו, אַזוי..., ז׳ 123 ; טומקביץ, פּצצות, ז׳ 91). „אַנהייב מלחמה האָבן אים געכאַפּט דייטשן און צעשלאָגן. פון דעמאָלט האָט זיך אים אין קאָפּ גע־מישט. ער איז משוגע געוואָרן אויף פּריילעך. ווען די יידן האָבן אָנגעטון דעם אָרעמבאַנד, איז ר׳ אַרויס פּריילעך אין גאַס, געוויזן דעם אָרעמבאַנד און גע־שריען : „טשערניאַקאָוו טראָגט אַ אָרעמבאַנד, פּינקערט טראָגט, און אויך ר׳ טראָגט אַן אָרעמבאַנד, אַלע גלייך״. אויף דער פראַגע : ווער וועט בלייבן לעבן, ענטפערט ער : 54. פאַרוואָס ? 26 — די געמינע, איבערוואַכונג־שטעלע 13, קאָן און העלער לעש׳ 14 = אינאיינעם 53 און איך בין דער 54. ער טוט אָן אַ פּרויען־קלייד. אין גאַס פרעגט אים עמעץ : פאַרוואָס ? „ווייל כ׳האָב נישט קיין ווייב, היינט בין איך מיין ווייב״. (פּוטערמאַן, כ״י).
ווענן זיך אַליין געזאָגט : „ווען איך וואָלט נישט אַראָפּ פון זינען, וואָלט איך איצט געשטאָרבן פאַר הונגער ווי אַלע איבעריקע יידן״. (אוירבאַך, בחוצות, ז׳ 35).

ווידאַלפּס־מיל — אין סטאַניסלאַוואָוו. די מיל, ווו די דייטשן אויסגעמאָרדעט טויזנטער יידן, אין אָקט׳ 1941. דאָס אָרט מוזן דערנאָך יידן ריינמאַכן פון בלוט און שמוץ. ס׳אַנטשטייט דאָ אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק. ס׳אַרבעטן אין איר מיידלעך. נאָך צוויי חדשים, ווערן אויך זיי ליקווידירט אויפן בית־עולם. (ד״ר ליבערמאַן, כ״י, ז׳ 81 ; ס׳ טיסמעניץ, ז׳ 122).

רוזגעס — „מ׳שלאָגט מיט ר׳ ״. (פּויליש). (ביולעטין, וו״ג, 5,1941, נר׳ [16] 6).

רוזוועלט — ר׳ האָט דעפּעשירט צו פּעטענען : „יינגל האַלט זיך״. (רינג׳, 6.4.41). „איך דאַרף נישט יענע וועלט, איך דאַרף נישט די וועלט, איך דאַרף רוז־וועלט״. (גע־בראַכט ביי רינג׳, 23.3.41. ב׳ 1, ז׳ 235).

רו־טאָג — אין ל״ג איז זונטיק דער רו־טאָג. „זונטיק, וואָס הייסט ר׳ ווערט אויסגענוצט פאַר שטוב־אַרבעט. פון דערפרי ביז מיטאָג האָבן די שטובמענטשן אַרבעט אי־בערצוקלייבן די וואַזשיוועס, וואָס פוילן גאַנץ נישקשה, די פרויען פאַרנעמען זיך צומייסטן מיט די ראַציעס. דערזען וואָס אין די זעק טוט זיך, צעוויינען זיי זיך ; מען זעט מיט די אייגענע אויגן, ווי אַלעס פוילט און מער צו עסן איז נישטאָ״. (הילער, 2.1.1944).

רויבן, רויבער — „מלבד השוד הליגלי מטעם הכובש, פרץ גם השוד הבלתי־ליגלי מצד ההמון הפולני. השודדים שדדו, והיהודים צועקים״. (וו״ג, א. קפלן, ז׳ 79/90).

רויט־הייזל — זיצאָרט פון דער קריפּאָ אויפן פּלאַץ קאַשטשעלני צוליב די רויטע ציגל פון הייזל. (ל״ג־לעקסיקאָן). אין פּלאַשעוור ל׳ ווילע, אין וועלכער געט, דער קאָמענדאַנט פון ל׳ וווינט. (ווילער, ז׳ 102).

רויטער פרייטיק — פרייטיק 27.6.1941. דייטשן פאַרנומען ביאַליסטאָק, אונטערגעצונדן די אַלטע שול מיט די יידישע געסלעך אַרום, פאַרברענט אַ טויזנט יידן. (ביאַ־ליסטאָקער שטימע, 1948).

רויך — פּאַפּיראָס. געקריגן 100 רויך. (צען פון פּאַוויאַק). „ער זוכט אַ ר׳ ״. (שטריגלער, אין די פאַבריקן, ז׳ 306). „שומרים זאָגן, אויב עמעצער פאַרזינדיקט זיך, גייט ער אַריין אונטן און קומט אַרויס אויבן, מיטן ר׳ ״. (ווייזט אויפן קוימען פון קרעמאַטאָריע אין אוישוויץ״. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 362).

רויִמונגס־קאָמאַנדע, ראַמער־קאָמאַנדע — נאָכן אַדורכפירן אַן אַקציע, פלעגט מען איבער־לאָזן אַ צאָל יידן, זיי זאָלן פאַרטושן די שפורן פון דער אַקציע, צונויפזאַמלען דאָס איבערגעלאָזטע פאַרמעגן. מכל שכן האָט מען דאָס געטון נאָך אַ ליקווידי־רונג־אַקציע. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, איז די ר׳־ק׳ ליקווידירט געוואָרן. „נאָך דער אויסזידלונג, געבליבן 30 באַשעפטיקטע אין דער ר׳־ק׳. אויפגאַבע: אויסליידיקן די דירות פון יידיש האָב־און־גוטס״. איינער פון די ראַמער־ק׳. (ס׳ אָסטראָווצע, ז׳ 391/3).

רויִק — פון אַן אַרבעט־ל׳ אַרום באַרשטשיוו, קלינגט דער קאַרפּאַראַל, יידישער פירער פון ל׳: „ס׳איז רויִק, די יידן פון שפּיטאָל (אין זאַלישטשיק) צוגענומען״ (און אומגעבראַכט). (ה. גראָסמאַן).

רויִקער יום־טוב — שטאָט „גוט יום־טוב״, ווינטשן זיך יידן „אַ רויִקן יום־טוב״. (רינג׳, כ״י, 1941). דאָס זעלבע פּאָלאַקן. (לאַנדאַו, כראָניק, 23.9.1942; קלוקאָווסקי, טאָגבוך, 11.4.1944.ביידע אין פּויליש).

רוישטאָפּן — „ציבעל־מעל פון געטרוקנטע שאָלעכץ, צעמאָלן אויף אַ שטויבאַרטיק, גרינקאָלירט מעל. קאַרטאָפל־גרויפּן פון קאַרטאָפל־קראַכמאַל. ג׳־רוישטאָפּן״. (ל״ג גלובע, כ״י).

רומיאַנעק־טיי — (ס׳ שעדלעץ, ז׳ 677).

רומקאָווסקי חיים מרדכי — 14.10.1939 נאָמינירט אַלס עלטסטער פון די יידן אין ל״ג. 15.10.1939 איבערגענומען דעם גמינע־אַפּאַראַט. (ל״ג, לוח תש״ב). נאָכן אַרויס־געבן דעם נייעם, רעפאָרמירטן קאַלענדאַר, ווו אַלץ הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט חיים ר׳, האָט מען אויך רעפאָרמירט דאָס ראש־חודש־בענטשן: שטאָט אַלע חיימס: ח׳ של שלום, ח׳ של ברכה, ח׳ של פרנסה א״א, זאָל מען בלויז בענטשן און בעטן אויף חיים ר׳. (וו״ג, ר״א, פאָלקלאָר, ב׳ 2).

דער ערשטער און דער לעצטער. ר׳ איז דער ערשטער בירגער אין ג׳. ער זאָל נאָר נישט אויך אַליין זיין דער לעצטער. (ל״ג, אָבי 20). „מיינע דעוויזן: ברויט פאַר הונגערע — אַרבעט פאַר די אַרבעטער — זאָרג פאַר קראַנקע און קינדער — רו אין ג׳״. (ל״ג, 20.9.40).

„ר׳ זיך באַטראַכט פאַר אַ גאָט־געזאַלבטן״. (רינג׳, סעפּט׳ 1940, כ״י). „רצה להוכיח. מדוע צווה ר׳ את הציווי: אל יצא איש ממקומו ביום השביעי?״ (ביום השבת שאסור היה לצאת) — כי רצה להוכיח איך תהי מראה של הגיטו, אם זאת האחרונה תתקיים עוד שנה״. (מן המיצר, יולי 1941, דפים, א׳).

„עס שאַפט זיך אין ג׳ אַ טריאומוויראַט, לויטן באַפעל פון ביבאָוון: מ׳גיט אָן דריי נעמען: קליגער, ריינגאָלד און ד״ר מילער. דאָס ג׳ האָט באַלד צוגעקלערט אַ נאָמען פון נייעם באַשעפעניש: ר.ק.מ. (רענטשני קאַראַבין מאַשינאָווי (האַנט־מאַשין־ביקס). מיין וויניקייט האָט אים אַ נאָמען געגעבן: מרק (צוליב די זופּן־צוזאָצן). אַנדערע האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ און געמאַכט „נוטריקון״:

מאַרני קאָניעץ רומקאָווסקיעגאָ — שוואַרצער סוף פון ר׳.

מאַרני קאָניעץ ראָבאָטניקאָוו — שוואַרצער סוף פון אַרבעטער.

רעוואָלוציייני קאָמיטעט (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט).

מאַלי קאָמיטעט רעוואָלוציייני — קליינער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט.

(ל״ג, 15.11.1943. ראָזענשטיין, כ״י). דער זעלבער — 21.11.1943. דאָס געטאָ
וויצלט זיך: 2 קאַטעגאָריעס איינוווינערס זענען צופרידן פון דער ענדערונג.
די דאָקטוירים וואָס זייער חכם, ד״ר מילער, באַטייליקט זיך אין טריומוויראַט און
די פּאָליציי, דערפּאַר וואָס ראָזענבלאַט איז נישט אַריין. ר׳ אין שטיוול. ווען ר׳
האָט אָנגעטון אַ פּאָר שטיוול, האָט מען געזאָגט: דער אַלטער איז פאַרקראָכן אין
אַ בלאָטע, דאַרף ער שטיוול. (ל״ג, עדות 1185/244). ר׳ס פּאַראָל: בינסט פון
דער אונטערוועלט אַ יאָט, בינסטו אַ כוואַט, וועסטו זיין מיין פאָן בראַט. (ל״ג,
עדות, 1185/233).

— ר׳ בלייבט שטיין ביי זיין פרויס קבר און שרייט אַריין:

„עס גייט שוין חיים ר׳.
לאה, לאהלע, שטיי אויף און זע
ווי דיין חיימל דער הייסער,
איז געוואָרן מיטאַמאָל אין די געטאָ
אַ גאַנצער מאַכער, אַ קייסער״. (ליד, נ״ר 26. מ.ז.).

אויף אַ רעוויע געזונגען: „מקווה דו, טלית דו, ציצית דו, קוכן דו, שפּיטעלער
דו, אַלעס דו, דו דו דו״. געמיינט ר״ז.

ר׳ פאָרט אויף זיין דראָזשקע צו די שניידערס וואָס האָבן פאַרשטרייקט. אויפן
וועג באַלאַגערן אים די פורמאַנעס מיט טענות: „פּאַניע פּרעזעסיע, אונדזערע
פערד האָבן נישט וואָס צו פרעסן, נישטאָ קיין האָבער, נישטאָ קיין שטרוי״. ר׳
האָט זיך אַביסל דערשראָקן. צוגעזאָגט זיי און קוים אַרויס מיטן פערדל פון די
פורמאַנעס הענט. געקומען צו די שניידערס, האָט ער אויף זיי אָנגעהויבן שרייען:
„וואָס, איר שטרייקעוועט, איר וועט האָבן האָבער, שטרוי, נאָר אַרבעטן מוזט
איר״. דערפון דער אויסדרוק: איר וועט האָבן האָבער, שטרוי. מיסטיפיקאַציע:
מ׳זינגט ביים פאַרברענען (אין אוישוויץ) רומקאָווסקין: „אָט איז דער חיים /
פון בית־החיים / וואָס גיט צו עסן / ברויט מיט קלייען״. (ה. פּריוועס, אין
רויך פון בזשעזשינקע, ז׳ 212). זע: דריי חיים׳ס.

רומקעס — געלט אין ג׳ ל׳ מיט ר׳־ס בילד און אונטערשריפט. געווען פּאַפּירענע באַנק־
נאָטן: 50 פעניק, 1, 2, 5, 10, 20 און 50 מאַרק: אַלומיניום־מטבעות —
5, 10, 20 פעניק. געהאַט אַ ווערט נאָר אין ג׳. „די ר׳־ס וועלן אַלץ טייערער און
מער געזוכט״. (ביולעטין ל׳ ג׳ 1942־30.5.1942). „גיט אים אַ רומעק״. (בריקס,
אין פּאַרטיערניע. לעבנס־פראַגן, אַפּריל 1959). „רומקעלעך״. (ראָזענפאַרב, ב׳ 2,
ז׳ 141). „דער אויסגעפּרווטער און ווירקזאַמער מיטל אויף אויסצוקויפן זיך פון
אַ שפּערע — איז געלט. פאַרשטייט זיך, ניט קיין ר׳, אָבער אויך ר׳, אויב מ׳האָט
זיי זייער אַ סך, זענען אַ מטבע״. (ל״ג, זעליקאָוויטש, כ״י, 2.9.42).

רו־פּאַס — „די אַרבעט־קאַרטע האָט רומקאָווסקי אָנגערופן רו־פּאַס. ווער ס׳וועט אַרבעטן,
וועט האָבן רו. און אַזוי איז געווען״. (זעליקאָוויטש, אין יענע טעג, כ״י, ל״ג).
זע: רומקאָווסקי.

רוף־צעטל — „פון דער מיליץ געוואָרנט: אויב אַלע באַקומען ר״צ צו גיין אין די
אַרבעט־ל׳ וועלן זיך ניט צושטעלן — וועט מען מיט געוואַלט נעמען פון
יעדן הויף אַזאַ צאָל מענטשן, ווי מ׳האָט גערופן״. „דו האָסט דאָך באַקומען

א ,פּאָוואָלאַניע׳ — ר״צ״. (י. עלבערג, אַ מעת־לעת אין הויף, וו״ג, פעברואַר 1942. בוד־פּאַרם).

ריבענטראָפּ — ר׳ פליט אין אַן עראָפּלאַן און דערציילט וואָס פאַראַ גוטס ער האָט אויפ־געטאָן פאַרן דייטשן פאָלק און וואָס ער וועט נאָך אויפטאָן. ער פרעגט די בייזיצערס וועגן נייע פאַרשלאָגן אין דעם זינען. איינער רופט זיך אָן: עפענען די טיר, און אַרויסשפרינגען פון עראָפּלאַן. (כאַרקאָוו, 1943. באַריכט פון פּראַ־צעס קעגן קריגס־פאַרברעכער).

— דעם צונאָמען באַקומט אַ ייד מיטן נאָמען ראובן, ווייל עס טריפט אים תמיד פון דער נאָז. האָט מען אים גערופן: „ראובן, ס׳טראָפּיט״, דערפון געוואָרן ר׳. (באָכנער, כזשאַנאָוו, ז׳ 169).

ריידלען, אָפּגערייידלט — שיסן, געשאָסן. (ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ).

רייז — מ׳צערייבט רעטעך, מ׳לאָזט עס שטיין איבער נאַכט, מ׳קאָכט דאָס אויף, דאָס ערשטע וואַסער גיסט מען אָפּ. מ׳קאָכט אַ צווייט מאָל, מ׳גיט צו זאַלץ, מען סערווירט אויף טעלער, באַגיסט מיט אַ ברענדל, באַשיט מיט פּאַפּריקאַ, אמתער רייז. (ל״ג, גלובע). זע: רוישטאָפּן.

רייזן — רוסן. „די ר׳ אַריין אין מקום״. (שאַוול).

רייך — נאָכן איבערלייענען דאָס אַרטיקל פון געבעלסן אין „רייך״ — „אַ קרבן״. „ס׳איז טאַקע ווערט נאָך אַ קרבן, ווען פון אים איז געוואָרן אַ געטש״. (א.ר.).

— מ׳טאָר אין ג׳ נישט פאַרקויפן קיין דייטשע צייטונגען, פונדעסטוועגן — דער פאַרקויפער מאַכט חכמות: הבה לי „דאָס רייך״. הוא מחזיק את העתון מתחת לבית שחיו: „אין דאָס רייך״ — אבל אתה מחזיק בידי״. „ואני אומר לך, דאָס רייך כבר איננו״. הקונה מתיאש והולך, במהרה הוא חוזר, הרי מוכר העתונים מראה אותו. „תן, בן אדם״, „השתגעת?״ „אתה מחזיק את ,דאָס רייך׳ ואומר שאין לך״. „יהודי, אל תכעס, רציתי לומר ש,דאָס רייך״ כבר אינו קיים בעולם וחסל, אבל עתון — הא לך!״ הלצה זו עושה לה כנפיים בגיטו. (חייקה גרוסמן, ביאַליסטוק, ז׳ 100).

רייכסבאַלוטער — „איראָניש. דער וואָס געוווינט פאַר דער מלחמה אין באַלוט, אַרעמסטער טייל פון לאָדזש, אין אונטערשיד פון די יעניקע, וואָס זענען אַהער איבערגע־זידלט געוואָרן שפּעטער דורך די דייטשן. אַנאַלאָגיע צו רייכסדייטש און פאָלקס־דייטש. די באַצייכענונג איז לאַוו דווקא אַ שמייכלהאַפטע״. (ל״ג לעקסיקאָן). „ר׳ פון דורות״. (ראָזענפאַרב, ב׳ 2, ז׳ 653).

רייכספערשלום — גיין דורכן צוים, אין וועלכן ס׳געפינען זיך עפענונגען, וואָס הייסן „ר׳־סן״. (קאָוונער ג׳, ירושלמי, כ״י 23.1.1943). ביי די דראָטן נעמט מען פונאַנדער די ברעגעס — שאַפט זיך אַן עפענונג. דאָס הייסט ביים עולם „ר״. (יעלין, ז׳ 31).

רייך פון יידן — ס׳ ווישניביץ, ז׳ 342.

רייכענאַו — נאָך דער ידיעה, אַז מאַרשאַל ר׳ איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק: היט־לערן קאָן דאָס נישט טרעפן, ער האָט אינגאַנצן קיין האַרץ נישט.

— אזוי טוט היטלער מיט זיינע מאַרשאַלקעס: אין אָנהייב מאַרש, צו ענדע לעק; הערט ער אויף צו גיין — מאַכט ער מיט אים אַנ׳עק.

— על דאָט״פּת — אַטפוך: אַ דאַנק איין זעלנער־אַטאַק געגומען מיילן; דורך איין האָרץ־אַטאַק געפאַלן. (ר״א, ב׳ 2).

רייניקן — ,,מען רייניקט שוין ווידער״. (ל״ג, זעליקאָוויטש: אין יענע..., כ״י, 1.9.1943). צוגענומען יידן פון ג׳. קודם קינדער פון פּאַזנאַנסקיס שפּיטאָל (מערץ 1940), דערנאָך די גייסטיק־קראַנקע, דערנאָך די גרויסע אויסזידלונג (9,1942). ,,גע־מאַכט אַ רייניקונג אין ווילנע״. (26.10.1941; 2.1.1942); ,,מען רייניקט, מען רייניקט״... (קרוק, 5.1.1942). בריוו פון 15.4.43: ,,דעם לעצטן פרייטיק געמאַפּט ביי אונדז אַ גרינדלעכע ר׳ ״. (ס׳ זבורוב, ז׳ 94).

— ,,מען רייניקט די שטעטלעך אַרום סלאָנים״. (ס׳ סלאָנים, ז׳ 260.241).

ריינשמאַלץ — רייגנאָלד, פּאָליציי־קאָמיסאַר אין ל״ג. ,,קיילעכדיק איז ער ווי אַ פעסל״. (בריקס, אַ קאַץ אין ג׳).

רייעס — ווען ס׳האָבן זיך געמאַכט די ר׳, גייט זיך אַזוי הרב לאַסקי, דערזעט ער די ר׳ און רופט אויס: ,,רבונו של עולם: למה ,הריעות׳ לעם הזה? וואָס פאַרא עונש זענען עס די רייעס?״ (ל״ג, שריפטן, נ״ר 10). אַ ייד ווילצלט זיך, שטייענדיק אין דער ריי אין גרויס געדראַנג: ס׳איז טאַקע: ,,אהבה, אחוה ורעות״. (אַבי 12). אַ ריי אויף קאַרטאָפל — קאַרטאָפל־ר׳, ברויט־ר׳ אאַז״וו. (יוסף זעליקאָוויטש, כ״י, ל״ג, יולי 1941).

רייזלער — רוסן. (קאַפּלאַן, ז׳ 54).

רייזעדיקע — רוסן. (עדות 1739/268, יו״ש).

ריף — מעלדונג פון יודנעלטעסטן אין ל״ג 301, 31.8.1941, וועגן צוטיילן: 1 שטיק זייף, ,,ריף״. יידן טייטשן דאָס וואָרט: ריין יידישעס פעטס, און גלויבן, אַז פון מענטש־לעכע גופים נעמט מען דאָס פעטס אויף דעם; אין וואַגאָן קיין טרעבלינקע ווילצלט מען זיך: ,,מיר וועלן זיך טרעפן אויף די פּאָליצעס פון געוועלבער אַלס זייף. פון קהילה דאָזאָרעס וועט מען מאַכן פיין־זייף, טאָאַלעט־זייף״. דער דאָזיקער וויץ באַזירט אויף ידיעות פון דער פּוילישער אומלעגאַלער פּרעסע, אַז אין דער כעמישער פאַבריק אין ברעסלאַוו, האָט מען געבראַכט פּושקעס מיט פעטס, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ שרעקלעכן גערוך. די אומלעגאַלע פּרעסע געשריבן, אַז דאָס פעטס איז פון געהרגעטע אין טרעבלינקע יידן. (רינג׳, כתבים II, ז׳ 183).

— ,,זייפן־פּראָדוקציע פון ייד. קערפּערס״. (ס׳ וירזבניק, ז׳ 268; ס׳ וואָדאָ־וויץ, ז׳ 218; ס׳ בילגאָריי, ז׳ 200).

ליד וועגן ריף:

,,ווייל דאָס רייך,	בעסער נעמען
דאַרף דאָך זייף,	פון קאַצעט
מאַכט דעם פּלאַן ער	מענטשן־מאַרך
פּאַרטיק, רייף.	אַנשטאָט פעטס...

(משה סאַנעק, ייד. שטימע, 2.10.1946). זע: דאָווידזענייאַ.

,,כשעברנו על פני החנויות שהציגו חתיכות סבון הנקראות ,ר׳ אמרנו: ראה, כאן סבתא וסבא שלנו — בקרוב נהיה גם אנו מונחים כאן״. (חיקה קלינגער, יומן, ז׳ 22). ,,ממני יעשו סבון טואלט, כי צעירה אני ודשנה יותר״. (דאָרט, ז׳

146; ש. פלגר־זיסקינד, העטרה... ז' 38, 270; בלומענטאַל, ריף, יידישע קולטור, 1947).

ריקשע — אַזויוי וואָגן און פערד אָפּגעגעבן דער מאַכט, האָט ער זיך געשאַפן אַ ר' אויף דיקע אָפּאָנעס און אויסגעדרייט פּרנסה מיט די אייגענע פּיס. (ר"א; סקאַלאָוו, האַקנקרייץ, ז' 140). „ס'יאָגן ווי שטענדיק, ריקשעס פון יודען, קוליס געטריבן... באַלאַדן מיט זולל־וסובאדיקע יונגען". (יוגנט־שטימע, 10/11. נאָוו' 1941).
פּינקערט־ריקשע. (הובערבאַנד, צער היחיד, 1939, ר"א, 452). ר' דערגאַנגען צו דער גרעסטער פּערפעקציע: עלעגאַנט, ווייכע געזעסן, אויסגעזען עסטעטיש. ר' מיט טאָפּלטע פּלעצער אויף 4 און 6 פּאַסאַזשירן, געפירט פון ראָוועריסטן. (טור־קאָוו, אַזוי..., ז' 217). אין וו"ג געזונגען לידער וועגן ר'. דער פירער פון ר' — ריקשאַזש. (וולאָדקע, ז' 25, 26). אַ דייטשער מקור: ר' — „טאַקסיס אָן בענזין אין וואַרשע". גאָוולייטער העלמוט, „דייטשעס פּאָרפעלד", קראָקע 1941 (דייטש). זע: עגלה.

רמזים — „ר' פון גאולה. אין „הא לחמא עניא" — פאַראַן „השתא" (הכא — השתא עבדי —) ה' אלפים תשא", ד"ה פּסח תש"א — גאולה.
— ווען דאָס איז נישט מקוים געוואָרן, האָט מען גערעכנט אויף ל"ג בעומר, שבועות, תשעה באב תש"א. לעצטער פּסוק פון ק' 2, מגילת איכה: „תקרא היום מועד מגירי מסביב". דער תרגום פּאַרטייטשט: „תא קרו חרותא על עמך בית ישראל על ידי משיחא — ד"ה רוף פרייהייט אויף דעם יידישן פאָלק דורך משיחן. תקרא — באַטרעפט תש"א.
— רבי יעקב יוסף פּולנא האָט געזאָגט, אַז תש"א וועט קומען די גאולה. לויטן רמז „כי תשא את ראשי בני ישראל". דערויף דער קאָזשעניצער מגיד, דער תולדות יעקב יוסף, איז מקדם די גאולה אויף אַ יאָר. ובכן שבת: „בא שבת בא מנוחה". ראש־השנה פון תש"ב: „תקע בחודש שופר". — שבת־תש"ב.
— אַן עם־הארצישער רמז: „תשב אנוש עם דכא, ותאמר שנבו בני אדם" תשב אין יאָר תש"ב וועט זיין „שיבן בני אדם — וועט מען תשובה טאָן".
— ר' אלימלך מיטן ברודער ר' זישען געוואַנדערט, געפּראַוועט גלות, געזאָגט, אַז משיח וועט קומען תר"עב (1915), תש"ב (1942); אין שיר השירים: איכה תרעה איכה תרביץ (תש"ה).
— אויסגערעכנט האָט מען, אַז די גאולה וועט קומען אסרי חג פּסח תש"ב. דערנאָך אויף שבת פּרשת תבוא. (ניין חדשים צייט מלחמה־אויסברוך, י"ז אלול); תמחה את זכר עמלק. סופי תיבות: ה — ה'אלפים; ת' (ק ר) — ש'.
— רמזים אויף תש"א: אשת־חיל מי ימצא? — וועט מען שוין קיין מיליטער נישט געפינען. (ר"א 109). זע: הובערבנד, כתבים, ז' 303/6. לויטן ספר דניאל וועט אין יאָר ת"ש זיין אַ וויכטיקער מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער מלחמה: אין תש"א וועט זיך די מלחמה ענדיקן. (רינג', 19.9.42, כ"י).

רעאַליזירן — ר' אַ בגד, אַ זייגער וכדומה, האָט געמיינט פאַרקויפן עס, מאַכן עס צו געלט אָדער בייטן אויף פּראָדוקטן. (כהן, אַ ייד אין וואַלד, ז' 48).

רעגיסטראַציע — מ'האָט פּאַראָרדנט אַ ר': ווען אַלע זיך צונויפקומען, פלעגט מען זיי אַלע (אין קליינע מקומות), אָדער אַ טייל, אָפּפירן אויף אומקום. טיילמאָל מאַכט מען

אַ פּראָבע־ר׳ ווייל „ס׳האָט זיך ווייניק צוגעשטעלט און מ׳רופט אַ צווייט מאָל ס׳זאָלן אַלע קומען״. (ס׳ קאַלאָמיי, 7.8.1942). ר׳־אַקציע, כדי באַקומען אַ זיגל אויף דער קאַרטע. (ס׳ טרנובז׳ג, ז׳ 325 ; ס׳ קאַלאָמיי, ז׳ 341).

רעדן — לופט־אָפּוואָר רעדט ווערטער. (י. קורץ, כ״י, 32).

רעדלען — א. „מען האָט גערעדלט אַריין און אַרויס״ — געשמוגלט. (וואַרשע, 1942).
ב. ווייל מ׳האָט פאַרלוירן יעדן דרך־ארץ פאַרן טויט, פרעגט איינער: נו, וויפל האָט מען היינט גערעדלט? מתים פלעגט מען אַרויספירן פון ג׳ מיט אַ וואָגן. (פייגנבוים, מעזריטש).

רעדער — וואָרנצייכן ביי שמוגלערס אין וו״ג: דייטשע וואַך קומט. (ר״א, 92, 17.6.42).

רעוויר — 1. „אין יידישן ר׳ פאַראַן אַ גאַנצע ריי אומלעגאַלע פאַבריקן״. (רינג׳, נאָווי 1940, ב׳ 1, ז׳ 172). זע: וווינבאַצירק, געטאָ. 2. מעדיצין־פּונקט אין ל׳. (ספר סמורגון, ז׳ 390). זע: קראַנקען־בוי.

רעוויר, פּאָליציי־ר׳ — א. אַכטונג געבן אויפן סאַניטאַרן צושטאַנד אין דעם ג׳־ר׳. (ס׳ ראַדאָם, ז׳ 117). ב. קאָמיסאַריאַט פון יידישער פּאָליציי. (ל. ג. סיעראַקאָוויאַק, ז׳ 150). ג. שפּיטאָל אין ל׳. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 111).

רעזידענץ, ר׳ פּאַרסע — ערטער וווּהין די ווישי־רעגירונג פאַרשיקט יידן אויף צוואַנג־אַרבעט. פון דאַנען האָבן דערנאָך די דייטשן געשיקט אויף פאַרניכטונג קיין אוישוויץ. (עוזר וואַרשאַווסקי, פון דער ליטעראַרישער ירושה, פּאַריזער צייט־שריפט, נ״ר 9, 10).

רעטעך — אין ל״ג צוגעטיילט ר׳, כדי יידן זאָלן פילן אַז זיי לעבן נאָך. (פּל״ח 6).

רעטענישן — אַ רעטעניש מיט אַן ענטפער פאַר שול־קינדער:

1. ביי איינעם איז עס אין אָנהייב, ביים צווייטן צום סוף, וועז דער האָט נישט קיין געלט און נישט קיין מעלות, האָט עס יענער לרוב.
2. דעם זעסטו נאָר ווען ער שרייט, זידלט און שעלט, און דעם צווייטן ווען ער לאַכט און קוועלט.
3. וואָס מער ער קאַכט זיך, אַלץ מער דער צווייטער מיט אַפּאַטיע, דער מיט האַרטן טאָטאַליזם און יענער מיט דעמאָקראַטיע.
4. איינער אַ גרויסער פירער, דער צווייטער בלויז אַ פּרעזידענט. ווען דער ערשטער הייבט אַ מאַרק — איז ביים צווייטן גענוג אַ סענט.
5. איינער רעגירט בלויז מיט שטאַטן, כאָטש אין זיך האָט ער אַ וועלט, דער צווייטער נעמט איין מדינות און ברענגט מיט זיך הונגער, נויט און קעלט.
6. איך וויל ניי־אָרדענונג. איך האָב מיט זיך גאַנץ אייראָפּע, דער צווייטער אַ מכה, פּונקט אַזוי ווי דו האָסט קוילן, בענזין און נאַפט־ראָפּע...
7. ווען דער ערשטער וועט געווינען, וועסטו האָבן אַ וועלט פון אַלעם גרייטן, און ביים צווייטן קען נאָר דער טויט דיך באַפרייען פון די קייטן.
8. נו, ענטפער, ווער זענען זיי, שנעל און מיט שכל, אויב האָסט נאָך אַ ביסעלע פאַרשטאַנד אין מויכל (מוח׳ל). ענטפער: כאָפּ נישט אַזוי שנעל און זאָג נאָך נישט האָפּ!, האָסט פאַרגעסן צו שטעלן דעם ריכטיק טראָפּ.
9. רוזוועלטס לאַכן און קוועלן האָט באַקומען אַ זינען, ווען ער האָט זיך געגו־מען אַלס שותף סטאַלינען. מיט אַלע חכמות און גבורות, איז היטלער גע־

ווארן אַ שוטה, ווען האָט געקריגן קלעפּ פון אַן אַרמיי אַ רויטע. ווילסטו נישט אַז מלחמות, צרות און קרבנות זאָלן דיר שאַטן, מוזסטו האָבן אַן אָר־דענונג אָנגעפירט פון אַרבעטער־ראַטן. באַפרייען אונדז פון פאַשיזם און נאַציזם, קען נאָר אַ ממשלה פון סאָציאַליזם. (ר״א).

רעכטס — לינקס — בעת אַן אַקציע אָדער סעלעקציע (זע), ווען די יידן געטיילט אויף צווייען: ר׳ אָדער ל׳. (ר׳ צום לעבן, ל׳ צום אומברענגען). אין ליבנישאָק געטיילט אויפן מאַרק־פּלאַץ אויף ר׳ — לאַגער, ל׳ — בלייבט אויפן אָרט. און גראַדאָוס — טויט. (ס׳ ליבנישוק, ז׳ 186).

רעכענען — געפֿנער צו די באַאַמטע פון יודענראַט: צי קענט איר רעכענען? — מיר קענען! — טאָ רעכנט נישט אויף מיר. (פּוליש. וו״ג, 13.2.1942). זע: טשער־ניאַקאָוו.

רעמאַנט — לופט־אַנפאַל אויף דייטשע שטעט. שטאַרקער אַנפאַל. „אַ ר׳ אשר לא רעמאַנטו אבותינו״ (ווילנע, קאַפּלאַן, ז׳ 54).

רעסאָרט — ביים גרינדן דאָס ג׳, האָט דער פּרעזעס געשאַפן דעם אַרבייטס־ר׳, וואָס האָט אָרגאַניזירט די פּראָדוקטיוויזאַציע פון ג׳ — די ווערקשטאַטן און פאַבריקן. שפּעטער האָבן אַלע פאַבריקן באַקומען די באַצייכענונג: שניידער־ר׳, מעטאַל־ר׳, ר׳־קוכן, ר׳־לייטער, ר׳־זופּן, ר׳־אַרצטן, ר׳־אַרבעטער, ר׳־באַאַמטע. (ל״ג, ג׳־לעקס.).

— אַלע רעסאָרטן אויסגערעכנט: ווו זיי געפינען זיך און ווען געגרינדעט, אין די לוחות פאַרן יאָר 42׳, 43׳, 44׳, וואָס דערשינען אין ג׳. דעם 5.4.40 ווענדט זיך רומקאָווסקי צו דער מאַכט, אַז אין ג׳ זענען פאַראַן 10,000 פאַכלייט, וואָס וואָלטן געקאָנט אַרבעטן פאַר די בעהערדן, ווען מ׳וואָלט זיי צוגעשטעלט רוי־שטאָפן. די מאַכט איז איינגעגאַנגען דערויף. 20.4.40 אַנטשטאַנען דער ערשטער שניידער־ר׳ מיט 900 אַרבעטער. 1943 איז די צאָל אַרבעטער דערגאַנגען צו 73.782. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט דאָס צענטראַלע ביוראָ פון **אַרבעטער־רעסאָרטן**. די אַרבעטער פון ר׳ פלעגן באַקומען אַ ספּעציעלע זופּ ביי דער אַר־בעט און פאַרשיידענע צוטיילן.

לידער פון ג׳, אין שייכות מיטן ר׳ פון אלתר שנור:

„דער רעסאָרט־לייטער (גייט אין שטיוול, בעת די אַרבעטער טראָגן טרעפּעס), / פעסט און געזונט גייט ער / פון רעסאָרט אָט דער לייטער, / אויגן שטענדיק אַן אַ לאַך, / צי ערנסט, צי געמאַכט״.

(ב.ק. 0398. איבערגעגעבן זיין פרוי זלאַטע, 1950). (פאַרגלייך: ס׳ בייטש, ז׳ 95).

„אין שניידער־רעסאָרט״ פון ש. ר., געפינט זיך אין „לערנביכל״ פאַר דער 3 קלאַס, ל״ג: „אַרבעטער איבער מאַשינען / ווי רייטער אויף שטאָלענע פערד״... ליד פון פאַפּיר־ר׳:

עס וויסט דער ר׳ פון קיין אָפּרו, / נאָר אַרבעט און אַרבעט פאַרלאַנגט, / מיר קלעפּן, סאָרטירן און בינדן / און ס׳קלינגט דאָ אַ פריידיק געזאַנג. (מ.ז. ב״ר 391).

די ר׳־ן פלעגן אָרגאַניזירן רעוויעס; מיט לידער, דעקלאַמאַציעס. למשל: אין רעסאָרט איז גוט צו זיין / מ׳דאַרף נישט זיצן אין שטוב אַליין.

טעקסט: משה וואַלמאַן. מוזיק דוד בייגלמאַן. (ייה״א, נ״ר 390).
אין אַנדערע מקומות שטאָט ר׳ באַנוצט זיך מיטן נאָמען שאָפּן, באַטריב. שנייַ־דער־באַטריב, באַשעפטיקט 1200 אַרבעטער. (ס׳ פּביאַניץ, ז׳ 318; שניידער־שאָפּ, ז׳ 338). זע: שאָפּ.

רעפּעטע — „דאָס ביסל איבערבלייבעכץ וואָס זיי רופן ר׳״. (ל׳ דירעפּונט, קאָנקורס נ״ר 32, ז׳ 42). די פּאַרטיילונג פון די לעצטע רעשטלעך פון זופּ געווען אַ פּריווילעגיע פאַר יחידים.

רעזשי־בעטריב — יידישע בעלי־מלאכות שאָפּן ר״־ב״־ן. געאַרבעט מיט אייגענעם מאַ־טעריאַל אומזיסט פאַר דייטשן. צוגעצאָלט, מ׳זאָל זיי פאַררעכענען אין ר״־ב׳. (ליפּע קאָהאַן, באַרשטשיוו, 1944. זע: ס׳ באַרשטשיוו, ז׳ 188).

רעקלאַמע — „ווי אַזוי די גאַסן־פאַרקויפער אויף מילע גאַס רעקלאַמירן זייערע סחורות, און וואָס מ׳דאַרף פאַרשטיין:

1. לאַכטיקע און לעבעדיקע קאַרפּן, צוויי אַ פינעווער — דאָס איז ציטראָנען!
2. כאַפּט אָוועק פיש, גוט און פריש — פאַרפרוירענע פוילנדיקע קאַרטאָפל.
3. ווייבער צי ציקער, זיסע גוטע מאַנדלען — בריקעוו.
4. מיידן און יינגען קאָנקורירן און פאַרקויפן ברויט: איינע שרייט — ברויט ביליק, ברויט שטיינס, אַ שיטקע קאָפּמאַנס, אַ רעזועוע, כאַפּט אָוועק. אַ צווייטער העכער: קאַגאַנס אַ ווייס, בליימאַנס אַ לוקסוסאָווע, ביי מיר נאָך וואַרעם. דער יונג רייצט זיך: לעבן בליימאַן געלעגן, פון בליימאַן גע־קנעטן.ביידע: יאָך זאָל ש׳אָבן אַזאַ יואַר.
5. עס שטייט אַ ייד מיט קעם און שרייט: יידן, לאָזט אייך נישט קריכן אויפן קאָפּ, קויפט אַ קעמל פאַר 8 גראָשן.
6. הייסע ראַצוכעס פאַר 40 גראָשן, ביליקער ווי ברויט, 40 גראָשן, הייסע גלעזער קאַווע 15 גראָשן.
7. וואַרף אַראָפּ די ברודיקע שמאַטעס, קויף נייע לענטעס פאַר 20 גר׳.
8. מען פאַרקויפט עפּעס אַ פאַרדעכטיקט געבעקס. דער פאַרקויפער שרייט אויף אַ קול: אייער מיט צוקער, אייער מיט האָניג פאַר 40 גר׳.
9. אַ יינגל מיט צוקערלעך: יידן, דערכאַפּט אייך די פאַרחלשטע נשמה, נאָר פאַר 15 גר.
10. אַ יינגל מיט עפּעס אַ מין צוקערלעך: ווייכע ווי פּוטער, זיסער ווי צוקער, בלויז פאַר 10 גר.
11. וואַאַן, וואַאַן, וואַאַן (געמיינט ווין) — מייערן.
12. גאַנצע קיכנס, האָניק מיט מילעך, אַ זלאָטע — קליינע ראַזוווקע־זעמעלעך.
13. הייסע וואַבער, פרישע וואַבער — קאַלך־אייער.
14. מ׳שיסט, מ׳ראַבירט, מ׳האַרגעט, מע מאָרדעט! — אַ דאַטשישע געמיינע — אַ צייטונגס־פאַרקויפער.
15. די צייטונגס־פאַרקויפער: דייטשישע אַלגעמיינע צרות. Deutsche Allgemeine Zeitung (ר״א, פאַלקלאָר).

21. „ראַדאָסנאַ נאָווינאַ" (פריילעכע נייעס). אין וו"ג אַ פלוגבלעטל, פויליש און ייִדיש: „אַ היילונג פאַר דיין לייב", דאָס איינציקסטע ראַדיקאַלע הייל־מיטל קעגן פאַרלויזט זיין באַקומט מען ביים פאַרטרעטער פון פראָפ' פישערס פרעפעראַט: „וויטאַליס", זשימנע 5 ווינונג

קויפט, ווייבעלעך, אַ דערכאַפעניש, די מלחמה וועט אייביק נישט זיין, דערפאַר כאַפט אַריין וואָס מער, וכדי די מלחמה איבערצולעבן. (ל"ג, פראַנק, 13.1.1941).

אַלע שויפענצטער און טירן זענען פאַרשטעלט מיט שוואַרץ פאַפיר, אויף וועלכן ס'איז אויסגעשניטן: „קאַפע נעגרעסקאַ" — „זוכסט ברויט, קום אַריין אויף אַ וויַיל"; „פריזיר־אַנשטאַלט"; „גאַלאַנטעריע־געשעפט"; „די בעסטע טשאַסט־קעס קריגסטו דאָ"; „ווילסט נישט גיין אָן זוילן, קום אַריין". (י. טורקאָוו, אַזוי... ז' 216).

„אַ גדול פון ר' זאָל האָבן געזאָגט, אַז אויב יענע וועלן געווינען די מלחמה, וועט די ייִדן־פראַגע זיין געלייזט אין 3 חדשים; אויב פאַרשפילן — אין איין שעה". (רינג', 28.8.40, געבעלס?).

רעשט־געטאָ — פאַרקלענערט ג' וואָס איז געבליבן נאָך אַן אַקציע. אויך דאָס ר"ג ליקווי־דירט מיט דער צייט. (ראַדעם א"א).

רשע — היטלער. זע: ראש.

רשעים — א) דייטשן. הובערבאַנד, כ"י: „די ר' זענען דאָרט אַריין, געמאַכט אַ שחיטה". (קידוש השם, ר"א, 120). די ר' געוואָלט מאַכן אַ בית הכסא אינעם אוהל פון רבי אברהמעלע. (10.5.1942, ר"א, 96). „הערשל איז אַוועק און איז ערגעץ צווישן די ר' פאַרבליבן". (נתן סמאָלאַרס בריוו 10.10.1942, וו"ג; ס' זאַמבראָוו, ז' 173). ב) דייטשע פאַפיר־מאַרקן. (קאַפלאַן, ז' 25).

ש

שאַ — שאַ, רעד נישט... ס׳איז דאָ אַן אויער... היט דיך... — ווער און ווו? —ביים טעפּל. (ל״ג, רעאַקציע אויף דייטשער פּראָפּאַגאַנדע מ׳זאָל נישט רעדן, ווייל דער שונא הערט אונטער, א״ג „פּסט־אַקציאָן״).

שאַבעכץ, שאָלעכץ, שיילעכץ — „הונגער־צייט. בעסער געזאָגט: שאַבעכץ־צייט״ (ל״ג, הילער, 5.3.1944). „הקליפות נוקו במים ונתבשלו במלח, אחר כך טחנו קצת שיבולת־שועל בטחנת יד ואת הקמח הקלוקל הזה ערבבו בקליפות תפוחי־אדמה ומזה היו מכינים פיתות״. (מפרשת השואה, ב׳ ז׳ 18).
— געמאָלן אין אַ פלייש־מאַשינקע מיט אַ סאַכאַרינקע, געמאַכט אַ באַבקע. (ל״ג, שלום גאָטליב. „תלוש (טאַלאָן) לקבלת ק״ג קליפות אדמה. שוב השתרכו תורים ליד המטבחים. עתה ניצבו שם אנשים עם תלושי־רפואה מטעם הרופאים. חרף התלושים שהיו בידי, לא הצלחתי לקבל את הקליפות, אזלו״. (ש. פלגר־זיסקינד, ז׳ 106). ג׳־יידן זאָגן, אַז ש׳ איז געזונט. אין הייטל געפינט זיך אייזן, און אונטערן הייטל — צוקער, דערפאַר זענען בהמות אַזוי שטאַרק און קרעפּטיק. (בריקס, קייסער, ז׳ 210; ראָזענפאַרב, ב׳ 2, ז׳ 511). זע: פלייצעס. „אין וו״ג קאָכן די פּליטים קאַרטאָפל־ש׳ ״. (רינג׳, 1941, ז׳ 325). **קאַרטאָפל־לופינעס** — מעלדונג פון יודענראַט אין ביאַל״ג, 227 (24.2.42).

שאַבער, שאַברירן — צונעמען הפקר־זאַכן, אויך גנבענען. (באַזשיקאָווסקי, צווישן, ז׳ 97).
— פון וואַנען שטאַמט דאָס וואָרט? פּראָפ׳ ד״ר יאָהאַן פאָן לעערס (Leers) אין זיין בוך „די פאַרברעכער־נאַטור פון יידן״, בערלין 1944(!) גיט אָן, אַז אַ דירה וואָס מ׳האָט אויפגעבראָכן און באַגנבעט, הייסט אויף גנבים־לשון „אויסגעשאַבערט״. דאָס וואָרט שטאַמט פון יידיש אָדער העברעיש (ז׳ 66). פּראָפ׳ דאָראָשעווסקי אין זיין בוך „שמועסן וועגן דער שפּראַך״ (פּויליש, וואַרשע 1948), שרייבט: „וועגן די ווערטער שאַבער און שאַבראָוואַטש״, להיפוך צו דער מיינונג פון אַ סך מענטשן, זענען דאָס נישט קיין נייע ווערטער. אין אַ געוויסן זינען האָבן די ווערטער עקזיסטירט אין דער שפּראַך פון לאַנג״ (ז׳ 96). דער מחבר ווייזט אָן, אַז די ווערטער געפינען זיך אין פּוילישע ווערטערביכער (לינדע, קאַרלאָוויטש א״א) און געווען באַנוצט דורך מוירערס מיטן באַדייט ,עפענען מיט אַ ספּעציעלן מכשיר אַ מעטאַלענע כלי׳. דאָס וואָרט שטאַמט פון דייטש. לויט א. קאַפּלאַן, שטאַמט דאָס וואָרט פון העברעיש ,**שבר**׳ ״ (ז׳ 29).
— „אַ בחור האָט מיר געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס וואָרט שטאַמט פון העברעישן, באַשטייט פון צוויי ווערטער: ,לשבר בר׳ (וירדו בני יעקב מצרימה לשבר בר״) (וו״ג, לעווין, 29.12.1942).
— „צום אייגנאַרטיקן געטאָ־זשאַרגאָן נאָכן גירוש (1942), געהערן די ווערטער

,טשוכעס און ש׳ ״, וואָס אַנטהאַלטן דעם תּמצית פֿון אונדזער איצטיקן עקאָנאָמישן קיום. (די באַצייכענונג פֿאַרן נייעם לעבן, וואָס צוליב זיין אומגעוויינטלעכקייט און נייקייט האָט עס געמוזט האָבן אַ גאַנץ נייעם נאָמען. פּאָפּולער באַזונדערס דער פּועל „ש׳ ״, וואָס ווערט געבויגן און דעקליני רט אין כלערליי פֿאָרמען, פֿון „ש״ (פּועל) ביז „שאַבראַוויעץ״ (שם עצם).

— דער שורש פֿונעם וואָרט זאָל שטאַמען פֿונעם וואָרט „שאַבער״ (קליינע שטיינדעלעך) און אין דער פּוילישער טעכנישער טערמינאָלאָגיע פֿיגורירט דאָס וואָרט אַלס באַצייכענונג פֿאַר דורכזיפּן, דורכנישטערן (טערמין פֿון שלאָסערפֿאַך).

— „ש׳ (באַנוצט דורך פּוילישע קונים) הייסט: גיין דורכנישטערן די פֿאַרלאָזענע יידישע שטובן און נעמען פֿון דאָרטן וואָס עס לאָזט זיך. דערביי זאָגט מען דאָס וואָרט געוויינטלעך אַרויס מיט ביטול, ווי צו אַ טועכץ, וואָס איז אַ מלאָכה בזויה. און דער וואָס שאַברעוועט, איז ווערט דעם ביטול.

— על פּי רוב — באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן ביטול־וואָרט טאַקע די יעניקע, וואָס זיי אַליין זענען די אמתע „שאַבראַווצעס״, כּדי דערמיט צו פֿאַרדעקן זייער כלומרשטע שאַנד. אין תּחילת האָט מען איינפֿאַך געזאָגט „גניבה״, „גנבים״ אויף פּראָסט יידיש, אָבער צי די וואָס האָבן געשריגן גניבה, האָבן זיך אַליין געפֿילט געטראָפֿן פֿון דער באַצייכענונג — האָבן זיי דאָך אַליין גענומען פֿון די יידישע שטובן און זיי וואָלטן בשום אופֿן נישט געוואָלט ליידן, זיי זאָלן אָנגיין אַלס גנבים אָדער זיי האָבן פּשוט איינגעזען, אַז ס׳איז אַן אומזין אָנצורופֿן גניבה, ווען מען נעמט אַ זאַך וואָס איז הפֿקר, סיידן מ׳זאָל אָנגעמען, אַז מען גנבעט עס ביים דייטש. גענוג אַז מען האָט זיך געפֿונען אומבאַקוועם, מיט אָט דעם נאָמען, ביז ס׳איז אונטערגעקומען דאָס וואָרט „ש׳״, וואָס איז זייער צו דער האַנט און עס האָט זיך גיך אָנגענומען און ס׳לייכט יעצט מיט אַלע חנ׳ען פֿון די ווערטער, וואָס באַצייכענען אַ נייעם צושטאַנד, אַ טועכץ אַן אייגנאַרטיקס, פֿאַר וועלכן עס פּאַסן נישט קיין שום אַלטע, פֿריערדיקע אויסדרוקן פֿון די רויִקע, איינגעפֿונדעוועטע צייטן און מען מוז האָבן פֿאַר דעם אַ וואָרט וואָס איז אַליין געבוירן אויף די חורבות, „אין תּוהו ובוהו״, אַ וואָרט פֿון מאָמענט.

— אייגנטלעך, וואָלט מען דאָס וואָרט געקאָנט פֿאַרבייטן מיטן אַלטן יידישן ווערטל „לקח׳נען״, אָבער ווידער אַמאָל דאָס אייגענע: ל׳ איז בלויז אַן איראָנישע באַצייכענונג פֿאַר גניבה, בעת ש׳ איז עפּעס אַזוינס וואָס שטייט אינדערמיטן, צווישן נעמען און לקח׳נען; והשנית, וואָלט ל׳ נישט פֿאַרשטאַנען דער גוי, אין דער צייט ווען שאַברעווען איז אַ בשותּפֿותדיקער נאָמען, האָט שוין זיין באַשטימטן פּלאַץ אין פּוילישן לשון און איז אויך יידיש נישט פֿרעמד. דאָס וואָרט איז יעצט אַזוי אַריין אין געברויך, אַז פֿיל חנד׳לען זיך דערמיט, באַנוצן עס אויף טריט און שריט, צי מען דאַרף עס צי ניין; מ׳קעכלט עס און מ׳פּערלט עס. מען שפּילט זיך דערמיט ווי קינדער מיטן באַלעמל, וואָס זיי וואַרפֿן אין דער לופֿט.

— דו, ס׳טראָגסטו, האָסט געשאַברעוועט? — זאָגט איינער צום אַנדערן, זעענדיק יענעם טראָגן עפּעס אונטערן אָרעם. — איי, דו אַלטער, ‚שאַבראַוויעץ׳ — ענטפֿערט יענער — מיינסט טאַקע אַז אַלע זענען אַזוי ווי דו?

— מען קאָן זאָגן, אַז די צוויי ווערטער באַשיינען ווי מיט אַ רעפלעקטאָר אונדזער יעצטיקן לעבן: „טשוכעס" און „ש׳" — די אויסדרוקן וועלן אַריין אין יידיש ווי דער סימן מובהק פון דער יעצטיקער גרויזאַמער תקופה, ווי ווינקל־שטיינער פון דער געטאָ־תפיסה. דער ביטול וואָס ליגט אינעם וואָרט, איז נישט אָוועק־צומאַכן מיט דער האַנט, ער נעמט זיך פון דעם שלעכטן געפיל, פון דער שטילער חרפה, אַז מען איז יורשים פון זאַכן, וואָס זייערע באַזיצער זענען מיט אייזערנע לאַפּעס אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע רויִקע היימען און ערגעץ דערשטיקט און דערוואָרגן געוואָרן; מען האָט מורא, אַז מען וועט אַליין אויך האָבן דעם אייגענעם סוף; היינט ירשנט מען די זאכן פון יענע און מען עסט און מען פרעסט, מאָרגן וועלן עס טאָן אַנדערע מיט אונדזערע זאַכן, נאָכדעם ווי מיר וועלן דערשטיקן אונדזער לעצטן קויעכץ אין כאָרכלענדיקער גסיסה. פון דאַנען דער ביטול, דאָס חוזק־שטעכווערטל „ש׳" — נישט נעמען, נישט גנבענען, נישט אָפילו לקח׳ענען, נאָר „ש׳". דאָס וואָרט האָט געבוירן די צייט, די תקופה פון אומקום, מיליאָנען־שחיטה און משוגענער נקמה. (וו״ג, אָפּאָטשינסקי, כ״י, ר״א). — שאַברירן — ד״ה פאַרקויפן זאַכן פון אויסגעזידלטע. (רינג׳, נאָטיצן, ז׳ 257). „דאָס האָט געהייסן אין זשאַרגאָן ,מען האָט געשאַברעוועט׳ — אַ וואָרט גענומען פון שלאָסעריי און באַטייט — דאַכט זיך — אויסגלעטן". (דאָרט, ז׳ 308). „איך בין געוויר געוואָרן, וואָס ס׳הייסט ש׳". אונדזער גרופּאָווי האָט תיכף באַ־קומען דעם נאָמען: ,אָבערשאַבער־מייסטער׳. (פּאָלאַ ראָטשילד, כ״י, ז׳ 77).

שאַוּליסן — פאַשיסטישע ליטווישע אָרגאַניזאַציע פון פאַר דער מלחמה, ענג מיטגעאַרבעט מיט דער עס.עס. ביים ליקווידירן יידן אין פוילישע און ליטווישע געביטן. „די ש׳ האָבן מערדערלעך געשלאָגן מיט נאַהייקעס איבער די קעפּ. טרייבן אַרויף אין די וואַגאָנען, אויפן אומשלאַגפּלאַץ אין וו״ג, בעת דער גרויסער אויסזידלונג זומער 1942". (קזשעפּיצקי, בפ״ג, ב׳ 9 ה׳ 2־1, ז׳ 72). „ש׳ העלפן דער עס. עס.", (16.6.42. ר״א, 144). „השאוליסים היו גרועים מהגרמנים". (ס׳ ינובה, ז׳ 218).

שאַהאָיסטאַ — פון „שלום און האַהאָן". אַזוי אָנגערופן די טשעכישע אַסימילאַנטן, וואָס צוליב אָפּאָרטוניזם, האָבן זיי זיך אָנגעגעבן ווי ציוניסטן. (אַדלער, טערעזיענ־שטאַט, ווערטער־רשימה).

שאַכמאָנעס — נישט קעמפערישע, אָן איניציאַטיוו, פּאַרטיזאַנער. (קאַגאַנאָוויטש, ז׳ 169). „יהודים, רק אוכלים ומקלקלים את האוויר". (כהנוביץ, העברעישע אויסגאַבע, ז׳ 176). זע: קאַקעס און ש׳.

שמאַנעסרע — שמונה עשרה. „ס׳איז ש׳ — זאָגט אַ ייד. — איינער ענדיקט פריער, אַ צוויי־טער שפּעטער". (יעלין, ז׳ 184).

שאָמרוינים — נאָכן אַרעסט פון די ש׳ (הערער פון ראַדיאָ), איז אין ג׳ שטיל ווי אויף אַ פאַרוואָרפן אינדזל. נישט מען הערט, נישט מען ווייסט. איינער האָט מורא דעם צווייטן צו פרעגן „מה נשמע?" (הילער, 9.6.44).

שאַנד־באַנד — אָרעמבאַנד, וואָס יידן זענען מחויב צו טראָגן. „די דייטשן רופן די בינדעס „ש׳". (ר״א, 95). אויך יידן רופן זי אַזוי. (הובערבאַנד, ר״א, 48). „נייסט די ש׳־בענדער פאַר ביידן אונדז און דעם עלטסטן (זון), יאָ, ר׳איז שוין גרויס". (י׳ קאַצענעלסאָן: דאָס ליד...; „סרט החרפה". (וו״ג, א. קפלן, ז׳ 181, 3.5.1940).

„די ש׳ ווי די דייטשן האָבן זי גערופן״. (ס׳ קאַלושין, ז׳ 356). **יודענבינדע.** (ס׳ שעדלעץ, ז׳ 685). צו אַ יידן וואָס האָט פאַרלוירן די בינדע, רופט זיך אָן אַן אשכנזישער ראש: „זי, יודע, זי האָבען פערלאָרען דאָס צוואַנציגסטע יאַרהונ־דערט״. (רינג׳, 27.2.1941). **ש׳־לענטעס.** (צווישן לעבן און טויט, ז׳ 77, 46, ר״א, 1486).

שאַנד־גזירה — יידן דאַרפן געבן 60 מיידלעך אין די דייטשע שאַנד־הייזער. דער ווייס־רוסישער דאָקטער, אַ אוהב ישראל, געבראַכט 60 קריסטינס פון ווילנע און די ש״ג איז בטל געוואָרן. (ס׳ ברנוביץ, ז׳ 519).

שאַנד־לאַטע — די ערשטע גזירה: אַלע יידן, פון 7 יאָר, מענער און פרויען, זאָל אָנטאָן די א״ג ש״ל, מיט אַ גרויסן מגן־דוד אויף דער רעכטער האַנט (אָרעם). ווען מיר זענען ס׳ערשטע מאָל באַנייט געוואָרן מיט די ברייטע פּאַסן, האָבן מיר זיך געוווּנטשן נאָך דערלעבן זי צוריק־אָפּציען. (כ״י פון ראַדעמער קרייז, ב. ק., ז׳ 7).

שאַנדצייכן — פאַר טראָגן דעם ש׳ אַ ביסל נידעריקער, ווי דער באַפעל זעט פאָר, צוגע־נומען און מער נישט צוריק געקומען. (י. לוטוואַק, כ״י, ז׳ 22, עדות, יו״ש פ. 2671/258). זע: באַרד.

שאַנדשטערן — צוגענייטער ש׳ אויף דער ברוסט און פּלייצע. (גראָדנע, רייזער, ז׳ 75).

שאַנונג — „ער האָט ש׳ ״ — איז באַפרייט פון אַרבעט, אַ העפטלינג אין ל׳. „דאָקטוירים באַטראַכטן די קראַנקע און קאָנען זיי פאַרשרייבן: איין טאָג ש׳ ביז פינף טעג״. (שטריגלער, ווערק צע, ב׳ 1, ז׳ 193). די צייט האָבן די קראַנקע פאַרבראַכט אין **ש׳־בלאָק**, אויב ס׳איז דאָרט געווען אַ פרייער פּלאַץ.

שאַפּ, שאַפּע — פּלוראַל: **ש׳־ן, ש׳־עס.** (טורקאָוו, פאַרלאָשענע שטערן, ב׳ 1, ז׳ 60, 148); **שעפּער** — (וולאָדקע, ז׳ 21, 26). **שאַפּס.** (ס׳ ראַדאָם, ז׳ 325). **שאַפּ.** (ס׳ טומ־מאַז׳, ז׳ 368; ס׳ זעלווע, ז׳ 211 א״א). עטלעכע דייטשע פירמעס, ווי טעבענס, שולץ, אַשמאַן, האָפמאַן, שילינג, ברויער און אַנדערע, האָבן פאַרלייגט אין ג׳ וואַרשטאַטן, ס׳רוב פון שניידעריי, שוסטעריי, קירזשנעריי אדג״ל. די וואַר־שטאַטן געאַרבעט פאַרן דייטשישן מיליטער. גערופן האָט מען זיי „שאַפּעס״. איידער די בראָך פון גירוש האָט זיך נאָך אָנגעהויבן, האָבן שוין די דאָזיקע שאַפּעס געאַרבעט. אַזאַ „שאַפּע״ איז אויך געווען אין קליינעם געטאָ. אין דער ש׳ האָט מען פאַרזיכערט, וועט קיין בלאָקאַדע נישט זיין. פון דאַנען וועט מען קיינעם נישט אַרויסנעמען. דאָ איז מען זיכער מיטן לעבן. (פערלע, חורבן וואַר־שע, 31.8-2.9.1942, ר״א, 1245/2).

— ס׳האָט געקאָסט ממון ודמים, איידער מען האָט זיך אַריינגעקריגן אין אַ ש׳. מענטשן האָבן אַראָפּגענומען פון זיך דאָס לעצטע העמד און אַוועקגעגעבן. (דאָרט, ז׳ 130).

— „דער ש׳ האָט אין דער ייד. ליטעראַטור זיין איינגעשטעלטן טייטש. דער נאָמען איז געוואָרן אַ שם־נרדף פאַרן באַרימטן אַמעריקאַנער שוץ־סיסטעם. דאָס וואָרט האָט שוין זיין קאָלאָריט, זיין קלאַנג, און זיין מיין וואָס רופט אַרויס, כהרף־עין, די אַסאָציאַציע פונעם מערדערישן סיסטעם.

על אחת כמה וכמה איז דאָס דער ש׳ אויף אונדזער ערד, אין אונדזער ווירקלעכ־

קייט, אין אונדזער אומרעאַלער געטאָ־רעאַליטעט, די רעכטלעכע ראַם פאַר אויסנוצונג, פאַר אַרויסציִען דעם מאַרך פון די ביינער לשם פּראָפיט. ער איז אויך פיל מער: איז ער דאָך אַ ש׳ פאַר דער קריגס־אינדוסטריע. ממילא, הערשט אין אים די מיליטערישע דיסציפּלין אין קריגס־צייט. והשנית, איז ער דאָך באַשטימט פאַר יידן, וואָס די היטלעריסטן האָבן שוין לאַנג אויף זיי אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. אויב זיי לאָזן זיי אין ש׳ לעבן, איז נאָר דערפאַר, ווייל קיין טויטע יידן קאָנען מסתמא אין ש׳ צו גאָרנישט מער צונוץ קומען". (אָפּאָטשינסקי, ר"א, 244/2).

— ש׳ איז געווען נישט מער ווי אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ, וואָס האָט אַלעמען פאַר־בלענדט, בלינד געמאַכט. (ס׳ כזשאַנאָוו, ז׳ 290; ס׳ ודוביצה, ז׳ 184). „דאָ אַר־בעטן 1,200 יידן אין צוויי שיכטן. נייען פּיזשאַמעס, הויזן, אָנציגער פאַר דער וועראַמאַכט. באַקומען 1 ק"ג ברויט אַ טאָג". (ס׳ זעלווע, ז׳ 219).

שאָפּ־פּאָליציי, ווערק־פּאָליציי איז מחויב, אונטער טויט־שטראָף, אַרויסצוגעבן יידן וואָס אַרבעטן נישט, אָדער געפינען זיך אין דער אַרבעט־צייט אויף דער גאַס. (אָפּאָטשינסקי, כראָניק, ר"א, 298). אין וואַרשע געווען אַ קינסטלער־שאָפּ וווּ ס׳האָבן געאַרבעט צענדליקער יידישע קינסטלער. מען האָט געמוזט איינצאָלן שווערע טויזנטער, כדי אַרויסצובאַקומען אַ לעבנס־קאַרטע, אַן אויסווייז, אַז מ׳אַרבעט אין אַ שאָפּ. (טורקאָוו, פאַרלאָשענע שטערן, ב׳ 1, ז׳ 178 א"א).

שאַפּאַ גראַ — פּויליש: שראַנק שפּילט. ש"ג — דאָס פּאָפּולערסטע ווערטל וועגן דער קהילה: „אַז מען וואַרפט אַריין אין דער שאַפע, שפּילט זי". (רינג׳, פעברואַר 1941). „שראַנק־שפּילער" איז דער וואָס נעמט אַ סך כאַבאַר; מוזיקאַליש הייסן מענטשן, וואָס נעמען כאַבאַר. (רינג׳, 11.4.1941).

— דאָס ערשטע מאָל האָט דער מחבר געהערט ש"ג אין דער יידישער פּאָליציי אין וואַרשע. „פאַר געלט האָט די אָדע געקאָנט שפּילן יעדע מעלאָדיע. פאַר ש"ג (פּאָסטנס, וווּ מ׳האָט געקאָנט פאַרדינען), האָבן צווישן זיך געקעמפּט די פּאָלי־ציישע ראַיאָנען". (ר"א, נ"ר 115). „כ׳האָב געזען אַ קאַריקאַטור, וואָס איז באַ־קאַנט אין גאַנץ וואַרשע. אויף אַ מאַפּע, וואָס שטעלט פאָר דאָס ג׳, געפינען זיך פאַרשידענע אַמטן, אויסגעמאָלן ווי שאַפעס פון פאַרשיידענער גרייס. אונטער־געשריבן אויף פראַנצויזיש: „באַזוכט דאָס שיינע יודעאַ אין אירע באַרימטע שאַפעס". (פּאַוולאַק, פּויליש, כ"י, ז׳ 168).

— „די יידישע פּאָליציי האָט דערווייל פּרנסה: ש"ג". (ר"א, 18.7.1942, נר׳ 46; באַקאַנט אין לוואָוו, לובלין א"א). זע: גראַיעק.

— בשעת דער פוטער־גזירה (זע), האָט די שאַפע ווונדערבאַר געשפּילט. (רינג׳, 26.5.42).

שאַפּענען־פּאַשענען — אויף דעם רוף „שאַפּן" פלעגן קאַצעטניקעס אין בייערן ענטפערן: „שאַפּענען־פּאַשענען" — אויב אַרבעט, דאַרף מען געבן גוט צו עסן. (קאַפּלאַן, ז׳ 18).

שאַצ(ונג)־קאָמיסיע — ביים יודענראַט אַ ש׳־ק׳ „באַשטייערט אַלע סקאָלער יידן לויט זייער פאַרמעגן. יידישע פּאָליציאַנטן קאָנפיסקירן זאַכן און פירן אָפּ אין מאַ־גאַזינען פון יודענראַט". (ס׳ סוקל, ז׳ 284; גוז׳יצ׳נסקי יצחק, עדות, יו"ש).

שבועה — „אונטער דעם פּאָרזיץ פון פּרעזעס, איז היינט באַשלאָסן געוואָרן באַקן מצות אויף פּסח. באַקן וועלן נאָר די בעקערס, וואָס וועלן ביי אָנגעצונדענע ליכט שווערן נישט גנבענען און נישט חמצדיק מאַכן די מצות". היינט די בעקערס געשווירן, צו דער צערעמאָניע געקומען כמעט אַלע בייראַט־מיטגלידער און אַ גרויסער עולם. די ש׳ פאָרגעקומען ביי אָנגעצונדענע ליכט. אָפּגענומען די ש׳ האָט דער גאַנצער ראַבינאַט. דער עלטסטער פון די רבנים, הרב יוסף פיינער, האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער: אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט און פון זיין הייליקער תורה... (ל״ג, פּראַנק, ה׳ 3, ז׳ 23, 17‑19.3.1941).

פרויען אין אוישוויץ: איך זאָל קיינמאָל נישט קומען אַהיים אַ לעבעדיקע, אויב איך וועל וועגן דעם דערציילן. (רעשקאַ גערסט־ווייס, כ״י, ז׳ 85). ענלעכע ש׳ געווען אין אַלע לאַגערן. (זע: דרום־אַפריקע, זאָנדערקאָמאַנדע, מערץ 1960).

שבועות — וואָרנצייכן פאַר אַ שאַכמייסטער, פּאָליר, טראָגן ס׳רוב גרינע מונדירן. (מזרח־גאַליציע, קאַפּלאַן, ז׳ 12).

שבט לוי — ד״ה אָנגעזעענע פון יענער צייט יידן: מיטגלידער פון יודענראַט, פּאָליציי און זייערע העלפּערס, אַגענטן פון געסטאַפּאָ. די פּראָטעקציאָנירטע ש״ל האָט מען איבערגעלאָזט. (ערשטע אַקציע). אַלע פרויען און קינדער פון ש״ל וועלן קענען בלייבן. (ס׳ קראַשניק, ז׳ 334/6, 325).

שבת — ש׳ מאכט: שינה בש׳ תענוג — אַזוי זאָגט אַ שישקע.

ש׳ מאַכט: טשאָלנט בש׳ תענוג — אַזוי זאָגט אַ טאַלאָן־מענטש, אַ קוך־מענטש.

ש׳ מאַכט: שובעכץ בש׳ תענוג — אַזוי זאָגט אַן אַרבעטער. (ל״ג, א. שנור, שריפטן, כ״י, ז׳ 125).

שבתדיקע — אומגעקומענע אין ביאַליסטאָק שבת, נאָכן פאַרנעמען די שטאָט. זייער נאָמען „די ש׳". (י. פּאַט, אַש און פייער, ז׳ 93; רייזנער, ז׳ 47; ליד „רבקה׳לע די ש׳", געזונגען אין ביאַל״ג; קלעמענטינאָווסקי, לעבן און אומקום אין ביאַליסטאָקער ג׳, ז׳ 96).

שבת־רו — וואָס נישט געלונגען דעם רבין פון גער און נישט דעם רבין פון ראַדזימין, איז געלונגען טשערניאַקאָוון: „שבת־רו".

שדים — זע: יאַגדעס.

שדכן — קאַפּאָ, „ווייל ער מאַכט חתונה מענטשן מיטן מלאך־המוות". **אָבער־קאַפּאָ** — וועלט־שדכן. (קאַפּלאַן, ז׳ 38).

שהחיינו — מען דערציילט, אַז נעכטן אָוונט, ווי נאָר איינער פון די יידישע פּאָליציסטן וואָס איז גראָד געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט זיך שוין אויף זיכער איבערצייגט, אַז די אויפרייסן זענען פון אַ באָלשעוויסטישן איבערפאַל, האָט ער קודם־כל אויסגעשריען אינמיטן גאַס: שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. (ווייל״ג, קרוק, 24.3.42).

שוואַנץ־פּאַראַדע — מענער גייען נאַקעט אין באָד. (בוכענוואַלד). אַ ש״פּ אָרדנט איין דעגענהאַרדט אין קליינעם ג׳ אין טשענסטאָכאָוו. (באַטעק, עדות 1102, ב.ק.).

שוואַרץ — דייטשן דערנענטערן זיך צו אונדז, מיר רעדן צווישן זיך: שלעכט, שוואַרץ. (הערשטיין, ראַדימנע, ייה״ק). „איך זע שוואַרץ פאַר אייך". „פאַרשטעקט טיף אין די קעלערן, האָבן עלעקטרישע מילעכלעך געמאָלן קאָרן און צוגעשטעלט

מעל פאַר די שוואַרץ־בעקערס". (רייזער, גראָדנע, ז' 101). „די ש'־הענדלער אויפגעשרויפט דעם פּרייז. (ל"ג, פראַנק, 21.2.1941). „קויפן שוואַרץ צוקער". (ס' גרויס־ראַדאָמישלע, ז' 648). באַנוצט אויך אין פּויליש און דייטש. דער ערשטער שבת, אָקטאָבער 1941, געווען דער שוואַרצסטער טאָג פון אַ גאַנץ גרויסער אַקציע. (ס' וולודבה, ז' 593).

שוואַרצע קראָען, וואָרנע — 1. ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן צוליב זייערע שוואַרצע אָנצוגן. (ס' נאָוואָראָדאָק, ז' 250 ; וויעליטשקער, לוואָוו, כ"י, ז' 54 ; ס' ברנוביץ, ז' 552). פּאָלקסדייטשן וואָס האָבן געדינט ווי שומרים איבער יידן אין ל'. (פּל"ח 6). — „אויפזעערקעס אין שוואַרצע ברייטע מאַנטלען און מיט קאַפּישאָנען אויף די קעפּ, גענומען אַראָפּרייסן פון אונדז ווי נאָר אַ פּאָר גאַנצע שיך. די אויפ־זעערקעס האָבן מיר גערופן ש' וואָראָנעס". (שטוטהאָף, פריינקל־זאַלצמאַן, העפּט־לינג, ז' 158).

2. די לוויה־אָנגעשטעלטע אין וואַרשע, מחמת די מערהייט פון זיי פלעגט באַ־פאַלן אַ מת, דורכזוכן זיינע טאַשן און צונעמען אַלץ. אויך די מלבושים און שיך האָבן זיי נישט איבערגעלאָזט. זיי האָבן געטראָגן אַ ספּעציעלע אוניפאָרם, מיט שוואַרצע ברייטע היטלען און ווייסע לאַמפּאַסן ; אויף די ווייסע אָרעם־בענדער שוואַרצע מגן־דודס. (טורקאָוו, אַזוי, ז' 120).

3. ש' שמועות — מ'גראָבט שוין ווידער גריבער. (קאָלאָמיי, י. פעדער, כ"י, ז' 20, יו"ש).

שוואַרץ קעפּעלע — אין שטעטל סטאָטשעק קומט יעדעס מאָל אַ זשאַנדאַר פון פּאָוויאַט, הרגעט אַ פּאָר יידן. מען רופט אים דאָס ש' ק'. יום כיפּור ביים דאַווענען אַ בהלה : ש' ק' איז דאָ. (קזשעפּיצקי, בפּ"ג, ב' 9, ה' 2—1, ז' 132).

שוואַרצער — 1. אוקראַאינישער פּאָליציאַנט. לוואָוו. בעלגער, וואָס העלפן דייטשן, רעק־סיסטן. (א. קליינמאַן, כ"י, ז' 169, 183 א"א). עס־עס־לייט, צוליב זייערע שוואַרצע מונדירן. (קורץ, כ"י, ז' 74, 142 ; ס' ביטען, ז' 333). „אָנגעקומען די ש' ". (הובערבאַנד, כ"י, 10.39, ר"א, 452, 594). **שוואַרצע** — אוקראַאינער פּאָ־ליציסטן, אַסקאַרן (זע). (ס' וולודבה, ז' 645). אַזאַ מין אָרדענונגס־דינסט, אָנגעטאָן אין ש' מונדירן, וואָס רעקרוטירט זיך מייסטנס פון לעטן, ליטווינער, אוקראַאינער אאַז"וו. (ס' פּוריסאָוו, ז' 457).

„ווי קומט איר עפּעס צו זיי, צו די ש' אַנציגער (האָלענדישע שאָפערן זענען ש' געקליידעט). (רייזער, כ"י, ז' 75). שוואַרצע עס־עס־לייט. (ס' סקרניביץ, ז' 495). „דייטשן (גערופן ש' קעפּ) שלאָגן און ממיתן". (ס' קאָריוו, ז' 309). „ש' באַן־ווערקשוץ" (זע). (רינג', כתבים I, 285).

„ש' פירן צו דער אַרבעט. דאָס זענען פּאָלקסדייטשן, שקצים געבראַכט פון דאָרף הינטער כעלעם, טראָגן ש' מונדירן, האָבן ביקסן און שטעקנס". (ס' זאַמאָשטש, ז' 940). ל' יאַנאָוויצע : „אַ כאָפּטע ברוינע, גרינע און שוואַרצע באַנדיטן". (ס' זשעטל, ז' 323, 360).

2. אַ שוואַרצער וועלכער האָט איינגעשטימט דורכצופירן אונדז דורך דער דע־מאַרקאַציאָנס־ליניע, דורכן טייך בוג, פאַר 500 זל' אַ פּערזאָן. (קאָנקורס אמעבא,

ז׳ 2). דער שוואַרצער (ס׳ קאַלאַמיי, ז׳ 120, 138). איין שווערצער. (בלאַנקאַ ראָזענבערג, כ״י, דייטש).

3. ליד: דערשטיק ביי זיך אין האַרצן ביטערניש און באַנג, / אויף צופיקעניש דעם שוואַרצן (ד״ה היטלער), הילכן זאָל געזאַנג. (ד״ר ב. צפור, טאַצן, אויש־וויץ).

שוואַרצער ווייס — געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנט ווייס. (קרוק, 14.11.1942). דייטשער ממונה איבערן ווילנער ג׳.

שוואַרצער טאָג — טאָג פון אַקציע. ,,געקומען אַ ש׳ ט׳, דער שוואַרצעסטער ט׳ אפשר אין דער גאַנצער ייד. געשיכטע, דער טאָג פון 22 יולי 1942. (ר״א, פערלע, צווישן לעבן, ז׳ 100). דער שוואַרצער שבת — געדויערט פון גאַנץ פרי ביז אויפדער־נאַכט. (דאַרט, 126).

— באַקאַנט פון אַמאָל: ,,שבת־שחור״ — ש׳ שבין שבעה עשר בתמוז ותשעה באב, הנקרא ש׳ ש׳ (1348 יאָר). הדיבור ש׳ ש׳ שגור בגרמניה עד היום הזה. (ברנפעלד, ספר הדמעות, פרק 2, ק״ב).

,,אַ ש׳ ש׳ אין לובלין, 28.3.1942״. (ש. טורקעלטאַוב). ,,געווען אַ סך ש׳ ש׳־ן אין לובלין״. (פרוי רוער).

— ש׳ פרייטיק — נאַכט פון 18טן אויפן 19טן אַפּריל 1942 אין וו״ג. (טומקביץ, פּצצות, ז׳ 156); אומגליקלעכער פרייטיק. (אַפּאָטשינסקי, ר״א, 1300). ערשטער פ׳ נאָכן פאַרנעמען לוואָוו. (רודניצקי, עפּאָקאַ, קוזשניצאַ, 1948, נר׳ 13—14. פּויליש; ס׳ רוהטין, ז׳ 290).

— ש׳ דאָנערשטיק. (ס׳ טשיזשעוו, לאָדזש, 2.1940; ספר הדמעות, ז׳ 208; קאָוונע, 7.8.1941).

ש׳ זונטיק. (קאָלאָמיי, 11.9.1942, י. פעדער, כ״י, ז׳ 28, יו״ש).

— ש׳ טאָג אין פּאַריז, פון דאָנערשטיק ביז זונטיק 16.7.1942־19.7. (דאָס וואָרט, ז׳ 115).

,,שחיטה פון דעם שוואַרצן שבת, 9.9.39, אין וואָנסאָווע״. (ס׳ גובורובה, ז׳ 403). זע: בלוטיקער.

שווילטאָג — פאַראַן מענטשן וואָס לעבן זיך אין ש׳ ביי די געטאָ־באַדינגונגען. (הילער, 1.6.1944). מען וועט זיך באָדן אין ש׳. (ראָכמאַן, כ׳האָב..., ז׳ 260).

שווינג — באַדינער פון דייטשע העפטלינגען. (ל. גוזען, נאַגאַי; ז׳ 42. פּויליש). זע: פּופּיל.

שווימען — אַדורכשמוגלען דורכן ג׳־טויער. (קאָוונע, כאַנאָוויטש).

שוויענטאָוועז — (פּויל.) — אַרומגיין לײדיק. ל׳ דרעווניצאַ, 5.1941. (ר״א, 388).

שוויצער — יונגעלייט וואָס פירן געשעפטן מיט דייטשן, פאַרוואַלטן מיט די מאַגאַזינען, גייען בעסער אָנגעטון: שטיוול, הויזן צו שטיוול. (טשענסטאָכאָוו, ברענער, כ״י).

שוועטליצע — אַלערערשטנס זענען די קינדערלעך פון 3—8 יאָר אין דער ש׳, אונטער ספּעציעל צוגעטיילטע לערערינס (צומייסטן פּראָטעקציע־מיידלעך), וואָס געבן אַכטונג (מער אויף די זופּן ווי אויף די קינדער), אַז די קינדער זאָלן פאַר־ברענגען אויפן פרישן לופט. ביי יעדער רעסאָרט איז דאָ אַ ש׳. (טאָגבוך ל״ג, 4.8.44). זע: רעסאָרט.

— עלטערן, וואָס האָבן קינדער, 9 און 10 יאָר, נעמען די קינדער פון די שוועטליצעס אַרויס און געבן זיי אין די רעסאָרטן אַריין. די קינדער ווערן דערצ־מיט פּראָלעטאַריער, וואָס וועלן מוזן מאַכן פּראָדוקציע. (הילער, 13.1.44).

שוועסטער־קבר — אין ל׳ ראַכליץ אַרויסמאַרשירט 200 העפטלינגען, איבערנאַכט געבליבן נאָר 50. צומאָרגנס זיי באַגראָבן אין אַ גרויסן ש״ק. (ס׳ לאָסק, ז׳ 481).

שווער־אינדוסטריע־אַרבעטער — ייד ווילצט זיך : איך בין געוואָרן אַ ש׳ א׳ א׳. (ס׳ קולו, ז׳ 262). געוואָרן אַרבעטער אין אַ קוילן־גרובן. (אין פּוילן, פאַר דער מלחמה, האָט מען דערצו נישט צוגעלאָזט קיין יידן).

שווערע לופט — „אפשר לחתוך את האוויר בסכין... אפשר לתלות גרזן באוויר. (דניאל, כ״י, 650. ל׳ בודזין, 1943).

שוין אונטערגעשריבן די זופּ — אין א סך רעסאָרטן ווערט די זופּ נישט אַרויסגעגעבן די, וועלכע האָבן פאַרגעסן זיך אונטערצושרייבן אויף דער אָנוועזנהייט־רשימה. אַזאַ איינער דערמאָנט זיך ערשט אין זיין „חטא״ פאַר דעם מיטאָג. אָז אויפגע־רעגטער, וואָס מען מאַכט אַזאַ וועזן פון אַזאַ קלייניקייט, זאָגט ער האָס, נאָכן אָוועקלייגן זיין אונטערשריפט און וואַרטנדיק אויף „צוזאַץ״. (ל״ג, ג׳־לשון, 1009).

שוין אָפּגעאַרבעט די זופּ — די אַרבעטער וואָס באַקומען זונטיק אַ זופּ, האַלטן, אַז דאָס אונטערשרייבן זונטיק איז אַ מין עפּעס „טאָן״, ס׳זאָל נישט הייסן בחינם די זופּ. דריקן זיי עס אויס אין דער פאָרם. (ל״ג, ג׳־לשון, 1011).

שווינונגס־בלאָק — פאַר שוואַכע רעקאָנוואַלעסצענטן. נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. פון דאַנען גענומען אין גאַז־קאַמער. (אונדזער שטימע, 1946, וויינטרויב).

שוכאַ — געביידע פון געסטאַפּאָ אין וואַרשע, אַרויסגערופן שרעק; אַ ספּעציעלע אָפּטיי־לונג פון אַלעיאַ ש׳ געווען אויף זשעלאַזנע 108, מיטן נאָמען באַפעל־שטעלע, באַשטימט פאַרן וו״ג.

שול — יעדן אָוונט האָבן אוקראַינער געמאַכט אַ פייער פאַר דער ש׳, שיכור געטאַנצט און געזונגען, ווען דערינען זענען לעבנס אויסגעגאַנגען. די ש׳ האָט זיך איינגע־קריצט אין יעדנס אינגעווייד, געוואָרן אַ געשפּענסט. מיט דעם וואָרט האָט מען געדראָט. — פון דער ש׳ פירט מען הינטער דער שטאָט דערשאָסן צו ווערן. (פּיאָטרקווו, פּראָספּעקט פון ס׳ זכרון). „המילים ,מכוניות׳ ו,בית הכנסת׳ והמושג ,הוצאה להורג׳, היו בג׳ זהים. מקום הגירוש בג׳ אל ,בית הכנסת׳. אז כבר העסקנים היהודים ידעו בברור מה משמעותו של הש׳ ליהודים. — איים עליו ב,בית הכנסת׳, מובילים אותם לבית הכנסת״. (ג׳ שאַוול, ירושלמי, כ״י, ז׳ 25—15).

שוליך — אייגנטימער פון שאָפּן אין וו״ג. דער גרויסער ש׳ האָט זיינע בלאָקן אויף נאָוואָליפּיע; דער קליינער ש׳ — אַגראָדאָווע. (ס׳ מלחמת הגיטאות, ז׳ 756); אויף פּאַוויע 38 אַן אָפּטיילונג פון ש׳. (קאָרנגאָלד, כ״י, ה׳ 1, ז׳ 79).

שומרים — פּאָליציי, זשאַנדאַרן. (רינג׳, פעברואַר 1941). די יידישע ש׳ זאָלן פון 1טן באַ־קומען געהאַלט; 1000 זאָלן זיין באַצאָלטע, 700 וואָלאָנטאַרע, **אוקראַינישע ש׳**. (ר״א, שוואַרצבאַרט, 30.12.1940, .1.1.1941). דייטשע ש׳. (13.3.1941).

שונא — דער ש׳ באַשטראָפט פאַר טראָגן אַ שמוציקע בינדע. (רינג׳, כתבים 1, ז׳ 32, 72).

שוסטאַק — אַ זעקסטל פון אַ צוויי־קג׳־ברויט וואָס אַ לאַגעריסט באַקומט. ל׳ קעניגוווס־טערהאַוזן.

שופא — שויץ־פּאָליציסט. (פּנקס שבלי, כ״י, ז׳ 41). „אַ ש׳ פירט צום געטאָ״. (ס׳ ביאַלאַ־פּאָדל׳, ז׳ 451).

שופּאָוויעץ — (וויעליטשקער, בריגאַדאַ, ז׳ 46; ווידערמאַן, פּלאָווע בעסטיע, ז׳ 100 א״א).

שוצמאַן — אוקראַאינישע פּאָליציי. (ס׳ רוקיטנה, ז׳ 302). זע: לאַגערשוץ.

שחיטה — „דער נייער גירוש פון קראָקע פּאַרגעקומען, ווי מען דערוווסט זיך, היינט ביי־נאַכט (על פּי נוסח לובלין). אויך די ש׳ אין צוויזמיר זאָלן האָבן פּאַרגעקומען ביינאַכט״, 4.11.1942. (אַפּאָטשינסקי, ר״א). זע: **מאַטאַלע שחיטה. גרויסע ש׳.** 14.10.1941. **גרויזאַמע ש׳.** (סלאָנים, ז׳ 214); יולי 1942 — אינוואַצעוויטשער ש׳. (ז׳ 224; ס׳ ביטען, 29.8.1942; ז׳ 249, 331). מיר פלעגן הערן, אַז דאָ און דאָרט איז פּאַרגעקומען אַ ש׳, אָבער מען האָט נישט געגלויבט: „ווי קאָן דאָס זיין, מיר פילן דאָך אויס אַלע באַפעלן, טאָ פּאַרוואָס זאָל מען אונדז אומברענגען?״ (ס׳ ביטען, ז׳ 479).

— אַ ש׳ אין באַראַנאָוויטש — דאָס איז שוין די דריטע אַקציע (זע) (רייך, וואַלד, ז׳ 81). 30.4.1942 — **ערשטע ש׳,** 1000 נפשות; 7.6.1942 — **לעצטע ש׳.** (ס׳ זשעטל). „דאָס ג׳ ווערט אַרומגערינגלט, בליץ־שנעל איז קלאָר געוואָרן ווי אַ בלענדיקער חלף: עס איז אַ ש׳. (ס׳ באַראַנאָוויטש, ז׳ 491); די יידישע וואָך ביים טויער לויפט ביינאַכט וועקן: יידן שטייט אויף צו דער ש׳ — יידן לויפן אין די סכראָנעס. (דאָרט, ז׳ 575). דריי ש׳ אין ווילייקע. (ז׳ 286); מען האָט גע־פירט די געכאַפּטע יידן צו דער ש׳ קיין טרעבלינקע. (ס׳ וועגנגרוו, ז׳ 216).

— נאָך דער גרויסער ש׳ אין קאָוונער ג׳, פּאַרזיכערן די הענקערס: מער וועלן נישט פּאַרקומען קיין **„זויבערונגען״,** די **איבערזידלונג** געענדיקט. (יעלין, ז׳ 276).

— פּאַראַן אַ ש׳, וואָס ווערט אויפן קצבים־שוחטים־זשאַרגאָן גערופן **„נאַ־הוראַ״.** דאָס באַדייט אַ ש׳ וואָס קומט פאַר בייטאָג — אַזאַ **„נאַ־הוראַ״**־ש׳ פּאַרגעקומען אין וואַוווער. (ס׳ אָסטראָוויעץ, ז׳ 379).

— אַ קאַרטל פון לוואָוו, 4.1942 (פּויל׳): „מאַרוסיאַ און סאַלע זענען אַרויס־געפאָרן 10.8.42 צו דיין מאַמען. איצט איז ביי אונדז די פּרוי **שכיטאַ.** אויב דו שרייבסט צו דער באַבצין, בעט זי אין מיין נאָמען זי זאָל גיין צום זיידן לייב (קבר־אָבות) און דערציילן אים אַלץ״. (ס׳ האָראָדלע, ז׳ 158).

— **שחיטה־געלט** — פון וואָרטעלאַנד ווערן יידן אַרויסגעטריבן, און יעדער איז מחויב צו באַצאָלן 4 מאַרק. יידן מאַכן זיך לוסטיק, רופן אָן דעם אָפּצאָל ש׳־ג׳. (קורץ, ספר עדות, ז׳ 204).

— **שחיטה־הויז** — (ס׳ קאָלאָמיי, ז׳ 340); **שחיטה־נאַכט** — (אָסטראָוויעץ, ז׳ 321). **ש׳־טאָג** — (ס׳ ברנוביץ, ז׳ 518; „דאָס וואָרט״, פּאַריז, 12.12.1942). **„גרויזאַמע מאַסן־שחיטות** פון הונדערטער טויזנטער יידן אין פּוילישע שטעט און שטעטלעך — גאַנץ פּוילן איז איין גרויס **שעכט־הויז״.**

שטאַבילאַגער, שטאַמלאַגער — ל׳ פאַר קריגס־געפאַנגענע סאָלדאַטן, אין אונטערשייד פון אָפלאַג, ל׳ פאַר אָפיצירן. (ר״א). „מ׳פירט אַרויס פון **שטאַבילאַגער**״.

שטאָט — דער טייל ש׳ מחוץ דעם ג׳. „חזרתי מהעיר. כבר מזמן לא הייתי שם. (לזרסון, 12.12.1942, ז׳ 64). „גם אני וגם העיר שרויים באפלה, אין חשמל״. (1942. 16.12, ז׳ 65). „שטייט אַ זקן און כליפּעט. דאָס ווייב איז אים נאָך אין דער ש׳ געשטאָרבן״. (ל״ג, זעליקאָוויטש, כ״י, 2.9.42; כ״י, יולי 1944. מ. ז.).

שטאַנדאַר נאַראָדאָווי (פויל.: נאַציאָנאַלע פאָן) — יידישע פּרויען אויף דער אַרישער זייט פאַרבן די האָר אויף בלאָנד. האָט מען דאָס גערופן „זיי טראָגן אויפן קאָפּ די מלוכה־פאָן״. (רודניצקי, גינאַנצי דאַניעל, ז׳ 98, פויליש).

שטאַרבן — „זאָל מען כאָטש וואַרפן אַ באָמבע. אָן ערד־ציטערניש זאָל קומען. זאָל שוין זיין ש׳, אַבי נישט פון זייערע הענט״. (ווילנע, ליימענזאָן־ענגלשטערן, כ״י, ז׳ 30).

שטאַרקע(ר) — אין די חדשים מאַי־יוני 1940 האָט אין ל״ג זיך אויסגעבילדעט אַ שיכט שמוגלער, רעקרוטירט פון די א״ג ש׳: פישערס, פליישערס, פורמאַנעס, טרעגערס. זיי האָבן ריזיקירט, אַריינגעשמוגלט פּראָדוקטן. (יאַסני, לאָדזש, ז׳ 318). געזונטע אין פרידנסצייט, פאַרנומען זיך מיט טראַנספּאָרט־אַרבעט. (וויל״ג, באַלבערישסקי, כ״י, ז׳ 26). „יידן באַפאַלן דעם יודענראַט אין לובלין. מוז מען אַוועקשטעלן ביי דער טיר ש׳ מיט אַ גומי אין האַנט. דער ש׳ פירט אָפּ יודנראַט־מיטגלידער אַהיים אונטער זיין שוץ״. (פייגענבוים, פּאָדליאַשע, ז׳ 159).
— ס׳איז אַ הויז־קאָמיטעט פון ש׳ — זאָגן די שכנים. — אין אַזאַ צייט קאָנען אויסהאַלטן בלויז די ש׳. (אָפּאָטשינסקי, די געשיכטע, ר״א, 33).
— די ש׳ — „כת מיוחדת, שמוצאה בחלקו מנובוגרוד הוילנאי ובחלקו מן העולם התחתון. בפרפלגונג־לאַגער מעוררים הם תמהונם של הגרמנים בכוחם העצום, ב„סחיבות״ מן המחסנים ואף מצליחים להבריח שללם לתוך הג׳. וכך גונבים הם מדי יום אלפי קופסאות שימורים״. (וויל״ג, ר׳ קורצ׳אַק, להבות באפר, פ״פּ).
זע: ווילע.

שטובאָווי — העפטלינג, עלטסטער איבער אַ צימער, שטובע, גיט אַכטונג אויף דער ריינקייט. (ס׳ לאָסק, ז׳ 491, 570); **שטובנדינסט — שטובנדינסטלער** — (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 68, 82); **שטובנדינסט־געהילפן** — (ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 446); **שטובאָוועס**, אָן אונטערשיד צי זיי זענען דייטשקעס צי ייד. מיידלעך, באַציען זיך צו אונדז מיט אַלע שטרענגסטע פייניקונגען. (ס׳ לאָסק, ז׳ 541; ס׳ סקאַרזשיסקו, ז׳ 120); **שטובע־דינסטן**. (אוישוויץ). (גראַדאָווסקי, מאַרק, מגילות, ז׳ 338). „**שטובע־דינסטן** גוט אָנגעפרעסענע״.

שטורעם — „1.3.1943. עס דערנענטערט זיך אַ ש׳, וועלכער וועט זיין געפערלעכער פאַר די זקנים ווי פאַר קינדער. 4.5.1943. אין אַפּריל איז ביי אונדז געווען אַ גרויסער ש׳, וועלכער האָט אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען אַלטע און יונגע ביימער. אין זלאָטשעוו געווען דאָס זעלבע״. (זע: אַקציע אויף אַלטע און קינדער). 6.6.1942. די וואָך האָט געבושעוועט ביי אונדז אַ שרעקלעכער ש׳, וואָס האָט פאַרניכטעט די גאַנצע שטאָט. געראַטעוועט האָבן זיך נאָר די וואָס האָבן געהאַט אַ באַהעלטעניש קעגן דונערס. (זע: בונקער, סכראָן). 23.8.1943. איבער אַלע שטעט

איז דער ש׳ דורכגעגאַנגען און צעבראָכן זייער אַ סך צווייגן, **אַלטע און יונגע**; אויך אויף אונדז קומט די ריי. (ס׳ זבורוב, ז׳ 86, 94).

שטורמיסטע (מאָוועצעס), **שטורם-מענער** — „שטורמיסטן אָנגעפאַרן״. (ליימענזאָן-ענגלשטערן, ז׳ 75 א״א). הערה: געמיינט עס-עס-לייט. ש׳ן פלעגן מערדערלעך שלאָגן. (ס׳ לודמיר, ז׳ 442; ס׳ קאָסטאָפּאָל, ז׳ 425); אַ זעלנער צו אַ יידן: דאָס (אַקציע) מאַכן קיין דייטשע סאָלדאַטן, דאָס מאַכן די ש׳ און געסטאַפּאָ. (יעלין, ז׳ 209). די **שטורמער, הויפּט-שטורמער, שטורם-טרופּעס**. (הרב הירשפרונג, דוקלאַ, שריפטן, ניו-יאָרק, 11.1947—10). — אָנגעקומען מאָדנע מערדער, ש׳ אַרויסגענומען מענטשן האַלבע נאַכט, געוואָרפן אין שניי, געשלאָגן ביז טויט. (ס׳ קאָריוו, ז׳ 295; הובערבאַנד, ר״א, 451). ש׳ פלעגן מערדערלעך שלאָגן, הייסן זינגען ביים גיין צו אַרבעט, „העכער העכער״. (ס׳ לודמיר, ז׳ 422, 525).

שטיוול — „דער ש׳ שטייט מיט איין פוס אין נאַרוויק און מיטן צווייטן אין ביאַריץ״. (וו״ג, שיינקינד, 21.5.1942, ר״א, 1303).

— **ש׳-מענטשן** — יידישע פּאָליציי, די „העלדן״ פון סאַניטאַר- און דעזינפעקציע-אָפּטיילונגען, מיטגלידער פון יודענראַט, דאָס 13טל, די שמוגלערס, — די „פּני״ פלעגן אַלע טראָגן עלעגאַנטע ש׳ און געהערט צו די יחסנים. (טורקאָוו, אַזוי, ז׳ 125); „אין קאַפּע פעליקס אויף קרעדיטאָווע טרעפן זיך מלחמה-אונטערנעמער — יונגע יידן אין הויכע ש׳, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן״, זומער 1943. (ק. בראַנדיס, אַנטיגאָנאַ [פּויליש], ז׳ 123). „יעדער באַאַמטער פון דער צענטראַלע (פון יודענראַטן אין אָבערשלעזיע), וואָס שעצט זיך אַליין, טראָגט ש׳ מיט כאָלעוועס. לויט די כאָלעוועס דערקענט מען, צי דער באַאַמטער האָט עפּעס אַ באַדייטונג אין דער צענטראַלע. די היינטיקע תקופה קאָן מען אָנרופן „דאָס הערשן פון הויכע ש׳״. (ה. ווידערמאַן, די ברוינע בעסטיע (פּויליש), ז׳ 142). — **באַשטיוולטע שישקעס**. (ראָזענפאַרב, ב׳ 3, ז׳ 26). „די אַרישקייט זיינע (האָט ער) געדאַרפט פאַרשטאַרקן מיט אַ פּאָר עכט גוישע ש׳״. (ב. שעפנער, נאָוואָליפּיע 7, ז׳ 220).

— „ש׳ אַ סימן פון שטאַרקייט אין קעגנזאַץ צו מענטשן וואָס טראָגן שיך״. (רינג׳, ז׳ 281). אין ג׳ מערקט זיך אַ טענדענץ מצד געוויסע קאַטעגאָריעס מענטשן אָנטאָן ש׳; מענטשן מיט אַ שטאַרקער האַנט, וואָס געמאַכט גוטע געשעפטן נעבן דער קהילה, אָדער פאַרזאָרגונג-אַנשטאַלט. מענטשן אויפגעקומענע, מיט שטאַרקע אַספּיראַציעס, פּאָליציי-לייט, וואָס ניט האָבנדיק קיין געווער, האָבן געוואָלט אימפּאָנירן מיט ש׳. געסטאַפּאָווצעס און ענלעכע טיפּן. דער פּרעזעס טשערניאַקאָוו האָט אין זיין טרויער-רעדע נאָך דעם וויצע-פּרעזיצער זאַבלודאָווסקי דערמאָנט, אַז ער האָט געטראָגן ש׳ — אַ סימבאָל פון שטאַרקייט אין קעגנזאַץ צו מענטשן וואָס טראָגן שיך. איצט, זייט דער איבערזידלונג, אָנגעהויבן טראָגן ש׳ גאַנץ נייע קאַטעגאָריעס מענטשן: די אָנפירערס פון שאָפּן, רעדלפירערס פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען אין די שאָפּן, די ווערקשוץ, די אויפגעקומענע גבירים, וואָס געמאַכט געלטער מיט נומערלעך, די שותפים פון דער אָפּראָוויזאַציע, די דירעקטאָרן פון די שאָפּן,

שטאַבילאַגער, שטאַמלאַגער — ל׳ פאַר קריגס־געפאַנגענע סאָלדאַטן; אין אונטערשייד פון אָפלאַג, ל׳ פאַר אָפיצירן. (ר״א). „מ׳פירט אַרויס פון **שטאַבילאַגער**״.

שטאָט — דער טייל ש׳ מחוץ דעם ג׳. „חזרתי מהעיר. כבר מזמן לא הייתי שם. (לזרסון, 12.12.1942, ז׳ 64). „גם אני וגם העיר שרויים באפלה, אין חשמל״. (1942. 16.12, ז׳ 65). „שטייט אַ זקן און כליפּעט. דאָס ווייב איז אים נאָך אין דער ש׳ געשטאָרבן״. (ל״ג, זעליקאָוויטש, כ״י, 2.9.42; כ״י, יולי 1944. מ. ז.).

שטאַנדאַר נאַראָדאָווי (פּויל.: נאַציאָנאַלע פאָן) — יידישע פּרויען אויף דער אַרישער זייט פאַרבן די האָר אויף בלאָנד. האָט מען דאָס גערופן „זיי טראָגן אויפן קאָפּ די מלוכה־פאָן״. (רודניצקי, גינאָנצי דאַניעל, ז׳ 98, פּויליש).

שטאַרבן — „זאָל מען כאַטש וואַרפן אַ באָמבע. אָן ערד־ציטערניש זאָל קומען. זאָל שוין זיין ש׳, אַבי נישט פון זייערע הענט״. (ווילנע, ליימענזאָן־ענגלשטערן, כ״י, ז׳ 30).

שטאַרקע(ר) — אין די חדשים מאַי־יוני 1940 האָט אין ל״ג זיך אויסגעבילדעט אַ שיכט שמוגלער, רעקרוטירט פון די א״ג ש׳: פּישערס, פליישערס, פורמאַנעס, טרעגערס. זיי האָבן ריזיקירט, אַריינגעשמוגלט פּראָדוקטן. (יאַסני, לאָדזש, ז׳ 318). געזונטע אין פרידנסצייט, פאַרנומען זיך מיט טראַנספּאָרט־אַרבעט. (וויל״ג, באַלבערישסקי, כ״י, ז׳ 26). „יידן באַפאַלן דעם יודענראַט אין לובלין. מוז מען אָוועקשטעלן ביי דער טיר ש׳ מיט אַ גומי אין האַנט. דער ש׳ פירט אָפּ יודנראַט־מיטגלידער אַהיים אונטער זיין שוץ״. (פייגענבוים, פּאָדליאַשע, ז׳ 159).

— ס׳איז אַ הויז־קאָמיטעט פון ש׳ — זאָגן די שכנים. — אין אַזאַ צייט קאָנען אויסהאַלטן בלויז די ש׳. (אָפּאָטשינסקי, די געשיכטע, ר״א, 33).

— די ש׳ — „כת מיוחדת, שמוצאה בחלקו מנובוגרוד הוילנאי ובחלקו מן העולם התחתון. בפרפלגונג־לאַגער מעוררים הם תמהונם של הגרמנים בכוחם העצום, ב„סחיבות״ מן המחסנים ואף מצליחים להבריח שללם לתוך הג׳. וכך גונבים הם מדי יום אלפי קופסאות שימורים״. (וויל״ג, ר׳ קורצ׳אַק, להבות באפר, פ״פ).

זע: ווילע.

שטובאָווי — העפּטלינג, עלטסטער איבער אַ צימער, שטובע, גיט אַכטונג אויף דער ריינקייט. (ס׳ לאַסק, ז׳ 491, 570); **שטובנדינסט — שטובנדינסטלער** — (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 68, 82); **שטובנדינסט־געהילפן** — (ס׳ סקיערניעוויץ, ז׳ 446); **שטובאָוועס**, אָן אונטערשיד צי זיי זענען דייטשקעס צי יידן. מיידלעך, באַציען זיך צו אונדז מיט אַלע שטרענגסטע פּייניקונגען. (ס׳ לאַסק, ז׳ 541; ס׳ סקאַרזיסקו, ז׳ 120); **שטובע־דינסטן**. (אוישוויץ). (גראַדאָווסקי, מאַרק, מגילות, ז׳ 338). „**שטובע־דינסטן** גוט אָנגעפרעסענע״.

שטורם — „1.3.1943. עס דערנענטערט זיך אַ ש׳, וועלכער וועט זיין געפערלעכער פאַר די זקנים ווי פאַר קינדער. 4.5.1943. אין אַפּריל איז ביי אונדז געווען אַ גרויסער ש׳, וועלכער האָט אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען אַלטע און יונגע ביימער. אין זלאָטשעוו געווען דאָס זעלבע״. (זע: אַקציע אויף אַלטע און קינדער). 6.6.1942. די וואָך האָט געבושעוועט ביי אונדז אַ שרעקלעכער ש׳, וואָס האָט פאַרניכטעט די גאַנצע שטאָט. געראַטעוועט האָבן זיך נאָר די וואָס האָבן געהאַט אַ באַהעלטעניש קעגן דונערס. (זע: בונקער, סכראָן). 23.8.1943. איבער אַלע שטעט

איז דער ש׳ דורכגעגאַנגען און צעבראָכן זייער אַ סך צווייגן, **אַלטע און יונגע**; אויך אויף אונדז קומט די ריי. (ס׳ זבורוב, ז׳ 86, 94).

שטורמיסט (מאָוצעס), **שטורם-מענער** — „שטורמיסטן אָנגעפאַרן". (ליימענזאָן-ענגל-שטערן, ז׳ 75 א״א). הערה: געמיינט עס-עס-לייט. ש׳ן פלעגן מערדערלעך שלאָגן. (ס׳ לודמיר, ז׳ 442; ס׳ קאָסטאָפּאָל, ז׳ 425); אַ זעלנער צו אַ יידן: דאָס (אַקציע) מאַכן קיין דייטשע סאָלדאַטן, דאָס מאַכן די ש׳ און געסטאַפּאָ. (יעלין, ז׳ 209). די **שטורמער, הויפּט-שטורמער, שטורם-טרופּעס**. (הרב הירש-פּרונג, דוקלאַ, שריפטן, ניו-יאָרק, 11.1947—10). — אָנגעקומען מאָדנע מער-דער, ש׳ אַרויסגענומען מענטשן האַלבע נאַכט, געוואָרפן אין שניי, געשלאָגן ביז טויט. (ס׳ קאָריוו, ז׳ 295; הובערבאַנד, ר״א, 451). ש׳ פלעגן מערדערלעך שלאָגן, הייסן זינגען ביים גיין צו אַרבעט, „העכער העכער". (ס׳ לודמיר, ז׳ 422, 525).

שטיוול — „דער ש׳ שטייט מיט איין פוס אין נאַרוויק און מיטן צווייטן אין ביאַריץ". (וו״ג, שיינקינד, 21.5.1942, ר״א, 1303).

— **ש׳-מענטשן** — יידישע פּאָליציי, די „העלדן" פון סאַניטאַר- און דעזינ-פעקציע-אָפּטיילונגען, מיטגלידער פון יודענראַט, דאָס 13טל, די שמוגלערס, — די „פּני" פלעגן אַלע טראָגן עלעגאַנטע ש׳ און געהערט צו די יחסנים. (טור-קאָוו, אַזוי, ז׳ 125); „אין קאַפע פעליקס אויף קרעדיטאָווע טרעפן זיך מלחמה-אונטערנעמער — יונגע יידן אין הויכע ש׳, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן", זומער 1943. (ק. בראַנדיס, אַנטיגאָנאַ [פּויליש], ז׳ 123). „יעדער באַאַמטער פון דער צענטראַלע (פון יודענראַטן אין אָבערשלעזיע), וואָס שעצט זיך אַליין, טראָגט ש׳ מיט כאָלעוועס. לויט די כאָלעוועס דערקענט מען, צי דער באַאַמטער האָט עפּעס אַ באַדייטונג אין דער צענטראַלע. די היינטיקע תקופה קאָן מען אָנרופן „דאָס הערשן פון הויכע ש׳". (ה. ווידערמאַן, די ברוינע בעסטיע (פּויליש), ז׳ 142). — **באַשטיוולטע שישקעס**. (ראָזענפאַרב, ב׳ 3, ז׳ 26). „די אַרישקייט זיינע (האָט ער) געדאַרפט פאַרשטאַרקן מיט אַ פּאָר עכט גוישע ש׳". (ב. שעפנער, נאָוואָליפּיע 7, ז׳ 220).

— „ש׳ אַ סימן פון שטאַרקייט אין קעגנזאַץ צו מענטשן וואָס טראָגן שיך". (רינג׳, ז׳ 281). אין ג׳ מערקט זיך אַ טענדענץ מצד געוויסע קאַטעגאָריעס מענטשן אָנטאָן ש׳; מענטשן מיט אַ שטאַרקער האַנט, וואָס געמאַכט גוטע געשעפטן נעבן דער קהילה, אָדער פאַרזאָרגונג-אַנשטאַלט. מענטשן אויפ-געקומענע, מיט שטאַרקע אַספּיראַציעס, פּאָליציי-לייט, וואָס ניט האָבנ-דיק קיין געווער, האָבן געוואָלט אימפּאָנירן מיט ש׳. געסטאַפּאָוצעס און ענלעכע טיפּן. דער פּרעזעס טשערניאַקאָוו האָט אין זיין טרויער-רעדע נאָך דעם וויצע-פּרעזיצער זאַבלודאָווסקי דערמאָנט, אַז ער האָט געטראָגן ש׳ — אַ סימבאָל פון שטאַרקייט אין קעגנזאַץ צו מענטשן וואָס טראָגן שיך. איצט, זייט דער איבערזידלונג, אָנגעהויבן טראָגן ש׳ גאַנץ נייע קאַטעגאָריעס מענטשן: די אָנפירערס פון שאָפּן, רעדלפירערס פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען אין די שאָפּן, די ווערקשוץ, די אויפגעקומענע גבירים, וואָס געמאַכט געלטער מיט נומערלעך, די שותפים פון דער אָפּראָוויזאַציע, די דירעקטאָרן פון די שאָפּן,

די מייסטערס און לייטערס פון אַפּטיילונגען... אָט די אַלע טראָגן איצט מיט גאווה נייע, אויפגענייטע קורטקעס און גלאַנציקע ש׳. ש׳ האָבן אָנגעהויבן טראָגן פרויען, און פאַרשטייט זיך, פרויען פון אויפגעקומענע חברה־לייט, אָדער זייערע געליבטע. די ש׳ זענען לאַנגע. מער נישט, די פאָרם אָן אַנדערע. (רינגי, ב׳ II, ז׳ 291/2).

שטייג — דאָס ג׳ אויסגעזען ווי אַ ש׳ פאַר הינער; ווען מ׳דאַרף אַ הון, קומט מען זי כאַפּן. (ז׳ 69); טויטן־שטייג־פאַרמאַכטער פלאַץ אַקעגן דעם אַרבעט־אַמט. (ז׳ 81, שניצער צבי, קאָלאָמיי, כ״י, יו״ש).

שטיין — אימרה שגורה בפינו: „אַ שטיין אויף איין אָרט, ווערט אויך באַוואַקסן". (דניאל, ל׳ בודזין, כ״י, ז׳ 1).

שטייערן — הערנדיק ווי דער גמינע־באַאַמטער דראָט מיט סאַנקציעס פאַר ניט באַצאָלן גמינע־שטייערן, הויבט דער יידן אָן צו לאַכן און פאַרענטפערט זיך. אַ ייד האָט רוּיִק געשלאָפן אין וואַגאָן, ווען די קינדער האָבן אַרומגעוואַזיוועט, געריסן די אויפשריפטן, געשריבן אויף די ווענט, פאַראומרייניקט דאָס קלאָזעט און צום סוף געגומען זיך צו דער נויט־ברעמזע. דאָ וועקט אים אויף אַ צווייטער ייד, וואָס דראָט אים מיטן קאָנדוקטאָר. דער ייד דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט און גיט אַ גרויסן קרעכץ. — „הערט, כ׳פאַר פון אַ פאַרשפּילטער ספּראַווע, די שטוב האָט מען מיר באַגנבעט, דאָס געוועלב באַראַבעוועט, אינדערהיים דאָס ווייב קראַנק; מיין איידעם איז אַנטלאָפן פון מיין מעוברת־דיקער טאָכטער; איך אַליין פאָר אָן אַ בילעט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. גייט איר מיר נאָך סטראַשען מיט אַ קאָנדוקטאָר?! — פאַרדרייט איר אייער דאַשיק!" (ר״א, פאָלקלאָר, ב׳ 2).

— דער שטייער־ און דירה־אָפּטייל באַשלאָסן צו נעמען ש׳ לויט יעדן פּענצטער אין אַ דירה. — זי וואָלט גלייכער געטון און פיל מער פאַרדינט, ווען זי נעמט פון אַ יעדן לאָך, אָדער אויסגעהאַקטער שויב. (1941) ל״ג.

— **ש׳־קאַרטע** — „פון אַרבעט־לוין נעמט מען אַראָפּ 10% יעדן חודש. דאָס ווערט נאָטירט אויף דער ש׳ ק׳. אויב נישט באַצאָלט דעם שטייער, האָט מען קיין ברויט־קאַרטע אויף דעם חודש נישט געקאָנט באַקומען". (ווילנע, מאַשאַ, כ״י, ז׳ 37). מענער באַקומען 100 פעניג פאַר אַ טאָג אַרבעט; פרויען 80 פ׳.

שטילע קוילן — אַקציע אין זאַלעשטשיק, 14.11.1941. געגומען מענער פון 50—51 יאָר. אַ טייל געשיקט קיין קאַמיאַנקע, דאָס רעשט (אַ 800) אויסגעשאָסן אין דער שטאָט (קיינער וועגן דעם אַ לאַנגע צייט נישט געוווסט), אין די קאַסערן מיט „שטילע קוילן" (אַ. פעט, זאַלעשטשיק, עדות, יו״ש 75/ד).

„שטינק־באָמבע" — זשאַנדאַר מיטן הונט, איז „פריילעך". „וועט שוין מאַכן אַ שחיטה". לובלין. (שיע טשעכעווער, נשמה־ליכט, ז׳ 129/30).

שטן — גיב נאָר גאָט אין העלזעלע, / דעם שטן איצט אַ שניט. / דאַן וועט נאָך אונדזער חברהלע / אויך ווערן אויפגעבליט. („חד גדיא" פון „תפארת בחורים", צו זינגען... (צונויפגעשטעלט דורך ש. שאַפּראַן (שמערעלע), וויל״ג, זאַמלונג סוצקעווער־קאַטשערגינסקי, יו״ש, מיקראָפילם).

שטעטעלע בעלסק — פאַמיליען-ל׳ אין די נאַליבאָקער וועלדער פון די דריי ברידער בעל-סקי. נעבן די פּאַרטיזאַנער געווען אַ גרויסע צאָל נישט-קעמפנדיקע. דערפון זיך אָפּגעראַטעוועט אַ 400 פרויען און 100 קינדער. (ענגלשטערן, אין ג׳, קאַפּ׳ 31). זע: ירושלים.

שטעטעלער קליינע — משפחות גרויסע. (ס׳ מלינוב, ז׳ 256).

שטעלן אַ מענטש — דינגען פאַר אַ פּאָר זלאָטיס אַן „ערזאַץ-מאַן״, וואָס שטעלט זיך צו דער אַרבעט שטאָט דעם אַרויסגעפאָדערטן. ס׳איז אַ שווער, שלעכט באַצאָלט שטיקל ברויט, אָבער זיי האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה — מען מוז לעבן. (אָנדענקבוך, ראָדעם, ז׳ 87).

שטעמפּלען — ש׳ אַרבעט-קאַרטן פאַר 1500 זל. (ס׳ קאָלאָמיי, ז׳ 340). אַ „שטעמפּעלע״ פון געסטאַפּאָ. (ס׳ בראָדי, ז׳ 402). זע: אויסווייז-שיין. די פירמע „ספּולנאָטאַ״ (האַנטווערקער-פאַרבאַנד) גיט אַרויס באַשייניגונגען פרויען מיט פּאָטאַגראַ-פיעס, דאָס דער מאַן אָדער זון אַרבעט אין שאָפּ. מ׳האָט אָבער נישט קיין צו-טרוי; פועלט מען ביים אַרבעט-אַמט דאָס ער זאָל צולייגן אַ שטעמפּל, אַז דאָס איז ריכטיק. אָבער אויך דאָס רופט אַרויס אומצוטרוי. מ׳וויל נאָך אַ האָן (זע). דעם דאָזיקן ש׳ האָט דער אַרבעט-אַמט געגעבן ביז 35 יאָר. פאַר געלט — אויך עלטערע. (קורץ, ספר עדות, ז׳ 365).

שטעפּן — אַרבעטן. „זיי קוקן אייך שוין נאָך, צי איר שטעפּט אַ גאַנצע וואָך״. (שאַנצער-ל׳, פל״ח 8). „ש׳, חברה, מוז מען גיין״, ליד „ניט אייער מזל״. (קאָוונער ג׳, פל״ח 7); „קווילנווארפער שטעפּט״ — (שאַוול).

שטעפּער — אַרבעטער אויפן עראָדראָם. (קאָוונע, פל״ח, 8).

שטעק — ייד. פּאָליציאַנטן פאַר אַ ש׳ אָפּגעלאָזן די, וועלכע די זשאַנדאַרן האָבן געהאַט בדעה צו כאַפּן אויף צוואַנג-אַרבעט. (וו״ג, אָפּאָטשינסקי, ג׳-כראָניק, 29.5.1942).

שטערן — יידן מוזן אַרבעטן. יעדער האָט אויף זיין אָפּאָסקע און ש׳ אויסגעבייט דעם אות „א״, אונטערן ש׳ דעם נומער פון זיין אַרבעט-קאַרטע. (וו״ג, אויפּברויז, 7.6.42). — איר ווייסט פאַרוואָס מיר טראָגן יידן-ש׳? ווייל גאָט האָט צוגעזאָגט צו אברהמען, איר וועט זיין ווי די שטערן. (ראָזענפּאַרב, ב׳ 3, ז׳ 17).

שטראַסנבוי — דייטשן בויען אַן אויטאָסטראַדע, דערפאַר לאָזט מען לעבן די יידן פון וואַרשעווער ג׳-אויפשטאַנד, אַרבעטן אין ש׳. (שטריגלער, ז׳ 62, 88).

שטראָף — די קלענסטע, ווי יידן זאָגן, דייטשע ש׳, איז טויט. דערביי ווערט די ש׳ „אָנ-געווענדט קאָלעקטיוו״. (כ״י, 6.6.1942, ר״א).

שטראָף-אַפּעל — פאַרשאַרפטער ש׳-א׳ (זע) דויערט לענגער. אין אַ רעגן, שניי. (קוויאַט-קאָווסקאַ, פון לאַגער, ז׳ 124).

שטראָפקאָמאַנדאָ (עסקאַ, S. K.) — פאַר אַ „חטא״, פלעגט מען שיקן אין ש׳, ווו די אַרבעט געווען שווערער און לענגער געדויערט. חוץ דעם האָבן די העפטלינגען, נאָך דער אַרבעט, זייער אָפּט געמוזט גיין אין בונקער (זע).

שטריימל — זע: פוטער-אַקציע.

שטריק-אַנצוגן — „תיבות פאַר לעבעדיקע מתים״. (עדות, 668/565, יו״ש). זע: זשעבראַ. „מען וועט אונדז אָנטון שטרייפלינגס-קליידער. (ל׳ שטראַסנדאָרף; מאַשאַ, כ״י, ז׳ 64, 73).

שטרייפע — פאַטרול. אין רעגולערע צייט־אָפּשניטן אַרומגעגאַנגען אַרום די מויערן פון וו"ג; די דראָט־פאַרצוימונגען אין לאַגערן.

שטשאָטקאַזש — בערשטלער, אַרבעטער אין בערשטער־שאָפּ אין וואַרשע, באַניפראַטן־גאַס. „אַ גוטער שאָפּ". (זע).

שטשענשליווי — הערש, לייטער פון אַפּראָוויזאַציע־אָפּט. אין ל"ג. אין פויליש באַטייט דער נאָמען „גליקלעכער", דערפון: ש' — דער איינציקער ש' אין ג'. (זעליקאָ־וויטש, כ"י ב"ר 1063). „אויפרוף פון 25.6.40: היינט — פּראָטעסט־פאַרזאַמ־לונג קעגן רומקאָווסקיס 10.000 מיטאָגן מיט 10.000 ווערים און קעגן ש'־עס" (טרונק, לאָדזש, כ"י, ק' 3, ז' 12). ש' — מיניסטער פאַר אָפּראָוויזאַציע אין ל"ג'. (ליד פון הערשקאָוויטש).

שטשעקאַטשקאַ — (פויל.) „בילערין". ראַדיאָ־הילכער וואָס פלעגט איבערגעבן דייטשע קאָמוניקאַטן אויף די וואַרשעווער גאַסן.

שיבער — פאַראַרבעטער האָבן געהאַט זייערע אייגענע, האַלב־אָפיציעלע מיטהעלפער, גע־רופן ש'. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז' 64, 77, 91). — „כ'וועל אים מאַכן פאַר מיינס אַ ש'. אַ שרעק איז מיך באַפאַלן: גאָט, איך אַן אויפזעער אין מיידאַנעק". (ז' 97, דאָרט).

שיטער־וואָרעמס — אַ ביסל ש'־וו' האָבן די דייטשן דערלויבט אַריינצוברענגען פאַר אונדזערטוועגן. (ס' ודוביץ, ז' 97, 311; ס' זאַוויערציע, ז' 311).

שיילאַרניע — אַ פינסטערע שאָפּע, ווו מ'שיילט קאַרטאָפל. (בריקס, קייסער, ז' 129). — „אינקעס מאַמע איז אַ שיילערקע אין דער זעלבער ש' וואָס מיין מאַמע". (ראָזענפאַרב, ב' 2, ז' 419; ב' 3, ז' 132).

שיין — „אַרבעט־ש', אַרבעט־באַשטעטיקונג". (ס' סקאַרזשיסקו, ז' 87). „געווען אַ פערפיד אויסגערעכנטער נאַצישער אינסטרומענט צו פאַרפירן די מענטשן אין די געטאָס. צעטומלען זייער געדאַנק, שאַפן פאַלשע אילוזיעס, צעטיילן אויף אַ קלאַס פון ש'־באַזיצערס, וואָס פילט זיך זיכער, און אויף אַ קלאַס „שיינלאָזע", וועמענס איינציקער ציל איז — קריגן אַ ש'. (דוואָרזשעצקי, ירושלים דליטא, ז' 74).

אַ רשימה פון ש'־ן וואָס דער מחבר גיט אָן פאַר ווילנע: שיינען אָן פאָטאָגראַ־פיעס, שיינען מיט פאָטאָגראַפיעס, ווייסע פון אַרבעט־אַמט, ווייסע שיינען מיטן איבערשריפט „פאַך־אַרבעטער", געלע לעבנס־שיינען, בלויע פאַמיליען־צעטלעך, ראָזע שוץ־שיינען, ראָזע פאַמיליען־צעטלעך, גרינע צוגאָב־שיינען, בלויע צו־גאָב־שיינען, פיאָלעטע צוגאָב־שיינען, רויטע אַרבעט־ביכער, צוגאָב „פאַסיר־שיינען" **צו גיין אויסערן געטאָ**, **געלער געטאָ־פאַס** מיט נידעריקע נומערן, געלער געטאָ־פאַס מיט הויכע נומערן, דער בלעכענער הינטישער נומער.

ענלעך סוצקעווער: „6 טויזנט זענען געבליבן אָן שפּייז־קאַרטן. מען האָט זיי גערופן „ווייסע שיינען", ווערליק דעם נאָמען פון אַמאָליקן ווייסן שיין, וואָס איז מער נישט גילטיק. דערצו נאָך האָט אַ באַזיצער פון אַ געלן שיין מורא געהאַט צו וווינען אין איינעם מיט אַ ווייסן שיין. מען האָט פאַרשטאַנען: אין דער נאָענסטער שחיטה, וועלן גיין די ווייסע שיינען. אויב מיט זיי אינאיינעם וועלן וווינען אויך אַנדערע קאָלירן, וועלן די כאַפּונעס נישט מאַכן קיין חילוק". (ווילנע, ז' 90).

אין קאָוונע האָבן צוערשט ש' געהייסן יאָרדאַן-שיינען, אָדער יאָרדאַן-קאַרטן, לויטן נאָמען פון אָבערשטורמפירער יאָרדאַן, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אַרבעט-אַפּאַראַט פון די יידן.

פאַר שאַוול גיט אָן אַ רשימה שאַליט: „קאָן זיין, אַז יידן אַליין האָבן, אויב נישט, אויסגעטראַכט, טאָ צוגעאיילט די שיינען. יידן האָבן זיך געוואָלט פאַר-זיכערן, האָט מען זיך אָנגעפאַנגען פאַרזאָרגן מיט פּאַפּירלעך, קוים כאַפּט מען, איז אָט — אַ פּאַפּירל, אַז מען אַרבעט". קודם פּשוטע אַרבעט-שיינען פון פּריוואַטע אַרבעט-געבער, דערנאָך אַ באַשטעטיקונג פון ס.ד. פאַר 60 פּאַכלייט: פּירקאַנטיקע, גרויסע רויטע-שיינען, דערנאָך גרינע שיינען, דערנאָך געלע.ביים דאָזיקן אומבייט, זענען אייניקע הונדערט יידן דורך דער ליטווישער קאָמיסיע אַרויסגעפירט געוואָרן פון ג' צוליב שוואַכקייט, אַרבעט-אומפעיקייט און בכלל ווער ס'איז זיי נישט געפעלן. די דאָזיקע מערדעריי, האָט מען אויסער „געלע-פּעסער-אַקציע", גערופן אויך „שיינקייט-אַקציע", ווייל די מיינסטע קרבנות זענען געווען שוואַכע און שלעכט אויסזעענדיקע. די פריזיר-אַנשטאַלטן אין ג' זענען דעם טאָג פול געווען פון עלטערע פרויען, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרבן די האָר אויף בלאָנד און שוואַרץ, געפאַרבט די נעגל, די ברעמען, זיך געפּוצט, אָנגעטון די שענסטע קליידער און פאַרוואַנדלט דעם טאָג אין אַ טרויעריק-פיינלעכן מאַסקעראַד. שפּעטער געווען ווייסע שיינען.

דער „איינצל-שיין" האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו גיין אָן אַ פּאָסטן-באַגלייטער צו און פון דער אַרבעט. (אַזוי זענען מיר געשטאָרבן, ז' 153).

„געלע ש'-ן ווי דער ווייסער, נאָר אויף געלן פּאַפּיר, אויפגעשריבן „פּאַכאַרבעטער-אויסווייז". — **דאָס איז דער לעבן אַליין**, שטאָט „גוט מאָרגן", זאָגט מען: „האָסט אַ ש'?" (מאַשע, כ"י ז' 23/4). דערצו פאַרשיידענע דערגאַנצונגען: דינסט-ש' צו קאָנען גיין פון איין ג' אין צווייטן. (פּנקס שבלי, כ"י, ז' 68). **באַצוג-ש'**, אויף פּראָדוקטן. (האָרט, ז' 100); פאַר די דייטשן האָט זיך געעפנט אַ „שיינענדיקער" געשעפט — אַ האַנדל מיטן ש'-ן. (ביאַל"ג, קאַפּלאַן, צו דער געשיכטע, כ"י).

„ש'-קאָנטראָל". (ס' זשעטל, ז' 336, 350); **ש' מיט אַ שטעמפּעלע** (האַקנקרייץ) פאַר אַרבעטער ביי דייטשע איינהייטן, איינקוואַרטירטע אין די געוועזענע פּוילישע אַמטלעכע געביידעס. יידן האָקן האָלץ, באַדינען. (ס' ווילייקע, ז' 247); „גאָלדענע ש'-ען", משמעות הדבר: מ'צאָלט פאַר דעם מיט גאָלד. (ס' לובאָמיל, 248); „ביים ווייזן דעם ש' האָט זיך שוין געטראָפן אַ סך פאַלן, אַז די וואָך צערייסט זיי" (די פּזשעפּוסטקעס). (שוואַרצבאַרט, 13.5.1941, ר"א); פאַרגלייך: י. קרוק, אינעם געווירבל פון שיינען, ווול"ג, 15.1.42, ז' 134; ס' קאַמין-קאַשירסקי, ז' 617, 612; ס' סלאָנים ב', ז' 59 א"א).

„דעם ייד באַפרייט פון אַרבעט נאָר דער טויטן-שיין". (וולאַדאַווע, עדות, ראַבינאָווישש מ.). מיט **אינדוסטריע-ש'-ען** געגאַנגען אין די באַהעלטענישן. (פּ. קאַפּלאַן, חורבן ביאַליסטאָק, כ"י). לידער וועגן ש. קאַטשערגינסקי: „האָט זיך מיר די שיך צעריסן": האָסטו אַ געלן ש', / האָב איך חתונה מיט דיר. / ריקלע גלעזער: דו געטאָ מיין / אַז דו מיין ליבסטער געלער ש', / דו ליב-

סטער מיין". (קאַטשערגינסקי, לידער, ז' 151 א"א). **צווישן־ראַיאָנען־ש'** —
צו קאָנען גיין אָן באַגלייטונג פון איין טייל ג', גערופן „קאַווקאַז", אין צווייטן,
גערופן „טראַקי". (ג' שאַוול, ירושלמי, אויגוסט 1942, כ"י).
פון אַמאָל: קומט פלוצלינג אַ גזרת־הבלעטלעך, אַז מלמדים טאָרן נישט קנעלן
אָן אַ שיין. אַ בלעטל הייסט עס, „שלעכט". (מענדעלע, שלמה ר' חיימס, 1
טייל, ק' 5). איך בעט דיך, לייג אַוועק דיינע ביכער, ישראל... דערצו איז דאָ
אַ מיטל — געלד, אַ שיין פון אַ בעל־מלאכה. (די קליאַטשע, ק' 7).

שיינהייראַטען — פון אַרבעט־צוואַנג זענען באַפרייַט פרויען וואָס פירן אַ באַלעבאַטישקייט
„האַוסהאַלט". דאָס ווערט באַשטעטיקט אין דער מעלדעקאַרטע. דערפאַר באַ־
מיען זיך איינזאַמע מיידלעך און פרויען חתונה צו האָבן, אָדער פיקטיוו ווערן
צוגעשריבן, אַז זיי אַרבעטן אין „האַוסהאַלט". זיי האָבן טיילמאָל צוגעצאָלט
דערפאַר געלט. (סטאַניסלווי, ד"ר ליבעסקינד. כ"י, ז' 37, 62).

שיים־מייסטער — אין טרעבלינקע איז פאַר די אַרבעטער געווען אַ לאַטרינע. פאַר איר איז
געשטאַנען אַ ייד מיט אַ זייגער אין האַנט: מ'זאָל נישט פאַרברענגען דאָרט
מער וויפל ס'איז פאָרגעשריבן.

שיים(ע) אַלע בלאָקן זענען איבערגעפולט מיט ש'. דייטשן רופן אַזוי די יידן־העפט־
לינגען; **שיים־קאָמאַנדע** פירט דאָס מיסט פון ג'. (יעלין, ז' 233; ק. צעטניק,
טעאַטער, ז' 76. פון אַ בריוו געשריבן 12.4.43 פון אַ יידיש מיידל:
Teraz wiem, że wszystko jest Scheiss. (ס' בז'ז'אַני, ז' 367). זע: פעקאַליע.

שיכט — יידישע העפטלינגען אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס צייַט הייסט. אין אונדזער זכּרון
נאָר געבליבן שיכטן. אַ טאָג־ש' און אַ נאַכט־ש'. ל' אין לייַפּציג. (ס' לינסק,
ז' 342).

שיכטלייטער — יעדע גרופּע פון 100 יידן וואָס גייען אויף אַרבעט, שטייט אונטערן אויפ־
זיכט פון אַ קאָלאָנען־פירער. די אויפזיכט איבער אַלע אַרבעטער געהערט
צום ש'. (קאָוונע, אסתר לוריא, כ"י, ז' 49).

שיסן — 1. ביים אונטערשרייבן אינדערפרי די אָנוועזנהייט־ליסטע איילט מען זיך, איינער
טרייבט אונטער דעם צווייטן: „שיס!" געמיינט: שרייב אונטער. (ל"ג, ג'־
לשון, כ"י, 1008). 2. אַראָפּנעמען בגניבה, „איך האָב געשאָסן". (ווילנ"ג קאַ־
טשערגינסקי).

שיסן גיין — גיין אין דאָרף ברענגען עסן, „אָרגאַניזירן", **שיסערס** — ברענגען עסן. (נאַר־
וואַ, קיוויאַל, עסטאָניע. א. שעפטל).

שיסער — עס־עס־מאַן קאָנטראָלירט ביים ג'־טויער. אויב ער געפינט עפּעס ביי אַ ייד
הייסט ער אים זיך לייגן און שיסט אים. יידן רופן אים ש'. (אינזש' גאָלד־
וואַג הענריק, לוואָוו); גרמני, ה„בירגרמייסטר" היה יורה ביהודים להנאתו.
כינינו אותו בלעג מר „דער שיסער". (ס' סמיאַטיץ', ז' 209).

שיס־שטאַנד — פּלאַץ, ווו אויסגעפּרוווט די ניי־אויסגעאַרבעטע אַמוניציע. אַ ספּעציעל
אָרט, ווו יידן פלעגט מען דערשיסן און באַגראָבן. (שטריגלער, אין די פאַב־
ריקן, ז' 10; גורלות, ב' 1, ז' 33, 40, 116; ב' 2, ז' 15).

שיקלען — יידן וואָס האַנדלען מיט לעבנסמיטל־פּראָדוקטן, הייסן ש׳ פּראָדוקטן. יידן מוסרים טראָגן דאָס צו דער געסטאַפּאָ און באַקומען באַצאָלט. (ס׳ צ׳חנוב, ז׳ 309).

שיר המעלות(ן) — אַמטלעכע דאָקומענטן, אויסווייזן. (רינג׳, נאָטיץ 1.11.40).

שישקאָוויצע, שישקע — זעלטענער: יחסנאָווקאָ, בייזווילעקער נאָמען פאַר מאַרישין, אַנט־שטאַנען 1943. דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט די זומער־וווינונגען פון די משפחות פון איינפלוסרייכע אין ג׳ פערזאָנען. ש׳, יחסנים, אין „ערהאָלונג־הייזער". (ג׳־לעקס׳). „עס דויערט די עוואַקואַציע פון שישקאָוויץ, ד״ה מאַרישין, ווו פאַרשיידענע דיגניטאַרן מוזן מיט האַרץ־ווייטיק ליקווידירן זייערע שיינע זומער־וווינונגען". (פאָזנאַנסקי, טאָגבוך, ל״ג, 15.8.43). „וויצן פון מעטאַל־רעסאָרט: דאָס ווייב פון אַ ש׳ זאָגט צו אַ בעטלער: „וואָס קומט איר עפּעס שטענדיק צו מיר? — דער בעטלער: דער דאָקטער האָט מיר געהייסן. ער האָט געזאָגט, אַז טאָמער טרעף איך אויף אַן עסן וואָס שאַדט מיר ניט, זאָל איך זיך האַלטן דערביי". (ראָזענפאַרב, ב׳ 3, ז׳ 133); אַ ש׳ עסט פרישטיק, ווען ער וויל — אַ געטאָניק ווען ער האָט. (דאָרט, ב׳ 3, ז׳ 260). ליד פון גאַסן־זינגער. י. הערשקאָוויטש: וואָס די ש׳עס וועלן טון נאָך דער מלחמה:

דער פּרעזעס וועט האַנדלען מיט בייגל אין גאַס,
די פּרעזעסאָווע מיט גט׳ן... (געווען אַ גע׳גט׳ע).

ליד „די לעצטע":

אוי געוואַלד, ס׳איז קאַלעמוטנע, / פון שישקאָוויצע ביז נאָך קוטנע, / אַרויס־געוואָרפן מיטן פלייש און קישקעס, / אַ כפּרה פאַר די געטאָ־שישקעס. (אלתר שנור, ג״ל; ס׳ בייטש, ז׳ 90 א״א).

שלאָך — דורכגאַנג צווישן די ל׳־דראָטן. בוכנוואַלד.

שלאַכט־הויז — רודאָלף־מיל (זע) אין סטאַניסלאַוו. (י. לוטוואַק, ראַזניאַטווו, כ״י, ז׳ 40).

שלאַנג — דער ש׳ טראַכט און די צייט לאַכט. (ל״ג, טאָגבוך, 7.7.44).

שלאָס — בראַניצקיס פּאַלאַץ, זיצאָרט פון דער מאַכט, געסטאַפּאָ. „ישיבה בארמון". (ביאַל״ג, טננבוים, דפים מן הדליקה, ז׳ 43). פּראָטאָקאָלן פון יודענראַט, נר׳ 7, 24.9.1941. אינזש׳ באַראַש גיט איבער: „דער מעמאָריאַל וועגן דער 3־מיי־ליאָניקער קאָנטריבוציע, ווי אויך באַראַש פּערזענלעך, איז זייער שלעכט אויפגענומען געוואָרן. אָבער אין שלאָס האָט מען אים ווי געהעריק מקבל־פּנים געווען. (פּראָט׳ נ״ר 10). „מאָרגן, דעם 23טן, וועט די פּרעזידיע זיין אין ש׳".

שלוכעס — אַנשטאָט שיך. (חנה חייטין, פון לאַגער, ליד).

שלייכן — אין ג׳ גייט מען נישט, נאָר מ׳שלייכט זיך. (גרינבוים, קאָוונע, כ״י).

שלייסע — ראַגאַטקע, „פּאַך־אויסדרוק פאַר קאָלעקטיווע לאָקאַלן פון אַנקומענדיקע און אַרויסגייענדיקע טראַנספּאָרטן". (שטאַרקע, דער פירער (דייטש), ז׳ 32). 17 אַריינגענג זענען געווען אין ג׳. די צוויי הויפּט־אַריינגענג, אַ ג׳ ש׳, דריי דורכגענג. — ש׳ איז אַ ראַמפּע, מיט אַן אייזערנעם, באַוועגלעכן סלופּ, אַזוי אַז אין יעדער רגע האָט מען אים געקאָנט אויפהייבן, ווען עמעצער האָט געוואָלט אַריינפאָרן מיט פערד, אָדער מיט אַן אויטאָ. די דורכגענג האָבן געדינט

צום דורכגיין פון איין אינדזל (טייל פון ג׳) אין צווייטן. (סטאַניסלוי, כ״י, ליבעסמאַן, כ״י, ז׳ 33, ב. ק.).

שלעכטער דייטש — אַ שווערן טויט; אַ גוטן דייטש — אַ לייכטן טויט. (ס׳ סטאָלפּץ, כ״י, ז׳ 13).

שלעפּער — באַזעצן די דירות פון באַשטייערטע, ביז זיי צאָלן נישט אָפּ די פולע סומע, דאַן פאַרלאָזן די ש׳ די דירה. (בענדין, סאָסנאָוויעץ, רינג׳, פעב׳ 41׳, כ״י).

ש״ם — שומרי מזוזות. אונטער די דאָזיקע איניציאַלן, פאַרשטעקט זיך דער נאָמען פון אַ רעליגיעזער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ג׳ דעם 1טן מאַי 1940. דער גרינדער פון דער דאָזיקער חברה, ר׳ אברהם מעשנגיסער, אַ רעלי־גיעזער פאַנטאַסט, איז ביי דער גרינדונג פון זיין חברה אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה: היות דאָס ג׳ איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן און איז באַוווינט אויסשליס־לעך פון יידן, איז געקומען די צייט מקיים צו זיין די מצוה פון מזוזה און איר גאַנצער ברייט — אויף טיר און טויער.

די חברה האָט זיך טאַקע נישט באַנוגנט מיטן פאַרזען די שטיבער פון דער ג׳־באַפעלקערונג, מיט כשרע מזוזות (על פי רוב יענע, וואָס זענען באַוווינט געוואָרן פון יידן נאָך קריסטן), נאָר זיי האָבן זייער אויפגאַבע אָנגעהויבן אַדורכפירן אויך בפועל ממש אויף די טויערן פון די הייזער און הייף, אַ דאַנק וואָס זיי זענען אַריינגעפאַלן אין קאָנפליקט מיט די אַדמיניסטראַטאָרן און פּאָ־ליציי. נישט באַנוגנדיק זיך מיט עפעקטיווער טעטיקייט, האָט דער אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער חברה, א. מ., נאָך דערצו געפירט אַ גרויסע פּראָ־פּאַגאַנדע סיי אין די מנינים, סיי אויפן גאַס. (ל״ג־לעקס׳). זע: משמרת שבת.

שמאַטניק — שיין פון אַ שמאַטניק. ביי קרעמינען, אַ דייטש, וואָס האָט צו זאָגן ביי די אַלע זאַכן: „מיינע יידן פאָרן איבער די דערפער מיט פערד און וועגעלעך, האָבן געבראַנגט שמאַטעס, אייזן, פעדערן״. געבויט אַ באַראַק פאַר אַלע שמאַטניקעס. געוואָרן אַ שמאַטניק. (טשעכיוועד [גאָלדבערג], נשמה־ליכט, ז׳ 125/6, 136). זע: שמאַציאַזשעס.

שמאַטעס — „טשוכעס״ (זע). אָפּגענוצטע וועש און מלבושים. (אָפּאָטשינסקי, דעצ׳ 42׳, ר״א). ש׳ רופט קזשעפּיצקי יעדן מין מלבושים, אַפילו די טייערסטע, באַשטימטע צום פאַרקויפן. (בל, כ״ג, ב׳ 9, ה׳ 2—1, ז׳ 76). זע: גרינע בענ־דער; לומפּן־זאַמלער.

שמדקי — צעלע 24 ליפערט יעדן טאָג מענטשלעכן מאַטעריאַל „פאַר די ווייטע נומערן פון גענשאַ־גאַס (בית־עולם). די חשובע ,שמאַטקי׳ — פאָלקעס (יידישע גע־שמדטע) האָבן אַן אייגענע צעלע. די ש׳ אָנערקענען נישט די יידישע מיידלעך (די מאַסקירטע)״. („סלאָוואָ מלאָדיך״, נר׳ (25)11, 6.52, ז׳ 17); נאָטיץ: צענ־טראַלער יידישער אַרעסט. זכרונות פון אַן אַרעסטירטער (פויל.).

שמדענאַו Schmaddenau — באַראַק פון די געשמדטע יידן. ל׳ וועסטערבאָרג. (פרעסער, ב׳ 2, ז׳ 340 (האָלענדיש).

שמאַלץ, שמאַלצאָווניק — „דמי לא ירחץ אשר קיבלו ברנשים פולנים בקשר לביצוע דברים אסורים, נקראו ׳שמאַלץ׳; ברנשים אלו היו נטפלים וסוחטים שוחד על מנת שלא ילשינו. במרוצת הזמן, הפך הדבר לפרנסה קבועה אצל סוג מסוים של

מנוולים, שהיו יורדים לחיי האנשים אשר ניסו להציל את נפשם בצד הארי. אנשי כנופיות אלו נקראו בשם ,שמאַלצובניצי׳. (אויערבאַך, בחוצות, ז׳ 33) ; — ,,הצרה הראשית של השמוגל היה ה־ש׳, המסתובבים בכל מקום. הם דור־שים ,שווייג־געלט׳, או ,שמאַלץ׳, בהראותם בידם הימנית אל הכף השמאלית״. (ד״ר בן־שמן, כ״י, ז׳ 20, דעצ׳ 1940). חברה־לייט באַרויבן יידן, שאַנטאַ־זשירן זיי און גיבן זיי לסוף איבער אין די דייטשישע הענט. (טורקאָוו, אין קאַמף, ז׳ 106 א״א).

,,די אָרדנונגס־דינסט האָט זיך געלאָזט אויף ,,אַ שמאַלצאָוואַ״ (גענומען אויס־קויף־געלט פאַר באַפרייען אַ געכאַפּטן צו אַרבעט). (וו״ג, 6.7.1942, ר״א, 192). ש׳ — ,,דאַוואַי נאַ שמאַלעץ״ — אויסלייז־געלט, וואָס שאַנטאַזשיסטן פאָדערן פון זייער קרבן. (באָזשיקאָווסקי, צווישן, ז׳ 155). — ש׳ — 20% פון די אומלעגאַלע פאַרדינסטן, וואָס די אָרדנונגדינסט־מענער האָבן איינגע־צאָלט זייערע עלטסטע. (2.5.1942, ר״א, נר׳ 534). ,,מאָרגן וועל איך קומען נאָך ש׳ — דו וועסט ביי מיר נעמען ש׳ ?״ — געשפּרעך צווישן אַ שמוגלער און איינעם וואָס וויל לא ירחץ־געלט. (וו״ג, עדות).

— שמאַלצעווען, שמאַלצאָוואַץ, פאַרנעמען זיך מיט נעמען ש׳. דער וואָך ביים טויער פון ג׳ האָט מען געגעבן ,שמאַלצאָווע׳. דאָס געהייסן: די ,,וואַך שפּילט״ (וואַכאַ גראַ). (פּאָלאַ ראָטשילד, כ״י, יו״ש). ,,אַריינפּאַלן אין די הענט פון מוסרים און שמאַלצאָווניקעס״ ; פּוילישע ש׳ האָבן געמסרט. (ס׳ זבורוב, ז׳ 275). זע : מעטשאַזש.

שמאַציאַזשעס — אַלטשטאָפּ־זאַמלער מחוץ דעם ג׳, געבליבן ניינצן יידישע פאַמיליעס אין אַ ל׳ צוליב זייערע ספּעציעלע פאַכן. די יידן רופן זיי ש׳. (זאַמלען אַלט־שטאָף). (קורץ, כ״י, ז׳ 152). ,,די ש׳ אין ל״ג ווינען אויסערן ג׳״. (רינג׳, 8.11.40). ,,די ש׳ זענען שוין נישט פאַראַן דאָרט״. (רינג׳, 19.2.41). זע : גרינע בענדער ; זאַמלער־יידן ; מעטשאַזש.

שמוגל(ער) — ,,איינער פון פיל וויצן : מ׳דערציילט, אַ ייד האָט געגעבן נדן זיין טאָכטער אַ לאָך אין דער מויער, וואָס איז טעטיק אַ גאַנצן מעת־לעת״. (טשערניאַקאָוו, טאָגבוך, 7.5.1941). אַ שמוגל איז אַדורכגעפאַלן דורך אַ פּלי־קאָנטראָל און דער גאַנצער טראַנספּאָרט פרוכטן איז ,,פאַרברענט״ געוואָרן. ס׳איז אַרעסטירט געוואָרן אַ ייד און אַ קריסט. אין געסטאַפּאָ אויף דאַנילאָוויטשעווסקאַ האָט מען זיך גענומען פּייניקן אין שמייס־צימער. צום לעצט רופט זיך אָן אַ געסטאַפּאָוויעץ :: — גייט אַרויס און זאָל זיך יעדער קויפן צו איין פרווט, נאָר קומט שוין צוריק. — ווען זיי זענען צוריק געקומען, האָט מען זיך גענומען ווידער זיי פּייניקן. צום ערשט דעם ייד : — — וואָס האָסטו געקויפט, יודע ? — אַ פלוים, ענטפערט דער ייד. דאָס מוז מען זי דיר אַריינפּאַקן ווי עס גייט און שטייט, פון הינטן צי פון אויבן. — דער ייד האָט זיך געקבייטשט אין יסורים און געמאַכט גרויסע געוואַלדן. מיט אַמאָל האָט ער זיך שטאַרק צע־לאַכט. — וואָס לאַכסטו נאָך, יודע ? — זענען די היטלער־סאַדיסטן אָפּגע־שפּרינגען. — איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיין חבר האָט געקויפט אַן אַרבוז... (ר״א).

— אַז מ׳האָט ביינאַכט געהערט שיסן אין קאָוונער ג׳, האָט מען געזאָגט: „מאָרגן וועט זיין כשר פלייש״. מ׳פלעגט דעמאָלט שמוגלען דורכן טויער, און די שומרים האָבן — פאַר באַצאָלט — געשאָסן אינדערלופטן. (א. לוריא, כ״י, ז׳ 110).

— „אַז מ׳טאָר נישט שמוגלען קיין קעפל, קיין ליד,

אַ שווער לעבן — איך בין שוין מיד״. (פון ליד „איך בין געווען״, הערש־קאָוויטש, ל״ג).

שמוק־קאַסטן, שמוק־שטיק — דייטשן רופן אַזוי די פרויען אין אוישוויץ. מיט דעם וואָרט זיך געגנוצט דאָקטוירים, וואָס האָבן סעלעקטירט מענטשן צו די גאַז־קאַמערן.

שמול — זשאַנדאַר מיט זייער אַ שלעכטן נאָמען. דער ערגסטער. מען רופט אים ש׳ ווייל ער פאַרהאַלט יעדן ייד און פרעגט אים, ווי אַזוי ער הייסט; דער ייד מוז ענטפערן: שמול — אויב נישט, שלאָגט ער. (ר״א, 438).

שמחה — „דעם 29.8.42 שבת, איז געווען ביי אונדז אַ גרויסע ש׳. אַלע זענען איינגעלאַדן געוואָרן. געקומען איז נאָר די העלפט. פון אַלע פאַרזאַמלטע אויסגעקליבן אַ פאָר יונגע מיידלעך און אָפּגעשטעלט אין אַ זייט. דעם גרעסטן טייל האָט מען פאַרלאָדן אויף אויטאָמאָבילן; אַ טייל האָט מען ,פּאַרטיק׳ געמאַכט אויפן אָרט״. (בריוו 7.9.1942, ס׳ זבורוב, ז׳ 86, 76).

— שבת קומט פאַר די אויסזידלונג. מוטער אָפּגעקאָכט דאָס לעצטע מאָל עסן, געגעבן די קינדער (5 קליינע קינדערלעך) נייע שיך, אָנטועכץ, רוקזעק. זאָגט דעם מאַן: הערשל, שטער נישט די שמחה פון די קינדער, וויין נישט... הערשל, דערבאַרים זיך. שטער נישט די קינדער די שמחה״. (בלומענפעלד, פּראָשאָוויץ, יו״ש, עדות 2575/236).

שמיים — הימלער. בייערישע ל׳. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

שמייסער — 1. קעראָווניק פון אַ רעסאָרט. „וואָס ליגט היינט אויפן טיש ? — גאָרנישט. נישט קיין מצה (ווייל מען האָט נישט באַקומען) און נישט קיין וויין (צו דעם מוז מען זיין אַ סליכענער, אָדער אַ ש׳). און אַזוי ווי מיר זענען דאָס נישט, האָבן מיר גאָרנישט געהאַט״. (ל״ג, הילער, 7.4.44). 2. קאַנטשיק, שפּיצרוט, וואָס דייטשן באַנוצן זייער אָפט קעגן יידן און פּאַלאַקן. 3. רעוואָלווער.

שמיר־באַנק — שמאָס־באַנק. אויסגעזען ווי אַ קאַריטע. (טרעבלינקע, עדות, גרינבערג תנחום).

שמיר — 1. אַכטונג־געבן. „דאַוואַי ש׳ — זאָגט אַ פרוי צו איר קינד, ס׳זאָל אַכטונג געבן, צי ס׳קומט נישט אָן קיין אוקראַינישער פּאָליציאַנט״. לוואָוו, 1941. „ער שטאַנד שמירע קעגן די עס־עס״. (ד״ר ר. קאַלמער: צייט אָהנע גנאַדע, ז׳ 13, דייטש). 2. פאַר אַ גוטן ש׳, פאַר אַ גוטן מתנת־אַ. (ר״א, אַפּאַטשינסקי, כ״י).

שמירט די פּיאַטע — אַנטלויפן. (קאַטשערגינסקי, פּאַרטיזאַנער, ז׳ 42).

שמירער — היטלער. (קאַפּלאַן, ז׳ 53).

שמירת שבת — רעליגיעזער אַפּטייל ביים וואַרשעווער יודענראַט, אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט: ספּעציעלע שבת וועכטער און „ש׳־זאַנדער־געריכטן״ פאַר חלול שבת בפרהסיא. דער פּראָיעקט דאַרף באַשטעטיקט ווערן דורך דער דייטשער מאַכט. (ידיעות, נר׳ 10, 17.7.1942).

שמעלץ — „דאָס ג׳ האָט פּראָדוקטיווע מענטשן געמאַכט פאַר נישט מענטשן, פאַר ש׳, פאַר אָפּפאַל, פאַר קאַנדידאַטן פון מאַסן־קברים״. (רינג׳, מאַי 1942). „אַ מיידל לויפט צו מיר צו און פרעגט: ייד, וואָס טוט מען אונדז? — איך האָב געענטפערט מיט איין וואָרט: ש׳!״ (דעצ׳ 1942, קשעפּיצקי, בל״ג, ב׳ 9, ה׳ 2—1, ז׳ 78). טרעבלינקע.

„מיר האָבן געוווּסט אַז מיר גייען אויף ש׳, ווי מען האָט אָנגערופן דעם טראַגישן סוף פון הונדערטער טויזנטער מענטשן״. (אַן אַנטלאָפענער פון טרעבלינקע, ר״א, 295). „יידישע תפיסה אויף גענשאַ־גאַס — דאָס אָרט פון טאָג־טעגלעכע מאַסן־עקזעקוציעס. עס ווערן דאַ מאַסאַקרירט אַלטע, קאַליקעס, מיט איין וואָרט — דאָס ש׳, וואָס ס׳לוינט נישט צו פירן קיין טרעבלינקע״. (פּויליש, אונטערערד־בראָשור, „ליקווידאַציאַ געטאַ וואַרשאַווסקיעגאָ״, וו״ג 1942). „אין 25סטן בלאָק אין בירקענאַו, האָט מען אָפּגעלאַגערט דעם מענטשלעכן ש׳, וואָס מ׳האָט אָפּגעקליבן ביי אַ סעלעקציע״. (קריסטינאַ זשיוווּלסקאַ, פּזשעזשילאַם אָשוויענצים, פּויליש).

בריוו פון מוסיאַ, 7.4.1943: „דעם 3 און 5 נאָוו׳ 1942, האָט מען ווידער אַרויסגעשלעפּט אַזוי פיל יונגע, ווערטפולע מענטשן אויף ש׳. (ס׳ טאַרנאָפּאָל). „אויף די זאַמלפּונקטן ווערן זיי, ווי די בהמות סאָרטירט: ווער אויף אַרבעט, ווער אויף ש׳״. (פּ. זאַלצמאַן, כ״י, ז׳ 105). **ש.־אַקציאָנע**. „נאָכדעם ווי די מענער זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט מען פון ג׳ אַרויסגעשיקט די זקנים, פרויען און קינדער״. (ס׳ קיטעוו, ז׳ 146); „אויף די וואַגאָנעס, וווּהין פאַרלאָדן די יידן בשעת דער צווייטער אַקציע, אַן אויפשריפט ש׳. (ס׳ זאַבלאָטאָוו, ז׳ 195).

— „די אַרבעטער זענען גרייט צו אַרבעט, אָבער דער הענקער האָט זייער אַרבעט נישט געדאַרפט. זייער לייב־און־לעבן איז נישט ווערט קיין צעבראָכענע פּרוטה. זיי זענען גאָפּל, געמזע, ש׳״. (קזשעפּיצקי, ווי אויבן).

— אין ריישע צוויי געטאָס: איינס פאַר אַרבעטנדיקע, דאָס צווייטע פאַר שמעלץ. שמעלץ־ג׳. (ס׳ רישאַ, ז׳ 300).

שמעק־הונט — מיט ש׳־ה׳ זוכט מען די באַהאַלטענע יידן. (לאַבישוב, דוד עפּשטיין, כ״י, ז׳ 106, יו״ש).

שמעקערס — מוסרים. (ווילנ״ג, ה׳ קרוק, 15.3.1943).

שמערלינג — אָפיציר פון אָרדנונגס־דינסט, קאָמענדאַנט פון אומשלאַג־פּלאַץ, אויסגעצייכנט זיך מיט אַכזריות לגבי יידן. (מאַרק, הערה 1, ז׳ 9: דער תליין מיט דער בייטש; רינג׳, כתבים ב׳ II, ז׳ 9). „ש׳ האָט געטראָפן אַ גליק, ער האָט צעבראָכן אַ פוס. אַ דאַנק דעם נישט געטיילט דעם גורל פון לייקינען און פירסטן (דערשאָסן דורך דער זש. אָ. ב. — יי.ק.אָ.). ווען אים גייט אַרום אַ וויץ, אַז ווי לאַנג ער איז קראַנק, לאָזט מען צו אים קיינעם נישט צו. מען היט אים ווי אַן אויג אין קאָפּ. (רינג׳, כתבים ב׳ II, ז׳ 68). דייטשן אים גערופן: דער יידישער הענקער. די יידן: באַלבאָ, צוליב זיין ענלעכקייט מיט דעם איטאַליענישן מאַרשאַל. (רינג׳, כתבים, ב׳ II, ז׳ 165).

שנאַריטע — מושג בג' שבלי, שמשמעותו איסוף מזונות אצל הליטאים ע"י קבצנות וע"י חליפין. (ירושלמי, פנקס שבלי, ז' 134, 138). גיין ש'. (דאַרט, ז' 201).
— חנה חיטין, ליד „אויף ש' ". — בין איך מיר היינט געווען / — — — מיר זענען אַלע שנאַרערס געוואָרן היינט, / ווייל מיר זענען יידן. מען האָט אונדז פיינט. (ג' שאַוול, 1942).

שניי — בני משפחתי המתינו לי בקוצר רוח. נכנסתי למקלט ודברי הראשון אליהם היה ‚שלג'. לא צרכתי לאמר יותר מזה. הבינו... ‚שלג' פירושו תחילת ההתקפה הרוסית הגדולה; ש' פירושו — עונה חדשה... סימלה הידיעה בדבר הש' הראשון, את ראשיתה של תקופה חדשה. (פינקוס, אור מוצל, ז' 397).

שניידער־שטובע — וויל"ג. אין לאָדזש: שניידער־רעסאָרט (זע). „מיט דער ש'־ש' אַריין אין ג'. (איטאַ ראָזענצווייג, כ"י, ז' 36, יו"ש). איינע פון די עלטסטע אַרבעט־איינהייטן פון דער פעלד־קאָמענדאַנטור. (קרוק, 9.10.42).

שעכטהויז — וואַרשע, באַד אויף ספּאָקאָיני. (אָפּאָטשינסקי, ס'הויז נומער 21, ר"א, 1140); זע: פּאַרוווקע; — „באַן־סטאַציע מאַלקין. אַ פּאָר הונדערטער מעטער — אַ גרויס הויז מיט אַ הויכן פּאַרקן. דריי אַריינגענג: פּאַר מענער, פרויען, עס־עס. צוויי אַרויסגענג פון דער צווייטער זייט. נישט ווייט — נייטראַלער פּלאַץ. אויפן פּלאַץ בלויז יידן, קריסטן באַפרייט. מ'שלאָגט פון צוג ביזן ש'. דאָ אַ רעוויזיע". (קאָנ־קורס, נר' 22). קאָזיעל, אָבערשלעזיע, אַ ש' — אויסראָטונג־לאַגער. (דאָס וואָרט, אויגוסט 1943). „שעכטהויז פון אייראָפּעישן יידנטום". (רינג', כתבים 2, ז' 82). זע: שחיטה.

שעכטן — אַלטישקע, זקנימלעך, / מיט גרויע בערד. / מען שעכט זיי ווי די רינדער, / מען וואַרפט זיי אויף דער ערד. // קליינינקע קינדערלעך / פון דער מוטערס ברוסט, / מען שעכט זיי ווי די רינדער, / מען וואַרפט זיי אויפן מיסט. (ליד: פּאַרוואָלקנט דער הימל. פּופּס, ליד נר' 36).

שעף — שעף פון ג' שאַוול, אַ דייטש שטריגע. (פּנקס שבלי, כ"י, ז' 51, 15.12.41). יידישער פּאָליציי־ש'. (ירושלמי, כ"י, ז' 31, 26.11.1941); ל' טורקאָוויץ, יידן־שעף; זיין אויפגאַבע פאַרזאָרגן די העפטלינגע מיט לעבנסמיטל. (ס' בילגאָריי, ז' 251). ש' פון דער יידישער ג'־פּאָליציי. (ס' סוקל, ז' 305). זע: יידישער פּאָליציי־שעף".
דער שעף האָט געזאָגט צום אָבמאַן פון יודענראַט: „Die Juden sind Deine und du Judenältester bist meinet". (Lusia Fuchs, Królestwo Judenratu. ליד).

שער — „דערלאַנג מיר די ש' " — וואָרנצייכן אין יאָנעווער ל' ביי דער לאַמפּנשירם־בריגאַדע. (מ. באַרוויטש). דאָס ווערטל שלום עליכמס „שער און אייזן אונדזער פּאָלק עמך" — פּאַראָל צו העלפן אַ חבר פון דער אָרגאַניזאַציע. (קאָוונער ג', יעלין, ז' 90).

שפּאַלט — ל'־לשון: אַ דייטש. (צויזמיר, סטאַשיוו). „דער טאַטע און באַלעבאָס פון אַן אַרבעט־איינהייט".

שפּיז — לייטער פון אַלע בריגאַדעס, פירט דעם ציילונגס־אַפּעל. (ל' פּאָניאַטאָוו, ניישטאַט, ז' 107, 235). זע: פּאַליר.

שפייער — רעוואָלווער. (שטריגלער, אין אַ פּרעמדן דור. הערה פון מחבר. רינג', 6.9.41, כ"י) ; „ צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט האַלטן אַ ש' אין די הענט". (ה. גליק, פּאַרטיזאַנער ליד). זע : נאַגאַן.

שפּילער — פּאַרויסזעער פון צוקונפטיקע וואַלוטע־קורסן. דער מנחם־מענדל פון וו"ג, אָבער איצט אַ גאַלענער". (א. גוטקאָווסקי, ר"א, 61).

שפּיל־שאַנק — די ש'־ש' האָט געאַרבעט. (וו"ג, טיטעלמאַן, 8.5.1941, ר"א 1329). זע : שאַפּאַ גראַ.

שפּיצן — 1. יידישע אָנפירונג אין אַרבעט־ל', ראַדעמער קרייז. (באַקאַלטשוק).
2. אַמאָליקע דייטשע גאָלדענע 20 מאַרק־שטיק. (קאַפּלאַן, ז' 24).

שפּיץ־קאָפּ — צונאָמען פון אַ דייטשן ג'־אויפזעער. פּרויען־ל' לובלין. (הובערבאַנד, כ"י, ר"א).

שפּעקיעגער — אַ דייטשער שפּאָט־נאָמען פאַר אַן אויסגעהונגערטן, וואָס זוכט אין מיסט־קאַסטן עפּעס צו עסן. (אוישוויץ־בירקענאַו). אין אוישוויץ III אַזוי גערופן די פּראָמינענטן.

— „בלאָק־שניידער, קעסלוועשער און ברויט־ברענגער, / זיי טראָגן מיט שטאָלץ דאָס האַלץ אויף זייערע דרענגער. / שיך־טוישער, אויספּעגער, מיוחסים, שפּעק־יעגער, / אַלע מאַכן דיין לעבן זויער...". (בונאַ־ל'). באַמ. פון מחבר : ש' דרייען זיך אַרום קוך ; דאָס רוב אויך דיקערע אין אָנבליק. (מ. ז.).

שפּער — אין דער ש' איז ווישעדלעט געוואָרן ער מיט זיין קראַנקער פרוי. (ל"ג), „אבי ווייטער". (תמוז תש"ג, כ"י 590). זע : שפּערע.

שפּערע — 1. פויל. : שפּערא. „טרינק־געלט, וואָס מ'גיט דעם דאָזאָרצי (הויף־וועכטער) פאַר עפענען דעם טויער ביינאַכט. (ווערטערבוך פון דער פוילישער שפּראַך, ב' 8, ז' 1155) ; פאַרבאָט צו פאַרלאָזן די וווינונג אין משך פון אַ געוויסער צייט — אַ נאַכט, אַ טאָג אָדער אַ גאַנצע וואָך. בשעת דער צייט קומט פאַר אַן אַקציע. אין ל"ג הייסט דאָס „גיי־ש' ". Gehsperre, און ווערט אָנגעזאָגט אין גרויסע פּלאַקאַטן דורכן עלטסטן פון די יידן, אָדער דירעקט פון געסטאַפּאָ. (צ"ב — די מודעה נ"ר 110, 10.6.1941). פון ג' האָט מען כלומרשט געשאַסן צו אַ דייטשן וואַך־פּאָסטן. „די שטראָף האָט געדאַרפט זיין אַ גאַר שטרענגע (און גערעכטע). זי ווערט אָבער געענדערט, (אַ פּנים, צוליב דער אינטערווענץ פון עלטסטן), אויף אַן אַלגעמיינע ש', וואָס וועט פאַרקומען פון פרייטיק דעם 13טן יוני 9 אוונט ביז שבת, דעם 14טן יוני 8 אַ זייגער אָוו. קיין איינציקער ג'־איינ־וווינער טאָר נישט פאַרלאָזן זיין וווינונג. די קיכן וועלן נישט זיין טעטיק. אין די הויפן טאָר מען זיך נישט באַווייזן". אונטערגעשריבן : רומקאָווסקי. צו די וואָס זענען יאָ אַרויס, האָט די דייטשע וואַך געשאָסן.

— די **„גרויסע ש' "** 12—5 סעפּטעמבער 1942 אין ל"ג. אַרויסגעפירט די קראַנקע פון די שפּיטעלער, עלטערע מענטשן און קינדער. „די מענטשן ווייסן, אַז זיי גייען אויף טויט". (סיעראַקאָוויאַק, טאָגבוך, 2.10.1941—1). פאַר דער צייט גייען אָפּ קיין כעלמנאָ אויף פאַרניכטעט צו ווערן 15.685 נפשות. (טאַגעס־כראָניק, ל"ג נ"ר 150).

— „אין אונדזער באַגריף, איז די ש׳ דער שייד־פונקט אין דער צייט־רעכענונג: „ביז און נאָך דער ש׳ ״. (ראָזענפּאַרב, ב׳ 1, ז׳ 5; 157; ב׳ 3, ז׳ 282).

— „געשטאָרבן פאַר דער שפּערע — בשעת דער שפּערע — דעם דריטן טאָג נאָך דער שפּערע״ (ל״ג ש. פלגר־זיסקינד, העטרה שנפלה, ז׳ 101).

— אין ביבאָווס אַ פּלאַקאַט ווערט די ש׳ אָנגערופן „רוהע־פּאַוזע״, **רו־טאָג**, ווייל די רעסאָרטן האָבן נישט געאַרבעט. די אַרבעטער מוזן דאָס אָפּאַרבעטן, דערפאַר באַקומען זיי נאָך דער ש׳ גרעסערע ראַציעס, די ג׳ איז פרייליכער געוואָרן. מען קומט צו זיך נאָך דער ש׳. (ראָזענפּאַרב, ב׳ 3, ז׳ 282); בשעת דער ש׳ טאָרן יידן זיך נישט באַווייזן אין די גאַסן, פון אָוונט ביז אינדערפרי. (ס׳ זאַוויערציע, ז׳ 343; ס׳ באַראַנאָוויטש, ז׳ 514; ס׳ איוויע, ז׳ 485, 511). **ש׳־שטונדע**. נישט אַרויסגיין, פענצטער געשלאָסן! (ז׳ 522); „שפּער־שעהען״. (ס׳ לאַסק, ז׳ 589). ש׳ פלעגן פאָרקומען אין ל׳ בעת אַ סעלעקציע (זע).

2. ש׳־טויער, דורכגאַנג. „ווי געטרייע כלבים איז די יידישע פּאָליציי ביי דער ש׳ געשטאַנען. געהיט, לא ירחץ געלט גענומען״. (רייזער, גראָדנע, ז׳ 99); „דורכגיין די ש׳ ״. (ז׳ 114).

שפּרינגען — „צוויי מיידלעך געשפּרונגען פון צוג גראָדנע־טרעבלינקע. דאָס איז דער ערשטער אין ביאַליסטאָק באַקאַנטער פאַל, פרויען זאָלן ש׳ פון צוג. דער שפּרונג — אַ געלונגענער״. (26.1.43, ב״ק, נ״ר 1084/25).

— „יוסף שמירער דאַוונט מנחה מיט מנין; ער זאָגט: עס זענען דאָ מענטשן וואָס ווילן ש׳ פון לויפנדיקן צוג, זאָל מען זאָגן קדישה מיט מנין. באַלד נאָך קדישה האָבן מיר זיך באַראַטן, ווער עס זאָל שפּרינגען דער ערשטער״. (ס׳ בילגאָריי, ז׳ 262).

„ש. שפּרינגט פון צוג וואָס גייט קיין בעלזשעץ, הגם מ׳לאָזט אים נישט, ווייל מ׳האָט מורא פאַר די דייטשן. ער קומט קיין קראָקע״. „הגענו בראש השנה. למחרת התפללנו בבית־הכנסת וברכנו ברכת הגומל. בברכה זו היתה גם הפגנה גלויה להודיע לאן מובילות הרכבות״ (ס׳ גורליצה, ז׳ 240);

אין צוג קיין בעלזשעץ. אַ פרוי צו אַ מאַן: משה, לאָז מיך נישט אַליין, האַלט אים צו. מענטשן מישן זיך אַריין: וואָס אַרט אייך? וואָס שאַדט אייך, אַז משה וועט זיך ראַטעווען? ער ראַטעוועט זיך, שפּרינגט אַרויס, די פרוי שרייט „משה״. (י. פעדער, כ״י, ז׳ 21, יר״ש). געוועזן טעאָריעס ווי אַזוי צו ש׳ מ׳זאָל מצליח זיין. מ׳לערנט זיך נאָך אין ג׳ ווי אַזוי דאָס צו טאָן, בעת מ׳וועט פירן אַהין. פויליש: סקאָטשעק.

שפּריץ, שפּריצן, שפּריצער — 1. טויט דורך איינשפּריצן: פענאָל, בענזין, וכדומה. (פלוטאָ. פויליש). אוישוויץ, בוכענוואַלד. „איין ש׳ און זיי זענען מיט מיר פאַרטיק — אַ גרויס געשעפט האָבן זיי מיט מיר — וועלן זיי האָבן מיט איין העפטלינג ווייניקער. (י. וויינבערגער, כ״י, ז׳ 85).

2. די ש׳ מיט זייערע דעזינפעקציע־מכשירים גיבן זיך אַ שאָט אַריין. דאָס זענען יונגע כוליגאַנעס, אָנגעטון אין קאָסטיומען פון לופטפליער; דאַרפן, דאַרפן זיי, לעולם, נישט מער ווי באַשפּריצן די פאָדלאָגעס, אַ ביסל אויך די ווענט מיט קאַרבאָל צי ליזאָל, אָבער די „שפּריצער״ זענען אויך נישט מער ווי בשר ודם —

זיי האָבן ליב אַ כוסה, האָבן ליב „לאַפּוּוקע" און האָבן פיינט... דעם ייד. אָנשטאָט צו באַשפּריצן די פּאָדלאָגעס, גיסט מען אויס גאַנצע צעבערס וואַסער, נישט חלילה מיט ליזאָל. (אָפּאַטשינסקי, מגילת פּאַרוּוקע, ר״א, 207).

שקאַפּע — קאַפּאַ, ליטווישע יידן. (קאַפּלאַן, ז׳ 38).

שאַרוואַרק — פּויל. „סודרה חובת עבודה לכל משפחה, וא״כ לכל גברים היה למסור יום עבודה (שרוורק) או שני „שרוורקים" לשבוע. היו עובדים בשכונות הצבא, חוט־בים עצים, מנקים בחצרות, מטאטים ברחובות וכו׳. בעד עבודה זו לא שולם — אנשים העדיפו לשלם את מס ה„שרווארק" — און נישט גיין צו דער אַרבעט. (ס׳ ראַדזין, ז׳ 232).

שרויפן־דרייער — יודענראַטלער, שתדלן. (ש. ליור, עיר המתים, ז׳ 133).

שרייב שוין איין דעם זונטיק — די אַרבעטער וואָס קומען מאָנטיק פרי צו דער אַרבעט, דערמאָנט מען זיי, אַז זיי האָבן נעכטן (זונטיק) באַקומען אַ זופּ און נישט אונ־טערגעשריבן די אָנוועזנהייט־רשימה. (ל״ג, ג׳לשון, 1010).

שרייב־שטובע — קאַנצעלאַריע פאַר העפטלינגען אין ל׳. באַראַקן־שרייבער, ל׳־שרייבער. (שטריגלער, מיידאַנעק, ז׳ 40, 47, 63).

שריפה — אַקציע. אין בריוו געשריבן פּויליש. למשל, פון אירענאַ נעבן פּילעוו, 2.5.1942, צו דער צענטראַלע פון יוס אין קראָקע: „ביינאַכט אויפן 23.4 איז אויסגעבראָכן אַ ש׳. 50 משפחות געבליבן אָן אַ דאַך. מיר זענען תיכף צוגעטרעטן צו דער אַקציע פון באַגראָבן די מתים". ייה״א. אַרכיוו פון יוס. (זע).

ששה — „זעקס" (זע). „שטיי אויף ששה", אויף דער וואַך. (קאָוונע).

ת

תוספת, תוספות מכות — שטאָט „נאָכשלאַג״, צוגאָב־פּאַרציע פון זופּ אָדער אַרבעט. (קאַפּלאַן, ז׳ 14).

תחית המתים — ס׳זענען באַפרייט געוואָרן 48 פּערזאָן, וואָס זענען געזעסן אויף טשאַרניעצקיעגאָ, צו דער דיספּאָזיציע פון געסטאַפּאָ. די פרייד ביי די ת׳־ה׳־יידן איז גרויס. (ל״ג, הילער, 29.1.1944).

תל־אָביב — זע: קיעלץ. „ער האָלט דערביי, אַז שבת זאָל איינגעפירט ווערן שבת־רו אין די יידישע אונטערנעמונגען ווי אין ת״א״. (רינג׳, 25.3.41, ב׳ 1, ז׳ 233).

תלין(ים) — היטלער, זיינע געהילפן: היידריך, הימלער.
— „ס׳אַקערט דער ת׳ זיין בלוטיקע שווערד,
איין גרויסן בית־עולם, די ערד. (געבירטיג, אונדזער פרילינג).

תפילה — ליצני־הדור תקנו ת׳ חדשה: נפול נא בידי סוכן גוי, וביד סוכן יהודי אל אפילה! (קפלן, 3.12.40), אין שייכות מיט דעם וואָס יידן איבערגענומען אין וו״ג די אַרבעט פון די פּוילישע זשאַנדצעם — אַדמיניסטראַטאָרן פון הייזער.
1. אַ ת׳ פון אַ יידענע וואָס שטעלט אַ פוס אויף שבת און הערט וועגן די רוסישע נצחונות ביי 50 גראַד פראָסט: „גאָט אין הימל, באַווייז דיין נס, זאָל זיי שוין דאָרטן אויסרינען, איידער מיר ווערן דאָ געסטאַיעט״.
2. אַ ת׳ פון אַ יידענע: „גאָטעניו אין הימל, שטאָט מיט עסן, זעטיקסטו אונדז מיט פרעסט, שיק שוין אויך די דייטשן אַ ביסל אויפן מלאך־המוות׳ס קעסט!״ (ר״א, פאָלקלאָר).
— אַ יונגער ייד זאָגט מיר: מיר וואָלטן באַדאַרפט ענדערן אודזער ת׳ און זאָגן: רבונו של עולם, וואָס האָסטו אונדז געמאַכט פאַר אתה בחרתנו־פאָלק; מיר בעטן דיך, וועל דיר אויס אַן אַנדער פאָלק. (וואַרשע, 1943, פּאָוולאַק, כ״י).
אַ ת׳ פון אַ ג׳־ייד: „פאַרוואַנדל מיך, גאָט, אין אַן אָקס, אין אַ פערד, אין אַ הונט״. (ר. קוויאַטקאָווסקאַ־פּנחסיק, אין זיכערע הענט, ז׳ 7).
— „בדיחה מהלכת: הרבי סטיפאן ווייז צווה לאמר תפילה ,אל מלא רחמים׳ לעלית נשמתה של יהדות פולניה. לבו נבא לו״. (קפלן, 3.6.1942).

תש״ב — יידן טענהן, אַז דאָס בייע יאָר איז דער טייטש שבת — אַלזאָ, מוז קומען סוף מלחמה. (רינג׳, סעפּט׳ 1941).
„תשיגם איז אין גאָס, אנטיח איז אין גאָס, און אין די שיך איז מיר נאָס״. (רינג׳, 25.9.1940). ווי אַזוי מ׳פאַרדרייט דאָס געהערטע.

תשעה־באָב — ת׳־ב׳ געהערשט אין שטעטל — נאָך אַן אַקציע. (ס׳ גרויס־ראַדאָמישלע, ז׳ 697).

געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דאָס בוך
פון נחמן בלומענטאַל

יד ושם ירושלים — ד״ר יוסף קערמיש

בית לוחמי הגיטאות — צבי שנער

פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן — עובדיה פעלד

י. ל. פרץ־פאַרלאַג — מאיר שילדקרויט

ארגון יוצאי לובלין בישראל — דוד שטאָקפיש

אַדוו. חיים קאָסאָווסקי־שחור